דער אַרבייטער רינג

דער גרויסער ראַדיקאַלער אָרדען פון די אידישע אַרבייטער אין יונייטעד סטייטס און קענעדע

אָרגאַניזירט 4טען סעפּטעמבער 1900, פון 3 ברענטשעס מיט א מעמבערשיפּ פון אונגעפעהר פיער הונדערט

איצט, אָקטאָבער 1913
בעשטעהט דער אָרדען פון 516 ברענטשעס
מיט א מעמבערשיפּ פון איבער זעקס און פיערציג טויזענד.

די בענעפיטס וועלכע מען בעקומט אין אַרבייטער רינג זיינען:

1. זעקס דאָלער א וואָך קראַנקען בענעפיט — 15 וואָכען א יאָהר.
2. קאָנסאָמפּשאָן בענעפיט.
3. סאַנאַטאָריום פאַר קאָנסאַמפּטיוו ליידענדע.
4. טויטען בענעפיט פון 400 דאָלאַר פאַר די וואָס בעלאַנגען צום ערשטען קלאַס; 200 דאָלאַר פאַר די מעמבערס פון צווייטען און דריטען קלאַס און 100 דאָלאַר פאַר די מעמבערס פון פיערטען קלאַס.

קולטורעלע טהעטיגקייט:

טריי צו זיין פּרינציפּען־ערקלעהרונג, בעמיהט זיך דער אַרבייטער רינג צו פערשפּרייטען בילדונג צווישען זיינע צעהנדליגע טויזענדע מעמבערס. דער אָרדען גיט ארויס א מאָנאַטליכען זשורנאַל — „דער פריינד"; אַראַנזשירט לעקטשורס און זוכט אויף פערשיעדענערליי אַנדערע אופנים צו ענטוויקלען גייסטיג דעם אידישען אַרבייטער.

בעלאַנגט צום אַרבייטער רינג!

אַלס מעמבערס אין אַרבייטער רינג ווערען אריינגענומען קערפּערליך און מאָראַליש געזונדע מענשען, אָהן אונטערשיעד פון געשלעכט, אין עלטער פון 18 ביז 40 יאָהר.

פאַר אויסקינפטע ווענדעט זיך, שריפטליך אָדער מינדליך, אין דזשענעראַל אָפיס, אָדער צו איינעם פון די הונדערטע ברענטשעס, וואָס געפינען זיך אין אַלע טהיילען פון לאַנד.

THE WORKMEN'S CIRCLE
General Office, 175 East Broadway :: New York, N. Y.

ציים קען אלזאָ די בעדייטונג פון מאָראַל און געזעץ פאר דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי הערשען אויסגעדריקט ווערען אין פאָלגענדער פארמול, וועלכע גיט דעם אינהאַלט פון דער ווירקליך־לעבענדער מאָראַל און געזעץ פון דער געזעלשאַפט:

מאָראַל: די יעניגע (אידעאלע) אויפפיהרונג פון געזעלשאַפטס־מיטגליעדער ווען זיי טוען אַלעס וואָס האָט אַ **טענדענץ** צו פערעוויגען און צו פערפאָלקאָמען די **בעשטעהענדע געזעלשאַפטס־אָרדנונג** אויף איהר יעצטיגען עקאָנאָמישען באזיס, און פערמיידען אלעס וואָס האָט אַ טענדענץ דיעזע געזעלשאַפטס־אָרגאַניזאציאָן צו שעדיגען אָדער צו הינדערן איהר אונגעשטערטעס פונקציאָנירען.

געזעץ: די יעניגע (מינימאלע) געזעלשאַפטליך־ניצליכע אויפפיהרונג פון די מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, וועלכע צווינגט זיי צו פערמיידען אַלעס וואָס ווירקט דירעקט צערשטערענד אויף דער בעשטעהענדער געזעלשאַפטס־אָרגאַניזאציאָן, און טהון אַלעס דאָס וואָס איז אַבסאָלוט נויטווענדיג אום **דיעזע** געזעלשאַפטס־אָרגאַניזאציאָן מעגליך צו מאַכען און ביים לעבען צו ערהאַלטען.

דער מינימום „מאָראַלער“ אויפפיהרונג, וועלכער ווערט פערקערפּערט אין אַ געזעץ־סיסטעם איז נאַטירליך זעהר עלאַסטיש, בויגזאַם און ווערט אפט געענדערט לויט די אנזיכטען פון די געזעצגעבער וועגען דעם וואָס עס איז פאַר דער געזעלשאַפט „אַבסאָלוט נויטוועניג“. אָבער דער געדאַנק פון אַן אַבסאָלוטער נויטוועגדיגקייט איז אימער צוגעגעבען אין יעדער געזעצגעבונג, פונקט ווי דער געדאַנק פון אַן אידעאַלער אויפפיהרונג אין יעדער מאָראַל־סיסטעם.

מען איינצוריכטען די נייע געזעלשאַפטס־אָרדנונג, שוועבט פאַר זיי די נייע מאָראַל פאַר אלס אַן אידעאַל פון מענשליכער אויפפיהרונג. אלס די יעניגע אויפפיהרונג, וועלכע וואָלט געבראַכט דאָס גרעסטע גליק פאַר דער געזעלשאַפט ווען אַלע איהרע מיטגליעדער וואָלטען איהר געפאָלגט. ליידער קען מען ניט ערוואַרטען אידעאַלע אויפ־פיהרונג פון אַ גאַנצער געזעלשאַפט פון בשר ודם'ס. נאַטירליך מוז מען זעהן דאָס דער עולם זאָל פאַרשטעהן די וויכטיגקייט פון דיעזער מאָראַל.

די געזעלשאַפט נויטיגט זיך אַלזאָ אין בעלעהרונגס־מיטלען אום צו פערשפרייטען און ערקלערען דיעזע מאָראַל־פּרינציפּען. דאַ־רום, עקזיסטירען שולען, קירכען און אַנדערע „מאָראַלישע" מיט־לען צו מאַכען דעם עולם מאָראַליש לויט די פּרינציפּען פון דער נייער מאָראַל. עס זיינען אָבער פאַראַן מענשען אויף וועמען „מאָראַלישע" מיטלען האָבען ניט קיין ווירקונג. און אַ געוויסער מינימום פון דיע־זער מאָראַלישער אויפפיהרונג איז אַבסאָלוט נויטווענדיג פאַר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ, דעם געדייען, און דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אויף איהרע נייע גרונדלאַגען. דיעזער עקזיסטענץ־מינימום פון מאָראַלישער אויפפיהרונג וועלכער איז נויטיג פאַר דער נייער געזעלשאַפטס־אָרדנונג מוז אַלזאָ ערצוואונגען ווערען פון יענע געזעלשאַפטס־מיטגליעדער פאַר וועמען מאָראַלישע מיטעל זיי־נען ניט גענוג. דיעזער מינימום פון געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגער „מאָראַלער" אויפפיהרונג ווערט אַלזאָ אויפגעשריעבען אויפ'ן געזעץ־בוך, און שופטים ושוטרים ווערען אנגעשטעלט אום דיעזע אויפ־פיהרונג צו ערצווינגען.

מ אָ ר אַ ל און ג ע ז ע ץ זיינען אַלזאָ ביידע דער רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג פון וועלכער די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג בילדעט דעם קערן. ביידע ווערען געשאַפען, אין אַ קלאַ־סען־געזעלשאַפט, אַלס אַ טייל פונ'ם קאַמפּף און אַ מיטעל אין דעם דאַזיגען קאַמפּף פון די פערשיעדענע געזעלשאַפטס־קלאַסען פאַר פערשיעדענע געזעלשאַפטס־אָרגאַניזאַציאָנען. צו יעדער געגע־בענער צייט רעפּרעזענטירען די הערשענדע מ אָ ר אַ ל און דאָס הערשענדע געזעץ די מאַקסימאַל און מינימאַל פאָדערונגען וואָס די געזעלשאַפט שטעלט צו איהרע מיטגליעדער. צו יעדער געגעבענער

פאַרקעהרט. פסיכאָלאָגיש זעהט עס אויס אַזוי ווי די נייע מאָראַל איז די אורזאַכע פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג. און ביז צו אַ געוויסען גראַד איז דאָס אויך אמת, ווייל די „נייע מאָראַל“ איז שוין „ביי דער מוטער אין בויך“, אַזוי צו זאָגען, געווען אַ מאַכט און האָט מיטגעהאָלפען אין דער איינפיהרונג פון דער נייער אָרדנונג.

אינהאַלטליך דריקט דיעזע מאָראַל־סיסטעם אויס אַלעס וואָס עס איז גוט פאַר דיעזער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג. איהרע בעסט־מעגליכע עקזיסטענץ־בעדינגונגען. אַלעס וואָס העלפט דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון דיעזער געזעלשאַפט איז ר ע כ ט, און אַלעס וואָס שאַדעט איהר אָדער האַרמאָנירט ניט מיט איהר איז א ו נ ר ע כ ט. אין אַ קלאַסענגעזעלשאַפט זוכט זי אַלזאָ צו פערעוויגען און פאַרשטאַרקען די הערשאַפט פון דעם נייאויפגעקומענעם הערשענדען קלאַס. אָבער אינ׳ם בעוואוסטזיין פון איהרע אַנהענגער איז זי בעגרינדעט אויף עוויגע מאָראַל־געזעצע און וועט ברייגנען די בעסט־מעגליכע עקזיסטענץ פאַר דער גרעסט־מעגליכער צאהל געזעלשאַפטס־מיטגליעדער. דער מענשליכער פאָרטשריט ווערט פאָלבראַכט דורך קלאַסען־קעמפפע. די נייע עקאָנאָמישע אָרדנונג און די נייע געדאַנקען־וועלט זיינען אַלזאָ אַן אַלגעמיינמענשליכער פאָרטשריט. דער קאַמפף וועלכען די פערטרעטער פון דער נייער געזעלשאַפטס־אָרדנונג האָבען ערשט דורכגעקעמפפט געגען די פערטרעטער פון דער אַלטער געזעלשאַפטס־אָרדנונג איז געווען אַ קאַמפף וועלכער קומט צו גוטען דער גאַנצער געזעלשאַפט. דער נייער הערשענדער קלאַס פיהלט זיך אַלס דער פערטרעטער פון די אינטערעסען פון דער ג אַ נ צ ע ר נייער געזעלשאַפט. זיין געדאַנקען־וועלט איז די געדאַנקען־וועלט פון דער גאַנצער נייער געזעלשאַפט. זיין מאָראַל איז דארום די מאָראַל פון דער גאַנצער נייער געזעלשאַפט, ווייל פאָרלויפיג שפיגעלט זיין מאָראַל אָב די אינטערעסען פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. און זי פערבלייבט, וועניגסטענס אים גרויסען און גאַנצען, די מאָראַל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אַזוי לאַנג ווי די ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ס ־ אָ ר ד נ ו נ ג מיט וועלכער זי איז געקומען אויף דער וועלט בלייבט שטעהן.

ווען די פערטרעטער פון דער נייער געזעלשאַפטס־טענדענץ קו־

הויפּטזעכליך אַ קריטישעס אינסטרומענט מיט וועלכען די פאָרקעמפפער פון דער נייער אָרדנונג בעווייזען די אונאָרדנונג פון דער אַלטער אָרדנונג, די אונגערעכטיגקייט פון דער אַלטער גערעכטיגקייט, די אונוויסענהייט פון דער אַלטער וויסענשאַפט. די נייע מאָראַל איז דערווייל נאָך נעבעלהאַפט, ווייל די אייגענשאַפטען און דער אינהאַלט פון אַ מאָראַל־סיסטעם צייגען זיך ארויס ערשט אין דער פראַקטיק. און די פראַקטיק פון דער נייער מאָראַל־סיסטעם איז אונמעגליך אין דער אַלטער געזעלשאַפט, ווייל אויך די נייע מאָראַל פרינציפּען זיינען בלויז היסטאָריש פאַריבערגעהענדע ערשיינונגען, וועלכע פּאַסען זיך בלויז פאַר אַ געוויסער געזעלשאַפטס־אָרדנונג.

די פאָרקעמפּפער פון אַ נייער געזעלשאַפטס־אָרדנונג קענען אָבער בלויז זעהן דעם נעקסטען שריט פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. פאַר זיי איז די נייע אָרדנונג — די ב ע ס ט ־ מ ע ג ל י כ ע געזעלשאַפטס־אָרדנונג. אפילו פאַר די יעניגע קעפּ וועלכע קענען טהעאָרעטיש בעגרייפען דאָס די נייע אָרדנונג פאַר וועלכער זיי קעמפּפען וועט אויך זיין בלויז אַ היסטאָריש־פאַריבערגעהענדע ערשיינונג, בלייבט דיעזער געדאַנקען ניט מעהר ווי אַן אבסטראַקציאָן אָהן בלוט און אָהן פלייש, וועלכע האָט אויף זייער פּראַקטישער ארבייט קיין ווירקונג ניט. אין זייער פּראַקטישער טהעטיגקייט און אין זייער לעבעדיגען, פרוכטבאַרען געדאַנקענגאַנג זיינען די פּרינציפּען פון דער געזעלשאַפט פאַר וועלכער זיי קעמפּפען די בעסט־מעגליכע און פון יעצט־אָן אויף אייביג פערבלייבענדע פּרינציפּען. אַזוי ווי די געזעלשאַפטס־אָרדנונג פאַר וועלכער זיי קעמפּפען איז נאָך ניט געקומען צו איהר פולער ענטוויקלונג האָט זי נאָך ניט אַרויסגעבראַכט די קיימען פון אַ נאָך־נייערער געזעלשאַפט. ניט די עקאָנאָמישע, — און דאַרום אויך ניט די געדאַנקליכע־וויסענשאַפטליכע אָדער מאָראַלע.

ווען די נייע געזעלשאַפטס־אָרדנונג זיעגט הערשט דער נייער אידעען־קרייז פאָלקאָם אינ'ם אקטיווען טייל פון דער געזעלשאַפט און די ערשטע עפּאָכע פון אונבעשרענקטער הערשאַפט אַרבייט די נייע מאָראַל אויס אין איהרע איינצעלהייטען דורך דער נייער פּראַקטיק. מיר האָבען דאַן אַ נייע מאָראַל־סיסטעם. היסטאָריש איז דיעזע מאָראַל־סיסטעם דער רעזולטאַט פון די נייע עקאָנאָמישע אומשטענדען. אָבער אינ'ם בעוואוסטזיין פון זיינע אנהענגער זעהט אויס פּונקט

נייער קלאַס ניט בלויז מיט זיין עקאָנאָמישער מאַכט, זאָנדערן, אויך
מיט דעם נייעם געדאַנקען־קרייז, מיט די נייע וועלט־אנשויאונג,
וועלכע דאָס נייע עקאָנאָמישע אָרדנונג האָט געבראַכט מיט זיך, און
וועלכע ענטוויקעלט זיך און ווערט פערברייטעט מיט דער ענטוויקלונג
פון דער נייער עקאָנאָמישער סיסטעם. דיעזער אידעען־קרייז ענטהאַלט
אויך א נייע מ אָ ר אַ ל, דאָס הייסט, א נייע אנשויאונג וועגען
דעם, וואָס עס איז ר ע כ ט און א ו נ ר ע כ ט. די יעניגע
מנהגים, איינריכטונגען, געזעצע, א. ז. וו., וועלכע שטעהען אינ׳ם וועג
פון דער ענטוויקלונג פון דער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג, פאַסען
זיך ניט פאר איהם, אדער האַרמאָניזירען ניט מיט איהר, ענטשפּרעכען
ניט מעהר דעם ר ע כ ט ס ־ געפיהל אָדער דעם מאָראַל־בעגריעף פון
דער נייער וועלט־אנשויאונג. דיעזע נייע מאָראַל ווערט ניט געבאָרען
אויף איין מאָל פיקס און פערטיג, אלס א מאָראַל־ס י ס ט ע ם, אויס־
געארבייט אין אלע איינצעלהייטען, זאָנדערן זי ענטוויקעלט זיך ביס־
לעכוויז, צוזאַמען מיט די אנדערע טיילען פון דער נייער וועלט־אנ־
שויאונג און צוזאַמען מיט דער נייער עקאָנאָמישער אָרדנונג זעלבסט.
און אלע ערר־ייכען דעם העכסטען גראַד פון זייער ענטוויקלונג ערשט
נאָך דעם, ווי זיי האָבען עראָבערט די פּאָליטישע מאַכט און די נייע
ו ו ע ל ט ־ אָ ר ד נ ו נ ג ווערט די הערשענדע מאַכט אין דער
געזעלשאַפט.

וועהרענד דעם קאַמפּף פאר דער נייער געזעלשאַפטליכער אָרד־
נונג איז די נייע מאָראַל־אָרדנונג נאָך אונבעשטימט אפילו אין די
געדאַנקען פון די נביאים פון דער נייער אָרדנונג. די נייע אָ ר ד־
נ ו נ ג עקזיסטירט נאָך ניט אין דער ווירקליכקייט. דאָס נייע
עקאָנאָמישע סיסטעם איז נאָך ניט אין אָרדנונג. דאָס נייע עקאָנאָ־
מישע אינסטרומענט, די נייע עקאָנאָמישע מעטאָדע, אויף וועלכער
דאָס נייע עקאָנאָמישע סיסטעם וועט אויפגעבויט ווערען, האָט דער־
ווייל געבראַכט בלויז אונאָרדנונג אין דער אַלטער עקאָנאָמישער
געזעלשאַפט, אָדער, בעסער געזאָגט, האָט געשאַפען אַ נייעם געזיכטס־
פונקט פון וועלכען די אלטע אָרדנונג זעהט אויס ווי אונאָרדנונג. דיע־
זער נייער געזיכטס־פונקט, וועלכער ענטהאַלט אין זיך בלויז
די אלגעמיינע שטריכען פון דער נייער וועלט־אנשויאונג,
וועלכע וועט בעהערשען די נייע אָרדנונג, איז דערווייל

סערען, אָדער צו פערעוויגען די אַלטע מיטלען, מיט וועלכע זייער קלאַס בעהערשט און בייטעט אויס די אנדערע געזעלשאַפטס־קלאַסען. די קלאַסען־קאַמפף טהעאָריע זאָגט ניט בלויז, אז יעדע געזעלשאַפט, וועלכע איז בעגרינדעט אויף פריוואַט־אייגענטהום איז פערטיילט אין קלאַסען, וועלכע האַלטען אין איין קעמפפען איינער מיט'ן אַנדערען.

די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג לערנט אונז, דאָס יעדע געזעלשאַפט האָט א אידעען־סיסטעם, וועלכע איז דער רעזולטאַט פון איהרע עקאָנאָמישע איינריכטונגען און איז צוגעפּאַסט צו זיי. און דאָס מיט דער פערענדערונג פון דיזע עקאָנאָמישע איינריכטונגען פערענדערט זיך אויך דער געדאַנקען־קרייז, דאָס אידעען־סיסטעם פון דער געזעלשאַפט אזוי, דאָס עס ענטוויקעלט זיך א נייע אידעען־סיסטעם, וועלכע פּאַסט זיך בעסער צו דער נייער עקאָנאָמישער סטרוקטור ווי די אַלטע אידעען־סיסטעם. די קלאַסען־קאַמפף־טהעאָריע לערנט אונז, דאָס דער איבערגאַנג פון איין געזעלשאַפטליכער עקאָנאָמישער סטרוקטור צו אַנאַנדערער, קומט ניט פאָר שטיל און מעכאַניש, זאָנדערן, איז דער רעזולטאַט פון שווערע קעמפּפע צווישען פערשיעדענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען, וועלכע ענדיגען זיך מיט דעם, אז די מאַכט איבער דער געזעלשאַפט געהט איבער פון איין קלאַס צום אנדערען. יעדע וויכטיגע נייע עקאָנאָמישע מעטאָדע איז רעפּרעזענטירט דורך א נייען געזעלשאַפטליכען קלאַס, וועלכער איז דער אייגענטימער פון די וויכטיגסטע מיטלען מיט וועלכע די נייע עקאָנאָמישע מעטאָדע ארבייט. אום די נייע עקאָנאָמישע מעטאָדע זאָל קאָנען איינגעפיהרט ווערען, מוז דיזער נייער קלאַס קריגען די פּאָליטישע הערשאַפט אין דער געזעלשאַפט — דאָס הייסט, דאָס רעכט צו מאַכען געזעצע און די מאַכט דיזע געזעצע דורכצופיהרען. דער נ י י ע ר קלאַס מוז האָבען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענד, ווייל דער אַלטער הערשענדער קלאַס, געברויכט זיין פּאָליטישע מאַכט אום צו מאַכען געזעצע, וועלכע זיינען גינסטיג פאַר דער עקאָנאָמישער סיסטעם, וואָס האָט פריהער געהערשט און אונגינסטיג פאַר יעדער אנדער עקאָנאָמישער סיסטעם. אָפטמאָל מאַכען דיזע אַלטע געזעצע גאַנז אונמעגליך די איינפיהרונג פון דער נייער עקאָנאָמישער סיסטעם.

אין דיזע קאַמפף פאַר פּאָליטישער מאַכט בענוצט זיך דער

ר ע װ א ָ ל ו צ י א ָ נ ע ר ע ג י י ס ט ע ר װעלכע האָבען עס אבגעשאַפט אין זייערע געדאַנקען, און רעדען װעגען דעם מיט פעראכטונג, אַנערקענען דאָך אין דער פּראַקטיק די הייליגקייט פון איהרע צװיי הויפּט־פּאָרשריפטען: לא תגנוב און לא תגזול. אבװאָהל, צו דער זעלבער צייט, הערען זיי ניט אויף צו רעדען פון דעם „קלאַ־סען־כאַראַקטער“ פון דיעזע פּאָרשריפטען און דאָס אינטערעסאַנ־טעסטע דערביי איז, אז די היסטאָרישע אונטערזוכונגען בעװייזען, דאָס דיעזע צװיי פּאָרשריפטען, װעלכע זיינען דער פונדאַמענט פון אונזער גאַנצער געגענװאַרטיגער מאָראַל, זיינען, אויב ניט „קאַפּיטאַ־ליסטישע“ מאָראַל־בעגריפע, אינ׳ם ענגערען זינען פונ׳ם װאָרט, זאָ דאָך, אינ׳ם ברייטערען זינען פון װאָרט: „אייגענטהימער“־מאָראַל, דער רעזולטאַט פון דער איינפיהרונג פון פּריװאַט־אייגענטהום, און דער איינטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסען, הויפּטזעכליך פון אייגענטהימער און אייגענטהומסלאָזע.

װי קומט עס, אלזאָ, דאָס רעװאָלוציאָנערע פערטרעטער פונ׳ם אַרבייטער־קלאַס, װעלכע װילען אָבשאַפען פּריװאַט־אייגענטהום, און דאַמיט די בעגריפע פון „אייגענטהום“ און „אייגעטהימער“, — װעל־כע האסען די פּריװאט־אייגענטהום געזעלשאַפט, און פעראכטען די „אייגענטהימער“־מאָראַל — זאָלען דאָך אַנערקענען דיעזע מאָראַל אין דער פּראַקטיק? און װי אזוי קומען מיר דאָך ארויס פונ׳ם פער־כשופ׳טען קרייז: אינדיװידואום, געזעלשאַפט, קלאַס, װען מיר װילען ערפּאָרשען דעם װירקליכען כאַראַקטער פון מאָראַל און געזעץ?

דער אנטװאָרט אויף אלע אונזערע פראַגען, און די לעזונג פון אלע אונזערע שװעריגקייטען ליעגט אין דער ה י ס ט אָ ר י ש ע ר מ ע ט אָ ד ע, און הויפּטזעכליך אין אַ קלאָרען בעגריעף װעגען דעם, װאָס איז אזוינס די מאַטעריאליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג און די היסטאָרישע ראָלע פונ׳ם קלאַסען־קאַמפּף. און פאַר אַלעס, — װאָס דיעזע טהעאָריען מיינען ניט. די מאַטעריאליסטישע געשיכטס־אויפ־פאַסונג זאָגט נ י ט, דאָס אַ ל ע מענשען, אדער אפילו די מעהרסטע מענשען, לעבען אימער נאָכ׳ן פּרינציפּ: „איך בין אליין בילכער!“ און אפילו ניט, דאָס די געדאַנקען־פּאָרשטעהער, די „אידעאלאָגען“, פון אַ געװיסען הערשענדען געזעלשאַפטס־קלאַס האלטען אין איין קלע־רען, װי אזוי אויסצוגעפינען נייע מיטלען, אדער װי אזוי צו פערבע־

שאַפט. פּיעלע מאָראַל־פּרינציפּען, וועלכע זיינען קודש קדשים פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, האָבען בלויז אַ שוואַכען אָבקלאַנג צווישען דעם ארבייטער־קלאַס, און דאָס אנדערע מאָראַל־פּרינציפּען „גילטען“ בלויז צווישען דעם ארבייטער־קלאַס, ווי, צום ביישפּיעל, דאָס מאָראַל רעכט פון אַן ארבייטער אויף די פולע פרוכט פון זיין ארבייט, פון וועלכען מיר האָבען גערעדט אין׳ם אָנפאַנג פון דיעזען אַרטיקעל, ווערט אַנערקענט כמעט בלויז פון דעם ארבייטער־קלאַס און זיינע אידעען־פערטרעטער.

צו דער זעלבער צייט איז אבער ניט ווייניגער אמת, דאָס אין אונזער געזעלשאַפט זיינען, היינט צו טאָג, ניטאָ קיין צוויי מאָראַל־סיסטעמען. דער ארבייטער־קלאַס האָט ניט קיין בעזונדערע מאָראַל־סיסטעם, וועלכע זאָל זיין בעגרינדעט אויף זיינע אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסען, אויף דאָס, וואָס עס איז גוט פאַר איהם אלס אַ קלאַס. אים גרויסען און גאַנצען הערשט די זאָגענאַנטע „קאַפּיטאַליסטישע“־מאָראַל אויך צווישען דעם ארבייטער־קלאַס. און מיט ווי פּיעל פעראכטונג מיר, רעוואָלוציאָנערען, זאָלען ניט רעדען פון דער „קאַפּיטאַליסטישער“־מאָראַל, שטעקען מיר דאָך גאַנץ פעסט אין איהר. און וויפּיעל מיר זאָלען זיך ניט אנשטרענגען קענען מיר זיך אין גאַנצען ניט אויפהויבען איבער דיעזער מאָראַל, פּונקט ווי אַ מענש קען זיך אליין ניט ארויסשלעפּען פון אַ בלאָטע מיט זיינע שלייקעס.

מיר שיינען דאָ אַלזאָ צו זיין אין אַ פער׳כשופ׳טען קרייז: מאָראַל קאָן ניט זיין אינדיווידואַליסטיש ווייל זי איז מיט־מענשליך, אַלזאָ — געזעלשאַפטליך. זי קאָן ניט זיין גאַנץ־געזעלשאַפטליך, ווייל ניט אַלע איהרע פאָרשריפטען האָבען דיזעלבע גילטיגקייט פאַר אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, און פּיעלע מאָראַל־פּרינציפּען האָבען בלויז אַ קלאַסען־גילטיגקייט. זי טראָגט, אלזאָ, אַ קלאַסען־כאַראַקטער. און זי איז פאָרט ניט ריין־קלאַסענמעסיג, ווייל מיר זעהן, דאָס אַ געזעלשאַפט, וועלכע בעשטעהט פון ווענינגסטענס צוויי קלאַסען מיט ענטגעגענגעזעצטע היסטאָריש־עקאָנאָמישע אינטערעסען האָט דאָך בלויז איין „הערשענדע“ מאָראַל־סיסטעם. און די „הערשאַפט“ פון דער דאָזיגער סיסטעם איבער דער גאַנצער געזעלשאַפט איז אַזוי שטאַרק, דאָס אפילו איינצעלנע

מיר מוזען אונטער דעם וואָרט „געזעלשאַפט“ פערשטעהען ניט די
ג אַ נ צ ע געזעלשאַפט אינ׳ם געוועהנליכען זינען פונ׳ם וואָרט, זאָנ־
דערן, בלויז א טייל. און ווען מיר זאָלען שוין אפילו זיך וועלען צו־
פריעדענשטעלען מיט א ט י י ל פון דער געזעלשאַפט, צום ביישפיעל,
א קלאַס, אַנשטאט דער גאַנצער געזעלשאַפט אין אונזער פאָרמול,
וועלען מיר נאָך אלץ ניט ארויס פון דער קלעמע.

אונזער מאָראַל וועט דאַן אָננעהמען א ק ל אַ ס ע ן ־ כאַראַקטער,
אַנשטאט א ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י כ ע ן ־ כאַראַקטער, אינ׳ם
ענגערען זינען פונ׳ם וואָרט, און אונזער פאָרמול וועט דאַן לויטען
אונגעפעהר אזוי: „אלס מ אָ ר אַ ל גילט אין א געזעלשאַפטליכען
קלאַס א „בינטעל“ פאָרשריפטען, וועלכער שרייבט פאָר די יעניגע
(אידעאַלע) אויפפיהרונגען פון איהרע מיטגליעדער לויט וועלכער זיי
טהוען א ל ע ס וואָס עס איז גוט פאַר דעם ק ל אַ ס, און פער־
מיידען אלעס, וואָס קאָן פאר דיעזען ק ל אַ ס זיין שעדליך“.

אַזאַ פאָרמולירונג פון אונזער טעאָריע וועט ניט זיין אזוי אויגענ־
רייסענד ווי די ריין־אינדיווידואליסטישע מאָראַל־ערקלעהרונגען,
אָדער ווי אונזער פריהער אויפגעשטעלטע אבסטראקט־געזעלשאַפט־
ליכע מאָראַל־טהעאָריע. אָבער זי וועט דאָך זיין פאַלש. לויט דיעזער
ערקלעהרונג דאַרפען אין א געזעלשאַפט זיין אזוי פיעל „מ אָ ר אַ ל־
ס י ס ט ע מ ע ן“ ווי פיעל עקאָנאָמישע קלאַסען עס זיינען אין איהר
פאַראַן. און דיעזע מ אָ ר אַ ל ־ ס י ס ט ע מ ע ן מוזען זיין אַב־
סאָלוט אונאבהענגיג איינע פון דער אַנדערער. יעדע מוז „ה ע ר ש ע ן“
בלויז אין איין קלאַס, און אויסדריקען בלויז די אינטערעסען פון דעם
קלאַס פאַר וועלכען זי ג י ל ט. און די פערשיעדענע אונאבהענגיגע
מאָראַל ־ ס י ס ט ע מ ע ן וועלכע מוזען „גילטען“ אין דער געזעל־
שאַפט קען ניט האָבען קיין געמיינזאַמע פאָרדערונגען אָדער פאָר־
שריפטען, א חוץ אין די זעהר וועניגע פונקטען, אין וועלכע די אינטע־
רעסען פון א ל ע געזעלשאַפטס־קלאַסען זיינען דיזעלבע.

איין בליק אויף דער ווירקליכקייט איז גענוג אונז צו איבערציי־
גען, דאָס דיעזע פאָרשטעלונג פון „אונזער“ מאָראַל איז פאַלש. עס
איז אמת, דאָס אין אונזער געזעלשאַפט, היינט צו טאָג, איז ניטאָ
קיין אַלגעמיינע מאָראַל־סיסטעם, וועלכע זאָל זיין גלייך „הייליג“ אין
אלע איהרע איינצעלהייטען פאַר אַ ל ע קלאַסען פון אונזער געזעל־

געזעלשאַפט", אלס גאַנצעס, האָט בלויז איין אינטערעס, אן אינטע־
רעס, וועלכער איז צו דערזעלבער צייט אויך דער אינטערעס פון אלע
איינצעלנע טיילען. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. יעדע מענשליכע
געזעלשאַפט, וועניגסטענס יעדע „ציוויליזירטע" מענשליכע געזעל־
שאַפט, מיט וועלכער מיר זיינען בעקאַנט, בעשטעהט פון פערשיעדענע
עלעמענטען, — קלאַסען — וועלכע האָבען פערשיעדענע היסטאָריש־
עקאָנאָמישע אינטערעסען. און דיעזע אינטערעסען זיינען אָפט ניט
בלויז פ ע ר ש י ע ד ע ן, זאָנדערן, ע נ ט ג ע ג ע נ ג ע ז ע צ ט
אין די וויכטיגסטע ענינים פון געזעלשאַפטליכען צוזאַמענלעבען.

אונזער פ אָ ר מ ו ל, וועלכע מיר האָבען אויבען אויפגע־
שטעלט, נעמליך, דאָס אלס מאָראַל און געזעץ גילטען ס ע ט ס
אויפפיהרונגען, וועלכע רעפּרעזענטירען א מאַקסימום און א מינימום
„ג ו ט פ אַ ר ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט", קאָן דאַרום ניט זיין
ריכטיג אינ'ם בוכשטעבליכען זין פון דיעזע ווערטער, ווייל אין א
קלאַסען־געזעלשאַפט קאָן ניט זיין קיין איין גאַנצער ס ע ט אויפ־
פיהרונגען, וועלכע זאָלען זיין גוט פאַר ד ע ר ג אַ נ צ ע ר גע־
זעלשאַפט, דאָס הייסט, פאַר א ל ע טיילען פון דער געזעלשאַפט.
אין אונזער יעצטיגער געזעלשאַפט, צום ביישפּיעל, זיינען די מ אָ־
ר אַ ל־פּרינציפּען לא תגנוב און לא תגזול, און די פערשיעדענע
ג ע ז ע צ ע מיט וועלכע זיי ווערען ד ו ר כ ג ע ז ע צ ט, זעהר
גוט פאַר די יעניגע, וועלכע האָבען פיעל מטלטלים, וואָס אנדערע
קענען אוועק'גנב'נען און פאַבריקען, ווערהייזער, און אנדערע פער־
מעגען, וועלכע אנדערע קאָנען צונעהמען מיט געוואַלד. פאַר דעם
פ ע ר מ ע ג ע נ ד ע ן קלאַס איז, אלזאָ, דער מאָראַל־פּרינציפּ, אַז
פּריוואַט־אייגענטהום איז ה י י ל י ג א זעהר גוטע זאַך, און די
געזעצע, וועלכע בעשטראָפען יעדעס פערברעכען געגען דיעזען פּרינ־
ציפּ פערזיכערען ד י ע ז ע ן קלאַס זיין עקזיסטענץ, אָבער וואָס
האָט דער ארבייטער קלאַס דערפון? וואָרום זאָל פאַר א י ה ם די
הייליגקייט פון פּריוואַט־אייגענטהום זיין א גרויסער מאָראַל־פּרינציפּ?
און וואָרום זאָל ע ר איינפיהרען אָדער אונטערשטיצען געזעצע,
וועלכע בעצוועקען די בעשיצונג פון דיעזען הייליגען מאָראַל־פּרינציפּ?

דיעזע בעטראַכטונגען מוזען אונז פיהרען צו פאָלגענדער די־
לעמאַ: ענטוועדער אונזער פאָרמול איז איבערהויפּט פאַלש, אָדער

א פריי־דענקער. דיזע מיינונג איז גרונד־פאלש. אן אינדיווידו־עלע מאראל איז פונקט אזוי אונמעגליך ווי אן אינדיווידועלע געזעץ־געבונג.ביידע זיינען בלויז מעגליך אין א געזעלשאפט, ווייל ביידע בעציהען זיך אויף האנדלונגען פון איין מענשען געגען איבער א צוויי־טען מענשען אדער דער גאנצער מענשליכער געזעלשאפט.

מיר ווייסען, אז דאס וואס מיר האבען אקארשט געזאגט זעהט אין פלוג אויס אונריכטיג, און דער געשייטער לעזער קען אונז גלייך ברענגען א שעהנע פאאר צעהנדליגע ביישפיעלע פון זאגענאנטע „מא־ראלישע" און „אונמאראלישע" האנדלונגען, וועלכע האבען, דוכט זיך, קיין בעציהונג ניט צו אנדערע מענשען. אבער דאס „דוכט זיך" איהם בלויז אזוי. ווען ער וועט די זאך גרינדליך אנאליזירען, וועט ער זיך איבערצייגען, דאס אלע דיזע האנדלונגען האבען יא צו טהאן מיט די בעציהונגען צו די איבעריגע מענשען.

מיר קענען יעצט, אלזא, רעזומירען אונזערע געדאנקען איבער מאראל און געזעץ אין פאלגענדע ווערטער:

אלס מ א ר א ל גילט אין דער געזעלשאפט א „בינטעל" פאר־שריפטען, וועלכער שרייבט פאר איהרע מיטגליעדער די יעניגע (אי־דעאלע) אויפפיהרונג, לויט וועלכע זיי טהוען א ל ע ס, וואס עס איז גוט פאר דער געזעלשאפט און פערמיידען אלעס, וואס קען זיין שעדליך פאר דער געזעלשאפט. און דאס ג ע ז ע ץ פון א געזעלשאפט ענטהאלט די יעניגע (מינימאלע) אויפפיהרונגס־פאדערונגען, לויט וועלכע די מיטגליעדער טהוען דאס, אהן וואס די געזעלשאפט קען זיך ניט בעגעהן און פערמיידען דאס, וואס ווירקט דירעקט צושטערענד אויף דער געזעלשאפט.

ד י מ א ר א ל ש ר י י ב ט פ א ר דער געזעלשאפט די בעסט־מעגליכע עקזיסטענץ־בעדינגונגען; דאס ג ע ז ע ץ פ ע ר־ז י כ ע ר ט איהר אן עקזיסטענץ־מינימום.

דיזער כלל איז אבער אויך בלויז פ א ר ל ו י פ י ג. ער קאן ניט זיין ענדגילטיג ווייל אין אונזערע בעטראכטונגען ביז יעצט, הא־בען מיר אנגענומען, דאס „ד י ג ע ז ע ל ש א פ ט" איז ניט נור איין גאנצער ארגאניזם, זאנדערן, א האמאגענער ארגאניזם, אן אר־גאניזם, אין וועלכען אלע איינצעלנע טיילען זיינען אזוי גלייך צווישען זיך און פערבונדען איינס מיט'ן אנדערען אויף אזא ארט, דאס „די

געזונדע געזעלשאַפט האָט א מאָראַל־סיסטעם אין וועלכער יעדע פאָר־שריפט האָט א געגענוואַרטיגע נוין־פונקציאָן.

„ניצליכקייט“ איז אָבער זעהר א ברייטער בעגריף. „גוט — זאָגט מען, — האָט קיין שיעור ניט“. עס זיינען פאַראַן זאַכען, וואָס זיינען זעהר גוט, האָבען א גרויסען און דירעקטען נוצען, און אַנדערע, וועמעס גוטסקייט איז ניט „זעהר“, וועמעס נוצען איז קליין און אונ־דירעקט. זאַכען קענען זיין גוט פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו, אין דעם זינען, דאָס זיי פערהיטען פון שאַדען. שאַדען, ווידער, קאָן אויך זיין גרויס און קליין, דירעקט און אונדירעקט. אויף דעם געביעט פון מאָראַל־היגיענע, ווי אויף דעם געביעט פון פיזיאָלאָגישער היגיענע, זיינען פאַראַן פערשיעדענע ווערטהען, וויכטיגע און ניט־וויכטיגע עלעמענטען. און פונקט ווי אין דער פיזיאָלאָגישער אזוי אויך אין דער מאָראַלער היגיענע זיינען פאַראַן מינימאַל־פאָרדערונגען. פונקט ווי דער היגיעניקער פונ'ם איינצעלנעם קערפער האָט א געוויסען פראָגראַם־מינימום פון פאָזיטיווע און נעגאַטיווע פאָרדערונגען, וועלכע ער שרייבט פאָר אום דער קערפער וועלכען ער בעהאַנדעלט זאָל קענען ווייטער גדייהען (א געוויסע סומע פון שפייזען פון פערשיעדענע סאָרטען, און ריי־ניגונגס און פראָטעקציאָנס־מיטלען געגען שעדליכע עלעמענטען א. ז. וו.), אזוי האָט אויך דער געזעלשאַפטליכער היגיעניקער, דער מאָראַליסט, א געוויסען פראָגראַם־מינימום פון פאָזיטיווע און נעגאַטיווע געזעלשאַפטליכע האַנדלונגען, וועלכע זיינען, נאָך זיין מיינונג, אַבסאָלוט נויטיג אום די געזעלשאַפט זאָל קענען ווייטער גדייהען. דיעזעס פראָגראַם־מינימום פון געזעלשאַפטליכער אָדער „מאָראַלער“ היגיענע איז, אין א ציוויליזירטער געזעלשאַפט, פער־קערפער אין איהר „געזעץ־סיסטעם, פונקט ווי אן אינדיווידועל־קערפערליכע היגיענישע פראָגראַם־מינימום ווערט פערקערפערט אין די געזונדהייטס־פאָרשריפטען, וועלכע ווערען דורכגעפיהרט אין עפענטליכע אינסטיטוציאָנען, ווי שולען, געפענגנויסע, א. ז. וו.

און דאָ מוזען מיר ספּעציעל וואַרנען אונזערע לעזער געגען דעם וויט־פערברייטעטען טעות, דאָס מאָראַל איז א פּריוואַט זאַך, א סאָרט פּריוואַטע רעכנונג וועלכע א מענש האָט מיט גאָט, ווען ער איז „רע־ליגיעז“, און מיט דער נאַטור, אָדער זיין „געוויסען“, ווען ער איז

ווארום פאַסט א ג ע ו ו י ס ע סיסטעם פון מאָראַל־פּאָרשריפטען פאַר א ג ע ו ו י ס ע ר געזעלשאַפט? דער אַנטוואָרט אויף דיעזע אַלע פראַגען ליעגט אינ׳ם אנטוואָרט אויף דער פראַגע: אין וואָס ב ע ש ט ע ה ט א „מאָראַל־סיסטעם“?

ווען מיר זאָלען אונטערזוכען דעם א י נ ה אַ ל ט פון אירגענד וועלכער מאָראַל־ס י ס ט ע ם, וועלען מיר געפינען דאָס אַלע פאָרשריפטען, וועלכע געפינען זיך אינ׳ם „בינטעל“ וועלכען מיר אונטערזוכען ה אָ ב ע ן, אָ ד ע ר ה אָ ב ע ן אַ מ אָ ל ג ע ה אַ ט א געוויסען נוצען פאַר דער געזעלשאַפט אין וועלכען דאָס אונטערזוכטע „בינטעל“ “הערשט“. מיט אַנדערע ווערטער אַ ל ע ס ו ו אָ ס א י ז נ ו צ ל י ך פ אַ ר ד ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ו ו ע ר ט אַ נ ע ר ק ע נ ט פ ו ן ד י ע ז ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט א ל ס „מ אָ ר אַ ל י ש“, א ו ן אַ ל ע ס ו ו אָ ס ע ס א י ז פ אַ ר א י ה ר ש ע ד ל י ך — א ל ס „ א ו נ מ אָ ר אַ ל י ש“. אין דיעזער הינזיכט קאָן א מאָראַל־סיסטעם פערגליכען ווערען צו א לעבעדיגען אָרגאַניזם, — דעם מענשליכען קערפער, צום ביישפּיעל, — אין וועלכען יעדער אבר האָט אַ ניצליכע אַרבייט־ אָדער שוין־פונקציאָן. און די נוצליך־ג ע ו ו ע ז ע נ ע מאָראַל־פאָרשריפטען שפּיעלען אין א מאָראַל־סיסטעם דיזעלבע ראָלע וואָס ניצליך־געוועזענע אברים שפּיעלען אין א לעבעדיגען אָרגאַניזם. אזוי לאַנג ווי זיי זיינען ניט פּאָזיטיוו־שעדליך שלעפּט מען זיי מיט „מיט׳ן אלטען חלאַם“, ווי. צום ביישפּיעל, מיר, מענשען, טראָגען זיך אַרום מיט׳ן אַמאָל נוצליך געוועזענעם אבר, וועלכער איז בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „אַפּענדיקס“. צו־פיעל „אלטען חלאַם“ קאָן אָבער קיין לעבעדיגער קערפּער און קיין מאָראַל־סיסטעם ניט פערטראָגען. און אפילו איין נוצלאָזער אבר קאָן אויך פעראורזאַכען שטערונגען: קערפּערליכע און מאָראַלע „אַפּענדיסיטיס“. אין אַ געזונטען קערפּער פונקציאָנירען אַלע אברים, און אין אַ געזונטער מאָראַל־סיסטעם זיינען אַלע פאָרשריפטען י ע צ ט ניצליך. די אנוועזענהייט אין אירגענד וועלכער מאָראַל־סיסטעם פון פיעלע פאָרשריפטען, וועלכע האָבען ניט קיין יעצטיגע נוצען־פונקציאָן איז א סמן, אַז דאָס סיסטעם איז „פעראַלטעט“, האַלט ביים אָבשטאַרבען. אַזאַ מאָראַל־סיסטעם איז דער סמן פון א פ ע ר א ל ט ע ט ע ר, אָבשטאַרבענדער געזעלשאַפט. א יונגע, פרישע, און

דאָס בלויז־ווירקליכע. אונזערע פּאָרלויפּיג אויפגעשטעלטע זעצע מוזען דאַרום פערשטאַנען ווערען אויפ'ן פאָלגענדען אופן: א „מאָראַל־סיסטעם" ענטהאַלט, אָדער „רעפּרעזענטירט", א קאָמפּלעקס, א „בינטעל" געוווינשטע אויפפיהרונגען; און א „געזעץ־סיסטעם" ענטהאַלט, אָדער „רעפּרעזענטירט", א טייל פון דעם געוווינשטען „בינטעל", און הויפּטזעכליך (אבוואָהל ניט גאַנץ) דעם יעניגען טייל, וועלכער ווערט דורכגעפיהרט אינ'ם ווירקליכען לעבען. געזעץ שטעהט, אלזאָ, ניט געגענאיבער מאָראַל, זאָנדערן בילדעט א טייל דערפון. אין וואָס בעשטעהט, אלזאָ, א „מאָראַל־סיסטעם", וואָס פאַר א „בינטעל" פאָרשריפטען ענטהאַלט א „מאָראַל", און וועלכען טייל פון דיעזען „בינטעל" בילדעט א „געזעץ־סיסטעם"?

דאָס וויכטיגסטע וואָס מיר מוזען אימער האַלטען אין זינען, אויב מיר ווילען געפינען א ריכטיגען ענטפער אויף דיעזע פראַגען, איז, דאָס עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע מאָראַל, פּונקט ווי עס איז ניטאָ א קיין אַבסאָלוטעס געזעץ. ניט נור אין דעם זינען, דאָס עס איז ניטאָ קיין אייביג־בעשטעהנדעס „בינטעל" פון מאָראַל־פאָרשריפטען, זאָנדערן אויך אין דעם זינען, דאָס עס זיינען ניטאָ קיין אייביג־בעשטעהנדע איינצעלנע מאָראַל־בעגריעפע און מאָראַל־פאָרשריפטען. די אונטערזוכונגען פון דער פערגלייכענד־היסטאָרישער מעטהאָדע האָבען בעוויזען, דאָס אלע מאָראַל־פאָרשריפטען זיינען צייטליך און ערטליך בעגרענעצט, דאָס הייסט, זיי „הערשען", אָדער גילטען, בלויז צו אַ געוויסער צייט און אויף אַ געוויסען אָרט. די צייט קאָן זיין לענגער אָדער קורצער, דער אָרט גרעסער אָדער קלענער, ווי נאָך די אומשטענדען, אָבער אַ צייט־און־פּלאַץ־גרענעץ צו זיין ממשלה האָט יעדער מאָראַל־בעגריעף. אַ „מאָראַל־סיסטעם" האָט דאַרום בלויז אַ „היסטאָרישע" עקזיסטענץ. דאָס הייסט, עס „הערשט" בלויז אין א געוויסער געזעלשאַפט, — צו אַ געוויסער צייט, אויף א געוויסען פּלאַץ. עס מוז, אלזאָ, זיין געוויסערמאַסען צוגעפּאַסט צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער עס „הערשט", צו דעם צייטליך און ערטליך בעגרענעצטען געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם פאַר וועלכען עס „גילט". די פראַגע איז בלויז: וויאַזוי צוגעפּאַסט? אין וואָס בעשטעהט דער בעריהרונגס־פּונק פון אַ געזעלשאַפט און איהר מאָראַל־סיסטעם?

דער פראַגע וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ „מאָראַל־סיסטעם“ אָדער אַ „געזעץ־סיסטעם“ צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער עס „הערשט“? מיר ווע‍ֿלען דארום איבערגעהן צו דער אונטערזוכונג פון דיעזער פראַגע.

אום צו ערקלערען דעם שייכות פון אַ ווירקליך־„הערשענדער“ מאָראַל־ אדער געזעץ־„סיסטעם“ צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער עס „הערשט“, מוזען מיר אויפמערקזאַם מאַכען אויף איניגע אונגענויאיגקייטען אין די אויבען פאָרלויפיג־אויפגעשטעלטע זעצע. מיר האָבען אָנגענומען, דאָס מ אָ ר אַ ל רעפּרעזענטירט אַ ג ע וו י נ ש ט ע ן צושטאַנד, ווערענד געזעץ רעפּרעזענטירט די ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט. דאָס איז אָבער ניט גאַנץ ריכטיג. עס זיינען פאַראַן פיעלע ריין־מאָראַלע פאָרשריפטען (דאָס הייסט ב ל ו י ז מאָראַלע און נ י ט געזעצליכע פאָרשריפטען), וועלכע ווערען דורכגעפיהרט אינ'ם ווירקליכען לעבען פונקט אזוי שטריינג ווי געזעצליכע פאָרשריפטען. כבוד אב, אַ ריין־מאָראַלישעס געבאָט, ווערט, צום ביישפּיעל, דורכגעפיהרט אינ'ם ווירקליכען לעבען פונקט אזוי גוט ווי דער ג ע ז ע צ ל י כ ע ר פערבאָט געגען שווינדלען. דאָס גרויסע געבאָט פון סעקסואל־מאָראַל צייגט הונדערטע ריין־מאָראַלע פאָרשריפטען, וועלכע ווערען אָבגעהיט פון אַ גרויסער מאַיאָריטעט פון אונזער געזעלשאַפט, אבוואָהל זיי האָבען ניט קיין ג ע ז ע צ ל י כ ע סאַנקציאָן. דאַגעגען זיינען פאַראַן דוצענדע געזעצע, וועלכע רעפּרעזענטירען ניט די ו ו י ר ק ל י כ ע אויפפיהרונג פון אונזערע געזעלשאַפטס־מיטגליעדער, זאָנדערן, אַ ג ע וו י נ ש ט ע אויפפיהרונג. ווי, צום ביישפּיעל, אונזער ניו יאָרקער געזעצע געגען ביער־טרינקען אם זונטאַג, און דערגלייכען. מיר מוזען אויך נעהמען אין אַנבעטראַכט דעם פאַקט, דאָס די גרויסע מאַיאָריטעט פון ג ע ז ע ץ־פאָרשריפטען רעפּרעזענטירען אויך מ אָ ר אַ ל־פּראָשריפטען, ווי, צום ביישפּיעל, די יעצט־אַלגעמיינע פערבאָטען לא תרצח און לא תגנוב, און אונזער ניו יאָרקער געבאָט, דאָס אַ מאַן זאָל מפרנס זיין זיין פרוי און קינדער. מיט אנדערע ווערטער, געזעץ און מאָראַל זיינען ביז צו אַ געוויסען גראַד, און אַ גרויסען גראַד זאָגאַר, א י ד ע נ ט י ש (כמעט איינס און דאָס זעלבע).

עס איז דארום, איינגענטליך, פאַלש צו זאָגען, דאָס מאָראַל רעפּרעזענטירט א י מ ע ר דאָס בלויז־געווינשטע און געזעץ א י מ ע ר

אויף זיין פולען ארבייטסערטראג. און פיעלייכט נאָך, דאָס אין אן א י ד ע אַ ל ע ר גזעלשאַפט, צו וועלכער מיר שטרעבען, ו ו ע ט דער ארבייטער ה אָ ב ע ן דאָס רעכט אין דעם קאָנקרעטען, ג ע ז ע צ ל י כ ע ן זין, אין וועלכען א פרוי ה אָ ט יעצט, אין ניו יאָרק, א רעכט אויף סופּאָרט פון איהר מאַן, אין דעם זין, נעמליך, דאָס די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע מ אַ כ ט וועט דיעזעס רעכט ד ו ר כ פ י ה ר ע ן אינ'ם פראַקטישען לעבען.

דער אונטערשיעד צווישען די צוויי רעכטע איז, אלזאָ, דער אונטערשיעד צווישען א י ד ע א ל און ו ו י ר ק ל י כ ק י י ט. מיר קענען, אלזאָ, פ אָ ר ל ו י פ י ג אויפשטעלען דעם פאָלגענדען זאַץ: מ אָ ר אַ ל איז א אידעאלער צושטאַנד צו וועלכען מיר שטרעבען; ג ע ז ע ץ איז די ווירקליכקייט אין וועלכער מיר לעבען. מ אָ ר אַ ל ע אויפפיהרונג איז די יעניגע אויפפיהרונג, וועלכע ענטשפּרעכט א געוויסען אידעאַלען צושטאַנד; געזעצליכע אויפפיהרונג איז די יעניגע אויפפיהרונג וועלכע ענטשפּרעכט דער נאָרמאַלער פּראַקטיק פון אונזער געזעלשאַפט ווי זי איז יעצט. מ אָ ר אַ ל ע פאָרשריפטען זיינען די יעניגע פאָרשריפטען, וועלכע שרייבען פאָר די אויפפיהרונג פון א געווינשטער אידעאַלער געזעלשאַפט; געזעצליכע פאָרשריפטען זיינען די יעניגע פאָרשריפטען, וועלכע די געזעלשאַפט צווינגט אויף אונז ארויף אום די שוין־עקזיסטירענדע געזעלשאַפט ווייטער צו פיהרען.

מיר האָבען שוין געזאָגט, דאָס מיר שטעלען אויף דיעזע זעצע בלויז פאָרלויפיג. מיר ווילען דערמיט געבען בלויז אן אלגעמיינעם, און דאַרום פאָרלויפיגען, ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס איז דער שייכות צווישען מאָראַל און געזעץ? דער הויפּט־געדאַנק, וועלכען מיר ווילען מיט דיעזע זעצע אויסדריקען, און וועלכער גיט אונז דעם וויכטיגסטען עלעמענט פון א ריכטיגען ענטפער אויף דיעזער פראגע, איז דער, דאָס די בעציהונג צווישען מאָראַל און געזעץ איז די צווישען דער ק ל י י נ ל י כ ק י י ט פון'ם ווירקליכען לעבען געגענאיבער דער גרויסקייט פון אונזערע אידעאַלען. מאָראַל און געזעץ זיינען ניט פערשיעדען אין כ אַ ר אַ ק ט ע ר, זאָנדערן, בלויז אין מ אָ ס. דעם פולען צוזאמענהאנג צווישען מאָראַל און געזעץ וועלען מיר אָבער זעהען ערשט ווען מיר וועלען האָבען דעם ענטפער אויף

אום דיעזען שייכות צו פערשטעהן וועלען מיר זיך אומקעהרען צו דעם ביישפיעל וועלכען מיר האָבען אויבען געברויכט אום צו אילוסטרירען דעם פאַקט דאָס עס זיינען פאַראַן פערשיעדענע סאָרטען „רעכטע“.

מיר האָבען געזעהן דאָס דער אונטערשיעד צווישען די רעכטע וועלכע מיר האָבען אין זינען ווען מיר געברויכען די צוויי פראַזען: „דער אַרבייטער האָט אַ רעכט אויף די פולע פרוכט פון זיין אַרבייט“ און „אין ניו יאָרק האָט יעדע פרוי א רעכט אויף „סופּאָרט“ פון איהר מאַן“ בעשטעהט אין דעם, וואָס אין דעם ערשטען פאַל מיינען מיר אַ „מאָראַלישעם“ רעכט און אינ׳ם צווייטען פאַל אַ „געזעליכעם“ רעכט. אינ׳ם ערשטען פאַל רעדען מיר פון א מאָראַלער פאָרשריפט און, אינ׳ם צווייטען, פון א געזעצליכער. דיעזע צוויי פאָרשריפטען אילוסטרירען דאַהם דעם אונטערשיעד צווישען מאָראַל און געזעץ.

וואָס איז, אלזאָ, דער אונטערשיעד צווישען די צוויי רעכטע? וואָס מיינען מיר, ווען מיר זאָגען אין דעם צווייטען פאַל פון אונזער ביישפיעל, — „א פרוי האָט א רעכט אויף סופּאָרט“? מיר מיינען, געמליך, דאָס ווען א מאַן, וועלכער לעבט יעצט אין ניו יאָרק, פערנאַכלעסיגט צו געבען זיין פרוי דאָס נויטיגע צום לעבען, קען די פרוי געהן אין געריכט, און דאָס געריכט וועט איהם דאַן צווינגען דאָס צו טהאָן. מיר רעדען דאָ, אלזאָ, פון א קאָנקרעטען רעכט, וועלכעס ווערט דורכגעזעצט אין א קאָנקרעטער געזעלשאַפט. און וואָס מיינען מיר ווען מיר זאָגען „אַן ארבייטער האָט דאָס רעכט אויף די פולע פרוכט פון זיין ארבייט“? נאַטירליך, ניט דאָס אַן ארבייטער קאָן דיזעס זאָגענאַנטע „רעכט“ דורכזעצען ווי די פרוי קען דורכזעצען איהר רעכט אויף סופּאָרט. מיר ווייסען, דאָס ניט אין ניו יאָרק און ניט אירגענד אַנדערשוואו אין אונזער יעצטיגער געזעלשאַפט האָט דיעזעס רעכט אירגענד וועלכע פּראַקטישע בעדייטונג. וואָס מיר מיינען, אלזאָ, מיט אונזער „רעכט אויפ׳ן פולען ארבייטס ערטראַג“ איז פאָלגענדעס: לויט אונזער אידעאַלע בעגריעפע פון מענשליכער אויפפיהרונג, פון רעכט און אונרעכט, דאַרף דער פולער ארבייטסערטראַג געהערען דעם ארבייטער, און זאָל דאַרום דער ארבייטער האָבען דאָס רעכט

מיר וועלען זיך בעמיהען צו ענטפערן אויף פאָלגענדע פראַגען, אָדער גרופּען פון פראַגען:

ערשטענס, פון וואַנען נעהמען זיך מאָראַל־פאָרשריפטען און געזעץ־פאָרשריפטען; דאָס הייסט, ווי קומט עס דאָס פערשיעדענע געזעלשאַפטען האָבען, ווי וויסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען האָבען בעוויזען, פערשיעדענע מאָראַל־ און געזעץ־בעגריעפען און פאָרשריפטען, און אויך, ווי אַזוי איין „בינטעל" מאָראַל־ און געזעץ־בעגריעפען און פאָרשריפטען ענטוויקלען זיך אין אַנאַנדער „בינטעל" מאָראַל־און־געזעץ בעגריעפע און פאָרשריפטען; צווייטענס, וואָס פאַר א שייכות האָט יעדער פון דיעזע „בינטעלס", יעדע „מאָראַל־סיסטעם" און יעדע „געזעץ־סיסטעם" צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער עס „הערשט", אָדער האָט עס איבערהויפּט גאָר קיין שייכות ניט. דריטענס, צי האָבען דאָס „מאָראַל־סיסטעם" און דאָס „געזעץ־סיסטעם", וועלכע „הערשען" אין אירגענד וועלכער געזעלשאַפט, צו אירגענד וועלכער צייט, א שייכות צווישען זיך; און אויב יאָ, טאָ אין וואָס בעשטעהט זייער שייכות?

מיר האָבען געשטעלט די פראַגען אויף וועלכע מיר ווילען ענטפערען, אין וואָס שיינט צו זיין זייער לאָגישע אָרדנונג. דאָס איז אָבער ניט די אָרדנונג אין וועלכער מיר וועלען אויף זיי ענטפערען. מיר וועלען ניט ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, זאָנדערן על אחרון ראשון ועל ראשון אחרון, ווייל מיר געפינען די לעצטע אָרדנונג מעהר פּאַסיג פאַר אונזער צוועק.

מיר וועלען, אלזאָ, אָנפאַנגען פון דער לעצטער פראַגע, אָדער פראַגען־גרופּע: האָבען דאָס „מאָראַל־סיסטעם" און דאָס „געזעץ־סיסטעם" וועלכע „הערשען" צו א געוויסער צייט, אין א געוויסער געזעלשאַפט, אירגענד וועלכען שייכות איינס מיט'ן אַנדערען; און אויב דער אַנטוואָרט אויף דיעזער פראַגע איז: „יאָ", טאָ וואָס איז דיעזע שייכות?

אונזער אַנטוואָרט אויף דער ערשטער פראַגע איז „יאָ", און מיר וועלען דאַרום גלייך איבערגעהן צו דער צווייטער פראַגע, נעמליך: אין וואָס בעשטעהט דער שייכות צווישען דער „מאָראַל" און דעם „געזעץ" פון אירגענד וועלכער געזעלשאַפט, אָדער צווישען „מאָראַל" און „געזעץ" איבערהויפּט?

מאָראַל און רעכט.

מאָראַלישע רעכט און פּאָזיטיווע רעכט. רעכט און געזעץ. די שייכות פון אַ מאָראַל־סיסטעם צו אַ געזעץ־סיסטעם. די ניט־שטענדיגקייט פון מאָראַל־סיסטעמען. נוצליכקייט פאַר דער געזעלשאַפט אַלס דער אינהאַלט פון יעדער מאָראַל־סיסטעם און פון יעדער געזעץ־סיסטעם. די צושפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט אויף בעזונדערע קלאַסען. ווי אַזוי איין קלאַס בעשאַפט מאָראַל־סיסטעמען און געזעץ־סיסטעמען, וועלכע זיינען גילטיג אויף אַ געוויסער צייט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט?

פריהער פון אלין מוזען מיר ערקלערען אין וואָס פאר א זינען מיר געברויכען דאָ דאָס וואָרט „רעכט“. דאָס איז נויטיג, ווייל דאָס וואָרט „רעכט“ ווערט געברויכט אין גאַנץ פערשיעדענע זינען, האָט גאַנץ פערשיעדענע בעדייטונגען. ווען מיר זאָגען, צום ביישפּיעל, „דער אַרבייטער האָט אַ רעכט צו געניסען די פולע פרוכט פון זיין אַרבייט“, מיינען מיר אַ גאַנץ אַנדער סאָרט רעכט ווי ווען מיר זאָגען, צום ביישפּיעל, אַז „אין ניו־יאָרק האָט יעדע פרוי דאָס רעכט צו פאָדערן „סופּפּאָרט“ פון איהר מאַן.“. אינ׳ם ערשטען פאל מיינען מיר אַ סאָרט אידעאַלעס רעכט, דאָס וואָס מען רופט געוועהנליך „מאָראַלישעס רעכט“. אינ׳ם צווייטען פאל מיינען מיר דאָס וואָס יוריסטען רופען „פּאָזיטיוועס רעכט“, און וואָס געוועהנליכע מענשען פערשטעהען אונטער דעם וואָרט „געזעץ“. אין דעם סמך אין וועלכען מיר געברויכען דאָ דאָס וואָרט רעכט מיינען מיר רעכט אינ׳ם צווייטען זינען, דאָס הייסט פּאָזיטיוועס רעכט, אַלזאָ, — געזעץ. און דאָס טהעמא וועלכעס מיר ווילען דאָ בעהאַנדלען, איז: דער כאַראַקטער און די ענטשטעהונג פון מאָראַל און געזעץ, און זייערע בעציהונגען צווישען זיך. און

12-טע פאָרלעזונג

ל. בודין

מאָראַל און רעכט

און מען דאַרף צוגעבען, אַז דיזער גלויבען אין גאָט מיט זיין השגחה פרטית איז ביז דער לעצטער צייט געווען איינער פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרען אין דער מענשליכער געשיכטע. ניט נור די ברייטע פאָלקס־מאַסען זיינען געווען אויף דעם העכסטען אופן רעליגיעז און גאָטספאָרכטיג, נאָר אפילו די אינטעליגענץ פון יעדען פאָלק האָט געלעבט אין דער רעליגיאָן, מיט דער רעליגיאָן און צוליעב דער רעליגיאָן.

די וויסענשאַפט איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער טעאָלאָגיע; די געלערנטע און פילאָזאָפען האָבען זיך מעהרסטענטהיילס בעשעפטיגט מיט רעליגיעזע פראגען; די קינסטלער האָבען שטענדיג געשאַפען פאר דער קירכע און דעם שטאָף פאַר זייער געניאַלע בעגייסטערונג האָבען זיי שטענדיג געשעפּט פון דער רעליגיאָן; מיט איין וואָרט, די רעליגיאָן איז געווען דער איינציגער גרונד פון דעם אַלגעמיינעם גייסטיגען לעבען.

ווי זשע האַלט עס מיט דעם רעליגיעזען גלויבען אין היינטיגער צייט?

אויף דיזער פראגע האָט שאַרף און דייטליך געענטפערט קאַרל מאַרקס נאָך מיט 60—70 יאָהר צוריק.

„אין דייטשלאַנד — זאָגט ער — האָט זיך די קריטיק פון רעליגיאָן שוין געענדיגט, און די קריטיק פון רעליגיאָן איז דער אָנהויב פון יעדער אַנדערער קריטיק.

„גלייך ווי עס ווערען פערשוואונדען די פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגען געטליכען לעבען אין הימעל — הויבען אויך אָן צו פערשווינדען די פאַלשע פאָרשטעלונגען וועגען מענשליכען לעבען אויף דער ערד. גלייך ווי דער מענש איבערצייגט זיך, אַז די פאַנטאַסטישע ווירקליכקייט פון הימעל, וואו ער האָט געזוכט אַן איבערמענשליכע קראַפט, איז מעהר ניט ווי דער אָבשיין פון זיין אייגענעם „איך“, — פערלירט ער אויך דעם לוסט צו זעהן מעהר ניט ווי זיין טונקעלען שאָטען, מעהר ניט ווי אַ מענשליכען אבשיין דאָרטען, וואו ער זוכט און מוז זוכען זיין אמת'ע ווירקליכקייט.“

דעם מענשען בעשטימטע קאָנקרעטע געשטאַלטען און פאַר זיינע אויגען שוועבט אַ בעשטימטע אינדיווידואַליטעט אין דער פאָרמע פון א געוויסען קערפּער מיט אַלע זיינע קערפּערליכע אייגענשאַפטען. פערקעהרט, פּאָעזיע און מוזיק רופען ניט ארויס ביים מענשען קיינע קאָנקרעטע געשטאַלטען, פאַר זיינע אויגען שוועבען ניט קיינע פאָרמען פון קערפּערס, נור זיינע געפיהלען טראָגען איהם אוועק אין דער הויך, אין א דונקעלער וויטקייט, אין דער אונענדליכקייט.

אָט דעריבער האָבען ביי אידען ניט געקענט בעשאַפען ווערען קיינע קאָנקרעטע געשטאַלטען פון זייערע געטער. „יעהאָוואַ“ האָט ניט געקענט בעקומען קיין בעשטימטען פּנים, און אין די התלהבות פון פּאָעזיע און מוזיק האָט דיעזער גאָט זיך געקענט פאָרשטעלען נור ווי אַן אַ ב ס ט ר א ק ט ע א י ד ע ע, א טיעפע געהיימניס, א פעראייניגונג פון אַבסטראַקטע בעגריעפען, ווי אַלמעכטיגקייט, איי־ביגקייט, ערנסטקייט און גערעכטיגקייט.

די אידישע רעליגיאָן האָט שוין אין אָנפאַנג פון דער אידישער היסטאָריע טאַקע געהאַט אין זיך שטאַרקע עלעמענטען פון מאָנאָ־טעאיסטישען גלויבען. אָבער דאָס איז געווען פּשוט דערפאַר, ווייל די אידען האָבען אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט פון אינדוסטריע און בילדענדע קונסט.

* * *

מיר האָבען אַלזאָ פערענטפערט די דריי וויכטיגסטע פראַגען, וועלכע מיר האָבען זיך געשטעלט פון אָנהויב: 1) וואָס איז רעליגיאָן? 2) ווי אַזוי איז זי ענטשטאַנען? און 3) ווי אַזוי איז געגאַנגען איהר ענטוויקלונג?

דער עיקר פון יעדער רעליגיאָן — ווי מיר האָבען געזעהן — איז דער ג ל ו י ב ע ן אין אַ גאָט אָדער געטער, וועלכע האָבען בעשאַפען די וועלט און גיבען אכטונג אויפ'ן מענשען און אויף אַלע זיינע טהעטיגקייטען און האַנדלונגען.

אַזאַ גלויבען אַרבייט זיך אויס ביים מענשען אַ דאַנק דעם אינסטינקט פון זעלבסט־ערהאַלטונג. אָהן איהם וואָלט דער מענש אריינגעפאַלען אין א טיעפען יאוש און פערצווייפלונג צוליעב דער אונערבאַרעמליכער קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט פון דער נאַטור צו זיינע ווערטהען, צו אַלין, וואָס איז איהם, דעם מענשען, בעזונדערס טייער.

אין אנאנדער צושטאנד פון קולטור האָבען זיך געפונען די אידען אויף די ערשטע שטופען פון זייער נאַציאָנאַלען לעבען. דער „פעטי־שיזם“ האָט שוין אויך ביי זיי אָבגעלעבט די צייט, אָבער צו פּאָליטע־איזם האָבען זיי ניט געקענט קומען.


פּאַלעסטינאַ, וועלכע די אידען האָבען איינגענומען, קומענדיג פון מצרים, האָט פערנומען אַ שטיק ערד פון אונגעפעהר 300 קוואַד־ראַטנע מייל. דער גאַנצער שטיק ערד, וואָס איז געלעגען ביים ברעג ים, און וואו עס האָבען זיך געפונען רייכע האַנדעלס־שטעדט מיט גוטע האַפענס פאַר שיפען, האָט געהערט ניט צו די אידען, נור צו די כנענים (פעניציער) און פּלישתים, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט אינדוסטריע און האַנדעל.

אפילו די שטעדט, וועלכע האָבען זיך געפונען אין מיטען לאַנד און וואו דער האַנדעל איז געווען מעהר אָדער וועניגער ענטוויקעלט האָבען אויך אַ לאַנגע צייט ניט געהערט צו די אידען. פאַר די אידען איז געבליבען מעהר ניט ווי לאַנד אָהן שטעדט. דאָס לאַנד איז אבער געווען זעהר פרוכטבאַר און האָט געטויגט פאַר ערד־ארבייט און פיה־צוכט. אָט דעריבער זיינען די אידען אין דעם משך פון פיעל הונ־דערטער יאָהרען געווען אַ פּאָלק פון דאָרפּישע פויערים, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט דער עיקר מיט זייערע פעלדער, וויינגערטנער און טשערעדעס פיה.

ביי אַזאַ צושטאַנד מוז די אינדוסטריע און טעכניק זיין זעהר וועניג ענטוויקעלט. אידען האָבען אזוי וועניג געוואוסט פון אינדוסט־ריעלע מלאכות, דאָס דער תנ״ך דערצעהלט, אַז קיין שמיד און קיין האָלץ־אַרבייטער האָט זיך ביי זיי ניט געפונען. אפילו פערריכטען אַן אקער־אייזען פלעגען זיי דאַרפען געהן צו די פּלישתים. און בעת שלמה המלך האָט געבויט דעם בית־המקדש און זיין אייגענעם פּאַלאַץ, זיינען אַלע ארכיטעקטאָרען און קינסטלער געווען פעניציער.

ביי די אידען פון אלטערטום איז ניט געווען קיין באָדען פאַר דער ענטוויקלונג פון בילדענדע קונסט, פון ארכיטעקטור, מאַהלעריי און סקולפּטור. די איינציגע קונסט, וואָס האָט זיך געקענט ביי זיי ענט־וויקלען, איז געווען פּ אָ ע ז י ע און מ ו ז י ק. אָבער דיעזע סאָרט קונסט האָט אויף דעם מענשען גאָר אַן אנדער ווירקונג איידער די בילדענדע קונסט. מאַהלעריי אדער סקולפּטור רופען ארויס ביי

גריכיש־רוימישע געטער



פיגור 44. פון רעכטס צו לינקס (אָנהויבענדיג פון דער אויבערשטער רייהע) : יופיטער ; ציבעלאַ ; סאַטורן ; רהעאַ ; דיאַנאַ ; אַפּאָלאָן ; מינערוואַ ; באַכוס ; מעלפּאָמענאַ ; ווערטומנוס ; היגיעאַ ; עסקולאַפּ.

און מעטאַלען, — אין אַזאַ לאַנד מוז זיך פריה ענטוויקלען די ב י ל ד ע נ ד ע ק ו נ ס ט, ד. ה., אַרכיטעקטור, מאַלעריי און סקולפּטור. די גריכען זיינען טאַקע געווען די בעסטע און העכסטע קינסטלער פון אַלטערטום, — און אָט דער הויכער צושטאַנד פון קולטור מיט דער ברייטער ענטוויקעלטער בילדענדער קונסט האָט מיטגעווירקט, דאָס ביי זיי האָט זיך דער פּאָליטעאיזם שטאַרקער ענטוויקעלט איידער דער מאָנאָטעאיזם.

אַ דאַנק דער ענטוויקלונג פון מאַלעריי און סקולפּטור האָבען די גריכען אָפּט געזוכט פאָרצושטעלען זייערע געטער אין ב י ל ד ע ר און ס ט אַ ט ו ע ן. די געטער זיינען אויף אַזאַ אופן פּ ע ר ז אָ נ י פ י צ י ר ט געוואָרען, ד. ה., יעדערער פון זיי, פערקערפּערענדיג זיך אין אַ בילד אָדער סטאַטוע, האָט אָנגענומען די פאָרמע פון אַ געוויסע אינדיווידואַליטעט, פון אַ געוויסע פּערזענליכקייט. און אַנדערש האָט ניט געקענט זיין. די בילדענדע קונסט האָט אין זיך די אייגענשאַפט, וואָס יעדע זאַך, וועלכע זי מאָהלט, אפילו די סאַמע אבסטראַקטע אידעע, קען זי אנדערש ניט פאָרשטעלען סיידען אין דער געשטאַלט פון אַ געוויסע קאָנקרעטע זאַך, פון אַ געוויסען קערפּער. און ניט אומזיסט זאָגט מען אויף די גרויסע קריסטליכע קינסטלער פון איטאַליען, ווי לעאָנאַרדאָ דאַ־ווינטשי, מיקעל אַנזשעלאָ און ראַפאַעל, וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט אין זעלטענע בילדער די אידעען פון קריסטענטום, אַז דיעזע קינסטלער זיינען אייגענטליך ניט קריסטען, ניט מאָנאָטעאיסטען, נור „היידען“, פּאָליטעאיסטען.

די בילדענדע קונסט פּ ע ר ז אָ נ י פ י צ י ר ט די געטער, שטעלט זיי פאָר אין געשטאַלטען פון בעשטימטע לעבעדיגע בעשעפעניסען. און וואָס מעהר די פאָרשטעלונג וועגען גאָט בינדט זיך צונויף ביי די מענשען מיט דעם געשטאַלט פון דעם אָדער יענעם מענשליכען בילד, בעקומט ער אַלץ מעהר דעם כאַראַקטער פון געוועהנליכע מענשען מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות. די גריכען ווי אויך אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון אַלטערטום זיינען געווען מעהר פּאָליטעאיסטען איידער מאָנאָטעאיסטען פּשוט דערפאַר, ווייל שוין אויף די ערשטע שטופען פון נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג האָט זיך ביי זיי ברייט ענטוויקעלט די אינדוסטריע און צוזאַמען מיט איהר די ב י ל ד ע נ ד ע ק ו נ ס ט.

שטאַלט פון אַ וועלכער ניט איז בעשעפעניס. ער איז ניט עהנליך צו קיין חיה און אויך ניט צו אַ מענשען, און דעריבער קען ער שוין אויך ניט האָבען די געוועהנליכע מענשליכע אייגענשאַפטען: ער עסט ניט, ער שלאָפט ניט, ער האָט ניט קיין תאוות, קיין ליעבעס־ליידענשאַפטען און ד. גל. ער איז אן א ב ס ט ר א ק ט ע א י ד ע ע, אַ הוילער בעגריעף פון שטאַרקייט, יושר און ערנסטקייט.

דער מאָנאָטעאיסטישער בעגריעף וועגען גאָט איז אַלזאָ טאַקע העכער איידער דער פּאָליטעאיסטישער. פאַרוואָס־זשע האָט זיך ביי די אידען ענטוויקעלט דער מאָנאָטעאיזם אין דער צייט ווען ביי די גריכען — דער פּאַליטעאיזם? פאַרוואָס איז „יעהאָוואַ“ ארויסגעטראָטען גאָר אין אנאַנדער געשטאַלט איידער „צעאוס“?

די אורזאַכע דערפון איז דאָס, וואָס בעת די אידען פון איין זייט און די גריכען פון דער אנדער זייט האָבען אנגעהויבען אריבערטרעטען פון „פעטישיזם“ צו אַ העכערע פאָרם פון רעליגיאָן, האָבען די אידען זיך געפונען אין אנאַנדער צושטאַנד פון קולטור איידער די גריכען.

גריכענלאַנד איז א קליינעס לאַנד, וועלכעס דער ים שווינקט ארום פון דריי זייטען. די ברעגען זיינען הויכע, בערגיגע און שטעלען מיט זיך פאָר גוטע האַפענס פאַר די שיפען. דער ים ארום גריכענלאַנד איז א שטילער און איז אויסגעזעצט מיט זעהר פיעל אינזלען, און צו דערגרייכען פון גריכענלאַנד צו די רייכע און פרוכטבאַרע ברעגען פון קליין־אזיען, איז זעהר א לייכטע זאַך. די נסיעה קען מען מאַכען אפילו אויף קליינע און לייכטע שיפען, איבערפאָהרענדיג פון איין אינזעל אויף דער אנדערער. דאָס לאַנד גופא איז בעדעקט מיט בערג, אָבער דיעזע בערג זיינען ניט קיין הויכע, זיינען בעדעקט מיט וועלדער און ענטהאַלטען אין זיך פיעל מעטאַלען.

עס פערשטעהט זיך ממילא, אז דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך בעזעצט אין אַזאַ געגענד, האָט זיך זעהר פריה אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט האַנדעל, און צוליעב דעם האַנדעל האָט דאָרטען שוין אין די סאַמע ערשטע צייטען זיך ענטוויקעלט א הויכע אינדוסטריע. און דאָרט, וואו עס ענטוויקעלט זיך א הויכע אינדוסטריע, וואו מען פאַבריצירט פערשיעדענע אינסטרומענטען און זאַכען פון האָלץ, שטיינער

האט זיך אנגעהויבן ארויסצואווייזן א הילוק צווישן פערשיעדענע רעליגיאנען לויט דעם קולטור־צושטאנד פון דעם אדער יענעם פאלק. ביי איניגע פעלקער האט זיך ענטוויקעלט דער „פאליטעאיזם“, ביי אנדערע — דער „מאנאטעאיזם“.

דער אונטערשיעד צווישען פאליטעאיזם און מאנאטעאיזם ליעגט אלזא ניט אין דעם גלויבען אין איין גייסטיגען וועזען אדער אין פיעלע אזעלכע וועזענס. אין דיעזער הינזיכט אין דער מאנאטעאיסטישער גאט „יעהאווא“, דער גאט פון די אידען, פונקט דאזעלבע ווי דער פאליטעאיסטישער „צעאוס“, דער פאטער פון אלע געטער ביי די גריכען. פונקט אזוי ווי „צעאוס“ געוועלטיגט איבער גאנצע מחנות קלענערע געטער, אזוי איז אויך „יעהאווא“ ארומגערינגעלט מיט זיין „פמילה של מעלה“ און מיט גאנצע ארמיען מלאכים און שרפים. און פונקט אזוי ווי דער אמאליגער גריכע פלעגט זיך אפט ווענדען נאך הילפע ניט צו צעאוס, נאר צו „אפאלאן“, „ווענוס“, און ד. גל., אזוי לייגט אפט דער פרומער איד זיינע האפנונגען ניט אויף דעם רבונו של עולם אליין, נור אויף „אליהו הנביא“, אויף דער „מלאך גבריאל“ און ד. גל.

דער אונטערשיעד צווישען פאליטעאיזם און מאנאטעאיזם ליעגט אין דער פארשטעלונג וועגען דעם ג ע ש ט א ל ט און כ א ר א ק ט ע ר פון די גייסטיגע וועזענס און בעזונדערס פון דעם הויפט־גאט. די פאליטעאיסטען האבען זיך פארגעשטעלט זייערע געטער אין דעם געשטאלט פון ל ע ב ע ד י ג ע ב ע ש ע פ ע נ י ס ע ן, הויפטזעכליך אין דעם געשטאלט פון מענשען. „צעאוס“ איז קודם כל א מ ע נ ש, מיט דעם אונטערשיעד, וואס ער איז אונגעהויער שעהן, מעכטיג און אונשטערבליך. און זייענדיג א מענש, זיינען אלע זיינע האנדלונגען און אויפפיהרונגען ריין מענשליכע. ניט נור ער פערליעבט זיך אין פרויענצימער און איז שטענדיג פול מיט תאוה, אייפערזוכט, קנאה און שנאה, ניט נאר ער האט צו טאן מיט געגנער און קעמפפט פאר הערשונג און געוועלטיגקייט, נאר ער איז א מענש אויך אין דעם זינען, וואס ער עסט „אמווראזיע“ און טרינקט „נעקטאר“.

אנדערש האבען זיך פארגעשטעלט זייערע געטער די מאנאטעאיסטען. דער אידישער „יעהאווא“ האט ניט קיין בעשטימטען גע־

די גאַנצע לופט איז פול מיט רוחות און נשמות, וועלכע מען קען ניט זעהן, נאָר מען פיהלט זייער ווירקונג אויף יעדען שריט און טריט. אַט דיעזע נשמות פון געשטאָרבענע האָבען זיך אַליין מעהר און מעהר פערוואַנדעלט אין געטער, מלאכים און שדים, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אויף הויכע בערג אָדער אין הימעל, און האָבען אויסגע־בילדעט אַ גאַנצע הימלישע מלוכה.

ווי־זשע וויזען אויס דיעזע געטער און מלאכים ? וואָס איז זייער כאַראַקטער, און מיט וואָס שיידען זיי זיך אונטער איינע פון די אנדערע ?

אויף די ערשטע שטופען פון ענטוויקלונג קענען די מענשען ניט געבען קיין בעשטימטען ענטפער אויף אזא פראגע. די פיזיאָנאָמיע



פיגור 43. געטער אין סאַראַוואַקאַ (נאָרד־באָרנעאָ).

און דער כאַראַקטער פון די געטער איז נאָך אַזוי אונבעשטימט, אז יעדער פון זיי איז אין אלגעמיין עהנליך צו אַלע אַנדערע, און דער מענש שטעלט זיך ניט די פראגע, צו וועלכען פון זיי צו ווענדען זיך אין דעם אָדער יענעם פאל. און אַט די אונבעשטימטקייט פון די געטער, די אונקלארקייט פון פאָרשטעלונג וועגען זייערע אייגענ־שאַפטען און מדות — דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער געשטאַלט פון דער רעליגיאָן, וועלכע מען רופט אָן „פעטישיזם“.

אויף די העכערע שטופען פון קולטור האָבען מענשען אָנגעהויבען זיך פערטראַכטען איבער דער פראגע : ווי וויזען אויס זייערע גע־טער ? וואָס פאר אייגענשאַפטען און מדות האָבען זיי ? און דאָ

די ערד איז געוואָרען. אזוי האָט ער אויך בעשאַפען די זונן, די שטערען, די בוימער און די קענגורוס“.

אַזעלכע פאַקטען ברענגען די עטנאָגראַפען און קולטור־היסטאָריקער גאַנצע הונדערטער. וואָס־זשע בעווייזען דיעזע פאַקטען? זיי בעווייזען, אַז עס איז ניט ריכטיג די מיינונג, אַז די ענטוויקלונג פון רעליגיעזען גלויבען געהט כלומרשט פון פעטישיזם צו פאַליטעאיזם און פון פאַליטעאיזם צו מאָנאָטעאיזם. אויף וויפיעל מיר ריידען וועגען גלויבען ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסען, מוזען מיר זאָגען, אז אָט די דריי עלעמענטען — פעטישיזם, פאָליטעאיזם און מאָנאָטעאיזם — זיינען אַלע מאָל אַזוי אויסגעמישט, דאָס עס איז שווער אָבצוטיילען איין עלעמענט פון צווייטען.

נאָר אויב דער „מאָנאָטעאיזם“ הייסט ניט דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט — וואָס־זשע בעדייטעט דיעזעס וואָרט? מיט וואָס־זשע שיידעט זיך אונטער למשל, די רעליגיאָן פון אידישען פאָלק, וואו עס האָט געהערשט דער „מאָנאָטעאיזם“, פון דער רעליגיאָן פון די גריכען, וועלכע זיינען געווען „פאָליטעאיסטען“?

דער אונטערשיעד צווישען די רעליגיאָנען ליעגט ניט אין דעם גלויבען אין איין איבערנאַטירליכען וועזען אָדער אין פיעלע אַזעלכע וועזענס. אין דעם פּרט זיינען כמעט אַלע רעליגיאָנען גלייך איינע צו די אַנדערע. דער אונטערשיעד ליעגט אין דער פאָרשטעלונג וועגען דעם כאַראַקטער פון דיעזע וועזענס, אין דער פאָרשטעלונג וועגען זייערע איינגענשאַפטען. דער אונטערשיעד צווישען דעם אידישען מאָנאָטעאיזם און גריכישען פאָליטעאיזם ליעגט אין דעם, וואָס די גריכען האָבען זיך פאָרגעשטעלט זייערע העכסטע געטער גאָר אויף אַן אַנדער אופן איידער די אידען.

8.

דער אָנהויב פון יעדער רעליגיאָן — ווי מיר האָבען שוין געזעהן — נעהמט זיך פון דער איבערציינונג, אז יעדער מענש און יעדע לעבעדיגע בעשעפענים בעשטעהט פון צוויי בעזונדערע טיילען — פון גוף און נשמה. דער מענש לעבט, ווען די נשמה געפינט זיך אין איהם, און ער שטאַרבט, ווען די נשמה געהט פון איהם אַוועק.

אין די אַלע זאכען געפינען זיך רוחות און נשמות פון געשטאָרבענע. אין דער זעלבער צייט גלויבען זיי אין דער עקזיסטענץ פון פערשיעדענע געטער און מלאכים, וועלכע האָבען ניט קיין בעשטימטע וואוינונג און טראָגען זיך אַרום איבער דער וועלט, ברענגענדיג איינעם גליק, דעם צווייטען צרות און יסורים. גאָר דערמיט ענדיגט זיך נאָך ניט די רעליגיאָנס־לעהרע פון די גודזאמען. זייער תורה לערענט נאָך, אַז אויסער די אַלע געטער און רוחות עקזיסטירט איין אַלמעכטיגער גאָט, וועלכער רופט זיך „דער אַלטער אונשטערבליכער מאַן“, „דער גרויסער גייסט“, „דער גרויסער סוד“. וואָס־זשע זיינען די גודזאמען — פעטישיסטען, פּאָליטעאיסטען אָדער מאָנאָטעאיסטען?

„מאָנאָטעאיזם“ הייסט דער גלויבען אין איין איינציגען גאָט, דער מלך פון אלע מלאכים און רוחות, און מען זאָגט, אז די אידען האָבען דאָס די ערשטע אויסגעקלערט אַזאַ מין גלויבען. אָבער ניט די אידען אַליין האָבען אַזוי געגלויבט. אַזוי האָבען אויך געגלויבט די „פּאָליטעאיסטישע“ און אפילו „פעטישיסטישע“ פעלקער. די אַלטע עגיפּטער, וועלכע זיינען געווען „פּאָליטעאיסטען“, פלעגען נאָך מיט פינף טויזענד יאָהר צוריק דאַוונען צו זייער גאָט „אַמאָן־רא“ מיט דעם פּאָלגענדען נוסח: „געלויבט זאָלסטו זיין, דו הייליגער גאָט, אַלמעכטיגער בעשעפער, מלך פון געזעץ, פּאָטער פון אלע געטער, בעשעפער פון מענשען און חיות! דו מאַכסט וואַקסען די תבואות און גרייטסט צו עסען פאַר די חיות פון די פעלדער. דו ביסט דער איינציגער, וואָס צו דיר איז קיין גלייכען ניטאָ. דו טראָגסט אַזוי פיעל נעמען, וואָס מען קען זייער צאָהל ניט וויסען.“ איז דאָס ניט ריינער מ א נ א ט ע א י ז ם? אָדער נעהמען מיר די סאַמע ווילדע פעלקער. מ. מיללער ברענגט די בעשרייבונג פון איינעם אַ רייזענדען סאַלוואדא, וועלכער בעשרייבט די רעליגיאָן פון א געוויסען ווילדען שבט אויף די פּאָלינעזישע אינזלען מיט די פּאָלגענדע ווערטער: „די איינוואוינער פון דיעזע אינזלען האָבען ניט קיין בעזונדערע געטער, צו וועלכע זיי זאָלען ברענגען קרבנות, נאָר זיי גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון איין אַלמעכטיגען גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד. דיעזער גאָט רופט זיך מ אָ ט אָ ג ע ן. ער איז אַ גרויסער, שטאַרקער און קלוגער מענש, און בעשאַפענדיג די וועלט האָט ער נור געזאָגט: „ערד, קום אַרויס!“ ער האָט אַ בלאָז געטהאָן און

גלויבען, אַז דיעזע זאַכען האָבען אַ איבערנאַטירליכע קראַפט צו ברענגען דעם מענשען נוצען אָדער שאַדען. ביי די ווילדע און באַר־באַרישע פעלקער איז ברייט פערשפרייט אַזאַ ארט גלויבען. אָבער אַזאַ ארט גלויבען איז געווען פערשפרייט ניט נאָר ביי דער פאַרציי־טיגער ווילדער מענשהייט, נאָר ער האָט זיך אויך געהאַלטען ביי די „פאָליטעאיסטישע" פעלקער פון אַלטערטום און האַלט זיך נאָך איצט ביי די „מאָנאָטעאיסטישע" פעלקער פון היינטיגער צייט. האָ־בען דען די ריינסטע מאָנאָטעאיסטען — אונזערע פרומע זיידעס און עלטער־זיידעס —ניט געגלויבט אין דער וואונדערליכער קראַפט פון קמיעות, וואָלף ציינדלעך, הייעלעך, לחשים און סגולות ?

„פאָליטעאיזם" הייסט אַזאַ ארט רעליגיאָן, וואו דער גלויביגער איז איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירען אַ סך געטער און רוחות, וואָס יעדער גאָט און רוח האָט זיין ספּעציעלע בעשעפטיגונג : איינער איז דער גאָט פון ווינד, דער צווייטער — דער גאָט פון דונער, דער דריטער — דער גאָט פון רעגען א. ז. וו. אַזאַ ארט רעליגיאָן, זאָגט מען, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ציוויליזירטע פעלקער פון אַל־טערטום, ווי די גריכען, רוימער, עגיפּטער, כאַלדעער, אינדיאַ־נער און ד. גל. אַז אַזאַ ארט גלויבען איז געווען פערשפּרייט ביי דיע־זע פעלקער — דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט. אָבער אַזאַ ארט גלוי־בען איז כאַראַקטעריסטיש ניט נור פאַר זיי, נאָר אויך פאַר די ווילדע „פעטישיסטען" און פאַר די מעהר ציוויליזירטע „מאָנאָטעאיסטען". קיין איינציגער פרומער איד און קריסט בענוגענט זיך ניט מיט דעם גלויבען נור אין דעם „איין איינציגען גאָט". ארום דעם רבונו של עולם געפינען זיך גאַנצע מחנות פון מלאכים און רוחות, ווי דער „מלאך גבריאל", דער „מלאך רפאל", דער „מלאך המות" א. ז. וו., וואו יעדער מלאך און יעדער רוח האָט זיין בעזונדערע „שליחות". זיין ספּעציעלע בעשעפטיגונג. איז דאָס ניט ריינער פּאָליטעאיזם ?

און די ווילדע פעלקער, וועלכע מען כאַראַקטעריזירט אַלס „פעט־טישיסטען", זיינען אויך ניט קיין ערגערע „פּאָליטעאיסטען" ווי די אַמאָליגע גריכען און די היינטיגע אידען. די ווילדע גודזאָמען, למשל, זיינען געצענדיענער. ווי די עטנאָגראַפען דערצעהלען, פער־געטערען זיי שטיינער, ביימער, צווייגען, שטיקלעך קאָרע, וואָרצ־לען, נעגעל פון פויגלען, ציינער, פעל, פעדערען, מיינענדיג, אַז

בען. אַ מאָל זיינען מענשען געווען פעטישיסטען, דערנאָך אין גאַנג פון ענטוויקלונג זיינען זיי געוואָרען פּאָליטעאיסטען, און נאָך שפּע־טער זיינען זיי געוואָרען מאָנאָטעאיסטען.


איז ריכטיג אַזאַ ערקלערונג ?

עס איז גענוג עטוואָס טיעפער אַריינדרינגען אין דיעזער פראגע, אום צו זעהן, אַז אַזאַ ערקלערונג איז ניט ריכטיג.

דאָס גענויערע צוקוקען זיך צום רעליגיעזען לעבען פון פערשיע־דענע פעלקער בעווייזט, אַז די ענטוויקלונג פון רעליגיעזע אידעען איז קיינמאָל ניט געגאַנגען פון פעטישיזם צום פּאָליטעאיזם און פון פּאָליטעאיזם צום מאָנאָטעאיזם אין דעם זינען ווי מען פערשטעהט עס. אין דער ווירקליכקייט איז יעדער גלויבענדער מאַסען־מענש, פון היינט און אויך פון אַ מאָל, אַ פעטישיסט, פּאָליטעאיסט און מאָנאָטעאיסט אין איינער און דערזעלבער צייט.

און אין דער אמת'ן, וואָס איז אַזוינס „פעטישיזם" ?

„פעטישיזם" הייסט די פערגעטערונג פון פשוט'ע מאטעריעלע זאכען, ווי ביינער, שטיינער, שטיקער האָלץ און ד. גל., און דער



פיגור 42. פעטישען אויף די אינזלען פון דרום־מזרח פון פאַסיפישען אָקעאַן.

זייער אייגענעם ווילען און קאפּריז. דאָס איז דער פּעריאָד פון פ ע ט י ש י ז ם.

נאָר שפּעטער, אין פערלויף פון הונדערטער יאָהרען, האָט זיך דער מענש ביסלעכווייז איבערציינט, אַז די בעזונדערע ערשיינונגען אין דער נאַטור זיינען ניט אַזוי פריי און זעלבסטשטענדיג, ווי ער האָט פריהער געמיינט. ער האָט בעמערקט, אַז די טייך אַליין האָט גאָר אַ קנאַפּע דעה איבער זיך, נאָר זי ווערט פערפראָרען שטענדיג אין איין צייט און צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע טייכען און בלאָטעס פון יענער געגענד. דיעזע ערפאהרונג האָט איהם געפיהרט צו דער איבערציינונג, אַז די טייך אַליין איז ניט זעלבסטשטענדיג און קען ניט טאָן וואָס זי וויל, נאָר זי האָט אַ געוויסע א ו ר ז אַ כ ע, וועלכע ליעגט אויסערהאַלב איהר און צווינגט איהר אין א געוויסער צייט פערפראָרען צו ווערען. דאָס זעלבע האָט ער אויך בעמערקט ביי אַלע אַנדערע ערשיינונגען פון דער נאַטור, אז יעדע בעזונדער איז ניט פריי און זעלבסטשטענדיג, נאָר זי האָט איהר א ו ר ז אַ כ ע — אַ געוויסע מאַכט, וועלכע צ ו ו י נ ג ט איהר צו זיין דוקא אַזוי און ניט אַנדערש. אָט דעריבער האָט דער מעהר ענטוויקעלטער מענש פערגעטערט שוין ניט די ערשיינונגען גופא, נאָר זייערע א ו ר ז אַ כ ע ן; פאר איהם האָט שוין ניט עקזיסטירט דער ו ו י נ ד אַלס גאָט, דער ר ע ג ע ן אַלס גאָט, די ט י י ך אַלס גאָט, נאָר עס האָט עקזיסטירט דער ג אָ ט פון ווינד, דער ג אָ ט פון רעגען, דער ג אָ ט פון טייכען און ז. וו. דאָס איז דער פעריאָד פון פ אַ ל י ט ע א י ז ם.

און נאָך שפּעטער, ווען דער מענש האָט נאָך בריטער און טיעפער ערקענט די נאַטור, איז ער געקומען צו דער איבערציינונג, אַז די א ו ר ז אַ כ ע ן גופא פון די ערשיינונגען זיינען אויך ניט קיין בעזונדערע וועזענס, נאָר זיי זיינען אייניג צוזאַמענגעבונדען צווישען זיך, און סוף כל סוף ווענדען זיי זיך אָן איין אַלגעמיינער אורזאַכע, וועלכע איז דער עיקר און דער שורש פון דער גאַנצער וועלט. און קומענדיג צו אַזאַ איבערציינונג, האָט דער מענש אָנגעהויבען צו גלויבען אין איין איינציגען גאָט. דאָס איז דער פעריאָד פון מ אָ נ אָ ט ע א י ז ם.

אַזוי ערקלערט מען דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון רעליגיעזען גלויי־

פון איין איינציגען גאָט, און אַזאַ גלויבען איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ציוויליזירטע פעלקער פון היינטיגער צייט.

פאַר וואָס ענטוויקעלט זיך דער רעליגיעזער גלויבען פון פעטי־שיזם צו פאָליטעאיזם און פון פאָליטעאיזם צו מאָנאָטעאיזם ?

אויף דיעזער פראַגע גיט מען געוועהנליך אַזאַ ערקלעהרונג :

שטעלט זיך פאָר אַ פאַרצייטיגען ווילדען מענשען, וועלכער ווייס ניט פון אַקערבוי, ווייס ניט פון פיה־צוכט און לעבט ווי אַ פשוטע קינד פון נאַטור, ערנעהרענדיג זיך מיט דעם, וואָס ער געפינט פאַר־טיגערהייד. דיעזער נאַטור־מענש האַלט זיך אויף געוועהנליך נעבען אַ טייכעל, וואו ער כאַפּט פיש און עסט זיי אויף. אין אַ קאַלטען פריה־מאָרגען קומט דער ווילדער צום טייכעל און וויל כאַפּען פיש, — ער זעהט — די טייכעל איז פערפראָרען געוואָרען ; זי האָט זיך בע־דעקט מיט אייז און ער קען קיין פיש ניט כאַפּען.

ווי קען דער ווילדער ערקלערען זיך אַזאַ ערשיינונג ?

ער דענקט, אַז דאָס איז אַ שפּיצעל פון דער טייכעל. זי איז געוואָרען אויף איהם ברוגז און דערפאַר האָט זי זיך בעדעקט מיט אייז און וויל איהם מעהר קיין פיש ניט געבען.

וואָס־זשע טוט מען ?

מען דאַרף די טייכעל ווי עס איז איינבעטען, אַז זי זאָל ניט זיין אַזוי שלעכט. מען דאַרף איהר ברענגען אַ מתנה, אַ קרבן, און דאָס וועט איהר מאַכען ווייכער און זי וועט אַראָבוואַרפען פון זיך דעם אייז.

דאָס איז דער געדאַנקען־גאַנג פון פאַרצייטיגען ווילדען מענשען.

דער פאַרצייטיגער ווילדער מענש האָט קיין שום בעגריעף ניט געהאַט וועגען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די ערשיינונגען פון דער נאַטור, און יעדע בעזונדערע ערשיינונג איז געווען אין זיינע אויגען אַ זעלבסטשטענדיגע זאַך, וועלכע איז פון קיינעם ניט אבהענגיג. דער ווינד בלאָזט, ווייל ע ר ו ו י ל בלאָזען ; דער רעגען שמייסט איהם, ווייל ע ר ו ו י ל איהם שמייסען ; די טייך איז פערפראָרען געוואָרען, ווייל זי האָט ג ע ו ו אָ ל ט פערפראָרען ווערען, און ז. וו. אָט דעריבער פלעגט דער פאַרצייטיגער מענש האַלטען דיעזע אַלע זאַכען פאַר געטער און פלעגט זיך צו זיי ווענדען מיט תפלות און קרבנות, גלויבענדיג, אַז זיי קענען אַלין טאָן לויט

און נ א ה ר ו נ ג. דער ווילדער אורטיילט יעדע זאַך נאָך זיך. כדי צו דערהאַלטען דעם לעבען, מוז ער עסען, און ווען ער איז הונ־געריג, איז ער זעהר אויפגערעגט און פיהלט זיך זעהר שלעכט. די זעלבע זאַך דענקט ער אויך וועגען די שאָטענס פון די געשטאָרבענע. זיי דארפען אויך האָבען זייער שפייז, נור אזוי ווי זיי זיינען זעהר דין, קענען זיי זיך אליין ניט בעזאָרגען, און דעריבער דארפען ווע־גען זיי זאָרגען די לעבעדיגע.

דאָס איז די אורזאכע פון די ת ע נ י ת י ם און ק ר ב נ ו ת, וועלכע שפּיעלען אַזאַ גרויסע ראָלע כמעט אין אַלע רעליגיאָנען. די סאַמע ווילדסטע מענשען, וועלכע פיהרען ניט קיין שום ווירטשאַפט און האָבען ניט קיינע זאַפּאַסען, שפייזען זייערע געטער הויפּטזעכ־ליך מיט תעניתים, דאָס הייסט, עטליכע טעג אין יאָהר קלייבען זיי ניט קיין פּרוכטען, כאַפּען ניט קיין פיש און ליעגען הונגעריגע, כדי דאָס, וואָס האָט געזאָלט זיין פאַר זיי, זאָלען צונעהמען די שאָטענס און רוחות.

און שפּעטער, בשעת מענשען האָבען אָנגעהויבען פיהרען אַ ווירטשאַפט און ביי זיי זיינען געוואָרען זאַפּאַסען — האָבען זיי אויך אָנגעהויבען ברענגען קרבנות און בכלל שענקען די געטער פערשיע־דענע מתנות.

7.

מיר ווייסען אַלזאָ ווי אַזוי די רעליגיאָן האָט זיך אָנגעהויבען איצט איז די פראגע — ווי איז געגאַנגען איהר ע נ ט וו י ק־ל ו נ ג?

זינט דעם בעריהמטען פראנצויזישען פילאָזאָף אָוגוסט קאָנט, איז כמעט ביי אַלע היסטאָריקער אָנגענומען די מיינונג, אַז די ענט־וויקלונג פון רעליגיאָן געהט דורך די פאָלגענדע דריי שטופען: פ ע־ט י ש י ז ם, פּ אָ ל י ט ע א י ז ם און מ אָ נ אָ ט ע א י ז ם. „פעטישיזם“ הייסט געצענדיענעריי, און דיעזע רעליגיאָן איז כאַראַק־טעריסטיש פאַר די ווילדע און באַרבאַרישע פעלקער. „פּאָליטעאיזם“ הייסט דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון פיעלע געטער, און אַזאַ אַרט גלויבען איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ציוויליזירטע פעלקער פון אַלטערטום. „מאָנאָטעאיזם“ הייסט דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ

וואָס־זשע איז דער טוידט ?

דער טוידט איז איינפאך דאָס, וואָס דער שאָטען, דער צווייטער „איך“ האָט אויף אַלע מאָל פערלאָזען דעם מענשען. אָהן דעם שאטען קען שוין דער מענש ניט לעבען, ער ווערט צופוילט און פון איהם בלייבט גאָרנישט. אָבער דער שאָטען, דער צווייטער „איך“ בלייבט עקזיסטירען אפילו נאָכ'ן טוידט פון מענשען. אין דעם איבערצייגט זיך דער ווילדער וויעדער דורכ'ן חלום. גאַניץ אָפט חלום'ט זיך איהם, אַז זיין פאטער, זיין מוטער, אָדער זיינער אַ פריינד, וועלכער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, און איז שוין לאַנג צופוילט געוואָרען, קומט צו איהם אין חלום, רעדט מיט איהם און פערברענגט מיט איהם ווי אין די אַמאָליגע צייטען, בעת ער האָט נאָך געלעבט. וואָס־זשע קען דאָס זיין, — אויב ניט דער שאָטען, דער צווייטער „איך“ פון געשטאָרבענעם ? אָט דעריבער דענקט דער ווילדער, אַז נאָכ'ן טוידט פון מענשען בלייבט זיין שאָטען אָדער זיין צווייטער „איך“ עקזיסטירען.

וואו־זשע טהוען זיך אַהין די שאָטענס פון די געשטאָרבענע ?

זיי בלאָנקען דאָ אַרום אין די פעלדער און וועלדער, בעזעצען זיך אין בוימער, אין שטיינער, אין חיות. אייניגע פון זיי פערפליהען הויך אויפ'ן הימעל, אויף דער זון, אויף דער לבנה, אויף די שטערען. אַנדערע קריכען אַריין אין דער ערד, — און בכלל איז די גאַנצע נאַטור אַרום און אַרום פול מיט אָט דיעזע רוחות אָדער שאָטענס פון געשטאָרבענע.

און גלייך ווי דער ווילדער מענש איז געקומען צו דיעזער איבערצייגונג, האָט ער זיך שוין געקענט ערקלערען אַלע געהיימניספולע ערשיינונגען פון דער נאַטור. דער ווינד בלאָזט, דער דונער הילכט, דער רעגען שמייסט — די אורזאכע פון דעם זיינען די ר ו ח ו ת, די נשמות פון געשטאָרבענע, וועלכע ליאַרמען און פילדערען מיט גרויס כעס. די זעלבע זאך איז אויך מיט פערשיעדענע קראַנקהייטען. איינער איז קראַנק געוואָרען, — דאָס איז וויעדער אַ בייזער רוח אַריין אין איהם און פייניגט איהם, א. ז. וו.

פאַר וואָס־זשע זיינען די רוחות אין כעס ? וואָס ווילען זיי פון די מענשען ?

וויבאלד די רוחות עקזיסטירען, מוזען זיי האָבען ש פ י י ז

געהט און ווען ער לויפט, האָט אויך מיט זיך אַ שוואַרצען זעהר דינעם מענשען, וואָס ליעגט אויסגעצויגען איבער דער ערד און איז עהנליך צו איהם. און די זעלבע זאַך איז ניט נור מיט אַ מענשען אַליין. חיות און פויגלען, בוימער און שטיינער האָבען אויך שאָטענס, און יעדער שאָטען איז עהנליך צו דעם געגענשטאַנד, מיט וועלכען ער איז פערבונדען.

וואָס־זשע איז אַזוינס דער שאָטען ? וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג ווערט צוליעב דעם בעשאַפען ביים ווילדען מענשען ?

דער ווילדער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז יעדע זאַך האָט אַ צווייענדיגען „איך“ — דער ק ע ר פ ע ר און דער ש אָ ט ע ן אָדער אַ צווייטע זאַך, אַ שוואַרצע אָדער ווייסע, וואָס איז עהנליך צום קערפער, נור זי איז זעהר דין און פלינק, דאָס מען קען איהר קיינמאָל ניט כאַפען מיט די הענד.

און וויבאַלד דער מענש איז געקומען צו דיעזער איבערצייגונג, זיינען איהם שוין קלאָר געוואָרען די צוויי וואונדערליכע ערשיינונגען, וועלכע ער האָט פריהער ניט געקענט פערשטעהן — דער שלאָף מיט'ן חלום און דער טוידט.

ווען ער כאַפט זיך אויף פון שלאָף, און דער חלום פון איין זייט מאַכט איהם זיכער, אַז ערשט האָט ער זיך געבאָדען אין טייך און געכאַפט פיש, און די חברים פון דער אַנדער זייט פערזיכערען איהם, אַז ער איז אין דער זעלבער צייט גאָר געלעגען אין וואַלד און האָט געשלאָפען, ערקלערט זיך דער ווילדער דיעזען מערקווירדיגען געגענזאַץ דערמיט, וואָס בעת ער איז דאָ געלעגען אין וואלד און האָט געשלאָפען, איז זיין צווייטער „איך“, דער שאָטען, אַוועק צום טייך, האָט זיך דאָרטען געבאָדען און האָט טאַקע געכאַפט פיש. און טאַקע דערפאַר האָט ער „געשלאָפען“, ד. ה., געלעגען אונבעוועגליך, ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג קיין זאַך, ווייל דער שאָטען, דער צווייטער „איך“ איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען. און ער האָט זיך געקענט אויפכאַפען און ווערען לעבעדיג און בעוועגליך נור דאַן, ווען דער צווייטער „איך“ איז צו איהם צוריק געקומען.

דער צווייטער „איך“, דער שאָטען, איז אַלזאָ, די אורזאַכע פון דעם, וואָס ער איז ל ע ב ע ד י ג, וואָס ער קען געהן, שטעהן, זעהן און הערען.

פּאַקט האָט דער ווילדסטער מענש ניט געקענט ניט בעמערקען און האָט איהם געמוזט זיך אַזוי אָדער אַנדערש ערקלעהרען.

די זעלבע זאַך האָט ער זיך אויך געמוזט פערטראַכטען איבער אַן אַנדער ערשיינונג. דאָס איז — דער ש ל אָ ף מיט'ן ח ל ו ם.

דער ווילדער ליעגט צווישען אַ קאָמפּאַניע חברים און ווערט אַנ־שלאָפען. איהם חלום'ט זיך אַ חלום. איהם חלום'ט זיך, למשל, אַז ער שווימט אין טייכעל, האָט אַנגעכאַפּט פּיש, ארויף אויפ'ן ברעג, פאַנאַדערגעלעגט אַ פייער, אָבגעבראָטען די פיש און געמאַכט אַ גוטען מאכל. ער כאַפּט זיך אויף, און — ווי עס טרעפט זיך מיט יעדען מענשען — דער חלום איז געוועזן אַזוי העל, אַז עס דוכט זיך, די זאַך איז טאַקע געוועזן אַזוי. דער ווילדער, וועלכער האָט ניט קיין בעגריעף וועגען חלום און קען ניט מאַכען קיין אונטערשיעד צווישען ווירקליכ־קייט און ניט־ווירקליכקייט, מיינט, אַז אַלץ, וואָס איהם האָט זיך געחלום'ט, איז טאַקע געוועזן אויפ'ן וואָהר. ער דערצעהלט זיינע חברים וואָס מיט איהם האָט ערשט פּאַסירט. אָבער זיינע חברים טענה'ן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליעגען, ווייל די גאַנצע צייט איז ער דאָ געלעגען און געשלאָפען. וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? — טראַכט ביי זיך דער ווילדער. ווי קומט עס, אַז אי איך בין געלעגען און געשלאָפען, אי איך האָב געכאַפּט פּיש און געבראָטען אַ מאכל?

די ערקלערונג בעקומט דער ווילדער דורך אַ ד ר י ט ע ר ער־שיינונג, וועלכע ער האָט ניט געקענט ניט בעמערקען און וועלכע האָט אַרויסגערופען זיין פערוואונדערונג. דאָס איז — די פאָרשטעל־לונג וועגען ש אָ ט ע ן.

דעם ווילדען טרעפט אָפט, דאָס ער גנב'עט זיך אונטער ביי־נאַכט, אויסצושפּיאָנירען זיין שונא, פערכאַפּען עפּעס, אָדער צו־ליעב אַן אַנדער צוועק. ער לויפט איבער'ן פעלד, די לבנה שיינט, און ער קוקט זיך אַרום צי לויפט איהם אימיצער ניט נאָך. ער קעהרט זיך אום און בעמערקט, ווי נאָך איהם לויפט זיין ש אָ ט ע ן — אַ שוואַרצער, זעהר דינער מענש, מיט אַ קאָפּ, מיט הענד און מיט פיס, — און וואוהין ער זאָל ניט לויפען, צו וועלכער זייט ער זאָל זיך ניט קעהרען, איז דיעזער דינער שוואַרצער מענש שטענדיג מיט איהם. און אָט די ערשיינונג זעהט ער ניט נור ביי זיך. ער האָט בעמערקט ווי אויך יעדער פון זיינע חברים, ווען ער זיצט, ווען ער

די פֿאָרשטעהער פון דער „אַנימיסטישער“ טעאָריע ערקלעהרען דאָס אויף אַזאַ אופן:

אַז דער אונוויסענדער ווילדער מענש, וועלכער קען ניט צעהלען ביז דריי און טראַכט זעהר וועניג, קען זיך ניט ארומטראָגען מיט פֿאַנטאַסטישע פאַנטאַזיען און מיט אַן ענציקונג פון דער שעהנקייט, פראַכט און האַרמאָניע, וואָס הערשט אין דער נאַטור; אַז ער קען זיך ניט אריינלאָזען אין חקירות וועגען דער אורזאַכע פון אַלע אורזאַכען און וועגען דער צוועקמעסיגקייט פון אַלגעמיינעם לעבען — דאָס קען יעדערער גרינג פֿערשטעהן. און דעריבער, ווען דער ווילדער מענ'ש בע־שאַפֿט זיך א רעליגיאָן, ד. ה., א גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון גייסטיגע וועזענס, וועלכע מען קען ניט זעהן מיט די אויגען, — ענטשטעהט דיעזער גלויבען ניט פון פאָעטישער ענטציקונג און פילאָזאָפישען דענקען, נור פון א גאַנץ איינפאַכער און פשוט'ערער זאַך.

דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון רוחות און גייסטער נעהמט זיך פון דריי איינפאַכע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען בעשאַפֿען גע־וואָרען ביים מענ'שען נאָך אויף די סאַמע ערשטע שטופען פון זיין ענטוויקלונג: ערשטענס, די פאָרשטעלונג וועגען טוידט; צוויי־טענס, די פאָרשטעלונג וועגען חלום און דריטענס, די פאָרשטע־לונג וועגען שאָטען.

דעם ווילדען קענען קימערען נור אַזעלכע געהיימניסע אין דער נאַטור, מיט וועלכע ער בעגעגענט זיך גאַנץ אָפט און וועלכע ער מוז זיך אַזוי אָדער אַנדערש ערקלעהרען. איינער פון אַזעלכע סודות, וועל־כע מאַכען ערשטוינט דעם ווילדען מענ'שען, איז — דער טויט.

דער ווילדער זעהט, ווי זיין פריינד, זיין ברודער אָדער זיין פאָ־טער, וועלכער איז דאָ ניט לאַנג געוועזען פריש און מונטער, געגאַנגען און בעוועגט זיך גלייך מיט איהם, ליעגט איצט אונבעוועגליך, אָהן א ריהר און אָהן א קעהר. דאַכט זיך, דער מענש איז דערזעלבער, מיט דעם זעלבען קאָפּ, מיט די זעלבע האָר, מיט די זעלבע הענד און פיס, — און דאָך, ווי פיעל מען זאָל איהם ניט שטופען און וועקען, קען ער זיך ניט א ריהר טהאָן פון אָרט. אין א פּאָאר טעג ארום הויבט דער־זעלבער מענ'ש אָן צו פוילען, פערליערט די הויט און פלייש און פון איהם בלייבט נור א סקעלעט פון ביינער. מיט דעם וואונדערליכסטען

מיר זיך צוקוקען צו די זיטען און מנהגים ביי די ווילדע שבטים פון היינטיגער צייט.

און די זעלבע זאַך איז אויך מיט דער ר ע ל י ג י אָ ן. די רע־ליגיעזע אידעען און צערעמאָניעס פון די אונציוויליזירטע פעלקער קענען אונז דיענען אַלס ביישפּיעל פון דעם, וואָס איז געווען די רע־ליגיאָן אין די סאַמע ערשטע צייטען.

6.

וואָס־זשע זיינען די רעליגיאָנען פון די ווילדסטע פעלקער און שבטים?

ספּענסער האָט צוזאַמענגעקליבען אַ אונגעהויערע צאָהל פאַקטען, וועלכע בעווייזען, אַז די רעליגיאָן כמעט פון אַלע ווילדע שבטים בע־שטעהט הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס יעדעס הויז און יעדע משפּחה איז מקריב קרבנות און ווענדעט זיך מיט תפילות און געבעטען צו די נשמות פון די לאַנג־אָבגעשטאָרבענע זיידעס און עלטער־זיידעס. טיילאָר פון זיין זייט האָט אויך אָנגע־קליבען מאַסען פאַקטען, וועלכע בעווייזען אויך דאָס זעלבע. דערפון זיינען זיי ביידע געקומען צום שלוס, אַז אומעטום, וואו די רעליגיאָן האָט זיך געפונען אויף די ערשטע שטופען פון ענטוויקלונג, איז זי בעשטאַנען אין דעם גלויבען און קולט (עבודה, דיענסט) פון רוחות און נשמות.

די ווילדע ווערדאַכען פון אינזעל ציילאָן בעהויפּטען, אַז יעדער מענש נאָכ'ן טויט ווערט אַ רוח, אַ שד; אין דעם בעשטעהט אויך די אמונה פון די נעגריטאָסען אויף די אַנדאַמאַנישע אינזלען; אזוי גלוי־בען אויך די ווילדע שבטים פון אויסטראַליען, די בושמענען פון דרום־אַפריקאַ, די עסקימאָסען פון צפון־אַמעריקאַ א. ז. וו. מיט איין וואָרט, דער גלויבען אין רוחות און נשמות איז פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט ביי די אַלע ווילדסטע פעלקער און שבטים.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזאַ גלויבען? ווי אזוי האָבען ווילדע און אונוויסענדע מענשען געקענט זיך איבערצייגען אין דעם, אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט רוחות און גייסטער, וועלכע מען קען ניט זעהן און הערען?

בליעבען פון די אוראלטע צייטען, ווען אונזערע אבות אבותינו, כדי אויסצודריקען זייער פריעדליכע כונה, פלעגען טהאָן ווי די ווילדע אנדאַמאַנער פון היינטיגער צייט, ד. ה., זיי פלעגען אויסטהאָן זייער מיליטער־הוט און פלעגען אוועקלעגען זייער געוועהר.



פיגור 41. אַ פריעדליכע בעגריסונג ביי די נאָרד־אַמעריקאַנישע אינדיאַנער (דאָס געוועהר לעגט ער אויף דער ערד און די הענד הויבט ער אויף אין דער הויך).

וואָס בעווייזט דיעזער פאַקט ?

דיעזער פאַקט מיט נאָך טויזענדער אנדערע, וועלכע די קולטור־היסטאָריקער ברענגען, בעווייזען, אַז דאָס לעבען פון די פּאָרהיסטאָרישע מענשען מיט פיעלע טויזענדער יאָהרען צוריק איז אין פיעל פּרטים זעהר עהנליך צום לעבען פון די ווילדע אין היינטיגער צייט. און דע־ריבער, ווילען מיר וויסען — וועלכע זיטען און מנהגים, אידעען און פּאָרשטעלונגען האָבען געהערשט אין די איראַלטע צייטען, — דאַרפען

אן אויסגעבויגענעם שטעקען, מיט א שפּיציגעןביין אדער שטיין, וועל־
כער איז צוגעבונדען צו זיין עק. גראָד אזעלכע „מאָטיקעס“ געפינען
מיר אויך אין ענגלאנד, פראנקרייך א. ז. וו. דאָס בעווייזט, אז די
פאַרצייטיגע איינוואוינער פון ענגלאנד אָדער פראנקרייך האָבען בע־
ארבייט די ערד פונקט אויף אזא אופן, ווי די היינטיגע ווילדע פון
אויסטראליען אָדער ניו־זעעלאנד. און אזוי איז מיט אנדערע אינסט־
רומענטען און כלי־זין. דערפון דארף מען קומען צום שלוס, אז די
פאַרצייטיגע מענשען פון פערשיעדענע היסטאָרישע לענדער האָבען
געלעבט אזוי, ווי עס לעבען היינט די ווילדסטע פעלקער פון אפריקא
אָדער אויסטראליען. דאָס הייסט, אז דאָס לעבען, זיטען און מנהגים
פון די היינטיגע ווילדע פעלקער קענען דיענען פאַר אונז אלס א בילד
פון דעם, ווי אזוי עס האָבען געלעבט אונזערע אבות אבותינו מיט
פיעלע טויזענדער יאָהרען צוריק.

און דאָ טרעט ארויס נאָך א דריטע ערפאַהרונג,
וועלכע בעווייזט די עהנליכקייט פון די פארהיסטאָרישע דורות מיט
דעם לעבען פון די אונציוויליזירטע פעלקער פון היינטיגער צייט.
דאָס זיינען די פיעלע זיטען און מנהגים, וועלכע מיר פּראַקטיצי־
רען אין אונזער לעבען, און וועלכע מיר קענען פערשטעהן נור
דאַן, ווען מיר קוקען זיך צו צום לעבען פון די ווילדע און באַרבאַרישע
שבטים.

למשל, ווען מיר טרעפען זיך אין א גאַס מיט א בעקאַנטען, בע־
גריסען מיר איהם מיט ארונטערנעהמען די הוט. פאַרוואָס טהוען מיר
דאָס? וואָרום איז דאָס ארונטערנעהמען די הוט א סמן פון בעגריי־
סונג אָדער העפליכקייט?

ווען א ווילדער אנדאַמאַנער טרעפט זיך אין וועג מיט א בעקאַנ־
טען אָדער אונבעקאַנטען מענשען און וויל ארויסצייגען, אז ער האָט
ברעה ניט צו שלאָגען זיך מיט איהם, לעגט ער פריהער אנידער זיין
שפּיז און טהוט אויס פון קאָפּ זיין מיטץ מיט די פעדערען, וועלכע
צייגט, אז ער איז א „א מאַן“, ד. ה., א קריעגער. דאָס זעלבע טהוט
אויך דער אנטקעגענגעקומענער מענש, און דאַן קומען זיי זיך צו־
נויף און געהען זיך פאַנאַנדער אויף א פריעדליכען אופן.

דיזעלבע זאַך איז אויך מיט אונז. דאָס ארונטערנעהמען די הוט
איז א סמן פון פריעדליכקייט, און דיעזער מנהג איז אונז איבערגע־

וויסען, ווי אזוי די רעליגיאָן האָט זיך אנגעהויבען, — מוזען מיר קודם־כל האָבען א בעגריעף וועגען דעם לעבען פון דעם פארצייטיגען פאָר־היסטאָרישען מענשען.

קיינע דירעקטע בעווייזע, ווי אזוי דער מענש האָט געלעבט אין די פאָרהיסטאָרישע צייטען, ווי ער האָט געדענקט און ווי ער האָט געטראכט, איז ביי אונז ניטאָ. און דעריבער האָבען מיר ניט קיין זיכערע ראיות, וועלכע זאָלען בעווייזען, אז די רעליגיאָן איז ענטשטאַנען דוקא אזוי און ניט אנדערש. אָבער עס איז פאראן א גאנצע רייהע א י נ ד י ר ע ק ט ע מיטלען, און אויף דעם גרונד פון דיעזע מיטלען קענען מיר בויען א מעהר אדער ווייניגער גענויע פאָרשטעלונג פון דעם, ווי אזוי עס האָט געלעבט און ווי אזוי עס האָט געדענקט דער פאר־צייטיגער פאָר־היסטאָרישער מענש.

די וויכטיגסטע פון דיעזע אינדירעקטע מיטלען זיינען פאָלגענדע:

קודם כל, די פ אָ ר ה י ס ט אָ ר י ש ע א ר כ ע אָ ל אָ ג י ע, ד. ה., פעלשיעדענע כלים, אינסטרומענטען און געוועהר, וועלכע מען געפינט אין דער ערד פון די פאָרהיסטאָרישע צייטען. גאנץ אָפט געפינט מען אין דער ערד שערבלעך פון ליימענע כלים, שטיקלעך געצייג, ביינער און פיילען, מיט וועלכע מענשען האָבען זיך בענוצט מיט פיעלע טויזענדער יאָהרען צוריק. און צוקוקענדיג זיך צו דיעזע פערשיעדענע כלים און געוועהר, קען מען האָבען א פאָרשטעלונג פון דעם ארט לעבען, וועלכען די פארצייטיגע מענשען האָבען געפיהרט.

וואָס־זשע איז געווען דיעזער ארט לעבען? קענען מיר האָבען וועגען איהם א פאָרשטעלונג?

דאָ טרעט ארויס א צווייטע ארט וויסענשאַפט — די ע ט נ אָ־ג ר א פ י ע, ד. ה., די בעשרייבונג פון לעבען און זיטען פון פער־שיעדענע ווילדע און בארבארישע פעלקער, וועלכע עקזיסטירען אין היינטיגער צייט. ווען מען קוקט זיך צו צו די כלים, געצייג און גע־וועהר פון די היינטיגע ווילדע שבטים, זעהט מען, אז זיי האָבען אן עהנליכקייט צו די פארצייטיגע כלים, געצייג און געוועהר, וועלכע מען גראָבט אויס פון דער ערד אין פערשיעדענע געגענדען פון איראָפא און אמעריקא. למשל, פערשיעדענע ווילדע שבטים אין אויסטרא־ליען אדער ניו־זעלאַנד אקערען די ערד מיט א „מאָטיקע“, ד. ה., מיט

זי האָט זיך פּראַקטיצירט ביי די פאָלקס־מאַסען, איז בעשטאַנען מייס־טענס פון מישונה'דיגע אַבערגלויבונגען און ווילדע צערעמאָניעס, וועלכע האָבען גיט קיין שום שייכות צו פּאָעטישע געפיהלען און צו אַ בענקשאַפט נאָך דאָס, וואָס איז אונענדליך.

און דריטענס, טרעט דאָ ארויס נאָך אַ וויכטיגערע פראַגע: אויב יעדע רעליגיאָן הויבט זיך אָן מיט דער פערגעטערונג פון די נאַטור־ער־שיינונגען און די געטער פון די אַלטע פעלקער זיינען געווען — דער הימעל און די ערד, די זון און די לבנה, בערג און ימים, — טאָ, פון וואַנען נעהמט זיך דער גלויבען אין רוחות און גייסטער, שדים און מלאכים, גיהנום און גן־עדן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער גלויבען אין „יענער וועלט" מיט פּאָעטישע ענטציקונג פאַר דעם זונען־אויפ־גאַנג אָדער מיט זינגען הימנען פאַר דעם מאָרגען־שטערען?

מ. מיללער'ס טעאָריע ערקלעהרט ניט דיעזע פראַגען, און דעריבער קען מען אויף איהר ניט קוקען, ווי אויף אַ ריכטיגע און וויסענשאַפט־ליך בעגריענדעטע.

געגען דער טעאָריע פון מ. מיללער טרעט ארויס אַן אנדער טעא־ריע, וועלכע גיט אַן אַנדער ער־קלעהרונג אויף דער פראַגע — ווי אַזוי זיינען ענטשטאַנען רעליגיאָנען. דאָס איז די טעאָריע פון „אַנימיזם", דאָס הייסט, די טעאָריע וועגען רוחות און נשמות, וועלכע איז אויסגע־אַרבייט און בעגרינדעט געוואָרען פון עדואַרד טיילאָר און הערבערט ספּענסער.

5.

ע. טיילאָר און ה. ספּענסער דענקען ניט, אז די הייליגע ביכער אפילו פון די סאַמע עלטסטע צייטען, קענען דיענען אלס מאַטעריאַל צו זעהן, ווי אזוי די אָדער יענע רעליגיאָן האָט זיך אנגעהויבען. ניט מיט דעם אידישען תנ"ך, ניט מיט די אינדישע „וועדאַ'ס" און ניט מיט אירגענד וועלכע אַנדערע הייליגע ביכער פון אַ געוויסען פאָלק פאַנגט זיך אָן דער רעליגיעזער גלויבען. די רעליגיאָן איז איינע פון די ע ל ט ס ט ע אידעען, וועלכע ענטשטעהט נאָך גאָר אין דער געדיכטער פינסטערניס פון פאָר־היסטאָרישען לעבען, ווען מענשען האָבען ניט נור ניט געקענט שרייבען און לעזען, נור זיי זיינען נאָך געווען פיעל נעהנטער צו חיות איידער צו מענשען. און דעריבער, אויב מיר ווילען

צו וואָס ער שטרעבט, און אָנרופען דאָס מיט אַ בעשטימטען נאָמען, — אָט דאָס האָט געצוואונגען די מענשען צו בעשאַפען זיך געטער.

דער אינהאַלט פון רעליגיאָן, דאָס געפיהל פון אונענדליכקייט איז אומעטום איינס און דאָס זעלבע, אבער די געטער זיינען גאַנץ פערשיעדען, ווייל יעדעס פאָלק האָט אויסגעדריקט דיעזען געפיהל און פאָרגעשטעלט זיך דיעזע זאַך אויף זיין שטייגער און לויט דעם צושטאַנד פון זיין ענטוויקלונג. „די רעליגיאָן — זאָגט ווייטער מאַקס מיללער — ליעגט אין דער לופט, און יעדער אטהעמט אין איהר אריין אזוי פיעל, וויפיעל ער בעדאַרף צו זיין לעבען. אלע פעלקער זיינען געגאַנגען מיט זייערע אייגענע וועגען איבער דעם מדבר, זוכענדיג דאָס אונענדליכע. פאַר געוויסע פעלקער בעווייזט עס זיך אין די ערשיינונגען פון דער נאַטור; ביי אנדערע, פערקעהרט, לאָזט עס זיך הערען נור אין טיעפסטען גרונד פון מענשליכען האַרץ...“

* * *

דאָס איז דער גרונד־געדאַנק פון מ. מיללער'ס טעאָריע וועגען דעם וועזען פון רעליגיאָן.

עס איז לייכט צו בעגרייפען, אַז אַזאַ טעאָריע מוז ארויסרופען פון אלע זייטען פיעל ערווידערונגען.

ערשטענס, גלויבט זיך ניט, אַז דער פאַר־היסטאָרישער ווילדער, וועלכער איז געווען אויפ'ן העכסטען אופן גראָב און אונוויסענד און איז אין פיעל פּרטים געווען מעהר חיה איידער מענש, — אַז אַזאַ ווילדער זאָל זיך אַריינלאָזען אין „השתפכות הנפש“, ער זאָל פיהלען אַ טיעפע בענקשאַפט נאָך עפּעס אונבעגרייפליכעס און זאָל שטרעבען זיך צוזאַמענגיסען מיט דער אונענדליכקייט. דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס לעגט זיך פשוט ניט אויפ'ן שכל.

צווייטענס, איז ניט ריכטיג, אַז די פאַרצייטיגע אינדישע רעליגיאָנען, וועלכע מ. מיללער נעהמט אָן אלס מוסטער פון אלע אַלטע רעליגיאָנען, איז בעשטאַנען אין דער פערגעטערונג פון די מעכטיגע און ערהאַבענע נאַטור־ערשיינונגען. די קולטור־געשיכטע פון אינדישען פאָלק בעווייזט, אַז די פאַרצייטיגע אינדישע רעליגיאָן, אויף וויפיעל

און דאָרט, וואו זיין זעה־קראַפט געהט ניט ווייטער און ברעכט זיך איבער, הויבט ער אָן צו פיהלען — ער מעג דאָס וועלען אָדער ניט — דעם דרוק פון דער אונענדליכקייט. דורך דעם ווערט ביי איהם געבאָרען א שטרעבונג צו בעפרייען זיך פון דיעזען דרוק, אָבטרייסלען איהם פון זיך, דורכברעכען דעם גרענעץ און אריינדרינגען ווייט־ווייט אין דער טיעפער אונענדליכקייט. און אָט דיעזעם שטרעבען צו בעגרייפען דאָס אונבעגרייפליכע און צו זעהן דאָס אונזיכטבאַרע — אָט דאָס איז דער טיעפסטער גרונדטאָן פון יעדער רעליגיאָן“.

דער אינהאַלט פון רעליגיאָן איז, אלזאָ, דאָס געפיהל פון אונענדליכקייט און דאָס שטרעבען צו איהר. אָבער דיעזע שטרעבונג צו בעגרייפען דאָס אונבעגרייפליכע און צו זעהן דאָס אונזיכטבאַרע, קען ניט בלייבען אינעווייניג, אין דעם מענשען, טיעף פערגראָבען ביי איהם אין הארץ, נור זי מוז זיך ארויסווייזען, ד. ה., זי מוז זיך אין עפּעס אויסדריקען.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ געפיהל אדער שטרעבונג קען זיך אויסדריקען אויף פערשיעדענע אופנים. „די טיעפע ענטציקונג, מיט וועלכער דער פּאָלינעזיישער שיפער קוקט אויף דעם אונענדליכען ברויזען פון ים; דער פריידען־אויסגעשריי, מיט וועלכען דער אַרישער פּאַסטוך בעגריעסט דעם אנהויב פון פריה־מאָרגען; די אטהעמלאָזע שטילקייט פון איינזאַמען וואַנדערער אין מדבר ביים לעצטען שיינענדען שטראַהל פון דער זון, ווען ער פערשליעסט זיינע מיעדע אויגען אין טיעפען דרעמעל און טראַכט אריבער זיינע טרוימענדע געדאַנקען אין ווייטען היימאַט, — דאָס אלץ זיינען פערשיעדענע פאָרמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס איין און דאָסזעלבע געפיהל, דאָס אלץ זיינען פערשיעדענע נגונים, וועלכע עס שפּיעלט איינע און דיזעלבע סטרונע“.

נור פאַר דעם מענשען איז נאָך ווייניג, וואָס ער פיהלט אין זיך דעם דרוק פון דער אונענדליכקייט און וואָס ער ווייזט ארויס דיעזען געפיהל אויף פערשיעדענע אופנים. דער מענש מוז זיך פאָרשטעלען צו וואָס ער שטרעבט, וועלכע זאַך ציהט איהם צו זיך און ווי רופט זיך דיעזע זאַך,— און אָט דיעזעם שטרעבען, דיעזער פערלאַנג פאָרצושטעלען זיך דאָס,

אָבהענגיגקייט, אונבעפריעדיגונג אָדער מיט אַ וועלכען־עס־איז אַנדער נאָמען, און דיעזעס געפיהל דריקט זיך אויס ביי איהם אין א פער־לאַנג אָדער בענקשאַפט נאָך אַ פאָטער, נאָך אַ פריינד און פיהרער, אָדער אין א מין הערצליכער צוגעבונדענקייט צו אַ מענשען, צו דער מענשהייט אדער צו דאָס, וואָס איז נאָך העכער פון דער מענשהייט אליין. אין די קינדער־יאָהרען פון דער מענשהייט האָט זיך דיעזעס געפיהל אויסגעדריקט אין א קינדערשער פאָרם ; ווען די מענשהייט איז שוין געווען אין *מענליכען* עלטער האָט עס זיך אויס־געדריקט אויף א *מענליכען* אופן, — און בכלל קען מען דיעזען געפיהל אדער שטרעבונג כאַראַקטעריזירען אלס א שטרעבונג צו דער *אונענדליכקייט*. אָט דאָס איז *רעליגיאָן* אין ריכ־טיגען זינען, און זי, — די רעליגיאָן — איז אייגענטימליך אַלע מענ־שען, סיי זיי האָבען אַ בעשטימטע פאָרשטעלונג וועגען „גאָט“ אָדער „געטער“, סיי קיין געטער עקזיסטירען פאַר זיי ניט. „דער נאָמען „גאָט“ אדער “געטער“ איז מעהר ניט ווי אן *אויסערליכער* אויסדרוק פון דעם אינערליכען רעליגיעזען געפיהל, מעהר ניט ווי א מאַנטעל, אין וועלכען די שטרעבונג צו דער *אונענדליכקייט* וויקעלט זיך איין“.

דיעזער געפיהל, דיעזע שטרעבונג — זאָגט ווייטער מ. מיללער— איז ניט קיין מעטאַפיזיישע זאַך, זי איז ניט בלויז אַ געדאַנקען־פאָר־שטעלונג. די *אונענדליכקייט* — דאָס איז א *רעאַלער* בעגריעף, און דיעזער בעגריעף נעהמט זיך פון דעם זעלבען גרונד, פון וועלכען עס נעהמען זיך אַלע אונזערע בעגריפען און פאָרשטעלונגען, ד. ה., פון דער *אויסערליכער* וועלט דורך אונזערע פינף חושים. אמת, דורך אונזערע חושים בעגרייפען מיר שטענדיג זאַכען, וועלכע זיינען „ענדליך“, ד. ה., וועלכע האָבען אן אנהויב און א סוף, — אָבער דורך דאָס *ענדליכע*, וועלכע מיר בעגרייפען מיט אונזערע חושים, *פיהלען* מיט שטענדיג דאָס *אונענדליכע*. יוען מיר קוקען אין דער ווייטען און דער בליק פון אונזער אויג הערגרייכט ביז א געוויסען גרענעץ, דאַן איז דיעזער גרענעץ, וועלכער בעשטימט פון איין זייט דאָס *ענדליכע*, אָפען פון דער אנדער זייט פאַר דאָס, וואָס פאַר דעם אויג איז אונענדליך.

„דער מענש זעהט, אָבער ער זעהט נור ביז אַ געוויסען פונקט,

סאַנסקריטישער שפּראַך, רופט זיך מיט דעם נאָמען „וועדאַ“ (וויסען) און טהיילט זיך אין פיער בעזונדערע אבטהיילונגען: 1) „ריג־וועדאַ“ — א זאַמלונג פון איבער טויזענד רעליגיעזע שירים און הימנען; 2) „סאַמאַ־וועדאַ“ — אַ זאַמלונג פון טעקסטען און ערצעהלונגען וועגען געטער; 3) „יאַדזשור־וועדאַ“ — אַ זאַמלונג פון תפילות, און 4) „אַטאַרוואַ־וועדאַ“ — א זאַמלונג פון לחשים, פערשווערונגען און פער־שפּרעכונגען.

פון דיעזע פּאַרצייִטיגע הייליגע ביכער, פון די תפילות, הימנען, מעשיות און לחשים, וואָס זיינען דאָרטען פערשריעבען, האָט מ. מיללער אויסגעפונען, אז די געטער פון דעם פּאַרצייטיגען לאַנג־פער־שוואונדענעם אינדישען פאָלק זיינען געווען די גרויסע און מעכטיגע נ אַ ט ו ר ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן. בערג און טהאָלען, מדבריות און ימים, דער הימעל און די ערד, די זון און די שטערען, — אָט דאָס זיינען געווען די געטער, צו וועלכע די פּארצייטיגע אינדוסען פלעגען זיך ווענדען מיט זייערע תפילות און לויב־געזאַנגען. דערפון איז מ. מיל־לער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אָנהויב פון יעדע רעלי־גיאָן בעשטעהט אין דער פערגעטערונג פון פערשיעדענע נ אַ ט ו ר־ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן.

איצט האָט זיך פאַר מ. מיללער געשטעלט די פראַגע — פאַרוואָס איז דאָס געווען אזוי? פאַרוואָס האָבען די פאַרצייטיגע מענשען גע־קוקט אויף די גרויסע און מעכטיגע נאַטור־ערשיינונגען, ווי אויף געטער?

און מאַקס מיללער איז געקומען צו דער פאָלגענדער טעאָריע.

רעליגיאָן, לויט זיין מיינונג, בעשטעהט ניט אין דעם גלויבען אין א גאָט אָדער געטער און אין דער מורא פאַר זיי. פערקעהרט, „רעליגאָן“ און „גאָט“ זיינען ניט נור צוויי בעזונדערע זאַכען, נור ד י ר ע ל י ג י אָ ן האָט שוין לאַנג עקזיסטירט איידער מענשען האָבען נאָך געוואוסט און געדענקט פון וועלכע ניט־איז געטער. די רע־ליגיאָן אין אַלע איהרע פאָרמען איז קודם־כל א טיעפער פּאָעטישער־געפיהל, וואָס נעהמט זיך פון די עסטעטישע און גייסטיגע בעדערפ־ניסע, וועלכע ליעגען אין דער מענשליכער נאַטור.

„אין יעדען מענשליכען האַרץ — זאָגט מיללער — ליעגט איינגע־גראָבען א טיעפער געפיהל, וועלכען מען קען אָנרופען שוואַכקייט,

האָט געהערשט ביי דעם אוראַלטען פאָלק, פון וועלכען עס האָבען זיך שפּעטער אויסגעבילדעט און ענטוויקעלט די אַלע אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער.


און דערוויזען האָט ער עס דורך דער שפּראַך־פאָרשונג. די שפּראַך־פאָרשונג ווייזט אויף, אז די נעמען פון די העכסטע געטער ביי די אַלע פערשיעדענסטע פעלקער שטאַמען פון איין וואָרצעל. „דיאַאוס פּיטאַר" איז געוועזען דער העכסטער גאָט ביי די אַלטע אַריער אין אָסט־אינדיען; ביי די גריכען האָט זיך דער זעלביגער גאָט גערופען „צעאוס פּאַטאָר"; ביי די רוימער — „יופּיטער"; ביי די אוראַלטע קעלטען — „דיעס־פּיטער"; ביי די סקאַנדינאַווען (נאָרוועגען און דענער)— „מאַרס־פּיטער" א. ז. וו. דיעזע אלע נעמען בעצייכענען דעם העכסטען גאָט, וועלכען מען האָט גערופען „פאָטער". און אזוי איז אויך מיט די אַנדערע געטער פון די פערשיעדענסטע אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער. למשל, די נעמען פון גאָט „דעוואַ" ביי די אינדוסען, „דיטי" ביי די פריעגער, „אַדיטי" ביי די פּערסען, „דיאָנע" ביי די גריכען, „דיאָניסאָס" ביי די רוימער א. ז. וו. האָבען זיך אויסגעבילדעט פון וואָרצעל „די" (וואָס בעדייטעט — „שיינען") און פון דעם אוראַלטען אַרישען גאָט „דיאַאוס" — דער שיינענדער.

די אַלע אינדאָ־גערמאַנישע רעליגיאָנען שטאַמען, אלזאָ, אַרויס פון איין אוראַלטער רעליגיאָן פון די אוראַלטע אַריער, וועלכע האָבען זיך מיט פיעל טויזענדער יאָהר צוריק בעזעצט אין אָסט־אינדיען, און פון וועלכע עס האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט די אלע אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער מיט זייערע רעליגיאָנען.

אויפוויזענדיג דיעזען פאַקט, האָט זיך מ. מיללער גענומען אונטערזוכען דיעזע אוראַלטע רעליגיאָנען פון דעם פער־צייטיגען אינדישען פאָלק. און אלס מאַטעריאַל צו דיעזער אונטערזוכונג האָט איהם געדיענט די אלט־אינדישע רעליגיעזע ליטעראַטור. די אוראַלטע אַריער פון אָסט־אינדיען האָבען איבערגעלאָזען די אונגעהויער רייכע רעליגיעזע ליטעראַטור געשריעבען אין דער פאַרצייטיגער ס אַ נ ס ק ר י־ט י ש ע ר שפּראַך, — און מאַקס מיללער האָט אָבגעגעבען כמעט זיין גאַנצען לעבען אויף שטודירען און ערפאָרשען דיעזע שפּראַך און איהר אוראַלטע ליטעראַטור.

דיעזע אלט־אינדישע רעליגיעזע ליטעראַטור, געשריעבען אין דער

כונג און קלאסיפיצירונג, און אויף דעם גרונד פון דיעזער מעטאָדע האָט ער אויפגעוויזען, אַז אַלע רעליגיאָנען פון אַלע אַרישע אָדער — ווי מען רופט זיי — אינדאָ־גערמאַנישע



פרידריך־מאַקס מיללער (1823—1900)

פעלקער (די אינדוסען, די פּערסיער, די פריעגער, די גריכען, די רוימער און אַלע גערמאַניישע, סלאַווישע, לעטישע און קעלטישע פעלקער) שטאַמען ארויס פון איין וואָרצעל, ד. ה., פון אן אוראַלטער רעליגיאָן, וואָס

אויף דיעזע אַלע פאָרשונגען און בעאָבאַכטונגען איז בעשאַפען געװאָרען דער באָדען, אויף װעלכען עס האָט געקענט אויסגעבויט װערען אַ װיסענשאַפטליכע טהעאָריע איבער דער ענטשטעהונג פון רעליגיאָן.

אָבער מיט דער פראגע װעגען רעליגיאָן איז געשעהען פונקט װי מיט אַלע גרויסע פראגען פון מענשליכען װיסען און דענקען. אנשטאט איין טהעאָריע זיינען ענשטאַנען פיעלע און פערשיעדענאַרטיגע. און אַנדערש האָט ניט געקענט זיין. דער אמת װעגען אַ געװיסע פראגע װערט געזוכט דורך פערשיעדענע װעגען. יעדער פאָרשער האָט זיין בעזונדערע מעטהאָדע פון װיסענשאַפטליכע אונטערזוכונגען און בעלייכטעט די פאַקטען און בעאָבאַכטונגען פון אַן אַנדער שטאַנדפונקט. אָט דעריבער מוזען ענטשטעהען איינער איבער און דערזעלבער פראגע פערשיעדענע טהעאָריען, װעלכע זיינען אָפט סותר איינע די אַנדערע.

פון די פיעלע פערשיעדענאַרטיגע טהעאָריען איבער דער ענטשטעהונג פון רעליגיאָן, װעלכע זיינען ערשיענען אין דער לעצטער צייט װעלען מיר זיך אָבשטעלען נור אויף צװיי, װעלכע זיינען די װ ו י כ־ט י ג ס ט ע. פון איין זייט — די טעאָריע פון „נאַטור־רעליגיאָנען“ פון מ אַ ק ס מ י ל ל ע ר, און פון דער צװייטער זייט — די „אַנימיסטישע“ טעאָריע פון ה. ס פ ע נ ס ע ר און ע. ט י י ל אָ ר.

4.

פריעדריך מאַקס מיללער, װעלכער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1900 אין עלטער פון עטליכע און זיעבציג יאָהר, איז געװען איינער פון דער לאַנגער רייהע אונשטערבליכע זשעניען, װעלכע האָבען געמאַכט דעם 19טען יאָהרהונדערט פאַר דער גלענצענדסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון װיסענשאַפט און מענשליכען דענקען. זיין װיסענשאַפטליכער געביעט איז געװען די ש פּ ר אַ כ פ אָ ר ש ו נ ג ע ן, און אויף דיעזען געביעט האָט ער זיך פעראייביגט ניט נור מיט זיינע גלענצענדע אבהאנדלונגען איבער דער ענטשטעהונג און ענטװיקלונג פון שפּראַך, נור אויך מיט זיינע טהעאָריען איבער דער ענטשטעהונג פון רעליגיאָן און מיטהאָלאָגיע.

בנוגע צו דער פראַגע װעגען רעגיליאָן און מיטהאָלאָגיע האָט ער קודם־כל איינגעפיהרט די װיסענשאַפטליכע מעטאָדע פון פ ע ר ג ל י י־

גלויבט בתמימות אין אלץ, וואָס עס שטעהט אין דער תורה, וואָלטען זיי זיך ניט פיעל פערטראַכט צו געבען אויף איהר אַן ענטפער. זיי וואָלטען געזאָגט: „מיר וויסען, אַז גאָט עקזיסטירט, ווייל אין אַמאָליגע צייטען פלעגט ער זיך אָפט בעווייזען פאַר די מענשען. עס שטעהט דאָך בפירוש אין פסוק, אַז אברהם אבינו, משה רבינו און נאָך פיעל אַנדערע האָבען איהם געזעהען און גערעדט מיט איהם פנים אל פנים. ווי־זשע וואָלטען זיי איהם זעהען און רעדען מיט איהם, ווען ער וואָלט ניט עקזיסטירט?“

עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ ארגומענט קען ניט האָבען קיין שום בעדייטונג פאַר אַ קריטיש־דענקענדען מענשען און קען איהם גאָר ניט איבערצייגען. די מעשיות אין חומש און אין אַלע הייליגע שריפ־טען זיינען בלויז ל ע ג ע נ ד ע ן, וועלכע קענען האָבען זייער היס־טאָרישע ערקלערונג, אָבער מען קען אויף זיי בישום אופן ניט קוקען ווי אויףווירקליכע פאַקטען, וואָס האָבען אַמאָל פאַסירט אין לעבען. און דעריבער דאַרפען מיר זיך ווענדען מיט אונזער פראַגע ניט צו די נאַאיוו־גלויבענדע מענשען, נור צו פאַרשטעהער פון וויסענשאַפט און פון קריטישען געדאַנק.

אַ וויסענשאַפטליכער ענטפער אויף דיעזער פראַגע האָט געקענט ערשיינען ערשט אין דער לעצטער צייט, ווען די רעליגיאָן איז גע־וואָרען אַ געגענשטאַנד פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. אין פערלויף פון 19טען יאָהרהונדערט זיינען שטודירט און ערפאָרשט געוואָרען כמעט אַלע רעליגיאָנען, וועלכע עקזיסטירען און האָבען עקזיסטירט אויף דער וועלט. דיעזע אַלע רעליגיאָנען האָט מען וויסענשאַפטליך פערגליכען איינע מיט די אַנדערע, מען האָט אויסגעפונען זייערע עהנליכקייטען און פערשיעדענהייטען, און אויף דעם גרונד פון דיעזע עהנליכקייטען און פערשיעדענהייטען האָט מען זיי קלאַסיפיצירט און איינגעטהיילט אין בעזונדערע גרופען. אין דיעזע בעזונדערע גרו־פען האָט מען אונטערזוכט וועלכע איינצעלנע רעליגיאָנען זיינען עלטע־רע און וועלכע זיינען יינגערע, און אין די סאַמע עלטסטע רעליגיאָנען האָט מען ווידער אויסגעפונען וועלכע עלעמענטען זיינען פון פריהערי־גער אבשטאַמונג און וועלכע פון שפּעטערער. אויף אַזאַ אופן איז מען טריט ביי טריט דערגאַנגען צו יענע איינפאַכסטע עלעמענטען, וועלכע מען קען האַלטען פאַר דעם אָנהויב פון רעליגיעזען גלויבען.

די נשמה, דער גייסט, דער „חלק אלה ממעל“, וועלכע איז ביי אַ מענשען גאָר אַן אנדערע איידער ביי אַ חיה אָדער פלאַנצע.

און אָט דער גלויבען, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט, אַ רבנו של עולם, וועלכער שאַצט אָב פערשיעדענע ווערטהען ניט אַזוי ווי די נאַטור, נאָר ווי דער מענש, — אָט דיעזער גלויבען דיענט דעם מענשען אַלס אויפהאַלטונגס־מיטעל אין זיין טיעפען יאוש און פערצווייפלונג. ער איז איבערצייגט, אַז גאָט מיט זיין אונענדליכער מאַכט און פערשטאַנד גיט אַכטונג, אַז די ווערטהען, וועלכע זיינען בעזונדערס טייער אי דעם מענשען אי גאָט, זאָלען ניט פערפאַלען געהן. ווען דער מענש שטאַרבט, ווערט זיין קערפער צופוילט, אָבער זיין עיקר, די נשמה, בלייבט אייביג עקזיסטירען. זי ווערט אַריבערגעטראגען אין „יענער וועלט“, זי געפינט זיך אַרום „כסא הכבוד“, און נאָך׳ן טויט קען מען זיך מיט איהר בעגעגענען און ווידער לעבען צוזאַמען פונקט אַזוי ווי אויף „דער וועלט“.

אָט דאָס איז דער פסיכאָלאָגישער גרונד־מאָטיוו פון יעדער רעליגיאָן, און דערפון קענען מיר זעהן, אַז דער עיקר פון רעליגיאָן בעשטעהט אין דעם גלויבען, אַז עס עקזיסטירט אַן איבערנאַטירליכעס וועזען, אַ גאָט אָדער געטער, וועלכע האָבען דעם זעלביגען שטאַנדפונקט אויף ווערטהען, אַזוי ווי דער מענש. און דיעזער גלויבען ערשיינט אַ דאַנק דעם געפיהל פון אונצופריעדענהייט, אַ דאַנק דעם טיעפען אינערליכען פראָטעסט, וואָס דער מענש טראָגט געגען דער נאַטור צוליעב איהר אייביגע קאַלטקייט, צוליעב איהר אונערבאַרעמליכער גלייכגילטיגקייט צו די ווערטהען, וועלכע זיינען איהם בעזונדערס טייער.

3.

דער עיקר פון רעליגיאָן איז אַלזאָ דער גלויבען אין גאָט. ווי אַזוי זשע איז ענטשטאַנען אַזאַ גלויבען? ווי אַזוי זיינען מענשען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען די וועלט און איז די אורזאַכע פון אַלע לעבענס־ערשיינונגען?

ווען מען וואָלט געקומען מיט אַזאַ פראגע צו אונזערע ווענינג דענקענדע גאָטספאָרכטיגע זיידעס און עלטער־זיידעס, וועלכע האָבען גע־

חבר. פון אָביעקטיווען שטאַנדפונקט פון דער נאַטור איז דאָ גאָר נישט ניט פערלאָרען געגאַנגען. די זעלביגע סומען פון זויער־שטאָף, קויהלען־שטאָף, שטיק־שטאָף און ז. וו., פון וועלכע עס איז בעשטאַנען דער קערפּער פון אייער מוטער, פון אייער געליעבטע אָדער פון אייער חבר, זיינען געבליעבען אין דער נאַטור אונבעריהרט און קיין אַטאָם איז ניט פערלאָרען געוואָרען. וואָס זשע איז דער טוידט פון אַזעלכע נאָהענטע מענשען, ווי אייער מוטער אָדער געליעבטע, פאַר אייך פערזענליך? דאָס איז דאָך אַזאַ מורא'דיגער פערלוסט, וועלכער פערשאַפט דעם מענשען אַזאַ שרעקליכען אַנגסט און אַזעלכע מורא'דיגע גייסטיגע יסורים, וואָס איז גאַנץ אָפט אונמעגליך אַריבערצוטראַגען און דער מענש ענטשליסט זיך אויף זעלבסטמאָרד! . . .

און אָט די אייביגע קאַלטקייט און גלייכגילטיגקייט פון דער נאַטור צו די *ווערטהען* פון מענשען, צו זיין טיעפען אַנגסט און יסורים צוליעב דעם *פערלוסט* פון אַזעלכע ווערטהען, — אָט דאָס רופט ארויס ביי איהם אַ געפיהל פון אונענדליכער שוואַכקייט און אבהענגיגקייט. דער מענש וויל אָבער ניט דערלאָזען, אַז דיזע שוואַכקייט זאָל איהם בעהערשען. דער אינסטינקט פון זעלבסטערהאַלטונג צווינגט איהם צו זוכען אַן אויסוועג פון זיין פערלעגענהייט, — און דיעזען אויסוועג קען ער געפינען נור אין *טרייסט* און *האָפנונג*.

מיט וואָס זשע קען ער זיך טרייסטען אין זיין אַנגסט און קומער? אויף וואָס קען ער האָפען אין זיין יאוש און פערצווייפלונג?

זיין טרייסט געפינט ער אין דעם, וואָס ער *גלויבט*, אַז די נאַטור אַליין איז ניט אַלעס, אַז *איבער* דער בלינדער, קאַלטער און אייביג גלייכגילטיגער נאַטור איז דאָ נאָך אַ *העכערעס וועזען*, אַ גאָט, אַ „השגחה פרטית“. און דיעזעס העכערעס וועזען, דיעזער גאָט, שאַצט אָב פערשיעדענע ווערטען ניט אַזוי ווי די נאַטור, נאָר טאַקע ווי ער אַליין, ווי דער מענש. פאַר גאָט איז אַ מענש און אַ גע'פגר'טער חזיר טאַקע אונגעהויער פערשיעדענע ווערטהען, ווייל פאַר איהם — פונקט אַזוי ווי פאַר'ן מענשען — האָבען אַ בעדייטונג ניט די קוואַנטיטעטען — פון מאַטעריע און ענערגיע, ניט די סומען פון זויער־שטאָף, וואַסער־שטאָף און ז. וו., נאָר

געפיהלען אָדער קיינע רעליגיעזע פערפליכטונגען, — קען ניט זיין קיין רעליגיאָן אין ריכטיגען זינען פון וואָרט.

יעדער פון די אויבענדערמאָנטע פילאָזאָפען האָט געקוקט אויף דער רעליגיאָן איינזייטיג: איינער בעטראכט איהר אַלס א י ד ע ע, דער צווייטער — אַלס ש ט י מ ו נ ג, דער דריטער — אַלס ט ה ע־ ט י ג ק י י ט, און ז. וו., דערפון איז גאַנץ פערשטענדליך, אַז זיי מוזען ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע — אין די ערקלערונגען וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן.

די רעליגיאָן אַלזאָ איז אַ קאָמפּלעצירטע זאַך און בעשטעהט פון פערשיעדענע עלעמענטען, ווי אידעען, שטימונגען און טהעטיגקייטען. וואָס זשע איז דער ע י ק ר פון רעליגיאָן?

לאָמיר זיך צוקוקען צום פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ן גרונט פון די רעליגיעזע געפיהלען און שטימונגען.

שטעלט זיך פאָר, אַז עס איז געשטאָרבען איינער פון די גרעסטע זשעניען פון דער וועלט, אַ מין קאַנט, מאַרקס אָדער טאָלסטאָי. וואָס איז אַזוינס קאַנט פון שטאַנדפּונקט פון דער נ אַ ט ו ר? — אַ גע־ וויסע סומע פון פיזיישע און כעמישע עלעמענטען, ווי זויער־שטאָף, קויהלען־שטאָף, שטיק־שטאָף און ז. וו. וועז נעבען קאַנט'ס קערפּער ליגט דער קערפּער פון אַ גע'פּגר'טען חזיר, וועלכער האָט אויך די זעלביגע סומען פון פיזישע און כעמישע עלעמענטען, זיינען אָט די ביידע קערפּערס — קאַנט'ס און דעם חזיר'ס — פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור אַבסאָלוט גלייך און האָבען איינע און דיעזעלבע בעדייטונג.

וואָס זשע זיינען אָט די ביידע קערפּערס פון אונזער אייגענעם ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ן שטאַנדפּונקט? קענען זיי זיין אין אונזערע אויגען אַבסאָלוט גלייך? קענען מיר אויף זיי קוקען ווי אויף גלייכע ווערטהען?

דאָס איז אַבסאָלוט אונמעגליך, און דערפון זעהען מיר, אַז בנוגע צום אָבשאַצען געוויסע ווערטהען ליעגט אַ טיעפער געגענזאַץ צווישען דעם אָ ב י ע ק ט י ו ו ע ן שטאַנדפונקט פון דער נאַטור און דעם ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ן שטאַנדפּונקט פון מענשען. דאָס, וואָס פאַר דער נאַטור איז אַבסאָלוט גלייך, איז פאַר אונז אַבסאָלוט אונגלייך.

שטעלט זיך פאָר ווייטער, אַז עס איז געשטאָרבען אייער נאָהענט־ סטער מענש, אייער מוטער, אייער געליעבטע אָדער אייער בעסטער

זוכען צו בעווייזען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אַ „יענע וועלט“ א. ז. וו. אָט דעריבער איז די רעליגיאָן, נאָך קאַנט'ס מיינונג, מעהר ניט ווי אַ זאַך פון האַרץ, אָבער ניט קיין זאַך פון קאָפּ. פּיכטע זאָגט פּונקט פערקעהרט: די רעליגיאָן האָט גאָרנישט צו טהון מיט קיין שום פּראַקטישע זיטליכקייט, וועלכע איז פאר איהר קליין און נישט ווירדיג, נאָר זי האָט דוקא צו טהון מיט דעם מענשענס שכל און פערשטאַנד, ווייל איהר אויפגאַבע איז צו געבען אַן ענטפער אויף די העכסטע פראַגען פון דער וועלט און פון לעבען. דעריבער — זאָגט פּיכטע — איז די רעליגיאָן ניט די זאַך פון האַרץ, נאָר פערקעהרט, די זאַך פון קאָפּ. שלייערמאַכער זאָגט, אַז דער אמת'ער אינהאַלט פון רעליגיאָן — דאָס איז דער געפיהל פון אונענדליכער אַבהענגיגקייט, און העגעל זאָגט, פערקעהרט: דער אמת'ער אינהאַלט פון רעליגיאָן — דאָס איז דער געפיהל פון אַבסאָלוטער פּרייהייט.

פון וואַנען נעהמען זיך אַזעלכע פערשיעדענאַרטיגע און ווידערשפּרעכענדע שטאַנדפּונקטען אויף דער רעליגיאָן?

דאָס איז דערפאַר, ווייל די רעליגיאָן איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע זאַך, וועלכע בעריהרט כמעט אַלע ווינקעלעך פון מענשליכען גייסטיגען לעבען. בנוגע צו רעליגיאָן זיינען טהעטיג אַלע טיילען פון מענשליכען גייסט: אי זיין פּאָרשטעלונגס־קראַפט, אי זיינע געפיהלען, אי זיין ווילען. יעדע רעליגיאָן שטעלט מיט זיך פאָר אַ סיסטעם פון אידעען, שטימונגען און טהעטיגקייטען. די אידעען — דאָס זיינען די בעשטימטע פּאָרשטעלונגען וועגען אַ גאָט אָדער געטער; די שטימונגען — דאָס זיינען די רעליגיעזע געפיהלען, און די טהעטיגקייטען — דאָס איז דער קולט, דאָס גאָטעס־דיענסט, די התחיבות'ען, וועלכע דער מענש נעהמט אויף זיך אַ דאַנק זיינע רעליגיעזע פּאָרשטעלונגען און געפיהלען.

פאַנאַנדערטיילען אָט די דריי בעזונדערע עלעמענטען, בעשאַפען, למשל, אַ רעליגיאָן אָהן גאָט, אָדער גלויבען אין גאָט און ניט האָבען אויף זיך קיינע רעליגיעזע פפליכטען, איז אַ אונמעגליכע זאַך. דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין גלויבען אין אַ גאָט אָדער געטער, אָדער דאָרט, וואו דער גלויבען אין גאָט רופט ניט אַרויס קיינע רעליגיעזע

איז געווען די סבה פון פיעל צרות און יסורים, וואָס די מענשהייט איז אויסגעשטאַנען. דער אמת'ער וויסענשאַפטליכער שטאַנדפּונקט פון היינטיגער צייט בעשטעהט אין דעם, אַז קיין עקזיסטירענדע אידעע און קיין געזעלשאַפטליכע איינאָרדנונג איז ערשטענס נישט קיין אייביגע זאַך, נאָר אין אַ געוויסע צייט ווערט זי געבאָרען און אין א געוויסע צייט מוז זי אָבשטאַרבען, און צווייטענס איז זי שטענדיג ניט אַבסאָלוט גוט און ניט אַבסאָלוט שלעכט, נאָר זי איז גוט, ווען זי איז צוגעפּאַסט צו די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען, און זי ווערט שלעכט, ווען זי הערט אויף צוצופּאַסען, — און אזוי ווי מיט יעדער עקזיסטירענדער אידעע און געזעלשאַפטליכער איינאָרדנונג, אַזוי קומט אויך פאָר מיט דער רעליגיאָן.

די טעמאַ פון היינטיגער לעקציע איז — ווי ס'איז שוין געזאָגט — וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן, ווי אַזוי זי איז ענטשטאַנען און ווי אַזוי איז געגאַנגען איהר ענטוויקלונג.

2.

וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן?

אין דער געוועהנליכער שפּראַך זיינען פאַראַן זעהר פיעל ווערטער, וועלכע ווערען געברויכט אין פערשיעדענעם זין און אין וועלכע יעדער לעגט אַריין זיין בעזונדערע מיינונג. נאָר קיין וואָרט האָט ניט אין זיך אַזוי פיעל בעדייטונגען און ערקלערונגען, וועלכע ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע, ווי דאָס וואָרט „רעליגיאָן". דר. ליוטגענאַו, איז זיין בוך „נאַטירליכע און סאָציאַלע רעליגיאָנען", זאָגט, אַז ער האָט צוזאַמענגעקליבען מעהר ווי 100 פערשיעדענע ערקלערונגען פון דעם וואָרט רעליגיאָן, וואו איין ערקלערונג איז פּונקט דער היפּוך פון דער אַנדערער. אַלס ביישפּיעל וועלען מיר נעהמען עטליכע פון אַזעלכע ערקלערונגען. קאַנט זאָגט, אַז רעליגיאָן איז זיטליכקייט, ד. ה. די פּראַקטישע אויפפיהרונג פון מענשען. קיין אַנדערן אינהאַלט אויסער די פּראַקטישע זיטליכקייט איז נאָך קאַנט'ס מיינונג אין דער רעליגיאָן ניטאָ, ווייל אונזער קלאָרער, לאָגישער געדאַנק מוז אָבלייקענען אַלע ראיות, וועלכע

מעהר ווי איין לעקציע. אָט דעריבער איז אונז נויטיג צו בעשרענקען אונזער געגענשטאַנד, ד. ה. אָבשטעלען זיך נור אויף די וויכ־טיגסטע פונקטען אין דער פראגע וועגען רעליגיאָן. דיעזע וויכ־טיגסטע פונקטען זיינען : 1) וואָס איז אַזוינס רעליגיאָן, 2) ווי אַזוי איז זי ענטשטאַנען, און 3) ווי איז געגאַנגען איהר ענטוויקלונג.

אַז די רעליגיאָן אין איהר הויפּט־אינהאַלט, ד. ה. די אידעע וועגען גאָט, וועגען „יענער וועלט“, וועגען גיהנום און גן־עדן און ז. וו. איז מעהר ניט ווי אַ טונקעלע פאַנטאַזיע פון דעם אונוויסענדען מענשען, וועלכער טרייסט זיך מיט זאַכען, וואָס ער אליין האָט אויסגעקלערט — דאָס איז אַ פאַקט, וועלכער איז בעוואוסט יעדען מעהר אָדער וועניגער דענקענדען מענשען. דער ראַדיקאַל־פילאָזאָפי־שער געדאַנק האָט שוין לאַנג אויפגעוויעזען, אַז ניט גאָט האָט בע־שאַפען דעם מענשען, נור פערקעהרט, דער מענש בעשאַפט זיך זיין גאָט לויט זיין אייגענער פאָרם און געשטאַלט. און די געשיכטע פון רעליגיאָן בעווייזט טאַקע, אַז דער גאָט אָדער די געטער פון דעם אָדער יענעם פאָלק האָבען פונקט אַזאַ כאַראַקטער און אַזעלכע אייגענ־שאַפטען, ווי דער כאַראַקטער און די אייגענשאַפטען פון זייערע דיענער און פערעהרער. נאָך מיט צוויי־טויזענד יאָהר צוריק האָט אַ גריכישער פילאָזאָף כאַראַקטעריזירט די רעליגיאָנען פון די פעלקער מיט די פאָלגענדע ווערטער : „די נעגערס בוקען זיך צו שוואַרצע געטער מיט גראָבע ליפּען און פלאַכע נעזער, און די געטער פון די פראַקיער זיינען מיט בלויע אויגען און בלאָנדע האָר.“ צו דיעזע ווערטער האָט אַ צווייטער פילאָזאָף צוגעגעבען : „אויב די פויגלען האָבען אויך געטער, דאַן זיינען זייערע געטער געוויס מיט פליגלען, און דער גאָט פון פערד איז געוויס אויף פיער פיס....“

אונזער היינטיגע פאָרלעזונג האָט אויך ניט צו טהון מיט דער פראגע וועגען דער ראָלע, וואָס די רעליגיאָן האָט געשפּיעלט אין היס־טאָרישען לעבען פון דער מענשהייט. די רעליגיאָן איז אַ היסטאָ־רישע ווירקליכקייט און ווי יעדע ווירקליכקייט האָט זי אי גוטע אי שלעכטע זייטען ; אין געוויסע פּרטים איז זי געווען אַ נויטיגע טרייב־קראַפט אין דעם מענשליכען פּראָגרעס און האָט פיעל געהאָלפען דער מענשליכער ענטוויקלונג, און אין אנדערע פּרטים האָט זי, פערקעהרט, געבראַכט פיעל שאַדען דער מענשהייט און

די רעליגיאָן

(איהר וועזען, איהר ענטשטעהונג און ענטוויקלונג).

וואָס איז רעליגיאָן? דער פּסיכאָלאָגישער גרונד פון די רעליגיעזע געפיהלען. דער רעליגיעזער גלויבען. די פראַגע וועגען דער ענטשטעהונג פון רעליגיאָן. דער פאָרשונגס־מעטאָד פון מאַקס מיללער און זיין טעאָריע. די טעאָריע פון „אַנימיזם“. די פראַגע וועגען דער ענטוויקלונג פון רעליגיאָן. קאָנט'ס לעהרע וועגען דעם אַריבערגאַנג פון „פעטישיזם“ צו „פּאָליטעאיזם“ און שפּעטער צו „מאָנאָטעאיזם“. די ניט־ריכטיגקייט פון דיעזער לעהרע. די שייכות פון רעליגיאָן צו דער מאַטעריעלער און עסטעטישער קולטור. גריכענטום און יודענטהום.

1.

די פראגע וועגען רעליגיאָן קען בעטראכט ווערען פון פיעלע פערשיעדענסטע שטאַנדפּונקטען. מען קען איהר בעטראכטען פון *נאַטורפילאָזאָפישען* שטאַנדפּונקט, ד. ה. צי איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוינס גאָט, וואָס איז דעם מענשענס נשמה, צי איז די נשמה שטערבליך אָדער אונשטערבליך, און ז. וו. מען קען איהר בעטראַכטען פון *עטהישען* שטאַנדפּונקט, ד. ה. ווי ווירקט די רעליגיאָן אויף דער מענשליכער זיטליכקייט, צי מאַכט זי דעם מענשען מאָראַליש בעסער אָדער ערגער? מען קען איהר בעטראַכטען פון *קולטור־היסטאָרישען* שטאַנדפּונקט, ד. ה. אויף וויפיעל די רעליגיאָן האָט מיטגעהאָלפען דעם מענשליכען פּראָגרעס און אויף וויפיעל זי האָט איהם געשטערט, און ז. וו.

עס פערשטעהט זיך אַליין, אַז בעטראכטען די רעליגיאָן פון אַט די אַלע פערשיעדענאַרטיגע שטאַנדפּונקטען מוז פערנעהמען פיעל

11-טע פאָרלעזונג

מ. טערמאַן

די רעליגיאָן

(איהר וועזען, איהר ענטשטעהונג און ענטוויקלונג)

איצט אויך דורך אונזערע געפיהלען, ווי דורך אונזער אויסגערעכענטען שכל. עס איז נור אין דעם קאמפף פאר מאטעריעלער עקזיסטענץ, דאס מיר ווענדען אן אונזער שכל, אונזער אויסרעכנונגס־קראפט. אבער אויסער אונזער אנשטריינגונג צו בעקומען ברויט, ווערען מיר שטארק בעהערשט פון אונזערע פערשיעדענע געפיהלען, און אונזערע העכערע און פיינערע געפיהלען זיינען די עסטעטישע — יענע, וועלכע ווערען בעאיינפלוסט פון יעדע שעהנע זאך אין דער וועלט, יענע, וועלכע מאכען פאר אונז מעגליך צו דערקענען יעדען סימן פון הארמאניע אין דער אויסערליכער ווי אין דער אינערליכער וועלט, יענע, וועלכע זיינען אין א געוויסען זין דער בעסטער בעוויז, דאס דער מענש איז א סאציאלעס וועזען און דאס אנשטאט דער ברוטאלער עגאאיסט, וואס דער קאמפף אום דאזיין טרייבט איהם אפט צו זיין, איז ער אין גרונד גענומען א געפיהלפאלע, געזעלשאפטליכע בעשעפעניש, וואס זוכט און געפינט זיין העכסטע פערגניגען אין אן אידעאליזי־רונג פון דער גרויסער וועלט און דאס גאנצע לעבען אין פארמען פון שעהנהייט.

די עסטעטישע קולטור, ווי מען קען אלזא זעהן, איז ניט קיין עפעס אן אויסגעטראכטע אדער א מיט־געוואלד אריינגעשלעפטע לוקסוס־זאך, זאנדערן א טהעטיגקייט וואס פעראיידעלט די געפיהלען, בערייכערט דעם גייסט, פערפיינערט דאס גאנצע לעבען און שפיגעלט אב די העכסטע אידעאלען און שטרעבונגען פון דעם מענש.

א בלום מיט ווערטער אין א פּאָעטיישער פאָרמע, דאַן איז עס קונסט, אויב דער פּערזוך איז נור א געלונגענער. ווען מענשען רעדען פון קונסט האָבען זיי געוועהנליך אין זינען ניט קיין בערג און טהאָלען, פעלדער און וועלדער, חיות און מענשען, פויגעל און שלאַנג, פיש און שאָף, הימעל און שטערן, זון און לבנה, רעגען און שנעע, דונער און בליץ, האָגעל און ווינד, ליכט און פינסטערניש, זאָנדערן א פאָרשטעלונג, א שילדערונג אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אן אידעאַליזירונג פון דיעזע אַלע נאַטור־זאַכען ווי אויך פון אַלע מענשליכע איבערלעבונגען. „קונסט איז א מענשליכע טהעטיגקייט“, — זאָגט טאָלסטאָי, און דאַמיט ווערט געצויגען די ליניע צווישען נאַטור־זאַכען און קונסט־זאכען.

עס פערשטעהט זיך, יעדער פון אייך ווייס אליין וואָס פאַר א טהעטיגקייט דאָ ווערט געמיינט. עס איז א גאַנץ אנדער טהעטיגקייט ווי יענע, וועלכע שאַפט ברויט, שיך, מעבעל און אנדערע לעבענס־נויטווענדיגקייטען. מיט אזעלכע זאַכען, מעגען זיי זיין ווי שעהן געמאַכט, האָט די קונסט ניט קיין געמיינשאַפטליכעס. די קונסט גיט זיך בלויז אָפּ מיט שאַפען זאַכען, וואָס זיינען ניט קיין מאַטעריעלער נויץ, מיט זאַכען, וואָס זיינען אן אידעאַליזירטער אויסדרוק, אין בעשטימטע פאָרמען, פון אלין'דינג אויף דער וועלט, מיט זאַכען, וואָס זיינען א פּראָדוקט פון דער מענשליכער נשמה, פון דער מענשליכער פאָרשטעלונגס־קראַפט, פון דער מענשליכער פעהיגקייט פאָרצושטעלען זיך די גאַנצע וועלט און דאָס גאַנצע לעבען אין פאָרמען, וואָס ריהרען די געפיהלען פון אַנדערע מענשען.

קיין זאַך קען ניט זיין א קונסט־ווערק זאָלאַנג זי ריהרט ניט די געפיהלס־קוואַלען פון אנדערע, זאָלאַנג זי דערגרייכט ניט דאָס, וואָס מיר פערשטעהען אלס נשמה, זאָלאַנג זי לאָזט איבער דאָס האַרץ גלייכגילטיג. אַנאַליזירט נור גוט די ווירקונג וואָס א סטאַטוע מאַכט אויף אייך, אָדער וואָס א בילד מאַכט אויף אייך, אָדער א מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציאָן, אָדער א פּאָעמאַ, אָדער א טעמפּעל, און איהר וועט צוגעבען, אז די געפיהלען שפּיעלען דאָביי די ערשטע און גרעסטע ראָלע.

און די געפיהלען שפּיעלען איבערהויפּט א גרעסערע ראָלע אין לעבען ווי פיעלע שטעלען זיך פאָר. מיר ווערען מעהר בעוואָגען נאָך

אויסקריצען פון פיגורען אויף שטיינער אָדער בלעטער איז געווען די ערשטע שריפט ביי מענשען. ווען ווילדע האָבען זיך געפונען אונ־טער דער נויטהווענדיגקייט פון איבערלאָזען אינפאָרמאַציאָנען פאַר חברים אָדער מיטגליעדער פון זייער שטאַם, דאַן איז די קונסט פון מאַלעריי אָדער סקולפּטור, זיי געקומען צו הילף. ווען זיי האָבען געוואָלט בעגייסטערען אנדערע פאַר א געוויסער וויכטיגער אונטער־נעהמונג אָדער פאַר געהן אין מלחמה, דאַן איז זיי דער טאַנץ, די מוזיק און די פּאָעזיע געקומען צו הילף. נאַטירליך, דיעזע אַלע קינסטע זיינען געווען דאַמאָלס גאַנץ אַנדערש פון דעם, וואָס זיי זיי־נען אין אונזערע צייטען. מען קען זיי ניט מעסטען מיט דער מאָס פון ציוויליזאַציאָן. יעדע עפּאָכע פון מענשליכער ענטוויקלונג האָט זיך געהאַט איהר בעזונדערע קונסט. וואָס קאָמפּליצירטער עס איז געוואָרען דאָס מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון דעם מענשען, אַלץ קאָמפּ־ליצירטער איז געוואָרען זיין גייסטיגע ענטוויקלונג, אַלץ פיינער זיי־נען געוואָרען זיינע עמפּפינדונגען, אַלץ רייכער איז געוואָרען זיין פאַנטאַזיע, אַלץ טיעפער און געהיימניספאָלער איז געוואָרען זיין נשמה. דאָס האָט געפיהרט מיט דער צייט צו א ספּעציאַליזירונג פון די פערשיעדענע קינסטע. מוזיק איז אָבגעטיילט געוואָרען פון פּאָעזיע, פּאָעזיע פון טאַנץ, מאַלעריי פון סקולפּטור, סקולפּטור פון ארכיטעקטור, און אזוי ווייטער. יעדע פון דיעזע קינסטע האָט אין איהרע אייגענע גרענעצען ענטוויקעלט פערשיעדענע צווייגען, אזוי, דאָס די עסטעטישע קולטור איז געוואָרען אין מאָדערנעם לעבען די אינטערעסאַנטסטע און רייכסטע.

אונטער עסטעטישע קולטור פערשטעהען מיר, בכלל, אַלע יענע זאַכען אויף דער וועלט, וואָס רופען ארויס ביי מענשען שעהנהייטס־געפיהלען און, בפרט, אַלע יענע געשאַפענע פּראָדוקטען וואָס רע־כענען זיך פאַר די שעהן־קינסטע. אלס די שעהן־קינסטע ווערען, געוועהנליך, היינטיגע צייטען גערעכענט, פּאָעזיע, מוזיק, מאַלעריי סקולפּטור און ארכיטעקטור. צווישען זאַכען, וואָס רעכענען זיך פאַר שעהן־קינסטע און אנדערע שעהנע זאַכען אויף דער וועלט, איז דאָ א גרויסע אונטערשיעד. א שעהנע בלום, צום ביישפּיעל, רעכענט זיך ניט פאַר קיין קונסט, ווייל עס איז א ריינער נאַטור־פּראָדוקט. אָבער ווען איינער מאָהלט אויס א בלום אויף לייוונד, אָדער שטעלט פאָר

אַ שטאַרק אויסגעאַרבייטען ריטהמוס. דער ריטהמוס פון אייער אָרגאַניזם רופט זיך אָב אויף דעם ריטהמוס פון די מוזיק־קלאַנגען; און ווען די מוזיק איז אַן אינטענסיווע ווירקט זי אויף אייך אַזוי שטאַרק, דאָס אייערע העכערע, פיינערע געפיהלען רייסען זיך ארויס פון זייערע פיזיישע גרענעצען און פערשמעלצען זיך אין האַרמאָניע מיט דער ארומיגער וועלט.

דער ריטהמוס איז דארום אין א געוויסען זין דער וואָרצעל פון וועלכען עס וואַקסען ארויס אלע פערזוכען פון דעם פרימיטיווען מענש צו געבען ארטיסטישען אויסדרוק צו זיינע געפיהלפאָלע איבערלע־בונגען. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דענקען, אז די ארטיסטישע טהעטיגקייט פון דעם פרימיטיווען מענש איז פון אָנפאַנג אָן געווען אָבגעזונדערט פון דער ארבייט. וואָרום עס איז דאָ אַ גוט־בעגרינ־דעטע סברא, דאָס אמאָל, אין די פרימיטיווע צייטען, זיינען ארבייט, שפיעל און קונסט געווען איין טהעטיגקייט, און דעם וואָרצעל פון דיעזער טהעטיגקייט קען מען געפינען אין ריטהמישער בעוועגונג, וועלכע מאַכט מעגליך צו בעקומען דעם גרעסטען פערגעניגען פון לע־בען מיט דער קלענסטער אָנשטרענגונג.

איינער וואָס האָט געמאַכט אַ ספּעציעלע שטודיום פון דער בעציהונג צווישען אַרבייט און געזאַנג, קאַרל ביוכער, האָט אָנגעשרי־בען א בוך, וועלכער טראָגט דעם טיטעל: „אַרבייט און ריטהמוס"; און אין דיעזען בוך בעווייזט ער, אז מוזיק, טאַנץ און פּאָעזיע זיינען ע נ ט ש ט אַ נ ד ע ן א י ן ד ע ר אַ ר ב י י ט, און ער בריינגט מאַסען ציטאַטען פון ליעדער, וועלכע בעשטעטיגען זיין טהעאָריע — ליעדער אויס פערשיעדענע יאָהרהונדערטע און אויס פערשיעדענע סאָרטען ארבייט, ווי שפּיענען, פלעכטען, דרעשען, וועבען, פליקען, קלאַפּען און אַזוי ווייטער.

אָבער צו ביוכער'ס טהעאָריע איז אַ ריכטיגע צי ניט, זיכער איז, אז די ערשטע קונסט טהעטיגקייט פון דעם מענש איז געווען א זעהר איינפאַכע. פּאָעזיע, מוזיק און טאַנץ זיינען געווען איין קונסט, און אין די פרימיטיווע צייטען, איז די קונסט געשטאַנען נעהענטער צו דעם אלגעמיינעם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ ווי אין אונזערע היינטיגע צייטען. די קונסט איז ארויסגעוואַקסען פון לעבען און האָט זאָגאַר געהאַט צוערשט א זעהר פּראַקטישען נוצען. צום ביישפּיעל, דאָס

אן אינערליכען פערגעניגען, זאָנדערן אייער קערפּער וועט זיך א ריהר טהאָן, אייערע מוסקלען וועלען זיך בעוועגען און אויף איין אופן אָדער אן אנדערען וועט איהר דערפיהלען עפּעס א קראַפט וואָס איז בעהערשענד.

וואָס פאַר א קראַפט איז עס?

עס איז די קראַפט פון ריטהמוס, די קראַפט וואָס איז אין א געוויסען זינן דער פונדאַמענט פון דעם קוואַל פון האַרמאָניע.

אָבער וואָס איז אזוינס ריטהמוס?

אין גאַנץ ברייטען זין פון וואָרט איז ריטהמוס די פּעריאָדישע וויעדערהאָלונג פון אירגענד וועלכע בעוועגונג. אין דער נאַטור, ווי בעוואוסט, קומט פאָר א שטענדיגע ענדערונג. ענדערונג איז די איינציגע זאַך, וואָס איז עוויג דויערהאַפט. אָבער דיעזע ענדערונג געהט אָן אין א פּעריאָדישער אדער ריטמיישער פאָרמע, אין דער פאָרמע פון כוואַליעס, וועלכע הויבען זיך אויף און לאָזען זיך ארונטער, אין דער פאָרמע פון וויעדערהאָלונגען.

שטעלט אייך פאָר ווי עס קלאַפּט שטענדיג אייער פּולס, און איהר האָט א ביישפּיעל פון ריטהמוס. מיינט אָבער ניט, אז בלויז אין דעם פּולס קלאַפּען פון דעם מענש איז דאָ ריטהמוס. דיעזע ריטהמישע וויעדערהאָלונג געפינט מען אויך אין יעדער אָרגאַנישער פונקציאָן. אייער אטהעמען, אייערע נערווען, מוסקלען און אלע אנדערע אָרגאַנישע טיילען פון קערפּער ארבייטען אָדער פונקציאָנירען טאַקטמעסיג. אין ריטהמישער פאָרמע פיהרען מיר דורך אלע אונזערע בעוועגונגען, ווי געהן, רודערן, טאַנצען, שמיעדען, דרעשען, נעהען, רעדען, שרייבען און אלערליי מינים ארבייט. ריטהמוס איז דאָ איבעראַל, אין דעם געבוי פון יעדען אָרגאַניזם ווי אויך אין דער אויסערליכער פיזיישער וועלט, און געלעהרנטע האָבען בעאָבאַכטעט, אז עס איז דאָ א נאַטירליכע נייגונג אין יעדען אָרגאַניזם אזוי צוצופּאַסען זיינע ריטהמיישע בעוועגונגען פון די נערווען און מוסקלען, אז זיי זאָלען האַרמאָנירען מיט אירגענד וועלכער אויסערליכער ריטהמיישער בעוועגונג אָדער קלאַנג וואָס ווערט באַמערקט, דערהערט, דערפיהלט אָדער בעגריפען.

אָט דערפאַר ריהרט זיך אייער קערפּער, דערפאַר קענט איהר ניט בלייבען גלייכגילטיג ווען איהר הערט אַזאַ מוזיק וואָס ענטהאַלט

זיינען אַלע מענשליכע קונסט־שאַפונגען אין אַלגעמיין שעהנע זאַכען. צי זיי זיינען שעהן ווייל מיר שטעלען זיך בלויז פאָר אזוי, צי זיי זיינען שעהן אונאבגעזעהן פון אונזער מיינונג — אין אנדערע ווערטער, צי שעהנהייט איז בלויז א סוביעקטיווע זאַך צי בלויז, אדער אויך, אן אביעקטיווע, דאָס איז דאָ ניט זעהר וויכטיג. גענוגענד איז נור אנצודייטען דאָס ווען אין דער פיזישער וועלט וואָלטען ניט עקזיסטירט די עלעמענטען פון שעהנהייט, ווי קלאַנגען, פאַרבען און פאָרמען, וואָלט דער מענש ניט געקענט האָבען דעם בעגריעף, אָדער דעם געפיהל פון שעהנהייט. אמת, ניט אַלע מאָל דערקענט ער אָדער ווייס ער ווי אָבצושעצען שעהנהייט, אבער דאָס איז נאָך ניט קיין בעווייז, אז עס איז ניטאָ קיין אביעקטיווע שענהייט. ריכטיג שיינט צו זיין דאָס שעהנהייט איזביידע זאַכען — אָביעקטיוו און סוביעקטיוו, דאָס הייסט, עס עקזיסטערט אי אין דער נאַטור, אי אין דעם מענשליכען גייסט. עס איז טיילווייז אוים דער האַרמאָניע און צוזאַמענטרעפונג פון ביידע, דאָס מיר קענען איבערהויפּט דערקענען און אָבשאַצען שעהנהייט.

אַלזאָ, ווי מיר זאָלען זיך ניט קעהרען מוזען מיר, אין אן אָבהאַנדלונג איבער עסטעטיק, זיך אנשטייסען אויף האַרמאָניע. אָבער מיר האָבען נאָך אין גאַנצען ניט אויסגעשעפּט דעם קוואַל, און עס זיינען דאָ טויזענדער אנדערע וועגען וואָס פיהרען אהין.

עס וואָלט אונז נור אַוועקגעפיהרט צו ווייט, ווען מיר זאָלען נעהמען בעטראַכטען פיעלע פון דיעזע אַנדערע וועגען. אָבער מיר טאָרען ניט אויסלאָזען נאָך אַ וועג, וועלכער איז פאַקטיש אין זיך אַליין אַ בעשטעטיגונג פון דער עקזיסטענץ פון דיזען קוואַל.

וועלכע וועג איז עס?

וואַרפט נור אייער בליק אַהער — דאָ, וואו איהר זעהט א פיאַנאָ. זאָל זיך אַוועקזעצען אן ארטיסט און שפּיעלען, לאָמיר זאָגען, די מאַרסעליעזע, אָדער שאָפּען'ס טרויער־מאַרש, אָדער דיקסי, אָדער גאָר די אָוועטיורע פון ביזע'ס אָפּערא „קאַרמען". וואָס פאַר א ווירקונג וועט דאָס האָבען אויף אייך? צי איהר האָט ווען פריהער דאָס געהערט, צי ניט, צי איהר ליעבט מוזיק, צי ניט, זיכער איז, אז די קלאַנגען וועלען אויף אייך אזוי ווירקען, דאָס איהר וועט אין גאַנצען גלייכגילטיג ניט בלייבען. ניט נור וועט איהר אפשר פיהלען

פון דעם וואָס מיר רופען שעהנהייט אין דער אָרגאַנישער וועלט, איז אויף א געוויסען אופן פערבונדען מיט דער געשלעכטליכער פערהעלטנים". דר. גאָרדאַו געהט נאָך ווייטער און מיינט, אז אין געשלעכטליכע פערהעלטניסע ליגט די גאַנצע ערקלעהרונג פון שעהנהייט.

יעדענפאַלס, זיכער איז, אז געשלעכטליכע פערהעלטנים איז א זעהר גרויסער פאַקטאָר אין דער מענשליכער קונסט־טהעטיגקייט.

צווישען אנדערע פאַקטאָרען מוז אויך דערמאָהנט ווערען דער סאָציאַלער אינסטינקט, וועלכער טרייבט אונז צו זוכען סימפּאַטהיע ביי אנדערע, ווען מיר געפינען זיך אונטער דער סטימולירונג פון איבערוואַלטיגענדע געפיהלען.

מען מוז אין זינען האָבען, דאָס דער ווילדער מענש האָט געפיהלט איידער ער האָט געדענקט, דאָס זיינע אינסטינקטען האָבען אין איהם געאַרבייט איידער זיין שכל האָט געקענט בעגרייפען אירגענד וואָס, און דאַרום ווען עפּעס האָט זיך געמאַכט וואָס האָט זיינע געפיהלען שטאַרק אויפגערודערט, האָט ער געזוכט איבערצוגעבען אנדערע זיין ערפאַהרונג אָדער איבערלעבונג. ער האָט דאָס אבער ניט געקענט טהאָן אויף דעם איינפאַכסטען אופן ווי היינט, נעמליך: דורך פּשוט'ע ווערטער, ווייל ער האָט נאָך קיין ווערטער ניט געהאַט אויף אַלין'דינג, אויסער דעם האָט איהם פּשוט געפעהלט קלאָרהייט אין מוח וועגען דעם וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט דאַרום זיך בענוצט מיט די פּרימיטיוועסטע מיטלען וואָס זיינען איהם געלעגען צו דער האַנד. ער האָט געשריען, ער איז געשפּרונגען, ער האָט געמאַכט מימיקע, ער האָט מיט צייכענס פון פערשיעדענע סאָרטען געזוכט איבערצוגעבען וואָס איהם האָט געדריקט אין האַרצען — סיי פרייד, סיי לייד; און וואָס אינטענסיווער ער האָט געפיהלט, אלין א שטאַרקערען איינדרוק האָט ער געמאַכט אויף אנדערע, אלין מעהר האָט ער זייערע געפיהלען געריהרט.

אלזאָ, דיעזע אלע און אנדערע אינסטינקטען זיינען עס געווען די כחות, וואָס האָבען דירעקט געווירקט אויף דעם מענשען, אז ער זאָל געבען אויסדרוק צו זיין ליעבע פאַר שעהנהייט אין דעפיניטיווע פאָרמען, דאָס ער זאָל שאַפען יענע זאַכען, וואָס האָבען אין זיך אַלין ניט קיין מאַטעריעלען, דירעקט־פּראַקטישען נוצען, נור וואָס קענען ווירקען דורך די עסטעטישע געפיהלען אויף אנדערע; און דערפאַר טאַקע

מענשען, ווערען דאַדורך צוערשט געשאַפען זאַכען וואָס זיינען א **נאַכאַהמונג פון ווירקליכען לעבען**. ווען א קאַץ ציהט אויס איהרע פיס, שטאַרצעט ארויס איהרע נעגעל און צוקראַצט מיט זיי דעם שטול אדער דעם טעפיך; אָדער ווען א קעצעלע יאָגט זיך נאָך א קנויל באַוועל, גיט א שטויס און דערנאָך א שפרונג אויף איהם, פונקט ווי דער קנויל וואָלט געווען א מייזעל; אָדער ווען א גיראַף, מיט זיין לאַנגען אויסגעצויגענעם האַלז, בענוצט זיין צונג אויף ארונטערשלעפען אלעם וואָס ער קען נור דערגרייכען אין דער הויך פון שטייג וואו מען האַלט איהם; אָדער ווען א פּאָאר הינד יאָגען נאָך איינער דעם צווייטען, זוכען אומצושליידערען און זאָגאַר בלומרשט בייסען איינער דעם צווייטען — וואָס זיינען דיעזע שפּיעלטהעטיגקייטען, ניט קיין אידעאַליזירטע פאָרשטעלונג? ניט קיין נאַכאַהמונג פון דער ווירקליכקייט?

אָט דיעזע כאַראַקטעריסטיקען, נור אין א שטאַרקערען גראַד און אין א העכערע פאָרמע, וועט איהר געפינען ביי מענשען אין זייער שפּיעלען, אין זייער רוהען, אין זייער זיין טהעטיג ווען זיי זיינען ניט געצוואונגען צו זוכען ערנעהרונג פאַר זיך.

דער ערשטער ווילדער ארטיסט האָט אויסגעקריצט אויף א שטיין אדער א ביין די פאָרמע פון א חיה וועלכע ער האָט געזעהן און וועלכע האָט געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק אויף איהם. דער ערשטער ווילדער פּאָעט האָט פערפאַסט א ליעד אין וועלכע ער האָט געשילדערט אַן ערפאָלגרייכע יאַגד. נאַטירליך, אזוי ווי כמעט דער גאַנצער לעבען פון ווילדע איז בעשטאַנען אין זוכען ערנעהרונג און צו בעשיצען זיך געגען אַן אָנפאַל פון שונאים, איז זייער גאַנצע קונסט־טהעטיגקייט פאָלגליך געווען אַ זעהר בעשרענקטע אין יעדער הינזיכט.

עס זיינען דאָ אָבער נאָך קוואַלען פון קונסט־טהעטיגקייט. איינע פון דיעזע, וועלכע מען קען רעכנען צווישען די וויכטיגסטע, איז דאָס פערהעלטניס צווישען די געשלעכטער. עס ווערט פון געלעהרטע אָנגעוויזען ווי ביי פערשיעדענע חיות האָט דיעזע פערהעלטניס ענטוויקעלט פערשיעדענע אייגענשאַפטען; און עס איז גאָר קיין ספק ניט, דאָס ביי מענשען האָבען געשלעכטליכע פערהעלטניסע, איבערהויפּט ליעבע, זעהר שטאַרק געווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון די עסטעטיישע געפיהלען. ספּענסער זאָגט, אז „דער גרעסטער טייל

הארמאָניזירענדער קראפט שאַפט זיך דער מענש א וועלט פון אמת'ע שעהנהייט.

ספענסער, וועלכער איז ניט געווען קיין פּאָעט, און קיין ראמאַנ־טיקער געווים ניט, אַנערקענט די פערבינדונג וואָס איז דאָ צווישען שפּיעל און עסטעטישע טהעטיגקייט און פּרובירט דאַדורך צו ערקלעה־רען די גאַנצע עוואָלוציאָן פון קונסט.

אָבער אנדערע געלעהרטע נעהמען שוין ניט אן די שילער־ספּענ־סער ערקלעהרונג אלס אן אין־גאַנצען־צופריעדענשטעלענדע טהעאָריע



פרידריך שיללער (1759—1805)

פון דער ענטשטעהונג פון קונסט. דיעזע שפּיעל טהעאָריע, זאָגען זיי, געהט ניט ווייט גענוג, און מען מוז זוכען אויך אַנדערע קוועלען פאַר דעם דירעקטען אנשטויס צו שאַפען אין דעפיניטיווע פאָרמען זאַכען וואָס גיבען עסטעטישען פערגעניגען.

עס ווערט געוועהנליך אנגעוויזען אויף אן אַנדער טרייב־קראַפט — דאָס איז דער אימפּולס פון נאַכאַהמונג. דיעזער אימפּולס האָט אן ענגע פערבינדונג מיט דער שפּיעל־קראַפט. ספּענסער אַליין זאָגט אייגענטליך דאָס ווען דער אימפּולס פון ענערגיע ארבייט אין א

אַלע מאָל זיינען מענשען געווען אזוי פּראַקטיש, אזוי אויסגערעכענט, ווי אין ציוויליזירטע צייטען, ווען גרויסע מאַסען זיינען פון דער נויט געצוואונגען צו ארבייטען רעגעלמעסיג. די ווילדע האָבען ניט גע־וואוסט פון קיין רעגולירטע צייט. ווען דער הונגער האָט זיך געלאָזט פיהלען האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער יאַגד. אבער ווען זיי האָבען זייער מאָגען צופריעדענגעשטעלט, האָבען זיי שוין דער־גרייכט די העכסטע מאַטעריעלע צופריעדענהייט — ביז זיי זיינען ווידער הונגעריג געוואָרען. אויסער דעם האָבען זיך גלאַט געמאַכט פיעלע טעג נאָכאַנאַנד ווען די ווילדע האָבען גערוהט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג. אָבער ביי יעדער חיה זאַמעלט זיך אָן א מאַסע ענערגיע ביים רוהען — ענערגיע וואָס טרייבט צו טהעטיגקייט. וועלכע טהעטיגקייט? — שפּיעל־טהעטיגקייט! אָט פון דיעזע שפּיעל־קראַפט איז דער מענש געטריבען געוואָרען אין זיין רוה־צייט צו פּראָדוצירען זאַכען וואָס האָבען ניט געהאַט קיין דירעק־טען, מאַטעריעלען נוץ.

דיעזע טהעאָריע איז צוערשט ארויסגעבראַכט געוואָרען פון א פּאָעט, פון דעם אונשטערבליכען דייטשען ראָמאַנטיקער, פריעדריך שילער, און זי איז דערנאָך ענטוויקעלט געוואָרען פון דעם גרויסען ענגלישען פילאָזאָף, הערבערט ספּענסער. שילער האָט דיעזע קראַפט גערופען „שפּיעל־טריעב“. נאָך זיין מיינונג, וועלכע ער האָט אויס־געדריקט אין זיינע בעריהמטע „עסטעטישע בריעף“, איז דער מענש בעהערשט פון דריי כחות: דאָס „שטאָף־טריעב“ — דאָס איז די אויסערליכע, מאַטעריעלע, פיזישע וועלט, וועלכע צאַמט ארום דעם מענש פון אלע זייטען מיט אלערליי שוועריגקייטען און מאַכט אלער־ליי בעשריינקונגען פאַר זיין טהעטיגקייט; דאָס „פאָרם־טריעב“ — דאָס איז די גייסטיגע, מאָראַלע וועלט פון דעם מענש, וועלכער זוכט צו בעפרייען זיך פון דער מאַטעריעלער שקלאַפעריי און ווערט מיט דער צייט הערשער און דיקטאַטאָר פון פאָרמע. צווישען דיעזע צוויי כחות געהט אָבער תמיד אן א מלחמה, און דער מענש וואָלט ווייניג נחת געהאַט פון זיין לעבען, ווען עס וואָלט ניט געווען די דריטע קראַפט, וואָס פעראייניגט אין אַ געוויסער האַרמאָניע די אַנדערע צוויי ענטגעגענגעזעצטע כחות; דיעזע דריטע קראַפט איז דאָס „שפּיעל־טריעב“; און דורך דער טהעטיגקייט וואָס שטאַמט פון דיעזער

אָבקעהרען, כאָטש אויף אַ ווײַלע, פון זיין קאַמפּף פאַר מאַטעריעלע עקזיסטענץ און נעהמען אויסקריצען, לאָמיר זאָגען, די פיגור פון אַן אָקס אויף אַ שטיין, אָדער אויפשרייבען אַ פּאָעמאַ, אָדער פער־פאַסען אַ ליעד, אָדער בעפּוצען זיין וואָהנונג?

דער ענטפער אויף דעם איז דאָס דער מענש איז געטריבען גע־וואָרען צו זיין קונסט־טהעטיגקייט דורך אַן אנצאָהל אימפּולסען וואָס ארבייטען אין איהם.

וואָס זיינען עס פאַר אימפּולסען?

דער ערשטער און אפשר דער וויכטיגסטער פון דיעזע איז — דער „שפּיעל“־אימפּולס. אונטער'ן וואָרט „שפּיעל“ דאַרף מען גאַנץ איינפאַך פערשטעהן שפּיעלען זיך, גאָר ניט טהאָן קיין נוצליכעס, פערווײַלען די צייט מיט רוהען.



פיגור 40. אַ טאַנץ פון סאַמאָאַ־מיידלעך.

אַז די ווילדעסטע און די ווילדע מענשען האָבען ניט געהאַט קיין נויטווענדיגקייט אבצוגעבען זיך מיט דער „חיונה“ יעדען טאָג אָדער יעדע שעה פון לעבען, איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך. ניט

כדי צו פערשטעהן גרינדליכער די פערהעלטניסע צווישען די עסטע־טישע געפיהלען און די קונסט שאפונג פון דעם מענש.

די פראגע וואס בעט זיך דא אוועקצושטעלען איז דיעזע:

אנגענומען אז עס איז דא ביים מענש א נאטירליכע נייגונג צו שעצען זאכען וואס זיינען שעהן און צו געבען אויסדרוק צו זיינע טיעפסטע געפיהלען אין בעשטימטע פארמען — וואס פאר אן אקטיווע קראפט האט בעוואגען דעם מעניש, אונטער דעם דרוק פון אזוי פיעל מאטעריעלע זארג און פיזישע ליידען, צוווידמען די־רעקט א בעדייטענדען טייל פון זיין ענערגיע אויף „פוסטע" זאכען, אויף שאפען נוצלאזע זאכען, קונסט־ווערק, ווי מאהלען בילדער, אויס־



פיגור 39. א מוזיק־שפיעלערין אין נייפאמעראניען (מעלאנעזיע).

האקען פיגורען פון שטיין און ביין, זינגען און טאנצען, שרייבען פא־עזיע און בויען הערליכע טעמפלען?

אז דער מענש האט זיך צו אלע צייטען, אין אלע עפאכען פון זיין ענטוויקלונג, זאגאר ווען ער איז געווען אין דעם ווילדסטען צו־שטאנד, אפגעגעבען מיט שאפען זאכען, וועלכע קענען בעצייכענט ווערען אלס קונסט, בעווייזען די פיעלע כלים, געוועהר און אנדערע ארטיקלען, וואס מען קען זעהן אויסגעשטעלט אין אלע מוזעאומס פון דער ציוויליזירטער וועלט.

וואס־זשע איז געווען די מאכט, וועלכע האט דעם פערגראבטען, אונוויסענדען ווילדען בעאיינפלוסט אזוי שטארק, אז ער זאל זיך

מיטעלע פאַקטען פון זאַכען וואָס האָבען פּאַסירט — דאָס האָט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט.

דאָס שטענדיג פערשטאַרקערטעס פיהלען פון דעם מענש, זיין אלין מעהר ענטוויקעלטע פאַרשטעלונגס־קראַפט און אלין גרעסערע פערפיינערונג פון זיינע עמפּפינדונגען — האָט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון קונסט.

צו דאָס ערשטע איז דער מענש געטריבען געוואָרען דורך זיין דירעקטען קאַמפּף מיט דער ארומיגער פיזישער וועלט, דורך זיין אונאויפהערליכעס פראַצעווען, דורך זיין אונערמידליכע אנשטריינגונג פון זעלבסט־בעשיצונג.

צו דאָס צווייטע איז דער מענש געטריבען געוואָרען דורך זיינע סאָציאַלע אינסטינקטען, דורך זיין שטרעבען צוצופּאַסען זיך אין הארמאָנישער גאַנצקייט צו דער ארומיגער וועלט, דורך זיין ליעבע, דורך זיין דראַנג נאָך שעהנהייט און דורך זיין נאַטירליכע נייגונג צו געבען אויסדרוק צו זיינע אינטענסיווסטע געפיהלען, כדי אנדערע ארום איהם זאָלען דעם פערגניגען קענען טיילען מיט איהם.

„אזוי ווי די וויסענשאַפט בערייכערט און ערהויבט אונזער אינטעלעקטועלעס לעבען, אזוי בערייכערט און ערהויבט די קונסט אונזער געפיהלסאָלעס לעבען“ — שרייבט דער דייטשער פּראָפעסאָר אדאָלף גראָסע אין א וויכטיגעס ווערק איבער קונסט.

טאָלסטאָי זאָגט: „קונסט איז איינע פון די צוויי מיטלען פון מענשליכען פּראָגרעס. דורך ווערטער טיילט דער מענש זיינע געדאנקען, דורך דער קונסט טיילט ער זיינע געפיהלען מיט אלע מענשען“.

דאָס בעווייזט ווי וויכטיג קונסט איז אלס א פאַקטאָר פון קולטור.

2.

מיר האָבען שוין געזעהן ווי וויכטיג די עסטעטישע געפיהלען, וועלכע זיינען איינגעבאָרען, זיינען דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער מענשליכער קונסט טהעטיגקייט, אָבער מיר האָבען נאָך ניט געזעהן ו ו י א ז ו י דער מענש איז געטריבען געוואָרען צו דיעזער טהעטיגקייט; און מיר וואָלטען בעדאַרפט זעהען דעם פּראָצעס דערפון,

ארומגערינגעלט פון געדיכטע וועלדער, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען די ווילדעסטע חיות. זיין בעגריף פון דער וועלט איז געווען אַ זעהר, זעהר בעשריינקטער. אַליין האָט ער געוואָהנט אונטער בוימער אָדער אין הייהלען וועלכע ער האָט געפונען אויף דער מוטער ערד, און געשפייזט האָט ער זיך מיט דעם וואָס ער האָט נור געקענט בעקומען. די יאגד איז ביי איהם געווען די וויכטיגסטע טהעטיגקייט. זיינע אַרבייטס־געצייג, זיינע כלים און זיינע קליידער זיינען געווען זעהר אָרעמע. די פיזישע וועלט ארום איהם איז פאר איהם געווען אַ טיעפע געהיימניס. האָט געגאָסען אַ מבול, האָט געדונערט, געבליצט, געהאָגעלט, געשטורעמט, געשנעעט שטאַרק, האָט אַ טייך פערגאָסען זיינע ברעגעס און פערפלייצט די גאַנצע געגענד, האָט אַ וואולקאַן אויסגעבראָכען מיט אַ שרעקליכען קראַכען און גענומען שפייען מיט פייער, האָט זיך די ערד א טרייסעל געטהאָן און געמאַכט א חורבן פון בערג און טהאָלען, פון וועלדער און היילען, האָט אַ ליקוי חמה מיט אַ מאָל פינסטער געמאַכט דעם טאָג — אין קורצען, האָט זיך עפּעס געמאַכט א נאַטור־ערשיינונג וואָס איז געווען אונגעוועהנליך, וואָס האָט געבראָכען די רוהיגקייט פון לעבען, האָט זיך דער ווילדער מענש דאַן געוואַלדיג דערשראָקען; און דיעזער פחד האָט אין איהם ענטוויקעלט פערשיעדענע אבערגלויבענס פון וועלכע ער האָט זיך ערשט אָגעהויבען בעפרייען ווען אין גאַנג פון לעבען איז די ערפאַהרונג געוואָרען ברייטער, דער מוח שאַרפער און דאָס גייסטיגע בעוואוסטזיין שטאַרקער. אָבער אין קאָנטראַסט צו די אונגעוועהנליכע, זעלטענע נאַטור־ערשיינונגען, וועלכע האָבען די האַרמאָניע אין דער פיזישער וועלט געבראָכען, האָט שעהנעס וועטער, בליהענדע בלומען, דופטענדע לופט, זונען־שיין, ערפאָלגרייכער יאגד, געזונד, ליעבע און אַלגעמיינע צופריעדענהייט מיט דער אומגעבונג געווירקט זעהר אנגענעהם אויף די געפיהלען, וועלכע זיינען אין דעם גאַנג פון לעבען אלץ קאָמפּליצירטער און מעהר פערפיינערט געוואָרען.

די ענטוויקלונג פון דעם מוח און די ענטוויקלונג פון די געפיהלען זיינען געגאַנגען אין פאַראַלעל ליניען, האַנד אין האַנד, שטיצענדיג איינס דאָס צווייטע און ווירקענדיג איינס אויף דאָס צווייטע.

דאָס פערמעהרטעס וויסען פון דעם מענש, זיין אלץ פערגרעסערטע ערפאַהרונג אין בעקאַנטשאַפט מיט'ן לעבען, זיינע אָנגעזאַ־

צוויגען און א קאלטער שטורם־ווינד האלט אין איין בושעווען קענט איהר ניט זאָגען: „אָה, ווי שעהן!“ ווארום ניט? ווייל אויף׳ן הארצען איז אייך ניט גוט, אייער שטימונג איז אן איבערגעפיהרטע, און עס פעהלט אין אייער נשמה יענע פּאָעזיע, וועלכע איהר האָט נור דאן ווען א פריעדליכע הארמאָניע שוועבט אין דער נאטור. זאָל די שטימע וועלכע זינגט א ליעד זיין הייזעריג און איהר וועט ניט זאָגען „ווי זיס!“ ווייל עס וועט פעהלען יענע פארבען־פעראייניגונג פון די טענער קלאנגען וועלכע גיסען זיך צוזאמען ביי א גוטער שטימע אין איין הארמאָנישעס עפעקט, אן עפעקט וואָס עפענט פונאנדער דעם קוואל פון שעהנהייט און פערשאפט דעם העכסטען גענוס.

און אזוי כסדר. די ביישפּיעלע וואָס קענען געגעבען ווערען זיי־נען אָהן א שיעור. די אונטערשטע שורה איז דאָס דער הויפּט כאַ־ראקטעריסטישער עלעמענט פון שעהנהייט איז — הארמאָניע, וועלכע מען דארף דאָ פערשטעהן אלס א פערשמעלצונג פון עפעקטען: און וואו דיעזעס פעהלט איז קיין שעהנהייט ניטאָ און פאָלגליך איז אויך ניטאָ קיין עסטעטישער פערגעניגען.

דארום טאקע איז שעהנהייט אלע מאָל ערהאבען, און ווי זאָגט דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף קאנט: „דאס ערהאבענע איזט ער־העבענד“. אין דער אנוועזענהייט פון דאָס אמת שעהנע קומען אין בעוועגונג די איידעלסטע געפיהלען און די גאנצע נשמה מיט אלע איהרע קאָמפּליצירטע, געהיימניספאָלע נואנסען ווערט מיטגעריסען אין דעם עוויג־פליסענדען שטראָם פון הארמאָניע וועלכע באהערשט די גאנצע וועלט.

פּסיכאָלאָגיש בעטראכט איז עס דיעזע הארמאָניע אין דער נאטור וואָס האָט אין דעם מענש ארויסגערופען די עסטעטישע געפיהלען. אין די צייטען ווען דער מענש איז נאָך געווען אין דעם ווילדעסטען צושטאנד, ווען זיין מוח האָט נאָך כמעט גאָרניט געארבייט און ער איז געווען אין גאנצען באהערשט פון פּרימיטיווע אינסטינקטען און ליי־דענשאפטען, האָט דיעזע הארמאָניע וועלכע האָט זיך פאר איהם ענטפלעקט אויף פערשיעדענע אופנים געמאכט דעם שטארקסטען איינדרוק אויף זיין נשמה, ווי ווענינ זי איז ניט געווען ענטוויקעלט. עס איז לייכט צו פערשטעהן אז אין יענע צייטען האָט דער מענש געלעבט כמעט אין שטענדיגער געפאהר און מורא. ער איז געווען

אַלזאָ, אין דאָס שפּיעלען פון דעם אַקטיאָר, אין דער אָפּעראַציע פון כירורג און אין דער פילאַנטראָפּיע פון דעם רייכען מאַן איז דאַ עפּעס געמיינשאַפּטליכעס וואָס מאַכט זייער טהעטיגקייט שעהן און פאָלגליך אַן אורזאַכע פון פערגעניגען פאַר אַנדערע. וואָס איז עס ?

דאָס געמיינשאַפּטליכע אין דיעזע דריי פערשיעדענע טהעטיגקייטען איז, אין לעצטער אנאַליז, אַ געוויסער גראַד פון האַרמאָניע. דער אַקטיאָר שאַפט האַרמאָניע צווישען די ווערטער וועלכע ער רעדט, די גרימאַסען וועלכע ער מאַכט, די בעוועגונגען פון זיינע גליעדער און דעם כאַראַקטער וואָס ער שטעלט פאָר. עס איז אַ האַרמאָניע פון עפעקטען. דער גרויסער כירורג שאַפט האַרמאָניע צווישען דעם פּאַציענט און אַלע וואָס אינטערעסירען זיך אין איהם, וואָס זיינען אבהענגיג אָן איהם, וואָס זיינען נור אַ טייל פון זיין וועלטעל ; אויך די סטודענטען וואָס האָבען בייגעוואָהנט די אָפּעראַציע פיהלען פערגעניגען פון דער האַרמאָניע וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין זייערע געמיינשאַפטליכע האָפנונגען און ווינשונגען.*) דער גרויסער פילאַנטראָפּ העלפט שאַפען אַ גרעסערע האַרמאָניע אין דער געזעלשאַפט דאדורך וואָס ער העלפט יענע וועלכע זיינען אין שרעקליכען נויט. עס איז דער אונבעוואוסטער, במעט אינסטינקטיווער שטרעבען נאָך האַרמאָניע, גאַנצקייט, איינינגקייט, פאָלקאָמענהייט, וואָס מאַכט די אַלע טהעטיגקייטען שעהן פאַר אונזער גייסט און וואָס רופט ביי אונז אַלעמען ארויס פערגעניגען.

איצט געהט אביסעל ווייטער און זעהט אויב ס'איז ניט דערזעלבער געפיהל פון האַרמאָניע וואָס כאַראַקטעריזירט די אַנדערע שעהנע זאכען פון אייער לעבען. ווען דער הימעל איז שטאַרק פער־

*) דזשאַן ראַסקין, דער בעריהמטער ענגלישער קונסט־קריטיקער, זאָגט דאָס אליין די ארבייט, וואָס ווערט אריינגעלעגט אין דער שאפונג פון א קונסט־ווערק איז א קוואַל פון פערגניגען, ניט בלויז פאַר דעם ארטיסט, נור אויך פאַר די וואָס האָבען פאַר זיך דאָס געשאַפענע פּראָדוקט. עס ליגט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענשען צו בעוואונדערען די בעקעמפּפונגען און בעהערשונגען פון שוועריגקייטען.

גראַציעזע בעוועגונגען פון הענד און פיס, וואָס פאַר אַ שעהנהייט !"
— רופט איהר אויס מיט בעגייסטערונג, ווען איהר זעהט פאַר זיך
די מיידעל נאָך אייער געשמאַק.

אָבער ניט בלויז די זאכען וואָס ווירקען אויף אייער חוש הראיה
רופען ביי איך ארויס דיעזע אַלע אנע־קענונגען פון שעהנהייט. אויך
אייער חוש השמיאה לאָזט אייך ניט איבער גלייכגילטיג, ווען איהר הערט
אַ פיעדעל אָדער אַ פיאַנא שפיעלען אָדער אַ שטימע זינגען. „וואָס
פאַר אַ שעהנע מעלאָדיע ! וואָס פאַר הערליכע טענער ! וואָס פאַר
אַ זיסע שטימע !" — זיינען אַלץ אויסדריקע מיט וועלכע איהר בע־
צייכענט אייער שטאַרקעס פיהלען, וועלכע דאָס שפיעלען אָדער זינ־
גען רופט ארויס.

אויך פיעלע אנדערע זאכען זיינען דאָ אין לעבען וואָס רופען ביי
איך ארויס אזא וואַרעמע אנערקענונג פון שעהנהייט. איינער טהוט
אַ סך צדקה און דער וואָס הערט פון דעם זאָגט : „ווי שעהן !" אַ
גרויסער דאָקטאָר, ווידער, מאַכט אַ שווערע אָפעראַציע אויף אַ
חולה אין האָספיטאַל, און די אַרומיגע סטודענטען זאָגען איינע צו
די אַנדערע : „ווי שעהן !" אויף דער ביהנע שטעלט פאַר אַן אקטיאָר
ווי אַן אויפרעגענדער מענש שטאַרבט פון אַפּאָפּלעקסיע און דאָס פוב־
ליקום אין טהעאַטער זאָגט : „ווי שעהן !"

וואָס איז דאָ שעהן ? דער טויט אַליין אין זיך ? ניין, דאָס
געלונגענע פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג פון דעם טויט, דאָס ערפאָלגרייכע
ש פ י ע ל ע ן פון אקטיאָר, די קונסט — דאָס איז דאָס שעהנע
וואָס רופען אַרויס ביים פובליקום דעם געפיהל פון פערגעניגען.

וואָס מאַכט שעהן די ארבייט פון דעם גרויסען כירורג אין האָ־
ספיטאַל ? איז עס דאָס שניידען פון דעם חולה׳ס קערפער ? געוויס
ניט ! עס איז, ערשטענס, די ג ע ש י ק ט ק י י ט דורך וועל־
כע דער כירורג מאַכט זיין ארבייט, עס איז זיין קונסט, און, צוויי־
טענס, אויך זיין ערפאָלגרייכער ר ע ז ו ל ט אַ ט וואָס פערשאַפט
די אַרומיגע דעם געפיהל פון פערגניגען.

וואָס מאַכט שעהן די פילאַנטראָפיע פון אַ רייכען מאַן ? דאָס
געלד־געבען אַליין אין זיך ? ניין, עס איז דאָס זאט מאַכען די
הונגעריגע און דאָס זאָרגען פאַר די היימלאָזע וואָס רופען ארויס גע־
פיהלען פון פערגעניגען.

וועזענס אַ נייגונג צו שעהנע זאכען, ווייל זיי פערשאַפען פערגעניגען. דיעזע נייגונג איז אַן אינסטינקטיווע, ניט קיין אויסגערעכענטע מיט'ן שכל; און זי דריקט זיך אויס אין געפיהלען וועלכע מאַכען זיך טהעטיג און פערשאַפען פערגעניגען יעדעס מאָל וואָס דאָס אויג זעהט עפּעס אָדער דאָס אויער הערט עפּעס וואָס איז שעהן. אַזעלכע געפיהלען רופען מיר עסטעטישע.

עסטעטישע געפיהלען זיינען, אַלזאָ, אַ נאַטור זאַך. זיי זיינען ניט אויסגעקלערט פון ציוויליזירטע מענשען, זאָנדערן שטאַמען פון די פּרימיטיווסטע אינסטינקטען פון חיות. עסטעטישע געפיהלען, גאַנץ איינפאַך פערטייטשט, זיינען שעהנהייטס־געפיהלען, און די לעהרע וואָס גיט זיך אָפּ מיט דיעזע געפיהלען הייסט „עסטעטיק“. דאָס וואָרט שטאַמט פון גריכישען און מיינט אין דער אמת'ן די וויסענשאַפט פון געפיהל; אָבער אין אַלגעמיין פערשטעהט מען אונטער „עסטעטיק“ די וויסענשאַפט פון שעהנהייט. אין דיעזען זין ווערט דאָס וואָרט געברויכט כמעט אַלע מאָל.

איצט אָבער אַז מיר ווייסען דאָס ביים מענש זיינען דאָ געוויסע געפיהלען וועלכע רופען זיך אָפּ אויף שעהנהייט, דענקט איהר ניט אַז מיר וואָלטען בעדאַרפט אביסעלע מעהר אַ טראַכט געבען וועגען דעם וואָס איז אַזוינס דיעזע שעהנהייט וועלכע שפּיעלט אַזאַ געוואַלטיגע ראָלע אין לעבען?

יעדער איינער האָט ביי זיך אַ בעגריף פון עפּעס אנגענעהמעס ווען מען געברויכט דאָס וואָרט שעהנהייט. אָבער דער בעגריף איז ניט קיין קלאָהרער. וואָס איז דער הויפּט כאַראַקטעריסטישער עלעמענט פון שעהנהייט? ווען איז א זאַך שעהן?

גיט ווידער א טראַכט אַליין. — זעהט נור וואָס זיינען די זאכען ארום אייך וועלכע איהר האַלט פאַר שעהן. „אה, וואָס פאַר אַ שעהנער טאָג איז היינט!“ — זאָגט איהר, ווען די זון וואַרעמט אַ מחיה און פון דער לופט שלאָגט א דופטענדער ריח. „וואָס פאַר א וואונדערשעהנע נאַכט“ — רעדט איהר ארויס מיט התלהבות, ווען איהר שפּאַצירט אין פּארק אין א זימער־אבענד און איבער אייער קאָפּ איז אויסגעשפּרייט דער בלויער הימעל, אויסגעפּלאַסטערט מיט אונצעהליגע, פּינקעלנדע שטערן. „וואָס פאַר א זיסער פּנים, וואָס פאַר אַ חן'עוודיגער שמייכעל; וואָס פאַר אַ הערליכע פיגור, וואָס פאַר

טער אנאליז איז עס דיעזער פערגעניגען וועלכען מיר אלע זוכען און צוליעב וועלכען מיר גיבען אוועק די בעסטע פון אונזערע כחות.

דער רייכסטער מענש אויף דער וועלט האט ניט פערגעניגען פון דעם וואס ער האט א סך געלד, זאנדערן פון דעם וואס מיט זיין געלד קען ער זיך פערשאפען אלע יענע זאכען וואס מאכען דאס לעבען שעהן, זיס און אנגענעהם — גוטע פריינד, לייטישע קרובים, וואהנונגען מיט הערליכע לאנדשאפטען, פרעכטיגע בלומען־גארטענס, סטאטועז, וואונדערבארע קונסט־גאלערעען, די בעסטע טהעאטער פארשטעלונגען, די שעהנסטע ביבליאטהעקען, ערהאבענע מוזיק. אט דיעזע אלע זאכען גיבען אמת'ן גליק דעם מענש. דיעזע אלע זאכען ערהויבען דעם מענש איבער אלע חיות און מאכען איהם דאס וואס זיינע העכערע אידעאלען שטעלען איהם פאר אז זיין לעבען דארף זיין.

די וואס זיינען אין ספק אז דאס איז אזוי, דארפען זיך נור בעמיהען א בליק טהאן אויף דער וועלט־געשיכטע. דארט וועלען זיי גלייך זעהען וויפיעל ענערגיע מענשען האבען אוועקגעגעבען אויף דיעזע העכערע, שעהנערע זאכען פון לעבען. די סקולפטור, מאלעריי, מוזיק, פאעזיע און ארכיטעקטור, זיינען א גלענצענדער מאנומענט צו דיעזער העכערער טהעטיגקייט פון דעם מענש. מאכט נור א קלײנעם צעטעל פון די גרויסע זשעניען וואס זיינען פערעוויגט מיט גאלדענע בוכשטאבען — א צעטעל וואס זאל ענטהאלטען אזעלכע אונשטערבליכע מייסטערס ווי פידיאס און פראקסיטעלעס, האמער און ווירגיל, עסקילוס און סאפאקלעס, דא ווינטשי און מיקעל־אנזשעלא, דאנאטעלא און טשעליני, שעקספיער און דאנטע, געטהע און שילער, בעטהאווען און וואגנער, באלזאק און דיקענס — און איהר וועט באלד איינזעהן וואס פאר א וויכטיגען ארט אין לעבען עס האט פערנומען דיעזע טהעטיגקייט וואס גיט זיך אפ מיט זאכען וועלכע זיינען שעהן און אנגענעהם און פערשאפען אונז פערגעניגען פון העכסטען זארט.

וואס דארפט איהר מעהר ? דיעזע ליעבע פאר שעהנע זאכען איז ניט כאראקטעריסטיש פאר'ן מענש אליין, זאנדערן אויך פאר אלע חיות. נאטירליך, ביי חיות דריקט זיך דאס ניט אויס אין דיזעלבע פארמען און אין דעם זעלבען גראד ווי ביים מענש, אבער אונשטרייטבאר איז דער פאקט דאס עס איז דא ביי אלע לעבעדיגע

טהאָן זאָלען זיין וואָס ליכטער און וואָס זיי מוזען האָבען זאָלען זיין וואָס אנגענאהמער. נאַטירליך, וואָס ווילדער מענשען זיינען געווען אַלץ וועניגער ערפאַהרונג האָבען זיי געהאַט און דארום האָבען זיי אַלץ וועניגער וויסען בעזעסען און אַלץ וועניגער געקענט ארויסקריגען פון דער נאַטור די מיטלען צום לעבען. דאָס האָט געמאַכט זייער קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ פיעל ביטערער, פיעל שאַרפער, פיעל טראַגישער, און זיי האָבען זיך ניט געקענט זאָרגען פיעל וועגען אַנדערע פערלאַנגען. אָבער דאָך, אפילו ביי די ווילדעסטע פון אַלע ווילדע געפינט איהר דיעזע איינגעבאָרענע פער־לאַנגען נאָך אַנדערע זאַכען אויסער ברויט.

וואָס בעווייזט דאָס?

ניט מעהר און ניט וועניגער דאָס דער מענש איז בעצם אַ סאָ־ציאַלעס וועזען; דאָס ער איז ניט אַ וואולגארער עגאָאיסט, וועלכער זוכט בלויז זיינע פיזיישע פערלאַנגען צו בעפרידיגען, זאָנדערן אַז ער האָט העכערע פערלאַנגען ווי פיזיישע און אַז ער זוכט זיין אייגענע צופרידענהייט אין דער חבר'שאַפט מיט אַנדערע מענשען.

דאָס וואָס מענשען וועגדען אָן אַזוי פיעל פון זייערע כחות אויף מאַכען אַ לעבען, אָדער אָנזאַמלען מאַטעריעלע רייכטהימער, און שטעלען זיך ניט אָפּ אין דיעזען קאַמפּף פאַר קיינע עולות און רציחות, געמיינהייטען און פאַלשקייטען — אָט דאָס פערבלענדעט אונז אָפט־מאָל די אויגען און מאַכט אונז דענקען, אַז דער מענש איז ניט מעהר ווי אַ ברוטאַלער עגאָאיסט, וועלכער איז תמיד בערייט צו דערשטיקען די גאַנצע וועלט מיט גוטע און שעהנע זאַכען אבי ער זאָל מאַטעריעל צופריעדענשטעלען זיין „איך“. אין דער אמת'ן אָבער האָט דאָס לעבען קיין ווערטה ניט פאַר קיינעם אָהן די גוטע און שעהנע זאַכען וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, פּשוט דערפאַר ווייל דער גאַנצער קאַמפּף פאַר ברויט איז ניט קיין ענד־ציעל פאַר זיך אַליין, זאָנדערן בלויז אַ מיטעל צו קענען האָבען די גוטע און שעהנע זאַכען פון דער וועלט.

אָט דיעזע גוטע און שעהנע זאַכען פון דער וועלט זיינען דאָס ענד־ציעל פון לעבען, אויב מען קען איבערהויפּט זאָגען, אַז ס'איז דאָ אַזא זאַך ווי אַן ענד־ציעל. דיעזע זאַכען פערשאַפען אונז יענעם פערגניגען וועלכער מאַכט דאָס לעבען ווערטה צו לעבען. אין לעצ־

וואָס צו עסען און צו טרינקען, מיט וואָס צו בעקליידען אייערע ליי־בער און וואו צו וואָהנען. דאָס זיינען די ערשטע זאַכען וואָס איהר מוזט האָבען. אָהן זיי קענט איהר פאקטייש ניט לעבען. אָבער ווען איהר האָט שוין דיעזע זאַכען, וועגען וואָס זאָרגט איהר דאן ?

איהר זאָרגט אַז דאָס עסען זאָל זיין גוטע, אַז די קליידער זאָלען זיין שעהנע און די וואָהנונג אַ בעקוועמליכע.

דאָס אַלעס ?

ניין, איהר זאָרגט דאן אויך דאָס איהר זאָלט האָבען אַ צייטונג, דורך וועלכער צו וויסען וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַנצער וועלט; איהר זוכט אייער מח צו ענטוויקלען, צו בעריייכערן איהם מיט ווי־סען, מיט די פאקטען און ערפאהרונגען פון אַנדערע מענשען, כדי איהר זאָלט ניט זיין הינטערשטעליג אין דעם גאַנג פון לעבען.

ניט מעהר ?

ניין, איהר ווילט אויך געהן אין אַ טהעאַטער, זעהן אַ קאָמע־דיע אָדער טראַגעדיע; איהר חלום'ט פון געהן הערען אַ מאָל אַ סימ־פאָניע אָדער אַן אָפּערא; איהר זוכט זיך אַריינצוכאַפּען ווען ניט ווען אין אַ קונסט־מוזעאום; און ווען איהר קענט דאָס ניט אויס־פיהרען קוויקט איהר זיך אין דער היים כאָטש אַמאָל מיט לעזען אַ גוטען ראָמאַן אָדער אַ פּאָעמא. אויסער דעם שטרעבט איהר די גאַנצע צייט צו געזעלשאַפטליכען לעבען, צו האָבען פריינד און בעקאַנטע; אַ יום טוב, אַ צערעמאָניע, אַ באָל, אַ געבורטס־טאָג — דאָס זיינען אַלץ זאַכען מיט וועלכע איהר בענוצט זיך אָפט, לויט אייער עקאָ־נאָמיישע אומשטענדען און אינדיווידועלע נייגונגען. אָט דיעזע אַלע און אַנדערע עהנליכע זאַכען שטעלען פאָר דעם סך הכל פון אייער לעבען.

מיינט אָבער ניט אַז דיעזע פערשיעדענזייטיגע טהעטיגקייט פון אייער לעבען איז צו פערדאנקען אייער ציוויליזירטען צושטאַנד און אַז ווען מענשען זיינען ניט געשטאַנען אויף אַזא מדרגה פון מאטע־ריעלער און גייסטיגער ענטוויקלונג האָבען זיי ניט געהאַט אַזוינע פער־לאַנגען. דאָס איז פאַלש. צו אַלע צייטען האָבען מענשען געהאַט מעהר ווי דעם פערלאַנג פאר ברויט. צו אַלע צייטען האָבען זיי גע־הייראַטה און געשלאָסען פערבינדונגען איינע מיט די אַנדערע. צו אַלע צייטען האָבען זיי געזוכט אַז די זאַכען וואָס זיי מ ו ז ע ן

די עסטעטישע קולטור.

דאָס איינגעבאָרענע געפיהל פון שעהנהייט. וואָס איז אַזוינס שעהנהייט? די עסטעטישע געפיהלען פון אַ פסיכאָלאָגישען שטאַנדפונקט. קונסט און וויסענשאַפט. וועלכע כחות האָבען ענטוויקעלט די געפיהלען פון שעהנהייט? די שפּיעל־קראַפט. דער אימפּולס פון נאָכאַהמונג. דער געשלעכטס־אימפּולס. דער סאָציאַלער אינסטינקט. דער ריטהמוס אין דער פיזישער וועלט. די שאַפונג פון קונסט־ווערק.

1.

געוויס זיינען דאָ פיעלע וואָס האַלטען די עסטעטישע קולטור פאַר עפּעס אַן אויסגעטראַכטע לוקסוס זאַך, וועלכע קען ניט האָבען קיין וויכטיגע פערבינדונג מיט דער אַלגעמיינער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם מענשען, אָבער יענע וועלכע האָבען אַזאַ מיינונג האָבען זיך זיכער קיינמאָל גרינדליך ניט אַריינגעטראַכט אין דער פראַגע. ווארום, ווען יאָ, דאַן וואָלטען זיי גאַנץ אַנדערש געדענקט וועגען אַן ערשיינונג אין מענשליכען לעבען וואָס האָט צו אַלע צייטען אַוועקגענומען אַזוי פיעל פון דער מענשליכער ענערגיע און טהעטיגקייט.

דאָס מענשליכע לעבען איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע זאַך. עס איז ניט אַזוי טרוקען, אַזוי פּראָזאַיאיש, אַזוי אויסגערעכענט ווי מאַנכע דענקען. דער קאַמפּף אום דאזיין דריקט זיך ניט אויס בלויז אין דער פערשווענדונג פון ענערגיע אויף בעפרידיגען דעם הונגער און דורשט. דער מענש האָט אַלע מאָל געהאַט און יועט אַלע מאָל האָבען אַנדערע פערלאַנגען אויך, און ניט ווייניגער ענערגיע גיט ער אוועק אויף בעפרידיגען אויך די דאָזיגע אַנדערע פערלאַנגען.

וואָס זיינען די אנדערע פערלאַנגען?

גיט נור אַ טראַכט אַליין — יעדער איינער פאַר זיך. יעדער איינער פון אייך ארבייט שווער און ביטער אום קודם כל צו האָבען

10-טע פֿאָרלעזונג

וו. עדלין

די עסטעטישע קולטור

ענטדעקען די וואהרהייטען פון דער וועלט, פון דער נאַטור און דעם לעבען, מעהר און מעהר געוואונען; דער מענשליכער גייסט האָט זיך געווידמעט דער גרויסער טהעטיגקייט צו ערקלערען די נאַטור און איהרע ערשיינונגען; ענטדעקען איהרע געזעצען און בייקומען זי — שטעלען זי אין דער דיענסט פון דעם מענשען און זיין לעבען. און די גרויסע וויסענשאַפטען פון דער היינטיגער מענשהייט האָבען זיך ענטוויקעלט מיט א געוואַלדיגער ענערגיע. אלץ מעהר און מעהר דרינגט דורך דער מענש די סודות פון דער נאַטור — אלץ מעהר און מעהר בעצוועקט ער זי. נאַטירליך, פון דערפונדעוועגן די וועלט און די וועלט שעפּפונג איז די וויסענשאַפט פונקט אזוי וויית, ווי עס איז געוועזען די מענשליכע דיכטונג אין דער מיטהאָלאָגיע אדער אין דער רעליגיע; אָבער די גרויסע גייסטיגע טהעטיגקייט פון דעם מענשען, מיט זיינע צוויי געוואַלדיגע גייסטיגע כלי זין — מיט דער שעפּפערישער קראַפט פון דער מענשליכער דיכטונג, אין אלע איהרע פאָרמען פון דער קונסט, וועלכע שאַפט לעבען, און מיט דער גרויסער ענטדעקענדער קראַפט פון דער וויסענשאַפט, וועלכע ברענגט ליכט דעם לעבען, וועט נאָך ווען עס איז — ווען דער מענש וועט פריי ווערען פון דער מאַטעריעלער נויט און געזעלשאַפטליכער אונגערעכ־טיגקייט אין וועלכע דאָס לעבען האַלט איהם — געפינען דעם סוד פון דער וועלט און דער וועלט שעפּפונג.

קומט די מענשליכע טהעטיגקייט פון יענעם אינערליכען דראַנג צו בעגרייפען די וועלט און דעם מענשען און געפינען דאָס פערהעלטניס צווישען זיי.

אָבער להפיך צו דער מענשליכער דיכטונג מיט איהר פאָרשטעלונגס־קראַפט איז די וויסענשאַפט ניט שעפּפעריש — נור ענטדעקענד. זי בעשאַפט קיין זאַך ניט — זי ענטדעקט נור דאָס וואָס איז דאָ אין דער נאַטור און אין דעם לעבען. דערפאַר איז איהר ענטוויקלונג אין די טויזענדער און טויזענדער יאָהרען פון דער פרימיטיווער מענשליכער קולטור געבליבען אין דעם קלעגליכען צושטאַנד פון דער בעגרענעצטער רעאַלער ערפאַהרונג פון דעם פרימיטיווען מענשען, וועלכע איז, ווי עס בעוויזט די גאַנצע קולטור געשיכטע, פיעל מעהר מסוגל צו שאַפען זיך דיכטערישע פאָרשטעלונגען וועגען זאַכען און ערשיינונגען ווי צו ענטדעקען זייער רעאַלען כאַראַקטער. איהם, דעם פרימיטיווען מענשען, האָט זיין וויסענשאַפט נור אויף אזוי פיעל געהאָלפען אין זיין לעבען און זיין קאַמפּף, אויף וויפיעל זיין בעשטימטעס וויסען האָט איהם געקענט ברענגען דירעקטע נוצען אין דעם לעבען און קאַמפּף; און דאָך איז אפילו ביי איהם דאָס רעאַלע וויסען וועגען זאַכען און ערשיינונגען געוואַקסען מיט דעם וואוקס פון זיין ערפאַהרונג און דער פעהיגקייט צו בעגרייפען זיי אַלס טהאַטזאַכען, ווייל שוין ביי די עלטסטע פעלקער, וועלכע זיינען אונז געשיכטליך בעקאַנט, געפינען מיר היבשע וויסענשאַפטליכע קענטעניסע אין אַלע צווייגען פון נוצליכען וויסען, און ביי פעלקער פון העכערען קולטורעלען מצב געפינען מיר אויף היבשעס וויסען אין דער מאַטעמאַטיק, דער אסטראָנאָמיע, דער בוי־קונסט, אין דער נאַטור־וויסענשאַפט און אין דער פיזיק. דאָך האָט זיך דער פרימיטיווער מענש, ווי אויך די אַלטע פעלקער פון דער געשיכטע, פיעל מעהר אָבגעגעבען מיט דער דיכטערישער שעפּפונג פון זייער גייסטיגער וועלט ווי מיט דער וויסענשאַפטליכער ענטדעקונג פון טהאַטזאַכען.

אָבער אין די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר — זייט דעם מיטעלאַלטערליכען רענעסאַנס אין אייראָפּאַ — האָט דער גייסט צו

סמנים פון זיין ווירקונג אויף דער מענשהייט — נאָך ביז היינטיגען טאָג. שפּעטער, אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, נעהמט די רעליגיע אָן די פאָרמע פון גלויבען אין פיעלע פּערזאָניפיצירטע געטער, ווי אין דעם פּאָליטעאיזם — אין געטער העכערע און נידעריגערע, גרעסערע און קלענערע — וועלכע רעגיערען איבער דער וועלט אין א געוויסען סדר, יעדער אין זיין טהייל — און ענדליך, פאָרגעטערט דער מענש איין גרויסע שעפּפערישע קראַפט — קאָנצענטרירט זיין גלויבען אין איין גאָט איבער אַלע וועלטען.

די מענשליכע רעליגיע אין אלגעמיין — ווי איהר אינהאַלט, אזוי אויך איהרע פאָרמען — איז א פּראָדוקט פון דעם גרויסען שעפּפערישען און דיכטערישען גייסט פון דער מענשהייט, און האָט אָהן שום צווייפעל, געהאַט א געוואַלדיגע ווירקונג אויף דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט.

אָבשטעלען זיך אויף דער ווירקונג, אָדער פּרובען זי אָבשעצען, איז דאָ ניט דער פּלאַץ; דאָך קענען מיר דאָ ניט פערביי געהן די טהאַטזאַך, אז בעשאַפענדיג די פאָרמען פון רעליגיעזען אויסדרוק, האָט די דיכטערישע פאָרשטעלונגס־קראַפט פון דעם מענשען אויך געשאַפען פאָרמען פון דיכטערישען אויסדרוק, וועלכע האָבען זיך שפּעטער ענטוויקעלט אונאבהענגיג פון איהר. די לירישע דיכטונג— דער אויסדרוק פון דער זאַנפטערער מענשליכער נשמה, און די דראַמאַטישע דיכטונג — דער אויסדרוק פון מענשליכער האַנדלונג, האָט דער שעפּפערישער גייסט פון דער מענשהייט געשאַפען אין דעם אויסדרוק פון רעליגיעזע פאָרמען, אין דעם אויסדרוק פון דיענען גאָט אָדער געטער; ביידע אָבער — אי די לירישע דיכטונג, אי די דראַמע ענטוויקלען זיך שוין זייט הונדערטע און הונדערטע יאָהרען אונאַבהענגיג פון רעליגיעזע פאָרמען און זיינען, ווי די גאַנצע מענשליכע דיכטונג און די מענשליכע קונסט — א טהייל פון דעם גרויסען ערווערב פון דער מענשהייט.

אויף די וויסענשאַפט האָט איהר אָנהויב אין דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דעם פּרימיטיווען מענשען; אין איהר איינפאַכסטע פאָרמע, ווי אין איהר גרויסער ענטוויקלונג אין די לעצטע פאָאר הונדערט יאָהר איז זי, ווי זי מוז עס תמיד זיין, דער פּראָדוקט פון דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דעם מענשען. אויף א י ן א י ה ר

רעליגיע דער פּראָדוקט פון דעם מענשען'ס אייגענעם שעפּפערישען גייסט.

פונקט ווי דער אינערליכער שעפּפערישער גייסט פון דעם מענשען בעשאַפט דעם דראַנג — דעם געפיהל אָדער ווילען צו בעגרייפען די זאַכען און ערשיינונגען פון דער וועלט, וואָס רינגלען איהם ארום, און שאַפט אָדער דיכטעט, אין זאַגען און לעגענדען, א וועלט — ערקלעהרונג — א וועלט־אנשויאונג; אזוי בעשאַפט אויך דער אינערליכער שעפּפערישער גייסט פון דעם מענשען דעם דראַנג — ד ע ם ג ע פ י ה ל אָ ד ע ר ו ו י ל ע ן — צ ו ב ע ש א פ ע ן א ב ע ־ ש ט י מ ט ע פ ע ר ה ע ל ט נ י ס צ ו ו י ש ע ן ז י ך א ו ן ד י ז א כ ע ן א ו ן ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן, צ ו ו י ש ע ן ז י ך א ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט — ע ר ש א פ ט ד ע ם ר ע ל י ג י ע ז ע ן ג ע פ י ה ל, און דיכטעט, אין זאַגען און לעגענדען, די פאַרעהרונג און פאַרגעטערונג פ ו ן ד ע ם וואָס דריקט אויס די פערהעלטניס, פ ו ן ד ע ם וואָס דריקט אויס ז י י ן שייכות צו דער וועלט.

און די רעליגיע — ניט איהרע פּאַקטישע, קריסטאַליזירטע אינסטיטוציאָנען, פערשטעהט זיך, (זיי געהערען צו דער אַלגעמיין סאָציאָלאָגישע פאָרשונג), נור די רעליגיע אַלס פערעהרונג פון קרעפטען און גלויבען אין געטער, אין אַלע פאָרמען; ד י ר ע ל י ג י ע, א ל ס פ ר א ד ו ק ט פ ו ן ד ע ם מ ע נ ש ל י כ ע ן ג י י ס ט, א י ז ד ע ר ג ר ו י ס ע ר ד י כ ט ע ר י ש ע ר א ו י ס ד ר ו ק פ ו ן י ע נ ע ר פ ע ר ה ע ל ט נ י ס צ ו ו י ש ע ן ד ע ם מ ע נ ש ע ן א ו ן ד ע ר א ל ־ ו ו ע ל ט, ו ו א ָ ס ד ע ר ש ע פ פ ע ר י ש ע ר ג י י ס ט פ ו ן ד ע ם מ ע נ ש ע ן ז ו כ ט צ ו ג ע פ י נ ע ן.

ביסלעכווייז ענטוויקעלט זי זיך אין אונצעהליגע פאָרמען פון דער אַלגעמיינער וועלט־ערקלעהרונג פון דעם פּרימיטיווען מענשען, דורך די שטופען פון פערעהרונג און פערגעטערונג פון חיות און פויגעל אין דעם טאָטעמיזם; אין די פערעהרונג און פערגעטערונג פון די פערשטאָרבענע אבות און דעם אבות־קולט; אין דעם גלויבען און פערגעטערונג פון די הימעלישע קערפּער און, איבערהויפּט, אין דער פערגעטערונג פון דער זון, אַלס דעם גרויסען מעכטיגען שעפּפער פון דער וועלט — אין דעם זונען־קולט, וועלכער האָט איבערגעלאָזט שטאַרקע

מענשליכע ערפאהרונג וועגען דער וועלט און דעם לעבען דריקען זיך אויס, און פון וועלכער עס טהיילען זיך ביסלעכווייז אויס אויף דאָס, וואָס מיר בעגרייפען אלס וואַרהייטען פון דער נאַטור און דעם לעבען. *די מיטהאָלאָגיע פון דער מענשהייט אין אַלע איהרע פאָרמען*, ווי אין איהרע נידעריגערע שטופען ווען זי בעשאַפט איהרע לעגענדען און זאַגען ארום די אָביעקטען און ערשיינונגען, וועלכע קומען אין דירעקטע בעריהרונג מיט דעם מענשען; ווי אויך אין איהרע העכערערע פאָרמען, ווען זי בעשאַפט איהרע לעגענדען און זאַגען ארום די אביעקטען און ערשיינונגען פון דער גרויסער נאַטור און פאַרגעטערט זיי צו שטופען פון פערעהרונג און רעליגיעזען גלויבען — *די מיטהאָלאָגיע איז דער ערשטער גייסטיגער פראדוקט פון מענשליכער דיכטונג*.

אין איהר איז שוין אין די פריהעסטע צייטען פון גייסטיגער מענשליכער טהעטיגקייט בעשאַפען די פאָלקסטימליכע לעגענדע — דאָס פאָלקסטימליכע מעשה'לע, און שפּעטער אויף דער פאָלקסטימליכער עפּאָס — דאָס, פון וואָס עס האָט זיך אין יאָהר טויזענדע שפּעטער ענטוויקעלט די מענשליכע געשיכטע.

אָבער די דיכטונג פון דעם מענשען, אלס פּראָדוקט פון דעם שעפּפערישען דראַנג פון דער דיכטערישער פאָרשטעלונג, האָט בעשאַפען פיעל מעהר ווי איינפאַכע זאַגען און לעגענדען איבער אביעקטען און ערשיינונגען פון דער רעאַלער וועלט.

אין איהר שעפּפערישען דראַנג האָט די מענשליכע דיכטונג אויך בעשאַפען די רעליגיע. ווי פערשיעדען עס זאָלען ניט זיין די מיינונגען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער רעליגיע ביי מענשען, איין זאַך איז היינט קלאָר וועגען דעם פאַר יעדען געלערנטען קולטור־פאָרשער, און דאָס איז, אז — דער גלויבען און די פערעהרונג פון אַ גאָט אָדער געטער איז ניט געגעבען געוואָרען צו די מענשען פון די הימלען; אַז ניט א גאָט אָדער געטער האָבען פערפאַסט די פאָרמען פון די רעליגיעס און געגעבען זיי צום מענשען צו גלויבען אין זיי און געהאָרכען זיי, נור אז אין *אַלע* איהרע פאָרמען און אינהאַלטען *איז* די

.5

עס איז ניט דער ציעל פון דער איצטיגער ארבייט זיך אָבצושטע־לען אפילו בקצור אויף יעדע פון דיעזע גרויסע גייסטיגע טהעטיגקייטען פון דער מענשהייט. דאָ קענען מיר נור קורץ אנדייטען זייער ענט־שטעהונג און דעם וועג, אויף וועלכען דער שעפּפערישער גייסט פון דעם מענשען האָט זיי ענטוויקעלט; מעהר — וועט די צייט און דאָס פּלאַץ ניט ערלויבען.

עס איז גענוג נור א בליק צו טהאָן אויף דער גייסטיגער ענט־וויקלונג פון דעם פּרימיטיווען מענשען און פערפאָלגען זי אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ביז די נייעסטע געשיכטליכע עפּאָ־כען, צו בעגרייפען, וואָס פאַר א געוואלדיגע ראָלע די מענשליכע דיכ־טונג שפּיעלט אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט.

דער היינטיגער איינפאַכער מענש איז געוועהנט צו פערשטעהן די דיכטונג פון א פּאָעט, א שרייבער, אָדער די דיכטונג פון א קינסט־לער, א מוזיקער, ווי א מין צייט־פערטרייב — געדיכטעט און גע־שריעבען צוליעב דעם פערגניגען פון א לעזער, צוהערער אָדער צו־שויער. אָבער דאָס איז דאָך אין אמת'ן ניט אזוי. די דיכטונג פון דער מענשהייט — די אמת־שעפּפערישע פאָרשטעלונג, וועלכע דער מענש מאַכט זיך וועגען דער וועלט, דעם לעבען און די מענשען, אויסגעדריקט אין פערשיעדענע גייסטיגע פאָרמען — איז שוין אין די ערשטע שטופען פון מענשליכער ענטוויקלונג ניט קיין צייט־פערטרייב, ניט קיין קונסט נור צו אַמוזירען זיך אָדער יענעם; זי איז אפילו ניט קיין איינפאַכער אויסדרוק פון דעם, וואָס מיר בע־טראַכטען איצט אַלס די רעאַלע נאַטור און רעאַלעס לעבען. די מענש־ליכע דיכטונג, דאָס הייסט דאָס, וואָס איז א שעפּפערישער פּראָדוקט פון דעם מענשען'ס פאָרשטעלונגס־קראַפט, איז פון אנהויב אָן די בעשאַפענע ערקלעהרונג פון זאַכען און ערשיינונגען; זי איז פון אָנהויב אָן די וועלט ערקלעהרונג פון דעם לעבען, און אויף יעדער שטופע פון איהר ענטוויקלונג און אין יעדער פאָרמע אין וועלכער זי גיסט זיך אויס, איז זי דער פּראָדוקט פון זיין שעפּפערישען גייסט.

נאָך דעם ערווערב פון דער שפּראַך און דער געדאַנקען פעהיג־קייט, איז די מענשליכע דיכטונג די גרויסע פאָרמע, אין וועלכער די

און לעגענדען פון א פיעל העכערער אַרט (די העכערע מיטהאָלאָגיע). אויף די העכערע שטופען פון דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דעם מענשען ברייטעט זיך אוים זיין ערפאַהרונג און זיין בעוואוסטזיניגקייט; און צו דעם בעגריעף פון א פלאַכער ערד, א באַרג, א וואַלד, א פליסיג וואַסער, חיות און פויגלען, קומט נאָך צו די ערפאַהרונג פון א הימעל און הימעלישע ליכט. די פאָרשטעלונגס־קראַפט פון דעם מענשען נוצט אוים די ערפאַהרונג און בעשאַפט ווידער נייע, וואונדער שעהנע לעגענדען איבער „דער בלאַסער מעסטערין פון די הימלען“ און דעם „שטילען פריינד פון דעם הירטען וואנדלערער“; ער בעשאַפט די זאַגען און לעגענדען וועגען דער לבנה — דער שטילער, טרוימערייעער נאַכט־וואַנדלערין — די לונאַרע מיטהאָלאָגיע. קוקנ זיך אָבער אויף דער מענש צו שפעטער, אין זיין גייסטיגער ענטוויקלונג, צו דעם פייערדיגען פונק פון דער זון און פערבינדט די ווירקונג פון איהר ליכט און איהר וואַרעמקייט מיט דעם אויפבליהענדען לעבען אין דער נאַטור, בעגרייפט ער די זון ווי דעם קוואַל פון לעבען און שעפפונג, און וועבט ארום איהם די מעכטיגסטע און די שעהנסטע לעגענדען און מיטהען — די זונען אָדער סאָלאַרע מיטהאָלאָגיע, און מאַכט זי פאַר דעם גאָט פון זיין גלויבען — דעם גאָט פון דער וועלט שעפפונג.

די *פרימיטיווע מיטהאָלאָגיע* דאַרום, איז גאַנצען גענומען, *איז די גרויסע וואונדערבאַרע וועלט־אנשויאונג פון דעם פרימיטיווען מענשען*; ניט ווייל ער רופט זי אזוי, אָדער ער בעגרייפט זי אזוי, נור ווייל *דאָס איז זי* אין דער אמת׳ן פאַר איהם — זיין וועלט־ערקלעהרערין. זי ווערט בעשאַפען דורך דעם אינערליכען דראנג פון דעם מענשען צו בעגרייפען דאָס בעמערקבאַרע און דאָס ערפאַהרענע, ווי עס שפיגעלט זיך אָב אין זיין גייסט און אין זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט, און פון איהר שטאַמען ארוים שוין פון די ערשטע נידעריגסטע שטופען איהרע גרויסע גייסטיגע פראָדוקטען, וועלכע דער מענש האָט בעשאַפען און ענטוויקעלט: די דיכטונג, די רעליגיע, די פילאָזאָפיע און די וויסענשאַפט.

פון דעם טויט, און מיט דעם פאַקט, אז זיינע פערשטאָרבענע אבות זיינען אוועקגעגאַנגען פון איהם ערגעץ אין אן אנדער לאַנד. אז זיי לעבען דאָרט ווייס ער זיכער פון דעם, וואָס זיי קעהרען זיך אָפטמאָל אום צו איהם אין זיינע חלומות. און ארום דעם טויט און די טויטע אבות בעשאַפט דער פרימיטיווער מענש גרויסע, געוואַגטע און אָפטמאָל וואונדערבאַרע זאַגען און לעגענדען, פול מיט פורכט און פאַרעהרונג פון יענע טויטע אבות און יענעם אונבעקאַנטען לאַנד (די מאָניסטישע — אבות פערעהרונג מיטהאָלאָגיע). די זאַגען און לעגענדען פלעכט ער איין אין זיין וועלט־אנשויאונג — אין דעם בעגריעף פון דער וועלט — און בעשאַפט דעם גרעסטען פון אַלע מיטהען — דעם מיטה פון א וועלט־שעפפונג. דעם מיטה, וועלכען קיין דיכטער, פון יענער צייט אָן, האָט נאָך מיט זיין פאָרשטעלונג און שאַפונגס־קראַפט — ווי גרויס זי זאָל ניט זיין — אין אָריגינאַליטעט און גרויסקייט נאָך ניט איבערטראָפען; יענעם מיטה, וועלכען די וויסענשאַפט מיט איהר קאַלטער לאָגישער מאַכט אין דער פאָרשונג פון דער נאַטור און דער ערפאַהרונג פון מענשען, האָט פון דעסטוועגען נאָך ווייט ניט ערקלעהרט, און אויס דעם זאָטעל פון דער צייט און דעם גלויבען פון דער מענשהייט, נאָך ווייט ניט ארויסגעזעצט. ווייל אפילו די וויסענשאַפט, מיט אַלע איהרע גרויסע אמת'ן וועגען דער נאַטור און דעם לעבען, בעפרידיגט נאָך ניט דעם טיעף דענקענדען מענשען מיט איהרע פשרות וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט.

די מיטהען און די לעגענדעס פון די פרימיטיווסטע פעלקער, וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט, זיינען נאַטירליך זעהר נאַאיוו. די פויגעל־מיטהען, צום ביישפיעל, וועלכע מען געפינט ביי פיעלע פעלקער און וועלכע ערקלעהרען אין זייער איינפאַכקייט, אז די וועלט איז ארויסגעקומען פון א גרויס איי, וואָס א גרויסער פויגעל האָט געלעגט, זיינען געוויס זעהר קינדעריש; אבער דער מיטה אליין, וואָס דערצעהלט אזוי איינפאַך ווי די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, טראָגט שוין איז זיך דעם גרויסען געדאַנק פון א וועלט־שעפפונג און דערצעהלט אונז פון א גייסטיגען צושטאַנד פון דעם מענשען, וועלכער ווערט מיט רעכט בעטראַכט אלס די איבערגאַנגס־שטופע פון די נידעריגע זאַגען און לעגענדען (די נידעריגע מיטהאָלאָגיע) צו זאַגען

אַ גאַנץ, אַנדערע פֿאָרשטעלונג פֿון דער מיטהאָלאָגיע אין אַלגעמיין מוז מען זיך מאַכען, ווען מען לערענט די זאַגען און לעגענדען פֿון דער נידעריגערער מיטהאָלאָגיע — די זאַגען און לעגענדען, וועלכע די נייעסטע פֿעלקער־פֿאָרשער — די עטנאָלאָגען — האָבען געזאַמעלט צווישען אַזעלכע פּרימיטיווע פֿעלקער ווי די איינגעבוירענע אַמעריקאַנער אינדיאַנער, די ווילדע פֿעלקערשאַפֿטען פֿון אַפֿריקאַ און די וואַנדערענדע שטאַמען פֿון אויסטראַליע.

צווישען די זאַגען און לעגענדען פֿון יענע פּרימיטיווע פֿעלקער זיינען דאָ אויך אַזעלכע, וועלכע ווייזען אָן אויף אַ צייט, ווען דער פּרימיטיווער מענש, אויף זיין נידעריגער שטופֿע פֿון אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג, האָט נאָך גאָר ניט בעמערקט קיין גייסטיגען אונטערשיעד צווישען זיך און די אַנדערע לעבעדיגע ברואים — די חיות און פֿויגעל אַרום איהם; ווען ער איז, אין זיין גייסטיגען בעגריף וועגען דער גאַנצער לעבעדיגער וועלט געוועזען איינס מיט איהר, און האָט געגלויבט, ווי יענער ווילדער בושמאַן האָט געגלויבט, אַז אויך „דער בופֿלאַקס וואָלט געקענט שיסען, ווען ער וואָלט געהאַט אַ פֿייל און בויגען". אין יענעם פּרימיטיווען גייסטיגען צושטאַנד בעשאַפֿט דער פּרימיטיווער מענש, דורך דעם דראַנג פֿון זיין פֿאָרשטעלונגס קראַפֿט, זאַגען און לעגענדען איבער די חיות און די פֿויגעל און זייערע פֿערהעלטניסען צו איהם (די אַנימיסטישע מיטהאָלאָגיע) וואָס גיבען איהם, אונבעוואוסט פֿאַר איהם אַליין, אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דער וועלט און דעם לעבען אין וועלכע ער לעבט — גיעבן איהם אַ פּרימיטיווע וועלט־אַנשויאונג.

אָבער די מענשליכע ערפֿאַהרונג וואַקסט. דאָס מענשליכע בעוואוסטזיין ענטוויקעלט זיך און די שפּעטערדיגע פֿאָרשטעלונג פֿון דעם מענשען ברייטעט אויס זיין בעגריף פֿון דעם לעבען און דער וועלט דורך נייע לעגענדען און נייע זאַגען, געוועבט אַרום נייע ערשיינונגען, פֿון דער נאַטור און דעם לעבען מיט וועלכע ער בעגעגענט זיך און וועלכע ער הויבט אָן צו בעגרייפֿען און פֿערשטעהן אויף זיין אַרט. צווישען אַנדערע גרויסע און קליינע נאַטור־ערשיינונגען, וועלכע ציהען אפשר ניט אזוי פֿיעל זיין אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיך, בעגעגענט זיך אָבער דער פּרימיטיווער מענש מיט דער ערשיינונג

ג ע ן י ע ד ע ר ז א ך א ו ן י ע ד ע ר ע ר ש י י נ ו נ ג איבער וועלכער זיין פרייער געדאנק, ווי בעגרענעצט ער זאָל ניט זיין, געפינט אַ געלעגענהייט אָדער אַ לעבענס־נויטיגקייט איבערצור־טראַכטען און נאָכצודענקען.

דער מענש בעשאַפט דאן, אונבעוואוסט פאר זיך אליין, די וואונדערבארסטע פּאָעזיע — ער בעשאַפט די מענשליכע מיטהאָ־לאָגיע.

די מיטהאָלאָגיע איז דער גרויסער אוצר פון מעשה'לעך, זאגען און לעגענדען וואָס פילט אוים כמעט דאָס גאנצע גייסטיגע לעבען פון די אלטע פעלקער.

אין די ערשטע צייטען פון דער וויסענשאַפטליכער קולטור היס־טאָרישער פאָרשונג האָבען די געלערנטע קולטור־פאָרשער ניט גאָר ריכטיג אויפגעפאסט און אָבגעשאַצט די בעדייטונג פון דער מיטהאָ־לאָגיע אין דעם לעבען פון די פעלקער. זיי האָבען מיטהאָלאָגיע בע־טראַכט אלס דעם אויסדרוק פון דעם רעליגיעזען גלויבען פון אַ פאָלק. די זאגען און לעגענדען, האָט עס געהייסען, דערקלערען די מאַכט און די האַנדשריפט פון די געטער און די רעליגיע פון דעם פאָלק. פון די זאגען און לעגענדען פון די אַלטע גריכען און רוימער מיט וועלכע די געבילדעטע היסטאָריקער און קולטורפאָרשער האָבען זיך צוערשט בעקענט, האָט מען גאָר צו קיין אנדער בעדייטונג פון דער מיטהאָלאָגיע ניט געקענט קומען. די גריכישע און רוימישע מיטהאָ־לאָגיע א י ז אַ טהעאָקראַטישע — אַ געטער הערשאַפטליכע מי־טהאָלאָגיע. איהרע זאגען, מיטהען און לעגענדען וועבען זיך ארום דער הערשאַפט פון געטער און האלב־געטער און שפּעטער אויך ארום די פארגעטערטע העלדען, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט געגלויבט, און וועלכע עס האָט פארעהרט און געפעליגט.

אָבער דאָס איז נור דערפאַר, ווייל יעדע זאגען און לעגענדען זיינען דער גייסטיגער פּראָדוקט פון אַ העכערען אינטעלעקטועלען צושטאַנד פון די פעלקער און דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. זיי געהערען צו ד ע ר ה ע כ ע ר ע ר מ י ט ה אָ ל אָ ג י ע — ווי די וויסענשאַפט בעצייכענט זיי, און ווערען בעשאַפען אויף אַ פיעל העכערער שטופע פון גייסטיגען פּאָרטשריט ווי די זאגען און לע־גענדען, וועלכע ווערען בעשאַפען פון דעם פּרימיטיווען מענש.


שטופען פון ענטוויקלונג. אַזוי צום ביישפּיעל זיינען די אַלטע היערגליפישע־שריפטען פון מצרים, ווי אויך די בונעפאריאשע שריפט פון אשר און בבל, און אפילו די אלטע כינעזישע שריפט, נור פיעל פערענדערטע פאָרמען פון *דער בילדערשריפט* פון דעם פּרימיטיווען מענשען. אַ פערגלייכענדע לעהרע פון די שריפט־צייכענס בעווייזען דאָס. אָבער שוין אין דעם אַלטען מצרים, אַזוי פארזיכערען געוויסע געלערנטע, זיינען פאראנען שריפט־צייכענס, וועלכע האָבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אין די בעזונדערע שריפט פיגורען פון דעם פאנעטישען א״ב — און וועלכע די סעמיטישע פעלקער האָבען שפּעטער געבראַכט פון דאָרט נאָך מזרח אַזיען.

צו דאָס איז אמת צו ניט איז זעהר וויכטיג. וויכטיג אָבער איז אז דער מענשליכער גייסט האָט בעשאַפען אַזאַ סיסטעמע פון שריפטליכע סימבאָלען ווי די בוכשטאַבען פון דעם פאנעטישען א״ב, דורך וועלכע דער מענש קען אויסדריקען די טיפסטע און ברייטסטע געדאַנקען — די טיפסטע און ברייטסטע געפיהלען אין א שריפטליכער פאָרמע.

.4

אָבער דורך די אונצעהליגע דורות פון לעבען און שאַפען ווען דער פּרימיטיווער מענש דענקט נאָך און שרייבט נאָך מיט די אונמיטעלבאר רעעלע בילדליכע פאָרשטעלונגען פון די זאכען און ערשיינונגען פון זיין ערפאהרונג, ווען ער דענקט נאָך און שרייבט נאָך מיט די ווערטער און נעמען וואָס בעדייטען נור דאָס וואָס ער זעהט און הערט און פיהלט; אָדער דורך די אונצעהליגע יאָהרען פון לעבען און שאַפען ווען ער דענקט שוין און שרייבט שוין מיט ווערטער און נעמען וועלכע בעדייטען זיינע בילדליכע פאָרשטעלונגען פון זאכען און ערשיינונגען מיט וועלכע ער קומט שוין ניט מעהר אין דירעקטער בעריהרונג, נור וועלכע זיינען בעהאַלטען אין זיין זכרון, דורך די אלע אונצעהליגע דורות בילדעט זיך אויס אין דעם פּרימיטיווען מענשליכען פערשטאַנד אַ *מעכטיגע שעפּפערישע פאָרשטעלונגס־קראַפט* וואָס מאָהלט איהם אויס, אַלס פּראָדוקט פון איהר שעפּפערישער טהעטיגקייט, אונצעהליגע בילדער — און עס שפּינען זיך אויס אין זיין פערשטאַנד אונצעהליגע מעשה'לעך ווע־

און נעמען סימבאָליזירען נור די זאכען און ערשיינונגען אין זיין זכרון, פונקט אַזוי אויך, אויף העכערע שטופען פון גייסטיגער ענטוויקלונג בעשאַפט זיך דער מענש סיסטעמען פון שרייב צייכענס, וועלכע אין פערשידענע פערבינדונגען און ענדערונגען סימבאָליזירען די ווערטער און נעמען מיט וועלכע דער מענש דענקט און וועלכע זיינען שוין ווייט ניט די רעעלע אבבילדונג פון זיינע בילדליכע פאָרשטעלונגען.



פיגור 38. בילדער־שריפט

אַ בעשרייבונג וועגען אַ נסיעה פון אַ נאָרד־אַמעריקאַנישען שבט איבער דער אָזיערע סופּיריאָר. אין דער נסיעה האָבען אנטייל גענומען 51 מענשען אין 5 שיפען אונטער דער אנפיהרונג פון זייער „עלטערען“, וועלכער ווערט בעצייכענט זיצענדיג אויף'ן פערד מיט זיין צויבער־שטעקעלע אין האַנד. צוזאַמען מיט זיי איז אויך געפאָהרען זייער בונדעס־גענאָסע, דער „עלטערער“ פון שבט „אייז־פויגעל“, וועלכער איז געזעסען אין דער ערשטער שיף. די טשערעפּאַכע, וועלכע איז אַן ערד־חיה, בעדייטעט, אַז די עקספּעדיציע האָט דערגרייכט דאָס לאַנד און איז אָבגעווען אויף דער אַנדער זייט דריי טעג (דאָס בעצייכענט דאָס בילד: דריי זונען אונטער דריי הימלען).

דער מענש האָט ערפונדען פערשידענע אַזעלכע סיסטעמען פון צייכענס אָדער סימבאָלען אין דער שרייב־קונסט ביז ער האָט בעשאַפען די איצטיגע לויטען—שריפט, אָדער ווי זי ווערט וויסענשאַפטליך בעצייכענט—די פאָנעטישע שריפט־צייכענס.

פאַך־פאָרשער פאַרזיכערען, אַז די אַלע סיסטעמען פון שרייב־צייכענס ביז דער פאָנעטישער שריפט זיינען נור געוועזן איבערגאַנגס־

פון זיינע בילדליכע פאָרשטעלונגען וועלכע די ווערטער און די נעמען בעדייטען. שוין ביי די אוראַלטעסטע פעלקער זייגען ניט נור די ערשטע ווערטער — נעמען פון רעעלע זאכען און ערשיינונגען, ווי די נעמען פון לעבעדיגע חיות, פויגלען, פיש, בוימער און פלאנצען, אָדער גאר נעמען פון נאַטירליכע ערשיינונגען, ווי טאָג און נאַכט; זונן און לבנה — מיט וועלכע ער קומט אין דירעקטער בעריהרונג, אָדער דירעקטע פערהעלטניסע; נור אויך די *ערשטע סימבאָלען פון דער שרייב־קונסט* ביי דעם פרימיטיווען מענשען זיינע *אויסגעקריצטע פיגורען* — די בילדליכע פאָרשטעלונגען — פון די רעעלע זאכען און ערשיינונגען ווי חיות, פויגלען; בוימער און פלאנצען, וועלכע זיינען אויך די *ערשטע פאָרמע פון אַ מענשליכער שריפט*. און שוין ביי די עלטסטע פעלקער פון דער וועלט, ווי ביי די אמעריקאנער אינדיאנער און די איינגעבוירענע אויסטראַליעזער געפינט מען אזעלכע אויסגעקריצטע פיגורען אויף בערג־שטיינער, וועלכע זיינען די געשריבענע שפּראך פון די פעלקער — *די עלטסטע בילדערשריפט*. אין זיי דריקען יענע פעלקער אויס אין א שריפטליכער פאָרמע יענע בילדליכע פאָרשטעלונג, וועלכע די ווערטער און די נעמען בעדייטען.

און ווי אָרעם יענע אוראַלטע בילדער שריפט מעג זיך זיין, פארשרייבט שוין אויף איהר דער אוראַלטער מענש זיינע געדאנקען; דריקט שוין אויס אויף איהר זיינע געפיהלען, דערצעהלט אין איהר זיין מעשה'לע און פערצייכענט מיט איהרע שרייב־סימבאָלען זיינע נצחונות — ווי עס ווייזט איינע פון די אוראַלטעסטע בילדער־שריפטען פון די אמעריקאנער אינדיאנער.

אויף דיעזער איינפאכסטער שטופע פון דער שרייב־קונסט — די בילדער־שריפט — האָט נאַטירליך אפילו דער אוראַלטער מענש ניט געקענט בלייבען שטעהען. דער מענשליכער גייסט שטרעבט צו שעפּפונג. און פונקט ווי ביי דעם אוראַלטען מענשען, אויף העכערע שטופען פון גייסטיגער ענטוויקלונג, שאַפט זיך די פעהיגקייט צו דענקען מיט ווערטער און נעמען פון זיינע בילדליכע פאָרשטעלונגען אפילו דאן ווען ער איז ניט אין דירעקטער בעריהרונג מיט די רעעלע זאכען און ערשיינונגען, וועלכע די ווערטער בעדייטען; ווען די ווערטער־

בענט, אפילו דאן, ווען ער איז ניט געווען אין דירעקטער בעריהרונג מיט זיי; — דאָס הייסט, אפילו דאן, ווען די בילדליכע פאָרשטעלונגען פון די זאכען און ערשיינונגען זיינען נור ארויפגעשוואומען אין זיין זכרון אין דעם אויסדרוק און אין דער בעדייטונג פון די ווערטער אליין. — די גרויסע פעהיגקייט צו דענקען און טראכטען מיט ווערטער אלס סימבאָלען און צייכענס פון זאכען און ערשיינונגען וואָס האָבען אָבגעדריקט זייער בילדליכע פאָרשטעלונג אויף זיין פערשטאנד דורך זיינע חושים.

אָט די גרויסע גייסטיגע פעהיגקייט, וועלכע איז דער גייסטיגער ערווערב שוין פון דעם פרימיטיווסטען מענשען, איז, אין יענע אוראלטסטע צייטען, געווען דאָס וואָס האָט אונטערשידען דעם מענשען פון דער העכסט־ענטוויקעלטער חיה — פון דער מענשען עהנליכער אפּע — און האָט געגעבען דעם מענשליכען פערשטאנד אונבעגרענעצטען פרייען רוים צו ענטוויקלען און אויסברייטען ניט נור די פרימיטיווע מענשליכע שפראך, נור אויך דעם פרימיטיווען מענשליכען פערשטאנד.

אָבער אפילו ווען דער פרימיטיווער מענש דענקט שוין מיט ווערטער און נעמען מיט וועלכע ער האָט אָנגערופען די זאכען און ערשיינונגען, פערשווינדען נאָך אלין ניט אזוי גיך פון זיין גייסטיג אויג די בילדליכע פאָרשטעלונגען פון די זאכען און ערשיינונגען אליין. דאָס בעווייזען די ערשטע אנשטרענגונגען פון דעם מענשען צו בעשאפען צייכענס און סימבאָלען מיט וועלכע ער זאָל קענען אויסדריקען אין א געשריבענער פאָרמע דאָס נאכגעדענקטע און גענאנטע — די ערשטע שריט צו בעשאפען א שריפטליכע שפראך.

און פונקט אזוי ווי דער פרימיטיווער מענשליכער גייסט שאפט זיך אויף א געוויסער שטופע פון אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג א שפראך פון ווערטער און נעמען וואָס דריקען אויס זיין בילדליכע פאָרשטעלונג פון זאכען און ערשיינונגען, אזוי אויך שאפט זיך דער פרימיטיווער מענשליכער גייסט אויף א העכערער שטופע פון ענטוויקלונג אויסגעקריצטע פאָרמען אָדער סימבאָלען

מיינישאַפטליכע וואורצעל־ווערטער וואָס בעווייזען, אזביידע שפּראַ־כען שטאַמען פון איין אור־שפּראַך.

און אזוי אויך מיט מעהרערע דיאַלעקטען און שפּראכען ביי מעה־רערע פעלקער.

אין דער צייט פון דער וואנדערונג פון די פעלקער און אונטער־דער פערשידענהייט פון דעם לעבען וואָס זיי איז אויסגעקומען צו פיהרען, האָבען זיך אין די יאָהר־טויזענדע ענטוויקעלט די שפּראַכען פון דער מענשהייט וועלכע מיר קענען היינט. אָבער אפילו ווען די פעל־קער האָבען שוין אויפגעהערט צו וואנדערען, ווען זיי האָבען זיך שוין בעזעצט אין אן אנגעזעסען לעבען פון אקערבוי, האָבען זיי דאָך ניט אויפגעהערט צו שאַפען, ענדערען און ענטוויקלען זייערע שפּראכען ווי זיי טהוען עס נאָך היינט, נאָך דעם דראנג פון די נייע און גע־ענדערטע בעדערפניסען אין דעם געזעלשאַפטליכען, מאַטעריעלען און גייסטיגען לעבען.

שפּראכען ווערען געבוירען פון דער גייסטיגער נויטבעדערפניס פון דעם מענשען אויסצודריקען זיין אינערליכען א י ך און צו־זאמענרעדען זיך און איינפערשטעהען זיך מיט זיינע מיטמענשען. זיי ווערען בעשאַפען און ענטויוקעלט פון דעם מענשען און פון דעם לעבען און זיי פערשווינדען, אָדער שטאַרבען אָב נור דאַן, ווען דער מענש און די פעלקער וואָס האָבען די שפּראכען בעשאַפען געהען אַליין אַראָב פון דער ארענא פון דעם מענשליכען לעבען.

.3

דורך דער צייט אין וועלכער דער פּרימיטיווער מענש האָט בים־לעכווייז בעשאַפען די וואורצעל־ווערטער פון זיין שפּראַך, אלס די נעמען פון די בילדליכע פאָרשטעלונגען פון זאכען און ערשיינונגען, מיט וועלכע ער איז געקומען אין דירעקטער בעריהרונג, האָט זיך אויך געשאַפען און ענטוויקעלט אין זיין פערשטאַנד א נ י י ע, א ג ר ו י ס ע ג י י ס ט י ג ע פ ע ה י ג ק י י ט. די פעהיגקייט צו קענען דענקען וועגען די זאכען און ערשיינונגען ניט נור אין די בילדליכע פאָרשטעלונגען וועגען זיי, נור אויך מיט די ווערטער און נעמען, מיט וועלכע ער האָט זיינע בילדליכע פאָרשטעלונגען בעציי־

טונג פון דעם וואָרט. די וואריאציאָנען פון דעם טראָפּ און פון דעם געזאנג אין דער אויסשפּראך גיבען צו די ווערטער פערשידענע בע־דייטונגען און גיבען דעם רעדענדען די מעגליכקייט פון אונצעהליגע פאָרמען פון אויסדרוק.

און דאָס זיינען, וואהרשיינליך, די ערשטע מיטלען דורך וועל־כע אַלע אורצַלטע פעלקער האָבען געענדערט די בעדייטונג פון ווערטער און האָבען ענטוויקעלט די רעסורסען פון זייערע שפּראכען. אָבער אונטער דעם דרוק פון די סאָציאלע, מאַטעריעלע און גייסטי־גע אומשטענדען פון דעם לעבען בעשאַפט נאָך דער מענש נייע ווערטער אין דער ענטוויקלונג פון דער שפּראך. נייע וואורצעל־ווערטער און נייע ענדערונגען פון אלטע ווערטער; אַמאָל גיסט ער צונויף צוויי ווערטער אין איין וואָרט; אנאנדערסמאָל שטעלט ער אַ זילבע פאר'ן שורש אָדער נאָך'ן שורש פון דעם אלטען וואָרט און די ווערטער ענדערען זיך, קריגען נייע בעדייטונגען: פארעלטערטע ווערטער פאלען ארויס פון דער שפּראך און נייע ווערען געבוירען.

אַזוי וואקסט און ענטוויקעלט זיך די שפּראך ביי דעם פּרימיטי־ווען מענשען. אָבער די אומשטענדען פון דעם לעבען, דאָס תמיד'יגע וואנדערען פון דעם אורצַלטען מענשען און דאָס זוכען פון מאַטעריע־לע לעבענס־מיטעל רייסען אָפּט אָב אַ טהייל פון דעם פאָלק אָדער שבט וואָס האָט זיך בעשאַפען אין ענטוויקעלט אַ שפּראך און צווינגט אָט די טהייל צו וואנדערען אין אנדערע געגענדען, לעבען אונטער אנ־דערע אומשטענדען און בעדינגונגען. ביי די ביידע אבגעטהיילטע טהיילען פון דעם שבט, ווערען מיט דער צייט בעשאַפען נייע ווערטער אין דער שפּראך, נייע פערבינדונגען און ענדערונגען אין די וואור־צעל־ווערטער וועלכע קריגען נייע בעדייטונגען און פערבלייבען פרעמד פאר יעדען פון די טהיילען, ווי דער אמעריקאנער שפּראך קענער קאל. פּאָועל האָט עס פּאַקטיש בעאָבאַכטעט ביי די וואנדערנדע שבטים פון די אַמעריקאנער אינדיאנער פון דער נידעריגער קאליפאָרניע נאָך אין דער לעצטער העלב פון 19טען יאָהר־הונדערט. נאָך יאָהרען און יאָהרען פון אבגעזונדערטען לעבען, ענטוויקלען זיך ביי די צוויי טהיילען פון דעם שבט צ ו ו י י בעזונדערע דיאלעקטען, וועלכע ווערען אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען פערוואנדעלט אין צוויי פארפרעמדעטע שפּראכען ביי וועלכע עס זיינען דאָך פארבליעבען גע־

אַליין אויך פון א י י ן וואורצעל שפּראַך — די אַ ל ט ע ס ע־
מ י ט י ש ע שפּראַך — וועלכע האָט נור זעהר אַ בעגרענצטע צאָהל
וואורצעל־ווערטער. און אזוי אויך איז בעוויזען, אז אַלע אייראָפּע־
אישע און אינדיש־אזיאטישע שפּראַכען (די אינדאָ־גערמאַנישע
שפּראַכען) געהערען נור צו עטליכע הויפּט קלאַסען פון שפּראַכען ווי
די אינדישע, צעלטישע, רוימיש־איטאַליענישע, גריכישע, ווינדישע
(סלאַווישע) און טוטאָנישע (גערמאַנישע) וועלכע שטאַמען אויך נור
פון א י י ן אַלטער — איצט שוין פאַרגעסענער — וואורצעל
שפּראַך — די א ר י ש ע וואָס האָט געהאַט ניט מעהר ווי עט־
ליכע הונדערט וואורצעל־ווערטער. און פּונקט אַזוי אויך האָט זיך פון
אַ קליינער צאָהל וואורצעל־ווערטער ענטוויקעלט די טוראַנישע פאַמי־
ליע פון שפּראַכען צו וועלכער עס געהערען אַזעלכע שפּראַכען ווי די
טערקישע, טאָטערישע, פינישע און אונגארישע; די שפּראַכען פון
די הימאַליען, פון די איינגעבוירענע פעלקערשאַפטען פון דער אַזיאַ־
טישער סיביר און די פעלקער פון נאָרד־וועסטליכער אַזיען.

אַלע אוראַלטסטע וואורצעל־שפּראַכען פון דער מענשהייט, ווי
עס שטעלט זיך ארויס פון דעם שטודיום פון שפּראַכען, בעשטעהען פון
א י י נ ז י ל ב י ג ע וואורצעל־ווערטער, ווי עס בעווייזט די אלטע
כינעזישע שפּראַך וועלכע האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג בעהאַלטען
דעם א י י נ ז י ל ב י ג ע ן כאַראַקטער פון איהר פּרימיטיווסטען
צושטאַנד. איהרע ווערטער בעשטעהען נור פון איין זילבע, ווי צום
ביישפּיעל, ט ס ע — דער זוהן; ל א ו — אַלט; נ ע י — אינ־
ווענינ און זי ענדערט די בעדייטונג פון איהרע ווערטער אויך אויף
דעם פּרימיטיווסטען אופן. אָדער זי שטעלט צונויף צ ו ו י י
א י י נ ז י ל ב י ג ע ווערטער פון פערשיעדענער בעדייטונג צו מאַ־
כען אַ ניי וואָרט מיט אַ נייער בעדייטונג, ווי ט ס ע — דער זוהן
און ד ז ש י — די זונן מאַכט אין איינעם ד ז ש י ־ ט ס ע — דע־
טאָג, דאָס הייסט, דער זוהן פון דער זונן; און ל א ו — אַלט
מיט ט ס ע — זוהן מאַכט אין איינעם לאו־טסע — דער פאַטער;
און נ ע י — אינווענינ מיט טסע — זוהן מאַכט אין איינעם נעי־טסע
— דאָס ווייב; אָדער דער כינעזער בייט איבער דעם קלאַנג פון
דעם וואָרט אין דעם געזאַנג פון דעם רעדען — (אַלע פּרימיטיווע פעל־
קער רעדען זינגענדיג) — און דורך דעם בייט זיך איבער די בעדיי־

פאַרשטעלונגען פון זאַכען און ערשיינונגען — די ערשטע „וואורצעל־ווערטער“ פון דער מענשליכער שפּראַך ווי די וויסענשאַפט רופט זיי אָן.

און די „וואורצעל־ווערטער“ פון די אוראַלטעסטע שפּראַכען בעווייזען דאָס.

אין דער אורשפּראַך פון וועלכער די מאָדערנע אייראָפּעאישע שפּראַכען האָבען זיך ענטוויקעלט האָט דער נאַטור פּרימיטיווער מענש אָנגערופען די לבנה, צום ביישפּיעל, מיט דעם נאָמען „די מעסטערין“, ווייל איהר שוועבען איבער די הימלען האָט איהם געגעבען די פאָרשטעלונג, אַז זי מעסט דעם שטח; דעם טייך האָט ער אַ נאָמען געגעבען דער „פליסער“ — דער „מורמלער“, ווייל ער האָט איהם פאָרגעשטעלט דאָס בילד פון פליסען, רינען און האָט אָבגעדריקט אויף זיין געהער דעם קלאַנג פון מורמלען; די זונן האָט ער גערופען — די „לייכטענדע“, די „שיינענדע“ און אַזוי כסדר.

אַלע פּרימיטיווע וואורצעל־ווערטער פון די עלטסטע מענשליכע שפּראַכען האָבען אַזאַ כאַראַקטער: זיי דריקען אויס אַ בילד, אַ פאָרשטעלונג, אַ בעוועגונג אָדער אַ טהאַט אַלס די אייגענשאַפט, וועלכע דער פּרימיטיווער מענש — דער שעפּפער פון דעם וואָרט — האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיי בעזיצען. דאָס מערקווירדיגסטע אָבער איז דאָס וואָס די צאָהל פון אַזעלכע וואורצעל־ווערטער, אָדער שורשים, פון וועלכע אַלע מענשליכע שפּראַכען האָבען זיך ענטוויקעלט איז פערהעלטניסמעסיג זעהר אַ קליינע. שפּראַך פאָרשער בעווייזען, אַז כמעט אַלע שפּראַכען, מיט דער אויסנאַהם פון די דיאַלעקטען פון די איינגעבוירענע אַמעריקאַנער אינדיאַנער, פּרימיטיווע אויסטראַליעזער און די ווילדע אַפריקאַנישע שבטים, קומען אַרויס נור פון דריי גרויסע שפּראַך שטאַמען: די אַרישע, די סעמיטישע און די טוראַנישע פאַמיליע פון שפּראַכען. און די הונדערטער שפּראַכען וואָס האָבען זיך ענטוויקעלט אין פערלויף פון טויזענדער יאָהרען קענען רעדוצירט ווערען צו אָט די דריי הויפּט קוועלען פון אוראַלטע וואורצעל־ווערטער. אַזוי, צום ביישפּיעל, שטאַמען אַלע סעמיטישע הויפּט שפּראַכען: ווי די אַראַבישע, העברעאישע און אַראַמישע

וואוסטזיין אַ בילדליכע פאָרשטעלונג פון זיין בעל הבית ווען ער דער־זעהט איהם; און ווער האָט ניט געזעהען ווי דאָס היימישע קעצעלע דראפּעט זיך ביי דער טהיר און מיאוקעט, ווען עס וויל ארויס־געהען פון דער שטוב אין דרויסען? אין דעם פאַל פון דער קעצעלע, מאַכט נאָך דאָס קעצעלע דורך אַ פיעל קאָמפּליצירטערען גייסטיגען פּראָצעס. דען ניט נור האָט זי אַ בילדליכע פאָרשטעלונג פון דער טהיר וואָס זי וויל זאָל זיך עפּענען, נור זי אורטהיילט נאָך אויפ'ן גרונד פון איהר פריהעריגער ערפאהרונג, אז זי וועט קענען ארויס־געהען אין דרויסען, ווען די טהיר וועט זיך עפּענען. זי אור־טיילט און קומט צו אַ לאָגישען שלוס — זי דענקט. דאָס איז די איינפאכסטע פאָרמע פון דענקען — עס איז דענקען אין בילדליכע פאָרשטעלונגען און ווי די בעאָבאַכטונג פון דעם לעבען פון די העכע־רע ענטוויקעלטע חיות בעווייזט איז עס דער איינציגער וועג אין וועל־כען די העכערע חיות קענען אורטהיילען און דענקען.

אַזוי דענקט אין בילדליכע פאָרשטעלונגען דער הונט, ווען ער דערקענט זיין בעל הבית און בילט אין קורצע, שאַרפע אויסגעשרייען פון פרייד, דרייענדיג צופריעדען מיט'ן עק. אַזוי דענקען, וואהר־שיינליך, געוויסע מינים פויגלען, ווען זיי כאַפּען זיך אויף ראָפּטאָם, דערשראָקען, און רופען דורך בעשטימטע אויסגעשרייען זייערע חברים צו בעשיצען זיך פון אַ דראָהענדער געפאהר. אַזוי דענקען, דארף מען זיך פאָרשטעלען, די שטאַרקע זכרים־אַפען פון אַ געוויסען מין, ווען זיי רינגלען ארום זייערע פרויען און קינדער און קעמפּפען, ווי ברעהם דערצעהלט, מיט וואפען: מיט שטיינער און דראָנגען, ברומענדיג און שרייענדיג אין אַ שפּראָך, פארשטענדליך פאר זיי אַליין, און פיהרענדיג א גאַנץ שכל'דיגע אַטאַקע געגען דעם שונא. אָבער אַזוי אויך דענקט אין בילדליכע פאָרשטעלונגען דער אוראַלטער נאַטור־מענש, ווען ער *בעשאַפט* זיך *נעמען* פאר די זאכען און ערשיינונגען מיט וועלכע ער קומט אין בעריהרונג; און *זיין ערשטער שעפּפערישער אַקט אויף דעם אינטעלעקטועלען געביט — דער ערשטער ערווערב פון דער מענשהייט אויף דעם געביט פון דער גייסטיגער קולטור זיינען אָט די ערשטע נעמען פאר די בילדליכע*

ליכער דראנג אויסצודריקען און אויסגעשרייען די איינפאכסטע עמאָציאָנען און געפיהלען פון פרייד און פון צער, און איבער אלעמען און אלעם — דער אינערליכער דראנג פון גייסטיגער שעפונג אויף דעם געביט פון דעם פערשטאנד, וואָס האָט זיך שוין אין יענער פריהסטער צייט אַרויסגעוויזען ביי דעם מענשען ניט אין אַ פערגלייך גרעסער ווי ביי דער העכסט ענטוויקעלטער חיה — זיינען אַלע געוועזען די גרויסע געמישטע סבות פון דער שעפונג פון א ווערטער שפראך, וועלכע איז אין איהר אָנהויב דאָך ניט מעהר ווי דאָס אָנרופען מיט נעמען די ערשיינונגען און זאכען וואָס רינגלען דעם מענשען ארום.

אָבער איידער די ערשיינונגען און זאכען האָבען געקענט אָנגערופען ווערען אפילו נור מיט איינפאכע נעמען האָבען זיי זיך פריהער געמוזט אָבשפיגלען דורך די חושים אין דעם בעוואוסטזיין פון דעם מענשען אלס בילדליכע פאָרשטעלונגען. דען דאָס אויג האָט געזעהען די נאַטור: עס האָט געזעהען דעם בארג און דעם טאָהל, דעם בוים און דאָס פליסיגע וואסער, דעם הימעל און די ערד און דעם האָריזאָנט וואו זיי גיסען זיך ביידע צוזאמען. דער אויער האָט פארנומען די קלאנגען מיט וועלכע די נאַטור איז אָנגעפילט: דאָ האָט ער געהערט דאָס געזאנג פון די פויגעל, דאָרט דעם געשריי פון די חיות און ערגעץ ווייט — דעם ווילדען קלאַטטער פון דעם וואַסערפאַל. די הענד האָבען אָנגעטאַפט דאָס ממשות'דיגע: דעם האַרטען שטיין, דאָס ווייכע גראָז און דאָס ווארעמע לייב פון דער געליעבטער און בילדליכע פאָרשטעלונגען פון זאכען און ערשיינונגען זיינען געוואָרען אַ טהייל פון דעם זכרון און בעוואוסטזיין פון דעם מענשען — אַ טהייל פון זיין לעבען.

אַז געוויסע בילדליכע פאָרשטעלונגען זיינען פאַראַנען אויך ביי די העכערע חיות פונקט ווי ביי דעם נאַטור־מענשען, קען, ביי דעם איצטיגען צושטאַנד פון דער פסיכאָלאָגישער פאָרשונג פון דעם לעבען פון חיות, גאָר קיין ספק ניט זיין. אפילו די געוועהנליכסטע טאָג־טעגליכע ערפאהרונג פון מענשען בעווייזען דאָס. דען ווער ווייס ניט ווי דער הונט, צום ביישפיעל, דערקענט זיין בעל־הבית — און דאָס הייסט דאָך, אַז פון זיין זכרון קומט אין זיין בע־

שען, און לעבען און ענטוויקלען זיך ניט אין אן ערך לענגער פון דעם מענשען; דאָך אין פערגלייך מיט דער גייסטיגער שעפּפערישער ענטוויקלונג פון דעם מענשען, זיינען זייערע גייסטיגע שעפּפערישע כחות שוין לאַנג פארגליווערט געוואָרען אויף א גייסטיגען האָריזאָנט, וועלכען דער מענש, אפילו אויף דער נידריגסטער שטופע פון זיין ענטוויקלונג האָט מיט אונצעהליגע יאָהרען אין דער פערגאַנגענהייט צוריקגעלאָזען.

אָט אין דעם אונטערשיעד פון די שעפּפערישע כחות אויף דעם אינטעלעקטועלען און גייסטיגען געביט צווישען דעם פּרימיטיווסטען מענשען און דער העכסטער חיה, זינט זייערע וועגען אין דער ענטוויקלונג האָבען זיך פאנאַנדערגעטיילט, ליגט דער אונטערשיעד צווישען דעם מענשען און מענשען־עהנליכער חיה.

און דאָך האָבען זיי עטוואָס געמיינשאַפטליכעס אין דעם אָנהויב פון דער שעפּפונג פון א ווערטער שפּראַך.

פיעל סבות האָבען געטריבען דעם מענשען צו בעשאַפען אַ שפּראַך. ניט אַלע אָבער קענען איצט ענטדעקט און ערפּאָרשט ווערען, ווייל אייניגע פון די וואָס האָבען געוויס געהאָלפען צו בעשאַפען די מענשליכע שפּראַך אין יענע פערגאַנגענע אוראַלטע צייטען, זיינען שוין לאַנג פארגעסען געוואָרען און האָבען ניט איבערגעלאָזען קיין סמנים דורך וועלכע מיר זאָלען זיי קענען דערקענען. עס איז אָבער בעשטימט זיכער, אַז אַזעלכע סבות ווי די אויסערליכע נאַטור מיט איהרע ערשיינונגען און קלאַנגען, ווי דאָס רוישען פון די בוימער אין וואַלד, דאָס מורמלען פון דעם טייך, דאָס פּראַלען פון דעם דונער און דער אינערליכער דראַנג פון דעם מענשען זיי נאָכצומאַכען; די אויסערליכע פאַקטאָרען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, ווי דער ערווערב און טהיילונג פון לעבענס־מיטעל, די געגענזייטיגע הילף צווישען מענשען, די שפּיעלען און ליעבע פון די געשלעכטער, און דער אינערליכער דראַנג פון דעם מענשען צו פארשטענדיגען זיך מיט זיין חבר; דער אויסערליכער קאַמפּף מיט די געפאהרען פון דער נאַטור און דעם לעבען און דער אינער־

.2

אויף דעם געביט פון דער אינטעלעקטועלער קולטור — כמעט נאך אויף דער גרענעץ צווישען דער חיה און דעם מענשען — האט שוין דער מענש בעשאפען און ענטוויקעלט דאס וויכטיגסטע און וואונדערבארסטע פון זיין עקזיסטענץ — די מענשליכע שפראך, וועלכע האט איהם מיט רעכט אבגעטיילט און געשטעלט ניט אין אן ערך העכער אפילו פון דער העכסט ענטוויקעלטער חיה — דער אפפע — אויף דעם לייטער פון לעבעדיגע בעשעפענישען.

ניט דאס ביסעלע ערשטע ווערטער פון די שפראכען פון די אמאליגע מענשען, וועלכע די וויסענשאפט האט ביז איצט שטודירט און אויך ניט די פארמע פון דער מענשליכער שפראך — די פארבינדונג פון קלאנגען אין זילבען און זילבען אין ווערטער — די ארטיקולירענדע שפראך־פארמע, ווי די וויסענשאפט רופט זי, האט געמאכט אזא גרויסען חלוק צווישען דעם מענשען און דעם מענשען־עהנליכען חיה. די נייעסטע בעאבאכטונגען פון נאטור און שפראך פארשער בעווייזען, אז ביי געוויסע מינים פויגלען און אפען זיינען פאראנען א קליינע צאהל ארטיקולירענדע קלאנגען, וועלכע האבען פאר די יחידים פון דעם מין זייער בעשטענדיגע בעשטימונג. דאס וואלט מען געקענט אויסטייטשען, אז אויך יענע מינים חיות האבען, אויף זייער אייגענער ארט, א מענשען־עהנליכע שפראך פון א בעגרענצטער צאהל ווערטער. אבער ווען מיר גיבען אפילו צו אז די בעווייזען פון די נאטור און שפראך פארשער זיינען ריכטיג און געוויסע מינים פון העכערע חיות האבען א בעגרענצטע צאהל ווערטער און אויסדריקען פון א מענשען־עהנליכער שפראך, וואס פאר א ווערטה האבען די ווערטער און די אויסדריקען אין פערגלייך אפילו נור מיט די ערשטע שפראצען פון דער מענשליכער שפראך, מיט איהר רעשיגער ענטוויקלונג און מיט דעם גרויסען איינטהייל וואס זי האט גענומען אין דער אלגעמיין מענשליכער ענטוויקלונג און אין דער שעפפונג פון דער מענשליכער קולטור. זיינען דאך די העכערע חיות ביי וועלכע די נאטור־פארשער ענטדעקען א בעגרענעצטע ווערטער שפראך, נאך דעם פלאן פון דער ענטוויקלונג׳ס טעאריע, ניט אין אן ערך עלטער פון דעם מענ־

ווירקען נאָך מאַטעריעלע אָדער ריין־עקאָנאָמישע אומשטענדען, ווי די פּרוכטבאַרקייט פון דער ערד, אויפצוהאַלטען אין געוויסע צייטען פון דעם יאָהר, רעליגיעזע קולטען, בעגריפען און צערעמאָניעס, אלס א טהייל פון דעם קריסטענטהום, וועלכע זיינען לאַנג פאַר׳ן קריסטענטהום געווען דער געצענדיענערישער אויסדרוק פון לויב און דאַנקבאַרקייט פון די אַקערבויער־פעלקער פאַר די לעבענס־מיטעל וואָס די ערד האָט זיי געגעבען.

און אויך אזוי גרינג וואָלט געווען צו בעווייזען, אז אפילו ביי דעם פּרימיטיווען אויסטראַליער, וועלכער האָט נאָך גאָר ניט פערשטאַנען אָנצוטהאָן א פייגען־בלעטער־גאַרטעל אויף זיינע נאַקעטע לענדען, הערט זיך שוין דאָס שטילע מאָנאָטאָנע געזאַנג ביי דעם פייער פון מזבח צו זיין גאָט און עס הילכט שוין אין ווילדען עקסטאז דאָס מלחמה ליעד ארום דעם מלחמה־פייער, און עס זינגט זיך שוין מיט התלהבות דאָס „אָז ישיר“—ליעד פון טריאומף און נצחון—ווען ער קעהרט זיך זיעגרייך צוריק. שוין יענער פּרימיטיווער מענש קריצט אויס שעהנקייטס־פיגורען אויף זיין לייב (טאַטואירונג) און טהוט אָן הילצערנע רינגען אויף זיינע פיס פון שעהנקייט וועגען; שוין ביי יענעם ווילדען מישט זיך אויס מיט זיין פריי, שווער און אָפט מאָל הונגעריג־לעבען דיכטונג און געזאַנג, שפּיעל און שעהנקייט, געדאַנק און גלויבען. אָבער ווי אין יענעם אָרימען, מאָגערען פּרימיטיווען לעבען, פּונקט אזוי אין דעם ברייטען, קאָכיגען לעבען פון אונזער צייט בלענדעט זיך יעדער קלענסטער קולטור ערווערב אויף איין געביט מיט יעדען אַנדערען קולטור ערווערב אויף יעדען אַנדערען געביט פון דעם לעבען — בלענדט זיך, און דורכשטרייפט זיך, און פורמט זיך אין איין גרויס, וואונדערבאַרעס בילד פון מענשליכער קולטור.

און ווען מיר טהיילען אָב די גייסטיגע אָדער אינטעלעקטועלע קולטור פון דעם איבריגען קולטורעלען לעבען און קולטורעלען פאָרטשריט פון דער מענשהייט איז עס נור צוליעב דעם, כדי גרינגער צו קענען סומירען די גייסטיגע קולטור — דעם גייסטיגען ערווערב פון דער מענשהייט.

זיין גייסטיגער טהעטיגקייט—איז די אינטעלעקטועלע, אָדער גייסטיגע קולטור.

די צוטיילונג פון דער אַלגעמיין־מענשליכער קולטור אין בעזונדערע מינים קולטורען, ווי די מאַטעריעלע, אינטעלעקטועלע, סאָציאַלע און עסטעטישע איז אין דער אמת'ן נור אַ קינסטליכע צוטהיילונג, זי איז —א הילפס־מיטעל גרינגער צו ערקלעהרען די גאַנצע קולטור. אָבער אין דעם רעאַלען לעבען און רעאַלען פאָרטשריט פון דער מענשהייט איז אַזאַ אָבגערענצונג פון קולטור מינים פּראַקטיש ניטאָ און קען אויך ניט זיין. אין דעם רעאַלען לעבען, סיי אין דעם אַמאָליגען לעבען פון די פּרימיטיווע מענשען, אָדער אין דעם היינטיגען לעבען פון די ציוויליזירטע פעלקער, פלעכט זיך דאָס עקאָנאָמישען לעבען – דער ערווערב פון לעבענס־מיטעל; פלעגע און בעשיצונג פון דעם מענשען און זיין פאַמיליע — די מאַטעריעלע קולטור —צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער קולטור. און די ביידע וויעדער וועבען זיך אונטהיילבאַר צונויף מיט דעם צושטאַנד פון דער גייסטיגער אָדער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג פון דעם מענשען – מיט דער ענטוויקלונג פון דער שפּראַך, פון דעם געדאַנק; פון רעליגיעזע, פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע אידעען און בעגריפען; מיט דער ליטעראַטור און קונסט; מיט דעם שעהנהייטס־געפיהל און שעהנהייטס־בעגריף פון דעם מענשען — מיט דער אינטעלעקטועלער און עסטעטישער קולטור.

עס וואָלט גאָר ניט געווען שווער צו בעווייזען מיט קאָנקרעטע ביישפּילען די קולטור־היסטאָרישע טהאַט־זאַך, אז שוין אין די אור־עלטסטע פאָרמען פון דעם מענשליכען לעבען — אויף די נידעריגסטע שטופען פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג, ביי די אויסטראַליעזער, צום ביישפּיעל, אדער אפילו ביים דעם אַפריקאַנישען בושמאַן האָט שוין דער מענשליכער געדאַנק בעשאַפען כלי־זין, ווי דעם בומעראַנג, דעם פייל און בויגען, דעם גראָב־שטעקען, אויסצוגראָבען נאַהרונגס וואָרצלען פון דער ערד — אלס מאַטעריעלע מיטלען מיט וועלכע צו בעשיצען זיך פון א שונא, אָדער ערווערבען לעבענס־מיטעל. אין פערקעהרט, ניט שווערער וואָלט געווען צו בעווייזען, אז נאָך היינט, ביי די גרויסע פעלקס־מאַסען פון אייראָפּאַ, וועלכע זיינען פון הונדערטער יאָהרען שוין גוטע קריסטען,

דעם אינסטינקט, מיט די עמאציאָנען און געפיהלען פון זיין נשמה, און בעשאַפט 2) די קונסטען: — די ניצליכע הויז־קונסטען און די עסטעטישע שעהן־קונסטען; ער שאַפט זיך געוועהר און מיטלען צו ערווערבען לעבענסמיטעל און מאַכט זיך א געצעלט — ער שאַפט די בוי־קונסט. ער שטריקט און מאָלט; ער קריצט און צייכענט אויס פיגורען, און דריקט אויס אין שריפטען זיינע געדאנקען; ער קנעט אויס פון ליים און האַקט אויס פון שטיין פיגורען און סטאטוען און שאַפט זיך די פּלאסטישע קונסטען: ער זינגט און שאַפט וואונדערליכע הארמאָניען און בעשאַפט אינסטרומענטען צו שפּיעלען דאָס געזונגענע, ער פארבינדט דאָס געזאַנג מיט דעם וואָרט, דעם געפיהל און געדאנק און שאַפט די דיכטונג — די עפּישע, די לירישע און די דראמאטישע — ער בעשאַפט 3) די ליטעראַטור. ער פאָרשט די נאַטור אין דעם מענשען, זאמעלט ערפאהרונג און ענטדעקט 4) די וויסענשאַפט, און ענדליך מאָלט ער זיך בילדער פון דער וועלט און דער וועלט שעפּפונג און שאַפט 5) פילאָזאָפישע סיסטעמען.

און אויף די אַלע געביטען פון מענשליכער טהעטיגקייט: אין דער ענטוויקלונג פון די פאָרמען פון דעם סאָציאַלען לעבען פון מענשען — אין דער ענדערונג פון די עקאָנאָמישע פאָרמען און די פאָרמען פון דער פאַמיליע; אין דער ענטוויקלונג פון רעליגיעזע אידעען און בעגריפען און אין דער ענדערונג פון רעגיערונגס־פאָרמען; אין דער גייסטיגער שעפּפונג פון שפּראַך און געדאַנק, קונסט און ליטעראַטור, וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע — האָט דער מענש ערוואָרבען גרויסע ממשות'דיגע ווערטהען, וועלכע זיינען געוועזען און זיינען, פון שטופע צו שטופע, טרייב־קרעפטען פון מענשליכען פאָרטשריט. און אָט די סומע פון דעם ממשות'דיגען ערווערב פון דעם מענשען אויף אַלע געביטען פון דעם לעבען דורך זיין אייגענער שעפּפערישער טהעטיגקייט איז די אלגעמיינע מענשליכע קולטור. די סומע אָבער פון דעם גייסטיגען ערווערב אויף דעם געביט פון

און ענטוויקעלט דורך זיין טהעטיגקייט 1) די פאָרמע פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע — די פאָרמען פון דעם אינערליכען געזעלשאַפטליכען לעבען, אין וועלכען ער לעבט — און אבגעזועהען פון די קרעפטען וואָס טרייבען דעם מענשען דערצו בשאַפט ער און ענדערט 2) די עקאָנאָמישע אומשטענדען אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען: די מיטלען און די פאָרמען, דורך וועלכע ער ערווערבט זיך לעבענס־מיטעל. ער בעשאַפט און ענדערט די פערהעלטניסען צווישען מאַן, ווייב און קינדער און ענטוויקעלט 3) די פאָרמען פון דער מענשליכער פאַמיליע. ער בעשאַפט און ענדערט זיינע בעגריפען און פערהעלטניסען צו דער וועלט און וועלט־שעפּפונג, און ענטוויקעלט און ענדערט ניט נור זיינע רעליגיעזע אידעען, נור אויך 4) די פאָרמען פון דער קריסאַליזירטער רעליגיע מיט איהרע איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציאָנען, און לסוף בעשאַפט ער און ענדערט 5) אַלע פאָרמען פון רעגיערונגען און הערשאַפט אין דער ענטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען — ער בעשאַפט, ענטוויקעלט און ענדערט די מענשליכע רעגירונגען. אָבער מיט דער סאָציאַלער און מאַטעריעלער טהעטיגקייט אַליין נעמט זיך ניט אויס די גאַנצע שעפּפערישע טהעטיגקייט פון דעם מענשען. אין דעם פּאָרטשריט פון דעם לעבען — געקניפּט און געבונדען מיט יעדער טריט פון סאָציאַלען און מאַטעריעלען פּאָרטשריט — ענטוויקעלט זיך דער מענשליכער גייסט, און דער מענש בעשאַפט, ענדערט און ענטוויקעלט די גייסטיגע בלי זין פון דעם מענשליכען פּאָרטשריט.

ער שאַפט און ענטוויקעלט 1) די שפּראַך און דעם געדאַנק. זאַכען און ערשיינונגען רופט ער אָן מיט קאָנקרעטע נעמען — און בעשאַפט ווערטער. (פּערצעפּציאָנען און קאָנצעפּציאָנען). ער פערבינדעט די נעמען און די ווערטער אין פאַרשטענדליכע אידעען און שאַפט דעם מענשליכען געדאַנק. אָבער ערשט אין דעם פולען אויסדרוק פון זיין גייסט פאַרבינדעט ער אַ שעפּפערישע פּאָרשטעלונג מיט דעם געדאַנק און

אָבער אַזאַ לעהרע בעצוועקט נור די דערנידערונג פון מענשליכע קולטור און די בעוואוסטזיניגע מענשליכע טהעטיגקייט צוליעב אַן אונגויטיגער פערעהרונג פון דער מעכטיגער אויסערער נאַטור און די אייזערנע צוימען פון די אינסטינקטען. אין אַזאַ פערעהרונג נויטיגען זיך ניט די נאַטור און ניט די אינסטינקטען, בעת די לעהרע אליין אָבער איז אין עצם דאָך פאַלש.

דער מענש איז א רינג אין דער קייט פון דער נאַטירליכער ענטוויקלונג פון דער וועלט, און זיינע שעפערישע כחות—די פיזישע, ווי די גייסטיגע, די אינסטינקטיווע, ווי די בעוואוסטזיניגע — זיינען זיינע נאַטירליכע אייגענשאַפטען, פונקט אזוי, ווי דאָס ליכט פון דעם שטראַהל איז די נאַטירליכע אייגענשאַפט פון דעם שטראַהל; און דורך דער טהעטיגקייט פון זיינע נאַטירליכע אייגענשאַפטען האָט דער מענש אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט געשאַפען די אלגעמיין־מענשליכע קולטור, וועלכע ענטוויקעלט זיך אפשר ניט אויף אַזוינע אייזענפעסטע נאַטור־געזעצען ווי די פיזישע וועלט ענטוויקעלט זיך, דאָך אָבער אויף דער געזעצמעסיגקייט פון איהר אייגענער נאַטור — אויף די נאַטור־געזעצען פון דעם מאַטעריעלען און אינערליך־גייסטיגען לעבען פון דעם מענשען. די קולטור־ענטוויקלונג פון דער מענשהייט איז נור א פאָרטזעצונג פון דער אלגעמיין נאַטירליכער ענטוויקלונג פון דעם מענשען־מין, אין וועלכער אַלע אייגענשאַפטען פון דעם מענשען האָבען גענומען א גרויסען איינטהייל.

דאָס בעווייזט די מענשליכע טהעטיגקייט.

גרויס און פערשיעדען איז די מענשליכע טהעטיגקייט און פאַרשפרייט זיך איבער אונצעהליגע יאָהרען פון דער פערגאַנגענהייט. אומפאַסען זי אין איהר גאַנצער גרויסקייט איז פשוט אונמעגליך, און עס איז אויך ניט נויטיג — דען זי טהיילט זיך אַליין איין נאַטירליכערהייד נור אין עטליכע קאַטעגאָריעס פון טהעטיגקייט. דער מענש איז אַ געזעלשאַפליך וועזען. פון אייביג אָן לעבט ער אין געזעלשאַפטליכע שייכות צו די מענשען מיט וועלכע ער לעבט צוזאַמען, און אין דער סביבה פון די געזעלשאַפטליכע פערהעלטניסען דריקט זיך אויס די גאַנצע טהעטיגקייט פון דער מענשהייט אויף אַלע געביטען פון לעבען. אין איהר בעשאַפט דער מענש, ענדערט

קולטור איז צו ברייט און צו גרויס. די קולטור שפרייט זיך אויס איבער דער גאנצער טהעטיגקייט פון דער מענשהייט — פון איהר פריהסטער יוגענד אין די אוראלטע צייטען ביז אויף דעם היינטיגען טאג, און איז דער פראדוקט פון דעם גאנצען מענשליכען פארטשריט. דאך, אום צו האבען פאר די אויגען וועניגסטענס א פארשטעלונג וועגען דער קולטור קען מען זי בעגרייפען אזוי: —

די קולטור — די אלגעמיין־מענשליכע קולטור — איז די סומע פון דעם גאנצען פאקטישען און ממשות׳דיגען ערווערב; וואס די מענשהייט האט געמאכט אויף די געביטען פון דעם סאציאלען, מאטעריעלען און גייסטיגען לעבען דורך איהרע אייגענע שעפפערישע כחות און איהר אייגענער שעפפערישער טהעטיגקייט.

די קולטור איז א פראדוקט פון מענשליכער שעפפונג.

אבער טאקע ווייל זי איז אפט אויך דער פראדוקט פון בעוואוסטזיניגער מענשליכער שעפפונג, געפינען זיך געלערענטע נאטור־ און קולטור־פארשער, וועלכע מאכען אן אונטערשיעד צווישען דער נאטור און דער קולטור. די קולטור, ערקלערען זיי, איז ניט גלייך צו דער נאטור. די נאטור האט איהרע בעשטימטע געזעצען און איהר נאטירליכע רעגעלמעסיגקייט. אפילו אויף דעם געביט פון לעבען — ביי חיות נידעריגער פון דעם מענשען, און ביי דעם מענשען ענטוויקעלט די נאטור דאס לעבען דורך רעגעלמעסיגע נאטירליכע געזעצען און שטארקע נאטירליכע אינסטינקטען, וועלכע אונטערווארפען זיך דער נאטירליכער געזעצמעסיגקייט. פארקעהרט אבער איז די קולטור ביי מענשען אפט מאל ניט מעהר ווי דער פועל יוצא פון דעם רויהען מענשליכען גייסט, פון דעם אונבעשטימטען מענשליכען ווילען און בלינדער מענשליכער טהעטיגקייט. די קולטור, אלס פראדוקט פון מענשליכער שעפפונג, איז, אין די אויגען פון יענע דענקער און געלערנטע, א מין נידעריגע ערשיינונג, און נאך זייער מיינונג „הויבט זיך די קולטור אן דארט ערשט, וואו די נאטור ענדיגט זיך“.

די אינטעלעקטועלע קולטור

(די גייסטיגע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט).

נאַטור און קולטור. די פיעלזייטיגקייט פון גייסטיגער שעפּפונג. די אונ־טיילבאַרקייט פון קולטורעלען ערווערב. די ענטשטעהונג פון שפּראַך. די דענקונגס־אַרט פון פּרימיטיווען מענשען. בילדליכע פאָרשטעלונגען. די ערשטע „וואָרצעל־ווערטער“. שפּראַך און געדאַנק. דער אָנהויב פון שריפט. בילדער־שריפט ביי די פּרימיטיווע מענשען. די מענש־ליכע דיכטונג. די מיטאָלאָגיע אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען. די רעליגיאָן. ליריק און דראַמאַ. דיכטונג און וויסענשאַפט. פאַר וואָס איז די וויסענשאַפט אין די אַמאָליגע צייטען געווען פיעל שוואַ־כער איידער די דיכטונג? דער שעפּפערישער כאַראַקטער פון דיכטונג און דער ענטדעקענדער כאַראַקטער פון ווי־סענשאַפט.

.1

אין די שמאָלע ראַמען פון א קליינער אָבהאַנדלונג איבער דער אינטעלעקטועלער קולטור קען מען זיך קוים אבשטעלען אויף יעדע שטופע פון ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען גייסט. און דאָס בע־צוועקט אויך ניט די איצטיגע ארבייט. איהר ציעל איז קורץ צו סקיצירען די הויפּט מאָמענטען פון דער אינטעלעקטועלער קולטור און אנצווייזען אויף דעם גייסטיגען פאָרטשריט און גייסטיגען ערווערב וואָס די מענשהייט האָט געמאַכט אויף דעם געביט פון איהר גייסטיגער טהעטיגקייט. דערפאַר איז ניט מעהר ווי רעכט פון אָנהויב קלאָר צו מאַכען זיך דעם אויסדרוק — אינטעלעקטועלע קולטור — אָדער, אפשר פריהער נאָך, קלאָר צו פערשטעהען די בעדייטונג פון דעם וואָרט קולטור אין אַלגע־מיין.

עס איז ניט גרינג צו פערטייטשען דאָס וואָרט קולטור מיט איין איינציגען אויסדרוק, וייל דער בעגריף פון דעם וואָרט

9-טע פאָרלעזונג

דר. ה. זאלאטאַראוו

די אינטעלעקטועלע קולטור

(די גייסטיגע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט)

דאָס גאַנצע בילד און בלענדעט די אויגען ; אַ קאַפּיטעל וואָס דערצעהלט פון די גרויסע וואונדער פון דעם מענשליכען פאָרטשריט, אַ קאַפּיטעל וואָס ענטפּלעקט אונז סודות פון וועלכע די מענשהייט האָט אפילו ניט גע'חלומ'ט. עס איז אויך אַ קאַפּיטעל וואָס דערצעהלט אונז פון די גרעסטע ליידען, וואָס די מענשהייט האָט זיך פערשאַפט, פון דעם, ווי אַזוי עס האָט, אָבשאַפענדיג די שקלאַפעריי פון א טהייל פון די מענשהייט, פערשקלאַפט די גאַנצע מענשהייט ; אַ קאַפּיטעל וואָס ווייזט אונז ווי הויך דער מענש קען זיך אויפהייבען און ווי נידריג ער קען פאַלען. אָבער דיעזעס קאַפּיטעל איי צו לאַנג און צו אינטערעסאַנט אפילו פאַר די קלענסטע פּראָבע. וואָס מיר האָבען ביז איצט געטאָן, איז נאָך ווייט, ווייט ניט די גאַנצע געשיכטע. עס איז נור אַ שוואַכער אנהייב, און אין דיעזען אָנהייב איז אויסגעלאָזען געוואָרען זעהר וויכטיגע זאכען. אַזוי האָבען מיר ניט בעריהרט די קונסט, די רעליגיאָן, די וויסענשאַפט, וועלכע לאָזען זיך אַלע אַריינברענגען אין דיעזען פאָרטשריט, וועלכע זיינען אַ טהייל, און וועלכע זיינען בעדינגט, פון דיעזע ענטוויקלונג פון מאַטעריעלע קולטור. אָבער עס איז אונמעגליך אַלעס דאָס אַריינצוברענגען אין איין לעקציע. מיין אויפגאַבע דאָ איז געווען צו געבען נור א קליינעם בעגריעף פון דעם גאַנג פון דער ענטוויקלונג ביז צום קאַפּיטאַליזמוס.

מענש געזוכט זיך צוצופאסען צו די אומגעבונג, און די אומגעבונג צו זיך מיט דעם, וואס ער האט אויסגעבעסערט און פערשטארקט זיין גוף דורך די געצייג און וואפען, וואס ער האט געמאכט. די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור ווערט דערפאר גערעכענט לויט די ענטוויקלונג פון די געצייג. געצייג און וואפען, האט דער מענש נויטיג געהאט אין זיין קאמפף אום׳ס דאזיין. דער קאמפף אום׳ס דאזיין האט אויך נויטיג געמאכט פריעדליכע מיטעל — געזעלשאפטליכקייט. מיט פעראייניגטע קרעפטען האט ער געקענט מעהר אויסריכטען איידער אליין. און מיט זיין נאטירליכען אינסטינקט צו געזעליגקייט און געזעלשאפטליכקייט; מיט זיין נאטירליכע פעהיגקייט צו געברויכען די שפראך, ארגאניזירט ער זיך אין סאמע אנפאנג פון זיין היסטאריע אין געזעלשאפטען, גאר צום ערשט איז עס די הארדע, נאכהער די פאמיליע, נאכהער דאס דארף, נאכהער די שטאדט, ביז ער קומט צו דער נאציאן און אינטערנאציאנאליטעט. דיעזע געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג איז ווידער בעדינגט פון דעם צושטאנד פון זיין געצייג, און די פארמען פון אינדוסטריע. די יאגד און דאס פישען ברענגט איהם צוזאמען מיט די אנדערע. צוזאמען ארבייטען זיי און צוזאמען פערטהיילען זיי די שפייז צווישען זיך. די אנדערע שפייז, דאס גראזווארג, ברענגט דאס ווייב אויף דער סצענע. דער ווייב ווערט צוגעטהיילט די ארבייט פון קלייבען קרייטיכער און וואורצלען. דאס איז די ערשטע ארבייטס־טהיילונג אין דער געשיכטע. דאס איז אויך די ערשטע פארמע פון שקלאפעריי. דאס ווייב איז דער ערשטער שקלאף. די פערמעהרטע בעדערפניסע, די בעדערפנים נאך זאכען, וואס דער מענש האט ניט געקענט געפינען אין זיינע אומגעבונג, פיהרט איהם צום אויסטויש, און די פערטהיילונג פון ארבייט. די ערד ארבייט איז די ערשטע סיבה פון שקלאפעריי, נאכהער פון דיפערענצירטע ארבייט, פין אויסטויש און האנדעל, פון קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונג מיט שקלאפען ארבייט. און שליסליך פון דעם אנפאנג פון מאדערנעם קאפיטאליזמוס.

דער קאפיטאליזמוס איז ווידער א ניי קאפיטעל אין דעם מענשליכען פארטשריט, און מען קען מיט רעכט זאגען: א זעהר שעהן און אינטערעסאנטעס קאפיטעל; א קאפיטעל וואס ענדערט

פון האַנדעל האָט מען זיך שנעל גענומען צו דער אינדוסטריע. ווען דער האַנדעל ברענגט גרויסע פּראָפיטען, דארף מען דאָך האָבען די פּראָדוקטען צום פערהאַנדלען, צום טוישען, און מען האָט אָנגעהויבען צו בענוצען דעם שקלאַף צו אַרבייטען פאר דעם מאַרק. רייכע שקלאַפּענבעזיצער האָבען איינגעפיהרט פאבריקען, און געלאָזען די שקלאַפען אַרבייטען פאר דעם מאַרק. אַזוי האָט דער פאטער פון דעם בעריהמטען דעמאָסטענוס, ווי מיר ווייסען דורך זיין זוהן, איינגעפיהרט צוויי פאבריקען. אַ מעסער פאבריק מיט 33 שקלאַפען און אַ שטוהל פאבריק מיט 20 שקלאַפען, פון וועלכע ער האָט פערדיענט פיעל געלד. די לייכטיגקייט צו פערדיענען געלד פון אַזעלכע אונטערנעהמונגען, האָט געמאַכט אַ גרויסען חשק די רייכע לייט אַריינצולייגען זייערע קאַפּיטאַלען, אַזוי, אַז אין גריכענלאַנד זיינען כמעט אַלע האַנדווערקער, ווי מאַלעריי, גאַרבעריי, טעפּעריי, בעקעריי, וועבעריי, ווי אויך ערץ און לעדער אַרבייט, שילדען, שלייער, מעבעל, אַפּאטעקער וואַרען, זאַלבען, אויל און ז. וו. געמאַכט געוואָרען אין אַזעלכע פאַבריקען. אין מאַנכע אינדוסטריען איז די אַרבייטס־טהיילונג געווען שטאַרק פערטהיילט. אַזוי געפינען מיר, אַז די קליידער אינדוסטריע האָט געהאַט ספּעציעלע פאבריקען פאַר מאַנטלען, פאַר אויבעררעק און קיטלען. אין די שיף פאַבריקען האָבען פערשיעדענע אַרבייטער געמאַכט בעזונדערע טהיילען פון דעם זעלבען שוף. אין מאַנכע ערטער איז די ענטוויקלונג דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די גאַנצע שטאָדט איז געווען אַ פאבריק שטאָדט. קאָרינטה, למשל, האָט בעשעפטיגט 460.000, די אינזעל אגינא 470.000 שקלאַפען ארבייטער אין פאַבריקען.

מיר זיינען איצט אָנגעקומען צו אַ פונקט ביי וועלכען מיר קענען זיך אָבשטעלען און אונטערציהען אַ סך הכל.

ווען מיר זאָלען יעצט פון דיעזען פונקט אויס צוריק בליקען, וועלען מיר זעהען, אַז די מאַטעריעלע ענטוויקלונג איז צוגעגאַנגען אונגעפעהר אויף אַזאַ אופן: פאַר אַלעם האָבען מיר די בעדערפניס צום לעבען. דיעזע נויטווענדיגסטע פון אַלע בעדערפניסע צווינגט דעם מענשען צו זוכען שפּייז. אין דעם זוכען נאָך שפּייז, האָט דער

פאר געבען אן אקע ווייץ, אָדער האָלץ, וועלכעס ער האָט צופיעל.

ביסלעכווייז, לאַנגזאַם אָבער זיכער, האָט דיעזער טויש זיך ענטוויקעלט אלץ ווייטער און ווייטער. און וואָס ווייטער עס האָט זיך ענטוויקעלט, אלץ נויטווענדיגער איז געוואָרען אַ מאָס, אבצומעסטען דעם ווערטה פון די ארבייט, ביז ענדליך עס איז ענטשטאַנען דאָס געלד.

ווי אזוי פון דיעזען צושטאַנד איז ארויסגעקומען די היינטיגע ווירטשאפט; ווי אזוי עס איז ענטשטאַנען דאָס געלד, און וואָסערע זאכען עס זיינען אַלץ אנגעגאנגען פאר געלד, איידער מען איז צוגעקומען צו מעטאל געלד, דאָס איז ווידער א לאַנגע געשיכטע, וועלכע עס איז אונמעגליך צו דערצעהלען אין די קורצע צייט, וואָס מיר האָבען פאר זיך. מיר וועלען אָבער זאָגען, אַז עס איז געוועזן אָט דער אויסטויש, וואָס מיר האָבען נור וואָס געשילדערט, וועלכער האָט סוף כל סוף געפיהרט צו דעם האַנדעל, צו דעם אויסטויש פון סחורות אויף געלד. די געאָגראפישע לאגע פון די פעלקער פון יענע צייטען, איז אויך געוועזן מסוגל דאצו. די פעלקער פון די אַלטע צייטען זיינען געזעסען ארום דעם מיטעללענדישען ים, נאָך דעם אויסדרוק פון הארַאדאטעס, ווי זשאַבעס ארום א טייך, און דאָס האָט געמאַכט לייכט דעם פערקעהר. די ערפינדונג פון געלד, האָט עס מעגליך געמאַכט פאר די הערען שקלאפען־בעזיצער אנצוזאמלען גרויסע אוצרות אין די פאָרמע פון מעטאל. אין אנפאנגס, ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, איז דער האַנדעל געווען זעהר פעראכטעט, אָבער ביסלעכווייז האָט מען אויסגעפונען, אַז דורך דעם האַנדעל קען מען פיעל פערדיענען, און נאָכדעם ווי די גרויסע פריצים פון גריכענלאַנד און רוים האָבען זיך דאצו גענומען, איז די פעראכטונג פערשוואונדען. דאָס האָט געפיהרט צו אַ צווייטע פאָרמע פון געווינס. אזוי שנעל ווי מען האָט אויסגעפונען, אַז דורך האַנדעל קען מען פערדיענען געלד, האָט מען אויך אויסגעפונען דעם ווערטה פון געלד אַלס פערמיטלער אין האַנדעל. אין רוימישען קייזער־רייך האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קאַפּיטאַליסטענקלאַסע, א פינאַנץ־אריסטאָקראַטיע. דאָס איז געוועזן דער קלאַס פון די ריטער, די אדעליגע, וועלכע האָבען דאָס באנק־געשעפט זעהר אָפט בעטריבען אויף גאָר ניט קיין ריינעם וועג.

און אריסטאָטלעס האָבען דאָס בעטראַכט אַלס אַ נויטווענדיגען עלעמענט אין דעם לעבען. אָהן שקלאַפעריי, האָבען זיי געדענקט, וואָלט די גאַנצע קולטור געווען אונמעגליך.

פאָלשטענדיג ווי די הויז־ווירטשאַפט איז געווען, פאָלשטענדיג ווי זי האָט בעפרידיגט די לעבענס־בעדערפניסע איז זי דאָך ניט געווען גענוגענד צו בעפרידיגען אַלע בעדערפניסע. און פונקט ווי אויף אַ פריהעריגע שטופע, אויף די שטופע פון סיפּפען־ווירטשאַפט. האָט דער בעדאַרף געפיהרט צו אַ זאָגענאַנטען „אויסלענדישען האַנדעל„ צו דעם אויסטויש פון פּראָדוקטען צווישען איין האָרדע און א צווייטע, וועלכער אויסטויש האָט ווידער, פון זיין זייט, געפיהרט צו די האָרדען אַרבייטס־טהיילונג, צו די יאַרמאַרקס און צו דער ענטשטעהונג פון שטעדט, פונקט אַזוי האָט אויף דיעזע העכערע שטופען דער בעדאַרף געפיהרט צו רעזולטאַטען, פון וועלכע עס איז ארויסגעקומען אן ענדערונג אין דער גאַנצער ווירטשאַפטליכער סיסטעמע.

ווי מיר האָבען שוין געזעהען, איז די הויז־ווירטשאַפט גענוגענד אין זיך זעלבסט. זי פּראָדוצירט אַלעס וואָס איז נויטווענדיג צום לעבען. אין איהר העכסטע ענטוויקלונג, זוכט זי זאָגאר צו בעפרידיגען די אינטעלעקטועלע בעדערפניסע, ביז צו מוזיקער, פּאָעטען און פילאָזאָפען. אָבער אין דיעזע ווירטשאַפט קומען פאָר אומשטענדען, וואָס מאַכען נויטיג פאַר די הערען זיך צו טרעפען, זאָ צו זאגען, געשעפטליך: איין הויזהאַלט האָט צייטענווייז אן איבערפלוס פון גוטס. עס ווערט אנגעארבייט אַזוי פיעל, אַז דאָס קען עס ניט פערצעהרען. אין א צווייטען הויזהאַלט פעהלט גראד אויס. ביי איין געוויסען הער איז געווען א שלעכטע גערעטעניס, און זיין שכן, וועלכער האָט צופיעל, לייהט איהם אויס קאָרן, אָדער שטרוי, ביז צום נעקסטען שניט. נאָך דעם נעקסטען שניט גיעט ער אָב, מיט דאנק, פונקט וויפיעל ער האָט געליהען. אַנאַנדערס מאָל באָרגט איינער ביים צווייטען א שקלאַף פאר אַ געוויסע אַרבייט, וועלכע ער דארף גראָד האָבען. פון דיעזען ענטוויקעלט זיך מיט דער צייט אַ מין אויסטויש. ווען איינער דארף, לאָמיר זאָגען א שניידער, און זיין שכן האָט אַ שקלאַף אַ גוטען שניידער, וועט ער ביי איהם לייהען דעם שקלאַף־שניידער, און איהם דער־

עס זיינען אויך געווען אין גריכענלאנד, ווי אין רוים פרייע בעלי מלאכות, אָבער דיעזע זיינען בעשטאַנען מייסטענס פון פרעמדע, שוואכלינגע, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין כוח צו אַרביטען אויף דעם פעלד, און פון פריי־געלאָזענע שקלאַפען. און זיי זיינען ניט געווען קיין בעלי מלאכות, ווי מיר פערשטעהען עס היינט. עס זיינען געווען, ווי ביוכער בעמערקט, שקלאַפען בעלי מלאכות, וועלכע האָבען געאַרבייט ניט פאַר די הערען, נור פאַר די אגריקולטור־שקלאַפען און פון זיי בעקומען פאַר זייער ארבייט קאָרן, וואָל אָדער האָלץ, וועלכעס זיי האָבען אַליין געמוזט בעאַרבייטען אין ברויט, קליידער אָדער געציֵיג.

דיעזע הויז־ווירטשאַפט, אָדער, ריכטיגער, שקלאַפען־ווירטשאַפט, האָט געבראַכט די ארבייטס־טהיילונג צו אַ הויכען גראַד פון ענטוויקלונג. ט. פאמפא, אַ שרייבער פון דעם 17טען יאָהרהונדערט, האָט אויסגערעכענט הונדערט און זעקס און פערציג פערשיעדענע אַרבייטען, וואָס זיינען פעררירכט געוואָרען פון די שקלאַפען אין יעדען הויזהאלט. דער הערר האָט שקלאַפען ניט נור פאַר פעלדאַרבייט, ווי אַקערן, זייען, שניידען, דרעשען און מאַלען: ער האָט אַ בעזונדערען שטאַב פון קנעכט פאַר דעם הויז, וואָס באַקען, קאָכען, שפינען, וועבען, שמידען, מאַכען קליידער, בויען הייזער און פאַשען די בהמות; ער האָט אַ בעזונדערען שטאַב פון אויפזעהער, בוכהאַלטער, ביבליאָטעקאַרען, דאָקטוירים, פעדאַגאָגען, מוזיקאַנטען, מאלער, פאָעטען און פילאָזאָפען. ער האָט בעזונדערע שקלאַפען פאַר זיך און בעזונדערע פאַר די מאַדאַם, און יעדער פעררירכט אַ בעזונדערע אַרבייט. אויך די אַרבייטען פון דעם שטאַאַט ווערען אָנגעפיהרט פון שקלאַפען. אַלע קלענערע בעאַמטע און בעדינטע זיינען שקלאַפען. שקלאַפען בויען די שאסעען, זיי ארבייטען אין די מינען און רייניגען די קאנאַלען; שקלאַפען דיענען אין דער פאָליציי, אין די געפענגניסע, אין די אוניווערזיטעטען, אין די טעמפעלם ביי די קרבנות; זיי זיינען אויך די הענקערס און די אויסשרייערס אויף די עפענטליכע פערזאַמלונגען. מיט איין וואָרט: די אַרבייט פון דעם הויזהאלט ווי פון דעם שטאַאַט ווערט בעזאָרגט פון שקלאַפען.. אזא גרויסע ראָלע האָט די שקלאַפעריי געשפיעלט, אז די גרויסע פילאָזאָפען פלאַטאָן

איבערבליק איבער דער גאנצע ענטוויקלונג. מיר ווילען נור זאָגען, אז די העכסטע ענטוויקלונג פון דיעזע הויזווירטשאפט געפינען מיר ביי די גריכען און רוימער.

דער בעוואוסטער עקאָנאָם ראדבערטוס, וועלכער האָט דאָס שוין לאנג בעמערקט, רופט דיעזע ווירטשאפט אָן אויקאס־ווירטשאפט. די „אויקאס“, דאָס הויז, איז דער פּרינציפּ אין די ווירטשאפטליכע סיסטעמע.

„דאָס הויז“ איז ניט נור אן אָרט וואו מען וואָהנט. עס איז אויך דער פּלאַץ פון וועלכען אויס אַ גרויסע צאהל מענשען פיהרען אָן זייער ווירטשאפט געמיינשאפטליך. אַלע וואָס בעלאנגען צו די „אויקא“, זיינען „אויקעטאי“, ד. ה. דאָס „הויזהאלט“.

וואָס אין גריכענלאנד הייסט „אויקא“, איז אין רוים „פאמולא“, און אלע וואָס בעלאנגען צו די „פאמולא“, דאָס ווייב, די קינדער, קנעכט און דיענער, דאָס הייסט פאמיליא. דער „פאטער־פאמילאס“, דאָס איז דער העדר, דער פאטריארך, אין וועמעס הענד אריין עס פליסט דער גאנצער איינקונפט פון דעם הויז. קיינער אַרבייט ניט פאַר זיך, אַלע אַרבייטען פאַר דעם „פאטער־פאמיליאס“. אין רוים איז דער יחיד אין גאנצען פערשוואונדען. דער שטאאט אנערקענט נור פאמיליעס און די שייכות צווישען איין פאמיליע און די אנדערע. וואָס עס פאסירט אין די פאמיליע גופא, אין דעם הויזהאלט, דאָס איז ניט דעם שטאאטס דאגה. אויף דעם איז דאָ דער פאטער־פאמיליאס. דאָס איז זיין זאך, און ער קען אורטהיילען איבער לעבען און טויט פון זיינע אנגעהעריגע, פון זיין „פאמיליע“. אין רוים גיבט עס אויך ניט קיין פערשיעדענע קלאסען פון פּראָדוצירער, ווי בעלי מלאכות און ערד ארבייטער. דאָרט איז נור דאָ גרויסע און קליינע אייגענטהימער, און זייערע שקלאפען, וואָס פערריכטען די ארבייט. ווען דער גרויסער אייגענטהימער קען בעראבעווען דעם קליינעם, מאַכט ער איהם פאר־אַ פּראָלעטאריער, ד. ה. פאר אַ שקלאף. דער פרייער וואָס האָט ניט קיין לאנד, קען ניט מאַכען קיין לעבען, ווארים עס איז ניטאָ קיין געשעפטס קאפיטאל, וואָס קויפט אַרבייט. די גאנצע אינדוסטריע ווערט אנגעפיהרט אינערהאלב דעם הויזהאלט פאר דעם אייגענעם געברויך.

דעם מענשען. דער מענש האָט בעארבייט די ערד און געצויגען איהר
זאפט פאר זיין נוצען ; די ערד האָט דעם מענשען צוגעבונדען צו
זיך, און איהם געהאלטען פעסט אויף איין אָרט. דאָס פרייע
ארומוואַנדערען האָט אויפגעהערט. און דיעזעס האָט געפיהרט צו
פערענדערונגען אין דעם גאַנצען מענשליכען צוזאַמענלעבען. די ערד
אַרבייט האָט, ערשטענס, געגעבען דעם גרעססטען שטויס צו פּרי־
וואַט אייגענטהום. דאָס ארומוואַנדערען איז א גרויסער שטער צום
אָנזאמלען פון פּריוואט אייגעטהום. ווען מען דארף זיך אַרומשלע־
פען פון אָרט צו אָרט זוכען שפּייז, האַלט מען נור די נויטיגסטע זאַ־
כען. וואָס וועניגער אַזעלכע זאַכען עס זיינען דאָ אלין לייכטער איז
דאָס וואַנדערען, אַלץ וועניגער איז מען געשטערט אין זוכען
שפּייז. ווען מען זיצט אויף איין אָרט קען מען די זאַכען אַוועק־
שטעלען און בעהאַלטען. דורך דעם אַקערבוי האָבען די מענשען
שנעל אויסגעפונען, אַז מען דארף די קריעגס־געפאַנגענע ניט טויטען,
אַז מען קען זיי לאָזען אַרבייטען און ציהען נוטצען פון זייער אַרבייט.
מיט די ערד ארבייט, הייבט זיך דאדורך אָן דאָס אַנזאַמלען פון
פּריוואַט אייגענטהום, און די שקלאַפעריי, ווי אויך די וויי‍טערע
אַרבייטס־טהיילונג. די הערען נעמען פאר זיך די אנגענעהמע און
עהרענהאַפטע אַרבייט, וועהרענד די שווערע, די אונאַנגענעהמע
און אונדאַנקבאַרע אַרבייט לאָזען זיי איבער פאר די קנעכט.

דיעזעס ענדערט אויך דאָס גאַנצע ווירטשאַפטליכע לעבען. ביז
צו דיעזען פונקט, ווי מיר האָבען געזעהען, איז דאָס ווירטשאַפט־
ליכע לעבען געווען אַ האָרדע ווירטשאַפט. די פאַמיליע איז געווען
אַ נעבען זאַך, אַלס אַ טהייל פון די האָרדע. מיט דער ענטשטע־
הונג פון ערד אַרבייט, און, אַלס רעזולטאַט, פון דיעזע ערד אַרבייט
די שקלאַפעריי, ווערט די ווירטשאַפט אַ פאַמיליען־ווירטשאַפט. פון
איצט אָן, ווערט די פאַמיליע, דאָס „הויז“, די הערשענדע ווירט־
שאַפטליכע סיסטעם. דאָס וואָרט „פאַמילאַ“, פאַמיליע, אין לאַ־
טיין, בעדייטעט, קנעכט. אויף דיעזע שטופע, איז דער פאַטריאַרך,
דער פאָלשטענדיגער הערשער אין זיין הויז, און אַלע וואָס בעלאַנ־
גען צום הויז, דאָס ווייב, די קינדער, די שקלאַפען — אַלע די
זיינען זיינע דיענער, זיין „פאַמילאַ“, אָדער זיין פאַמיליע.

עס וועט נאַטירליך זיין אונמעגליך פאר אונז דאָ צו געבען אַן

ווען דער אויסטויש ווערט אַ בעשטענדיגע זאך, ווערט נויטיג אַ פּלאַץ וואו די מענשען, וואָס ווילען אויסטוישען זייערע ארטיקלען זאָלען זיך קענען צוזאַמענקומען. די נאַטור־פעלקער האָבען דאדורך אַ מנהג אָבצוטרעטען אַ שטיק פּלאַץ ביי דעם ברעג פון זייער לאַנד. ווען איין שבט טהוט דאָס פון איין זייט, און דער צווייטער פון דער אַנדערער זייט, ווערט אַזוי אַרום אַ גרויסער שטח פריי לאַנד, וועלכעס ווערט געהאַלטען נור פאר דעם יאַרמאַרק (יאָהר־מאַרק. אַ מאַרק אויף וועלכען מען קומט זיך צוזאַמען איין מאָל אין יאָהר), וואו די שבטים קומען זיך צוזאַמען אין בעשטימטע צייטען אויסצו־טוישען זייערע פּראָדוקטען. דיעזע פּלעצער ווערען בעטראַכט אַלס נייטראַלע, אונפּאַרטייאישע. קיינע פיינדזעליגקייטען ווערען דאָרט ניט דערלאָזען. דאָרט האָבען אַלע גלייכע רעכטע, און ־אום דיעזע רעכטע אָבצוהיטען, אום אָבצוהיטען, אַז קיינער פון די וואָס קומען זיך צוזאַמען זאָלען ניט געקריוודעט ווערען פון אַנדערע שבטים, ווערען די פּלעצער בעפעסטיגט פון די שבטים, וואָס קומען זיך דאָרט צונויף. יעדער שבט שיקט מענשען צו בעוואַכען, צו האַלטען אָרדנונג, און אָבצוהיטען עס זאָל קיינעם ניט געשעהען קיין עולה. ביסלעכווייז בעזעצען זיך דיעזע שומרים אין די פּלעצער, און אַזוי אַרום ענטשטעהט די שטאָדט, און אויך דאָס פעסטונג. יעדע שטאָדט איז צו דערזעלבער צייט געווען אַ פעסטונג.

אַזוי ווייט זיינען אַלע מענשען גלייך. אַלע ארבייטען צו־זאַמען, פערצעהרען צוזאַמען, טוישען אויס די ארטיקלען, וואָס זיי האָבען צופיעל פאר אַנדערע, וואָס פעהלען זיי אויס, און וואָס אַנדערע פערמאָגען. אויף די ערשטע שטופע פון ערד ארבייט איז עס ניט אַנדערש. צו בעאַרבייטען די ערד איז אויך נויטיג מעהרערע מענשען, און די סיפּפּע פּאַסט זיך זעהר גוט צו דיעזע ערד־ארבייט.

מיט דער ענטוויקלונג פון ערד אַרבייט, ענדערט זיך דאָס גאַנצע בילד.

.6

דער אַקערבוי, אדער די ערד ארבייט, האָט ביסלעכווייז צו־געוואָהנט די מענשען זיך צו בעזעצען אויף אַ בעשטימטען פּלאַץ. דער מענש האָט בעהערשט די ערד אָבער די ערד האָט פערשקלאַפט

האָבען ניט געקענט פּראָדוצירען, זיינען זיי איינפאַך בעפאלען דעם צווייטען שבט, וואָס האָט גראד די זאכען געהאַט, און געראויבט פאר זיך. אָבער מורא האָבענדיג פאר די נקמה פון דעם בעראויבטען שבט, האָבען זיי נאָכהער צוגעטראָגען זאַכען, וואָס זיי האָבען פערמאגט, און אזוי אַרום מפייס געווען דעם בעראויבטען שבט.

אָבער ניט איבעראל האָט עס זיך אַזוי אָנגעהויבען. אין אנ־דערע פּלעצער האָט דער אויסטויש זיך אָנגעהויבען מיט מתנות. די גאסט־פריינדשאַפט איז ביי דעם אורשפּרינגליכען מענשען שטאַרק ענטוויקעלט. יעדער קען זיך זעצען ביי זיין שכן'ס טיש פראנק און פריי. אין צייט פון הונגער־נויט, פערטהיילען זיי צווישען זיך אַלץ וואָס זיי האָבען. די פרייגיביגקייט ווערט בעטראכט, נאָך די טאַפּפערקייט, אַלס די גרעסטע מעלה. די פייערלענדער, למשל, ווי דאַרווין דערצעהלט, ווען זיי האָבען געקראָגען אַ שטיק טוך, האָבען זיי עס צוריסען אויף פאסען, און יעדען איינעם געגעבען אַ גלייכען חלק. עס זיינען אָבער פאראַן צוויי סאָרטען מתנה געבעריי. אינערהאַלב דעם שבט, וואו פּריוואט אייגענטהום עקזיסטירט ניט, איז די מתנה א זעלבסטפערשטענדליכע זאַך. אַלע נעהמען פון אַלע. אויסערהאַלב דעם שבט, איז די מתנה ניט מעהר ווי די ערשטע פאָרמע פון אויסטויש. דער ווילדער קומט אין א פרעמד דאָרף און ברענגט מיט מתנות. אָבער ער געהט ניט אַוועק ביז ער בע־קומט ניט אַנאַנדער מתנה. און ווען די „מתנה" וואָס ער קריעגט איז נאָך זיין מיינונג ניט אזוי גרויס ווי די, וואָס ער האָט גע־בראַכט, געהט ער ניט אַוועק ביז ער קריעגט ניט נאָך אַ „מתנה". פערקעהרט. ווען די „מתנה" וואָס ער וויל איז גרעסער פון די, וואָס ער האָט געבראכט, מוז ער אַ היים געהן און צוברענגען נאָך מתנות.

אין פערלויף פון דער צייט ענטוויקעלט זיך די מתנה־געבעריי צום ריכטיגען אויסטויש.

און דיעזער טויש איז טאַקע אַן אמת'ער אויסטויש. פון קיין געלד ווייסט מען נאָך ניט, קיין הענדלער זיינען נאָך ניטאָ. יע־דער איינער איז קויפער און פערקויפער צו דערזעלבער צייט. יעדער איינער קומט אַוועקגעבען די ארטיקלען, וואָס ער האָט צופיעל פאר די ארטיקלען, וואָס פעהלען איהם. און דער ערשטער רעזולטאַט פון דיעזען טוישען, איז דאָס ענטשטעהען פון דער ש ט אָ ד ט.

טאטואירען אום צו געפעלען די ווייבער, אָדער די מענער. אָבער ווי די מעשה זאָל ניט זיין, די מענשען האָבען אַלע מאָל געהאַט בעדערפניסע אויסער די שפּייז. און דיעזע אַנדערע בעדערפניסע, האָט ניט אימער יעדע האָרדע געקענט בעפריעדיגען. און די פער־שיעדענע האָרדעס האָבען געמוזט קומען אין בעריהרונג.

צו די ערשטע צוויי פאָרמען, איז דאדורך צוגעקומען אַ דריטע: די אויסערע אַרבייטס־טהיילונג, און דער אויסטויש צווישען די בענאַכבאַרטע גרופּען. דיעזעס איז געקומען פון די פערשיעדענהייט אין די נאַטירליכע פּראָדוקטען, וואָס געפינען זיך אין די פערשיע־דענע געגענדען. „אויב טעפּער ליים געפינט זיך אין איין אָרט מעהר ווי אין אַנאַנדער אָרט, וועלען די ווייבער פון דיעזען אָרט, אָדער שטאַם שנעל ענטוויקלען אַ פעהיגקייט צו מאַכען טעפּ; דאָרט וואו עס געפינט זיך אייזען אָר (רודאַ), וועלען ענטשטעהען שמיעדען, ווערענד ביי די ברעגעס פון ים וואו עס געפינט זיך אַ סך געהילץ, וועט ענטשטעהען דאָס שיף בויען".

פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט אַ האָרדע אינדוסטריע. יעדע האָרדע, אדער שבט, אָדער דאָרף האָט זיך געהאַט איהר אייגענע ספּעציאַליטעט, און די פערשיעדענע שבטים האָבען צווישען זיך אויסגעטוישט די פערשיעדענע אַרטיקלען. עס איז ענטשטאַנען אַ סאָרט „אויסלענדישער האַנדעל".

אָבער דיעזער „האַנדעל" איז ניט געוועזען אַזאַ האַנדעל ווי מיר פערשטעהען עס היינט. די מענשען האָבען פון אנפאַנגס אָן געהאַט אַן אבשיי פאַר דעם האַנדעל. „כנען בידו מאזני מרמה" זאָגט די תורה. אויף דייטש איז דאָס וואָרט „טאַושען", אויסבייטען, און „טיישאָן", אָבנאַרען איינס און דאָס זעלבע. אין דער צייט, ווען עס איז ניטאָ קיין מאָס פאַר ווערטה, קיין שטאַנדאַרד דיעזען ווערטה אויסצודריקען, איז דער האַנדעל יעדעס מאָל געוועזן אַ ריסקירטע זאַך. די מענשען האָבען זיך דאדורך צוריק געהאַלטען פון טוישען, אויף וויפיעל מעגליך. עס איז געווען די נויטווענדיג־קייט פאַר די אַרטיקלען, וואָס האָט זיי געצוואונגען דאצו. און אין אַ סך פעלער האָט דאָס „טוישען" זיך ווירקליך אָנגעהויבען מיט איינפאַכען רויב. אַ געוויסער שבט, ווען זיי האָבען בעדאַרפט האָבען עטוואָס, וואָס האָט זיך ביי זיי ניט געפונען, און וואָס זיי

דער מענשליכער בעדארף איז פערשיעדען. „לא על הלחם לבדו יחיה האדם“! מיט עסען אַליין איז דער מענש ניט בעפרידיגט. די נאהרונג, די שפייז, איז, אמת, די הויפּטזאַך, אָהן דעם איז לעבען אונמעגליך. אָבער אַזוי שנעל ווי דיעזער הויפּט בעדארף איז בעפרידיגט, האָט דער מענש אַנדערע, גאַנץ נויטיגע בעדערפניסע. אַזוי האָט מען בעמערקט, אַז אַלע ווילדע טאַטואירען זיך, ד. ה. זיי קריצען אויס, בעפּוצען און בעמאָלען דעם קערפּער. צו דאָס קומט פון אַן איינגעבוירענע עסטעטישע בעדערפניס נאָך שעהנקייט, ווי איינינע פילאָזאָפען ווילען האָבען, וועלען מיר דאָ לאָזען אין אַ זייט. די



פיגור 37. אַ טאַטואירטעס מיידעל פון פּאָרט־מאָרעסבי.

גייעסטע פאָרשער ווילען האָבען, אַז אויך דאָס איז אַ רעזולטאַט פון די מאַטעריעלע בעדערפניסע. דאָס „מאָלען“ איז ניט צוגעגאַנגען אויף אַזאַ אופן ווי מיר פערשטעהן עס היינט. זיי פלעגען באַליינען די קערפּער מיט אַ סאָרט ליים פון פערשיעדענע קאָלירען, און דאָס האָט פאַר אלעם געדיענט צו בעשיצען דעם גוף פון שלעכטע וועטערן; דאן פלעגען זיי טאַטואירען די קערפּער אין צייט פון מלחמה, ווען זיי האָבען זיך געמאַכט אויסצוזעהען שרעקליך, אום ארויפצוואַרפען אַן אימה אויף דעם שונא; זיי פלעגען זיך אויף

נעבען דיעזע אָרגאַניזאַציאָן פון געמיינשאַפטליכע ארבייט, פון קאָאָפּעראַציאָן, געפינען מיר צוגלייכער צייט אַנאַנדער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס קומט ארויס פון די ניט ווענינער נויטווענדיגע פערטהיילונג פון אַרבייט. מיר מיינען די פאמיליע, ד. ה. די פערבינדונג פון מאַן, פרוי און איהרע קינדער. דאָס איז די ערשטע אַרבייטס־טהיילונג, וואָס מיר געפינען אין די געשיכטע פון דער מענשהייט.

מאַנכע מיינען, און אַזוי שטעהט אין דער תורה, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט קומט ארויס פון דער פאמיליע. דאָס איז ניט ריכטיג. די ערשטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן איז ניט די פאמיליע, נור די האָרדע, געבויט אויף די געמיינשאַפטליכע אַרבייט פון די מענער.

מיר האָבען שוין בעמערקט, אַז דער ווילדער מענש ווייס זעהר וועניג פון ליעבע, פון די הימלישע ליעבע פון וועלכע די פּאָעטען רעדען אַזוי פיעל. דער פרימיטיווער מענש פערבינט זיך מיט אַ פרוי ניט אויס ליעבע, אפילו ניט צוליעב געשלעכטליכע בעדירפניסע. אין דער צייט, וואָס מיר בעטראַכטען איצט ווייסט די מענשהייט זעהר וועניג פון מאָראל, און די בעפרידיגונג פון געשלעכטליכע בעדערפניסע מאַכען קיינעם ניט קיין שוועריגקייט. צוליעב דיזען צוועק פערבינדט זיך ניט אַ מאַן מיט אַ פרוי. ווען ער טהוט דאָס אָבער יאָ, איז עס צוליעב זיינע ווירטשאַפטליכע בעדערפניס. די פרוי איז דער ערשטער שקלאַף אין דער געשיכטע. די פאמיליע איז בעגרינדעט הויפּטזעכליך אויף די אַרבייטס־טהיילונג צווישען מאַן און פרוי, אַלס רעזולטאַט פון זייער געשלעכטליכע פערשיעדענהייט. דער מאַן איז יעגער, פישער, אָדער בעל מלחמה. ער פערטיגט די ווערקצייג און די וואפען. דאָס ווייב קלייבט וואָרצלען, קריעגט אַרויס פון דער ערד, וואָס זי קען; זי בויט די האַטע, ערציהט די קינדער, האַלט אויף דאָס פייער, מאַכט די שפּייזען, טראָגט נאָך די קינדער, אָדער דעם מאַן'ס געצייג, בעת זיי וואַנדערען, און טהוט איבערהויפּט אַלע אַנדערע, שווערע און פיינליכע אַרבייט, וואָס דער מאַן, דער הערר, דער שטאַרקער, וויל ניט טהאָן.

די האָרדע בעשאַפט אַלעם פאַר איהר אייגענעם בעדאַרף. אָבער

גאַנצען ברעג, און זייערע נעטצען זיינען מאַנכעס מאָל טויזענד עלען לאַנג, אַזוי, אַז די ארבייט קען נור געטהאָן ווערען פון מעהרערע מענשען. די גאַנץ ערשטע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציאָן, וואָס מיר געפינען ביי דעם גאַנץ פּרימיטיווען מענשען איז די האָרדע, אָדער די סיפּפּע. די האָרדע, אָדער סיפּפּע, דאָס איז א קליינע גרופּע, העכסטענס זעכציג מענשען, די מיטגליעדער פון וועלכער זיינען פון איין אבשטאַמונג, ד. ה., בלוטספערוואַנדטע. יעדער איינער וואָס בעלאַנגט צו דער גרופּע ווערט בעטראַכט אלס אן אייגענער; יעדער וואָס בעלאַנגט ניט צו איהר, איז א פרעמדער און ווערט בעטראַכט אלס שונא. עס איז די פפליכט פון יעדען איינעם צו בעשיצען די גאַנצע גרופּע, און די גאַנצע גרופּע נעהמט זיך אָן פאַר יעדען איינעם, און איז זיך נוקם פאַר יעדע עולה, וואָס מען טהוט צו וועלכען עס איז פון איהרע מיטגליעדער. צוזאַמען קעמפּפען זיי געגען די אנ־דערע האָרדעס; צוזאַמען טהוען זיי זייער ארבייט; בשותפות געהן זיי אויף די יאַגד, און בילדען קייטען אום צונויפצוטרייבען דאָס ווילד; דער פיש פאַנג געהט אָן בשותפות און די נעצען פערפער־טיגען זיי אויך צוזאַמען. מיט איין וואָרט: סיי נאָך אינוועניג, סיי נאָך אויסוועניג קעמפּפען זיי אום דאָס דאזיין סאָלידאַריש.

און אזוי ווי זיי ארבייטען צוזאַמען, אזוי פערצעהרען זיי בשותפות די פּרוכט פון זייער ארבייט. ביי אלע די ווילדע הערשט א סאָרט נאַהרונגס־קאָממוניזם. דער גרונד און באָדען אויף וועלכע זיי וואָהנען, איז דאָס אייגענטהום פון דער גאַנצער האָרדע. דאָס איינציגע פּריוואַט־אייגענטהום, וואָס די מענשען אויף דיעזער שטופע אנערקענען, איז דאָס אייגענטהום אויף פּערזענליכע זאַכען, וואָס דער מענש האָט זיך אליין געמאַכט, ווי וואַפען, שמוק־זאַכען, אָדער ווערקצייג. און דיעזע זאַכען בלייבען זיין אייגענטהום אויף אייביג. דאָס קען אפילו קיינער ניט ירשה'נען, נור עס ווערט מיטגעגעבען דעם מענש אין קבר אריין ביי זיין טויט. אויסער דיעזע פּערזענליכע זאַכען, איז אלין געזעלשאַפטליכע אייגענטהום. אלע ארבייטען צו־זאַמען און פערצעהרען צוזאַמען. די האָרדע אָדער די סיפּפּע, איז די ערשטע שטאַרקע אָרגאַניזאַציאָן פון דעם פּרימיטיווען מענשען. געבויט אויף די נויטווענדיגע, געמיינשאַפטליכע ארבייט פאַר דעם לעבענס־בעדאַרף.

ליגט אריין אין דער ערד א בולבע, אָדער א נוס, קומט עס ווידער ארויס אין א פערגרעסערטען צאָהל. דאָס, זאָגט ער, איז זיכער פיעל לייכטער איידער צו צאָמען חיות, צו ערפינדען פיש־הוקס אָדער פייל און בויגען. אין צייט פון נויט, עסט דער ווילדער אויך פלייש, אָבער דאָס נעהמט ער פון די קלענערע ברואים, וועלכע ער געפינט פערטיג, אהן פיעל מיה, ווי שאָל־פיש (אויסטערס), ווערם, היישרי־קען און מוראשקעס. מילער־לייער נעהמט אָן דיזע בעהויפּטונג מיט א קליינעם צוזאַץ: דער מענש אויף די נידריגסטע שטופּע, זאָגט ער, איז אַן אָמניוואָר, ד. ה., ער פערצעהרט אַלץ, וואָס קומט צו דער האַנד. ער עסט פלייש, פיש, וואָרצלען, ווערם, פלערמייז, זשאַבעס, שלאַנגען, מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס ער קריגט.

„די בעקאַנטסטע פערטרעטער פון דיזע ווילדע שבטים זיינען די אויסטראַליער און טאַסמאַניער, די גאַנצע שוואַרצע איינוואָהנער־שאַפט, וועלכע האָבען בעוואָהנט אויסטראַליען אין דער צייט ווען עס איז ענטדעקט געוואָרען. ווייטער בעלאַנגט צו די גרופּע די קליינע פעלקערלעך פון די צענטראַל־אַפריקאַנישע ווילדניסען; די בוש־מענער אין זיד־אַפריקא; די בערגוועדאָ אויף ציילאָן; די מינ־קאָפּיעס אויף די אנדאַמאַן אינזלען; די אעטא, טיעף אין די פי־ליפּינען; די פייערלענדער אדער פּעשעראַס פון דער זיד שפּיצע פון דעם אַמעריקאַנישען קאָנטינענט און די עסקימאָסען“.

אויף דיזע גאַנץ נידריגע שטופּע פון ענטוויקלונג געפינען מיר די מענשען זיך ערנעהרען אויף צוויי וועגען. זיי עסען פלייש און פיש און זיי עסען גראָזוואַרג. דיזע צוויי סאָרטען שפּייז מוז דער מענש פּראָדוצירען פאַר זיך, און מיר געפינען ביי דיזע מענשען צוויי פאָרמען פון באַלעבאַטיישקייט, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט צו די פאָרמען פון בעשאַפונג און נאַהרונג, און וועלכע האָבען ארויסגערו־פען צוויי פאָרמען פון געזעלשאַפטליכקייט. די יאַגד קען ניט בעט־ריבען ווערען פון איין מענשען, אפילו היינט ניט, ספּעציעל אָבער אין יענע צייטען, ווען די וואַפען זיינען פּרימיטיוו. דאָס יאָגען זיך נאָך ווילדע, זעהר שטאַרקע חיות, איז א געפערליכע בעשעפטיגונג, און עס קען נור געטהאָן ווערען, ווען פיעלע מענשען נעהמען זיך צו־זאַמען. דער פיש פאַנג איז ניט ווייניגער שווער, און צייטענווייס פּונקט אזוי געפעהרליך. די ווילדע פערשפּרייטען זיך אויף דעם

ציאָן; איבערגעהענדיג צו דער צווייטער שטופע — די פערטהיילונג פון ארבייט; ביז, ענדליך, די העכסטע שטופע — פערטהיילונג און קאָאפּעראַציאָן צוזאַמען, ווי מיר זעהן עס היינט.

.5

לאָמיר איצט זעהן ווי אזוי דער פּרימיטיווער מענש האָט, אזוי צו זאָגען, געמאַכט א לעבען.

ביז איצט פלעגט מען פערטהיילען די אורשפּרינגליכע שבטים לויט דעם ווי זיי האָבען בעשאַפען די מיטלען צום לעבען: אין יעגער, פישער, פיה־ציכטער און אקערבויער. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אז יעדעס פאָלק האָט דורכגעמאַכט די פיער שטופען פון ענטוויקלונג. מען איז אויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אז דער פּרימיטיווער מענש האָט אָנגעהויבען זיין שפּייז־קאַרטע מיט פלייש, און דאַן, אונטער דעם דרוק פון נויט, איז ער איבערגעגאַנגען צו גראָז־וואַרג. קאַרל ביוכער, אין זיין דערמאָנטען בוך „ווירטשאַפטליכע ענט־וויקלונג" בעשטרייט דיזעס. ס'איז אמת, אַז מאַנכע פעלקער, האָבען זיך אזוי ענטוויקעלט, אָבער דיעזע, בעהויפּטעט ביוכער, דאַרף מען ארויס־לאָזען פון חשבון, ווייל זיי האָבען געוואָהנט אין געגענדען וואו זיי האָבען זיך ניט געקענט העלפען, ווי יעגער און פישער אויף דעם ווייטען צפון, אָדער פיה־ציכטער אין די סטעפּעס פון די אַלטע וועלט. מען דאַרף גיכער, זאָגט ער, זעהן ווי האָבען זיך ענטוויקעלט די מענ־שען אין די טראָפּישע דיסטריקטען פון אַמעריקאַ, אפריקאַ, אויסטראַ־ליע א. ז. וו. און דאָ געפינט ער, אז דער פּרימיטיווער מענש האָט אָנגעהויבען מיט גראָזוואַרג. דעם פּרימיטיווען מענשען, בעהויפּטעט ביוכער, האָט געמוזט זיין פיעל לייכטער צו דערלאַנגען פערשיעדענע וואָרצלען וואָס האָבען זיך איהם געוואַלגערט אונטער די פיס, איידער דאָס פלייש פון ווילדע חיות. צו צאַמען ווילדע חיות איז נאָך זיין מיינונג א פיעל שווערער־ער עסק איידער צו נעהמען פון די פערשיעדע־נע פרוכטען, אָדער יאַגדעס, אָדער וואָרצלען, וואָס זיינען געוואַקסען, אזוי צו זאָגען, אין מויל אריין. ווען מען וויל פון דיעזען איבערגעהן צו דעם נעקסטען שריט אין דער ענטוויקלונג, דאַן קען מען מיט אביסעל נאָכדענקונג איינזעהן, אז פון דיעזען צושטאַנד האָט ניט געמוזט זיין שווער פאַר דעם ווילדען אויסצוגעפינען, אז ווען מען

אונפערגלייכליכע קראפט אין גאנצען דורך דעם, וואס יחידים ווירקען צוזאמען דורך פערגעזעלשאפטונג".

„דורך פערגעזעלשאפטונג ווערען איבערגעוועלטיגט אזעלכע ארבייטען, צו וועלכע דער יחיד וואלט זיך בשום אופן ניט געקענט נעהמען. און עס זיינען דא צוויי ארטען פון צוזאמענווירקען, לויט די אויפגאבען אום וועלכע עס האנדעלט זיך, וועלכע זיינען פאר דעם יחיד צו שווער, אדער צו שוויעריג".

וואס ער מיינט מיט דעם, ערקלעהרט מילער־לייער אזוי: ווען די ארבייט איז צו שווער, דאן געהט דאס צוזאמענווירקען נאך דעם פרינציפ פון קאאפעראציאן. ד. ה., מעהרערע מענשען נעהמען זיך צוזאמען און טהוען א זאך, ווי למשל, אומוואַרפען א בוים, וועלכען דער יחיד קען פון ארט ניט ריהרען. איז די ארבייט צו שוויעריג, דאן ווערט אנגעווענדעט אנאנדער פרינציפ פון צוזאמענווירקען: די ארבייטס־טיילונג. ד. ה., מען פערטיילט די ארבייט אזוי, אז יעדער איינער טהוט א בעזונדער זאך, און אלע צוזאמען ברענגען אזוי ארוים פארטיג די ארבייט. די ארבייטס־טהיילונג איז ניט מעהר ווי אנאנדער פארמע פון קאאפעראציאן, ווארום, ווען דער בעקער באקט ברויט, דער שוסטער מאכט שיך, דער שניידער קליידער א. ז. וו. איז דאס א פערטהיילונג פון ארבייט, אבער דיעזע פערטהיילונג איז ניט מעהר ווי א צוזאמענווירקען פון די מענשען, יעדער ביי א בעזונדער טהייל אום אלע צוזאמען זאלען בעסער און לייכטער פארטיג מאכען דעם גאנצען בעדארף פון אלע. עס איז נאך דא א דריטער פרינציפ, אבער דיעזער דריטער פרינציפ איז ניט מעהר ווי א פערבינדונג פון די ערשטע צוויי. דאס איז א פערטהיילונג און א פערבינדונג אין איין צייט, אדער, וויסענשאפטליך גערעדט, א פערבינדונג פון קאאפעראציאן און דיפערענציאציאן. ווען דער טישלער פערבינדט זיך מיט דעם מויערער, מיט דעם בלעכער, מיט דעם מאלער, מיט דעם עלעקטריקער א. ז. וו. צו בויען א הויז, איז דאס ניט מעהר ווי א פערבינדונג פון טהיילונג און קאאפעראציאן.

דאס זיינען די איינציגע וועגען, וואס די מענשהייט האט ביז איצט אויסגעקלערט: קאאפעראציאן און פערטהיילונג פון ארבייט. און דיעזע פרינציפען זעהן מיר ווירקען דורך די גאנצע מענשליכע געשיכטע. אנהייבענדיג פון דער גאניץ ערשטער שטופע: קאאפערא־

שרייבונג וואָלט פערנומען פיעל, פיעל מעהר אָרט ווי מיר האָבען דאָ אין דיעזער פאָרלעזונג, ד. ה., אַז אויף דעם בעסטען אופן וואָלט מיין בילד אַרויסגעקומען אַביסעל צו־בלאַס.

מיר האָבען שוין פריהער עטליכע מאָל בעמערקט וועגען די נאַהרונג אַלס ערשטע, נויטווענדיגסטע בעדינגונג פאַר די עקזיסטענץ פון יעדע לעבעדיגע בעשעפעניס. דיעזע נויטווענדיגקייט, און דאָס האָבען מיר אויך שוין דערמאָנט, האָט דעם מענשען געפיהרט צו ענטוויקלען די טעכניק. דער מענש בעסערט אויס זיין קערפער מיט דעם, וואָס ער בעסערט אויס די געצייג מיט וועלכע ער אַרבייט. אָבער דאָס איז נור איין טהייל פון דער געשיכטע. דער צווייטער, און דער וויכטיגסטער טהייל, איז זיין געזעלשאַפטליכעס צוזאַמענלעבען. מאַנכע פאָליטישע עקאָנאָמען האָבען ליעב אויפצואוואַרפען אַ בילד פון ראָבינזאָן קרוזאָ*), אָבער די געשיכטע ווייס ניט פון ראָבינזאָן קרוזאָ. אפילו ראָבינזאָן קרוזאָ, ווי די פאַנטאַזיע דערצעהלט פון איהם, איז אַ פּראָדוקט פון זיינע פריהערע פערגאַנגענהייט. ער וואָלט פון הונגער געשטאָרבען ווען ער וואָלט ניט געהאַט די ערפאַהרונג פון אַלע פריהעריגע דורות, וואָס ער וואָלט מיטגעבראַכט פון זיין לאַנד. אפילו דער רבונו של עולם האָט שנעל אויסגעפונען „כל לא טוב חיות אדם לבדו“ — עס איז ניט גוט פאַר דעם מענשען צו זיין אַליין. און דער מענש, אפילו דער ווילדסטער, האָט שנעל אויסגעפונען, אַז ער קען אַליין ניט עקזיסטירען, אַז אום צו עקזיסטירען און צו קענען קעמפפען געגען די רויהע נאַטור, מוז ער אַרבייטען צוזאַמען מיט אַנדערע מענשען, אָדער פערטהיילען זיין אַרבייט צווישען די אַנדערע מענשען. אָט אין דעם ליגט דער סוד פון דער גאַנצער ווירטשאַפט־ליכער ענטוויקלונג. „די מענשליכע אַרבייט — זאָגט מילער־לייער אין זיין אינטערעסאַנטען בוך „פאַזען דער קולטור“, — ערהאַלט איהר

*) ראָבינזאָן קרוזאָ איז דער העלד פון דעפאָ'ס בעריהמטע ערצעהלונג אונטער דיעזען נאָמען. דאָרט דערצעהלט זיך ווי אַזוי ראבינזאָן קרוזאָ איז פערוואָרפען געוואָרען אויף אַן אונבעוואָהנטען אינזעל און האָט דאָרטען איינער אַליין אָבגעלעבט 28 יאָהר. קומענדיג אַהין אַ נאַקעטער און אָהן שום פאַרטיגע געצייג און אינסטרומענטען, האָט ער ביסלעכווייז זיך איינ־געאָרדנעט אַזוי, אַז ער האָט געלעבט כמעט ווי אַ קולטורעלער מענש.

אין זיך דער ווילדער מענש. ער מעסט ניט, און פערשטעהט ניט ווי צו מעסטען, די צייט. ער האָט ניט קיין בעגריעף פון ווערטה, און האָט ניט קיין מיטעל אָבצושאַצען ווערטה; ער קען ניט רעכנען, ער האָט זאָגאַר ניט קיין ווערטער פון גרעסערע סומען; ארבייט האָט ביי איהם קיין ווערטה ניט, און ער ארבייט נור דאַן ווען ער איז געצוואונגען פון הונגער. ער פערשטעהט אפילו ניט אָבצושפּאָרען און בעהאַלטען א טהייל פון זיין שפּייז אויף א שלעכטע צייט. ער פרעסט זיך אָן צום פּלאַצען, און פערניכטעט וואָס ער קען ניט מעהר אויפפרעסען אום צו הונגערן ווען ער האָט ניט צום עסען.

.4

נון, שטעלט זיך איצט די פראַגע: ווי אזוי איז דער מענש דערגאַנגען צו די וואונדערבאַרע ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג, וואָס מיר זעהן היינט?

א פאָלשטענדיגען אנטוואָרט אויף דער פראַגע, קען די וויסענשאַפט נאָך דערווייל ניט געבען. ווי שוין געזאָגט, נעהמט מען די מייסטע השערות פון די ווילדע שבטים, וואָס עקזיסטירען נאָך היינט, אָבער מען האָט נאָך דערווייל ניט אויסגעפונען קיין שבט, וואָס שטעהט אויף די גאָר נידעריגסטע שטופע פון ענטוויקלונג. אפילו די ווילדסטע מענשען, וואָס מיר קענען האָבען שוין וועלכע עס איז אָרגאַניזאציאָן. מען האָט נאָך דערווייל ניט אויסגעפונען קיין שבט, וואָס קען זיך ניט בענוצען מיט פייער. פונקט ווי אין דער ביאָלאָגיע פעהלט נאָך דערווייל דער מיטעל־גליעד צווישען די אַפע און דעם מענשען, אזוי פעהלט אין דער סאָציאָלאָגיע דאָס מיטעל־גליעד צווישען דעם חיה־עהנליכען מענשען און דעם ווילדען, וואָס לעבט געוויסער מאַסען אין אן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

פון א פאָלשטענדיגע, גאַנץ גענויע ערקלעהרונג קען אַלזאָ קיין רעדע ניט זיין. אזא גאַנץ פאָלשטענדיג גענויע ערקלעהרונג גיבט עס איבערהויפּט ניט אין דער וויסענשאַפט, און מיר מוזען זיך בענוגענען מיט דעם מאַטעריאַל וואָס מיר האָבען, און פון דעם זוכען ארויסצוגעפינען, אויף וויפיעל מעגליך, דעם גאַנג פון דיעזער ענטוויקלונג. מען טאָר אויך ניט פערגעסען, אַז צו געבען אפילו די קורצעסטע בע־

פון די גרויסע צאָהל בופאַלא הארדעס אין נאָרד אַמעריקאַ איז בע־
קאַנט. די גרעסטע קוואַנטיטעט פון פלייש האָבען זיי געלאָזען צווישען
די בוימער ניט בענוצט, און שפּעטער, אין ווינטער צייט, ווען דורך
דעם טיעפען שנעע איז אונמעגליך צו געהן אויף דער יאַגד, פאַלען
זיי אַ קרבן פון דעם שרעקליכסטען הונגער, ווען די קאָרע פון בוימער
און די וואָרצלען פון גראָז איז ניט געווען צו שלעכט פאַר זיי".

אַפילו צווישען די מעהר פאָרטגעשריטענע שבטים פעהלט ניט
דיעזער כאַראַקטער שטריך. „ווען די דיענער האָבען בעקומען זייערע
פּאָרציעס — דערצעהלט פ. פאַגגע — בין איך זיכער, אז די ערשטע
עטליכע טעג האָבען זיי געלעבט בעסער פון מיר. די בעסטע ציעגען
און געפליעגעל זיינען באַלד געוואָרען פערשלונגען. ווען איך האָב
זיי ארויסגעגעבען פּאָרציעס פאַר צוויי וואָכען, פלעגען זיי עס גע־
וועהנליך פערצעהרען אין אַ צולאָזענעם וועג די ערשטע דריי אָדער
פיער טעג, אום נאָכהער צו גנב'ענען פון אונזער זאַפּאַס, צו בעטלען
פון מיר, אָדער צו הונגערן".

עס איז בעוואוסט ווי די אינדיאַנער אין אַמעריקאַ, און די
אַפריקאַנער, האָבען אָפט געגעבען די אייראָפּעער די טייערסטע פעלען,
ניט זעלטען גאַנצע שטרעקען לאַנד פאַר אַ בלישטשעדיג גלעזעל, פאַר
אַ צאַצקע, אָדער עפּעס אַנאַנדער קלייניגקייט, וואָס איז זיי געפעלען.

פון דעם אַלעם קען מען זעהן, אז דער בעגריעף פון עקאָנאָמיע,
פון ווערטה, שוין ניט צו רעדען פון מעהר־ווערטה, איז ניט זעהר
שטאַרק ענטוויקעלט ביי דעם ווילדען מענשען.

עס איז אמת, אז פון דער אנדער זייט, צייגט דער ווילדער מענש
ארויס אַ גייציגקייט, אַ ווילדען חשק צו אַלעם וואָס ער זעהט, און
איז פערטיג צו טהאָן אַלץ אין דער וועלט צו בעקומען די זאַך, וואָס ער־
וויל. אָבער דאָס איז נור אויף אַ מינוט. פונקט ווי אַ קינד וואָס
וויל אַלץ וואָס עס זעהט, און פערניכטעט עס אזוי שנעל ווי עס האָט
זיך אָנגעזעטיגט דערמיט, פונקט אזוי וויל דער ווילדער אַלץ וואָס ער
זעהט — אויף די מינוט. אָבער דאָס צייגט ניט קיין עקאָנאָמישע
נאַטור. אַן „עקאָנאָמישע נאַטור" זעצט פאָראויס אַן אָבשאַצונג פון
ווערטה, אַן איבערלייגונג, אַן איבערעכנונג, אַן אָבוועגען און אָב־
מעסטען פון צייט און ארבייט, אַ פאָראויסזעהן פון דער צוקונפט.
אָבער קיינע פון די איינגענשאַפטען, און ניט איינס פון די מעלות, האָט

אבער מען דאַרף זיך גאָר ניט ארונטערלאָזען צו די נידריגסטע שיכטע פון דער מענשהייט. ווען מען בעטראַכט אַנדערע ווילדע שבטים, וואָס שטעהען פיעל העכער אויף דעם לייטער פון ענטוויקלונג ווי די, וואָס מיר האָבען נור וואָס ציטירט, געפינט מען אזעלכע זאַכען, וואָס בעווייזען לייכט ווי ווייניג מען קען זיך פערלאָזען אויף דעם מענשענס איינגעבוירענעם גייסט, און אויף זיין „עקאָנאָמישע נאַטור“. „וואָס — האָט א נעגער געזאָגט צו בורטאן — איך זאָל הונגערען, ווען מיין שוועסטער האָט קינדער, וועלכע זי קען פערקויפען?“

דער פרימיטיווער מענש איז ווי א קליין קינד, און ער האָט ניט קיין בעגריף פון שפּאָרזאַמקייט אָדער עקאָנאָמיע. ער ארבייט ווען ער מוז, און ער עסט ווען ער האָט וואָס. ווען ער האָט צו־פיעל, און דאָס טרעפט אמאָל ביי איהם, פרעסט ער צום קראַנק ווערען, און ווען ער האָט ניט וואָס צו עסען, און דאָס טרעפט אָפטער, הונגערט ער, און בענוצט דעם „הונגער גאַרטעל“, אזאַ מין גאַרטעל, וועלכען דער ווילדער בענוצט איינצוציהען דעם בויך, ער זאָל ניט אזוי פיהלען דעם הונגער. „ווען מען בערעכענט — זאָגט ביוכער — ווי שווער עס איז אָפט פאַר דעם ווילדען צו געפינען זיין נאַהרונג; וואָסער גרויסע ראָלע דער הונגער שפּיעלט אָפט ביי איהם, וואָלט מען געקענט מיינען, אז דער הונגער אליין וואָלט בעדאַרפט זיין גענוג איהם צו לערנען צו בעהאַלטען זיין שפּייז, ווען ער האָט צו־פיעל, אויף שפּעטער. אָבער די בעאָבאַכטונג פון פיעלע רייזענדע צייגט פונקט דאָס פערקעהרטע“. וועגען די אינדיאַנער פון נאָרד אמעריקאַ, זאָגט העקעוועלדער, אז „זיי זיינען ניט געוואוינט אָנצוזאַמלען שפּייז, אויסער אביסעל אינדיאַנער קאָרן, געטריקענטע בעבלעך און עטליכע אַנדערע ארטיקלען. דאדורך זיינען זיי אָפט אין גרויס נויט, און ניט זעלטען פעהלט זיי די נויטיגסטע לעבענס־מיטעל, ספּעציעל אין צייט פון מלחמה“. און וועגען די סאַוט־אַמעריקאַנער שבטים בעמערקט אַנאַנדערער: „עס איז געגען זייער נאַטור צו האַלטען לעבענס־מיטעל פאַר לענגער ווי איין טאָג“.

„און ווען דיעזע פעלקער — בעמערקט צו דעם קאַרל ביוכער — צוליעב דעם קורזיכטיגען אַבזיכט פון די אייראָפּעער צו מאַכען פּראָפיט, קריגען אין זייערע הענד מאָדערנע וואפען, מאַכען זיי געוועהנליך אן א שרעקליכען חורבן צווישען די ווילדע חיות. די אויסראָטונג

גוט צוגעפּאַסט צו פערטהיידיגען דעם קאַפּיטאַליזמוס. און קארל ביוכער, וועלכער איז ניט קיין סאָציאַליסט, לייקענט אָב די גאַנצע טהעאָריע, און בעווייזט מיט א גרויסע צאָהל פאַקטען, אז די נאַטור איז ניט איינגעבאָדען ביי דעם מענשען, אז זי איז גיכער אנגעאייגענט.

ווען עס וואָלט געווען אמת, זאָגט ביוכער, אַז דער מענש ווערט געבאָרען מיט אזא עקאָנאָמיישע נאַטור, וואָלט די נאַטור זיך געדאַרפט ארויסצייגען ביי דעם פּרימיטיווען מענשען. און דאָס זעהט זיך גאָר ניט ארויס, ווען מען בעטראַכט דעם אורשפּרינגליכען מענשען, וואו מיר געפינען איהם היינט. און ניט נור ביי דעם ווילדען, אפילו ביי דעם ציוויליזירטען מענשען, זאָגט ביכער, פעהלט ניט קיין סמנים, וואָס בעווייזען, אז דיזע עקאָנאָמיישע נאַטור איז ניט קיין געבאָרענע.

רעדענדיג פון די ווילדע מענשען אין בארנעאָ, שרייבט מר. דאַלטאַן, אז מען האָט זיי געפונען אין א פאָלשטענדיגען ווילדען צו־שטאַנד; ניט זיי קולטיווירען די ערד, און ניט וואָהנען זיי אין וועלכע עס איז הייזער; זיי עסען ניט קיין רייז און קיין זאַלץ; זיי חבר'ן זיך ניט איינער מיט דעם אַנדערען, נור זיי בראָדזשען ארום אין די וועלדער ווי ווילדע חיות; די געשלעכטער בעגעגענען זיך אין די קוס־טעס, אָדער דער מאַן שלעפּט אַוועק די פרוי פון וועלכען עס איז דערפעל (קאמפּאנג). ווען די קינדער זיינען גרויס גענוג אויף זיך אליין אויפצופּאַסען, צושיידען זיי זיך געוועהנליך, ניט דענקענדיג איינס פון דאָס אַנדערע. ביי נאַכט שלאָפען זיי אונטער וועלכען עס איז גרויסען בוים, וועמעס צווייגען הענגען אראָב נידעריג. צו דיזען בוים פעסטעווען זיי צו די קינדער ווי אין א הוידעלקע. ארום דעם בוים מאַכען זיי א פייער, צו פערטרייבען די ווילדע חיות און די שלאַנגען. זיי דעקען זיך צו מיט א קאָרע פון א בוים, און זיי וויקלען איין די קינדער אין א קאָרע.

ווי מען קען זעהן, לעבט זיך דיזע ווילדע ניט ווי אין א גן עדן. און הגם זיי זיינען די ווילדעסטע שבטים, וואָס מען האָט ביז איצט ענטדעקט, שטעהען זיי דאָך ניט אויף די גאַנץ נידריגסטע שטופע פון ענטוויקלונג, ווארום ווי מיר זעהן, קענען זיי שוין דעם געברויך פון פייער, און עס זיינען בלי ספק געווען צייטען, ווען די מענשען האָבען נאָך ניט געוואוסט פון פייער. אז ביי דיזע לייט איז ניט שטארק ענטוויקעלט די „עקאָנאָמיישע נאַטור" קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען.

צו גאַנץ אנדערע מאָטיוען, ווי למשל, די קרייץ־ציגע אין מיטעל אלטער, די בירגער קריעג אין אמעריקא אין די נייערע צייט, אָדער זאָגאַר די רוסישע רעוואָלוציאָן אין די גאַנץ לעצטע צייט.

פון דעם אַלעם געזאָגטען, וועט זיין לייכט איינצוזעהן, אז עס מוז זיין די ווירטשאַפטליכע טהעטיגקייט, וועלכע איז דער גרונד פון דער גאַנצער „מאַטעריעלער קולטור“, אַזוי ווי די „מאַטעריעלע קול־טור“ איז דער פונדאמענט פון אַלע קולטורען.

אָבער דיעזעס ווערט שטאַרק בעקעמפפט. ניט נור די פילאָזאָפען, וועמעס ספעציעלע אויפגאַבע עס איז צו בעווייזען די גרויסקייט פון דעם מענשליכען גייסט, נור אויך די עקאָנאָמיסטען, די וואָס בעשעפ־טיגען זיך מיט ריינער מאַטעריע, מיט דער ווירטשאַפט, אויך די פער־שטעלען זיך מיט דעם גייסט.

ווי אזוי ענטוויקעלט זיך די ווירטשאַפט? וועלכעס איז דער כח, וואָס טרייבט איהר צו פערענדערונג? די מייסטע עקאָנאָמיסטען ענטפערען: דער גייסט! גראַדע ווי ביי דער גאַנצער קולטור ווערט בעהויפטעט, אז עס איז דער מענשליכער גייסט, וואָס האָט אויפגע־טהאָן אַלע וואונדער, גראַדע אזוי, ווען עס קומט צו דער ווירטשאַפט ווערט בעהויפטעט, „אַז דער מענש איז בעשאָנקען מיט א ספעציעלע „עקאָנאָמיישע נאַטור“, א מתנה וועלכע איז צו קיין אנדערע בעשעפ־פענים ניט געגעבען געוואָרען. פון דיעזע „עקאָנאָמישע נאַטור“, זאָגט מען, שפרינגט ארויס א פרינציפ, וואָס קאָנטראָלירט אַלע מענשליכע האַנדלונגען, וואָס זיינען בערעכענט צו בעפרידיגען זיינע בעדערפניסע“. און דיעזע „נאַטור“ איז אזעלכע, וואָס טרייבט איהם צו בעפרידיגען וואָס מעהר פון זיינע בעדערפניסע מיט וואָס וועניגער אָפפער, אָדער אנשטרענגונג פון זיין זייט. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז ביי דעם מענשען דאָ אן איינגעבאָרענע נאַטור צו זיין „עקאָ־נאָמיש“, צו ווע‌לען נעהמען וואָס מעהר, און געבען וואָס וועניגער. די עקאָנאָמיישע נאַטור זיינע האָט איהם געטריעבען ביסלעכוויים איינצוריכטען אָט דיעזע גאַנצע וואונדערליכע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס מיר קענען היינט צו טאָג.

מיט אַזאַ השערה הויבען זיך אָן אַלע וויסענשאַפטליכע אונטער־זוכונגען וועגען אינדוסטריע, זאָגט קאַרל ביוכער אין זיין בעריהמטען בוך „ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג“,—אַ טעאָריע, אגב אורחא, זעהר

פון מעהר ווי איין מענשען. און פונקט ווי דער יחיד קען ניט לעבען אָהן א בעשטענדיגען צופיהר פון נייע שטאָפען, אזוי קען א רבים, א שבט, א פאָלק אָדער א געזעלשאַפט ניט לעבען אָהן א בעשטענדיגעם בענייערען. עס מוז זיך אימער ניי בעלעבען, עס מוז האָבען א בעשטענדיגען צואוואַקס פון נייע שטאָפען. אַלע איינריכטונגען, וועמעס צוועק עס איז דאָס רעגולירען פון געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, דאָס פאָרטפלאַנצען און דאָס ערציהען פון די קומענדע דורות, ווי די חתונות, די פאָרמען פון דער פאַמיליע א. ז. וו. זיינען א טהייל פון די ווירטשאַפטליכע טהעטיגקייט. די ליעבע, פון וועלכע די פאָעטען זינגען, איז זעהר וועניג בעקאַנט דעם אורשפּרינגליכען מענשען, גראַדע ווי, צו זאָגען דעם אמת, זי איז ניט פיעל בעקאַנט דעם ציוויליזירטען מענשען, און האָט מיט די פאָרמען פון צוזאַמענלעבען גאָר ניט צו טהאָן; זאָגאַר דער געשלעכטליכער טריעב האָט ניט פיעל צו טהאָן מיט די פאָרמען פון חתונות און פאַמיליען לעבען. עס איז אימער די פאָרמע פון דער ווירטשאַפט, וואָס בעשטימט די פאָרמען פון דער פאַמיליע, ווי דער שוין דערמאָהנטער ערנסט גראָסע, זוכט צו בעווייזען אין זיין בוך „די פאָרמען פון פאַמיליען און די פאָרמען פון ווירטשאַפט“.

ווירטשאַפטליכע טהעטיגקייט הויבט זיך אָן דאָרט, וואו דער מענש נעהמט אָרגאַניזירען זיין אַרבייט, דורך פערטהיילונג, ווען ער נעהמט זאָרגען, אַז זיין אַרבייט זאָל טראָגען וואָס מעהר פרוכט, די פרוכט פון זיין ארבייט זאָל פערצערט ווערען מיט א חשבון, צו זאָרגען אין די גוטע צייטען פאַר די שלעכטע. מיט איין וואָרט: ווירטשאַפט הייסט, ניט נור דאָס בעשאַפען פון שפּייז, נור הויפּטזעכליך דאָס אָרגאַניזירען פון די טהעטיגקייט צו בעשאַפען און פערטהיילען די שפּייז און אַלעס דאָס, וואָס בעלאַנגט צו די ערהאַלטונג און בעשיצונג פון דעם קערפּער. דאָס זעלבע איז אמת ביי א יחיד, ווי ביי א כלל, מיט דעם אונטערשיעד, וואָס ביי א יחיד איז די ווירטשאַפט איינפאַך, פון האַנד צום מויל, זאָ צו זאָגען, און יעדער קען עס גלייך דערקענען, ווערהענד ביי א כלל, איז עס מעהר פערוויקעלט, מעהר קאָמפּליצירט, און ווערט וואָס א מאָל מעהרער פערוויקעלט, וואָס גרעסער עס איז דער פאָרטשריט, אזוי, אז זעהר אָפט קען מען ניט ארויסזעהען דעם ווירטשאַפטליכען כאַראַקטער פון א בעוועגונג, און מען שרייבט איהר

דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען. און דאָ ווידער איז דאָס גאַנצע גע־זעלשאַפטליכע לעבען, פערטהיילט געוואָרען אויף דריי פעריאָדען: די יאַגד, די פיה־צוכט און די ערד־ארבייט. און עס ווערט בעוויזען, אַז די אַרט פון צוזאַמענלעבען האָט זיך געענדערט לויט די ענדערונ־גען פון די געצייג. נאָך מעהר: מען זוכט צו בעווייזען, ווי ערנסט גראָסע טהוט, אַז די פערשיעדענע פאָרמען פון פאַמיליען־לעבען זיי־נען אָבהענגיג פון ווירטשאַפט־לעבען און ענדערען זיך מיט די פאָרמען פון דער אינדוסטריע. דאָס זעלבע ווערט געטהאָן מיט די קונסט, געזעצגעבונג, מאָראַל בעגריפע, רעכט, רעליגיעזע מנהגים א. ז. וו.

.3

נאָך דעם אַלעם געזאָגטען קענען מיר צוקומען צו אונזער איי־גענטליכע טהעמא, צו די ענטוויקלונג פון ווירטשאַפט. וואָס איז אזוינס ווירטשאַפט?

אויף פראָסט אידיש, קען מען דאָס וואָרט פערטייטשען: באַלע־באַטישקייט, און עס בעציהט זיך קודם כל אויף די נאַהרונג. די ערשטע, די נויטווענדיגסטע בעדינגונג פאַר דעם לעבען, איז די שפּייז. אהן נאַהרונג איז דאָס לעבען אונמעגליך, און אונדענקליך. יעדער מענשליכער קערפער, מוז זיך כסדר בענייערען, און בעלעבען דורך דעם שטענדיגען צופיהר פון נייע שטאָפען, פון די נויטיגע שפּייז. ער מוז ווייטער זיך שיצען פון וועטער, ווי רעגען, קעלט, שנעע און היץ. ער מוז זיך שיצען פון אן איבערפאַל. צו דעם איז נויטיג בעהויצונג, בעקליידונג, וואַפען און ווערקצייג. די טהעטיגקייט צו בעשאַפען אַט די אַלע זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פאַר די נאַהרונג און שוין, קען אָנגערופען ווערען: ווירטשאַפט. אָבער דאָס דעקט ניט דעם בעגריף. דאָס נעהרען זיך, דאָס קריגען די נאַהרונג אין זיך אליין גענומען איז נאָך ניט קיין ווירטשאַפט. עס איז ניבער די פערוואַלטונג, דאָס באַלעבאַטעווען מיט די זאַכען וואָס ווערט אָנגע־רופען ווירטשאַפט. מיר האָבען שוין בעמערקט, אַז דער מענש קען זעהר שווער אליין פערטיג ברענגען אַלע די זאַכען, וואָס ער האָט נויטיג צום לעבען. ער מוז דאַצו האָבען די הילפע פון אַנדערע. דאָס בעשאַפען פון די נאַהרונג שליסט דאַדורך אין זיך איין די ארבייט

קברים, מצבות און ז. וו.", און די אַלע זאַכען גיבען אונז די מעג־ליכקייט זיך צו מאַכען אַ דייטליכען בעגריעף פון דעם ווי אַזוי די מענשען האָבען געלעבט, און וואָסער פּראָצעס פון ענטוויקלונג זיי האָבען דורכגעמאַכט.

געהענדיג אַ טריט ווייטער מיט דערזעלבער דאַרווינישע מעטאָדע, האָט מען אויף דער ערד ענטדעקט געזעלשאַפטליכע שיכטען און סאָציאַלע פאַססילען. דורך די בעשרייבונג פון פערשיעדענע ראַ־זענדע און פאָרשער, האָט מען זיך דערוואוסט פון אַ גאַנצע רייהע פון פעלקערשאַפטען, אָדער שבטים, וואָס געפינען זיך אין פערשיע־דענע וועלט־טהיילען, ווי אַפריקאַ, אויסטראַליען און אַמעריקאַ, וועל־כע שטעהן אויף פערשיעדענע שטופען פון ענטוויקלונג; מאַנכע פון זיי זיינען נאָך גאַנץ ווילד, ווי די בושמענער אין סאוטה אפריקא, די באַטואַס אין די קאָנגאָ באַזין; די וועדהאַס אין ציילאָן; די מינקאָפּיאַס אין די אַנדאַמאַן אינזלען; די נעגריטאָס אין די פּילי־פּינען און ז. וו. און שטודירענדיג די אַרט פון צוזאַמענלעבען פון דיעזע שבטים: ווי אַזוי זיי ערנעהרען זיך, זייער פאַמיליענלעבען, זייערע גלויבענס, מנהגים, בעגריפע פון רעכט און מאָראַל און ז. וו. קען מען זיך מאַכען אַ בעגריעף ווי אַזוי די גאַנצע מענשהייט האָט זיך ענטוויקעלט.

צו שטודירען די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, האָבען מיר אַלזאָ צוויי וועגען. איינע איז די פאָר־היסטאָרישע אַרכעאָלאָגיע, און די בענוצט זיך מיט די שיכטען און פאַססילען אין דער ערד; די צווייטע איז די עטנאָלאָגיע, די פעלקער־קונטשאַפט, וועלכע שטודירט די שיכטען און פאַססילען אויף דער ערד.

מיט דער ערשטער מעטהאָדע געפינט מען אויס ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען די ענטוויקלונג פון ווערקצייג. און די גאַנצע קולטור־געשיכטע איז לויט דיעזען פערטהיילט געוואָרען אין דריי פּעריאָדען: די שטיין צייט, די קופּער און בראָנז צייט, און די אייזען צייט. דאָס הייסט, די צייט, ווען די מענשען האָבען זיך בענוצט מיט שטיינערנע געצייג, מיט בראָנז און קופּער געצייג, און אייזערנע ווערקצייג.

די צווייטע מעטאָדע, די מעטאָדע פון פעלקער קונטשאַפט, ווערט בענוצט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערשטער, צו שטודירען

שטיינער, ד. ה. שטיינער, וואָס זיינען זיך אָבגעשטאַנען פון דעם וואסער.

דיעזע לעצטע, בילדען אַ גרויסע צאָל „פאכען", אָדער שיכטען, וואָס ליעגען איינס אויפ'ם אנדערע. נאַטירליך, וואָס טיעפער אַ שיכטע ליעגט אַלין עלטער איז זי.

אין דיעזע שיכטען, געפינט מען פערשיעדענע איבערבלייבענ׳ן פון אלע מינים, וואָס דערציילען אונז מיט אַ קלאָרער שפּראך ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען די ענטוויקלונג פון אלע מינים, און אויף די מענשען. די„איבערבלייבענ׳ן" ווערען אָנגערופען פאססילען, און דיעזע פאססילען, ווי מילער לייער דריקט זיך שעהן אויס, זיינען די בוכשטאַבען פון דיעזער זעלטענער שפּראך. מיט די הילפע פון די שיכטען און פאססילען, האָט די דאַרוויניסטע לעהרע נאָכגעוויזען די ענטשטעהונג פון די מינים. און דיזע מעטאָדע איז באַלד אָנגעווענדעט געוואָרען אויף אין דער סאָציאָלאָגיע. עס איז באַלד ענטדעקט געוואָרען, אז אין די טיעפע שיכטען פון דער ערד געפינט מען ניט נור די איבערבלייבענס, די פאססילען און די פערשיעדענע חיות, וואָס האָבען א מאָל עקזיסטירט, מען געפינט אויף „די שפּורען, וואָס די מענשען האָבען דאָרט געלאָזען: וואַפען, ווערקצייג, גערעט, ציערונג און אַלע האַנד געברויכס־געגענשטענדע, אויך נאַהרונגס־מיטעל,



פיגור 36. שטיינערנע העק פון די פּרהיסטאָרישע צייטען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד.

דורך דעם „קאַמפּף אומ'ס דאזיין“, ווי דארווין האָט עס פעסטגע־שטעלט אין דער ביאָלאָגיע, האָט קארל מארקס זעלבסטשטענדיג, אין דערזעלבער צייט מיט דארווין, פעסטגעשטעלט פאר די גע־זעלשאַפטליכע ענטוויקלונג. וואָס דער „קאַמפּף אומ'ס דאזיין“ האָט, לויט דארווין, געטאָן פאַר די ענטוויקלונג פון די מינים, האָט דער קלאַסען־קאַמפּף, לויט קארל מארקס, גע־טאָן פאַר דער ענטוויקלונג פון געזעלשאַפט. נאָך מעהר: דער נייער פּרינציפּ פון געגענזייטיגע הילפע, וואָס קראפּאָטקין האָט נאָכ־געוויזען, און מיט דעם אויסגעבעסערט דעם דארוויניזמוס, דיזער פּרינציפּ איז שוין איינגעשלאָסען אין דעם בעגריעף פון „קלאַסען־קאַמפּף“. ווארום וואָס איז דער קלאַסען־קאַמפּף, אויב ניט געגענזיי־טיגע הילפע פון א גאַנצען קלאַס? א גאַנצער קלאַס נעהמט זיך צו־זאַמען, העלפט איינער דעם אַנדערען אינערהאַלב דעם קלאַס, און קעמפּפט צוזאַמען, און סאָלידאריש, מיט אַנאַנדער קלאַס, וואָס טהוט דאָס זעלבע אינערהאַלב זיין אייגענעם קלאַס. אָבער דיזע טהעאָריע פון מארקס, איז ניט געווען פאָלשטענדיג אויסגעארבייט און בעוויזען פון איהם, מיט אַלע איינצעלהייטען. עס איז געווען מעהר א גייסטרייכע בעהויפּטונג, איידער א טהעאָריע, וועהרענד דארווין האָט אויף זיין געביט אנגעזאַמעלט אַן אוצר פון אונווידער־לייגליכע פאַקטען, און האָט מיט דעם פעסטגעזעצט דאָס געזעץ פון ענטוויקלונג, ניט נור פאר דער ביאָלאָגיע, נור אויך פאר אַלע אַנ־דערע וויסענשאַפטען, צווישען זיי אויך די סאָציאָלאָגיע. די אידעע פון ענטוויקלונג איז געוואָרען דער גרונדשטיין פון אַלע וויסענשאַפ־טען, ניין, פון אַלעם מענשליכען דענקען. נאָך מעהר: ער האָט געוויזען דעם וועג אויף וועלכען די סאָציאָלאָגיע מוז וואַנדערען. זיין מעטאָדע האָט ענטפּלעקט א פרוכטבארעס פעלד פאַר די סאָציאַלע וויסענשאַפטען, א פעלד פון וועלכען מען האָט פריהער נור גע־חלומ'ט, אָבער ניט געוואוסט.

פון די פריהעריגע פאָרלעזונגען, ווייסט איהר געוויס די בעדיי־טונג פון שיכטען און פאַססילען.

איהר האָט געוויס געהערט, אז די ערד בעשטעהט פון צוויי סאָרטען שטיינער, פון ערופּטיווע שטיינער, ד. ה. שטיינער וואָס האָבען זיך געפאָרמעוועט פון פייער־פליסיגע מאַסען, און סעדימענטאר

וואָס פֿעראורזאכט און טרייבט צו דיעזע פערבעסערונגען און פער־ענדערונגען, ביז איין טאָג איז איהם דורך אַ צופאל געקומען אין דער האַנד דאָס בוך פון מאלטוס „איבער בעפעלקערונג“, וועלכעס ער האָט גענומען לעזען, ווי ער דערצעהלט, צום צייט פערטרייב. אין דיעזען בוך זוכט מאלטוס צו בעווייזען, אַז די מענשהייט פער־מעהרט זיך פיעל שנעלער ווי די לעבענס־מיטעל, דאָס וועהרענד די לעבענס־מיטעל פערמעהרען זיך לויט אן אריפמעטישע פראגרעסיע, פערמעהרט זיך די מענשהייט לויט אַ געאָמעטריישע פראָגרעסיע.*)

דיעזע טהעאָריע, וועלכע ווערט, אגב אורחא, זעהר פיעל בע־שטריטען, און פון פיעלע אבגעלייקענט, איז געוועזן דער פונק, וואָס האָט אַ בלישטשע געטאָן פאר דארווין׳ס גייסטיגע אויג. מיט איין מאָל האָט ער געפונען דעם שליסעל צו זיין ענטוויקלונגס טהעאָריע. דאָס איז געוועזן, דער „קאמפף אומ׳ס דאזיין“.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז אלפרעד ראָססעל וואָלאַס, וועלכער האָט ענטדעקט דיזעלבע טהעאָריע פון ענטוויקלונג, זעלבסטשטענדיג, ניט וויסענדיג פון דארווין׳ס ענטדעקונג, האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם זעלבען פונקט, און האָט איהם געפונען אויף דעם זעלבען אופן ווי דאַרווין, לעזענדיג מאלטוס׳ בוך „איבער בעפעלקערונג“, וואָס איז איהם צופעליג געקומען אין דער האַנד אַריין.

דיעזע קליינע “הלואה“, וואָס דארווין האָט גענומען ביי דעם עקאָנאָם מאלטוס, האָט ער בעצאהלט מיט גרויסען פראָצענט. זיין טהעאָריע איז באַלד געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער ביאָ־לאָגיע. עס איז אמת, אַז דיזעלבע טהעאָריע פון ענטוויקלונג

---

*) ווען אַ צאהל ווערט גע׳כפל׳ט אויף אַ געוויסען נומער, און די סומע וואָס קומט ארויס פון דיעזען כפל ווערט ווידער גע׳כפל׳ט אויף דעם זעלבען נומער און ז. וו. אַזאַ סאָרט בעשטענדיגעס כפל׳ען ווערט אָנגערופען אַ געאָמעטרישע פראָגרעסיע. למשל. 1 גע׳כפל׳ט אויף 3 מאַכט 3; 3×1=3. דיעזער 3 ווידער גע׳כפל׳ט אויף 3 מאַכט 9 ; 3×3=9. דער 9 גע׳־כפל׳ט אויף 3 מאַכט 27 ; 9×3=27. דער 27 גע׳כפל׳ט אויף 3 מאַכט 81 און אַזוי ווייטער. אן אריפמעטישע פראָגרעסיע הייסט אַ נומער וואָס פראָגרעסירט נור מיט 1, 2, 3, 4, 5, 6, א. ז. וו.

דעם גרויסען כלל, אז עס איז די „מלחמת החיים“, וואָס שפּיעלט די גרעסטע ראָלע אין די ענטוויקלונג פון די מינים, האָט דארווין געבאָרגט פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

די ענטוויקלונגס לעהרע, די לעהרע וואָס האָט איבערגעקעהרט דאָס גאנצע מענשליכע דענקען, איז ארויסגעזאָגט געוואָרען נאָך פאר דארווינען. אָבער פאר א לאנגע צייט איז דאָס נור געווען א מין פאנטאזיע ביי איינינע, וועלכע זיינען פון די וויסענשאַפטס־מענער פון זייער צייט בעטראכט געוואָרען אלס בעלי חלומות און משוגעים. ביז עס איז געקומען לייעלל דער גרויסער געאָלאָג, און האָט צום ערשטען מאָל בעוויזען מיט ראיות ברורות, און פעסטגעשטעלט, אז די ערד־שיכטען זיינען ניט ארויסגעקומען דורך צוזאַמענשטויסע אין דער נאַטור, נור אז זיי האָבען זיך ענטוויקעלט איז אַ משך פון מיליאָנען יאָהרען. ער האָט נאָך געוויזען, אז דער זעלבער פּראָצעס פון ענטוויקלונג געהט נאָך אָן היינט צו טאָג. „אין איינצעלנע שטעלען הייבט זיך לאנגזאם דאָס לאנד ארויס פון דעם ים, ווי למשל, ביי די ברעגען פון שוועדען און פון שפּיטצבערגען, וועהרענד אנדערע לענדער, ווי למשל, גרענלאנד, האַלט אין איין זינקען“. ער האָט אַזוי אַרום אבגעלייקענט די זאָגענאַנטע קאַטאַסטראָפען טהעאָריע*). נאָך איהם, אָדער צוזאַמען מיט איהם, איז געקומען זיין פריינד און תלמיד טשאַרלז דאַרווין, און האָט נאָכגעוויזען, אז אויך די פלאַנצען און אלע לעבעדיגע מינים האָבען דורכגעמאַכט אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון ענטוויקלונג. אָבער דאַרווינ׳ס אויפגאַבע אין דער ביאָלאָגיע איז געווען אַ פיעל שווערערע ווי לייעללס אין דער געאָלאָגיע. פאַר אַ לאַנגע צייט האָט זיין טהעאָריע וועגען די ענטשטעהונג פון די מינים ניט געקענט פערטיג ווערען. איהר האָט געפעהלט דער סאמער פונדאמענט. דארווין, נאָך פיעל יאָהריגעם שטודירען, איז געווען איבערצייגט, אז די מינים זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען אַלע מיט איינמאָל, מיט דעם דיבור, ווי עס שטעהט אין דער תורה; ער האָט ניט געצווייפעלט, אַז זיי האָבען זיך ענטוויקעלט אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען, זעהר לאנגזאם, דורך קליינע פערבעסערונגען און פערענדערונגען, אָבער ער האָט ניט געקענט געפינען דעם כוח,

*) זעה וועגען דעם די צווייטע און דריטע פאָרלעזונגען.

געגעבען די מעגליכקייט פאר די קולטור וואָס מיר האָבען היינט. דער פונקט אום וועלכען עס האַנדעלט זיך איז דיעזער: איינציגע ווילען האָבען, אַז עס איז געווען דער מענשליכער גייסט, וואָס איז געווען דער הויפּט פאקטאָר אין דיעזער ענטוויקלונג, וועהרענד די אַנדערע בעהויפּטען, אַז עס איז ניט געווען דער גייסט, וואָס האָט זיך, אַזוי צו זאָגען אַוועקגעזעצט און אויסגעקלערט די אַלע שעהנע און גוטע זאַכען. דער מענש אין זיין לאַנגער געשיכטע, בעהויפּטען דיעזע, האָט קיינמאָל ניט געקלערט וועגען די גוטע און שעהנע זאַכען, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשטעלט קיין קולטורעלע אויפגאַבען. זיין וויכטיגע אויפגאַבע, צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע חיות, איז געווען ווי זיך צו ערנעהרען און צו בעשיצען, און זוכענדיג זיך צו ערנעהרען און צו בעשיצען, האָט ער ביסלעכווייז, זעהר לאַנגזאם, אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען, און מיט זיינע נאַטירליכע פעהיגקייטען צום דענקען, צום רעדען און צו געברויכען די האַנד, האָט ער ענטוויקעלט אַלע די גוטע און שעהנע זאַכען, און צוזאַמען מיט זיי אויך זיינע אייגענע פעהיגקייטען, ד. ה. זיין אייגענעם גייסט, שפּראַך און ז. וו. דיזעלבע נויטווענדיגקייט, וואָס האָט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון די מאַטעריעלע זאַכען, וואָס האָט געפיהרט צו דער ענטוויקלונג פון דעם מענשליכען גייסט גופא, און אלע די זאַכען, וואָס שיינען צו זיין די ארבייט פון דעם גייסט.

.2

דער סתם מקשן קען דאָ פרעגען: פון וואַנען ווייסען מיר ווי אזוי די ענטוויקלונג איז צוגעגאַנגען? אויף דעם קען מען ענטפערען: אויף גאַנץ זיכער וויים מען טאַקע ניט, עס זיינען אָבער דאָ געוויסע וויסענשאַפטליכע בעווייזע, וועלכע פיהרען צו דעם שלום, אז נור אויף אַזאַ אופן האָט עס געמוזט צוגעהן.

עס איז ניט דאָ מיין אויפגאַבע צו ערקלערען די דאַרווינישע טהעאָריע אין אַלע איהרע איינצעלהייטען. דאָס וואָלט אונז פערפיהרט צו ווייט. אום אָבער צו ענטפערען דעם סתם מקשן, צו פערשטאַרקערען דאָס אויבענגעזאָגטע, און אויך צוליעב דעם, וואָס עס איז נאָך דאָ צו זאָגען וועגען דעם ענין, וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען עטליכע איינצעלהייטען.

גייסט זיינעם, וואָלט ער געקומען ניט ווייטער פון דער חיה. אָט
איז, למשל, די שפּראַך. מען קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין וויכ־
טיגערעס, קיין קרעפטיגערעס מיטעל אין דער אויפהאַלטונג און
פערשפּרייטונג פון קולטור ווי די שפּראַכע. די איבריגע מינים, ניט
בעזיצענדיג די פעהיגקייט אויסצוטוישען זייערע געדאַנקען דורך
שפּראַכע, האָבען ניט די מעגליכקייט מיטצוטהיילען זייערע ערפאַה־
רונגען צו זייער נאַכקאָמענשאַפט, און יעדער נייער דור פון חיות מוז
יעדעס מאָל אָנהייבען פון דאָס ניי, און אליין מאַכען אלע ערפאַה־
רונגען. זיי קומען דאדורך קיינמאָל ניט ווייטער, וועהרענד דער
מענש, צוליעב זיין פעהיגקייט צו רעדען, קען איבערגעבען זיינע
ערפאַהרונג צו דעם נייעם דור, און דער נייער דור, בענוצענדיג
זיך מיט די איבערגענומענע ערפאַהרונג, הייבט אָן די ארבייט
דאָרט וואו דער אַלטער דור האָט אויפגעהערט, און אזוי פון דור צו
דור, אנזאַמלענדיג און צונויפקלייבענדיג אלע דיעזע ערפאַהרונגען,
וועלכע שטעלען צוזאמען וואָס מיר רופען קולטור. דאָס איז אַ
שטאַרקער ארגומענט, און, מען קען ניט לייקענען, אין דעם שטעקט
א סך אמת. מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אז די שפּראַכע אַליין,
אָבגעזעהען פון די פעהיגקייט איהר צו בענוצען, וועלכע איז
אן אייגענשאַפט נור פון דעם מענשען, און א פיזישע אייגענשאַפט,
אגב אורחא, — אַז די שפּראַכע אַליין, ווי די פאָרשער בעהויפּטען,
איז ניט מעהר ווי אן אונבעוואוסטע טהעטיגקייט פון דעם מענשען
אין זיין קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ, און איז דאדורך ניט מעהר ווי אַ
רעזולטאַט פון דיזעלבע אורזאכען ווי די איבריגע קולטור. געוויס
בעזיצט דער מענש פעהיגקייטען, וועלכע קיינע פון די איבריגע
מינים האָבען ניט, אַנדערש וואָלט ער קיינמאָל ניט ערדייכט דיעזע
שטופע פון ענטוויקלונג. די האַנד, דאָס „געצייג פון אלע געצייג“,
איז אויך א ספּעציעלע פעהיגקייט פון דעם מענשען, און די האַנד
איז נאָך א פיעל וויכטיגערער אינסטרומענט אין דער קולטור, ווארום
וועז די שפּראַך האָט געהאָלפען דערהאַלטען און פערשפּרייטען די
קולטור, איז די האַנד געוועזן אַ בעשעפער. דאָס קען קיינער ניט
אבלייקענען. קיינער לייקענט אויך ניט, אז דער מענש שטעהט
גייסטיג פיעל העכער ווי אלע איבריגע מינים, און אז עס זיינען
דיעזע מענשליכע פעהיגקייטען אַלע צוזאמענגענומען, וואָס האָבען

דערפניסע. ער טהוט אָבער נאָך מעהר : ער בעשאַפט און פער־מעהרט די בעדערפניסע. און ווען זיינע אומגעבונג איז אזעלכע, וואָס ערלויבט איהם ניט צו בעפרידיגען אַלע זיינע בעדערפניסע, שטעלט ער זיך אין פערבינדונג מיט אַנדערע מענשען, וואָס זיינען ווייט אַוועק פון איהם, געפינען זיך אין אַן אַנדער אומגעבונג, און וועלכע האָבען דיעזעלבע אַרטיקלען וואָס פעהלען איהם אויס, און ווען עס פעהלט די אַרטיקלען, וואָס ער האָט לרוב. פון דעם ענטשטעהט דער אויסטויש, דער האַנדעל, די פערטהיילונג און פער־בינדונג פון ארבייט, און שליעסליך די אינדוסטריע, ווי מיר קענען איהר היינט.

לעבען אין האָרדעס, אין קלאַנס, אין פאַמיליעס אָדער אין א געזעלשאַפט ; אויסטוישען די בעדאַרפס־מיטלען ; דאָס פערטהיילען און פערבינדען די ארבייט — דאָס אַלעס קען ניט געמאַכט ווערען אָהן בעשטימטע כללים, רעגעלען, אָדער געזעצע, און ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, ארבייט זיך אויס א סיסטעמע פון מנהגים, זיטען און געזעצגעבונג.

צו מאַטעריעלע קולטור בעלאַנגען, אלזאָ, ניט נור די מיטלען פון קאַמפּף און שוץ, ווי ווערקצייג, וואַפען, בעקליידונג און בע־הויזונג, נור אויך די פריעדענסמיטעל, ווי נעגענזייטיגע הילפע, ווי דאָס אָרגאַניזירען זיך אין האָרדעס, קלאַנס, פאַמיליעס און געזעל־שאַפט ; די פערטהיילונג און פערבינדונג פון ארבייט ; דער אויסטויש, די געזעצגעבונג, און די מאָראַלע בעציהונג. מען קען נאָך געהן א טריט ווייטער, און בעהויפּטען, אז די גאַנצע קולטור איז ניט מעהר ווי א רעזולטאַט פון דער מאַטעריעלער קולטור. אָבער גראדע דאָס איז דער פונקט, וועלכער ווערט פיעל בעשטריטען. מאַנ־כע ווילען האָבען, אז גראַד אָט דער פאַקט, וואָס די מינים אין זייער קאַמפּף האָבען קיין קולטור ניט בעשאַפען, און די מענשען יא, גראדע דער פאקט בעווייזט, אַז דער עיקר איז דער מענשליכער גייסט, דער גייסט, וועלכער שטעלט דעם מענשען איבער דער חיה, וועמען מיר האָבען צו פערדאַנקען די גאַנצע פּרעכטיגע קולטור, וואָס מיר האָבען. עס איז אמת, זאָגען דיעזע, אַז די ערשטע און וויכטיגסטע בעדינגונג פון דעם מענשען, ווי פון די חיה, איז די דערהאַלטונג פון קערפּער, אָבער וואָלט דער מענש ניט בעזעסען דעם גרויסען

און וואפע זיינען ניט די איינציגע מיטעל מיט וואָס ער בענוצט זיך. אפילו ביי די חיות, ווי קראפּאָטקין האָט נאכגעוויזען, איז צו דעם קאמפף צוגעקומען נאָך א מיטעל : די געגענזייטיגע הילפע. און דיעזעם האָט ביי די מענשען געמוזט זיין אין א פיעל גרעסערע מאָס. דער מענש איז ניט נור א חיה וואָס מאכט געצייג, ער איז אויך א חיה וואָס האָט ליעב געזעלשאפט. ער וואָלט קיינמאָל ניט ענטוויקעלט קיין שפראך, ווען ער וואָלט פון אנפאנגס אָן ניט געווען קיין געזעלשאפטליכע און געזעליגע חיה. דער מענש אַלס חיה, איז צו שוואך פעראיינצעלט צו קעמפפען געגען די רויהע נאַטור און די ווילדע חיות, וואָס האָבען איהם ארומגערינגעלט.

דער מענש אונטערשיידעט זיך פון דער חיה מיט נאָך איין וויכטיגע זאך : וועהרענד די חיה נעמט די שטאָפען פון דער נאַטור, און פערצעהרט זיי ווי זי געפינט זיי, רויהערהייט, בעאַרבייט דער מענש די נאַטור. ער פּראָדוצירט די זאכען פאר זיינע בעדערפניסע ; ער פערפערטיגט און פערענדערט זיי לויט זיין געשמאַק. מיט איין וואָרט : ער פּראָדוצירט, רעפּראָדוצירט און פערענדערט די נאַטור ; און „ענדערענדיג די נאַטור, ענדערט דער מענש זיין אייגענע נאַטור“, זאָגט מארקס, און מיר קענען צוליינען : ער פערענדערט זיין נאַטור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל ער ענדערט די נאַטור.

דיעזער מענש, וואָס מאַכט געצייג, וואָס איז געזעליג, וואָס פערענדערט די נאַטור, האָט גאַנץ שנעל געמוזט אויסגעפינען, אז איינער אליין איז ער מאַכטלאָז צו פערענדערען די נאַטור. מיט דעם שטעקען האָט ער איינער אליין געקענט אראָבהאַקען א פרוכט פון א בוים, ער האָט אָבער בעדאַרפט דעם בוים גופא, און דעם בוים אומלייגען האָט ער אליין ניט געקענט ; מיט דעם שטיין האָט ער אפשר געקענט פערוואונדען און אוועקלייגען א חיה, די חיה אין גאַנצען בעענדיגען, אַוועקשלעפען און אָבשינדען, האָט ער אליין ניט געקענט. ער האָט געמוזט האָבען הילפע פון זיינע מיטמענשען. און גלייך פון דעם אנפאנגס אָן, וואו מיר געפינען נור מענשען, געפינט מען זיי אָרגאַניזירט. פריהער אין גאַנץ קליינע האָרדעס, דאן אין קלאַנס, דאן אין פאַמיליעס, און גאָר צולעצט אין א קאָמפּליצירטער געזעלשאפט.

דער מענש ענדערט און בעאַרבייט די נאַטור לויט זיינע בע־

מענשען האָט געמאַכט זיין האַנד אויף אַזוי פיעל לענגער, אַז ער האָט געקענט דערגרייכען אַ פרוכט אויף אַ בוים ; אַ שטיין אין זיין האַנד, האָט איהם געהאָלפען דערגרייכען אַ חיה, וואָס איז געווען ווייט אַוועק פון איהם, וואָס האָט געקענט פיעל שנעלער לויפען, און וואָס איז אין אַלגעמיין געווען פיעל קרעפטיגער פון איהם. דער שטעקען צוזאַמען מיט דעם שטיין, האָבען געמאַכט דעם האַמער. און דיעזער שטעקען מיט דעם שטיין איז ניט נור גע־ ווען דעם מענשענס ערשטע געצייג, עס איז אויך געווען זיין וואַפע. געצייג און וואַפע זיינען ביי דעם אורשפּרינגליכען מענשען איינס און דאָס זעלבע. ער מוז זיי ביידע האָבען פאַר זיין עקזיסטענץ, און פאַר זיין שוץ. ער בענוצט זיין געצייג אַלס וואַפע, און זיין וואַפע אַלס געצייג. מיר, וועלכע לעבען אין אַ צייט פון דאַמפף און עלעקטריציטעט, פון טעלעגראַפען, טעלעפאָנען און לופט שיפען ; אין א צייט ווען מען רעדט ערענסט פון בעשאַפען לעבענסמיטעל פון דער לופט ; מיר, היינט, קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען פון וואָסער בעדייטונג דיעזער שטעקען מיט דעם שטיין זיינען געווען. אין אמת'ן איז דאָס אָבער געווען דער אנפאַנג פון די קולטור, וועלכע מיר בעזיצען היינט, און וואָס מעהר, זיי האָבען געהאַט דעם זעל־ בען צוועק. דער שטעקען האָט קינסטליך לענגער געמאַכט די מענש־ ליכע האַנד, דאָס זעלבע האָט געטאָן דער שטיין, און ווען דער מענש האָט פעראייניגט דעם שטעקען מיט דעם שטיין, האָט ער זיין האַנד געמאַכט ניט נור לענגער נור אויך שטאַרקער. און וואָס זיינען די היינטיגע ערפינדונגען אויב ניט מעהר ווי א קינסטליכע פערבעסע־ רונג פון דעם מענשליכען קערפער? דער טעלעפאָן נוצט אונז אויסצו־ בעסערען אונזער געהער און צו פערהעכערען אונזער קול. מיט זיין הילפע קענען מיר הערען און רעדען אויף א ניט אין ערך ווייטערע שטרעקע ווי אָהן איהם; די לופט שיף איז א ווייטערעס מיטעל לייכטער צו מאַכען אונזער בעוועגליכקייט א. ז. וו. א. ז. וו.

געצייג און וואַפע, זיינען די הויפט מיטלען וואָס דער מענש בענוצט אין זיין קאַמפף. מיט דיעזען אונטערשיידעט ער זיך הויפט־ זעכליך פון די אנדערע מינים ; און די מעגליכקייט צו מאַכען, אוז צו בענוצען דאָס געצייג און די וואַפע, האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט, ביסלעכווייז, צו בעשאַפען זיין קולטור. אָבער געצייג

די ערשטע און וויכטיגסטע נויטווענדיגקייט פאר די חיה ווי פאר דעם מענשען, איז די ערהאלטונג פון קערפער. דער גרויסער אונ־טערשיעד בעשטעהט אָבער אין דעם, וואָס די מינים, אין זייער קאמפף פאר עקזיסטענץ, האָבען קיין קולטור ניט בעשאפען, וועה־רענד דער מענש אין זיין קאמפף האָט יא בעשאפען קולטור.

אין דעם קאמפף „אומ׳ס דאזיין“, ווי דארווין בעווייזט, האָ־בען זיך דערהאלטען נור די מינים וועמעס קערפערליכע אייגענשאפ־טען זיינען אם בעסטען געווען צוגעפאסט צו זייער אומגעבונג, ד. ה. צו די נאהרונג, וואָס זיי האָבען געקענט געפינען. דיעזע אייגענ־שאפטען זיינען איבערגעגאנגען בירושה פון די עלטערען צו זייער נאכקאָמענשאפט, און אזוי ארום זיינען אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען ארויסגעקומען די פערשיעדענע מינים. מיט אנדערע ווער־טער : די מינים האָבען אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען אויס־געבעסערט און ענטוויקעלט זייערע קערפערליכע אייגענשאפטען לויט די אומגעבונג אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען, און דורך זייער נאטירליכע מעגליכקייט זיך צוצופאסען צו דער אומגעבונג.

אויך דער מענש איז אין פיעלע הינזיכטען א פראָדוקט פון זיין סביבה, ער האָט אָבער איין גרויסע מעלה, א מעלה וואָס קיין אנדער מין בעזיצט ניט. ניט נור קען דער מענש צופאסען זיין קערפער צו די אומגעבונג, ער האָט נאָך די גרויסע אייגענשאפט, וואָס ער קען צופאסען די אומגעבונג צו זיין קערפער. די פערשיעדענע אנ־דערע מינים, ווען זיי זיינען ניט בעזעסען די קערפערליכע אייגענ־שאפטען, וואָס זיינען געווען צוגעפאסט צו די נאהרונג, וואָס האָט זיך געפונען אין זייער אומגעבונג, האָבען געמוזט אונטערגעהן. די מענשען האָבען עס פערשטאנען צוצופאסען די אומגעבונג צו זייערע קערפערס דורך קינסטליכע מיטעל, דורך געצייג.

„דער מענש איז א חיה, וואָס מאכט אינסטרומענטען“, האָט שוין בענדזשאמין פראנקלין, דער בעריהמטער אמעריקאנער שטאאטס־מאן און פילאָזאָף געזאָגט. די אינסטרומענטען מיט וועלכע דער מענש האָט זיך אין אלע צייטען בענוצט, האָבען איהם אויסגעפילט זיינע קערפערליכע חסרונות, און האָבען איהם געגעבען די מעגליכקייט צו דערלאנגען זאכען, וועלכע ער האָט מיט זיינע נאטירליכע אברים ניט געקענט דערלאנגען. א שטעקען אין די האנד פון דעם ווילדען

פאַרלעזונגען איז דאָ די „אינטעלעקטועלע קולטור“, און „די עסטע־טישע קולטור“ אלס ספּעציעלע טעמאַס, און וואָס די אנדערע פאַר־לעזער וועלען אפשר אויפמאַלען א גאַנץ אַנדער בילד, — ניט קוקענ־דיג אויף דעם, האָב איך זיך ניט אָבגעשטעלט צו מאַכען מיין רעפע־ניציע אזוי ברייט, אז זי זאָל אין זיך אריינגעהמען אַלע קולטורען.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין. קיינער לייקענט ניט, אז אונטער „מאַטעריעלע קולטור“ דארף מען פערשטעהן די טהעטיגקייט פון בעשאַפען און ענטוויקלען אַלע די זאַכען, וואָס זיינען נויטיג פאר די עקזיסטענץ און שוץ פון דעם מענשען.

.1

דער דארוויניזמוס האָט פעסטגעשטעלט דעם פאקט, אז די פערשיעדענע מינים האָבען זיך דערהאַלטען און ענטוויקעלט, און האָבען ענטוויקעלט זייערע בעזונדערע אייגענשאַפטען, דורך נאַ־טירליכע אָבקלייבונג, אָדער צופּאַסונג אין דעם „קאַמפּף אומ׳ס דאַ־זיין“. די „מלחמת החיים“ איז געווען און איז, דער גרויסער פאַק־טאָר, וואָס העלפט די מינים זיך צו דערהאַלטען און צו ענטוויקלען.

אָבער דיעזע טעאָריע פון דארווין איז זעהר פיעל בעשטריטען געוואָרען, און דער קאַמפּף האָט נאָך היינט ניט אויפגעהערט. איין זאַך איז אָבער אַבסאָלוט פעסטגעשטעלט, און דאָס איז, דאָס גע־זעץ פון ענטוויקלונג. מען שטרייט איבער די וועגען אויף וועלכע דיעזע ענטוויקלונג וואַנדערט, קיין קלאָרער מענש וועט אָבער היינט צו טאָג זיך ניט אונטערנעהמען אבצולייקענען דאָס געזעץ פון ענט־וויקלונג גופא. וועגען דעם צווייטען פּונקט איז שוין דאָ חלוקי דעות, אָבער אויך דאָ גיבען אַלע צו, אז דער ה־ו־י־פּ־ט פ־א־ק־ט־אָ־ר אין די ענטוויקלונג פון די מינים, איז די נאַטירליכע אבקלייבונג דורך דעם „קאַמפּף אומ׳ס דאזיין“. און דאָס זעלבע איז אמת וועגען די מענשען און די מענשליכע געזעלשאַפט.

אָבער אמת ווי דיעזער כלל איז, איז פון דעסטוועגען אַן אונ־געהויער גרויסער אונטערשיעד צווישען די מינים און זייער ענטוויק־לונג, און דעם מענש און זיין ענטוויקלונג.

קיינער קען ניט אבלייקענען דעם אויגענשיינליכען פאקט, אז

דער ערשטער טייטש פון דעם וואָרט, דער טייטש וואָס בעציהט זיך אויף בילדונג, איז נור איין העלפט, און ניט די וויכטיגסטע העלפט, פון די בעדייטונג פון דעם וואָרט „קולטור". אָט העדען מיר דאָס וואָרט „קולטור" געברויכט אין א צוזאמענהאַנג, וואָס דער גרויסער עולם איז געוואוינט צו בעטראַכטען אין פונקט א פערקעהרטען זין ווי עטוואָס ערהאַבענעס, ווי דאָס וואָרט „אַגריקולטור", וואָס מיינט ניט מעהר ווי ערד אַרבייט.

דיעזער איינער ביישפּיעל צייגט אויפ'ן שטעל, אז דאָס וואָרט „קולטור" ווערט געברויכט אויף פערשיעדענע, און ווי מאַנכער קען מיינען, גאַנץ געגענגעזעצטע זאכען. אין אמת אבער איז עס ניט אזוי. ווייל דאָס וואָרט „קולטור", פאַר זיך גענומען, מיינט ניט מעהר ווי בעאַרבייטען, ענטוויקלען, אויסבעסערען, אויספיינערען. מען קען האַדורך קולטיווירען די ערד, ווי מען קען קולטיווירען קונסט, אָדער ליטעראַטור, אָדער א געשמאַק, אָדער פריינדשאַפט א. ז. וו. מיט אַנדערע ווערטער: די טהעטיגקייט פון בעאַרבייטען, אויסבעסערען אָדער ענטוויקלען — הייסט קולטור. דער רעזולטאַט פון קולטור איז ציוויליזאַציע. די טהעטיגקייט פון דעם מענשען אין די לאַנגע, אונצעהליגע דורות פון זיין עקזיסטענץ צו בעשאַפען, צו בעאַרבייטען, צו פערענדערען און צו ענטוויקלען אַלע די זאַכען, וואָס ער האָט נויטיג, אָדער נויטיג געהאַט, פאַר זיין עקזיסטענץ, פאַר זיין שוץ און פאַר זיין פערגניגען — אַלע דיעזע טהעטיגקייטען זיינען קולטורעלע טהעטיגקייטען, דער סך הכל, אָדער, ריכטיגער, דער שם הבולל פאַר דיעזע טהעטיגקייט, איז „די מאַטעריעלע קולטור", און איהר רעזולטאַט — די ציוויליזאַציע.

דיעזע דעפעניציע פון „קולטור" און „מאַטעריעלע קולטור", וועט, איך האָב מורא, ניט נושא חן זיין ביי אַלעמען. אייניגע וועלען אפשר מאַכען די איינווענדונג, אז איך האָב ניט געלאָזען קיין פּלאַץ פאַר דער גייסטיגער קולטור, אין וועלכע עס געהט אריין די וויסענשאַפט; די פילאָזאָפיע; פאַר דער עסטעטישער קולטור מיט דער קונסט, ווי מאַלעריי, מוזיק און פּאָעזיע, מיט איין וואָרט, פאַר דעם גרויסען געביעט פון מענשליכער קולטור, וועלכעס איז, נאָך די בעהויפּטונג פון פיעלע, א חלק אלה ממעל. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אויף די פראָגראַמע פון דיעזע

די מאַטעריעלע קולטור

(די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג)

דער בעגריף „מאַטעריעלע קולטור“. פאַר וואָס ווערט קולטור בעשאַפען נור פון מענשען און ניט פון חיות ? די ראָלע פון אַרבייטס־אינסטרומענטען. דער פּרינציפּ פון געגענזייטיגער שטיצע. פּראָדוקציאָן און אויסטויש. דאַרווין'ס לעהרע און דער פּרינציפּ פון ענטוויקלונג. פאָרהיסטאָרישע אַרכעאָלאָגיע און עטנאָלאָגיע. וואָס איז ווירטשאַפט ? די בלמרשט'דיגע „ווירטשאַפטליכע נאַטור“. דער כאַראַקטער פון די ווילדע. דער אָנהויב פון ווירטשאַפט. געהט די ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג פון יאַגד צו פיהצוכט און שפּעטער צו ערד־אַרבייט ? קאַרל ביובער'ס שטאַנדפּונקט. די פּרימיטיווע „האָרדען־ווירטשאַפט. דער פאַרצייטיגער קאָמוניזם. האָרדע און פאַמיליע. דער אָנהויב פון האַנדעל. די ענטשטעהונג פון שטאָדט. די „הויז־ווירטשאַפט“ אַלס אַ העכערע פאָרם פון ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג. די ווירקונג פון ערד־אַרבייט. די גריכישע „אָיקאָס“ און די רוימישע „פאַמיליאַ“. הויז־ווירטשאַפט און שקלאַפעריי. די ענטשטעהונג פון געלד.

אונטער דעם וואָרט "קולטור" ווערט געוועהנליך פערשטאַנען בילדונג, אָדער ציוויליזאַציע. מען זאָגט א קולטור־מענש און מען מיינט אן אויסגעבילדעטען, געלעהרטען און ציוויליזירטען מענשען; מען זאָגט אויף יענעם, ער פערשפּרייט קולטור, און מען מיינט, ער ארבייט אויף דעם ליטעראַרישען געביט, אָדער ער פערשפּרייט וויסענשאַפט א. ז. וו. מיט איין וואָרט: מיר זיינען געוואוינט צו פערבינדען דאָס וואָרט „קולטור“ מיט עטוואָס אידעאַלעס, גייסטיגעס, ערהאַבענעס, אָבער ניט מיט מאַטעריע, ניט מיט גשמיה.

אויב דאָס איז אמת, וואָסער זין האָט דאַן צו זאָגען: „מאַטעריעלע קולטור ?“ וואָסער שייכות האָט קולטור, וועלכעס איז נור רוחניה, מיט מאַטעריע, וועלכעס איז גשמיה ? דער תירוץ איז, אז

8-טע פארלעזונג

י. מילך

די מאַטעריעלע קולטור

(די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג)

הייט פיהלט ער זיך שוין אלס בעל־הבית איבער זיך און איבער דער וועלט. ער בעפרייט זיך בעוואוסטזיניג פון אלע מאַטעריעלע און גייסטיגע רעשטען פון דער ווילדער און פון דער בארבארישער עפּאָכע.

ער ווערט דער גרויסער „איך", דער קעניג פון דער נאַטור.

ער ענטוויקעלט זיך אליין שנעלער און שנעלער. ער שעפּט שוין ניט נור פון דירעקטער ערפאהרונג נור אויך פון זיין רייכען גייסט. א שריט, וואָס האָט פריהער געקאָנט געמאַכט ווערען אין טויזענדער יאָהרען מאַכט דער קולטור־מענש אין איינציגע יאָהרען און חדשים. די קולטור וואַקסט אין א געאָמעטרישער פּראָגרעסיע, ד. ה. איהר טעמפּ פערפיעלפאַכט זיך וואָס ווייטער אלין מעהר.

מאָרגאַן, וועלכען ס'געהערט דער געדאנק פון דער געאָמעטריש־פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט מאַכט אַן אינטערעסאַנטען חשבון.

מיר קאָנען ניט וויסען גענוי, — זאָגט ער, — ווי לאַנג ס'האָט געדויערט ביז דער נאַטור־מענש האָט זיך ענטוויקעלט צו זיין איצטי־גער שטופע. די ווייטסטע שפּורען פון ציוויליזאציע וואָס זיינען אונז איצט בעקאַנט דערגרייכען ביז מיט 5 טויזענד יאָהר צוריק. לאָמיר אַננעהמען, אז אונזער איצטיגע ציוויליזאציע איז אַלט 5 טויזענד יאָהר. דאַן האָט דער פּעריאָד פון באַרבאַריי געדויערט 5 מאָל 5 טוי־זענד, ד. ה. 25 טויזענד יאָהר און דער פּעריאָד פון „ווילדקייט" — 125 טויזענד יאָהר.

וויפיעל טויזענד יאָהר ס'האָט גענומען ביז דער מענש־חיה איז דערגאַנגען צו דער שטופע פון דעם „ווילדען מענשען" קאָנען מיר זיך ניט מישער זיין. יעדענפאַלס פיעל־הונדערטער טויזענדער יאָהרען.

דערנאָך אַלס געוועהר און כלים. ער מייסט זיי צוזאַמען און בעקומט די האַרטע בראָנזע, וואָס דינט בעסער פאַר זיינע צוועקען. דער־מיט טרעט ער אריין אין דעם מיטעלסטען פּעריאָד פון באַרבאַריזם. גלייכצייטיג ענטוויקעלט ער די פאָרמען פון געזעלשאַפטליכען צוזאַ־מענלעבען, די פאַמיליען־בעציהונגען און דעם שטאַם־לעבען, ער בילדעט אויס א רעכט־געזעלשאַפט.

ווען ער דערגעהט צו דער ערפינדונג פון אייזען טרעט ער אריין אין דעם העכסטען פּעריאָד פון באַרבאַריי. ער בעקומט אין די הענט א פעסטע געוועהר און געצייג, ער הויבט אָן בעסער בויען, בעסער אַרבייטען, בעסער אויסנוצען די ערד, ער קאָן זיך בעסער שיצען געגען דעם שונא, וואָס קאָן איהם שוין אַזוי לייכט ניט ארויסטריי־בען פון דעם אָנגעזעסענעם פּלאַץ. ער ווערט א תושב און פערלאָזט ער זיין פּלאַץ, וואַנדערט ער שוין ניט, נור ער פאָהרט צוליעב גע־ווּיסע צוועקען, אויף א בעשטימטער צייט. ער טרעט אַריין אין גע־שעפטליכע און רעכטליכע בעציהונגען מיט זיינע שכנים, ער שטעלט איין סמנים, וואָס סימבאַליזירען זיינע רעכט, ער ערפינדעט די שריפט און טרעט דערמיט אַריין אין דער עפּאָכע פון דער ציוויליזיר־טער געשיכטע, ער ווערט א קולטור־מענש.

אונזערע אבות, אברהם, יצחק ויעקב קאָנען מיר בעצייכענען אַלס מענשען, וואָס געהערען צו דער העכסטער שטופע פון באַר־באַריי.

די עפּאָכע פון דער „קולטורעלער געזעלשאַפט“, פון ציוויליזאַ־ציע כאַראַקטעריזירט זיך דערמיט, וואָס דער מענש האָט שוין אויפגעהערט צופּאַסען זיך צו דער נאַטור, אָדער די נאַטור צו זיך. ער האָט זיך שוין בעפרייט פון איהר יאָך, ער הויבט זי אָן צוועקמע־סיג אויסנוצען און ארויסבעקומען איהרע סודות, ער ווערט איהר הערשער. ער הויבט אָן בעהערשען ניט נור די נאַטור־פּרוכטען, נור אויף די געהיימע נאַטור־קרעפטען. ער קאָן שוין שרייבען, פער־צייכענט זיינע ערפאַהרונגען און לעגט ארויף זיין מעכטיגע האַנט אויף דער געשיכטע פון דער וועלט.

און וואָס ווייטער אין ערפינדונג, אַלץ שנעלער איז דער וואוקס. דער מענש הויבט אָן שפּרייזען פאָרווערטס מיט מייל־ען־טריט. בע־רייכערט מיט דער שוועהר־אנגעקליבענער ירושה פון דער פערגאַנגענ־

זיך קיינעם ניט פערלאָזען איהם. עס בילדעט זיך אַ פרימיטיווע געזעלשאפט, עס ווערען געשאפען פריהער אונבעוואוסטזיניג־געצוואונגענע און דערנאָך בעוואוסטזיניג־צוועקמעסיגע אָבמאכען, עס הויבט זיך אָן אויסבילדען אַ פאָרם פון א מענשליכער געזעלשאפט מיט בעשטימטע רעכט־ און מאָראל־בעגריפען, וועלכע זיינען זעהר פעסט, וויל זיי זיינען אויסגעוואקסען זעהר לאנגזאם און זיינען אריין אין סכום פון די מענשליכע נייגונגען און געוואוינהייטען.

מיט דער צוגעוואוינונג פון הויז־טהיערען, מיט דער ערפינדונג פון טעפעריי און דער אויסבילדונג פון אַ געזעלשאפט ענדיגט זיך די ערשטע „ווילדע“ עפּאָכע פון דער מענשהייט, ווען זי פלעגט זיך אַליין צופאַסען צו דער נאַטור.

דער צווייטער פעריאָד, דער באַרבאַרישער כאַראַקטעריזירט זיך דערמיט, וואָס דער מענש, בעוואפענט מיט די מיטלען, וואָס ער האָט פריהער ערפונדען הויבט אָן צופאַסען די נאַטור צו זיך.

די עפּאָכע קאָן, צוליעב בעקוועמליכקייט פון פאָרשען אויך איינגעטיילט ווערען, לויט איהרע אויסערליכע סמנים אויף דריי פעריאָדען: דעם נידעריגסטען, דעם העכסטען און דעם מיטעלסטען.

דער ערשטער פעריאָד פון באַרבאַריי גיסט זיך צונויף מיט'ן לעצטען פון ווילדען צושטאַנד. הער באַרבאַר ווייסט שוין פון אַ רעגעלמעסיגען פיה־צוכט, ער מאַכט שוין בעוואוסטזיניג און האַלט אין איין פערבעסערען זיינע הויז־כלים, ער פערנעהמט זיך מיט אַ פרימיטיווער אָבער שטענדיגער ערד־אַרבייט, ער ענטוויקעלט ביי זיך די ערשטע געפיהלען און בעגריפען וועגען פריוואט־אייגענטום. ער פערלאָזט די פריהעריגע צופעליגע פעלזען־שפאַלטען און הייל'ען און הויבט אָן בויען הייזער פון שטיינער, ליים און האָלץ און אויב ער וואַנדערט אפילו ארום האָט ער אויף אַ בעשטימטען וועג און פּלאַן אויף וועלכען ער וואַנדערט און קעהרט זיך פעריאָדיש אום אויף זיינע פריהעריגע וואוין־ערטער.

די בעאַרבייטונג פון מאטעריאַלען ברענגט איהם דערצו, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען בענוצען מיט די איינפאַכסטע מעטאַלען. קופער און צין זיינען די ערשטע מעטאַלען, וואָס קאָנען זיך איהם ווארפען אין די אויגען, וויל מען געפינט זיי אין אַ פאַרטיגער פאָרם. ער הויבט זיי אָן בענוצען פריהער אַלס ציערונג,

פריהער, און האָבען געמיוזט אַ טראַכט טהון, ווי בעסער און שפּאָ־רעוודיגער אויסצונוצען די רייכטימער פון דער נאַטור.

די מענשהייט געהט איבער צו דער צווייטער שטופע, צום מי־טעלסטען פּעריאָד פון ווילדקייט.

דער מענש לערנט זיך אויס צו פאנגען פיש, וואָס געהען ניט אַליין אין די הענט און צו מאַכען פייער אויף צו וואַרימען זיך, אויף בראַטען דעם פאַנג און אבצוטרייבען די חיות. די ערפינדונג פון פייער איז דער מערקזאַמסטער גרעניץ, וואָס טיילט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָב דעם מענשען פון דער חיה און שטעלט דעם ווילדסטען מענשען העכער פון דער קליגסטער חיה. צו דעמזעלבען פּעריאָד געהערט די ערפינדונג פון דעם פייל און בויגען. מיט וועלכע דער מענש יאַגט זיך בעוואוסטזיניג נאָך נאָך זיין רויב און פערטיידיגט זיך פון זיינע פיינד. ערפינדענדיג פייער און דעם פייל און בויגען פּאַסט ז י ך דער מענש בעסער צו צו דער אַרומיגער נאַטור.

דער פייל און בויגען און פייער ערלויבען דעם מענשען לענגער צו פערבלייבען אויף אַן אָרט, ווייל ער קאָן זיך שוין נאַכיאַגען נאָך זיין רויב און פערפערטיגען דעם עסען אין דער היים. ער ווערט מעהר איינגעזעסען, בעקומט מעהר צייט און הויבט אָן טראַכטען וועגען מעהר בעקוועמליכקייטען.

זיין הייל ווערט אַ שטענדיגערע וואוינונג און ער הויבט זי אָן בעסער צופּאַסען צו זיינע בעדערפנישען און ב ע צ י י ע ר ע ן. צו־ליעב דעם קומט ער צוביסלעך צו דער ערפינדונג פון די ערשטע אינ־סטרומענטען, צום מעסער, האַק און טאָפּ. די ערשטע טעפּ מאַכט ער פון צווייגען בעשמירט מיט ליים, כדי זיי זאָלען ניט פערברענט ווערען, דערנאָך הויבט ער זיי אָן מאַכען גלייך פון ליים, ווייל ער דאַרף שוין מעהר ניט די צווייגען און זעהט אז די ליים אַרומ־געברענט אין פייער גיט איהם גאַנץ בעפרידיגענדע כלים.

צוליעב די בעקוועמליכקייטען, וואָס ער בעקומט אויפ'ן אָרט ווערט ער נאָך מעהר צוגעבונדען צום פּלאַץ, בעקומט מעהר צייט און פאָדערונגען און הויבט אָן ביסלעכווייז איבערגעהן צום צוגע־וואוינען צו זיך אייניגע חיות און צו פּרימיטיווער ערד־אַרבייט.

ביי די גינסטיגערע בעדינגונגען פערמעהרט זיך די מענשהייט אַלץ מעהר אויפ'ן אָרט און צוליעב זיינע בעקוועמליכקייטען ווילט

אויף דער נידעריגסטער קולטורעלער שטופע, אין דעם „וויל־דען“ צושטאַנד העגגט דער מענש אין גאַנצען אָב פון דער אַרומיגער נאַטור. וואָס זי גיט איהם אין אַ פאַרטיגער פאָרם, דאָס האָט ער. ער עסט די פרוכט פון די בוימער, ער בעהאַלט זיך אין די היילען פון די בערג אָדער צווישען די צווייגען פון די בוימער. ער בענוצט אַלס געוועהר אָדער געצייג די צווייגען אָדער שטיינער, וואָס ער געפינט אַרום זיך. אויב ער ווייס נאָך אפילו ניט ווי צו בעקומען און בענוצען זיך מיט פייער (וועגען אַזעלכע מענשען ווייסען מיר פאַקטיש ניט, אָבער מיר קאָנען זיך טעאָרעטיש מישער זיין אַזאַ צושטאַנד) האָבען מיר פאַר זיך דעם אידעעלען טיפּ פון א ווילדען מענשען.

די צייט פון דעם ווילדען צושטאַנד קאָנען מיר צוטיילען אויף דריי פעריאָדען : דעם נידעריגסטען, דעם מיטעלסטען און דעם העכסטען. אין דעם נידעריגסטען פעריאָד שטעהט נאָך דער מענש נאָהענט צו דער חיה, אין דעם העכסטען — צו דעם באַרבאַרישען מענשען.*)

דער איינציגער אונטערשיעד צווישען דעם ווילדען מענשען אין דעם ערשטען פעריאָד און צווישען אַ חיה בעשטעהט אין דעם, וואָס ער שמועסט זיך צונויף מיט זיין גלייכען מיט דער הילף פון פעראיינ־צעלטע ווערטער און וואָס ער בענוצט זיך מיט שטיינער און צווייגען, אַלס מיט אַ געוועהר.

מען מוז רעכענען, אַז אין אזא צושטאַנד האָט זיך די מענשהייט געפונען זעהר לאַנג. וייל איהרע גייסטיגע פעהיגקייטען זיינען נאָך געווען צו ווענינ ענטוויקעלט אום צו ערלויבען איהר מאַכען שנעלע שריט פאָרווערטס.

אָבער אזא צושטאַנד האָט זיך דאָך געמוזט סוף כל סוף ענדערן. ערשטענס, ווייל די מענשהייט האָט זיך פערמעהרט און פאַר אַלע־מען האָט שוין ניט געקלעקט קיין פאַרטיגע עסען און קיין נאַטירליכע בעהעלטענישען. צווייטענס, ווייל די אויסגעוואַנדערטע מענשען האָבען געקאָנט אריינפאַלען אין ווענינער גינסטיגע בעדינגונגען, ווי

*) ביים צוטיילען אויף פעריאָדען בענוצען מיר זיך מיט דער סכעמע, וועלכער דער אַמעריקאַנער קולטור־פאָרשער מאָרגאַן האָט פאָרגעלעגט אין זיין ווערק „די פרימיטיווע געזעלשאַפט“.

האָט אַוועקגעוואָרפען דעם ניט־וויסענשאַפטליכען מעטאָד פון מאַכען הוילע סברות און וועלען ד ע ר ו ו י י ז ע ן פאָראויס־אָנגענומענע מיינונגען. אָנשטאט דעם האָט מען גענומען זוכען פאַקטען און ער־שיינונגען פון קולטור־לעבען, מען האָט זיי גרופּירט אַזוי, אַז זייער אינגעוועניגסטע און היסטאָרישע קרבה'שאַפט זאָל זיך אם דייטליכסטען ארויסווייזען און ערקלעהרט ווערען. מען האָט יעדעס מאָל גענומען אין בעטראַכט אַלע א ו מ ש ט ע נ ד ע ן, ביי וועלכע די ענטדעקטע ערשיינונג איז ענטשטאַנען. אויף אַזאַ אופן איז מעגליך געוואָרען צו פערבינדען גאַנצע גרופּען פון עהנליכע ערשיינונגען אין דעם קולטור־לעבען פון דער מענשהייט לויט צ י י ט און אָ ר ט. עס איז מעגליך געוואָרען דורכצופיהרען צווישען זיי אַלעמען איין קייט און ציהען פון זיי שלוסען, וועלכע זאָלען ערקלעהרען און פאָראויס זאָ־גען די ווייטעריגע ענטוויקלונג פון איינצעלנע מענשליכע גרופּען און פון דער גאַנצער מענשהייט.

דער עמפּירישער, אדער ריכטיגער, דער היסטאָרישער מעטאָד פון אויספאָרשען די מענשליכע קולטור האָט ארויסגערופען אין לעבען א נייע וויסענשאַפט – די קולטור־געשיכטע און איהרע פערשיעדענע הילפס־טיילען, ווי עטנאָגראַפיע, אנטראָפּאָלאָגיע א. ז. וו.

.4

דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס האָט געשטויסען פאָראויס די קול־טורעלע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט איז געווען איהר שטרעבונג אַזוי צוצופּאסען זיך צו די אַרומיגע אומשטענדען און דערנאָך זיי בעהערשען, אַז מען זאָל קאָנען אַרויסבעקומען פון זיי דעם מאַקסי־מום בעקוועמליכקייטען און פערגעניגען.

איינע פון די ערשטע „בעקוועמליכקייטען און פערגעניגענס" פאַר דעם מענשען איז צו זיין זיכער מיט'ן לעבען און פּאָלגליך מיט'ן עסען און מיט'ן שלאָפען. די וואַקסענדע קולטור בעשטעהט אין אויסגעפינען און ערפינדען די פּאסענדע מיטלען מיט וועלכע דאָס לעבען זאָל בעזאָרגט און געזיכערט ווערען. די ערשטע קולטור־מיטלען זיינען דעריבער דאָס געוועהר און געצייג, וועלכע דער מענש געפינט און ערפינדעט.

קיין איין פאָלק וועט זיך ניט אומקעהרען צו זיין פריהערדיגער ווילדקייט, סיידען עס וועט זיך איבערבייטען די נאַטור פון אונזער ערד גופא. צום גליק פאַר דער מענשהייט, פאָדערן ניט די נויטיגע אָדער נוצליכע קענטעניסען קיין אויסעראָרדענליכע טאַלאַנטען אָדער קיין אַלגעמיינע אונטערטעניגקייט, צוליעב זיי איז ניט נויטיג קיין מאַכט פון איינצעלנע אָדער אפילו קיין פערבאַנד פון איינצעלנע מענשען. יעדער דאָרף, יעדע פאַמיליע, יעדער מענש האָט די קענטעניס פון דעם ווילען אויפצוהאַלטען דאָס בענוצען זיך מיט פייער און מעטאַלען, די פיה־צוכט, ערד־אַרבייט און ז. וו. דער טאַלענט פון איין פערזאָן אָדער די מאַכט פון אַ געזעלשאַפט קאָן אונטערגעהן, אָבער די שטאַרקע פלאַנצונגען לעבען איבער די שטורעמס און לאָזען אייביגע וואָרצלען אפילו אין דעם ערגסטען באָדען. דער וואָלקען פון אונוויסענהייט האָט געקאָנט פערפינסטערען די גלענצענדע צייטען פון טראַיאַנוס און אויגוסט, אָבער דער שנייד־אייזען האָט פאָרט אויך ווייטער געשניטען די תבואה אויף די פעלדער, און די מענשליכע קרבנות פון דער אַלטער איטאַליע זיינען מעהר ניט בענייט געוואָרען אויף איהר באָדען. מיר קאָנען זיך בערוהיגען מיט'ן אנגענעהמען שלום, אז יעדער עפּאָכע, וואָס די וועלט לעבט איבער האָט פערגרעסערט און האַלט אין פערגרעסערען דאָס אמת'ע רייכטהום, דאָס גליק, וויסען און אפשר אויך די מאָראַל פון דעם מענשליכען מין".

דאָ איז צום ערשטען מאָל אויפ'ן גרונד פון אַן ערנסטער וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונג פעסטגעשטעלט געוואָרען די טעאָריע פון א שטענדיגער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער קולטור פון נידעריגער צו העכער, ביז צו די סאַמע העכסטע שפּיצען, וועלכע אונזערע אויגען קאָנען נאָך ניט זעהן.

אויפ'ן בעסטען אופן אפשר, האָט אָנגעוויזען דעם מעטאָד פון א קולטור־געשיכטליכער אויספאָרשונג, דער הויפּטמאַן פון א האַלב־ווילדען בעטשואַנאַ־ניגער־שטאַם, וועלכער האָט ערקלעהרט דעם מיסיאָנער קאַזאַליס :

„— יעדע ערשיינונג, איז א קינד פון אַן אנדער ערשיינונג, און מיר דאַרפען קיין מאָל ניט פערגעסען זייער קרובה'שאַפט".

אָט דער זאַץ פון דעם האַלב ווילדען ניגער איז דער אמת'ער לייטפאָדים פון די נייעסטע אויספאָרשונגען פון דער קולטור־געשיכטע. מען

ווערכער איהם מיט זיינע צייטגענאָסען איז אויסגעקומען צו לעבען.

און סיי ביי איהם, סיי ביי די טעאָלאָגען, האָבען אויף דער אויספאָרשונג געווירקט דיזעלבע סבות: זיי האָבען ניט געהאַט קיין בעגריף ניט וועגען דער עטנאָגראַפישער, ניט וועגען דער ארכעאָלאָגישער אויספאָרשונג פון דער קולטור־ענטוויקלונג, דער בעגריף אליין פון אַ לאַנגזאַמער ענטוויקלונג איז זיי געווען פרעמד און די פאַקטען, וואָס זאָלען כאַראַקטעריזירען די ענטוויקלונג זיינען פאַר זיי פערבליבען אונבעקאַנט.

די טעאָלאָגען און פילאָזאָפען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט דער קולטור־געשיכטע ספעקולאַטיוו, בלויז לויט השערות אין האָבען ניט אזוי געוואָלט בעווייזען וואָס עס איז, ווי דערווייזען וואָס עס דאַרף זיין, האָבען קיין אַנדער וויסענשאַפט ניט געקאָנט שאַפען.

לעגען דעם גרונדשטיין פון אן אמת־וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונג פון דער מענשליכער קולטור־געשיכטע, איז אויסגעפאַלען אויפ'ן גורל פון אַ היסטאָריקער, פון דעם בעריהמטען געשיכט־פאָרשער, גיבאָן, אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט.

אין זיין „רוימישע געשיכטע“ גיט ער די פאָלגענדע טעאָריע פון דער קולטור־ענטוויקלונג:

„פון זיין נידעריגען (ווילדען) צושטאַנד האָט זיך דער מענש ביסלעכווייז אויפגעהויבען ביז צו דער מאַכט איבער די חיות, ביז צו דער קונסט צו בעפרוכטען די ערד, איבערשווימען ימים און אויסמעסטען דעם הימעל. זיינע ערפאָלגען אין דער פערפאָלקאָמענונג און ענטוויקלונג פון זיינע גייסטיגע און קערפערליכע פעהיגקייטען, זיינען געוועזען פערשיעדענאַרטיגע, אונגעהויער לאַנגזאַמע אין אָנפאַנג און ביסלעכווייז וואַקסענדע מיט אַ דאָפעלטער שנעלקייט; נאָך עפּאָכען פון אונערמידליכען דערהויבען זיך, פלעגען קומען צייטען פון א שנעלען פאַלען, אין פיעל ערטער פון דעם ערד־קוגעל האָבען זיך געביטען די צייטען פון ליכט און פינסטערניש. אָבער די ערפאַהרונג פון טויזענדער יאָהרען דאַרף פערגרעסערען אונזער האָפנונג און צויאָגען די אַנגסטען. מיר קאָנען ניט בעשטימען ביז וואָס פאַר א הויך די מענשליכע ענטוויקלונג קאָן דערגרייכען אין איהר שטרעבען צו פאָלקאָמענהייט, אָבער מיר קאָנען מיט זיכערהייט דענקען, אז

אונזער געפאַלענע וועלט, כדי צו שאַפען אַ נייע וועלט פון לויטער צדיקים. אויף אַזאַ אופן בעקומט א „היסטאָרישע“ בעגרינדונג דער בעגריעף פון גיהנום און גן־עדן.

אזוי האָבען די קריסטליכע טעאָלאָגען געבויט זייער קולטור־געשיכטע.

איינער פון די ערשטע שוואַלבען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זשאַן זשאַק רוסאָ, וואָס האָט אויך געהאַט געניג אורזאַכען צו זיין אונצופריעדען מיט די אומשטענדען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין זיין צייט האָט, אין גרונד גענומען, אויך אָנגענומען דעם טעאָלאָגישען אופן פון אויפפאַסען די קולטור־געשיכטע, כאָטש ער האָט זיך בענוצט מיט אַנדערע פאַקטען.



זשאַן זשאַק רוססאָ (1778—1712)

אין זיין ערשטער ארבייט, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אלס אן ענטפער אויף דער טעמא פון דער דיזשאָנער אַקאַדעמיע, „צי האָט די וועלט זיך פערבעסערט אָדער פערערגערט צוליעב דער איצטיגער קולטור“, האָט ער ענטשידען געענטפערט: „פערערגערט“. אלס בעווייז האָט ער געבראַכט דעם אידעאַלען נאַטור־מענשען, וועלכען ער האָט אויסגעטראַכט פון זאָפ און די צוואַוואָרפענע און ניט־סיס־טעמאַטישע פאַקטען וועגען דעם לעבען פון די אינדיאַנער און אַנדערע האַלב־ווילדע שבטים. ער האָט בעוויזען זייער גוטהארציגקייט, וואַרהאַפטיגקייט, גוטסקייט און פרייהייט, און האָט דערמיט אר־גומענטירט געגען דער פערדאָרבענער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג אין

מענשען, וועלכען מיר דארפען זוכען ווייט הינטער אונז, אין „די אלטע, גוטע צייטען“.

און דאָ איז אינטערעסאנט, ווי סיי די טעאָלאָגען, סיי די ראַדיקאלע פאָרשער, ווי למשל רוסאָ, פלעגען קומען צו איין שלום: די איצטיגע מענשהייט איז געפאלען אין פערגלייך מיט די אמאָליגע דורות, אמאָל איז געווען בעסער.

די טעאָלאָגען האָבען זיך דערביי געשטיצט אויף דעם איינציגען בעגלויבטען עדות, אויף תורת משה.

גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען בצלמותו, לויט זיין פאָרם נאָך און האָט אין איהם אריינגעבלאָזען אַ טייל פון זיין אייגענער נשמה. גאָט איז די פאָלקאָמענהייט אַליין און דער מענש האָט דעריבער אויך געמוזט זיין פאָלקאָם. אדם וחוה זיינען אין גן עדן אַ מוסטער פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט. ווען זיי פערזוכען פון דעם עץ הדעת, ד. ה. פון דעם וויסען, פון דער קולטור, פאלען זיי און גאָט טרייבט זיי ארויס פון גן עדן. אָבער זיי זיינען נאָך אַלץ אידעעלע פאָלקאָמענע מענשען אין פערגלייך מיט דעם שפעטערדיגען דור המבול, וועלכער איז אזוי שוין שלעכט און דעגראַדירט געוואָרען, אז גאָט האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדער עצה, ווי צו פערטיליגען איהם פון דער ערד.

דער איינציגער שטיקעל צדיק וואָס בלייבט, איז נח, אָבער זיין זוהן חם שטעהט שוין נידריגער פאַר איהם און די חברה אין סדום פאַלט אזוי נידעריג, אז גאָט מוז זיי ווידער פערטיליגען. בלייבט לוט, דער איינציגער צדיק פון שטאָדט, וואַקסט אָבער פון איהם ארויס א נידעריגער דור פון די בני מואב. אברהם איז א גרעסערער צדיק פון יצחק׳ן, יצחק פון יעקב׳ן, יעקב פון זיינע זיהן, און זיינע זיהן פון די בני ישראל. אין דער ווייטערדיגער געשיכטע האַלטען די אידען אין איין פאַלען, און גאָט מוז זיי שטראָפען מיט אייזערנע ריטער, ביז עס קומט, לויט דער קריסטליכער טעאָלאָגיע, יעזוס, דער ערלייזער פון דער וועלט. אָבער די אידען אַנערקענען איהם ניט און פאלען דעריבער גאַר אין גאַנצען. דאָס אויסערוועהלטע פאָלק ווערען די קריסטען, וואָס בעקומען דערפאַר א ממשלה איבער דער וועלט. אבער זיי ווערען אויך ערגער פון טאָג צו טאָג, און ענדיגען וועט זיך דאָס דערמיט, וואָס גאָט וועט זיך ווידער מוזען מטריח זיין און פערטיליגען

שיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג זעהר לאנג געווען א פאלקאם אונבעאקערט פעלד. די וויסענשאפטליכע אויספארשונג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, די קולטור־געשיכטע, סאציאלאגיע (די געשיכטע פון דער געזעלשאפט) און אנטראפאלאגיע (די געשיכטע פון דעם מענשליכען מין) זיינען נאך גאנץ יונגע וויסענשאפטען, וואס זיינען געשאפען געווארען ערשט אין דעם לעצטען יאהרהונדערט. ביז דעמאלט פלעגט מען זיך בענוגענען בלויז מיט סברות און השערות, וואס האבען געקאנט זיין אפילו געניאל, אבער זיי האבען ניט געקאנט פערבייטען די אמת'ע וויסענשאפט.

די געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג איז א לאנגע צייט געווען די מאנאפאל פון טעאלאגען, פון רעליגיאנס־פארשער, אדער ריכטיגער — פרעדיגער. פאר אט די געלעהרטע, וואס האבען זיך שטענדיג פערנומען מיט איינעם פון די העכסטע און פערשפרייטסטע מענשליכע בעגריפען, מיט דעם רעליגיאנס־בעגריף, האט די געשיכטע פון דעם טרעגער פון דעם בעגריף, פון דעם מענשען, פערשטעהט זיך, געהאט גאר א בעזונדערע בעדייטונג.

דער שווערפונקט פון זייערע אויספארשונגען איז שטענדיג געווען: וואו געפינט זיך די גאלדענע עפאכע פון דער מענשהייט, וואו דארף מען זוכען דעם „פאלקאמען מענשען“, פ א ר אונז, צי ה י נ ט ע ר אונז.

מיט אנדערע ווערטער: צי איז דער איצטיגער צושטאנד פון דער מענשהייט א רעזולטאט פון א לאנגזאמער און נאטירליכער אינערליכער ענטוויקלונג, אדער גאט האט איין מאל פאר אלע מאל בעשאפען אזוי דעם מענשען, און די מענשליכע שבטים, וואס שטעהען נידעריגער פון דעם איצטיגען הויכשטיטליכען מענשען זיינען נור געפאלען פון א העכערער קולטור צו א נידריגערער.

פאר די ניט־טעאלאגישע געלעהרטע, וואס האבען אבער זייער וויסענשאפט גע'ירשנ'ט דירעקט פון די טעאלאגען איז די פראגע אויף געשטאנען אין דערזעלבער פארם: צי איז דער איצטיגער מענש מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות א רעזולטאט פון א לאנגזאמער פראגרעסיווער ענטוויקלונג אדער פערקעהרט. די איצטיגע מענשהייט האט רעגרעסירט אין פערגלייך מיט עפים אן אידעאלען טיפ פון א

דעם פיזישען שטויס פון דער האַנט, דעם ווידערשטאַנד פון דער ערד, דעם מאַטעריאַל פון וועלכען די גלאָז איז געמאַכט געוואָרען. אויב ביי ביידע גלעזער זיינען די אַלע אומשטענדען, וואָס זיינען נויטיג פאַר'ן צוברעכען געווען דיזעלבע, הייסט דאָס, אַז אויף דער ניט־צובראָכענער גלאָז האָבען געווירקט נאָך אַנדערע אומשטענדען. מעגליך, אַז זי איז האַרטער, אָדער זי איז געפאַלען אויפ'ן זייט, וואָס איז גרע־בער, אָדער אויף אַזאַ פּלאַץ, וואו די ערד איז ווייכער און האָט איהר ניט געקאָנט אומקעהרען דעם גאַנצען שטויס.

דאָס הייסט, אַז אַפילו אין פאַל מיט אַ צובראָכענער גלאָז קאָנען מיר אויך ניט נעהמען אין אַכט נור איין אויסערליכען אומשטאַנד, וואָס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען. ס'האָבען דאָ אין איין און דעמזעלבען אָרט און צייט געווירקט פערשיעדענע אומשטענדען, פון וועלכע איינע האָבען מיטגעהאָלפען אָדער אָבגעשוואַכט די אַנדערע. און ווילען מיר וויסענשאַפטליך ערקלערען פאַר וואָס איין גלאָז איז צובראָכען געוואָרען און די אַנדערע ניט, מוזען מיר נעהמען אין אַכט אַ ל ע אומשטענדען, וואָס האָבען דאָ געווירקט.

דאָסזעלבע איז ריכטיג אויך אין דער אויספאָרשונג וועגען דער מענשליכער קולטור. מיר מוזען שטענדיג פאָרשען און האָבען אין זינען אַלע אומשטענדען, וואָס האָבען געקאָנט ווירקען אויף דער ענטוויקלונג. און נור ווען מיר וועלען זיי אַלע וויסען, וועלען מיר קאָנען גענוי ערקלערען פאַר וואָס איין מענשליכע גרופּע האָט זיך שנעלער ענטוויקעלט און די אַנדערע איז אָבגעשטאַנען אין איהר ענטוויקלונג.

אַזאַ מעטאָד פון אויספאָרשען, הייסט אַן ע מ פּ י ר י ש ע ר מעטאָד, אַן אויספאָרשונג לויט פאַקטען און ניט לויט השערות, אָדער ריכטיגער: אַן אויספאָרשונג אין וועלכער די השערות ווערען געבויט אויף פאַקטען און ניט פערקעהרט: די פאַקטען ווערען צוגעצויגען צו די פריהער אָנגענומענע השערות.

דער עמפּירישער מעטאָד איז אָבער אַ קינד ערשט פון דער נייעסטער ענטוויקלונג, ריכטיגער — פון די לעצטע 1½ הונדערט יאָהר. ביז דעמאָלט פלעגט מען פאָרשען פיעל „בעקוועמער": מען פלעגט מאַכען אַ השערה און זעהן צי מען קאָן ניט אויסגעפינען פאַק־טען, וואָס זאָלען די השערה בעשטעטיגען. אַ דאַנק דעם איז די גע־

אינדיווידועלע חלוקים און פעראַלגעמיינערען די קענטעניסען און בעגריעפען פון גאַנצע פעלקער, פונקט אזוי ווי קוקענדיג פון א הויכען באַרג אויף אַן אַרמעע זעהען מיר ניט יעדען סאָלדאַט בעזונדער, נור גאַנצע אָבטיילונגען, ווי זיי געהען זיך צונויף און טיילען זיך פאַנאַנדער“.

אויספאָרשען די מענשליכע קולטור הייסט, דעריבער, בעקענען זיך מיט איהר א ל ג ע מ י י נ ע ם ענטוויקלונגס־גאַנג, אָנצייגען די הויפט גייסטיגע און מאַטעריעלע רייכטהימער, וואָס די מענשהייט האָט אָנגעקליבען אין מיטך פון איהר ענטוויקלונג, און ערקלעהרען די אומשטענדען, צוליעב וועלכע די ענטוויקלונג איז אוועק אין דער אָדער יענער ריכטונג.

אָבער דאָ קען מען שטעלען א קשיא:

וואָס פאַר א ממשות קאָן האָבען די ערקלעהרונג פון די אויסערליכע אומשטענדען, צוליעב וועלכע די ענטוויקלונג האָט אָנגענומען א בעשטימטע ריכטונג, אויב מיר זעהען, אז ביי ד י ז ע ל ב ע אומשטענדען האָבען זיך ענטוויקעלט פעלקער מיט פ ע ר ש י ע ־ ד ע נ ע קולטורען?

פאַר וואָס האָבען זיך אין פאַלעסטינא געפונען גלייכצייטיג די הויך־ענטוויקעלטע אידען און די האַלב־ווילדע בעדואינער? פאַר וואָס זיינען אין פראַנקרייך אויסגעוואקסען, האַנד ביי האַנד, דאָס אינטעליגענטע פראַנצויזיש פאָלק און די פערגרעבטע ברעטאָנער?

לאָזט זיך ניט דענקען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהאָן מיט ספעציעלע, איינגעבוירענע אייגענשאַפטען פון פעלקער, וואָס לאָזען זיך וויסענשאַפטליך ניט ערקלעהרען און וויבאַלד אזוי, קאָנען קיין אַלגעמיינע מעטאָדען פון פאָרשונג ניט העלפען?

מיר וועלען דאָס ערקלערען מיט אַביישפיעל.

מיר שאַרען אַראָב פון טיש צוויי גלעזער. ביידע פאַלען אַראָב אויף דר׳ערד. איינע צוברעכט זיך אויף שטיקלעך, די אַנדערע בלייבט גאַנץ. ווי קומט דאָס? פארוואָס איז איין גלאָז צובראָכען געוואָרען און די אנדערע ניט?

ס׳איז קלאָר, אז אין דעם פאל האָט קיין השגחה פרטית ניט געווירקט. דאָ האָבען געווירקט פיעל און פערשיעדענע אומשטענדען. כדי די גלאָז זאָל זיך צוברעכען האָט מען געדאַרפט אַ רייה קרעפטען:

דאָסזעלבע און נאָך מיט מעהר רעכט מוז מען טהאָן אין דער קולטור־געשיכטע, ווייל זי בעשטעהט פון אזוי פיעל אונצעהליגע פאַקטען און ערשיינונגען, אז ווען מען זאָל זיך נעהמען פאַר זיי אַלע אינאיינעם, וואָלט מען זיך געמוזט פערפלאָנטערן און קיין מאָל צו קיין סוף ניט געקומען. מען מוז דעריבער צוגליעדערן די מענשליכע געשיכטע, מען מוז אויסטיילען די איינפאַכע ערשיינונגען און צושטאַנדען פון די מעהר פערוויקעלטע און פערפלאָנטערטע, מען מוז נעהמען דעם מענשען פריהער אין זיין איינפאַכסטען צושטאַנד, ווען קולטור איז נאָך אזוי ארים, אז מען קאָן איבערצעהלען איהרע בעזונדערע עלעמענטען. און ערשט ווען מען טהוט דאָס, קאָן מען ביסלעכווייז, צוגעבענדיג צו די איינפאַכע עלעמענטען אלין נייע און מעהר פערוויקעלטע, דערפאָרשען די געשיכטע פון דער מענשליכער קולטורעלער ענטוויקלונג פון איהרע ערשטע שטופען ביז איהר איצטיגער הויך.

אָבער ווי קליבט מען זיך פאַנאַנדער אין דעם אונגעהויער גרויסען באַרג פון פאַקטען און ערשיינונגען, וואָס די געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג האָט אונז ביז איצט געגעבען?

דער דערמאָהנטער קולטור־היסטאָריקער ט י י ל אָ ר ערקלעהרט דאָס אויף אַזאַ אופן:

„די מענשהייט בעזיצט א וואונדערליכע אייגענשאַפט, וואָס העלפט מיט דער סיסטעמאַטישער אויספאָרשונג פון דער ציוויליזאַציע. מיר מיינען דערמיט דעם שטילען אָבמאַך און די איינשטימיגקייט, מיט וועלכער גאַנצע פעלקער פעראייניגען זיך אין בענוצען איינע און דיזעלבע שפּראַך, אין נאָכפאָלגען איינעם און דעמזעלבען גלויבען אָדער נאַטירליכען רעכט, אין דעם דערגרייכען צו דערזעלבער הויך פון קונסט און וויסען. א דאַנק דעם אומשטאַנד קאָנען מיר לאַזען אָן א זייט די אויסנאַהם־פאַקטען און בעשרייבען די פעלקער־לייט א בעשטימטער מיטעל־מאָס. גלייכצייטיג גיט דאָס אונז די מעגליכקייט פאָרצושטעלען גרויסע מאַסען פּרטים דורך איינצעלנע טיפּישע פאַקטען. אַלע איבעריגע פעלען ווערען שוין במילא קלאַסיפיצירט און פערנעהמען זייער אָרט אין בעצוג צו אָט די טיפּישע פאַקטען. אין בוי פון דער מענשליכער געזעלשאַפט לאָזט זיך בעמערקען אַזאַ רעגעלמעסיגקייט, אז מיר קאָנען רוהיג לאָזען אָן א זייט די

ריכטיגע בילד פון אונזער פערגאַנגענהייט, ווייל מען קאָן ניט דענקען, אז די אַלע פערשוואונדענע פעלקער אין די פערשיעדענע טיילען פון דער ערד, די „ווילדע“ פעלקער, וואָס מען געפינט איצט, און די שריפטען, וואָס מיר ענטדעקען, האָבען זיך ספּעציעל צונויפגערעדט אָבצונאַרען אונז און פערפיהרען. אויב דאָס רוב פון אָט די עדות דערצעהלען וועגען ריזעלבע פאַקטען, הייסט דאָס, אז מיר קאָנען זיך אויף די פאַקטען פערלאָזען און ציהען א פעסטע קייט פון דער פערגאַנגענהייט דורך דער געגענוואַרט צו דער צוקונפט.


אזוי קאָנטראָלירען מיר דעם היינט און דעם מאָרגען דורך דעם נעכטען, און די פערגאַנגענהייט דורך דעם, וואָס מיר געפינען אין דער געגענוואַרט.

.3

איצט, נאָך דעם ווי מיר האָבען פעסטגעשטעלט די א י י נ ה י י ט פון דער מענשליכער קולטור־ענטוויקלונג און בעוויזען די מ י ט ל ע ן מיט וועלכע די איינהייט ווערט דערוויזען, קאָנען מיר איבערגעהן צום מ ע ט אָ ד פון דער אויספאָרשונג פון דער קולטור־געשיכטע.

מעטאָדיש אויספאָרשען הייסט, בעטראַכטען א פראַגע שטופּענוויז, טיילענוויז. דער מעטאָד פון א וויסענשאַפטליכער אויספאָרשונג בעשטעהט, הייסט דאָס, אין צוטיילען, צוגליעדערען דעם געגענשטאַנד וואָס מען פאָרשט.

די צוגליעדערונג איז שטענדיג א קינסטליכע. מען טיילט קינסטליך אָב איין ערשיינונג פון דער אַנדערער, כדי מען זאָל קאָנען בעסער בעטראַכטען יעדען טייל בעזונדער. ווען מען וויל זיך בעקענען מיט'ן בוי פון דעם מענשליכען קערפּער, מוז מען איהם צוגליעדערן אויף שטיקלעך און בעטראַכטען יעדער גליעד. יעדער טייל און יעדער נערוו בעזונדער. פערשטעהט זיך, אז דער מענש בעשטעהט ניט פון איינצעלנע אָבגעהאַקטע גליעדער, ער איז א לעבעדיגע איינהייט, וואָס פערבינדט זיי אַלע אין אן אָרגאַניזם. אָבער צוליעב בעקוועמליכקייט מוז מען בעטראַכטען יעדען טייל בעזונדער אין זיין איינפאַכסטער פאָרם.



פיגור 35. שטיינערנע העק ביי פערשיעדענע ווילדע שבטים. אַזעלכע העק געפינט מען אויך אין דער ערד, און זיי בעווייזען, אַז די אוראַלטע איינוואוינער פון אייראָפּא און אַמעריקא האָבען אויך געאַרבייט מיט אַזעלכע אינסטרומענטען.

קאָן מען מיט זיכערהייט זאָגען, אז דער קולטורעלער צושטאַנד פון די פערשטאָרבענע דורות איז געווען אונגעפעהר דערזעלבער, ווי ביי די איצטיגע שבטים, וועלכע מיר האָבען ערשט ענטדעקט.

דאָס גיט אונז דאָס רעכט מיט מעהר צוטרויען צו בעציהען זיך צו די מנהגים און איינגלויבענישען פון די איצטיגע, האַלב־ווילדע פעלקער, ווייל מיר בעקומען דערפון א בילד, ווי עס האָבען געלעבט און געדענקט אונזערע אורעלטערן. און דערפון קאָנען מיר אויך ציהען א שלוס, אַז אזוי ווי פון אונזערע אורעלטערן, וואָס האָבען זיך נאָך בענוצט מיט שטיינערנע העק, האָט געקאָנט אויסוואַקסען א דור, וואָס ווייס זיך צו בענוצען מיט דעם דראָטלאָזען טעלעגראַף און מיט אַעראָפּלאַנען, אזוי זיינען אויך די איצטיגע „ווילדע“ פעלקער אויך פעהיג צו ענטוויקלען זיך מיט דער צייט צו דער זעלבער שטופע.

ווי געזאָגט, קאָנען מיר זיך ניט פערלאָזען בלויז אויף די שריפטליכע דענקמעלער, אויף די פאָלקס־לעגענדען און די צופעליגע רעשטען, וואָס מיר געפינען פון אַלטע פערשוואונדענע פעלקער. יעדער פון די עדות בעזונדער קאָן אונז לייכט פערפיהרען אויף א פאַלשען וועג. אָבער זיי אַלע אינאיינעם גיבען אונז דאָס אמת'ע און

צייכענט מיט איינע און דיזעלבע נעמען, הייסט דאָס, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען אָט די פערשיעדענע פעלקער האָבען געלעבט אינאיינעם. אויב מיר זעהן ווייטער, אַז אין אַלע אַרישע שפּראַכען, למשל, ווערען די נעמען פון די הויז־בהמות בעצייכענט מיט דיזעלבע ווערטער און פאַר תבואות עקזיסטירען פערשיעדענע נעמען, הייסט דאָס, אַז די פעלקער האָבען געלעבט אינאיינעם אָדער געבילדעט איין שבט נאָר אין דער צייט, ווען זיי האָבען זיך פערנומען מיט פיה־צוכט און, אַז זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו ערד־ארבייט ערשט נאָך דעם, ווי זיי האָבען זיך פונאַנדערגעטיילט, ווי אברהם מיט לוט׳ן.

די טויטע דענקמעלער, די רעשטען פון די געביידעס, די קברים, די געוועהר און אינסטרומענטען און די בערגלעך פון הויז־מיסט, וועלכע מען געפינט ביי די אויסגראָבונגען, האָבען פאַר אונז גאָר אַ בעזונדער בעדייטונג.

ווען מיר געפינען אין צענטראַל־אַמעריקאַ, אין דער שוויייץ און אין קאַמטשאַטקע הילצערנע פיילען מיט שטיינערנע אָדער ביינערנע שפּיצען, שטיינערנע האַמערס און בראָנזען־העק און מעסערס, און ווייסען דערביי, אַז די פעלקער וואָס האָבען געלעבט אין די ערטער האָבען בשום אופן ניט געקאָנט אריינטרעטען אין קיין בעציהונג איינע מיט די אַנדערע, ווערט פאַר אונז קלאָר, אַז מענשען, וואו און ביי וואָס פאַר אומשטענדען זיי זאָלען ניט לעבען, הויבען שטענדיג אָן פון איין און דיזעלבע ערפינדונגען. ווען מיר געפינען ערגעץ נאָך איצט אַ שבט וואָס בענוצט זיך מיט אַזעלבע אינסטרומענטען, קאָנען מיר כמעט זיכער זיין, אַז זיינע קולטור־בעגריפען און מנהגים זיינען כמעט דיזעלבע, ווי ביי די אוראַלטע מענשען, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט דעמזעלבען געוועהר און געצייג.

ווען מיר געפינען אין די מיסט־בערגלעך, טיעף אונטער דער ערד, הערנער פון בהמות, סקעלעטען פון הינד, ביינער פון פיש און אַש פון פערברענטע האָלץ, האָבען מיר דאָס רעכט צו קומען צום שלוס, אַז די מענשען, וואָס האָבען אין יענער צייט געלעבט, האָבען געקאָנט כאַפּען פיש, צוגעוואָהנט צו זיך דעם הונד, געפיטערט פיה און האָבען געוואוסט ווי זיך צו בענוצען מיט פייער. און ווען מיר ענטדעקען איצט מענשליכע שבטים, וואָס האָבען בלויז דיזעלבע זאכען, וואָס מיר געפינען אין יענע מיסט־בערגלעך אָדער קברים,

די לעגענדען און איבערטרייבונגען, וואָס ווערען אין זיי דערצעהלט, פּרובען מיר קלאָר מאַכען דעם אמת'ן אויסזעהן פון ווירקליכע געשעהנישען, וואָס האָבען אין זיי געפונען אן אָבקלאַנג. און צוליעב אזא פאָרשונג זיינען פאַר אונז במעט גאַנץ גלייך וויכטיג אזוינע געשיכטליכע שריפטען, ווי די תורה, אזוינע פּאָעטישע בעשרייבונגען, ווי האָמער'ס ליעדער, אָדיסעע און איליאַדע און אזוינע פּאָעטישע פאַנטאַזיעס, ווי האָראַס און לוקרעציוס דיכטונגען.

די פאָלקס־לעגענדען און באָבע־מעשיות, וואָס זיינען איצט נור א צייט־פערטרייב פאַר קינדער, זיינען אמאָל פאַר'ן פאָלק געווען זעהר וויכטיגע געשיכטליכע ערצעהלונגען. אין זיי האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט געשעהנישען און ערשיינונגען, וואָס זיינען ווירקליך פאָרגעקומען, זיי הריקען אויס מיט זיך דעם פילאָזאָפישען און מאָראַלישען צושטאַנד, אין וועלכען דאָס פאָלק האָט זיך געפונען, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען בעשאַפען ווערען. די אידישע מעשיות וועגען גולם, וואָס פלעגט אין אן עת צרה העלפען די געדריקטע אידען, וועגען די בלוט־בלבולים א. ז. וו., און די רוסישע מעשיות, וואָס זיינען פול מיט גזלנים און בייזע הערשער שפּיגלען אין זיך אָב די ווירקליכע צושטענדען, וואָס האָבען בעפאַרבט די געשיכטע פון די פעלקער.

די אויספאָרשונג פון דער שפּראַך גיט אונז א וויכטיגען קולטור־געשיכטליכען מאַטעריאַל. ווען מיר געפינען למשל אויס, אַז די שפּראַך פון די איצטיגע אונגאַרן, פון די פינער, די ווילדע לאַפּאַרען און די סיבירער טשוקטשעס איז אין עצם עהנליך איינע צו די אַנדערע, קאָנען מיר דערפון ציהען א שלוס, אז די פעלקער שטאַמען פון איין און דעמזעלבען שבט, וויל איצט געפינען זיי זיך צו ווייט איינע פון די אַנדערע צו ווירקען איינע אויף דעם אַנדערענס שפּראַך און אין דער צייט, ווען די שפּראַך איז ערשט געשאַפען געוואָרען, זייגען זיי נאָך געוועזן צו ווילד, אז זיי זאָלען קאָנען קולטורעל אסימילירען איינע די אַנדערע.

ווען מיר געפינען, אז אין די שפּראַכען פון פערשיעדענע פעלקער ווערען איינע און דיזעלבע געגענשטאַנדען, ווי פאַמיליען־פערהעלטניסען און די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען און אינסטרומענטען בע־

מעשיות און צערעמאָניעס האָבען אַ וואונדערליכע לעבענס־קראַפט און האַלטען אין זיך איין, נאָך בעסער, ווי אין שריפט פערשיעדענע אבקלאַנגען, זכרונות און שפורען פון די גאָר אַלטע צייטע.

דריטענס, די שפּראַך. די מענשליכע שפּראַך האָט זיך ענט־וויקעלט זעהר לאַנגזאַם. אַריינגעהמענדיג אין זיך נייע בעגריפען, האָט זי פונדעסטוועגען איינגעהאַלטען אין זיך שפורען פון פאַר־צייטיגע, שוין לאַנג פערשוואונדענע בעגריפען און איבערלעבונגען.

פיערטענס, טויטע, ניט־רעדענדע דענקמעלער, ווי אַלטע גע־ביידען, געוועהר און אינסטרומענטען, מיט וועלכע מענשען פלעגען זיך אַמאָל בענוצען. אָט די טויטע דענקמעלער רעדען אָפט מיט אַ מערקווירדיג לעבעדיגער שפּראַך וועגען דעם ווי מענשען האָבען אַמאָל געלעבט, וואָס זיי האָבען געקאָנט און ווי זיי האָבען געדענקט.

פינפטענס, די אויספאָרשונג פון די פערבליעבענע האַלב־ווילדע שבטים. זייער שפּראַך, זייער לעבען און זייערע מנהגים ווייזען אונז אָפט ווי מיר אַליין האָבען אַמאָל געלעבט און זיינען עהנליך אויף אונזער איצטיגער קולטור ווי קינדער זיינען עהנליך אויף דער־וואקסענע.

די שריפטליכע דענקמעלער דאַרפען ניט דוקא בעשרייבען געשיכטע. פערקעהרט, גאַנץ אָפט טרעפען זיך אין זיי בעוואוסטזיניגע אָדער אונבעוואוסטזיניגע פעלשונגען און ווען מיר זאָלען זיך פערלאָזען נור אויף זיי וואָלטען מיר בעקומען ווע־גען דער מענשליכער ענטוויקלונג אַ גאַנץ פאַלשע פאָרשטעלונג. ווען מיר פערלאָזען זיך, למשל, אויף די ידיעות פון אונזער תורה וואָלטען מיר געמוזט גלויבען, אז נח האָט אין זיין תבה טאַקע געראַטעוועט די גאַנצע וועלט און אז די צומישונג פון די שפּראַכען איז באמת פאָרגעקומען צוליעב דעם, וויל די מענשען האָבען גענומען בויען דעם בבל־טורעם. פון דער אַנדער זייט וואָלטען מיר אויפ'ן גרונד פון דעם אַלטען גריכישען געאָגראַף סטראַבאָנ'ס שריפ־טען, טאַקע געקאָנט־קומען צום שלוס, אז עס זיינען אין יענער צייט געווען מענשען מיט איין אויג אין שטערען און מיט הינטישע אויערן.

מיר מאַכען דעריבער א קריטישע אויספאָרשונג פון די אַלטע שריפטען, פערגלייכענדיג זיי איינע מיט די אַנדערע, נעהמען מיר פון זיי ארויס דעם תמצית אמת, וואָס אין זיי איז דאָ און פון הינטער

דאַכט זיך באמת אַ גאַר ווילדע מאָראַל. פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז דער אויסדרוק „האָטענטאָטען מאָראַל“ ווערט אָנגעווענדט גראָד צו היינטיגע מענשען פון אונזער קולטור־לער געזעלשאַפט. דאָס הייסט דאָך, אַז אין אונזער קולטורע־לער געזעלשאַפט געפינען זיך מענשען, קלאַסען און אָפטמאָל גאַנצע פעלקער, וואָס האַנדלען אין זייער פראַקטישען אַלטעגליכען לע־בען (בעת מלחמות למשל) לויט אָט דער „ווילדער“ האָטענטאָטען־מאָראַל.

דאָס איז אַ לאָגישער בעווייז, אַז צווישען אונזער איצטיגער קולטורעלער געזעלשאַפט און צווישען דער פרימיטיווער קאָן דורכגע־צויגען ווערען אַ קייט, וואָס פערבינדט די ערשטע און די העכסטע שטופען פון דער קולטור אין איין איינהייט.

איז אָבער די פראַגע, ווי געפינט מען אַלע רינגען, פון וועלכע די קייט בעשטעהט, ווי פערבינדט מען אין איין שורה דעם ווילדען פאַפּואַס פון אויסטראַליע, דעם פערהעלטניסמעסיג ניט־לאַנג ענט־דעקטען מאַאָרי פון ניי־זעלאַנד און דעם וואַלד־נעגריטאָ פון צענטראַל־אַפריקא מיט אַזעלכע אַלטע ציוויליזירטע פעלקער, ווי די כינעזער אין איין עק וועלט, די אידען און העלענען אין אַן אַנדער עק און די היינטיגע אַנגלאָזאַקסען אין דעם דריטען? ווי דערווייזט מען, אַז די אַלטע פעלקער זיינען בעצם דורכגעגאַנגען איין און דיזעלבע ענט־וויקלונג און אַז זייערע איצטיגע הויכע קולטורען האָבען זיך אָנגעהויי־בען פונקט פון די זעלבע שוואַכע צווייגעלעך, וועלכע מיר געפינען איצט ביי די אָבגעשטאַנענסטע פעלקער?

די אויספאָרשונג פון דער קייט איז די אויפגאַבע פון דער וויסענשאַפט פון קולטור־געשיכטע און כדי אויסצוגעפינען די פיעל־פאַכע רינגען בענוצט מען זיך מיט פערשיעדענע מיטלען.

ערשטענס, מיט שריפטליכע דענקמעלער. כמעט יעדעס פאָלק, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו שריפט האָט פערצייכענט זיין אַלטע געשיכטע, זכרונות און מנהגים. פערגלייכען מיר די זכרונות און מנהגים געפינען מיר די אַלגעמיינע שטריכען, וואָס פערבינדען די פערשיעדענע פעלקער.

צווייטענס, די פאָלקס־לעגענדען, באָבע־מעשיות און רעליגיעזע צערעמאָניעס פון די עקזיסטירענדע פעלקער. אָט די לעגענדעז,

בען נאָך זיך איבערגעלאָזען און וועלכע מען געפינט טיעף אין דר'ערד ביי די אויסגראבונגען.

אָבער אויב זיי האָבען נאָך זיך געקאָנט לאָזען אזעלכע רעשטען הייסט דאָך דאָס, אַז זיי זיינען שוין ניט געווען קיין ווילדע חיות, ווייל חיות קאָנען נאָך זיך איבערלאָזען נאָר זייערע ביינער אָדער די שפּורען פון זייער אייגענעם קערפּער.

אויב ס'האָבען אמאָל עקזיסטירט מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דערזעלבער הויך ווי חיות האָבען זיי נאָך זיך קיין שפּורען פון זייער ווילדקייט ניט איבערגעלאָזען, פּונקט ווי דאָס האָבען ניט געטהון קיין חיות. זיי האָבען גאָר נישט געהאַט און דעריבער גאָר ניט געקאָנט איבערלאָזען נאָך זיך.

מיר קאָנען דעריבער זאָגען: מיר ווייסען בלויז וועגען הויך־ענטוויקעלטע מענשליכע דורות און וועגען ווייניג ענטוויקעלטע, וועלכע זיינען מיט דער צייט דערגאַנגען, אָדער קאָנען דערגעהן צו א הויכער ענטוויקלונג. און פון דעם קאָנען מיר מאַכען א צווייטען אויספיהר: ניטאָ קיין „אתה בחרתנו“ אין דעם מענשליכען מ י ן, דער אונטערשיעד צווישען העכערע און נידריג ענטוויקעלטע מענשליכע שבטים בעשטעהט נאָר אין די שטופען פון ענטוויקלונג, אויף וועלכע די אָדער יענע זיינען פערבליבען אָדער זיך אויפגעהויבען א דאנק געוויסע אומשטענדען.

דאָס איז אן אַלטער אמת, אָבער עס שאדט ניט, ער זאָל אן איבריגען מאָל בעוויזען ווערען.

אַלס ביישפּיעל וועלען מיר נעהמען די האָטענטאָטען, א ווייניג ענטוויקעלטען שוואַרצען שבט אין דרום־אפריקא. ביי דעם געוואוינליכען קולטורעלען מענשען דינען די האָטענטאָטען אַלס א מוסטער פון כמעט ווילדע מענשען, וואָס זיינען ווייט פון דער איצטיגער קולטור, כרחוק מזרח ממערב. וויל מען בעצייכנען א נידריגען צושטאַנד פון מאָראַל זאָגט מען: די ה אָ ט ע נ ט אָ ט ע ן ־ מ אָ ר א ל. און מען בעגרינדעט דאָס אויף א פאַקט: א האָטענטאָט האָט ערקלערט פאַר א רייזענדען דעם אונטערשיעד פון גוט און שלעכט אויף אזא אופן:

— גוט איז, ווען איך גנב'ע יענעמס ווייב, שלעכט איז, ווען יענער גנב'עט צו מיין ווייב.

וועגען דער צייט ווען דער מענש איז געווען פאָלקאָם ווילד, ווי א חיה ווייסען מיר גאָר נישט. מיר קאָנען זיך נאָר טעאָרעטיש משער זיין, אז אויב מיר איצט ווייסען פיעל מעהר, ווי די אונענט־וויקעלסטע מענשליכע שבטים, איז דאָך זעהר מעגליך, אז אָט די שבטים ווייסען פיעל מעהר ווי יענע, וואָס האָבען געלעבט מיט צעהנדליגער טויזענדער יאָהרען פאר זיי און ס׳איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז פאר יענע זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען גאָר נישט געוואוסט און האָבען זיך אין קיין פרט אָדער זעהר וועניג זיך אונטערשיידעט פון חיות. דאָס איז וואהרשיינליך געווען אין יענער צייט, ווען דער מענשליכער מין האָט זיך ערשט געהאַלטען אין אויסשיילען פון דער חיה׳שער שאָלעכץ, פון וועלכער ער איז ארויסגעוואקסען.

אָבער דאָס איז נאָר אַ לאָגישע השערה וואָס קאָן ניט און דארף ניט דערוויזען ווערען, ווי עס קאָן ניט און דארף ניט דערוויזען ווערען, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער. קיין פראקטישע און פאקטישע בעווייזע דערצו האָבען מיר ניט און קאָנען ניט האָבען, און אָט פאר־וואָס.

די געשיכטע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג ווערט אויסגע־פאָרשט אויף צוויי אופנים, אויף אַן עטנאָגראפישען און אויף אַן ארכעאָלאָגישען.

עטנאָגראפיש קאָנען מיר אויספאָרשען נאָר די עקזיסטירענדע מענשליכע שבטים אָדער די וועלכע זיינען שוין אונטערגעגאנגען, נור זיי האָבען געלאָזען שפורען אין אונזער שפראך און קולטור. צווישען אָט די שבטים געפינען מיר קיין איינעם ניט, וואָס זאָל שטעהן אויף דער שטופע פון א ווילדער חיה, ווייל ווי גראָב און „ווילד“ זיי זאָלען ניט זיין האָבען זיי דאָך איין סמן, וואָס אונטערשיידט זיי פון חיות: זיי ר י י ד ע ן און גיבען איבער לדור דורות ז כ ר ו נ ו ת ווענען דעם וואָס זייערע אורעלטערען האָבען געפיהלט, גערעדט אָדער געטהון.

דער צווייטער מעטאָד, דער ארכעאָלאָגישער אורטיילט וועגען די מענשליכע דורות, וואָס זיינען שוין לאנג פערשוואונדען געוואָרען לויט די רעשטען פון געוועהר, געצייג און געביידעס, וואָס זיי האָ־

אלס מאָס פאַר דעם קולטור־צושטאַנד פון פערשיעדענע מענשען־גרופען נעהמען מיר אָט דעם בעגריף וועגען קולטור און אבהענגיג פון דעם, ווי רייך די גרופען זיינען אין קולטור־ווערטהען. טיילען מיר זיי איין אין דריי גרויסע גרופען :

די קולטורעלע מענשהייט, די איצטיגע קולטורעלע פעלקער, וואָס בענוצען זיך בעוואוסטזיניג מיט דער גאנצער ירושה פון די פריהערדיגע קולטור־עפּאָכען.

די ווילדע מענשען, וועלכע עס פעהלען נאָך כמעט אלע סמנים פון דעם מאָדערנעם קולטור־לעבען און וועלכע בענוצען זיך ניט מיט זיינע רעזולטאַטען.

די באַרבאַרישע וועלט, וועלכע געפינט זיך אינ־מיטען צווישען אָט דיביידע עקסטרעמען.

דערביי מוזען מיר געדענקען, אז די צוטיילונג איז א קינסט־ליכע און מען מאַכט זי בלויז צוליעב טעאָרעטישע בעקוועמליכקייט. ווייל אפילו די ווילדסטע פון די איצטיגע שבטים בענוצען זיך שוין אויך מיט איינינגע זעהר וויכטיגע קולטור־עלעמענטען, ביי די קולטו־רעלע פעלקער זיינען נאָך פערבליבען זעהר פיעל ווילדע אינסטינקטען און מנהגים און ניט אלע זייערע טיילען שטעהען אויף דער הויך פון דער איצטיגער קולטור. און די באַרבאַרישע פעלקער פעראייניגען ביי זיך אין א גרויסער מאָס רעשטען פון ווילדקייט און עראָבערונגען פון דער קולטור, מיט וועלכער מיר בענוצען זיך איצט.

.2

דער געניאַלער פּאָעט געטהע האָט אַמאָל געזאָגט : „עס בייט זיך די מענשהייט, אָבער דער מענש בלייבט דערזעלבער". דאָס הייסט, פערשיעדענע מענשליכע געזעלשאַפטען און דורות קאָנען זיך אונטערשיידען צווישען זיך לויט דעם גראַד פון זייער ענטוויקלונג, לויט דער הויך פון זייער קולטור, אָבער אין גרונד פון זיי אלעמען געפינט זיך דערזעלבער מענש מיט זיין פעהיגקייט צו ענט־וויקלען זיך, מיט זיין ווילען אויסצונוצען די פעהיגקייטען און מיט זיין שטרעבען אויפצוהויבען זיך אויף א העכערע שטופע. און אין דעם פּרט איז ניטאָ קיין פּרינציפּיעלער אונטערשיעד צווישען דעם „ווילדען" מענשען און דעם קולטורעלען.

דער גרונד־סמן פון קולטור איז אלזא דאס, וואס איהר טרעגער איז ניט דער איינצעלנער מענש, נור די געזעלשאפט, אדער דאס פאלק, וואס האט זי געשאפען. און די געזעלשאפט מיינט דערביי ניט נור די לעבעדיגע מענשען, וואס בענוצען זיך מיט די רעזולטאטען פון דער קולטור, נור אלע זייערע פארגענגער און קומענדע דורות. ווייל באמת בענוצען זיי זיך ניט נאר דערמיט וואס זיי אליין האבען געשאפען, נור אויך דערמיט וואס די פריהעריגע דורות האבען געשאפען און די רעזולטאטען פון זייער אייגענער ירושה און ארבייט וועלען זיי איבערלאזען פאר די, וואס וועלען קומען נאך זיי.

אבער ניט אלע מענשען גלייך קאנען זיין זייערע דירעקטע קולטור־יורשים. דערצו דארף מען האבען ניט נאר די קולטורעלקייט פון די פריהעריגע דורות, נור אויסער דעם נאך א בעזונדערע פעהיגקייט און צוגעפאסטקייט אנצונעהמען די קולטור. „ווילדע" מענשען למשל זיינען פעהיג אנצונעהמען נאר דעם אויסערליכען קולטור־גלאנץ, אבער ווען זיי פאלען אריין אין די פריהעריגע לעבענס־בעדינגונגען פערלירען זיי די אנטליהענע קולטור.

דעריבער גיט שורץ די פאלגענדע בעשטימונג פון דעם בעגריף „קולטור" :

„קולטור איז די ירושה פון דער ארבייט פון די פריהערדיגע דורות, אויף וויפיעל זי ווערט פערקערפערט אין די פעהיגקייטען, אין בעוואוסטזיין, אין דער ארבייט און אין די רעזולטאטען פון דער ארבייט פון די דורות, וואס לעבען איצט". דער אינהאלט פון קולטיר בעשטעהט אין דעם, וואס „זי שטרעבט אוועקצושטעלען אויפ'ן ארט פון אן אונבעוואוסטזיניגער צוועקמעסיגקייט און פרימיטיווע אינסטינקטען דעם קלארען בעוואוסטזיין פון סבות און פאלגען און גיט דערמיט א שטויס פאראויס דער צוועקמעסיגער בעוואוסטזיניגער טעטיגקייט."

שורץ'ס ערקלערונג פון דעם קולטור־בעגריף איז ברייטער ווי טיילארס. אבער דער אינהאלט, וואס שורץ און טיילאר לעגען אריין אין דעם בעגריף בלייבט דערזעלבער : דאס איז די גאנצע סומע גייסטיגע און קולטורעלע רייכטימער, וואס געהען איבער און ווערען בענוצט און ענטוויקעלט לדור דורות.

פיאישער. דער בעגריף „ציוויליזאַציע“ נעהמט אין זיך אריין אויך די אַלע עלעמענטען, מיט וועלכע איין קולטור־תקופה שיידט זיך אָב פון דער צווייטער, בעת דער בעגריף „מענשליכע קולטור“ שליסט אין זיך איין נור די אַלגעמיינע ווערטהען, וועלכע די מענשהייט האָט אָנגעקליבען ביז איצט. דאָס וואָרט „קולטור“ איז דעריבער ברייטער פון „ציוויליזאַציע“.

דער בעריהמטער קולטור־היסטאָריקער טיילאָר, בעצייכענט דעם בעגריף „קולטור“ אויף אַזאַ אופן:

„די קולטור (אדער ציוויליזאַציע אין ברייטען עטנאָגראַפישען זינן) בעשטעהט אַלס גאַנצעס פון דעם וויסען, גלויבען, קונסטען, מאָראַל, געזעצען, מנהגים און אַנדערע פעהיגקייטען און געוואָהנ־הייטען, וואָס דער מענש, אַלס מיטגליעד פון געזעלשאַפט, האָט אין זיך אריינגענומען“.

דאָס איז אַ גאַנץ ברייטער בעגריף, ווייל ער נעהמט אין זיך אריין אַלע אָנזאַמלונגען פון יעדער מענשליכער געזעלשאַפט, אפילו די שלעכטע אָנזאַמלונגען, און אפילו פון די אָבגעשטאַנענע געזעל־שאַפטען. אויף אַזאַ אופן האָט אפילו דער ווילדסטער ניגער־שבט זיין קולטור, און אפילו מענשענפרעסעריי און שקלאַפעריי איז אויך אַן עלעמענט פון קולטור.

אַנאַנדער גרויסער פאָרשער פון דער קולטור־געשיכטע, שורץ, פרובט זיך אַנדעריש בעשטימען דעם בעגריף „קולטור“.

„קולטור, — זאָגט ער אין זיין „אורגעשיכטע דער קולטור“, — בעשטעהט אין דער ווירקליכקייט ניט פון מאַטעריעלע זאַכען און רעזולטאַטען, נור פון די קרעפטען, וואָס רופען די רעזולטאַטען ארויס“. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז אַ גרויסע אייראָפּעאישע שטאָדט איז פערלאָזען געוואָרען דורך איהרע איינוואוינער און איז פערפלייצט געוואָרען מיט באַרבאַרען. די נייע ווּעניג־קולטורעלע איינוואוינער וועלען ניט נאָר ניט איינהאַלטען דאָס, וואָס זייערע פאָרגענגער האָבען געשאַפען, נור זיי וועלען אַלין פערטיליגען און די שעהנע גרויסע שטאָדט וועט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ חורבה. פון דער אַנדער זייט וועלען איהרע פריהעריגע איינוואוינער אפילו אין אַ ווילדען לאַנד ביי גינסטיגע בעדינגונגען לייכט בעשאַפען אַזאַ קול־טור־שטאָדט, ווי פריהער.

דעם בעגריף „קולטור“ מיט „בילדונג“. ווען מען זאָגט „אַ קולטורעלער מענש“ מיינט מען אַ געבילדעטען, און פערקעהרט. אָבער בילדונג און קולטור איז ווייט ניט איינס און דאָסזעלבע. ווייסען מיר דאָך, אַז אַ מענש קאָן זיך זיין גאַנץ געבילדעט און בלייבען אַ פּראַכטער אונקולטורעלער נפש מיט ווילדע אינסטינקטען. און פערקעהרט : אַ מענש קאָן זיין ניט זעהר געבילדעט און פונדעסטוועגען בעגעהן זיך מיט אנדערע און פיהלען מענשליך, איידעל, „קולטורעל“.

ווייל בעקומען בילדונג הייסט נור בעקענען זיך מיט איינציגע עלעמענטען פון דער קולטור. און פּונקט ווי איינער, וואָס האָט זיך אויסגעלערענט ענגליש איז נאָך דערמיט ניט געוואָרען קיין ענגלענדער, אַזוי איז דער, וואָס האָט בעקומען איינציגע עלעמענטען פון דער קולטור נאָך ניט געוואָרען דערמיט קיין קולטורעלער מענש.

די נעגער־שבטים פון די אנטיל־אינזלען ריידען כמעט אַלע ענגליש, וואָס זיי האָבען איבערגענומען ביי זייערע פריהעריגע הערשער, זיי האָבען אפילו איינגעפיהרט אין זייערע מלוכות איינציגע עלעמענטען פון דער ענגלישער און אַמעריקאנישער מלוכה־אָרדנונג, אָבער אויף דעם קולטור־לייטער שטעהען זיי נאָך זעהר ווייט פון די ענגלענדער און אַמעריקאנער.

ווייל קולטור אננעהמען הייסט ניט נור אויסלערנען זיך אָדער צופּאַסען זיך צו איינציגע פון איהרע אויסערליכע עלעמענטען, נור אַריינגעהמען אין זיך און צונויפוואַקסען זיך מיט אַלע איהרע גרונד־טיילען.

מיט מעהר רעכט קאָן מען דאָס וואָרט „קולטור“ פערבייטען מיט'ן וואָרט „ציוויליזאַציע“. אַזוי טהוט ניט נור דאָס פאָלק, נור אפילו פיעל געלעהרטע.

צווישען קולטור און ציוויליזאַציע איז ווירקליך דאָ אַ זעהר גרויסע נאָהענטקייט. אָבער די ביידע בעגריפען זיינען פונדעסטוועגען ניט איינע און דאָסזעלבע. ציוויליזאַציע בעדייטעט נור דעם צייטליכען קולטורעלען צושטאַנד פון אַ געוויסער מענשליכער גרופּע אָדער גרופּען. אַזוי קאָן מען, למשל, ריידען וועגען דער כינעזישער ציוויליזאַציע און וועגען דער באַבילאָנישער, וועגען דער אידישער און וועגען דער העלענישער, וועגען דער אַמעריקאַנער און איירא־

מענשען, אז ער איז א פאלקאם קולטורעלער מענש.

אפילו דאס, וואס מיר קאנען וועגען א איצטיגען מענשען, וועגען אונזערן א שכן אדער בעקאנטען זאגען, אז ער איז א ווילדער מענש אדער ער בעגעהט בארבארישע מעשים ווייזט, אז דער אונטערשיעד פון דעם איצטיגען מענשען ביז דעם פארצייטיגען ווילדען איז גאר ניט אזוי גרויס, ווי מען שטעלט זיך געוואוינליך פאר, און אז מיר זיינען אבגעטיילט פון אונזער אמאליגען צושטאנד ניט מיט קיין תהום, נור בלויז מיט דער צייט, אין וועלכער מיר האבען זיך ענטוויקעלט צו א העכערער שטופע, צו א העכערער קולטור.

אויספארשען די קולטור פון דער מענשהייט הייסט דעריבער בעקענען זיך ניט נור מיט איינצעלנע פאקטען, וואס ווייזען אונז דעם מענשען אלס דעם בעהערשער און קעניג פון דער נאטור, נור בעקענען זיך מיט דער געשיכטע פון דער גאנצער מענשליכער ענטוויקלונג.

וואס זשע פאר א אינהאלט לעגען מיר אריין אין בעגריף „קולטור“?

דאס ווארט „קולטור“ שטאמט פון לאטיינישען און בעדייט „קלייבען, זאמלען“ און צו גלייכער צייט „פפלעגען, ענטוויקלען“. פאר דער בעצייכנונג פון אונזער בעגריף פאסט דעריבער דאס ווארט אויסגעצייכענט, ווייל אין דעם בעגריף „קולטור“ געהט אריין ניט נור די זאמלונג פון מאטעריעלע און גייסטיגע רייכטימער, נור אויך זייער ענטוויקלונג.

ווען אלטמאנס גרויסע קונסט־קאלעקציע זאל בעהאלטען ווערען אויף אן אונבעוואוינטען אינזעל, וואוהין קיינער קאן ניט צוקומען, וואלט זי געווען נור א זאמלונג פון שעהנע זאכען. ווען אבער זי געפינט זיך אין ניו־יארק און איז אפען פאר אלעמען, וואס ווילען פון איהר שעפען פערגעניגען און ענטוויקלען זיך אונטער איהר ווירקונג איז זי א גרויסער קולטור־פאקטאר. ווייל דא קומען מענשען אין א דירעקטער בעריהרונג מיט די גייסטיגע רייכטימער, וואס זיינען געשאפען געווארען דורך אנדערע, ענטוויקלען זייער געשמאק, פערגרעסערען דעם סכום פון זייערע קונסט־בעגריפען און פאדערונגען און בעקומען א חשק צו א ווייטעריגער שאפונג. מען פערמיישט אפט

מענש, ער האָט אין גאַנצען ווילדע בעגריפען. קיין ווילדע מענשען לעבען שוין ניט צווישען אונז, מיר האָבען זיי ס'רוב אויף אונזער לעבען אפילו אין די אויגען ניט אָנגעזעהן און פיעלע האָבען אפשר אויך גאָר ניט געהערט, אז ס'זיינען נאָך דאָ אויף דער וועלט ווילדע מענשען. פונדעסטוועגען איז דער בעגריף וועגען אַ ווילדען מענשען פערבליבען אין אונזער שפּראַך אַלס זכר פון אונזער פאַרציי־טיגען צושטאַנד.

מען זאָגט: ס'איז אַ באַרבאַרישער מאָרד, אַ באַרבאַרישע בע־ציהונג צו זאַכען, אַ באַרבאַרישער געשמאַק. קיין אמת'ן באַרבאַר האָבען מיר טאַקע ניט געזעהן, אָבער ס'איז פערבליבען דער בעגריף וועגען באַרבאַריי.

און וויל מען עמיצען לויבען און ווייזען, אַז אין איהם זיינען שוין ניט פערבליבען קיין רעשטען פון ווילדקייט און באַרבאַריי, זאָגט מען: ער איז אַ קולטורעלער מענש, ער האָט אמת'ע קולטורעלע בעגריפען אָדער געפיהלען, ער האַנדעלט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ קול־טורעלען מענשען.

שוין דאָס אַליין, וואָס מען שטעלט אַנקעגען דעם ווילדען אָדער באַרבאַרישען טהאַט אָדער בעגריף אַ קולטורעלע בעציהונג צו זאַכען, ווייזט, אַז צווישען די בעגריפען „ווילדקייט, באַרבאַריי און קולטור" עקזיסטירט אַ זעהר נאָהענטע שייכות, אַז זיי קאָנען פ ע ר ג ל י־כ ע ן ווערען.

מען קאָן למשל ניט פערגלייכען קיין בלייפעדער מיט אַ הויז. דאָס זיינען צוויי פערשיעדענע זאַכען. מען קאָן אָבער פערגלייכען אַ גוטען בלייפעדער מיט אַ שלעכטען, אַ הימעלקראַצער מיט אַ פּויערש הייזעל, ווייל דאָס זיינען זאַכען פון דעמזעלבען מין.

אויב מיר קאָנען פערגלייכען ווילדקייט, באַרבאַריי און קולטור, הייסט דאָס, אַז דאָס זיינען ניט קיין פ ע ר ש י ע ד ע נ ע זאַכען, ניט קיין געגענזעצליכע בעגריפען, נור איין בעגריף, וואָס שיידעט זיך נור אונטער פון אַנדערע טיילען פון דעמזעלבען בעגריף מיט זיינע שאַטירונגען, מיט זיין הויך. מען וואָלט דעריבער מיט דעמזעלבען רעכט געקאָנט זאָגען וועגען אַ „ווילדען" מענשען, אַז ער איז ו ו ע נ י ג ק ו ל ט ו ר ע ל, וועגען אַ באַרבאַר, אַז ער איז ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר און וועגען דעם איצטיגען ציוויליזירטען

ווילדקייט, בארבאריי און קולטור

(וואָס לערענט אונז די קולטורגעשיכטע ?)

דער בעגריף וועגען ווילדקייט. צי זיינען נאָך פערבליבען רעשטען פון ווילדקייט אין דער איצטיגער געזעלשאַפט ? וואָס איז אַזוינס קולטור. טיילאָר'ס און שורצ'ס מיינונגען וועגען קולטור. דער אונטערשיעד צווישען קולטור, בילדונג און ציוויליזאַציע. די מיטלען, מיט וועלכע די קולטור ווערט אויסגעפאָרשט. די שפּראך, ארכעאָלאָגישע קוועלען. ווי קאָנען פערשיעדענע קולטור־צושטאנדען פערגלייכט ווערען. די איינהייט פון קולטור. מעטאָדען פון קולטור־פאָרשען. דער טעאָלאָגישער און דער עמפּירישער מעטאָד. ווי האָט מען געפאָרשט די קולטור אין אַמאָליגע צייטען. גיבאָנ'ס מיינונג. דער איצטיגער געשיכטליכער מעטאָד. די איינטיילונג פון די קולטור־פעריאָדען. מאָרגאַנ'ס סיסטעם. דער איבערגאַנג פון איין עפּאָכע אין דער צווייטער. די וועגען און ציעלען פון דער מענשליכער קולטור.

.1

די מענשליכע שפּראך איז אַ וואונדערליכער אוצר פון פאַקטען און בעגריפען, וואָס זיינען אין איהר פערבליבען איינגעפּאַסט, ווי אַ דימאַנט אין אַ רינג אָדער ווי אַ שטיין אין אַ מויער. קינדער קאָנען נאָך ניט ריידען אויף דער שפּראך פון די עלטערן, אָבער די עלטערן געדענקען נאָך און בענוצען אַלע קינדער־ווערטער און בעגריפען, וואָס האָבען פאַר זיי אַליין שוין לאַנג אָנגעוואוירען זייער בעדייטונג. די מענשליכע שפּראך כאַראַקטעריזירט מיט זיך אונזער ענטוויקלונג.

אין אונזער שפּראך ווערען אָפט בענוצט די ווערטער : ווילד־קייט, באַרבאַריי און קולטור. מען זאָגט : ער איז גאָר אַ ווילדער

7-טע פאָרלעזונג

מ. א. כץ

ווילדקייט, באַרבאַריי און קולטור

(וואָס לערענט אונז די קולטורגעשיכטע?)

די אינדיווידען, די איינצעלנע מענשען ווערען אלײן פרייער, ד. ה., זיי האָבען אלײן מעהר מעגליכקייטען צו ענטוויקלען און ארויסצואווייזען זייער אָריגינאַליטעט, אויף וויפיעל די בעזונדערע געזעלשאַפטליכע גרופען ווערען אָן זייער זעלבסטשטענדיגקייט און ווערען אלײן מעהר עקאָנאָמיש אבהענגיג איינע פון די אַנדערע. די ברייטקייט פון פערקעהר, דער וואוקס פון ארבייטס־טיילונג, די ענטוויקלונג פון דער טעכניק, די פערשיעדענאַרטיגקייט פון לעבען און די פערוויקעלטקייט און פערפלאָנטערטקייט פון די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען, — דאָס אלײן בעשאַפט א באָדען ניט נור פאַר דער זעלבסטשטענדיגער ענטוויקלונג פון אינדיווידואום, נור אויך פאַר דעם וואוקס פון זיין ב ע ו ו א ו ס ט־ ז י י ן, פון זיין פ ע ר ש ט אַ נ ד. און דער וואוקס פון דעם מענשליכען בעוואוסטזיין און פערשטאַנד איז דער זיכערסטער מיטעל צו דער פערווירקליכונג פון זיין פרייהייט.

* * *

דאָס זיינען די אויספיהרונגען פון דער מאָדערנער סאָציאָלאָגישער וויסענשאַפט.

אויף דער פראגע : וואָס איז אַזוינס געזעלשאַפט ? דארף מען ענטפערען, אַז די געזעלשאַפט איז אַ רעאַל־עקזיסטירענדע זאַך, אַ מין אָרגאַניזם, וואָס איז קיינמאָל ניט „ענטשטאַנען“, קיינמאָל ניט „בעשאַפען“ געוואָרען, נאָר — ווי יעדער אָרגאַניזם — ענטוויקעלט זי זיך, ד. ה. זי האלט אין פראָצעס פון שטענדיגער בעשאַפונג און אונטערגאַנג. נאָר די ענטוויקלונג פון געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם געהט ניט לויט די ביאָלאָגישע געזעצען פון א געוועהנליכען אָרגאַניזם, נאָר לויט די ה י ס ט אָ ר י ש ע געזעצען, וועלכע זיינען אייגענטימליך נור פאַר דער מ ע נ ש ל י כ ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט. און דיעזע היסטאָרישע געזעצען פיהרען דערצו, אַז וואָס מעהר עס ענטוויקעלט זיך די געזעלשאַפט, ד. ה. וואָס ברייטער עס וואקסען זיך פאַנאַנדער איהרע עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטליכע גליעדער און פונקציאָנען, אַלץ אַ זיכערער באָדען ווערט בעשאַפען פאַר דער פרייהייט פון אינדיווידואום.

דערלאָזען. אַט דעריבער האָט אין קיין געזעלשאַפט ניט געהערשט אַזאַ האַרטער קאָנסערוואַטיזם מיט אַזעלכע פערשטיינערטע מנהגים, וואָס לאָזען ניט קיין פיצעל זעלבסטשטענדיגקייט פאַר'ן אינדיווידואום — אַזוי ווי אין די אַלטע פרימיטיווע געזעלשאַפטען.

אַן אַנדער בילד ווייזט ארוים די מענשהייט אויף די העכערע שטופען פון ענטוויקלונג.

די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן און דער ברייטער פערקעהר און האַנדעל פערניכטען די אָבגעזונדערטקייט און איינגעשלאָסענקייט פון די בעזונדערע גרופּען. די ווייטסטע דערפער, שטעדט און לענדער קומען אין א נאָהענטער בעריהרונג צווישען זיך און יעדער מענש, אין וועלכען אָרט ער זאָל זיך ניט געפינען, פערברויכט פערשיעדענסטע זאַכען, וואָס ווערען אויסגעארבייט אין פערשיעדענסטע נאָהענטע און ווייטע געגענדען. צוזאַמען מיט דעם וואַקסט די ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע ארבייטס־טיילונג. די איינוואוינער פון א געוויסען אָרט בעשעפטיגען זיך מיט דער פּראָדוקציאָן נור פון איין בעשטימטע זאַך, און אַלע אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען זיי נויטיג צום געברויך, בעקומען זיי דורכ'ן האַנדעל פון אַנדערע פערשיעדענאַרטיגע פּראָדוצירענדע גרופּען.

אויף אַזאַ אופן שטאַרבט אב די איינגעשלאָסענקייט, גאַנצקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון די בעזונדערע עקאָנאָמישע גרופּען. ביי די אַמאָליגע בעדינגונגען האָט די גאַנצע מענשהייט געקענט אונטערגעהן, און אויב עס וואָלט געבליעבען איין דערפעל אויף זיין אלטען איינגעזעסענעם אָרט, וואָלט זיך דאָס דערפעל געקענט בלייבען עקזיסטירען און אָנפיהרען דעם זעלביגען אַרט לעבען, גלייך ווי אין דער וועלט וואָלט גאָרנישט ניט געשעהן. אויף די העכערע שטופען פון ענטוויקלונג וואָלט אַזאַ פאַל געווען אונמעגליך. די איבערגעבליבענע מענשליכע גרופּע וואָלט בשום אופן ניט געקענט עקזיסטירען אהן אַלע אַנדערע גרופּען, מיט וועלכע זי איז עקאָנאָמיש איינג פערבונדען.

די בעזונדערע געזעלשאַפטליכע גרופּען האָבען אָנגעוואָרען זייער זעלבסטשטענדיגקייט. זיי זיינען געוואָרען אַבסאָלוט אָבהענגיג פון אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע גרופּען. ווי זשע איז מיט די אינדיווידען? מיט די איינצעלנע מענשען?

וויל ארויסגעהענדיג פון זיין גרופע, צושיידענדיג זיך מיט זיינע „ברידער“, האָט דער מענש געקענט זיין זיכער, אַז ער וועט גלייך בעגעגענען ענטוועדער דעם טוידט אָדער שקלאַפעריי.

ווי זשע האָט געקענט זיין די לאַגע פון אינדיווידואום אונטער אַזעלכע בעדינגונגען? האָט ער געקענט זיין פריי?

געוויס ניט. וואָרום וואָס איז אַזוינס די פרייהייט פון אינדיווידואום?

דאָס וואָרט „פרייהייט“ אין בעצוג צו געזעלשאַפט און אינדיווידואום, בעדייטעט, דאָס עס זאָל ניט זיין קיין שום שטערונג פאַר דער ענטוויקלונג פון יעדע אינדיווידועלע אָ ר י ג י נ אַ ל י ט ע ט, פון יעדע גייסטיגע אייגענשאַפט און פעהיגקייט, וועלכע עס קען בעזיצען יעדע פערזאָן. די פרייהייט פון אינדיווידואום מיינט, אַז דער מענש זאָל ניט זיין אונטערגעוואָרפען אונטער דעם רשות און געוועלטיגקייט פון אַנדערע מענשען, ווי אויך אונטער דער בלינדער טרייב־קראַפט פון דער געוואוינהייט, פון דער מאָדע, פון דער „עפענטליכער מיינונג“ און ה. גל. ווען דער גרונד און די בעוועגונגס־קראַפט פון דעם מענשענס האַנדלונגען און פון זיין גאַנצער אויפפיהרונג איז קיין אַנדער זאַך ווי נור ז י י ן א י י ג ע נ ע ר ק ר י ט י ש ע ר ג ע ד אַ נ ק און ז י י ן א י י ג ע נ ע א י ב ע ר צ י י ג ו נ ג, ווען דער מענש בעגעגענט ניט קיין געזעלשאַפטליכע שטערונג אין דער ענטוויקלונג פון זיין פערזענליכער אָריגינאַליטעט — אָט דאַן איז ער ווירקליך פריי און אומאבהענגיג.

האָט דער מענש געקענט זיין פריי אין די איינגע און שמאָלע פאַרצייטיגע געזעלשאַפט?

דאָס איז געווען אַבסאָלוט אונמעגליך. די פאַרצייטיגע געזעלשאַפט — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען — האָט בשום אופן זיך ניט געקענט ערלויבען דעם לוקסוס צו לאָזען פריי די ענטוויקלונג פון יעדע אינדיווידועלע אָריגינאַליטעט. די צאָהל מענשען אין דער גרופע איז געווען וועניג, און דעריבער האָט יעדער מענש געמוזט פערנעהמען א בעשטימטע שטעלע, אויספיהרען א בעשטימטע ארבייט און האַלטען זיך אָן א בעשטימטען שאַבלאָן. קוים איז ער ארויסגעטראָטען פון גדר, האָט זיך דאָס גלייך געלאָזט פיהלען אין דער גרופע, און די אַנדערע מיטגליעדער האָבען עס בשום אופן ניט

די אנדערע, אז זיי פלעגען זעלטען קומען אין א בעריהרונג. און אויב זיי פלעגען זיך צוזאמענקומען, פלעגט דיעזער צוזאמענקונפט זיין מייסטענס א פ י י נ ד ל י כ ע ר, און פלעגט זיך כמעט אלע מאל ענדיגען מיט א מלחמה און בלוט־פערגיסונג.

אינוועניג, אין דער גרופע, האבען די מענשען געלעבט זעהר פריינדליך צווישען זיך. זיי פלעגען זיך טיילען מיט'ן לעצטען ביסען און איינער פאר דעם אנדערען פלעגט אפט אוועקגעבען דעם לעבען. אין דעם הארטען און שווערען קאמפף פאר דער עקזיסטענץ האט דער פרינציפ פון „געגענזייטיגער שטיצע“ אין די פארצייטיגע גרופען געמוזט זיין אם שטארקסטען. דערפאר אבער בנוגע צו יעדען „פרעמדען“, צו יעדען מענשען פון אן אנדער גרופע, האט געהערשט א שרעקליכע פרעמדקייט און פיינדשאפט. אויף יעדען פרעמדען האט מען געקוקט ניט אנדערש ווי אויף א וואלף אדער טיגער, וועלכער איז געקומען ארויסרייסען דעם ביסען פון מויל, און קיין אנדער זאך אויסער טוידט אדער שקלאפעריי האט ער פאר זיך ניט געקענט ערווארטען.

צו וואס זשע האט געפיהרט אזא פרעמדקייט און אבגעזונדערטקייט פון די גרופען?

זי האט געפיהרט צו דעם, אז יעדע גרופע, ווי קליין זי זאל ניט זיין, האט געמוזט זיין עקאנאמיש ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג און אונאבהענגיג פון די אנדערע. יעדע גרופע האט אליין געמוזט פראדוצירען אלץ וואס איז נויטיג צום לעבען פון איהרע מיטגליעדער און צו קיינעם האט זי ניט געקענט אנקומען. עס פערשטעהט זיך אליין, אז ביי אזא צושטאנד האט דאס לעבען אין דער גרופע געמוזט זיין זעהר איינפאך און שמאל. די בעדערפניסען האבען געמוזט זיין זעהר קליין און איינזייטיג, ווייל א קליינע גרופע, פראדוצירענדיג פאר זיך אליין און ארבייטענדיג מיט די פרימיטיווסטע, איינפאכסטע אינסטרומענטען, וואלט בשום אופן ניט געקענט ערפילען די בעדערפנישען אפילו פון דעם ארעמסטען און אונגעבילדעטסטען מענשען פון א היינטיגער גרויסער שטאדט.

דאס לעבען איז געוועזן אויף דעם העכסטען אופן איינפאך און שמאל. יעדער איינצעלנער מענש האט געמוזט דעם גאנצען לעבען געפינען זיך אין זיין איינענער גרופע און פון איהר ניט ארויסגעהן.

אויך אַנדערע סאָרטען חיות קענען ניט עקזיסטירען אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, דעריבער מוזען אויף דעם באָדען פון דיזער געזעלשאַפטליכער אַרבייט און פון דער פערטיילונג פון די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען בעשאַפען ווערען געוויסע בעציהונגען צווישען די איינצעלנע מענשען. און אָט דיזע פערשיעדענאַרטיגע בעציהונגען צווישען מענשען, וועלכע מוזען עקזיסטירען אין דער אָדער יענער פאָרמע כל זמן מענשען פיהרען אַ קאַמפּף פאַר זייער עקזיסטענץ — דאָס איז דער הויפּט צעמענט, וועלכער פערבינדעט די מענשען און בעשאַפט פערשיידענע פאָרמען פון געזעלשאַפטען.

די געזעלשאַפט איז אַן אָרגאַניזם, אַ איינהייטליכע גאַנצע קערפּערשאַפט, וועלכע ענטוויקעלט זיך לויט בעשטימטע געזעצען. אָבער דער באָדען, אויף וועלכען עס האַלט זיך דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם, זיינען ניט די געזעצען פון דער ביאָלאָגיע און ניט וועלכע ניט איז אַנדערע נאַטור־געזעצען. דאָס זיינען קיין אַנדערע זאַך, ווי נור די געזעצען פון עקאָנאָמישען לעבען, די געזעצען פון ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג.

און בעטראַכטען מיר די פראַגע וועגען געזעלשאַפט און אינדיווידואום פון שטאַנדפּונקט פון די עקאָנאָמישע בעציהונגען בעקומט זי אין אונזערע אויגען גאָר אַנאַנדער בעלויכטונג.

.7

די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט כאַראַקטעריזירט זיך מיט דעם אַלץ וואַקסענדען פערקעהר און פערבינדונג צווישען פערשיעדענסטע און דערוויטערטסטע מענשליכע גרופּען. וואָס ניעדעריגער מיר לאָזען זיך אַרונטער איבער דעם לייטער פון דער מענשליכער קולטור־ענטוויקלונג, אַלץ אָבגעזונדערטער און איינגעשלאָסענער געפינען מיר די מענשליכע גרופּען. פערקעהרט, וואָס די קולטור־שטופּע איז העכער, אַלץ גרעסער איז דער פערקעהר פון די מענשליכע גרופּען, אַלץ איינגער איז די פערבינדונג צווישען זיי.

אויף די ניעדעריגע שטופען פון היסטאָרישער ענטוויקלונג זיינען די מענשליכע גרופּען אַזוי פרעמד און אבגעזונדערט איינע פון

סטינקט, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם און ביסלעכווייז ענטוויקעלט פון די פאַמיליען־בעציהונגען, וועלכע זיינען געווען דער באָדען פון די פּאַרציייטיגע געזעלשאַפטען. אָבער דאָס אַלין וואָלט געווען ריכטיג, ווען די ערשטע מענשליכע געזעלשאַפטען וואָלטען טאַקע בעשטאַנען פון בעזונדערע פאַמיליעס, פון מאַן, ווייב און זייערע קינדער. דער פאַקט איז אָבער ניט אַזוי. די אַלע גרויסע היסטאָרישע ענטדעקונגען פון באַכאָפען, מאַק־לענאַן און מאָרגאַן האָבען בעוויזען, אַז ניט די געזעלשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט פון דער פאַמיליע, נאָר פערקעהרט, די „פאַמיליע" — דאָס בעזונדערע לעבען פון א מאַנספּעראָן, פרויענצימער און זייערע קינדער — האָט זיך ענטוויקעלט זעהר שפּעט, שוין אין טויזענדער יאָהרען ארום זינט עס האָבען עקזיסטירט און אונטערגעגאַנגען פערשיידענסטע אַ נ ד ע־ ר ע פאָרמען פון געזעלשאַפט. און וויבאַלד, אַז די געזעלשאַפט אַלס אַזעלכע עקזיסטירט פיעל פריהער איידער די פאַמיליע — פון וואַנען זשע נעהמט זיך דער „געזעלשאַפטליכער אינסטינקט" ? אויב אפילו די געפיהלען פון קרובה'שאַפט, פון „אייגען־בלוט", שפּילען אַ גרויסע ראָלע אין דער פערבינדונג פון מענשען און בעזונדערס אין די אמאָליגע פאָרהיסטאָרישע צייטען, — קען מען דאָך אַלין ניט זאָגען, אַז דיעזע געפיהלען זיינען דער ע ר ש ט ע ר און ה ו י פּ ט־ צ ע מ ע נ ט, וועלכער פערבינדט די מענשען און פעראייניגט זיי אין אַ געזעלשאַפט.

די צווייטע ערקלערונג איז אַלזאָ אויך ניט ריכטיג. וואָס זשע איז פאָרט דיעזער צעמענט ?

דיעזער צעמענט — דאָס איז — ווי פּעטער קראַפּאָטקין דריקט זיך אויס — דער גרויסער פּרינציפּ פון „געגענזייטיגער שטיצע", וואָס ווערט בעשאַפען אויף דעם באָדען פון מלחמה פאַר'ן לעבען. מענ־ שען — פּונקט ווי אַלע אַנדערע בעשעפעניסען — זיינען געצוואונגען צו פיהרען א שטענדיגען, אונאויפהערענדען קאַמפּף געגען דער נאַ־ טור צו בעקומען פון איהר די נויטיגע לעבענסמיטלען. דער קאַמפּף געגען דער נאַטור — דאָס איז די אַ ר ב י י ט, די ווירטשאַפטליכע טעטיגקייט פון מענשען. און אַזוי ווי פון אָנפאַנג אָן, בעת מענשען זיינען נאָך געווען מעהר ענהליך צו חיות איידער צו מענשען, האָבען זיי דיעזען קאַמפּף געפיהרט ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל י ך, אַזוי ווי

די צווייטע ערקלערונג בעשטעהט אין דעם, וואָס דער צעמענט, וועלכער פעראייניגט די מענשען — דאָס איז אַ נאַטור־געפיהל, אַ געוויסער געזעלשאַפטליכער אינסטינקט, און דיעזער אינסטינקט האָט זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט פון פאמיליען־לעבען, פון דער שטענדיגער נאַטירליכער פערבינדונג, וועלכע עקזיסטירט צווישען מאַן און ווייב און זייערע קינדער. „דעם געזעלשאַפטליכען אינסטינקט — זאָגט העפדינג — דער קראַפט, וועלכע ציהט צו אַ פרויענצימער צו אַ מאַנספערזאָן, וואָס דאָס איז איינער פון די שטאַרקסטע אינסטינקטען אין דער מענשליכער נאַטור און האָט בעשאַפען דעם פאמיליען־לעבען, — אָט דיעזען געשלעכטליכען און פאמיליען־אינסטינקט האָבען מיר צו פערדאַנקען דאָס, וואָס עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ פערבינדונג און נאָהענטער אויפטראַג צווישען די מענשען. דער העכסטער עטהישער אידעאַל — די הערשונג פון ליעבע און מענשליכקייט — האָט פון קיין אַנדער קוואַל זיך ניט געקענט ענטוויקלען ווי נור פון פאמיליען־לעבען“.

און אַזוי ליגט זיך טאַקע אויף'ן שכל. די געזעלשאַפט איז ניט געוואָרען פון אָנפאַנג אָן אַזוי ווי זי איז איצט; זי האָט געמוזט זיך ענטווילקען פון אַ גאַנץ איינפאַכערען געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם, — וואָס זשע האָט געקענט זיין דיעזער איינפאַכער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם, אויב ניט די פאמיליע, די נאַטירליכע פערבינדונג צווישען א מאַנספערזאָן און אַ פרויענצימער און דערנאָך צווישען די עלטערען מיט זייערע קינדער? און אַזוי איז טאַקע געוועזן די איבערצייגונג פון פיעלע היסטאָריקער. „די ערשטע מענשליכע גרופע — זאָגט דער קולטור־היסטאָריקער מען — דאָס איז די פאמיליע, איבער וועלכער עס געוועלטיגט איהר עלטערער מיטגליעד — דער פאָטער. די פעראייניגונג פון עטליכע פאמיליעס בילדעט אויס אַ משפחה; די פעראייניגונג פון עטליכע משפחות בילדעט אויס אַ שבט, און די פעראייניגונג פון עטליכע שבטים בילדעט אויס אַ פאָלק.“

דער אָנהויב פון דער געזעלשאַפט איז אַלזאָ די פאמיליע, דאָס נאַטירליכע צוזאַמענלעבען פון פאָטער, מוטער און זייערע קינדער, און דערפון פערשטעהט זיך שוין ממילא, אז דער צעמענט, וואָס בינדט צונויף די מענשען איז איינפאַך אַ געזעלשאַפטליכער אינ־

די היסטאָרישע געזעלשאַפטס־טעאָריע האָט אויפגע־וויזען, אַז ניט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט דאַרף מען קוקען אויף דער געזעלשאַפט. די מענשליכע געזעלשאַפט איז אַזאַ מין אָרגאַניזם, וועלכער ענטוויקעלט זיך גאָר דורך אַנדערע געזעצען, וואָס זיינען שייך נור צו דער געזעלשאַפט און ווירקען נור אין איהר.

די געזעלשאַפט קען זיך ניט ענטוויקלען לויט די אַלגעמיינע נאַטור־געזעצען, וואָס ווירקען אין יעדען געוועהנליכען אָרגאַניזם. און דאָס איז דערפאַר, ווייל — ווי ספּענסער האָט ריכטיג אויפגע־וויזען — די בעזונדערע צעלען ד. ה. איינצעלנע מענשען, פון וועלכע עס איז צוזאַמענגעשטעלט דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם זיינען ניט צוזאַמענגעוואַקסען. דיעזע „צעלען“ זיינען פיזיש אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע, און דעריבער קענען זיי ווירקען איינע אויף די אַנדערע ניט דירעקט, ניט אויף אַ פיזישען אופן — אַזוי ווי עס קומט פאָר אין אַ געוועהנליכען אָרגאַניזם — גאָר אינדירעקט, גאָר אויף אַן אַנדער אופן. דער צעמענט, וועלכער בינדט צונויף די מענשען און פעראייניגט זיי אין אַ געזעל־שאַפט, טראָגט גאָר אַנאַנדער כאַראַקטער און איז גאָר ניט שייך צו די פיזישע נאַטור־ערשיינונגען.

און וויבאַלד, אַז די פערבינדונג צווישען איינצעלנע מענשען איז גאָר אַנאַנדערע איידער די פערבינדונג, וועלכע עקזיסטירט צווי־שען איינצעלנע צעלען — מוז די מענשליכע געזעלשאַפט ענטוויקלען זיך גאָר דורך אַנדערע געזעצען, וועלכע זיינען שייך נור צו איהר און ווירקען נור אין איהר.

וואָס איז אַזוינס דיעזער צעמענט, וועלכער פערבינדעט די איינצעלנע מענשען? און וואָס דריקט ער זיך אויס?

די פאָרשטעהער פון דער „מעכאַנישער“ געזעלשאַפטס־טעאָריע האָבען געהאַלטען, אַז דיעזער צעמענט — דאָס איז פשוט דער בע־וואוסטזיניגער ווילען פון די איינצעלנע מענשען. געפינענדיג, אַז לעבען בעזונדער איז ניט גוט, האָבען זיי פער־לאַנגט זיך צו פעראייניגען און אַזוי האָבען זיי טאַקע געטהאָן. מיר האָבען שוין געזעהן ווי ווייט דיעזע פאָרשטעלונג האָט ניט קיין גרונט אונטער זיך, און דעריבער איז פאַר אונז וויכטיג עטוואָס אָבצושטע־לען זיך אויף אַ צווייטער ערקלערונג.

זען מיט טויזענדער ראיות, אַז יעדע געזעלשאַפט איז אַ איינהייטליכע גאַנצע קערפּערשאַפט, וואָס וואַקסט, ענטוויקעלט זיך און געהט אונטער לויט בעשטימטע געזעצען, וועלכע זיינען אונגעהייער מעכטיגער איידער דער ווילען און פערשטאַנד פון די איינצעלנע מענשען. און דערצו, האָבענדיג נאָך אין זינען די אויספיהרונג פון דער היינטיגער פּסיכאָלאָגיע, אַז דער גאַנצער אינהאַלט פון מענשליכען פּסיכישען לעבען ווענדט זיך אָן דער קייט פון דורות, פון וועלכע ער שטאַמט אַרויס, און אין יעדען „איך“ ליגט אַ גרויסער חלק פון די גייסטיגע אייגענשאַפטען נאָך פון זיינע עלטער־עלטער זיידעס — מוז מען זאָגען, אַז דער אינדיווידואום, יעדער „איך“, איז *אָרגאַניש* איינגעוואַקסען אין דער *היסטאָרישער* ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און איז אַ פּראָדוקט פון איהר.

פון דער אַנדער זייט איז אָבער אויך ריכטיג דער פאַקט, אַז די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט געהט האַנד אין האַנד מיט דער בעפרייאונג פון אינדיווידואום. די גאַנצע קולטורגעשיכטע ווייזט אויף, אַז וואָס נידריגער מיר לאָזען זיך אַראָב איבער די שטופען פון געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג, געפינען מיר דעם אינדיווידואום אַלץ מעהר פערשקלאַפט, אַלץ מעהר אונטערגעוואָרפען אונטער'ן רשות פון דער געזעלשאַפט און מיט אַלץ אַ קנאַפּערע אַרויסווייזונג פון זיין פּערזענליכקייט, פון זיין אינדיווידואַליטעט. פּערקעהרט, וואָס העכער מיר הויבען זיך איבער די קולטור־שטופען פון דער מענשהייט — געפינען מיר אַלץ אַ ברייטערען באָדען און אַלץ מעהר מעגליכקייטען פאַר דער בעפרייאונג פון אינדיווידואום.

אָבער דאָס איז דאָך אַ גרינדליכער ווידערשפּרוך צום „אָרגאַנישען“ שטאַנדפּונקט! די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און די בעפרייאונג פון אינדיווידואום מוזען דאָך אונבעדינגט אויסשליסען איינע די אַנדערע!

אַזאַ ווידערשפּרוך ווייזט זיך אָבער אַרויס נור דאַן, ווען מען קוקט אויף דער געזעלשאַפט פון שטאַנדפּונקט פון *ביאָלאָגיע*, און מען האַלט, אַז דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם ענטוויקעלט זיך לויט די אַלגעמיינע *ביאָלאָגישע* געזעצען פון יעדער אָרגאַנישער ענטוויקלונג בכלל.

דאָס איז דער גרויסער אונטערשייד וואָס ליעגט צווישען א גע־וועהנליכען אָרגאַניזם און דעם געזעלשאַפטליכען אָרגאַניזם. „אין דערפון — זאָגט ספּענסער — בין איך געקומען צו דעם שלוס, אַז אין א געוועהנליכען אָרגאַניזם עקזיסטירען די איינצעלנע טהיילען צוליעב דעם קערפּער, אין דער צייט ווען אין דעם געזעל־שאַפטליכען אָרגאַניזם עקזיסטירט די גאַנצע קערפּערשאַפט צוליעב איהרע בעזונדערע טהיילען, צוליעב די איינצעלנע מענשען.“

דער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזם איז אַלזאָ גאָר אַן אנדער זאַך איידער א געוועהנליכער אָרגאַניזם. אָבער אויב אַזוי, אויב די בע־ציהונגען פון דער געזעלשאַפט צו די איינצעלנע מענשען איז פּונקט דער היפּך פון די בעציהונגען, וועלכע עקזיסטירען צווישען קערפּער און די איינצעלנע צעלען — וואָס־זשע איז געבליעבען פון דער גאַנ־צער „אָרגאַנישער“ טהעאָריע? פיהרט זי דען ניט צו דיזעלביגע שליסע וואָס די „מעכאַנישע“? מיט וועלכע נייע פּרינציפּען איז זי דאָ אַרויסגעטראָטען און צוליעב וואָס האָט מען איהר געדאַרפט בויען?


מיר זעהען, אַז ניט די „מעכאַנישע“ טהעאָריע און ניט די „ביאָלאָגיש־אָרגאַנישע“ טהעאָריע דריקען ניט אויס די ווירקליכע בעציהונגען צווישען געזעלשאַפט און אינדיווידואום. ווי־זשע איז די זאַך אין דער ווירקליכקייט? ווי פערענטפערט מען די פראַגע?

.6

די פראַגע ווערט פערענטפערט דורך דעם נ י י ע ם שטאַנד־פּונקט אויף דער געזעלשאַפט, א שטאַנדפּונקט, וועלכער מאַכט קלאָהר די בעציהונגען פון געזעלשאַפט און אינדיווידואום. דאָס איז דער ה י ס ט אָ ר ש ע ר שטאַנדפּונקט, וועלכער האָט זיך איינ־געפונדעוועט אין דער סאָציאָלאָגישער וויסענשאַפט אין דער לעצטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט.

דער „היסטאָרישער“ שטאַנדפּונקט לייקענט ניט אָב די גרונד־געדאַנקען פון דער „אָרגאַנישער“ געזעלשאַפטס־טהעאָריע. אַלע סאָ־ציאַלע וויסענשאַפטען — די היסטאָריע, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די סטאַטיסטיק, די קאָלעקטיווע פּסיכאָלאָגיע און ד. גל. — בעווייז

בעזונדערע טהיילען, וועלכע בילדען אויס די מענשליכע געזעלשאַפט, זיינען נים צוזאַמענגעוואקסען און בעוועגען זיך פריי איינע פון די אַנדערע. צווייטענס, די בעזונדערע טהיילען פון יעדען געוועהנליכען אָרגאניזם האָבען ניט זייער אייגענע „עמפפינדליכקייט“, ד. ה., זיי אַליין פיהלען כמעט גאָרנישט, און די גאַנצע עמפפינדליכקייט איז



הערבערט ספענסער (1820—1904)

קאָנצענטרירט אין איין אָרט — אין דעם נ ע ר וו ע ן־ס י ס ט ע ם. פערקעהרט, די מענשליכע געזעלשאַפט האָט ניט קיין נערוועךסיס־טעם, קיין קאָנצענטרירטע עמפפינדליכקייט, זי אַליין פיהלט גאָר ניט, און די גאַנצע עמפפינדליכקייט געפינט זיך אין איהרע „צעלען“, אין די איינצעלנע מענשען.

דייטונג קען האבען די איינצעלנע צעלע און צו קען זי כאטש חלומ'ען פון וועלכע ניט־איז פערזענליכקייט און זעלבסטשטענדיגקייט ?

די געזעלשאפט איז אויך אן ארגאניזם און לויט דער „ארגא־ נייזער" טהעאריע איז זי אונטערוואָרפען אונטער די ביאלאגישע גע־ זעצען פון וואקסען און דיפערענצירונג. אבער אויב אזוי, מיז אויסקומען, אז וואס מעהר די געזעלשאפט וואקסט, וואס ברייטער עס ענטוויקעלט זיך די געזעלשאפטליכע ארבייטס־טהיילונג און וואס שמעלער און איינזייטיגער עס ווערען די פונקציעס פון בעזונדערע גע־ זעלשאפטליכע גרופען — אלץ שוואכער און אונבעדייטענדער דארף ווערען די פערזענליכקייט פון די איינצעלנע מענשען, אלץ מעהר דארפען זיי ווערען אונטערוואָרפען אונטער דער מאכט פון דער גע־ זעלשאפט און אלץ ווייניגער דארף זי זיך רעכענען מיט זיי.

אויף אזא אופן, פערגלייכענדיג די לאגע פון אינדיווידואום אין היינטיגער צייט מיט זיין לאגע, למשל, אין אלטערטהום, דארף אויסקומען, אז דעמאלט איז ער געוועזן ווייניגער אונטערוואָרפען אונטער דער געזעלשאפט, דעמאלט האט ער פיעל מעהר ארויסגע־ וויזען זיין פערזענליכקייט און האט זיך געפיהלט פיעל פרייער און זעלבסטשטענדיגער איידער אין היינטיגער צייט.

איז דען נויטיג אבצושטעלען זיך צו בעווייזען ווי דאס איז ניט ריכטיג ? בעווייזט דען ניט די גאנצע היסטאריע פון מענשליכער ענטוויקלונג, אז עס קומט פאר פונקט פערקעהרט : ניט דער אינ־ דיווידואום ווערט אלץ מעהר אונטערוואָרפען אונטער דער מאכט פון דער געזעלשאפט, נאר פערקעהרט, ער בעפרייט זיך אלץ מעהר און מען רעכענט זיך אלץ מעהר מיט זיין פערזענליכקייט, מיט זיין „איך" ?

אט דעריבער איז ספענסער געצוואונגען צו בעגרענצען זיין טהעאריע און בעווייזען, אז אין געוויסע פרטים איז די מענשליכע געזעלשאפט ניט גלייך צו א געוועהנליכען ארגאניזם.

וואס זיינען דאס פאר א „פרטים" ?

ערשטענס איז די מענשליכע געזעלשאפט ניט גלייך צו א גע־ וועהנליכען ארגאניזם דערמיט, וואס די בעזונדערע טהיילען פון יעדען ארגאניזם זיינען צוזאמענגעוואקסען און שטע־ לען מיט זיך פאר איין גאנצע זאך ; פערקעהרט, די

גרעס פון דער געזעלשאַפט איז אין דערזעלבער צייט דער אונטערגאַנג פון די אינדיווידען.

די אינדיווידען בנוגע צו דער געזעלשאַפט שפּיעלען די ראָלע פון איינצעלנע צעלען. ווי־זשע איז די לאגע פון דיעזע צעלען אויף די פערשיעדענע ענטוויקלונגס־שטופען פון די אָרגאַניזמען?

ווען דער אָרגאַניזם איז נאָך זעהר איינפאַך און ניט קאָמפּליצירט — ווי למשל, אינפוזאָריען, מעדוזען און ד. גל. — דאן בעשטעהט ער נור פון איינער אָדער עטליכע צעלען. דער אָרגאַניזם אין אַלגעמיין איז זעהר קליין און איינפאַך, דערפאר זיינען די עטליכע צעלען, וועלכע בילדען איהם אויס, גאַנץ זעלבסטשטענדיגע בעשעפעניסען. די צעלע שטעלט מיט זיך פאָר כמעט דעם גאַנצען אָרגאַניזם. זייענדיג אין איין צייט זיין קאָפּ און זיין האַרץ, זיינע לונגען און זיין מאָגען, ערפילט זי כמעט אַלע פונקציעס פון דיעזען אָרגאַניזם, און דערפון פיהלט זי זיך ווי אַ געוויסע אינדיווידואַליטעט, וועלכע איז אונטער קיינעם ניט אונטערוואָרפען און לעבט צוליעב זיך.

אַנדערש אָבער ווערט די לאגע פון דער צעלע, ווען דער אָרגאַניזם געפינט זיך שוין אויף א העכערע שטופע פון ענטוויקלונג. ווערענדיג גרעסער און בעשטעהענדיג שוין פון א גאַנצער געזעלשאַפט פון צעלען, הייבט אָן דער אָרגאַניזם זיך „דיפערענצירען“, ד. ה. צוגליעדערן זיך אויף בעזונדערע אברים און יעדער אבר ערפילט א בעזונדערע פונקציע. און וואָס מעהר דער אָרגאַניזם ענטוויקעלט זיך, וואָס מעהר ער דיפערענצירט זיך, אַלץ שמעלער און איינזייטיגער ווערט די ראָלע פון יעדען אבר. ביי אַ פיערפיסיגע חיה, למשל, דיענט נאָך דאָס מויל אַלס אַן אָרגאַן ניט נור פון עסען, נור אויך פון כאַפּען, אויפהייבען, האַלטען, טראָגען, רייסען, און ד. גל. ביים מענשען איז שוין פאַר'ן מויל געבליעבען נור איין פונקציע — ע ס ע ן, און די איבריגע פונקציעס ווערען ערפילט דורך אַנדערע אָרגאַנען. און אויב די אברים גופא — וואָס יעדער פון זיי איז אויך אַ גאַנצע געזעלשאַפט פון צעלען — ווערען אַלץ איינזייטיגער, ספּעציאַליזירען זיך נור אויף איין טהעטיגקייט און דערפון זיינען זיי אונענדליך אָבהענגיג פון גאַנצען אָרגאַניזם - וואָס־זשע פאַר אַ בע־

מעהר ווי איינפאכע צעלען, וואס האבען ניט קיין שום זעלבסטשטענ־דיגקייט.

„ניט דער איינצעלנער מענש בעשאפט א פאעטישע ווערק; דאס בעשאפט די פאעטישע שטימונג פון דער צייט, אין וועלכער ער לעבט, און פון דער סאציאלער גרופע, צו וועלכער ער געהערט; ניט דער איינצעלנער מענש דענקט—אין איהם דענקט דער גייסט פון זיין צייט און פון זיין סאציאלע גרופע“—אזוי דריקט זיך אויס דער בעוואוסטער סאציאלאג גומפלאוויטש.

„דער מענש עקזיסטירט נור צוליעב דער געזעלשאפט; די געזעל־שאפט בילדעט איהם אויס און גיט איהם א געוויסע פארמע נור צו־ליעב איהרע אייגענע ציעלען. אין געזעלשאפט זיינען ניטא קיין רעכ־טען; דא זיינען פאראן נור פפליכטען“ — אזוי האט געשריעבען א פראנצויזישער פובליציסט באנאלד.

איז דאס ריכטיג אזוי? שטימט זיך אט די נייע טהעאריע מיט די פאקטען פון לעבען?

.5

דאכט זיך, אז אט די נייע טהעאריע איז אויף דעם העכסטען אופן קלאר און רופט ניט ארויס קיין שום ספקות. און דאך איז כא־ראקטעריסטיש דער פאקט, וואס איהר הויפט־בעגרינדער און פאר־שטעהער, ה. ספענסער, מאכט צו איהר אזעלכע בעדייטענדע בע־מערקונגען, וואס פערשמעלערען זעהר שטארק איהר אינהאלט און פער־ניכטען איהר גאנצען פונדאמענט.

און ספענסער האט ניט געקענט ניט מאכען זיינע בעמערקונ־גען, ווייל די „ארגאנישע“ טהעאריע פיהרט צו אזא שלוס, וועלכען עס טרעטען ארויס אלע פאקטען פון לעבען. און טאקע: די געזעלשאפט איז אן ארגאניזם, און אלס אזעלכער, ענטוויקעלט זי זיך לויט די ביאלאגישע געזעצען פון יעדער ארגאנישער ענטוויקלונג בכלל. אבער אויב אזוי, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז וואס מעהר די געזעלשאפט ענטוויקעלט זיך, וואס ברייטער און שטארקער זי ווערט — אלץ אונבעדייטענדער דארף ווערען דער אינדיווידיאום און אלץ מעהר דארף ער ווערען אונטערווארפען אונטער דער מאכט פון דער געזעלשאפט. דער פרא־

מענש בעשאַפען געוואָרען? מיר ווייסען, אַז דער מענש איז ניט „בעשאַפען“ געוואָרען אַזוי, אַז מען זאָל זאָגען, אַז ביז א געוויסען מאָמענט איז פון איהם גאָר קיין סמן ניט געווען, נאָר אין יענעם מאָמענט איז ער פּלוצלונג ארויסגעשפּרונגען אַ נייע פאַרטיגע בריאה מיט אַלע זיינע כאַראַקטעריסטישע מענשליכע אייגענשאַפטען. דער מענש, ווי אַלע אנדערע בעשעפעניסען, איז א פּראָדוקט פון אַ לאַנג דויערענדער ענטוויקלונג פון אנדערע ניעדריגערע אָרגאַניזמען; זיין אָנהויב קען מען שוין געפינען אין פּיטשינקען ווערימעל אויפ׳ן גרונד פון ים, און דער פּראָצעס פון זיין „בעשאַפען ווערען“ האָט געדויערט פיעל מעהר טויזענדער יאָהרען איידער ער האָט עקזיסטירט אַלס מענש.

און דיזעלביגע זאַך איז אויך מיט דער געזעלשאַפט. זי איז אויך ווי דער איינצעלנער מענש קיינמאָל ניט „בעשאַפען“ געוואָרען, אַז מען זאָל זאָגען, אַז אימיצער האָט איהר אין אַ געוויסען מאָמענט געמאַכט. די געזעלשאַפט ענטוויקעלט זיך כסדר, זי קען פון דעם פּראָצעס פון ענטוויקלונג קיינמאָל ניט ארויס, און עקזיסטירט אפשר נאָך פיעל פריהער איידער עס עקזיסטירען די מענשען אין ריכטיגען זין פון וואָרט. אַלע עטנאָגראַפישע און קולטור־היסטאָרישע נאָכפאָרשונגען האָבען ניט געפונען קיין גרופּע מענשען — אפילו די סאַמע ווילדעסטע — וועלכע זאָל זיך געפינען אין „נאַטור־צושטאַנד“, ד. ה., אָהן אַ שום סמן פון געזעלשאַפטליכען לעבען. און שטעלען מיר די פראַגע: פון וואַנען נעהמט זיך די געזעלשאַפט? מוז מען ענטפערען, אַז די מענשליכע געזעלשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט פון געמיינשאַפטליכען לעבען פון יענעם סאָרט חיות, פון וועלכען עס האָבען אין משך פון טויזענדע דורות זיך ענטוויקעלט די מענשען.

אָט דאָס איז דער גרונד־געדאַנק פון דער „אָרגאַנישער“ טהעאָריע, וועלכע איז פּונקט דער היפּוך פון דעם, וואָס מען האָט געלערענט וועגען געזעלשאַפט אין אכטצהנטען יאָהרהונדערט. אין יענער צייט האָט מען אַנערקענט, אַז דער עיקר אין לעבען איז קיין אנדער זאַך ווי דער אינדיווידואום, און די געזעלשאַפט איז בעשאַפען געוואָרען נור פון איהם און נור צוליעב איהם. די נייע לעהרע איז ארויסגעטראָטען מיט דער איבערצייגונג, פערקעהרט, אַז די ריכטיגע אינדיווידואליטעט, די אמת׳ע לעבעדיגע בעשעפענים — דאָס איז די געזעלשאַפט, און די איינצעלנע מענשען בנוגע צו איהר זיינען ניט

א גרעסערע אָדער קלענערע צאָהל צעלען. זיינע כאַראַקטעריסטישע
סימנים איז דאָס, וואָס מיט דעם גאַנג פון ענטוויקלונג „דיפּערענצירט“
ער זיך, ד. ה., ער ווערט אַלץ מעהר צוגליעדערט און בעשטעהט פון
פיעל אברים. יעדער אבער ערפילט נור איין בעשטימטע „פונקציע“,
ד. ה., ער טהוט דאָס, וואָס קיין אנדער אבער קען ניט טהאָן, און טאַקע
דערפאַר איז ער אזוי אבהענגיג פון אַלע אַנדער־ע אברים, דאָס אָהן זיי
קען ער בשום אופן ניט עקזיסטירען. דאָס האַרץ און דער צונג, דער
מאָגען און דאָס אויג האָבען ניט־קיין שייכות איינע צו די אַנדערע לויט
זייערע פונקציעס און אין דער זעלבער צייט מוזען זיי זיין אזוי אָרגאַ־
ניש צוזאַמענגעוואַקסען, דאָס פאַנאַנדערטהיילען זיי הייסט — פער־
ניכטען זיי אַליין און אויך דעם גאַנצען אָרגאַניזם.

די זעלביגע זאַך איז אויך מיט דער מענשליכער געזעלשאַפט.
זי איז אויך „דיפּער־ענצירט“, צוגליעדערט אויף בעזונדערע פונקציעס,
און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אויף דעם העכסטען אופן אָב־
הענגיג איינע פון די אנדערע. וואָס זיינען אַזוינס די שיכטען ערד־
ארבייטער, שניידער, דאָקטוירים א. ד. גל. בנוגע צו דער געזעלשאַפט,
אויב ניט געוויסע אָרגאַנען פון איהר? קענען זיי דען עקזיסטירען יע־
דער בעזונדער? שטעהען זיי דען ניט אין אַן אָרגאַנישער אבהענגיגקייט
איינע פון די אַנדערע? און דערצו — פון וואַנען נעהמט זיך די בע־
שטימטע פּראָפּאָר־ציע צווישען פערשיעדענע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס?
פאַר וואָס איז אין יעדער געזעלשאַפט דער פּראָצענט פון ערד־ארביי־
טער אַלע מאָל גרעסער איידער דער פּראָצענט פון שניידער און נאָך
גרעסער איידער דער פּראָצענט פון דאָקטוירים? ווייסען זיי דען איינע
פון די אַנדערע? האָבען זיי דען ווען ניט איז אָבגערעדט אזוי זיך צו־
צופּאַסען איינע צו די אנדערע? און דעריבער — וואָס איז אַזוינס די
געזעלשאַפט, אויב ניט אַ געוויסע אָרגאַנישע בעשעפעניס, וועלכע
ענטוויקעלט זיך פון זיך אליין, דיפּערענצירנדיג זיך און צופּאַסענדיג
איין אבער צו אלע אנדערע, אַזוי ווי יעדער אַנדער אָרגאַניזם?

די „מעכאַנישע“ געזעלשאַפטס־טהעאָריע האָט זיך געהאַלטען דער
עיקר צוליעב דעם, ווייל מענשען האָבען אַלץ געזוכט אַן ענטפער אויף
דער פראַגע: פון וואַנען נעהמט זיך די געזעלשאַפט? ווען און ווי אזוי
איז זי בעשאַפען געוואָרען? אָבער דאָס איז אַן אונמעגליכע פראַגע.
דאָס איז פונקט אזוי, ווי מען פרעגט: ווען און ווי אזוי איז דער

דער גאַנצער אָרגאַניזם. יעדער מענשליכער קערפּער האָט אין זיך ניט איין צעלע פון יענע, וועלכע האָבען אין איהם געלעבט מיט אַ חודש צוריק.

דאָס איז געווען איינע פון יענע פּיעלע ענטדעקונגען אין דער נאַטור־וויסענשאַפט, וועלכע האָבען געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין מענשליכען פערשטאַנד און אין זיין קוק אויף דער וועלט. צוזאַמען מיט דעם האָט מען אויך אָנגעהויבען קוקען מיט אנדערע אויגען אויף דער מענשליכער *געזעלשאַפט*. וויבאַלד, אַז יעדער אָרגאַניזם איז אייגענטליך אַ געזעלשאַפט פון בעזונדערע צעלען, איז אויך די *מענשליכע געזעלשאַפט* אַ זעלבסטשטענדיגער אָרגאַניזם, וואו יעדער איינצעלנער מענש שפּיעלט די ראָלע פון אַ בעזונדערער צעלע.

און אין דער אמת׳ן. צוקוקענדיג זיך צום היסטאָרישען לעבען פון פערשיעדענע געזעלשאַפטען, זעהט מען ווי זיי לעבען, ענטוויקלען זיך און געהען אונטער ווי געוויסע *איינהייטען*, ווי געוויסע אָרגאַנישע בעשעפּעניסען. די היסטאָרישע וויסענשאַפט האָט אויפגעוויזען, אַז עס זיינען פאַראַן געוויסע קולטור־שטופען, דורך וועלכע פערשיעדענסטע פעלקער, גאָר ניט וויסענדיג און ניט הערענדיג איינע פון די אַנדערע, געהען דורך און מאַכען דורך אויף איינעם און דעמזעלבען אופן. און נעהמענדיג דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט אין יעדען מאָמענט בעזונדער, צוקוקענדיג זיך ווי אַזוי עס בילדען זיך אויס, ענטוויקלען זיך און בייטען זיך גאַנצע רייהען פון עקאָנאָמישע, סטאַטיסטישע און פּסיכאָלאָגישע ערשיינונגען, וועלכע ווענדען זיך גאָר ניט אָן ווילען און פערשטאַנד פון די איינצעלנע מענשען, און אין דער זעלבער צייט קומען זיי פאָר אויף דעם העכסטען אופן געזעצמעסיג און האַרמאָניש — מוז מען מודה זיין, אַז די געזעלשאַפט איז ניט נור אַ רעאַל־עקזיסטירענדע זאַך, נור זי איז אויך אַן *אָרגאַניזם*, אַ געוויסע זעלבסטשטענדיגע בעשעפּענים.

און בעזונדערס וואַרפט זיך אין די אויגען די עהנליכקייט פון דער געזעלשאַפט צו אַן ענטוויקעלטען אָרגאַניזם דערמיט, וואָס זי איז צוגליעדערט אויף בעזונדערע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס, וועלכע קענען ניט עקזיסטירען איינע אָהן די אַנדערע. די כאַראַקטעריסטישע סמנים פון יעדען ענטוויקעלטען אָרגאַניזם איז ניט דאָס, וואָס ער בעשטעהט פון

.4

אין מיטען פון 19־טען יאהרהונדערט איז די „מעכאנישע“ געז־
זעלשאפטס־טעאָריע פערוואָרפען געוואָרען און איהר אָרט האָט פערנו־
מען פונקט א געגענגעזעצטע טעאָריע — די „אָרגאנישע“.

אין 1838 האָט דער בעוואוסטער געלעהרטער שליידען ענט־
דעקט, אז אלע פערשיעדענארטיגע פלאנצונגען, וואָס עקזיסטירען אויף
דער וועלט, אלע סאָרטען בוימער און גראָזען, בלומען און תבואות, בע־
שטעהען פון א געוויסע צאָהל פון קליינינקע קערנדלעך, וועלכע מען
רופט „צעלען“. דיעזע „צעלען“ — סיי פון א בלום, סיי פון א גראָז,
סיי פון א בוים — בעשטעהען פון איינע און דיזעלבע פיזישע און כע־
מישע עלעמענטען, און יעדע „צעלע“ בעזונדער, ענטהאלטענדיג אין
זיך דאָס, וואָס מען רופט „פראָטאָפלאזמע“, האָט אין זיך אלע סמנים
פון לעבען, ד. ה., זי ווערט געבוירען פון אנדערע „צעלען“, זי ער־
נעהרט זיך, פרוכפערט זיך און שטארבט אָב. דער גאנצער אונטער־
שיעד צווישען אלע מינים פלאנצונגען ווענדט זיך נור אָן דער צאָהל
פון „צעלען“, פון וועלכע זיי זיינען צוזאמענגעשטעלט, און אָן דער
ארט, אויף וועלכען אופן דיעזע „צעלען“ זיינען צווישען זיך פער־
איינינגט.

אין יאָהר 1839 האָט א צווייטער געלעהרטער, שוואן, דערווי־
זען, אז אויך אלע מינים לעבעדיגע בעשעפעניסען, אלע פערשיעדענ־
ארטיגע חיות און פויגלען, ווערים און מענשען, זיינען אויך צוזאמענ־
געשטעלט פון אָט דיזעלביגע צעלען.

אויף אזא אופן איז אויפגעוויזען געוואָרען, אז אלע אָרגאנישע
בעשעפעניסען, אָנהויבענדיג פון דער מינדסטער גרעזעלע און ענדיגענ־
דיג מיט'ן מענשען, בעשטעהען ניט נור פון איינע און דיזעלבע עלע־
מענטען און צווישען זיי נאָכ'ן עצם נאָך איז ניטאָ קיין אונטער־
שיעד, נאָר אויך יעדער אָרגאניזם בעזונדער איז איינפאך א גרעסערע
אָדער קלענערע געזעלשאפט פון בעזונדערע צעלען, וואו יעדע צעלע
ווערט אין א געוויסען מאָמענט געבאָרען, ערנעהרט זיך, ענטוויקעלט
פון זיך אנדערע צעלען און שטארבט אָב. אין מענשענס קערפער,
למשל, הערען ניט אויף יערען מאָמענט געבאָרען ווערען און אָבשטאר־
בען מיליאָנען צעלען, אזוי, אז אין משך פון איין חודש בענייעט זיך

מענען און ערציהען איהם אין דיזעלבע בעדינגונגען ווי קאַנט אָדער בעטהאָווען, וועט פון איהם אויסוואַקסען אַ צווייטער קאַנט אָדער בעטהאָווען. איז דאָס ריכטיג אזוי?

ניין. די היינטיגע פסיכאָלאָגיע שטימט זיך ניט מיט די אמאָליגע מאַטעריאַליסטישע לעהרען. זי ווייזט אויף, אַז די מיינונג, אַז דער מענש ביים געבאָרען ווערען האָט ניט אין זיך קיין שום פסיכישען אינהאַלט, איז ניט ריכטיג. פערקעהרט, יעדער מענש ווערט געבאָרען שוין מיט אַ גאַנץ היבשען זאַפּאַס פון יענע גייסטיגע עלעמענטען, פון וועלכע עס בילדען זיך אויס שפּעטער זיינע געפיהלען, זיין בעוואוסטזיין און זיין ווילען. פון וואַנען נעהמט זיך דיזער זאַפּאַס? עס פערשטעהט זיך, אז דאָס זיינען ניט יענע אידעאַליסטישע „איינגעבאָרענע אידעען“, וועלכע פאַלען אראָב ווי פון הימעל און פערקערפּערען זיך אין מענשען. דאָס איז פּשוט די אָרגאַנישע פערבינדונג, וועלכע עקזיסטירט צווישען איין דור און דעם אַנדערען, וואָס די עלטערען גיבען איבער בירושה צו זייערע קינדער די הויפּט־עלעמענטען פון זייער פיזישע און גייסטיגע אייגענשאַפטען. דאָס קינד, וואָס ווערט געבאָרען אין אַ פאַמיליע, וועלכע פיהרט שוין פון פיעל דורות אַ הויכען קולטורעלען לעבען, איז מיט זיין פיזישען אויסזעהען און גייסטיגע אייגענשאַפטען גאָר ניט עהנליך צום קינד, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אַ דאָרפישע, אונקולטורעלע פאַמיליע, און איז נאָך ווענינער עהנליך צו אַ קינד, וואָס איז געבוירען געוואָרען ביי די ווילדע האָטענטאָטען. דאָס קינד פון האָטענטאָטען איז ווידער ניט גלייך צום קינד פון יענע מינים אַפּען, וועלכע שטעהען נאָהענט צום מענשען א. ז. וו.

און אויב די אינדיווידועלע פסיכאָלאָגיע, די גייסטיגע ענטוויקלונג פון יעדען מענשען, הויבט זיך ניט אָן גופא מיט איהם, נור זי ווענדט זיך אָן דער גאַנצער קייט פון די פריגע דורות, פון וועלכע ער שטאַמט ארויס, — קען מען דען זאָגען, אז יעדער מענשליכער „איך“ איז אַ זעלבסטשטענדיגע, אונאבהענגיגע, אין זיך איינגעשלאָסענע וועלט? קען מען דען זאָגען, אז די געזעלשאַפט איז אַ פּשוט'ע מעכאַנישע צונויפבינדונג פון איינצעלנע מענשען? דאָס איז ניט ריכטיג. די בעציהונג פון אינדיווידואום צו דער געזעלשאַפט איז פיעל טיעפער און פערוויקעלטער איידער עס דאכט זיך אויפ'ן ערשטען בליק.

שען. נאָר אויב דאָס וואָלט געווען אזוי, דאן וואָלטען אין געמיינשאפט־ליכען לעבען ניט געקענט פאָרקומען כאָטיש אזעלכע ערשיינונגען, וועלכע זיינען געגען דעם ווילען פון די איינצעלנע מענשען. וואָס אָבער זעהען מיר אין דער ווירקליכקייט? דאָס טאָג־טעגליכע לעבען ווייזט אונז פונקט פערקעהרט. אויב פון יאָהר צו יאָהר, פון חודש צו חודש, ווערט אַ בעשטימטע צאָהל מענשען משוגע, אַ בעשטימטע צאָהל מענשען בעגעהען זעלבסטמאָרד, אַ בשטימטע צאָהל בריעף ווערען אריינגעוואָרפען אין די פאָסט־קעסטלעך אָהן אדרעסען א. ד. גל. — און דאָס אַלעס קומט פאָר אזוי געזעצמעסיג און פראָפּאָרציאָנעל צו דער גרויס פון דער בעפעלקערונג און צו די אַלגעמיינע לעבענס־בעדינגונגען, דאָס מען קען וועגען דעם זאָגען פ אָ ר א ו י ס, מיט יאָהרען פריהער — קען מען דען זאָגען, אז דאָס איז דער ווילען און פערלאַנג פון די איינצעלנע מענשען? קען מען דען זאָגען, אַז אַלץ ווענדט זיך אָן זיי?

דאָס אַליין בעווייזט ווי שוואך עס איז דער גרונד פון אזא געזעלשאַפטס־טהעאָריע. נור פאַר אונז איז בעזאָנדערס וויכטיג אָבצושטעלען זיך אויף דעם א ר ו י ס ג אַ נ ג ס־פּ ו נ ק ט פון דיעזער טהעאָריע, אויף די פילאָזאָפישע און פסיכאָלאָגישע פרינציפּען, אויף וועלכע זי בויט זיך.

די מאַטעריאַליסטען פון אכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען געפיהרט א העפטיגען קאַמפף געגען די דעמאָלסדיגע אידעאַליסטישע לעהרען, אז דער מענש ווערט געבאָרען שוין מיט פאַרטיגע אבסטראקטע אידעען. און אין דער אמת'ען איז דאָס אַן אונמעגליכע זאך, אַז דאָס קליינינקע עופה'לע, וועלכעס זעהט נאָך ניט, הערט נאָך ניט און פיהלט נאָך ניט זיינע אייגענע אברים, זאָל שוין האָבען אין זיך די אידעען פון אָרט, צייט, גאָטהייט, גוטסקייט א. ד. גל. אָט דעריבער האָבען זיי געלערנט, אז דער מענשליכער גייסט ביים געבאָרען ווערען איז אבסאָלוט פוסט, ער האָט אין זיך ניט קיין שום אינהאַלט און הויבט זיך אָן אָנפילען ערשט שפּעטער, אַ דאַנק דעם ארומיגען לעבען, אין וועלכען ער געפינט זיך.

צי וועלכען לאָגישען שלוס פיהרט אַזאַ מאַטעריאליסטישע לעהרע? דער שלוס איז אזא, אז אלע מענשען ביים געבאָרען ווערען זיינען אבסאָלוט גליך, אין לאָמיר, למשל, נעהמען אַ קינד פון די ווילדע בוש־

צונויף לויט א בעשטימטען פלאַן, מען קלעפּט זיי צונויף מיט אַ געוויסען צעמענט — און דאָס הויז איז פאַרטיג. אויף אַזאַ אופן, מעכאַניש, האָבען זיך אויך פעראייניגט די מענשען, און זיי האָבען אזוי געטהאָן, ווייל אזוי האָבען זיי געפונען פאַר בעסער און אזוי האָבען זיי געוואָלט.

איז דאָס ריכטיג אזוי? קען מען אָננעהמען אזא טהעאָריע?

.3

אָבער אַזאַ טהעאָריע קען ניט אויסהאַלטען קיין שום קריטיק.

ערשטענס, איז די גאנצע מעשה וועגען דער אויסבילדונג פון דער געזעלשאַפט אונגלויביג און לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל. אויב עס איז געווען אַ צייט, ווען קיין געזעלשאַפט האָט ניט עקזיסטירט און די מענשען האָבען געלעבט יעדער בעזונדער — הייסט דאָס, אז אין יענער צייט האָט נאָך ניט געקענט עקזיסטירען קיין שפּראַך און מענשען האָבען ניט געקענט רעדען. די שפּראַך קען זיך אויסבילדען און ענטוויקלען נור צוליעב און אַ דאַנק דעם געמיינשאַפטליכען לעבען. און וויבאַלד אז מענשען האָבען ניט געקענט רעדען — האָבען זיי אין א גייסטיגען הינזיכט געמוזט שטעהן זעהר ניעדריג און האָבען ניט געקענט דענקען. מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלען אין געדאַנק קיין שום זאַך, וואָס האָט ניט קיין נאָמען, קיין בעשטימטען וואָרט, וועלכעס זאָל זי בעצייכענען, און בפרט אויב די זאַך עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט און איז בלויז אַ פאָרשטעלונג, אַן אבסטראקטער בעגריף. אָהן דער שפּראַך איז אונזער געדאַנק פּוסט. היינט ווי־זשע האָבען די מענשען, ניט קענענדיג רעדען און ניט האָבענדיג קיינע בעגריפען און פאָרשטעלונגען—ווי־זשע האָבען זיי געקענט זיך צונויפגעהן, „צונויפרעדען“, און גראד וועגען אזעלכע אבסטראקטע בעגריפען ווי „געזעלשאַפט“, „איינאָרדנונג“ און דערגלייכען?

צווייטענס, לויט דיעזער טהעאָריע קומט אויס, אז די מענשען האָבען זיך אין אַ געוויסער צייט פעראייניגט, ווייל אזוי האָבען זיי געפונען פאַר נויטיג און אזוי האָבען זיי געוואָלט. די געזעלשאַפט איז, אלזאָ, אַ רעזולטאַט פון ווילען און פערשטאַנד פון די איינצעלנע מענ־

אָט דעריבער האָט אין יענער צייט -- בנוגע צו דער פראַגע וועגען דער ענטשטעהונג פון דער געזעלשאַפט — געהערשט די בעוואוסטע טהעאָריע פון „נאַטור־צושטאַנד“.

אין די ערשטע צייטען — לערענט דיעזע טהעאָריע -- האָבען מענשען זיך געפונען אין „נאַטור־צושטאַנד“, ד. ה., קיין געזעלשאַפט האָט ניט עקזיסטירט און יעדער איינער האָט געלעבט אָבגעזונדערט פון די אַנדערע. אין יענע צייטען האָבען מענשען ניט געוואוסט פון די אלע קייטען פון געזעצען און תקנות, זיטען און מדות, וואָס יעדע געזעלשאַפט לעגט ארויף אויף איהרע מיטגליעדער, און אלע מענשען זיינען געווען אבסאָלוט גלייך און פריי. אָבער דיעזער „נאַטור־צושטאַנד“ האָט ניט געקענט אייביג דויערן. מענשען זיינען געצוואונגען צו פיהרען א קאַמפף פאר זייער לעבען און יעדער מענש בעזונדער איז צו שוואך אויסצוהאַלטען דיזען קאַמפף. אָט דעריבער האָבען די מענשען אין אַ געוויסער צייט זיך מישב געווען, צונויפגערעדט זיך ווי צו טהאָן און ווי זיך צו אָרגאַניזירען, און האָבען אויסגעבילדעט די געזעלשאַפט.

אָט דאָס איז געווען די הערשענדע געזעלשאַפטס־טעאָריע פון יענער צייט. דאָס איז דער שטאַנדפונקט פון אינדיווידואליזם אין זיין ריינסטער פאָרמע, און ווי עס איז בעוואוסט, האָט דיעזע טהעאָריע געהאַט זעהר אַ וויכטיגע בעדייטונג פאר דער דאַמאָלסדיגער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון דער בורזשואזיע. לערנענדיג, אַז די מענשען זיינען נאָך דער נאַטור נאָך אבסאָלוט גלייך און אונאבהענגיג איינע פון די אַנדערע, און אַמאָל האָבען זיי טאַקע אזוי געלעבט, איז זי אייפ׳ן שאַרפסטען אופן ארויסגעטרעטען געגען די מיטעלאַלטערליכע איינאָרדנונגען און געפאָדערט די פערווירקליכונג פון אלע אינדיווידועלע פרייהייטען: פרייהייט פון געוויסען, פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פון קאָנקורענץ, פרייהייט פון ארבייט א. ד. גל.

נור אונז איז אין דיעזען פאַל ניט נוגע די ה י ס ט אָ ר י ש ע בעדייטונג פון דיעזער טהעאָריע; פאַר אונז איז וויכטיג איהר ס אָ־צ י אָ ל אָ ג י ש ע ר שטאַנדפונקט, איהר ערקלערונג וואָס איז אזוינס די געזעלשאַפט און ווי אזוי האָט זי זיך אויסגעבילדעט. לויט דיעזער טהעאָריע קומט אויס, אז די געזעלשאַפט האָט זיך אויסגעבילדעט פונקט ווי עס בילדעט זיך אויס א הויז. בעזונדערע ציעגעל לעגט מען

מאַטעריאַליזם איז פאָרגעקומען אויף דעם באָדען פון דיעזער וויסענשאַפט. ווי אזוי בילדעט זיך אוים דער מענשליכער גייסט, דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין „איך“? די אידעאַליסטען האָבען געלערענט, אַז דער מענש ווערט געבאָרען און ערשיינט אויף דער וועלט שוין מיט אַ גאַנצע סומע פון פארטיגע אידעען און פאָרשטעלונגען. די מאַטעריאַליסטען האָבען געלעהרענט פערקעהרט, אז דער מענש ווערט געבאָרען אָהן קיינע סמנים פון גייסטיגען אינהאַלט און זיין גאַנצער „איך“, זיינע נייגונגען און שטרעבונגען און אלע זיינע אידעען און פאָרשטעלונגען, ענטוויקלען זיך ערשט שפעטער אַ דאַנק די פינף חושים, מיט וועלכע ער בענעהמט און בעגרייפט די ארומיגע וועלט.

דאָס איז געוועזן דער אידעען־קאמפף אין דער דאַמאָלסדיגער פילאָזאָפיע. נאָר ווי די מעשה איז: צי ווערט דער מענש געבאָרען מיט א פאַרטיגען גייסטיגען „איך“, אָדער דיעזען „איך“ בעקומט ער ערשט שפעטער אויף אַ מאַטעריאַליסטישען שטייגער, — איין זאך איז פון דיעזער לעהרע קלאָר, אז דער פסיכישער אינהאַלט פון מענשען ווענדט זיך ניט אָן די פאָריגע דורות, פון וועלכע עס שטאַמט ארוים. לויט די אידעאַליסטישע לעהרען ערשיינט דער מענש אויף דער וועלט אין אַלע צייטען און ביי אַלע אומשטענדען מיט אַ בעשטימטער, אַלע מאָל איינער און דערזעלבער סומע פון אידעען און פאָרשטעלונגען; לויט די מאַטעריאַליסטישע לעהרען ערשיינט ער אַלע מאָל מיט איינער און דער זעלבער גייסטיגער פוסטקייט. יעדער מענש הויבט, אַלזאָ, אָן זיין גייסטיגע ענטוויקלונג פון אָנהויב און טאַקע פון איינעם און דעמזעלבען אָנהויב. די פסיכאָלאָגיע, די לעהרע פון גייסטיגען לעבען האָט, אַלזאָ, צו טהאָן נור מיט דעם אינדיווידואום, און דער צוזאַמענהאַנג פון די דורות, דאָס היסטאָרישע לעבען פון דער געזעלשאַפט, איז דערצו גאָר ניט שייך.

אויף אַזאַ אופן — וואָס־זשע איז די געזעלשאַפט, אויב ניט אַ „הויפען זאַמד“, אַן איינפאַכע סומע פון איינצעלנע פערזאָנען, וואו יעדע פערזאָן, יעדער „איך“, איז א בעזונדערע, אונאבהענגיגע, אין זיך איינגעשלאָסענע וועלטעל? ווי קען זיין אנדערש די פערבינדונג צווישען די מענשען, אויב ניט אַ ריין מעכאַנישע, וואָס די טהיילען האָט מען אין אַ געוויסער צייט צונויפגעשרויפט און מען קען זיי ווען מען וויל ווידער פאַנאַנדערשרויפען?

מעכאַנישע, ד. ה., די זאַכען זיינען ניט איינגעוואַקסען איינע אין די אַנדערע, נור זיי זיינען ווי אַ מאַשין, וועלכע איז צונויפגעשטעלט פון בעזונדערע צונויפגעשרויפטע טהיילען.

און וויבאַלד, אַז דער מענש איז אין אַ געוויסען מאָמענט בעשאַפען געוואָרען, גאַנץ בעזונדער און אונאַבהענגיג פון אַלע אַנדערע בעשעפעניסען, פערשטעהט זיך שוין ממילא, אַז אין אָנהויב האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען געזעלשאַפט. אין אָנהויב האָט עקזיסטירט נור דער מענש, נור די איינצעלנע פערזאָן, און די געזעלשאַפט האָט געקענט ערשיינען ערשט שפּעטער, ווען עס האָבען זיך אָנגעקליבען שוין אַ סך מענשען. פריהער, אַלזאָ, האָבען עקזיסטירט איינצעלנע מענשען און דערנאָך האָבען זיי זיך פעראייניגט אין אַ געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט, אַלזאָ, איז אַ שפּעטערע ערשיינונג אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענשהייט. די מענשען זיינען אונאַבהענגיג פון דער געזעלשאַפט. יעדער אינדיווידואום איז אַלע מאָל דער זעלביגער מענש, מיט די זעלביגע אייגענשאַפטען, סיי ער איז אַ מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט, סיי ניט. דאָס איז געווען דער שטאַנדפונקט פון די פילאָזאָפען פון 18־טען יאהרהונדערט, און אין דעם זיינען געווען איינינג אפילו אַזעלכע געגענזעצליכע שטרעמונגען אין דער פילאָזאָפיע, ווי דער אידעאַליזם פון איין זייט און דער מאַטעריאַליזם פון דער אַנדער זייט. ווי די אידעאַליסטען, אַזוי אויך די מאַטעריאַליסטען, זיינען געווען איבערצייגט, אַז יעדער איינצעלנער מענש שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָבגעזונדערטע, אין זיך איינגעשלאָסענע וועלט פון גייסטיגען לעבען, און דעריבער איז די געזעלשאַפט ניט מעהר ווי אַ „הויפען זאַמד“, וואָס בעשטעהט פון איינציגע, זעלבסטשטענדיגע און צווישען זיך גלייכע זאַמדעלעך.

און די סבה פון אַזאַ איבערצייגונג—דאָס איז געווען דער צושטאַנד פון די דאַמאָלסדיגע פילאָזאָפישע וויסענשאַפטען און בעזונדערס דער צושטאַנד פון דער דאַמאָלסדיגער פּסיכאָלאָגיע. די פּסיכאָלאָגיע — ווי עס איז בעוואוסט — בעשעפטיגט זיך מיט די פראַגען ווי אַזוי עס בילדעט זיך אויס און ענטוויקעלט זיך דער מענשליכער גייסט — זיינע געדאַנקען, געפיהלען און פערלאַנגען. און דער העפטיגסטער שטרייט צווישען דעם דעמאָלסדיגען אידעאַליזם און

טהיילען — דאַן וועט פערניכטעט דאָס הויז און די ציעגעל בלייבען ווי געוועזן.

וויזשע איז פאָרגעקומען מיט דער געזעלשאַפט? האָט זי זיך אויך אויסגעבילדעט אויף אזא אופן? איז זי אויך אַ ריין מעכאַנישע פערבינדונג צווישען איינצעלנע פערזאָנען, אָדער דיזע פערבינדונג טראָגט אַנאַנדער כאַראַקטער?

אַלס ענטפער אויף דיזער פראַגע — ווי עס איז שוין אויבען בעמערקט געוואָרען — עקזיסטירען פערשיעדענע טעאָריען, ווי די „מעכאַנישע", די „אָרגאַנישע" און די „היסטאָרישע". מיר וועלען זיך קודם־כל אָבשטעלען אויף דער „מעכאַנישער" געזעלשאַפט־טעאָריע.

.2

אין 17טען און 18טען יאהרהונדערט האָט אין דער סאָציאַלער וויסענשאַפט געהערשט די „מעכאַנישע" טעאָריע. די פילאָזאָפען און פאָליטיקער פון יענער צייט האָבען געקוקט אויף דער געזעלשאַפט ווי אויף א פשוט'ער מעכאַנישער פערבינדונג צווישען איינצעלנע מענשען.

און דאָס איז געווען ניט נור א דאַנק די סאָציאַלע און פאָליטישע פאָדערונגען פון יענער צייט*), נור אויך א דאַנק דעם צושטאַנד פון דער דאַמאָלסדיגער וויסענשאַפט בכלל. דער פרינציפ פון ענטוויקלונג, די לעהרע, אז אַלע לעבעדיגע און ניט־לעבעדיגע זאכען שטאַמען ארויס איינע פון די אַנדערע און זיינען אָרגאַניש איינגעוואקסען איינע אין די אַנדערע, האָט פאר דער דאַמאָלסדיגער וויסענשאַפט נאָך ניט עקזיסטירט. אין יענער צייט האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אַז יעדע זאך אין דער וועלט: די זון און די ערד, וואסער און לופט, מינעראַלען און פלאַנצונגען, חיות און מענשען — זיינען בעזונדער בעשאַפען געוואָרען און האָבען א וויטען שייכות איינע צו די אנדערע. און אויב מען זעהט צווישען פרשיעדענע זאכען א געוויסע פערבינדונג, מיט אַ געוויסער האַרמאָניע, איז דיזע פערבינדונג איינפאך א

*) דאָס איז געווען די צייט, ווען עס האָט זיך צוגעגרייט און שפּעטער דורכגעפיהרט געוואָרען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן.

אין געדאַנק. דאָס הויז האָט זיינע בעזונדערע אייגענשאַפטען אלס א ה ו י ז און ניט בלויז אַ געוויסע סומע פון ציעגעל.

די זעלביגע זאַך איז אויך מיט דער געזעלשאַפט און די איינצעלנע מענשען, פון וועלכע זי בעשטעהט. די געזעלשאַפט איז בריי־טען זין פון וואָרט איז ניט אַ צייטוויליגע פעראייניגונג פון איינצעלנע מענשען. זי עקזיסטירט שוין פון טויזענדער יאָהרען, און יעדער איינצעלנער מענש פון זיין ערשטען טאָג ביז דעם לעצטען איז פערבונדען מיט אלע אַנדערע מענשען מיט טויזענדער קניפּלעך און פעדים. אפילו אין דער צייט, ווען דער מענש איז, דאַכט זיך, איינזאַם, אליין, אָבגעטהיילט פון די איבעריגע מענשען, הערט ער אויך ניט אויף אין געדאַנק צו זיין מיט זיי אין שטענדיגער פערבינדונג: ער בענקט נאָך זיי, ער האָפט ווידער צו טרעפען זיך מיט זיי, אָדער ער פרעהט זיך, וואָס ער וועט זיי מעהר ניט זעהן און ז. וו.

און די פערבינדונג צווישען מענשען איז ניט נור אַ שטייפע און אַ לאַנג־דויערנדע, נור זי שטעלט מיט זיך פאָר אויך אַ בעשטימטע פאָרמע און א געוויסען סדר. די געזעלשאַפט איז ניט בלויז א סומע פון איינצעלנע מענשען, נור דאָס איז אַ גאַנצער בנין, אַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם פון טויזענדער פערשיעדענסטע טהיילען, וועלכע זיינען צוגעפּאַסט איינע צו די אנדערע און איינע אָהן די אַנדערע קען ניט עקזיסטירען.

קען מען זאָגען, אז די געזעלשאַפט אַן־און־פאַר־זיך האָט ניט קיין ממשות, אז זי איז בלויז אַ פאָרשטעלונג פון געדאַנק און עקזיסטירט ניט אין דער ווירקליכקייט? אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. די געזעלשאַפט איז פונקט אַזאַ רעאלע זאַך, ווי עס איז, למשל, רעאל אַ הויז, וואָס איז אויפגעבויט פון בעזונדערע ציעגעל.

וואָס־זשע איז אַזוינס די געזעלשאַפט?

מיר ווייסען ווי אזוי עס בילדעט זיך אוים אַ הויז. דאָס איז אַ דיין מ ע כ אַ נ י ש ע צוזאַמענהעפטונג און צונויפקלעפּונג פון איהרע בעזונדערע טהיילען. פריהער האָבען עקזיסטירט די ציעגעל אלס בעזונדערע אינדיווידואליטעטען גאַנץ אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, אין דערנאָך האָט מען זיי אין אַ געוויסען מאָמענט פראייניגט, מעכאַניש צוזאַמענגעקלעפּט איינע מיט די אַנדערע, און אזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס הויז. זאָל מען זיי ווידער פאַנאַנדער־

צי איז דאָס וואָס מען רופט „געזעלשאַפט“ בלויז אַן אידעע, בלויז אַ געדאַנקען־פאָרשטעלונג, אָדער דאָס איז אַ רעאַלע זאַך, וועלכע עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט?

אויף׳ן ערשטען בליק קען אויסווייזען, אַז דאָס וואָרט „געזעל־שאַפט“ האָט ניט אונטער זיך קיין שום רעאַלע ממשות. און אין דער אמת׳ען. דאָס וואָרט „געזעלשאַפט“ בעדייטעט די פעראייניגונג און צוזאַמענהאַנג צווישען די איינצעלנע מענשען. אָבער „פעראייניגונג“ אָהן די זאַכען וואָס זיינען פעראייניגט, פונקט אַזוי ווי „שעהנקייט“ אָהן די זאַכען וואָס זיינען שעהן, איז נור אַ פאָרשטעלונג פון אונ־זער געדאַנק, אַן אבסטראַקטער בעגריף. ווי־זשע איז מעגליך, אַז דיעזע פאָרשטעלונג פון געדאַנק, דיעזע אבסטראַקציע, זאָל עקזיס־טירען ווי אַ רעאַלע זאַך? קען מען דען רעדען וועגען אַ געוויסע גע־דאַנקען־פאָרשטעלונג, אַז זי האָט אַ קראַפט צו ווירקען אויף רעאַל־עקזיסטירענדע זאַכען?

דאַכט זיך, אַז דאָס איז זעהר ריכטיג. עס איז ניטאָ קיין „געז־זעלשאַפט“ אַלס אַ רעאַלע זאַך און דעריבער איז ניטאָ וואָס צו רעדען וועגען איהר מאַכט און ווירקונג אויף די איינצעלנע מענשען. קוקט מען זיך אָבער צו נעהענטער, זעהט מען, אַז די זאַך איז ניט אַזוי. אין דער ווירקליכקייט איז די געזעלשאַפט אויך אַזוי רעאַל און האָט אַזאַ זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ פונקט אַזוי ווי די איינצעלנע מענשען.

ספענסער ערקלערט דאָס מיט אַזאַ ביישפּיעל:

ווען פאַר אייערע אויגען ליעגט אַ קופּע ציעגעל, דאַן זעהט איהר קיין אַנדער זאַך ניט אויסער ציעגעל. די קופּע איז אַן איינפאַכע סימע פון איינצעלנע ציעגעל, וועלכע זיינען צייטווייליג צוזאַמענגעקלי־בען אינאיינעם אָנשטאָט צו זיין פונאַנדערגעוואָרפען. נעהמט אָבער־אָט די זעלביגע ציעגעל, לעגט זיי צונויף אין אַ בעשטימטע פאָרמע מיט אַ געוויסען סדר און קלעפּט זיי צונויף מיט אַ שטאַרקען צע־מענט, אַז זיי זאָלען אַ לאַנגע צייט ניט פונאַנדערפאַלען, — דאַן האָט איהר פאַר אייערע אויגען ניט אַן איינפאַכע קופּע פון ציעגעל, נור אַ נייע אינדיווידואַליטעט, אַ ה ו י ז. דאָס הויז אָהן די ציעגעל, פון וועלכע ס׳איז אויפגעבויט, קען ניט עקזיסטירען, פּאַקטיש קען מען זיי ניט אָבטהיילען איינע פון די אַנדערע, און דאָך איז דאָס הויז אַ רעאַלע זאַך, וועלכע עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט און ניט בלויז

פעדים. ער איז א מיטגליעד פון א פ א מ י ל י ע, ער בעלאנגט צו א געוויסער נ א צ י א ן, ער איז א בירגער פון א געוויסער מ ל ו כ ה, ער איז א טייל פון א בעשטימטער עקאנאמישער ג ר ו־ פ ע, ער בעלאנגט צו א געוויסען ק ל א ס, ער איז דירעקט אדער אינדירעקט פערבונדען מיט פערשיעדענע א ר ג א נ י ז א צ י א־ נ ע ן, פ ע ר א י י נ ע ן אדער פ א ר ט י י ע ן, און ז. וו. מיט איין ווארט, אין קיין מינוט פון זיין לעבען געהט דער מענש ניט ארויס פון וועלכע ניט איז בעציהונגען מיט אנדערע מענשען.

אט דיעזע פערשיעדענארטיגע פערבינדונגען און בעציהונגען צווישען די מענשען בעשאפען דאס, וואס מען רופט „געזעלשאפט“, און יעדער איינצעלנער מענש פיהלט אויף זיך די „געזעלשאפט“ אויף יעדען שריט און טריט. די „געזעלשאפט“ לעגט אויף איהם ארויף טויזענדער פפליכטען און התחיבות'ען, פון וועלכע ער קען זיך קיינ־ מאל ניט בעפרייען. די פערשיעדענארטיגע פערבינדונגען צווישען די מענשען בעשאפען פערשיעדענסטע פארמען פון רעכט און פפליכט, זיטען און מדות, געזעצען און מאראל־סיסטעמען, און זיי אלע צו־ זאמען פלעכטען זיך אזוי צונויף מיט די געדאנקען און געפיהלען פון די איינצעלנע מענשען און פילען אזוי אן זייער גייסטיגען „איך“, דאס עס איז אונמעגליך צו געפינען דעם גרענעץ וואו עס ענדיגט זיך דער „אינדיווידואום“ און וואו עס הויבט זיך אן די „געזעל־ שאפט“.

וואס זשע איז אזוינס די „געזעלשאפט“? ווי אזוי איז זי ענט־ שטאנען? פון וואנען נעהמט זיך איהר אונגעהויערע מאכט אויף די איינצעלנע מענשען?

אויף דיעזע פראגען זיינען אין פערשיעדענע צייטען געגעבען גע־ ווארען פערשיעדענע ערקלערונגען. די וויכטיגסטע פון דיעזע ערקלע־ רונגען — דאס זיינען: 1) די „מעכאנישע“ געזעלשאפטס־טעאריע, 2) די „ארגאנישע“ געזעלשאפטס־טעאריע און 3) די „היסטארישע“ געזעלשאפטס־טעאריע. מיר וועלען זיך אבשטעלען אויף יעדערע פון דיעזע טעאריען בעזונדער.

* * *

נאר איידער מיר געהען איבער צו דיעזע טעאריען, איז וויכטיג פעסטצושטעלען ווי דארפען מיר קוקען אויף דער געזעלשאפט בכלל:

די געזעלשאַפט

(איהר וועזען און ענטשטעהונג).

וואָס איז סאָציאָלאָגיע? די בעציהונג פון געזעלשאַפט און אינדיווידואום. די פראַגע וועגען געזעלשאַפט. די „מעכאַנישע“ געזעלשאַפטס־טעאָריע. קריטיק פון דיעזער טעאָריע. די „אָרגאַנישע“ געזעלשאַפטס־טעאָריע. ספּענסער'ס בעגרענצונג פון דיעזער טעאָריע. די „היסטאָרישע“ געזעלשאַפטס־טעאָריע. די פראַגע וועגען דעם פערבינדונגס־צעמענט צווישען די מענשען. געזעלשאַפט און פאַמיליע. די עקאָנאָמישע בעציהונגען און די ראָלע פון אינדיווידואום אין דער געזעלשאַפט.

מיט דער פראגע וועגען געזעלשאַפט אין אַלגעמיין און וועגען די בעציהונגען פון געזעלשאַפט און אינדיווידואום פערנעהמט זיך די ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ע.

דאָס וואָרט „סאָציאָלאָגיע“ בעדייטעט — ד י ל ע ה ר ע ו ו ע ג ע ן ג ע ז ע ל ש אַ פ ט, און דיעזע לעהרע נעהמט ארום פערשיעדענע פראגען, ווי די פראגען: וואָס איז אַזוינס געזעלשאַפט? וואָס איז דער כאַראַקטער פון געזעלשאַפטליכע ערשיינונגען? וואָס זיינען די געזעצען פון געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג? און ז. וו.

אין אונזער איצטיגער טעמא וועלען מיר זיך אָבשטעלען אויף די ו ו י כ ט י ג ס ט ע פראַגען פון דער סאָציאלאגיע, נעמליך: 1) וואָס איז אַזוינס „געזעלשאַפט“? 2) ווי אַזוי איז זי ענטשטאַנען? און 3) וואָס זיינען די בעציהונגען פון געזעלשאַפט און אינדיווידואום?

.1

דער מענש איז אַ „סאָציאלעס וועזען“, אַ געזעלשאַפטליכע בעשעפעניס. יעדער מענש פון זיין געבאָרען ווערען ביז זיין טוידט איז פערבונדען מיט פיעלע אַנדערע מענשען מיט טויזענדער קניפּלעך און

6-טע פאָרלעזונג

מ. אַלעקסאַנדראָוו

די געזעלשאַפט

(איהר וועזען און ענטשטעהונג)

פון געהיימניס. מיט אונזערע חושים קענען מיר זי ניט דערגעהען און ניט פערשטעהען, אזוי וועניג ווי מיר קענען ניט דערגרייכען מיט אונזערע חושים דעם אָנהויב און דעם סוף פון דער קערפערליכער וועלט. אָבער קוים האָט זיך די נשמה אונז אינווענדיג געגעבען צו דערקענען, אזוי פערשטעהען מיר אַלע פאָרמען פון איהר לעבען און איהר ווירקען, און קענען זי אונטערזוכען, פון דער עלעמענטאַרסטער עמפפינדונג אָן ביז צו איהרער העכסטער שטייגערונג אַלס הערראָאישער ווילען אין דער מענשליכער געשיכטע. פון וואַנען זי איז, און וואָס זי איז, איז למעלה פון אונזער שכל צו פערשטעהען, אָבער ווי זי לעבט און וואָס זי וויל, דאָס קענען מיר דערגעהען. זי לעבט, כדי אַרויסציגעהען פון יעדען מאָמענט פון לעבען שטאַרקער און מעכטיגער און בעוואפענט מיט נייע כלי־זין צו לעבען. און דיעזען צוועק, דאָס פיעלזייטיגערע, רייכערע, די גאַנצע וועלט ארומנעהמענדע לעבען, דערגרייכט זי אויף די פערשיעדענסטע אופנים, וועלכע זיינען זיך אפילו סותר, אָבער פיהרען אַלע צו דעם גלייכען צוועק, צו דעם טריאומף פון לעבען. ווען די נשמה באגעהרט נאָך תאוה, נאָך ערקענטניס, נאָך זעלבסט־ליעבע, נאָך אויפאָפפערונג, נאָך מאַכט, נאָך ליעבע, נאָך הייליגקייט, זוכט זי אין אַלעדעם נאָר איין גרויסען צוועק: זיך זעלבסט צו דערהויבען. און דאָרט וואו די נשמה דערהויבט זיך און בעקומט איהר אויסלייטערונג און תקון, געהט אויך דער גוף אַרויס ענטוויקעלטער, מעכטיגער, איידעלער און רייכער, ווארום נשמה און גוף, גייסט און קערפער זיינען נאָך אונזער בעגרעניצטער מענשליכער השגה נאָר צוויי צווילינג־קינדער פון איין אייביגער אונענדליכער געהיימניס.

אויף א העכערע שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג שליעסט זיך אָן צו עמפּפינדונג, פאָרשטעלונג און געפיהל נאָך א כח פון נשמה־לעבען, דער ווילען. דער ווילען טרעט אויף אפילו שוין ביי די ניעדריגסטע פאָרמען פון לעבען, אָבער דאָרט איז דער ווילען נאָך גאַנץ פעראייניגט און צונויפגעשמאָלצען מיט די איבריגע יסודות פון דעם נשמה־לעבען. ווען דער ווארעם ווערט געדריקט מיט דעם פינגער, ציעהט ער זיך צונויף; דאָס איז א בעוועגונג, אין וועלכער עס איז פאראן אַ יסוד פון ווילען, אָבער דער ווילען איז דאָ נאָך פאָלשטענדיג צונויפגעוואַקסען מיט דער עמפּפינדונג און דעם געפיהל. ערשט ביים מענשען און אין דער קולטור זאָנדערט זיך אָב דער ווילען אלס א בעזונדערע נשמה־ערשיינונג און גייסטיגער כח.

אין דעם באַגעהר און אין אינסטינקט ליעגט שוין דער אנהויב פון ווילען. ווען דאָס קינד איז הונגריג און שרייט און וואַרפט זיך, האָט עס דעם געפיהל פון הונגער, די פאָרשטעלונג פון נאהרונג, די פאָרשטעלונג פון דער מוטערברוסט און דער בעוועגונג צו דער ברוסט, און עס קומט נאָך צו דער ווילען די מוטערברוסט צו דערלאַנגען. דאָס איז די ערשטע נאָך קוים נכר'דיגע ערשיינונג פון ווילען. דיעזער ווילען שטייגט, ענטוויקעלט זיך און ווערט אַלץ זעלבסטשטענדיגער און זעלבסטשטענדיגער אין נשמה־לעבען. ביי דעם גרויסען מענשען אין דער קולטור איז ער שוין אַ זעלבסטשטענדיגער שעפּפערישער כח, וועלכער רייסט אַראָב פון זיך די קייטען פון געבונדענקייט, צו בעפרייאונג פון אונריינע מאָטיווען אויב ניט גאָר צו פרייהייט

אַזוי ווערט אויפגעבויט דאָס גאַנצע פערצווייגטע אונענדליך רייכע פּסיכישע לעבען פון די גרונד־יסודות: עמפּפינדונג, פאָרשטעלונג, געפיהל, ווילען. אין דער מענשליכער געשיכטע ענטשטעהען פון דעם נשמה־לעבען נאָך וויטערע גייסטיגע געביידען; שפּראַכע, קונסט, רעליגיאָן, רעכט, מאָראַל, און דאָס אַלערהעכסטע — די בעוואוסטזיניגע היסטאָרישע שעפּפונג, וועלכע די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע זוכט וויסענשאַפטליך צו דערפאָרשען און צו דערגרינדען.

די נשמה איז די אינוועינדיגע זייט פון דעם גוף. זי קומט צו אונז פון א וואונדערבאַרען לאַנד, פון דעם בער'כישופ'טען קעניגרייך

אידעען פון דער וויסענשאַפט. לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל דאָס בעריהמטע געזעץ פון ניוטאָן, דאָס אלע קערפּער ציעהען צו איינער דעם אַנדערען, און דיעזע צוציהונג איז גרעסער, וואָס גרעסער די קערפּער זיינען, און ווערט פערקלענערט, וואָס ווייטער זיי זיינען ענטפערנט איינער פון דעם אַנדערען. דיעזער אבסטראקטער געדאַנקען איז אַ פעראייניגונג פון גאַנצע קייטען און סיסטעמען פון פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבען אלע זייערע וואָרצלען אין די לכתחילה'דיגע עמפּפינדונגען. אין דיעזעם וויסענשאַפטליכען געזעץ זיינען ענטהאַלטען די פאָרשטעלונגען פון ערדישע קערפּער, הימלישע קערפּער, בעוועגונג, נאָהענט, ווייט, גרויס, קליין, פערענדערונג, מאַטעמאטישע בעציהונג און ז. וו. עס איז א גאַנצעס סיסטעם פון פאָרשטעלונגען, וועלכע פעראייניגען זיך דורך דעם שכל אין די איינהייט פון אַ נאַטורוויסענשאַפטליכען געזעץ.

עמפּפינדונגען, פאָרשטעלונגען און געפיהלען זיינען אויף די יסודות פון אונזערע העכערע און העכסטע געפיהלען. הונגער, דורשט, היץ, זיינען עלעמענטארע געפיהלען, וועלכע ווערען ארויסגערופען דורך א רייצונג און א עמפּפינדונג פון קערפּער. ליעבע, טרייהייט, שטאָלץ זיינען העכערע געפיהלען, וועלכע זיינען צוזאמענגעזעצט פון גאַנצע קייטען פון פאָרשטעלונגען און געפיהלען. די פאָרשטעלונג פון דער אייגענער פערזאָן, פון אַנדערע פערזאָנען, פון דער סאָציאַלער סביבה, פון דער אייגענער פּאָזיציאָן אין דער סביבה, פון די פערשיעדענע האַנדלונגען, די לוסט-געפיהלען און אונלוסט-געפיהלען, וועלכע ווערען ארויסגערופען, ווען דער מענש שטעלט זיך פאָר אלס געאכטעט אָדער ניט-געאַכטעט פון דער סביבה, דיעזע אלע פאָרשטעלונגען און געפיהלען געהען אריין אין דעם העכערען געפיהל ש ט אָ ל ץ. אָדער וואָס פאר א קייט פון פאָרשטעלונגען און געפיהלען קומען אַריין למשל אין דעם ערהאַבענעם געפיהל פון פ ע ר א נ ט וו אָ ר ט ל י כ ק י י ט פון דעם יחיד פאר די וועלטגעשיכטע, פאר איהר פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. דיעזער געפיהל דערוועקט זיך ביי די זשעניען פון דער מענשהייט, ביי די בעגרינדער פון רעליגיאָן, פּאָעטען און פילאָזאָפען, און איז אַ פועל-יוצא פון זייער גאַנצען דענקען און טראַכטען און פיהלען און פערפאָלקאָמונג זייער גאַנצעם לעבען.

.7

עמפפינדונגען, געפיהלען און פאָרשטעלונגען זיינען די דריי יסודות, פון וועלכע עס בויט זיך אויף דאָס גאנצע אונענדליך רייכע און פערוויקעלטע נשמה־לעבען. וואו דיעזע דריי יסודות זיינען פאַראַן, ענטשטעהט אויך די העכסטע פאָרם פון גייסטיגען לעבען, דער ו ו י ל ע ן, דער רצון, וועלכער איז פעהיג צו אונענדליכער שטייגערונג און אויסבילדונג און איז דער גרעסטער שעפפערישער כח אין דעם נשמה־לעבען.

די עמפפינדונגען אין פערבינדונג מיט די פאָרשטעלונגען בעשאַפען אלע העכערע דענקונגספאָרמען, ביז צו די העכסטע א ב־ס ט ר א ק ט ע א י ד ע ע ן פון דעם קולטור־מענשען. ווען איך זעה דעם טיש, האָב איך פון איהם אַ גאַנצע אנצאהל פון פערשיעדענע עמפפינדונגען : עמפפינדונגען פון זיין פארב, זיין גלאטקייט, זיינע פאָרמען, א. ז. וו. דיעזע אלע עמפפינדונגען האָבען זיך אלע באהעפטעט און פעראייניגט צווישען זיך צו איין העכערער אלגעמיינער עמפפינדונג, וועלכע ווערט אָנגערופען ו ו א ה ר נ ע ה מ ו נ ג, — צו דער וואהרנעהמונג „טיש“. דיעזע וואהרנעהמונג פון טיש האָט שוין יעדער געמאַכט אין זיין פריהעסטער קינדהייט דורך דעם חבור פון די איינצעלנע עמפפינדונגען פון טיש. יעצט איז שוין גענוג צו בעקומען א י י ן עמפפינדונג פון טיש, כדי דורך דעם כח פון זכרון, אין וועלכען עס איז ענטהאַלטען די פאָרשטעלונג פון טיש, זאָל ענטשטעהען די וואהרנעהמונג טיש. דורך דעם אוצר פון די פאָרשטעלונגען און דעם אַפּאַראַט פון זכרון מאַכט די נשמה פון די איינצעלנע עמפפינדונגען קאָמפליצירטע ו ו א ה ר נ ע ה מ ו נ ג ע ן.

אויסער די וואהרנעהמונגען זיינען פאראן ביי אונז ב ע ג ר י־פ ע ן, געדאנקען, אבסטראקטע אידעען. ניט נאָר האָב איך די עמפפינדונג פון א טייל פון טיש, די פאָרשטעלונג פון דער עמפפינדונג טיש, די וואהרנעהמונג פון דעם גאַנצען טיש, נאָר אויך דעם אבסטראקטען בעגריף טיש, וועלכער נעמט אַריין אין זיך אַלע מעגליכע געזעהענע אָדער פאָרגעשטעלטע טישען. און דורך דיזעלביגע פערצווייגונג פון עמפפינדונגען און פאָרשטעלונגען, דורך די ארבייט פון די חושים און דעם זכרון ענטשטעהען אויך די טיעפסטע אבסטראקטע

זיינען פּעהיג נאָך אַמאָל אַרויפצוטרעטען אין דער נשמה, הגם די געגענשטענדע און רייצונגען, וועלכע האָבען די עמפפינדונגען אַרויסגערופען, זיינען שוין ניטאָ. דער בוים, וועלכען איך זעה היינט און האָב פון איהם די זעה־עמפפינדונג, קען איך מיר מאָרגען *פאָרשטעלען* אין מיין נשמה, כאָטש דער ווירקליכער בוים איז ניטאָ פאַר מיר. נאָך דער עמפפינדונג בוים קומט די *פאָרשטעלונג* בוים, וועלכע איז, פערשטעהט זיך, בלאַסער, שוואַכער, אונבעשטענדיגער, איידער די עמפפינדונג. וואָס מעהר אויפמערקזאמקייט עס האָט אָבער בעקומען די עמפפינדונג, אַלץ לייכטער און לעבעדיגער איז די שפּעטערדיגע פאָרשטעלונג.

דיעזע פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען אַזוי צו זאָגען בלאַסע קאָפּיעס פון די עמפפינדונגען, ווערען צוזאַמענגעהאַלטען אין דער נשמה דורך דעם כח פון דעם זכרון. די פאָרשטעלונגען פערשווינדען אויף אַ ווייַלע פון דעם פעלד פון דער נשמה, אָבער זיי פערשווינדען ניט אויף שטענדיג, זיי קענען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַרויפטרעטען דורך דעם כח פון דעם זכרון. פון דעם איינגעבאָרענעם כח פון דעם זכרון, וועלכער שטעהט אין ענגער שייכות מיט דעם כח פון אויפמערקזאמקייט, העגגט עס אָב, אויף ווי פיעל די פאָרשטעלונגען קענען לייכט אָדער שווער דערוועקט ווערען אין דעם פעלד פון דער נשמה.

די פאָרשטעלונגען קומען און געהען, פערשווינדען און דערוועקען זיך ווידער פון דעם אבגרונד פון פערגעסענהייט נאָך אַ בעשטימטער געזעצמעסיגקייט, נאָך דעם געזעץ פון *אַסאָציאַציאָן*. ווען אַמאָל זיינען אויפגענומען געוואָרען די עמפפינדונגען A, B, C, דער פידלער, דער קאָנצערטזאאַל און די בעשטימטע סאָנאַטע אין דערזעלביגער צייט און פערבונדענערהייט, אַסאָציאירט, קען שוין אין אַ שפּעטערדיגער צייט די עמפפינדונג A, ד. ה. דער אַנבליק פון דעם פידלער, דערוועקען די פאָרשטעלונגען B און C, ד. ה. די פאָרשטעלונגען פון דעם קאָנצערטזאַל און דער סאָנאַטע. אָבער ניט נאָר מעכאַניש קומען און פערשווינדען די פאָרשטעלונגען נאָך דעם אַסאָציאַציאָנס־געזעץ, נאָר די אויפמערקזאמקייט קען אויך פון זיך זעלבסט, דורך איהרע אייגענע אנשטרענגונג, פאַרטרייבען פאָרשטעלונגען און אַרויסרופען פאָרשטעלונגען.

נשמה נעהמט אויף איינדריקע פון דער אויסענוועלט וועדליג נאך דעם סכום פון פארשטעלונגען, געפיהלען, ווילונגען, וועלכע עס זיינען אין איהר אנגעזאמעלט פון פריהער. אט דיעזער כח פון דער נשמה גופא, אבצוקלייבען און, אזוי צו זאגען, צו בעשאפען עמפפינדונגען פאר זיך, ווערט אנגערופען אפערצעפציאן. וואונדט האט



ווילהעלם־מאקס וואונדט (געב. 1832).

עם דער ערשטער געזעהען און האט אויף אזא אופן פערשטא־נען די גרויסע ראליע פון דעם ווילען אין דער נשמה.

די אויפמערקזאמקייט קענען מיר אנרופען א געפיהל, וועלכער כאפט אן די גאנצע נשמה, דעם גאנצען ארגאניזם. דורך די אויפ־מערקזאמקייט ווערט ערשט מעגליך דאס העכערע פערצווייגטע פסי־כישע לעבען. די עמפפינדונגען, וועלכע זיינען ביי זייער ערשטע ענטשטעהונג בעגלייטעט געוואָרען פון עטוואס אויפמערקזאמקייט,

זאמקייט, זיך צוהערען צו אַ בעטהאָוועניער סימפאָניע, איידער א ניט־מוזיקאַלישער מענש. דער מאַלער וועט דאָרטען זעהען שאַטירונגען, איבערגאַנגען, צאַרטקייטען און ווייכקייטען פון דער פאַרב, וואו ביי דעם געוועהנליכען מענשען וועט זיך אַלעס צונויפגיסען און צונויפשווימען אין איין פאַרב. און ווי האָרכען מיר אויף, ווען מיר הערען רעדען וועגען אונז זעלבסט; אפילו דעם שטילסטען פליסטער־טאָן קענען מיר דערהערען. וואָס דער מענש דאַרף, דאָס הייסט וואָס איהם איז נוגע און נאָהענט, דערהערט ער און דערזעהט ער, ווארום ער נעמט זיך גלייך צו הילף דעם כח פון דער אויפמערקזאמקייט. דיעזע אקטיוויטעט פון דער נשמה שטאַמט פון איין זייט פון דער אפּערצעפּציאָן (זעה ווייטער), פון דער אַנדער זייט פון די געפיהלען, וועלכע בעגלייטען די עמפּפינדונגען.

צווישען אַלע פאָרשער פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער געגענוואַרט פאַרנעהמט דעם בעדייטענדסטען פּלאַץ ו י ל ה ע ל ם ו ו א ו נ ד ט, וועלכער האָט דער ערשטער דורכגעבראָכען א וועג פאַר די עקספּערימענטאַלע וויסענשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע. אַ דאַנק וואונדט'ס פאָרשונגען און נייע מעטהאָדען, זיינען אומעטום געעפענט געוואָרען לאַבאראטאָריען פאַר עקספּעריטענטאַלע פּסיכאָלאָגיע, וואו מען אונטערזוכט און דערפאָרשט וויסענשאַפטליך די זעעלישע געשעהנישען. וואונדט האָט אָבער אויך בעפרוכטעט די פּסיכאָלאָגיע מיט אַלגעמיינע פילאָזאָפישע אידעען. פון וואונדט שטאַמט דער נייער געדאַנקען פון אַ פּ ע ר צ ע פּ צ י אָ ן אין דער פּסיכאָלאָגיע. וואָס איז אַפּערצעפּציאָן ? די נשמה נעהמט אויף די עמפּפינדונגען פון דער אויסענוועלט ניט מעכאַניש, ניט גלייכגילטיג, נור האָט זעלבסט א כח אויפצונעהמען איינינע עמפּפינדונגען שטאַרקער, אנדערע עמפּפינדונגען שוואַכער. די נשמה איז ניט א ווייסעס בלאַט פּאַפּיער, אויף וועלכען די אויסענוועלט שרייבט איהרע צייכען, נור זי האָט אליין אין זיך דעם כח, די עמפּפינדונגען אויסצוקלייבען און צו סאָרטירען. די נשמה האָט דעם כח אָנצואווענדען די אויפמערקזאמקייט אויף איין זאַך אָדער אויף אַנאַנדערע און אויפנעהמען פון דער אויסענוועלט בעשטימטע עמפּפינדונגען. ווען א געלערנטער און אן איינבינדער וועלען בעטראַכטען א בוך, וועט דער געלערנטער בעמערקען און זעהען אנדערע זאַכען פון בוך איידער דער איינבינדער. די

די מענשען ביי ערנסטע געלעגענהייטען, ווי ביי א לויה, שווארצע קליידער. ביי דער פרייליכער ערנסטקייט פון א חתונה זיינען גע־קליידעט מענער שווארץ און פרויען ווייס. דער קלאון אין צירק טראגט אפט די אויסער־געוועהנליכע רויטע פארב, ווייל ער ארויסרופען דאס געפיהל פון געלעכטער טהוט ער זיך אהן נאך אין געל. ווער עס וויל זיין בעשיידען, פראסט, איינפאך און ניט ווארפען זיך אין די אויגען, טראגט גרוי, בראון, גרין. בעזונדערס איז גרין די גלייכגיל־טיגע אינדיפערענטע פארב, וועלכע רופט ארויס ביי אונז נאר שוואכע געפיהלען, וועלכע שטעהען אין דעם מיטעלפונקט צווישען לוסט און אונלוסט. די נשמה האט זיך געמוזט צופאסען צו דער פארב גרין, וועלכע איז די הויפטפארב פון דער נאטור, און ניט קומען פון איהר אין קיין אויפרעגונג. דאס איז געווארען די ערשטע בעדינגונג פאר איהר גאנצעס רוהיגעס לעבען. זוכענדיג צו פערמיידען די אויפ־רעגונג פון דער נשמה דורך די פארבען, האט אויך דער מענש דער־פאר אויסגעקליבען גרין אלס די הויפט־פארב פון זיין אומגעבונג: טאפעטען, קארפעטס, פארהענגע, מעבעל זיינען על פי רוב פון גרינע פארב.

ווייל די נשמה האט ביכולת אויפצונעהמען די עמפפינדונגען פון דער אויסען־וועלט און אויך אברופען זיך אויף זיי, אבשאצען זיי, אויסקלייבען זיי, לויט נאך דעם ווי זיי נוצען אדער שאדען דעם ארגאניזם, ווערט מעגליך דאס ווייטערע רייכע פערוויקעלטע פערצווייגטע נשמה־לעבען. די פערשיעדענע עמפפינדונגען זיינען בעגלייטעט פון לוסט־געפיהל אדער אונלוסט־געפיהל, און דערפון ענטשטעהט די אויפמערקזאמקייט. דער לעבעדיגער ארגאניזם, און נאך מעהר דער שכל'דיגער מענש, בעציהט זיך מיט דעם געפיהל פון אויפמערקזאמקייט צו די עמפפינדונגען, וועלכע זיי־נען אדער בעזונדערס ניצליך אדער בעזונדערס שעדליך צום ארגא־ניזם. אויף די רויטע פארב איז די נשמה אויפמערקזאמער, איידער אויף די געוועהנליכע גרויע פארב, אויף דעם שעהן און הויך־קלינגענ־דען דיסקאנט מעהר, איידער אויף דעם ערנסטען טיעפען באס. בע־זונדערס ווערט אויפמערקזאם דער מענש צו דאס, אין וואס ער איז בעזונדערס פער־אינטערעסירט, און וואס געהט איהם אן נאהענט אין זיין לעבען. דער מוזיקער וועט בעסער, מיט מעהר אויפמערק־

וועלכע איז צוגענגליך צו אונזערע חושים. זי דערגעהט און דער־פאַרשט דיעזע וועלט, האָבענדיג אַלין בכונה, איהר אייגענעם לעבען אויף אזא אופן צו שטייגערן און צו דערהויבען.

.6

די נשמה איז אָבער ניט קיין שפיגעל אָדער אַ ווייסעס בלאַט פאפיער, אויף וועלכען די אויסערע וועלט שרייבט אויף איהרע ציי־כען. די נשמה איז אַ לעבעדיגער אקטיווער ארגאניזם, וועלכער רופט זיך אָב אקטיוו אויף אַלע פאָרקומענישען אין דער וועלט און מישט זיך אַריין אין זיי מיט געפיהל און ווילען. די נשמה פ י ה ל ט. זי נעמט ניט אויף די עמפפינדונגען פון דער אויסענוועלט גלייכגיל־טיג, נאָר זי בעגלייטעט זיי מיט ג ע פ י ה ל ע ן, מיט דעם גע־פיהל פון לוסט אָדער אונלוסט. וואָס דעם לעבען איז ניצליך און בעהילפליך, דאָס נעמט אויף די נשמה מיט דעם געפיהל פון לוסט, וואָס דעם לעבען איז שעדליך און שטערענד, נעמט אויף די נשמה מיט דעם געפיהל פון אונלוסט.

דער יסוד פון אלע געפיהלען זיינען די עלעמענטארע, אָרגאנישע געפיהלען. ווערט דער אָרגאניזם צישטערט, געשעדיגט, ענטשטעהט דאָס געפיהל פון שמערץ, פון הונגער, דורשט, מידקייט; ווערט דער אָרגאניזם געשטיצט, געהאָלפען אין זיין לעבען און אקטיוויטעט, ענטשטעהט דער געפיהל פון פרייד, פערגניגען, רוהיגקייט א. ז. וו. שוין די עמפפינדונגען, וואָס זייער הילף אָדער שטערונג פון דעם אָרגאניזם איז ניט קיין טיעפע, רופען ארויס געפיהלען פון לוסט אָדער אונלוסט. די פערשיעדענע טענער רופען ארויס פערשיעדענע געפיהלען. דער שטילער באַס ווירקט ערנסט און כמעט טרויעריג, דער הויכער דיסקאנט מאַכט אונז מונטער און לעבעדיג. שרייט זיך דער טאָן אין זיין הויכקייט אַריבער, ווירקט ער שוין אונאנגענעהם. אין אַ טרויער־מאַרש איז הערפאר שטאַרק דער באַס, און אין אַ חתונה־טאַנץ די הויכע טענער פון דער פידעל. די שוואַרצע פארב רופט ארויס דאָס געפיהל פון ערנסט און יום־טוב'דיגקייט, די ווייסע פארב פון ערנ־סטער פרייליכקייט. רויט רעגט אויף, בלוי מאַכט אומעדיג, גרין, בראון, גרוי זיינען כמעט גלייכגילטיגע פארבען. דערפאר טהוען אן



גוסטאַוו פעכנער (1801—1887)

די עמפּפינדונגען קומען פאָר אין דער נשמה אויף אַ נאַטירליכען געזעצמעסיגען אופן. זיי שטעהען אין אַ ענגען צוזאַמענהאַנג מיט די ערועגונגען פון די נערוועןן און דעם מאַרך און זאָגען נאָך אמאָל אָן די אינווענדיגע איינהייטליכקייט פון קערפער און נשמה. די עמ־פּפינדונגען זיינען פאר דער נשמה דער אָנזאָג און די בעשרייבונג פון דער אויסענוועלט, פון איהר עקזיסטענץ און רעאַליטעט. וואָס דיעזע אויסענוועלט איז אַזוינס אויסערהאַלב פון די חושים, וואָס די וועלט איז אַזוינס אלס „דינג אן זיך“, ווען זי זאָל ניט אנריהרען מיט אַ איינדרוק דעם אָרגאַניזם און זיך ניט פערוואַנדלען דורך די נערווען־ערעגונג אין עמפּפינדונג, ווייס ניט די פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז שוין אַ פּראָבלעם פאר די מעטאַפיזיק, פאר די לעהרע פון למעלה מן הטבע. דורך די עמפּפינדונגען דערקענט די נשמה די וועלט,

דעם איינדרוק נעמט דערפאַר אויף די נשמה אלס א צוואוואקס פון עמפפינדונג. נאָר די איינדריקע דארפען וואקסען א סך שטאַרקער, כדי די עמפפינדונגען זאָלען אויך וואקסען. ווען אין א צימער ברענט א ליכט, האָט דאָס אויג א עמפפינדונג פון ליכטיגקייט, ווען מען זאָל אנצינדען נאָך א צווייטעס ליכט, וועט די עמפפינדונג פון ליכ־טיגקייט ווערען עטוואס שטאַרקער, ווען מען וועט אנצינדען א דרי־טעס ליכט, וועט די עמפפינדונג שוין ניט וואקסען. כדי די עמ־פפינדונג פון ליכטיגקייט זאָל זיך שטייגערן, וועט מען אפשר מוזען אנצינדען שוין א סך נייע ליכט. א מענש וועט קענען אונטערשיידען מיט דער האַנד דעם געוויכט־אונטערשיעד צווישען א פונט און א פונט מיט א דריטעל, אָבער ער וועט ניט אונטערשיידען צווישען צעהן פונט און צעהן מיט א דריטעל פונט. ער וועט קענען אונטערשיידען צווישען צעהן און דרייצעהן און א דריטעל; אָבער ער וועט ניט קענען אונטערשיידען צווישען דרייסיג און דריי און דרייסיג און א דריטעל, נאָר צווישען דרייסיג און פערציג. די רייצונג דארף וואק־סען אין א סך א גרעסערער פראָפּאָרציאָן, כדי די עמפפינדונג זאָל קענטיג וואקסען. דאָס איז דאָס בעריהמטע פסיכאפיזישע געזעץ פון וועבער און פעכנער.

די דייטשע דענקער וועבער און שפּעטער פעכנער האָבען אין דער מיטען פון פאָריגען יאָהרהונדערט ענטדעקט דעם העכסט וויכטיגען געזעץ מכח דער אָבהענגיגקייט פון דעם נשמה־לעבען פון גוף־לעבען: די נשמה האָט ניט ביכולת נאָכצופאָלגען דעם גוף, און דער גוף דארף שטענדיג אלץ מעהר און מעהר בעקומען ריי־צונגען פון דער אויסען־וועלט, כדי די נשמה זאָל בעקומען דערפון א ידיעה. מיר בעאָבאַכטען דאָס אין דעם טעגליכען לעבען.

ווען איך וועל ארייגלעגען אין א גלאָז וואסער איין שטיקעל צוקער, וועל איך פיהלען דאָס וואסער עטוואָס זיס; ווען איך וועל אָבער אריינלעגען אין א גלאָז וואסער מיט צעהן שטיקלעך צוקער און עלפטען שטיקעל צוקער, וועל איך שוין ניט פיהלען דעם אונ־טערשיעד פון דעם עלפטען שטיקעל צוקער. די נשמה קען ניט פיהלען יעדע פערגרעסערונג פון דער רייצונג, נור די רייצונג מוז שטייגען בערך אין א סך גרעסערער מדרגה, כדי די נשמה זאָל קענען איר־נאָכפאָלגען און פיהלען די צוגעקומענע רייצונג.

.5

דער לעבעדיגער אָרגאניזם אָדער די לעבעדיגע נשמה וואָלטען אָבער ניט געקענט האָבען קיין קיום, ווען ער וואָלט אויפגענומען אַלע איינדריקע פון דער ארומיגער וועלט און געהאַט פון זיי די פערשיע־דענסטע עמפפינדונגען און וואָלט זיך אויך דורך בעוועגונגען געוואָלט שטענדיג אריינמישען אין די ארומיגע וועלט. ווי פורכטבאַר וואָלט געווען אָנגעלאָדען אונזער אויג־נשמה, ווען זי וואָלט געקענט זעהען אַלע צעהנדליגער טויזענדע פארבען און שאַטירונגען און אי־בערגאַנגען אין ספעקטר. די אויער־נשמה וואָלט געגאַנגען פערלאָרען, ווען זי וואָלט פאראיינס געדארפט הערען און לוישען צו יעדעם גע־זום, צו יעדער בעוועגונג פון ווינד, צו יעדען ציטערן פון די בלע־טער פון בוים. די נשמה וואָלט עס ניט געקענט אויסהאַלטען און וואָלט עלענד געגאַנגען צו גרונד, ווען די הויט פון קערפער וואָלט איהר שטענדיג אנגעזאגט וועגען אַלע קלענסטע טעמפעראטור־ענ־דערונגען פון דער לופט, וועגען אלע מינימאלע שינוים פון דרוק א. ז. וו.

די נאַטור אין איהר טיעפזיניגער חכמה, וואָס איהר הייליגע כונה איז דאָס לעבען, האָט דערלייכטערט און דערמיט ערשט מעגליך גע־מאַכט דאָס לעבען פון דער נשמה. ניט אַלע צאהללאָזע איינדריקע פון דער אויסען־וועלט, וועלכע וואַרפען זיך אויף דעם ארגאניזם און בעשטורמעוען איהם, ווערען איבערגעזעצט אין עמפפינדונגען פאר די נשמה, נאָר אַ בעשרענקטע צאהל פון איינדריקע, די שטארקע, מעכטיגע, אויסערגעוועהנליכע. כדי צו לעבען, זיעפט די נשמה אַזוי צו זאָגען די איינדריקע פון דער אויסענוועלט איבער און נעמט אויף אין פאָרם פון עמפפינדונגען נאָר דאָס, וואָס איז וויכטיג פאר איהר לעבען און איהר ענטוויקלונג.

די איינדריקע, וועלכע בעשטורמעווען דעם אָרגאניזם פון אלע זייטען, ענדערן זיך, זיי זיינען באלד שטאַרקער, באלד שוואכער, באַלד גרעסער, באַלד קלענער, זיי זיינען אַזוי צו זאָגען אין א אייביג־פליסענדען צושטאַנד. די נשמה וואָלט ניט געקענט אויסהאַלטען, ווען זי וואָלט געדארפט אויפנעהמען אלע שאַטירונגען און ענדערונגען פון די איינדריקע פון דער אויסענוועלט. ניט יעדען צוואוואַקס פון

פון אן אָרקעסטר און פון די לופט־וועלען, וועלכע ענטשטעהען דערביי און ברענגען אין ציטערן די מיקראָסקאָפּישע פעדימלעך אין אויער,— ווי אזוי פון דעם וואַקסט אויס אין דער נשמה די בעטבאָוועןשע סימפאָניע, דאָס איז איינס פון די אייביגע רעטענישען פון אונזער לעבען, די רעטעניש פון דער איינהייטליכקייט פון מאַטעריע און גייסט.


מיט אנדערע חושים נעהמען מיר אויף די אנדערע איינדריקע פון דער אויסען־וועלט. די אויבערפלעכע פון אונזער קערפּער איז אויך א מין חוש, מיט וועלכען מיר טאַפּען אָן די געגענשטענדע און פיהלען די טעמפּעראַטור, קאַלט און וואַרעם. אויף דער אויבערפלעכע פון דער הויט זיינען פערצווייגט די ענדיגונגען פון די פיהלונגס־נערווען, וועלכע קומען אין ערדעגונג דורך בעריהרונג מיט געגענשטענדען, און דיעזע ערדעגונג ווערט איבערגעטראָגען דורך די נערווען צום מוח, וואו עס ענטשטעהען די עמפּפינדונגען פון טאַפּען, טעמפּעראַטור. דורך די אינוועגדיגע הויט פון נאָז בעקומען מיר ריח־עמפּפינדונגען. דורך דעם צונג און די דאָרטיגע נערווען ענטשטעהען די געשמאַק־עמפּפינדונגען. דורך די אינוועגדיגע נערווען בעקומען מיר די, אזוי אָנגערופענע, אינוועגדיגע־עמפּפינדונגען, וועלכע זאָגען אונז אָן מכח אלעס, וואָס קומט פאָר אין אונזער קערפּער גופא. די עמפּפינדונגען פון הונגער, דאָרשט, פון אינוועגדיגען דרוק, פון מוסקעל־בעוועגונגען — זיינען אזעלכע אינוועגדיגע עמפּפינדונגען.

אזוי איז דער מוח פערבונדען דורך נערווען מיט די פערשיעדענע חושים אויף דער אויבערפלעכע פון אָרגאַניזם און אין דעם אָרגאַניזם גופא, און דיעזע נערווען ברענגען דעם מאַרך די איינדריקע פון דער אַרומיגער וועלט און פון די געשעהענישען אין אונזער אָרגאַניזם. דאָס זיינען די ס ע נ ס י ט י וו ע אָדער עמפּפינדונגס־נערווען, וועלכע געהען פון אָרגאַניזם צום מוח. פאַראַן אָבער נערווען, וועלכע געהען פון מוח צו די פערשיעדענע טיילען פון אָרגאַניזם, צו די מוסקלען, און לאָזען די מוסקלען אויספיהרען, וואָס דער מוח וויל. דאָס זיינען די מ אָ ט אָ ר י ש ע אדער בעוועגונגס־נערווען. מיט דער הילף פון די עמפּפינדונגס־נערווען און בעוועגונגס־נערווען וויים דער אָרגאַניזם, דורך די עמפּפינדונגען, פון די פאָרקומענישען אין דער ארומיגער וועלט, און מישט זיך אריין דורך זיינע בעוועגונגען אין די ארומיגע וועלט, וועז אזעלכע בעוועגונגען זיינען נויטיג פאַר דעם אָרגאַניזם.

קינפטיגען פאַרשטער, וועלכער וועט זאָגען זיין לעצטעס וויסענשאַפט־ליכעס וואָרט.


נאָך די זעה־עמפפינדונגען קומען די הער־עמפפינדונגען, וועלכע ברענגען די נשמה אין בעריהרונג מיט דער ארומיגער וועלט. ווען מען גיט א שלאָג אויף דעם קאַמערטאָן, זעהט מען, ווי זיינע צוויי פיסלעך הויבען אָן צו ציטערן, און מען הערט טענער. די בעוועגונג פון די פיסלעך פון דעם קאַמערטאָן איז די אורזאכע פון די טענער. ווען דער קאַמערטאָן זאָל זיך אָבער בעוועגען אין אן אָרט, אין וועלכען עס איז ניטאָ קיין לופט, וועלען זיך קיינע טענער ניט הערען. די לופט, אלזאָ, רופט ארויס די טענער אין אונזער אויער, פונקט אזוי ווי די בעוועגונג פון עטער רופט ארויס די עמפפינדונג פון זעהן. דער קאַמערטאָן, וועלכער בעוועגט זיך, רופט ארויס בעוועגונגען אין דער לופט, עס ענטשטעהען לופט־וועללען, אזוי ווי עס ווערען וואַסער־וועללען, ווען מען ווארפט אריין אין די שטילע אויבערפלעכע פון וואַסער א שטיין. דיעזע לופט־וועללען פאַלען אריין אין אויער און רופען דאָרט ארויס די עמפפינדונג פון א טאָן. די לענג פון דיעזע לופט־וועללען איז א פערשיעדענע, און אויך די צאָהל פון די וועללען אין א סעקונדע איז פערשיעדען. וואָס גרעסער עס קומט אויס די צאָהל פון די וועללען אין א סעקונדע, אלץ קירצער זיינען די וועללען. און, פערקעהרט, וואָס קלענער עס איז די צאָהל פון די וועללען אין א סעקונדע, אלץ לענגער זיינען די וועללען. פון דער פערשיעדענ־ארטיגקייט פון דער לענג פון די וועללען, הענגט אָב דער טאָן. די ניעדריגע טענער, ווי, למשל, דער באַס, ווערען ארויסגערופען פון די לאַנגע וועללען, הויכע טענער, ווי, למשל, דער דיסקאַנט, נעהמען זיך פון די קורצע וועללען. דורך די פעראייניגונג און קאמבינירונג פון די פערשיעדענע וועללען ענטשטעהען אלע אונזערע טענער און קלאַנגען אין זייער גאַנצער מאַניגפאַלטיגקייט. די לופט־וועללען דערגרייכען דעם אויער, טראָגען זיך אריבער דורך א פיינעם מעכאַניזם אויף די טויזענדע מיקראָסקאָפּישע קליינע פעדימלעך, וועלכע זיינען אזוי ווי סטרונעס צוגעפּאַסט צו די פערשיעדענע טענער, וואָס דער מענש קען אויפנעהמען. פון דיעזע סטרונעס טראָגען זיך אריבער די בע־וועגונגען צום הער־נערוו און ווערען טענער, קלאַנגען, אַקאָרדען, מוזיק. ווי אזוי פון דעם ציטערן פון די פערשיעדענע אינסטרומענטען

ענטשטעהען דערפון, וואָס עס עררעגען זיך בשותפות צוויי אָדער אלע דריי פעדימלעך. די געלע פאַרב־עמפפינדונג ענטשטעהט, למשל, אויף אַזאַ אופן, וואָס עס ווערט שטאַרק ערעגט דער גרינער פעדי־מעל און שוואַך דער רויטער. ווערען אלע דריי פעדימלעך ערעגט,



הערמאַן־לודוויג העלמהאָלץ (1821—1895)

ענטשטעהט די פאַרבען־עמפפינדונג ווייס. אן אנדער פאָרשער הערינג נעהמט אן, דאָס עס זיינען פאַראַן פיער גרונד־פאַרבען: רויט, גרין, געלב, וויאָלעט. אין אונזער אויג געפינען זיך פערשיע־דענע שטאָפען, וועלכע ווערען אויפגעלעזט און ווייטער געבילדעט, און דאַדורך ענטשטעהען די פערשיעדענע פאַרבען־עמפפינדונגען. די טהעאָריע פון זעהען און בעזונדערס פון די פאַרבען־עמפפינדונגען האָט נאָך בכלל א סך השערות אין זיך און וואַרט אויף דעם צו־



פיגור 34. דאָס רעכטע אויג פון מענשען.

פינט זיך א האַלב־פליסיגער שטאָף, דער גלאזארטיגער קערפּער (S); פון דעם נעץ ציהען זיך פעדים, וועלכע גיסען זיך אלע צונויף אין דעם זעה־נערוו (d). ווען די ליכט־שטראַהלען פאַלען אריין אין דאָס אויג און ערגעגען די נעץ־הויט, ערגעגען זיי דעם זעה־נערוו, וועלכער רופט ארויס אין מאַרך די עמפּפינדונג פון זעהען.

ווי אָבער ענטשטעהען די עמפּפינדונגען פון די פערשיעדענע פאַרבען? וועגען דיעזע פראַגע איז ביי די פאָרשער נאָך ניטאָ קיין איינשטימיגקייט. דער דייטשער נאַטור־פאָרשער ה ע ל מ ה אָ ל ץ — איינער פון די גלענצענדסטע און טיעפזיניגסטע פאָרשער אויף דעם געביעט פון פיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע — האָט אָנגענו־מען, דאָס דער נערוו־פעדימעל פון זעה־נערוו האָט דריי בעזונדערע פעדימלעך, וואָס די ערגעגונג פון יעדען בעזונדערען פון זיי רופט ארויס א בעזונדערע פאַרב־עמפּפינדונג. עס זיינען פאַראַן דריי גרונד־פארבען: רויט, גרין, וויאָלעט. די דריי איינצעלנע פעדימלעך פון דעם נערוועו־פעדימעל ווערען ערגעגט דורך די רויטע, גרינע, וויאָלעטע שטראַהלען. די איבריגע פאַרבען־עמפּפינדונגען

דורכדרינגט די גאַנצע וועלט. דאָס איז דער געהיימניספולער עטער אָדער עפיר. ווען דיעזער עטער קומט אונטער די ווירקונג פון הויכע טעמפּעראַטורען אין בעוועגונג, און די בעוועגטע וועללען ריהרען אָן די פערשיעדענע פערצווייגונגען פון דעם זעה־נערוו אויף דעם אינ־וועגדיגען נעטין פון דעם אויג, ענטשטעהט די עמפּפינדונג פון זעהען. דיעזעס ציטערען פון די וועללען איז, פערשטעהט זיך, אזוי אונענד־ליך קליין, דאָס מיר קענען עס אפילו ניט משיג זיין מיט אונזער שכל, מיר ריידען אָבער פון א ציטערן. די פיזיקער האָבען אויף פערשיעדענע אופנים אויסגערעכענט די לענג פון די ליכט־וועללען. און מען האָט אויסגעפונען, דאָס די וועללען פון דעם עטער, וועלכע רופען ארויס די רויטע שטראַהלען, זיינען לענגער, איידער די וועללען, וועלכע רופען ארויס וויאלעט־שטראהלען. דאָס ווייסע זונען־ליכט קען דורך דעם ספּעקטר פּאַנאַנדערגעשפּאָלטען ווערען אין רויט, געל, גרין, בלאה, אינדיגא, וויאָלעט. די לענג פון די עטער־וועללען ווערט אַלץ קלענער, וועדליג מיר געהען פון רויט צו וויאָלעט. די צאָהל פון די ציטערונגען, וועלכע יעדע וועללע מאַכט אין א סע־קונדע, ווערט, פערקעהרט, גרעסער, וועדליג מיר געהען פון רויט צו וויאלעט. די רויטע שטראַהלען מאַכען 395 ביליאָנען ציטערונגען אין א סעקונדע, די וויאלעט שטראהלען 729 ביליאָנען ציטערונגען.

ווען די ליכט־שטראַהלען פאַלען אויף דאָס אויג און רופען ארויס אויף אַזאַ אופן אַ געוויסען ליכט־כעמיישען פּראָצעס אין די ענדונגען פון דעם זעה־נערוו, ענטשטעהט די עמפּפינדונג פון זעהען. די פאָל־גענדע אָבבילדונג שטעלט פאָר דאָס רעכטע מענשליכע אויג אין א האָריזאָנטאַלען דורכשניט.

S איז די אויסערליכע ווייסעל פון אויג אָדער סקלערום; B איז די האָרן־הויז פון אויג, וועלכע איז ניכר דורך ארויסטרעטען נאָך פאָרענט. נאָך דער האָרן־הויט קומט די בלוט־הייטעל (g), און אויף דיעזער בלוט־הייטעל ליעגט דאָס נעין (i), וועלכעס איז, אלזאָ, די אינוועניגסטע הייטעל. פון דעם אָרט, וואו דאָס סקלערום געהט איבער אין די האָרן־הייטעל, געהט אַ ווערטיקאַלע איבערצאַמונג, די רעגענבויגען־הייטעל (b), וואָס אין איהר מיטעלפּונקט געפינט זיך דער שוואַרצאַפּעל. הינטער דעם רעגענבויגען־הייטעל ליעגט די קריסטאל־לינז (A); צווישען דער קריסטאל־לינז און דעם נעין גע־


וואָס דאָס איז אזוינס פיזיאָלאָגיש, דיעזע ערדעגונג פון נערוו, ווייס מען ניט גענוי. אמאָל האָט מען געפּרובט קלעהרען, דאָס אין דעם נערוו קומט פאָר אן עלעקטריישער פּראצעס. נאָך דעם אבער, ווי מען האָט אויסגעפונען, דאָס די ערדעגונג אין דעם נערוו מאַכט אין גאַנצען 68 קילאָמעטער אין אַ סעקונדע, האָט מען געמוזט אויפגעבען דעם געדאַנקען, דאָס עס איז אן עלעקטרישע בעוועגונג, און מען איז מעהר נוטה צו דער מיינונג, דאָס ביי דער ערדעגונג פון דעם נערוו קומט פאָר אין איהר א כעמישער פּראָצעס.

די פערשיעדענע עמפּפינדונגען דערוועקען זיך אין דער נשמה דורך די ערדעגונג פון די נערווען, וועלכע ציהען זיך פון די חושים צום מאַרך. די צאָהל פון די חושים האָט מען אַמאָל אָנגענומען זיינען פינף: דער חוש פון זעהען, פון הערען, פון ריח, פון טעם, פון טאַפּען. די היינטיגע פּסיכאָלאָגיע האָט דיעזע צאָהל, וועניגסטענס, פערדאָפּעלט. אזוי ווי עס קומען צו דער נשמה עמפּפינדונגען פון דער אויסען־וועלט אויף דעם וועג פון די נערווען, אזוי קומען אויך עמפּפינדונגען פון די פּראצעסען אין דעם אינוועניגען אָרגאַניזם גופא. וואָס איז, למשל, הונגער, דורשט, איבעלקייט, ווען ניט עמפּפינדונגען פון די פערשיעדענע צושטענדען, אין וועלכע עס געפינט זיך דער אָרגאַניזם? דיעזע עמפּפינדונגען זיינען אויך פערבונדען מיט שטאַרקע געפיהלען.


די הויפּט ראָלע שפּיעלען אָבער אין דעם לעבען פון דער נשמה די עמפּפינדונגען, וועלכע קומען פון דער אויסערליכער וועלט, און הקדם כל, די עמפּפינדונגען פון זעהען און פון הערען. די חושים פון זעהען און פון הערען — זיי זאָגען אָן דער נשמה מכח דער וועלט און איהרע וואונדער און געהיימניסען.

.4

די ע מ פּ פ י נ ד ו נ ג פ ו ן ז ע ה ע ן איז דער פּועל יוצא פון א פיזיישען, פיזיאָלאָגישען און פּסיכישען פּראָצעס. דער גאַנצער אוניווערזום איז אָנגעפילט מיט אַ וואונדערבאַרען שטאָף, וואָס אמאָל האָט מען אָנגענומען, דאָס ער האָט אפילו קיין וואָג ניט, אָבער יעצט ווערט ער בעטראַכטעט אלס שטאָף מיט א מינימאַלען וואָג, וועלכער



פיגור 32. דער מאַרך פון א מענשען.



פיגור 33. דער „זעהונגס־נערוו“ (P), וואו ער פעראייניגט זיך
מיט דער „נעץ־הויט“ פון אויג (R).

דאָס הייסט, זיי טיילען פונאַנדער דאָס דענקען אין צוויי קלאַסען: אין עמפפינדונג און פאָרשטעלונג. בעת איך זעה, למשל, דעם געגענשטאַנד מיט מיינע אויגען, האָב איך פון איהם אַן עמפפינדונג, בעת איך דערמאָהן זיך אָן דעמזעלבען געגענשטאַנד מיט מיין זכרון, האָב איך פון איהם אַ פאָרשטעלונג. פאַר דאָס פּאָפּולערע פערשטעהען פון די פסיכישע ערשיינונגען איז עס פערשטעהט זיך גלייכגילטיג, ווי די פונאַנדערטיילונג פון די גייסטיגע ערשיינונגען זאָל זיין. די איינטיילונג אין עמפפינדונג, פאָרשטעלונג, געפיהל, ווילען — מאַכט אָבער די גאַנצע פאָרשטעלונג קלאָרער.

די עמפפינדונגען ברענגען דער נשמה די ידיעות פון דער אויסען־וועלט. דער מעכאַניזם, ווי די נשמה בעקומט דיעזע עמפפינדונגען פון דער אויסען־וועלט, איז אַלגעמיין פערשטענדליך. אין דעם קאָפּ געפינט זיך דער מאַרך. דער מאַרך פון קאָפּ פערלענגערט זיך צום רוקען־מאַרך, וועלכער געהט דורך דורך די חוט השדרה. פון דעם קאָפּ־מאַרך ציהען זיך נערווען־פעדים צו די אויבערפלעכע פון דעם קערפּער, צו די פערשיעדענע חושים, וועלכע נעהמען אויף די איינדריקע פון דער אויסערליכער וועלט דורך רייצונגען. ווערט דער חוש גערייצט דורך דעם איינדרוק פון דער אויסען־וועלט, געהט אַן ערעגונג דורך דעם נערוו און דערגרייכט אַ בעשטימטען פּלאַץ אין מאַרך, וואו עס קומט פאָר די וואונדערבאַרע ערשיינונג, דאָס די ערעגונג פון דעם נערוו לאָזט זיך דערקענען פאַר דעם „איך“ אלס פסיכישע עמפפינדונג. די פאָלגענדע אָבבילדונג וועט דאָס מאַכען פערשטענדליכער. די אָבבילדונג שטעלט פאָר דעם קאָפּ־מאַרך פון דעם מענשען.

דער מאַרך בעשטעהט פון אַ אונענדליכע צאָהל נערווען. צעלען און נערווען־פעדים, וועלכע זיינען צווישען זיך פערצווייגט און פערבונדען אויף דעם פיינסטען און דעם וואונדערבאַרסטען אופן. פון די פערשיעדענע טיילען פון מאַרך צווייגען זיך אַרויס בעזונדערע נערווען, וועלכע ציהען זיך צו דער אויבערפלעכע פון קערפּער און ענדיגען זיך אין דיעזען אָדער יענעם חוש. די צווייטע אָבבילדונג שטעלט פאָר דעם אינווענדיגען טייל פון דעם מענשליכען אויג, צו וועלכען עס דערגרייכט דער אויגען־נערוו, וועלכער עס ציהט זיך פון מאַרך.

און מאַרך ניט קיין צוויי פערשיעדענע זאַכען, נור איין און דיזעלבע זאַך, איין און דאָסזעלביגע וועזען, וועלכעס לאָזט פון זיך וויסען אויף צוויי פערשיעדענע אופנים. זיך זעלבסט, אהן וועלכע עס איז הילף פון דער אויסענוועלט, לאָזט עס זיך וויסען אלס א בינטעל פון עמפּפינדונגען, פאָרשטעלונגען, געפיהלען, ווילונגען, וואָס דאָס אלעס צוזאַמען רופען מיר אן נ ש מ ה. פאַר אנדערע וועזען לאָזט עס זיך דערקענען דורך די הילף פון די חושים אלס א ווייכער שטאָף, וואָס פארנעהמט אן אָרט, בעשטעהט פון פערשיעדענע פעדימלעך און צעללען, ד. ה., אלס מ אַ ר ך. דיעזעס וועזען מיט די צוויי פאָרמען, מיט די צוויי פערשיעדענע זייטען, דער גייסטיגער און דער מאַטעריעלער זייט, איז געוויס א וואונדערבאַרע געהיימניספולע סובסטאַנץ. ספינאָזא האָט זי דער ערשטער דערקענט און אויפגעפאַסט אלס דעם גאַנצען אייביגען תוכן פון דער וועלט. אין דער פסיכאָלאָגיע איז אָבער דיעזער געדאַנקען דער בעסטער אויסוועג, ווי צו איבערוועלטיגען די שוועריגקייטען וועגען די בעציהונג צווישען גוף און נשמה. גוף און נשמה, מאַרך און גייסט, זיינען די צוויי פאָרמען, די צוויי זייטען פון איין און דעם זעלביגען איינהייטליכען און אייניגען וואונדערבאַרען וועזען.

די פסיכאָלאָגיע בעשעפטיגט זיך אָבער מיט דער איינער זייט פון דיעזען וואונדערבאַרען וועזען, מיט דער נשמה און איהרע ערשיינונגען. זי וויל געבען א בעשרייבונג פון די לעבענס־ערשיינונגען פון דער נשמה און זיי אויך פערשטעהן. דעם שליסעל צו פערשטעהן די לעבענס־ערשיינונגען פון דער נשמה געפינען מיר אין דעם אלגעמיינעם כלל פון לעבען. אלעס וואָס לעבט, זוכט דאָס לעבען צו ערהאַלטען, צו שטייגערען, צו בערייכערען. דיזעלביגע זאַך איז אויך מיט דער נשמה. אויך זי, די נשמה, וויל איהר לעבען ערהאַלטען, שטייגערען, בערייכערען, דערהויבען. אלע לעבענס־ערשיינונגען פון דער נשמה זיינען אונטערגעוואָרפען אונטער דיעזען גרויסען אלגעמיינעם כלל.

שוין די פסיכאָלאָגען פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען איינגעטיילט די לעבענס־ערשיינונגען פון דער נשמה אין דריי קלאַסען: דענקען, פיהלען, ווילען. די היינטיגע פסיכאָלאָגען נעהמען אָן פיער קלאַסען פון נשמה־ערשיינונגען: עמפּפינדונג, פאָרשטעלונג, געפיהל, ווילונג,

א בעזונדערע נשמה פאַר זעהען, א בעזונדערע נשמה פאַר הערען, א נשמה פאַר שמעקען א. ז. וו. עס איז דערפאַר ריכטיגער זיך אָבצוזאָגען בכלל פון דעם אַלטען געדאַנק פון א נשמה, וועלכע פיהרט צו ווידערשפּריכען און אבסורדען, און בעסער זיך האַלטען אָן דעם וויסענשאַפטליך־קלאָרען כלל: און מעדום וואו עס איז פאַראַן גייסטיגעס לעבען, מוז אויך זיין מאַרך און בעשטימטע פאָרמען און פּראצעסען פון מאַרך, פון וועלכע דאָס נשמה־לעבען איז אבהענגיג. דאָס וואָרט נשמה ווערט געברויכט נור בדרך מליצה, אלס אן אויסדרוק פאַר די איינהייט פון גייסטיגען לעבען.

אבער אקוראַט ווי עס איז קלאָר, דאָס עס איז ניטאָ קיין נשמה, וועלכע ווירקט אויף דעם גוף, אויף בעזונדערע טיילען פון מאַרך און דערוועקט זיי צו טהעטיגקייט, אזוי איז אויך פערשטענדליך, דאָס דאָס גייסטיגע לעבען איז ניט קיין פּראָדוקט פון דער מאַרך־טהעטיגקייט. אין אַזאַ מין גראָבען מאַטעריאליזם זיינען אָבער די פילאָזאָפען ניט איין מאָל ארייגעפאַלען. די געדאַנקען,—אזוי האָט מען געזאָגט,—זיינען ניט מעהר ווי די בעוועגונגען פון דעם מאַרך, און אנדערע מאַטעריאליסטען האָבען אפילו אויסגעדריקט זיך נאָך קלאָרער: די געדאַנקען זיינען אקוראַט דער פּראָדוקט פון דעם מאַרך, ווי די גאַל איז דער פּראדוקט פון לעבער, אָדער די אורין איז דער פּראָדוקט פון די ניערען. מיר פיהלען גלייך די געקינסטעלטקייט פון דיעזען מאַטעריאליזם. ווי מיר זאָלען ניט פערשטעהן דעם מעכאַניזם פון דעם מאַרך, צו וועלכען די נערוועז ברייגגען די איינדריקע פון די חושים, — ווי אזוי די בעוועגונג פון דער מאַרך־סובסטאַנץ ווערט פערוואַנדעלט אין א געדאַנק, א געפיהל, א ווילונג, דאָס איז היינט אקוראַט אַזאַ געהיימניס ווי מיט טויזענדער יאָהרען צוריק.

אין דעם צוזאַמענהאַנג צווישען גוף און נשמה, אויב מען קען נאָך געברויכען דאָס וואָרט נשמה, אין דעם שיכות צווישען מאַרך און גייסטיגעס לעבען, ווייסען מיר נור, דאָס ניט די נשמה ווירקט אויפ'ן מאַרך, און ניט דער מאַרך געבעהרט פון זיך די געשעהענישען פון דער נשמה.

אויב אבער די נשמה מייסטערט ניט דעם גוף, און דער מאַרך געבעהרט ניט און פּראָדוצירט ניט די געדאַנקען, זיינען בכלל נשמה

.3

די היינטיגע פּסיכאָלאָגיע האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַלע חקירות און פאָרשונגען מכח דער נשמה און איהר אָרט אין מוח, און בעשעפטיגט זיך נור מיט די ערשיינונגען פון דעם נשמה־לעבען, אָנהויבענדיג ביי דעם איינצעלנעם מענשען און פארענדיגענדיג מיט די פאַרוויקעלטע און טיעפזיניגע ערשיינונגען פון דעם גייסטיגען לעבען אין געזעלשאַפט און געשיכטע. די היינטיגע פּסיכאָלאָגיע ווייס עס שוין קלאָהר, דאָס עס איז ניטאָ אַזאַ אָרט אין דעם מוח, וואָס מען זאָל קענען זאָגען, דאָס דאָרט געפינט זיך די נשמה.

עס ווייס אָבער אויך די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע, דאָס עס איז פאַראַן אַן אינווענדיגער צוזאַמענהאַנג צווישען די ערשיינונגען פון גייסט און די ערשיינונגען פון קערפּער, צווישען דער נשמה און דעם גוף. די גייסטיגע ערשיינונגען האַפטען אָן דעם מאַרך. וואָס העכער מיר שטייגען ארויף אויף דער לייטער פון דער לעבעדיגער וועלט, פון דער ניעדריגסטער חיה ביז צו דעם העכסטען מענש, געפינען מיר אַלץ א גרעסערע ענטוויקלונג פון מאַרך. וואָס מעהר גייסטיגעס לעבען, אַלץ א שטארקערע ענטוויקלונג פון מאַרך איז אין דעם אָרגאַניזם, — דאָס איז א כלל אין דער היינטיגער נאַטור־וויסענשאַפט און פּסיכאָלאָגיע. ווייטער ווייסען מיר קלאָהר, דאָס קראַנקהייטען פון גייסט זיינען שטענדיג אבהענגיג פון צושטאַנדען און קראַנקהייטען פון מוח, און דאָרט וואו מיר זעהען אַן אוננאָרמאַלקייט אין נשמה, געפינט זיך שטענדיג אַן אוננאָרמאַלקייט אין דעם בוי פון דעם מאַרך. די נערווען, וועלכע געהען פון די חושים צום מאַרך און ברענגען אהין די פערשיעדענע עמפפינדונגען פון דער אויסענוועלט, די עמפפינדונגען פון זעהען, הערען, ריח, טעם א. ז. וו., דיעזע נערווען פאָרבערייטען און פערצווייגען זיך אין מאַרך אין די פערשיעדענסטע ריכטונגען. יעדער חוש האָט אָבער זיין בעשטימטען פּלאַץ אין מאַרך. מיט דעם מאַרך פון דעם הינטערען טייל פון קאָפּ זעהען מיר, מיט דעם מאַרך פון די שלייפען הערען מיר א. ז. וו. ווערט צושטערט אין איינעם פון דיעזע דיסטריקטען דער מאַרך, פערליערען מיר די פעהיגקייט צו זעהען אָדער צו הערען. עס האָבען געדאַרפט, אלזאָ, זיצען אין די פערשיעדענע דיסטריקטען פון מוח פערשיעדענע נשמות,

ארויסגעוואַקסען אין ענגלאַנד נאָך אין 17טען יאָהרהונדערט. אמת, דיעזע נייע אויפפאַסונג וועגען דעם נשמה־לעבען האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען זעהר איינזייטיג, אָבער זי איז געווען א געוואַלדיגער פאָרטשריט פאָרוועדטס אין פערגלייך מיט די פריהעריגע פסיכאָלאָגישע לעהרען.

אָבער ערשט אין 19טען יאָהרהונדערט און הויפּטזעכליך אין די פופציגער יאָהרען איז די פסיכאָלאָגיע געוואָרען א שטרענגע קאָרעקטע וויסענשאַפט. אנשטאַט די חקירות וועגען דער נשמה און איהר פּלאַן אין קערפּער האָט מען אָנגעהויבען צו פאָרשען די פאַקטען און טאַטזאַכען פון דעם קערפּערליכען און גייסטיגען לעבען אין די איינצעלהייטען. מען האָט אָנגעהויבען צו אונטערזוכען דאָס זעהען, דאָס הערען און די טעטיגקייט פון די אנדערע חושים. די ערשיינונגען פון זעהן, פון הערען און ד. גל. זיינען דערפאָרשט און פערפאָלגט געוואָרען פון זייער אָנהויב אין די חושים ביז צו זייער סוף אין די טיעפענישען און פערצווייגונגען פון דעם מאַרך. עס זיינען געפונען געוואָרען די ענגערע צוזאַמענהענגען צווישען דעם פיזיאָלאָגישען לעבען פון דעם קערפּער און דעם פסיכישען לעבען פון דער נשמה.

די פאָרשונג האָט זיך אין דער לעצטער צייט אָבגעגעבען מיט דעם גאַנצען נשמה־לעבען און האָט געגעבען אן אָנשטויס צו דער וויסענשאַפטליכער פסיכאָלאָגיע. מען האָט אָנגעהויבען מעסטען די עמפּפינדונגען, אויסרעכענען די צייט, וועלכע די רייצונג בעדאַרף, ביז זי ווערט א עמפּפינדונג, מען האָט אונטערזוכט די פעהיגקייטען פון די פערשיעדענע מענשען בנוגע צום זכרון, צו דער אויפנאַהמע פון איינדריקע א. ז. וו. פון דער אנדער זייט האָט מען אָנגעהויבען צו אונטערזוכען די קראַנקהאַפטע צושטענדע פון דעם מוח, און ווי זיי רופען זיך אָב אויף דאָס נשמה־לעבען, און דער צוזאַמענהאַנג צווישען גוף און נשמה איז געוואָרען נאָך פערשטענדליכער. אָט דיעזע אַלע פאַקטישע אונטערזוכונגען און עקספּערימענטען האָבען ענטוויקעלט די פסיכאָלאָגישע וויסענשאַפט און געבראַכט איהר צו איהר יעצטיגען צושטאַנד פון גענויאיגקייט און זיכערקייט.

די ערשיינונגען פון דער נשמה צו ערקלערען דורך בעוועגונג און
אנציהונג.

פון דיעזער בעפרוכטונג, וועלכע די פסיכאָלאָגישע פאָרשונג האָט
בעקומען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט, איז ארויסגעקומען א גרויסער־
פאָרמשריט פאַר די וויטערדיגע ענטוויקלונג פון דער פסיכאָלאָגיע.
למשל, די פריהערדיגע פילאָזאָפען האָבען ניט געקאָנט פערשטעהן,
פאר וואָס טרעט אין דער מענשליכער נשמה אָט אויף א פאָרשטעלונג,
און אָט פערשווינדעט זי, אָט קומען געדאנקען אין קאָפ און אָט
געהען זיי אַוועק ; די פאָרשטעלונגען, געדאנקען, געפיהלען דרע־
העו זיך אין דער נשמה, ווי אין אן אונערקלערליכען תהו־ובהו. אונ־
טער דער ווירקונג פון דער נאַטורוויסענשאַפט האָבען די ענגלישע
פילאָזאָפען און פסיכאָלאָגען אָנגעהויבען נאָכצודענקען וועגען דיעזע
פראָבלעם און זיינען ארויפגעקומען אויף אַ שפור פון דעם בעוועגונגס־
מעכאַניזם פון די זעלישע געשעהענישען. מיר נעהמען אויף מיט
אונזערע חושים ניט א י י ן אבגעזונדערטע עמפפינדונג, נאָר
גאנצע סכומים פון עמפפינדונגען, וועלכע זיינען פערבונדען איינע
מיט דער אנדערער, אסאציאירט צווישען זיך. מיר הערען למשל אַ
פיעדלער שפיעלען א סאָלא אין אַ העל בעלויכטעטען מיט בעזוכער
אנגעפילטען קאָנצערט־זאל. מיר נעהמען אויף דערביי אַ גאַנצען
סכום פון פערשיעדענע צווישען זיך פערבונדענע עמפפינדונגען. ווע־
רען מיר ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט אָנגעריהרט פון איינער פון
דיעזער עמפפינדונג, אַזוי טרעט וויעדער אויף אין אונזער נשמה
דער גאנצער סכום. ווען מיר הערען למשל ביי אַ אַנדערער געלעגענ־
הייט שפיעלען פיעדעל, טרעטען אויף אין אונזער נשמה דער זכרון
פון דעם פריהערדיגען שפיעלער, פון דעם קאָנצערט־זאל, פון די
געסט א. ז. וו. די פאָרשטעלונגען, געדאנקען, געפיהלען טרעטען
אויף אין אונזער נשמה נאָך דעם געזעץ פון זייער פריהערדיגער פער־
בינדונג, נאָך דעם א ס א צ י א צ י א נ ס ־ ג ע ז ע ץ.

וואָס זשע אלזאָ איז דאָס נשמה־לעבען ? דאָס נשמה־לעבען
איז איינפאך אַ קייט פון פאָרשטעלונגען, וועלכע ווערען ארויסגערו־
פען אין אונזער געדאנק און ציהען זיך איינע נאָך די אנדערע לויט
דעם סדר ווי זיי זיינען איינגעפרעגט געוואָרען אין אונזער זכרון. דאָס
איז די זאָגענאַנטע „אַסאָציאַציאָנס־פסיכאָלאָגיע“, וועלכע איז

פראגע וועגען דער נשמה און איהר אָרט. דאָרט וואו עס איז פאראן מאטעריעלע שטאָף, איז אויך פאראן גייסטיגעס לעבען. ניטאָ קיין גוף אָהן זיין אַנדער זייט: נשמה, און ניטאָ קיין נשמה־לעבען, וואָס זאָל ניט האפטען אָן פיזיאלאגישע פראָצעסען פון גוף. איז פערשוואונדען געוואָרען די מאטעריע, איז אויך פערשוואונדען די זעעלע, און מיט דער פערניכטונג פון דעם גוף, איז אויך פערניכטעט געוואָרען די נשמה. מיר, בעשרענקטע מענשען, זעהען נאָר די צוויי זייטען פון דער סובסטאַנץ, די מאַטעריעלע און די גייסטיגע, וועלכע זיינען גלייך זעלבסטשטענדיג און גלייך אבהענגיג איינע פון דער אַנדערער. די וויטערע אונענדליכע אייגענשאַפטען פון דער סובסטאַנץ קענען מיר ניט משיג זיין, דאָס איז דאָס אייביגע געהיימניס פון דער געטליכער נאַטור.

דער 17טער יאָהרהונדערט איז די בליהונגסצייט פון די נאַטורוויסענשאַפטען. די נאַטורוויסענשאַפט הויבט זיך אויף צו דער גרויסער אידעע, דאָס אַלעס, וואָס קומט פאָר אין דער נאַטור; קומט פאָר געזעצמעסיג, נאָך דעם אייביגען כלל פון אורזאַכע און ווירקונג. ניטאָ קיין אורזאַכע, וועלכע זאָל ניט ארויסרופען קיין ווירקונג, און, פערקעהרט, וואו מיר זעהען א ווירקונג, דאַרפען מיר זוכען איהר אורזאַכע. אָט דיעזעס געזעץ פון דער נאַטורוויסענשאַפט ווערט אויך אריבערגענומען אויף דאָס פעלד פון די גייסטיגע געשעהענישען, און פון דעמאָלט אָן הויבען זיך אָן פסיכאָלאָגישע פאָרשונגען אין ריכטיגען זינען פון וואָרט. ווי אין דער נאַטור קומט גאָרנישט ניט פאָר אָהן אן אורזאַכע, אַזוי קומט אויך אין דעם קעניגרייך פון גייסט גאָרנישט ניט פאָר אָהן אַן אורזאַכע, אָדער בעסער געזאָגט אָהן אַ גרונד. דער אידישער פילאָזאָף ספינאזא, דער ענגלישער פילאָזאָף האָבעס, דער דייטשער פילאָזאָף לייבניץ בעשטעהען שוין אויף דעם. אָבער וואָס זיינען דאָס אַזוינס דיעזע געזעצמעסיגע גייסטיגע געשעהענישען? וואָס איז אַזוינס די קייט פון אורזאַכען און פאָלגען אין די ערשיינונגען פון דער נשמה? נאָך דעם מוסטער פון דער נאַטורוויסענשאַפט, אין וועלכער עס הערשט ניוטאָן'ס גרויסער פּרינציפּ פון אנציהונג און מעכאַנישער בעוועגונג,*) זוכען אויך די פילאָזאָפען

*) וועגען ניוטאָנ'ס לעהרע זעה די ערשטע פאָרלעזונג.

אַ ראיה צו אריסטאטעלס פסיכאלאָגיע : די זיהן פון דן, דאָס הייסט פון דעם שכל, וועלכער איז דער ריכטער (דן) איבער אלעס, זיינען חושים, דאָס מיינט אונזערע חושים פון גוף.

2.

ערשט מיט דער ערוואכונג פון דעם מענשליכען גייסט אין דער נייער צייט און דער ענטשטעהונג פון דער מאטעמאטיק און דער נאַטור־וויסענשאַפט אין 17־טען יאָהר־הונדערט, ווענדעט זיך דער מענש־ליכער פאָרשענדער גייסט צו דער פסיכאלאָגיע. אָבער ווידער שטעהט אין דעם מיטעלפונקט פון דער גאַנצער פאָרשונג ניט די פראגע : ווי אזוי מיר דיינקען ? ווי אַזוי מיר פיהלען ? און ז. וו., נאָר די פראגע וועגען דער נשמה : וואָס איז די נשמה ? וואו גע־פינט זי זיך ? אחוץ דיעזעם פראָבלעם וועגען דער נשמה ווייס די נייע פסיכאלאָגיע ווענינ וואָס צו זאָגען מכח דעם פערוויקעלטען אין וואונדערבאַרען זעעלישען לעבען פון דעם מענשען.

דער בעגרינדער פון דער נייער פילאָזאָפיע ד ע ק א ר ט האלט די נשמה פאר אבגעזונדערט און גאַנץ זעלבסטשטענדיג פון גוף. די נשמה איז איינהייטליך און אונטיילבאַר און מוז זיך געפינען ערגעין־וואו אין דעם גוף. אָבער וואו איז דער אויסערוועהלטער פלאַץ פאר דער נשמה אין גוף ? די נשמה — דיינקט דעקאַרט — קען ניט זיין אין האַרץ, ווי מען האָט אַמאָל געמיינט, ווייל די נשמה איז אונטיילבאר. זי קען זיך אויך ניט געפינען אין מארך, וועלכער בעשטעהט פון צוויי גלייכע טיילען, פון אַ רעכטען טייל און א לינ־קען טייל. דעקארט האָט דערפאר אָנגענומען, דאָס די נשמה גע־פינט זיך אין א בעזונדערער איינציגער דריזע (גלענדעל) אין מארך, פון וואנען אויס זי ווירקט אויף דעם קערפער. זוכענדיג דעם אָרט אין דעם מארך, וואו די נשמה געפינט זיך, האָט דעקארט געמוזט אויך מאַכען א סך פיזיאלאגישע און אַנאטאָמיישע אונטערזוכונגען.

פאַר ס פ י נ אָ ז אַ'ן, וועמעס פילאָזאָפיע בעשטעהט אין דעם, דאָס געדאנקען און מאטעריע, נשמה און גוף, זיינען צוויי איינגענשאפטען פון דער איינער און איינהייטליכער סובסטאַנץ פון דער וועלט, — פאַר ספינאָזאַ'ן האָט נאַטירליך ניט געקענט זיין קיין

זי א טהייל פון איהר פריהערדיגער ריינקייט און קדושה. זי ווערט פערדונקעלט דורך די פערבינדונג מיט דעם „מוט“ און דער „תאוה“. נאָך דעם טוידט מוז זי זיך לייטערן און רייניגען, ביז זי לייטערט זיך אויס און קומט אַריין צוריק אין די וועלט פון די אידעען. פלאַ־טאָן, בעטראַכטענדיג די נשמה אַלס א ריין גייסטיגע סובסטאַנץ, מאַכט דאָ א געוואַלטיגען פאָרטשריט אין פערגלייך מיט די פריהער־דיגע גריכישע פילאָזאָפען, וועלכע זעהען אין דער נשמה א מאַטע־ריעלען חומר. אויך א ר י ס ט א ט ע ל ע ס, דער אוניווערסאַ־לער פילאָזאָף פון דעם אַלטערטום, זעהט שוין אַקוראַט, ווי פלאַטאָן, דאָס די נשמה איז ניט קיין מאַטעריעלער שטאָף, נאָר גייסט, רוחניות. די נשמה איז דער צוועק, דער געשטאַלטענדער פרינציפּ פון דעם לעבעדיגען גוף. אריסטאָטעלעס זעהט אויך דעם טיעפען צו־זאַמענהאַנג צווישען די ערשיינונגען פון גוף און די ערשיינונגען פון דער נשמה, און דערמיט האָט ער כמעט געלעגט דעם גרונד־יסוד צו דער ערשטער וויסענשאַפטליכער אויפפאַסונג פון דער פסיכאָלאָגיע.

נאָך אריסטאטעלעס און ביז צו דער נייער צייט, ווען די נאַ־טור־וויסענשאַפטען האָבען אָנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען און האָבען דאדורך געגעבען אַן אנשטויס צו דער לעהרע פון דער נשמה, מאַכט די פסיכאָלאָגיע אייגענטליך ניט קיין פאָרטשריט. די רעליגיאָן און די מיסטיק רעדען אין מיטעלאַלטער אפילו וועגען דער נשמה און דעם מענשען, וואָס אין זיין חומר'דיגער תפיסה איז באהאלטען די נשמה, אָבער נייע פאָרשטעלונגען און געדאנקען מכח די נאַטור, דאָס לע־בען און דאָס ווירקען פון דער נשמה וואַקסען ניט ארויס. וואו דער וויסענשאַפטליכער גייסט דערוועקט זיך שוין, האַלט ער זיך אָן אריסטאטעלעס פסיכאָלאָגיע און געהט ניט ווייטער פון איהר. עס פערשטעהט זיך, דאָס די דענקער זוכען שטענדיג צו פעראייניגען אריסטאטעלס פילאָזאָפיע מיט די רעליגיעזע אידעען פון זייער צייט, מיט דעם קריסטענטום אָדער דעם יודענטום. אין דער אראבישער עפּאָכע, ווען די אידען האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פילאָזאָפיע פון אריסטאטעלעס, האָבען זיי אויך געזוכט אויף אריסטאטעלס פסיכאָלאָגיע א סמך אין דער תורה. דעם פסוק פון בראשית: „ובני דן חושים“ (מ"ו, כ"ג), די זיהן פון דן האָבען געהייסען חושים. פרובען זיי איינטייטשען אויף אַזאַ אופן, דאָס עס זאָל ארויסקומען

טען, אַ הויך, וועלכע קען זיך געפינען אויך אויסערהאַלב פון גוף, און זי קומט און געהט און וואנדעלט. זי, די נשמה, איז אַ מאטעריעלע, ממשות'דיגע זאך, כאָטש די חושים פון די מענשען קענען זי ניט אננעהמען און אנריהרען אזוי לייכט, ווי יעדע אנדערע מאַטעריעלע זאך, — אַזוי האָבען געקלערט וועגען דער נשמה די מענשען פון אַמאָל, בשעת זיי האָבען די גאַנצע וועלט און נאַטור מיט אַלע איהרע ערשיינונגען בעגייסטערט, בעזעעלט, ד. ה. פאָרגעשטעלט ווי לעבעדיג. מיר רופען אן יענע דענקונגס־אַרט פון די אַמאָליגע מענשען אַנימיזם (בעזעעלונג)*).

אין גריעכענלאנד, אין דעם געבורטסלאנד פון פילאָזאָפישען דענקען און פאָרשונג, וואקסען ארויס שוין מעהר אויסגעבילדעטע און דורכגעטראכטע פאָרשטעלונגען וועגען דער נשמה. נאָר ביז פּלאַטאָן און אריסטאטעלעס ווערט אין גריעכענלאנד פאָרגעשטעלט די נשמה נאָך אַלין אלס אַ פאראיידעלטע שטאָף. דער פילאָזאָף העראַקליט אין 6־טען יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס, וועלכער האָט דער ערשטער דערזעהען אין דער בעוועגונג דעם פרינציפּ פון דער וועלט, רופט אן די נשמה „די לעבעדיגסטע, צאַרטעסטע, געטליכסטע מאַטעריע פון ווארעמקייט, וועלכע וואנדעלט אָהן רוה און אָבהאַלט". אן אנדער פילאָזאָף פּארמענידעס זעהט אין דער נשמה „אַ מישונג פון קאַלטקייט און ווארעמקייט". דער מאַטעריאַליסט דעמאקריט, וועלכער ערקלערט די גאנצע וועלט דורך די בעוועגונג פון די אונטיילבארע אטאמען, ערקלערט אויך די נשמה אַלס „די בעוועגונג פון פייערדיגע, קיילעכדיגע, גלאטע און דערפאַר זעהר בעוועגליכע אַטאָמען". דאָס דענקען איז די בעוועגונג פון דיעזע פייערדיגע אטאָמען.

ערשט פּלאַטאָן הויבט אן צו בעטראכטען די נשמה מיט ניט־מאַטעריאַליסטישע אויגען. די נשמה — לויט זיין לעהרע — שטאַמט פון דעם „עולם האַצילות", פון דער מלוכה פון די אייביגע „אידעען", וועלכע איז די איינציגע רעאליטעט און עקזיסטירט איידער אַלע שעפּפונג. די נשמה פאַלט אַרונטער פון דיעזער אידעען־וועלט און פערקערפּערט זיך שפּעטער אין א גוף. דערמיט פערלירט

*) גענויער וועגען „אַנימיזם" זעה די 11טע פאָרלעזונג „די רעליגיאָן".

גען לעבען, מיט דעם נשמה־לעבען פון דעם מענשען, ווערט אנגע־רופען פ ס י כ אָ ל אָ ג י ע, ד. ה. די לעהרע פון דער זעעלע, דער נשמה.

די פסיכאָלאָגיע איז איינע פון די אינגסטע וויסענשאפטען, וועל־כע דער מענשליכער גייסט האָט בעשאפען. ערשט אין דער מיטען פון 19־טען יאָהרהונדערט איז די לעהרע פון דער זעעלע געוואָרען א וויסענשאפט, נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעהויבען געברויכען ריכטיגע מעטאָדען פאר איהרע אונטערזוכונגען און האָט זיך אָנגעהויבען צו בעדיענען מיט דער נאַטורוויסענשאַפט און דער פיזיאלאגיע פאר איה־רע צוועקען. בעזונדערס נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעהויבען צו אונ־טערזוכען וויסענשאפטליך דעם מארך, די נערווען, די חושים און זייער טעטיגקייט, די פערבינדונג צווישען די ערשיינונגען פון גוף און די ערשיינונגען פון דער נשמה, האָט די פסיכאלאגיע בעקומען וויסענשאפטליכע פעסטקייט און וויסענשאפטליכען ווערטה.

אויב אָבער די פסיכאלאגיע אלס וויסענשאפט איז יונג און נייַ, האָט אָבער דאָך דער פאָרשענדער מענשליכער גייסט שוין פון אור־אַלטע צייטען אָן אבגעשטעלט זיך אויף די מערקווירדיגקייטען פון דעם זעעלישען לעבען, און געזוכט עס צו פערשטעהען און צו ערקלערען. ביי אַלע פעלקער פון אַמאָליגע צייטען האָט שוין עקזיסטירט די פאָר־שטעלונג פון אַ נשמה, וועלכע איז אָבגעזונדערט פון גוף און עקזיס־טירט אויך אויסערהאַלב פון גוף, ווען דער גוף איז אבגעשטאָרבען. דיעזע זעעלע, אָדער נשמה איז בעטראכטעט געוואָרען אַלס די אור־זאכע פון לעבען און פון דער גאַנצער גייסטיגקייט פון דעם מענשען. עס פערשטעהט זיך, אַז וועגען דער נאַטור פון דער נשמה, וואָס זי איז און וואָס איז איהר כאַראַקטער און געשטאַלט, האָבען געהערשט נאָר דונקלע ווידערשפּרעכענדע און אונקלארע בעגריפען, וועלכע זיי־נען אָבער געוועזען אויך ענג פערפלאָכטען מיט די רעליגיעזע פאָרשטע־לונגען פון דער צייט. דער שרייבער פון דער תורה שטעלט זיך פאָר די נשמה, ווי אַן אָ ט ע ם, וועלכער איז פון גאָט אריינגעבלאָזען געוואָרען אין די נאָזלעכער פון דעם מענשען. אַן אַנדערער שפּעטער־דיגער שרייבער פון דער תורה שטעלט זיך פאָר, אַז די נשמה — דאָס איז דאָס ב ל ו ט, „כי הדם הוא הנפש“. די נשמה — לויט די פאָרשטעלונגען פון די אמאָליגע פעלקער — איז אַן אטעם, אַ שאָ־

גוף און נשמה

(די גרונד־יסודות פון דער פסיכאלאגיע)

וואָס איז פסיכאָלאָגיע ? די פאָרשטעלונג וועגען נשמה אין די אוראַלטע צייטען. די לעהרען פון די אַלט־גריכישע פילאָזאָפען. די לעהרען פון די פילאָזאָפען אין די שפּעטעריגע צייטען. פסיכאָלאָגישע פאָרשונגען אין 19־טען יאהרהונדערט. דער מאַרך, דאָס נערווען־סיסטעם און אונזערע חושים. ווי אַזוי מיר זעהען און הערען. פעכנער׳ס געזעץ וועגען די בעציהונגען פון קערפּערליכע אָנרייצונגען צו פסיכאָלאָגישע עמפּפינדונגען. דאָס פסיכאלאגישע אסאָציאַציאָנס־געזעץ. וואונדט׳ס לעהרע וועגען אַפּערצעפּציאָן, פאָרשטעלונגען, געפיהלען און ווילען.

1.

דער מענש איז אַ בעזונדערער גליעד אין דער גרויסער וועלט פון די לעבעדיגע וועזען, איבער וועלכע ער האָט זיך אויפגעהויבען און וועלכע ער האָט אונענדליך אריבערגעשטיגען. אריבערגעשטיגען די איבריגע לעבעדיגע וועלט האָט דער מענש דורך די הויכע ענטוויקלונג פון זיין גייסטיגען לעבען, דורך די גרויסע מעכטיגקייט און דעם רייכטום פון זיין נשמה, זיין נשמה־לעבען. גייסט, נשמה, נשמה־לעבען איז פאראן אפילו אומעדום, וואו עס איז פאראן קערפּער, גוף ; יעדע חיה ביז צו דעם ניעדריגסטען ווארעם פון דער ערד האָט אַ געוויסע מדרגה פון גייסטיגקייט, אַ געוויסען מאס פון נשמה־לעבען. ביי דעם מענשען האָט אָבער זיין נשמה־לעבען דערגרייכט אַזאַ גרויסקייט און ערהאבענקייט, דאָס די וויסענשאַפט אונטערזוכט און בעטראכט עס גאַנץ אבגעזונדערט פון דעם גייסטיגען לעבען פון די אַנדערע לעבעדיגע וועזען פון דער נאַטור. די וויסענשאַפט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דעם גייסט, מיט דעם גייסטי־

5-טע פאָרלעזונג

דר. נ. סאָנין

גוף און נשמה

(די גרונד־יסודות פון דער פסיכאָלאָגיע)

(ווי מען זאָגט עס אין העברעאיש, אָדער „קראָס ברידינג", ווי מען רופט עס אין ענגליש,) אַן ער מיט אַ זי פון פערשיידענע מינים, נאָר פון איין גאַטונג, און זיי ברייננגען ארויס אַ נייעם דור, איז דער דאָזיגער נייער דור ניט מעהר פרוכטבאַר אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, און דער פאקט אַליין איז גענוג זיי פעסטצושטעלען אַלס בעזונדערע מינים. אַלע מענשליכע ראסען אָבער זיינען פרוכטבאַר אין אַלע מעגליכע מישונגען, — בעווייזט עס, אַז אַלע וואריעטעטען פון דער מענשהייט געהערען זאָאָלאָגיש צו איין מין.

גאַנץ געוויס איז שווער צו זאָגען אויף וועלכען אופן און צוליעב וועלכע אורזאַכען זיינען ענטשטאַנען די פערשיעדענע מענשליכע ראַסען. די מענשליכע געשיכטע האָט זיי געפונען ווי זיי זיינען און דער פראָצעס פון זייער ווערען איז בעהאַלטען ווייט אַוועק אין דער פאָרהיסטאָרישער פעריאָדע. אננעהמענדיג דעם פרינציפּ פון עוואָלוציאָן איז קיין ספק ניט, אַז אַלע מענשליכע ראַסען קומען ארויס פון אַן איינציגען פרימיטיווען שטאַם. אין די ערשטע שטופען פון זייער אבזונדערונג זיינען די חלוקים געוויס ניט אַזוי פיעל און ניט אַזוי קענטיג. שפּעטער, פערבלייבענדיג אבגעזונדערט אין די טיילען פון דער ערד וואו זיי געפינען זיך איצטער אונטער דער ווירקונג פון קלימאַט און אנדערע ארומיגע אומשטענדען, וועלכע האָבען געהאַט אַ דירעקטען איינפלוס אויך אויף זייערע גייסטיגע פעהיגקייטען, און אויף דער שטופע פון קולטור, וואָס זיי האָבען דערגרייכט — זיינען די דאָזיגע חלוקים פערגרעסערט און פערפיעלפאכט געוואָרען.

טראָץ אַלעם דעם אָבער קען מען געפינען אין יעדער ראַסע די אייגענע אַלגעמיינע עלעמענטאַרע מענשליכע געפיהלען. און אויב עס איז ריכטיג דער שפּריכוואָרט, אַז ווען מען זאָל אַ קראַץ טהאָן די הויט פון דעם ציוויליזירטען אייראָפּעער, וועט מען געפינען אין איהם שטעקען דעם ווילדען, איז אויך פערקעהרט ריכטיג, אַז ווען מען זאָל אַ זוך טהאָן אונטער דער הויט פון דער נידריגסטער ראַסע, וועט מען אין איהר געפינען דאָס אַלגעמיין־מענשליכע.

די טעאָריע פון דעם מענשענ'ס אבשטאַמונג דורך דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג ברייננגט אונז ענדליך צו דעם בעגריף פון דער איינהייט פון דער מענשהייט.

געוואָרען על פּי יצירה פּרטית, יעדע ראַסע אויף דעם ערדטייל וואו זי געפינט זיך, אָדער יעדע ראַסע קומט אַרויס פון אַ בעזונדער מין אַפּפע. מילא די יצירה פּרטית־טעאָריע קענען מיר אַוועקמאַכען מיט'ן האַנד, אָבער אין דער מאָנאָגענייטשער און פּאָליגענייטשער מחלוקה שטעקט אַ פראַגע וואָס האָט אַ וויסענשאַפטליכען אינטערעס.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די פערשיידענע ראַסען אונ־טערשיידען זיך אין פיעל פּונקטען איינע פון די אַנדערע; ווי צום ביישפּיעל, אין דער הויט־פאַרב, אין די האָר, אין דער פאָרם און גרויס פון קאָפּ, און אַזוי ווייטער. די פּאָליגעניסטען האַלטען דערי־בער, אַז יעדע גרויסע ראַסע איז אַ בעזונדער ספּעציעס, אַ בעזונדער מין, און זיי טיילען פּאָלגליך איין די מענשען אין פיער אָדער מעהר מינים, וואָס שטאַמען אָב, ווי געזאָגט, פון פערשיידענע מינים אַפּפען. די וויסענשאַפטליכע מאָנאָגעניסטען ראַגעגען לייקענען אָב, אַז די חלוקים צווישען די ראַסען זיינען אַזוינע גרויסע, אַז מען זאָל זיי מוזען קלאַסיפיצירען אַלס בעזונדערע מינים. ווי פערשיידען די ראַסען זאָלען ניט זיין אין איינציגע פּרטים, דאָך — זאָגט דאַרווין — ווען מען זאָל נעהמען אין אַנבעטראַכט זייער גאַנצען געבוי, מוז מען איינזעהן ווי ענג־עהנליך זיי זיינען איינע צו די אַנדערע אין אַלע אַנדערע פּונקטען. ווען מען געפינט אַזוי פיעל פּונקטען פון עהנליכ־קייט אין זייערע געוואוינהייטען, געשמאַקען און כאַראַקטערען ביי איינציגע ראַסען פון הויזליכע אָדער אַנדערע טהיערען, געברויכען די נאַטורפאָרשער דעם פאַקט אַלס אַן אַרגומענט צו בעווייזען, אַז זיי שטאַמען אַלע אָב פון אַ געמיינזאַמען אור־שטאַם און מוזען פּאָלגליך קלאַסיפיצירט ווערען אַלס איין מין. דעמזעלביגען אַרגומענט קען מען אויך געברויכען בנוגע צו די מענשליכע ראַסען.

דער שטאַרקסטער אַרגומענט אָבער אַנטקעגען די פּאָליגעניס־טען, פון אַ זאָאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, איז דער פאַקט, וואָס ניט נאָר מישען זיך ביזלעבוויז אויס אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע חלוקים פון די מענשליכע ראַסען איינע אין די אַנדערע, נאָר אפילו די עכסטרעם־אונעהנליכע ראַסען זיינען פרוכטבאַר איינע מיט די אַנ־דערע, און זייערע היברידען, די קינדער פון דעם נעכסטען און ווייטערדיגע דורות, זיינען ניט אונפרוכטבאַר, ווי עס איז יא דער פאַל ביי מיטגליעדער פון בעזונדערע מינים. ווען מען איז מרכיב,

טאטע ע"ה, איז אין דארווין'ס צייט געווען די אינטערעסאנטעסטע פערזענליכקייט, וועגען וועלכער מען האט זיך זעהר שטארק נאכגעפרעגט: מען האט איהם גערופען „די מיסינג לינק" און געזוכט מיט ליכט אין אלע פערבארגענישען פון דער טיעפער ערד. ער איז הייסט עס דאס רינגעל, וואס געהט אב אין דער קייט פון ענטוויקלונג, צווישען יענע אלטע אפפען־חיה מיט דעם היינטיגען מענשען. די לעצטע צייטען האט מען געפונען איינציגע שארבענס און אנדערע טיילען פון סקעלעטען, וועלכע געהערן וואהרשיינליך צו אזא מין אפפען־מענשען. די מעהר וויכטיגע זיינען דער שארבען, וואס פראפ. דובוא האט געפונען אין יאווא, אין יאהר 1892 און די אונטערשטע קיהן־באק וואס מאוער האט געפונען אין היידעלבערג, אין 1907, פון וועלכע די פארשער זיינען זיך משער אזא מין בריאה, וואס האט געקענט זיין דאס דאזיגע נויטיגע רינגעל צווישען די ביידע עקען פון דער אפפע־מענשען קייט.

אננעהמענדיג די לעהרע פון פראגרעסיווער ענטוויקלונג איז דער שכל מחייב, אז אזא מין אפפע־מענש האט געמוזט עקזיסטירען, און עס איז קיין שום ספק ניט, אז זיין געביין איז ערגעץ־וואו פערשאטען אין די געאלאגישע שיכטען פון דער פליאצען אדער מיאצען אדער אפשר פון נאך אן עלטערער פעריאדע. עס מוז אויך זיין קלאר, אז דער מענש אין ריכטיגען זין פון דעם נאמען, ד. ה. דער מענש וואס האט זיך שוין אויסגעלערענט רעדען און האט אנגעהויבען צו מאכען פאר זיך געצייג, האט זיך בעוויזען אויף דער ערד אין א שפעטערער פעריאדע, ווען ער האט געגרייכט זיין פאלקאמענע ענטוויקלונג אין האט זיך פערשפרייט אין פערשיידענע ראסען איבער אלע טיילען פון דער וועלט.

וועגען דער אבשטאמונג פון די פיער גרויסע ראסען—די שווארצע, די געלבע, די רויטע און די ווייסע—זיינען אין די פאר־דארווינישע צייטען געווען חלוקי דעות און בעזונדערע שיטות. איין שטה איז געווען די מ א נ א ג ע נ י ש ע, ד. ה. די טעאריע, אז די גאנצע מענשהייט קומט ארויס פון איין פאר, פון אדם מיט חוה'ן פערשטעהט זיך, און די פערשיידענע ראסען שטאמען אב פון שם, חם ויפת. די אנדער שטה איז די פ א ל י ג ע נ י ש ע, וועלכע האלט, אז יעדע ראסע שטאמט אב פון א בעזונדער פאר און איז אדער בעשאפען



פיגור 31. פּיטעקאַנטראָפּען אָדער מענשען־אַפּען, פון וועלכע עס שטאַמען
אַרויס די מענשען.

אויף דער פראגע, ווי זי איז דאָ אוועקגעשטעלט: נ י י ן, אזוי פראָסט ניט! קיין מענש האָט ניט ארויסגעשטאַמט פון די מינים אַפּען, וועלכע מיר געפינען איצטער. די גארילאַס, שימפּאַנזיעס און אנדערע מענשענעהנליכע ברואים זיינען אליין נישט מעהר ווי א צווייג, וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט פון א געמיינזאמען שטאַם. טויזענדער יאָהרען האָט געדויערט איידער זיי זיינען דערגאנגען אין זייער ענטוויקלונג צו דער שטופע, אויף וועלכער זיי געפינען זיך איצט; און עס וועט מוזען געדויערן נאָך טויזענדער יאָהרען איידער זיי וועלען אפּילו ארויסברייננגען פון זיך וועלכע עס איז העכערע פאָרמען. דער אוראַלטער געמיינזאמער שטאַם האָט ארויסגעבראכט פערשיידענע צווייגען און איז אליין שוין לאנג אויסגעמעקט געוואָרען פון די לעבעדיגע. איין צווייג איז ניט געגאנגען ווייטער אין זיין ענטוויקלונג ווי די מארמאָזעטען; פון אנאַנדער צווייג זיינען ארויסגעקומען די אמעריקאנער פלאַציגע נעזער; פון א דריטען — די באבוןפאַמיליע, פון א פערטען — די פאַמיליע וואָס האָט ענטוויקעלט דעם גיבאָן, אראנג, שימפּאנזיע און גארילא; און פון א פינפטען — די פאמיליע, וואָס האָט געבוירען דעם מענשען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דער מענש שטאַמט אָב פון אן אויסגעשטאָרבענער זויגטהיער־פאָרם, וועלכע מיר וואָלטען לויט איהרע אנאטאָמישע שטריכען קלאַסיפיצירען אלס אן אַפּע. דאָס מיינט אָבער בשום אופן ניט, אַז די היינטיגע אַפּען זיינען גליך צו יענער פאָרם. זיי זיינען מסתמא אין עטליכע פרטים מעהר עהנליך צו איהר איידער דער מענש, און פאָלגליך זיינען זיי דעם מענשען'ס עלטער־פעטערס, אויב ניט ווייטע גליעד־שוועסטערקינדער, אָבער קיינמאָל ניט זיינע עלטער־זיידעס. אין אנדערע ווערטער: דער מענש שטאַמט פון דערזעלבער אלגעמיינער משפּחה ווי די אַפּען, און אלין וואָס מען קען זאָגען וועגען די היינטיגע העכערע אַפּען איז, אז זיי זיינען דעם מענשען'ס נעהענטסטע קרובים. אין דער ווירקליכקייט איז ניט נור יענע אלטע חיה, פון וועלכער דער מענש שטאַמט אָב אין א דירעקטע ליניע, שוין לאנג אויסגעשטאָרבען, נאָר אפילו דעם מענשענס לייבליכער פאטער — יענער מין, וואָס איז מעהר אלס אַפּע, אָבער נאָך ניט מענש — אויך שוין א שוכן עפר פון שעהנע עטליכע צעהנדליג טויזענד יאָהר. ער, אָט דער

מיר ווילען דאָס גאַנצע רעזומירען מיט דאַרווין'ס ווערטער: —

„די אייגענע קאָנסטרוקציע פון דעם בנין פון אַלע מיטגליעדער פון איין קלאַס איז נור דאַן פערשטענדליך, ווען מיר גיבען צו, אַז זיי שטאַמען אַלע אָב פון אַ געמיינזאַמען אור־פאַטער און האָבען שפּעטער זיך געמוזט צופּאַסען צו פערשיידענע אומשטענדען. די עהנליכקייט אין מוסטער צווישען די האַנד פון אַ מענשען אָדער אַן אפּע, צווישען דעם פוס פון אַ פערד, דעם שווים־פוס פון אַ ים־הונד, דעם פליגעל פון אַ פלעדערמויז און אַזוי ווייטער, קען מען לחלוטין ניט דערקלערען דורך קיין שום אַנדער בליק. קיין אַנדער ערקלערונג איז קיינמאָל ניט געגעבען געוואָרען פאַר דעם וואונדערליכען פאַקט, וואָס די עמבריאָס פון אַ מענש, אַ הונד, אַ ים־הונד, אַ פלעדערמויז, אַ רעפּטיל און דערגלייכען קענען אין אָנהויב קוים אונטערשיידט ווערען איינער פון אַנדערן.

נור די לעהרע פון פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג קען אונז געבען צו פערשטעהן ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, אַז דער מענש און אַלע אַנדערע רוקען־ביינינגע טהיערען זיינען געבויט געוואָרען לויט דעמזעלביגען אַלגעמיינעם מוסטער; פאַר וואָס זיי מאַכען דורך דיזעלביגע ערשטע שטופען פון ענטוויקלונג און פאַר וואָס עס האַלט זיך ביי זיי געמיינשאַפטליך געוויסע רודימענטען. מיר מוזען פּאָלגליך אָננעהמען זייער געמיינזאַמע אבשטאַמונג. האַלטען אַנאַנדער מיינונג הייסט מודה זיין, אַז אונזער אייגענער געבוי און דער געבוי פון די אַלע טהיערען וואָס ארום אונז, איז גישט מעהר ווי אַ נעץ, וואָס איז געלעגט געוואָרען צו פאַנגען אונזער שכל. נור אונזער נאַטירליכער פּאָראורטייל און יענע העזה וואָס האָט בעוואָגען אונזערע עלטערן צו דערקלערען, אַז זיי שטאַמען אָב פון האַלב־געטער, איז די אורזאַכע וואָס מיר קווינקלען זיך אָנצונעהמען אָט דעם שלום. די צייט וועט אָבער באַלד קומען, ווען עס וועט בעטראַכט ווערען ווי אַ וואונדער, אַז נאַטור־פאָרשער, וועלכע זיינען געווען גוט בעקאַנט מיט דער פערגלייכענדער סטרוקטור און ענטוויקלונג פון מענשען און אַנדערע זויג־טהיערען, זאָלען האָבען געגלויבט, אַז יעדער מין איז געווען דאָס ווערק פון אַ בעזונדער שאַפונגס־אַקט."

הייסט עס, אַלזאָ, אַז דער מענש שטאַמט אָב פון די אַפּפען? איהר דאַרפט זיך ניט וואונדערן, אויב מיר ווילען ענטפערן



פיגור 30. אַ רוסישער פויער מיט אַ פּנים פון אַן אפּע.


די בעדייטונג פון אָט די אַלע פאַקטען איז גאַנץ קלאָר. די זאָאָלאָגישע קלאַסיפיקאַציע, וועלכע ציינט אָן אויף אַ שטופענאַרטיגע ענטוויקלונג פון די פּראָטאָזאָאַ ארויף ביז צום מענשען; די פאַקטען פון דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע, די געשיכטע פון די געשטאָרבענע חיות, וואָס האָבען געלאָזען נאָך זיך שפּורען (פאָסילען) אין די געאָלאָגישע שיכטען פון דער ערד; די בעשרייבונג פון דעם געבוי פון די חיות, די מאָרפאָלאָגיע, וועלכע בעוויזט איין אַלגעמיינעם פּלאַן פון אַ לעבעדיגער ארכיטעקטור ביי דעם גאַנצען גרויסען קלאַס זויג־טהיערען, און א ספּעציעל נאהענטע עהנליכקייט צווישען דעם געבוי פון מענשען און די פּרימאַטען, די מענשענעהנליכע אַפּען; די פאקטען פון דער פיזיאָלאָגיע, וועלכע בעווייזען אַ שטאַרקע עהנליכקייט אין בלוט און אין די געוועבען פון קערפּער צווישען מענשען און אפּען בפרט און אַלע זויגטהיערען בכלל; די עקזיסטענץ פון רודימענטען און די פעלען פון אַטאַוויזם, און ועל כולם די וואונדערבאַרע ערשיינונגען פון דער עמבריאָלאָגיע, וועלכע צייגען ניט נור די פאַקטיישע עהנליכקייט אין די ערשטע שטופען פון אַלע רוקען־ביינינע און אין די וויטערע שטופען פון אַלע זויגטהיערען, נור אויך אַ ווידערהאָלונג בקיצור פון דער גאַנצער היסטאָריע פון אַלע פאָרמען פון לעבען — אָט די אַלע פאַקטען קענען נאָר האָבען איין בעדייטונג.

אָנשטאָט וואָס ער זאָל זיין פּאַראַללעל צו זיי, שטעקט ער ארויס אונטער א ווינקעל פון זייט פוס, און שטימט אויף דעם אופן מיט דעם צושטאַנד, אין וועלכען ער איז פערבליבען ביי די פיערהענטיגע, די אַפּפען.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער פאקט, וואָס בעווייזט די פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג פון נידעריגע צו העכערע לעבענספאָרמען, זיינען די ר ו־ ד י מ ע נ ט ע ר ע אָרגאַנען, וועלכע געפינען זיך ביי פיעלע העכערע חיות און אויך ביים מענשען. אַ רודימענט מיינט אַ וואָרצעל, אַן אָנ־הויב פון אַ זאַך, וואָס איז ניט דערוואקסען, ניט אין גאַנצען ענטוויקעלט. צום ביישפּיעל, דער אַפּענדיקס ביים מענשען איז אַ ניט־דערוואקסענער טייל פון דער ברייטער קישקע, וועלכע איז זעהר אַ לאַנגע ביי די נידע־ריגע טהיערען. ביי דעם אָראַנג איז דער אַפּענדיקס אַ לאַנגער און אַ געדריידעלטער. אַזוי אויך זיינען די מוסקולען פון אויער אין א רודי־מענטערען, ניט ענטוויקעלטען צושטאַנד ביים מענשען. די נידעריגע טהיערען בעוועגען זייערע אויערען גאַנץ טיכטיג און זייערע מוסקולען זיינען גוט ענטוויקעלט; ביים מענשען און די העכערע אַפּפען זיינען די אויערען־מוסקולען ווינציג־וואָס ענטוויקעלט. זיי זיינען נור געבליבען ווי שפּורען פון אַ פריהערדיגען צושטאַנד. דאָס גלייכען די האָהר אויפ'ן קערפּער פון מענשען זיינען רודימענטער און עראינערן אונז נאָר אָן די האָהריגקייט פון אַלע זויג־טהיערען. דער ווידעל־ביין (אָס קאָקסיקס) ביים מענשען שטעלט מיט זיך פאָר גאַנץ קלאָר דעם אייגענעם, נאָר פיעל מעהר ענטוויקעלטען טייל ביי די נידעריגערע ווערטעבראַטא. די רודימענטערע בריסטען ביי די זכרים פון אלע זויג־טהיערען, ווי אויך פון מענשען, צייגען אויפ'ן זעלבען אופן אן איבערגעבליבענעם צייכען פון א געוועזענעם נידעריגערען צושטאַנד.

אָפטמאָל טרעפט, אַז ביי אַ חיה ווערט געבוירען א קינד, וואָס איז גאָר ניט עהנליך צו איהר, נאָר פיעל מעהר צו אַ פערגאַנגענער פאָרם פון איהרע אור־אור־עלטערען, ווי צ. ב. ש., אַן אייזעלע, וואָס האָט שטרייפען ווי אַ זעברא. אַזעלכע פעלען הייסען א ט אַ ו ו י ז־ מ ע ן, ד. ה., אַ צוריקקעהר צו אַן אַמאָליגען טיפּ, צו דער פאָרם פון אַן עלטער־זיידען פון דער פאַמיליע. אַזוי אויך ביי מענשען קענען אַמאָל געבוירען ווערען קינדער, ספּעציעל אין הונגער־צייטען, וואָס זיינען אין פיעלע פּרטים עהנליך צו אַפּפען.

פיגור 29. די עמבריאָלאָגישע ענטוויקלונג פון א מענשען (F),
אן אפע (E) און א קאַץ (D) אין מוטערס בויך.



F—אַ מענש   E—אַן אַפּע   D—אַ קאַץ

אָדערן פון דער געבעהרמוטער, דורך וועלכע דער ולד (פעטוס) ציהט זיין יניקה פון דער מוטער'ס בלוט. דער טייל הייסט אַ ל אַ נ ט אָ י ס: און וואַקסט זיך פונאַנדער, בעהעפט צו דער וואַנט פון דער געבעהר־מוטער, ווי אַ דיק שטיק פלייש, וואָס הייסט די פּ ל אַ צ ע נ ט אַ.

דאָס איז, אַלזאָ, דער טיפּ פון דער עמבריאָלאָגישער ענטוויקלונג פון אַ זויג־טהיער. איהר קענט זעהען פון דער צייכנונג פון די פערשיידענע שטופען פון עמבריאָס פון פערשיידענע חיות (גענומען פון ערנסט העקעל'ס בוך „די ענטוויקלונג פון מענשען"), אז דער מענש האָט „גאַנץ אַנשטענדיגע" ווייטע קרובים... אין די ערשטע פּעריאָדען איז דער מענש אַזוי ענהליך צו די נידריגע טהיערען אי אין דעם אויסערליכען אויסזעהן, אי אין זיין גרינדליכער סטרוקטור, אַז מען קען קוים געפינען וועלכע עס איז וויכטיגע חלוקים צווישען איהם און זיי. אין די שפּעטערדיגע פּעריאָדען געהען די עמבריאָס זיך אַלץ מעהר און מעהר פאַנאַנדער, און עס איז אַן אַלגעמיינער כלל, אַז וואָס ענהליכער געוויסע ברואים זיינען איינע צו די אַנדערע אין זייער דערוואַקסענעם צושטאַנד, אַלץ לענגער און נעהענטער בלייבען זייערע ע מ ב ר י אָ ס ענהליך איינע צו די אַנדערע.

לויט דעם כלל, וויעדער, אז די זעלבסט־ענטוויקלונג איז אַ רעפּעטיציע בקצור פון דער שטאַם־ענטוויקלונג, געפינען מיר ביי די עמבריאָס פון די העכערע זויג־טהיערען, — דאָס מיינט אויך פון מענשען, — אַן ענהליכקייט אין זייער געבוי מיט דעם דערוואַקסענעם צושטאַנד פון געוויסע נידעריגע לעבענס־פאָרמען. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דאָס האַרץ אין אָנפאַנג אפילו ביים מענשליכען עמבריאָ נישט מעהר ווי אַן איינפאַך בלוט־זעקעל וואָס קלאַפּט מיט אַ פּולס; די עקסקרעמענטען ווערען אַרויסגעגעבען דורך אַ בייטעל־אַרטיגען דורכגאַנג; דער ווירבעל־ביין שטעקט אַרוים ווי אַ ריכטיג ווידעל און גרייכט אַ רעכט ביסעל ווייטער ווי די רודימענטערע פיס. צו די אַפּען, פערשטעהט זיך, בלייבט דער מענשליכער עמבריאָ לענגער ענהליך איידער צו די נידעריגערע זויג־טהיערען. די פאַלדען פון געהירן (ווי דאַרווין ציטירט פון בישאָף) גרייכען ביי אַ מענשליכען פעטוס צום סוף פון זיעבעטען מאָנאַט אונגעפעהר דיזעלבע ענטוויקלונגס־שטופע ווי ביי אַ דערוואַקסענעם באַבון. דער גראָבער פוס־פינגער איז ביי דעם מענשליכען עמבריאָ אויף אַ געוויסער שטופע קירצער ווי די אַנדערע, און

וואונג אויף דער פערגאַנגענהייט—די פאָרם פון דעם קלאַס עקינאָ־דערמאַטאַ). דער רונדליכער קערפּער פלאַכט זיך אויס און ווערט לענג־ליך (אַ מאַלוסקא), די ביידע זייטען פון שפּאַלט ווערען העכער און פערקאַטשען זיך אין אַ פאַלד — דאָס איז דער אָנהויב־געבוי פון אַ ווענטעל ארום דעם חלל, וואָס וועט שפּעטער ענטהאַלטען דעם רוקען־מאַרך און די געהירן. איין ברעג פון דעם חלל ווערט ברייטער — דאָרט וועט זיין דער קאָפּ; דער אַנדער ברעג בלייבט שמאָל און ווערט שפּע־טער דער וויידעל. די זייטען פון קערפּער ווערען פאָרמירט פון די אונ־טערשטע ווענטלעך פון שפּאַלט און ביסלעכווייז וואקסען אויס פון זיי קליינע גולקעס, וועלכע בעקומען מיט דער צייט די פאָרם פון ענד־גליעדער (הענט און פיס).


מיר האָבען דאָ צום סוף שטאַרק פערקירצט די עמבריאָלאָגישע בעשרייבונג: ניט די צייט, ניט אייער געדולד וועט ערלויבען אַריינצו־לאָזען זיך דאָ אין די פּרטים פון עמבריאָלאָגיע. מיר וועלען נאָר בע־מערקען, אז אין א פריהע שטופע לויפען די ארטעריען (בלוט אָדערן) פון האַלז אין בויגען־ארטיגע צווייגען, ווי זיי וואָלטען דארפען פיהרען דאָס בלוט צו די זשאַברעס, (די פיש־שטופע), וועלכע עקזיסטירען ניט מעהר ביי די העכערע ווערטעבראַטא, אָבוואָהל די שפּאַלטען ביי די זייטען פון האַלז זיינען נאָך פאַראַן און צייגען אָן דאָס פּלאַן וואו די זשאַברעס זיינען פריהער געווען. אויף אַ שפּעטיגערע שטופע, בעת עס זיינען שוין ענטוויקעלט די ענד־גליעדער, קומען ארויס די פיס פון אַ יאַשצערקע און פון זויג־טהיערען, די פליעגלען און פיס פון פויגלען, ווי אויף די הענד און פיס פון מענשען, פון דערזעלביגער פונדאַמענטאַלער פאָרם.

מיר מוזען אויך דערמאָנען די ענטוויקלונג פון צוויי סטרוקטורען, וואָס דיענען דעם צוועק פון בעשיצונג און נאַהרונג פאַר דעם עמבריאָ, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאר דעם גאַנצען קלאַס זויג־טהיערען. דאָס זיינען צוויי דינע זעקלעך, וועלכע ענטוויקלען זיך פון דער הויט אין הינטערשטער אויבערפלעך פון קערפּער: איינער הייסט דער אמניאָן, אַ זעקעל פול מיט א וואסעריגער פליסיגקייט, וואָס דעקט אַרום דעם גאַנצען עמבריאָ און בעשיצט איהם פון אַן אויסער־ליכען דרוק; דער אַנדערער וואַקסט ארויס פון בויך־טייל ווי אַ געד־דרעהטע שטריק פון בלוט־אָדערן און ווערט בעהעפט מיט די בלוט־

אָדער אָוואום, ווערט לכתחילה געשאַפען אין אזא דריזע (דער אייער־
שטאָק) ביי דער מוטער, פון וואנען עס טיילט זיך אויס און געהט דורך
אַ געוויסען רעהר, ביז עס קומט אַריין אין דער געבעהרמוטער. אונטער
גינסטיגע אומשטענדען ווערט עס בעפרוכטעט פון די מענליכע זאָמען
און עס ווערט בעלעבט מיט אַ נייער און וואונדערבאַרער טהעטיגקייט.
דאָס קיים־בלעזעל און דער קיים־פונקט פערשווינדען; דער נאַהרונגס־
שטאָף, אָדער ווי מען רופט עס, דאָס געלכעל, ווערט איינגעדריקט ביים
ראַנד, ווי מען וואָלט עס איינגעשניטען מיט אַ מעסער, און עס
ווערט צוטיילט אויף צוויי האַלב־רונדליכע שטיקלעך. מיר האָבען
דאָ, ווי איהר זעהט, אַ פילאָגענישע ווידערהאָלונג פון דער ערשטער
פאָרם פון לעבעדיגע ברואים, די פראָטאָזאָאַ וועלכע זיינען
איינ־צעליגע און רעפּראָדוצירען זיך דורך טיילונג אין צוויי.

די צוויי העמיספערען אָדער האַלב־קוגלען, וועלכע האָבען זיך בע־
קומען פון דעם, וואָס דאָס געלכעל האָט זיך צושפּאָלטען אויף צווייען,
ווידערהאָלען דעמזעלביגען פּראָצעס פון צוטיילונג און עס ווערט פון
זיי פיער, פון די פיער ווערען אַכט און אזוי ווייטער און ווייטער, ביז
די פריהערדיגע צעלע ווערט פערוואַנדעלט אין אַ קופּה'קע צעלען און
יעדע איינציגע בעשטעהט פון אַ ברעקעל געלכעל־שטאָף, וועלכער ענט־
האַלט אין צענטער א ספּעציעלען קערענדעל, וואָס הייסט נ ו ק ל ע א ו ס.
האָקסלי פערגלייכט אָט דעם טיילונג־פּראָצעס צו דער ארבייט פון אַ
בעל־מלאכה אין אַ ציגעלניע. די נאַטור נעהמט דעם רויהען, פלאַסטי־
שען מאַטעריאל פון געלכעל און צוברעקעלט עס אויף גלייכע, ריכטיג־
געפורעמטע טיילען, ווי דער בעל מלאכה פורעמט אויס די ציעגעל פון
דעם ליים. דער מענש לעגט אויס די ציעגעל לויט אַ געוויסען פלאַן
און בויט אויס פון זיי אַ מויער: די נאַטור לעגט אויס די צעללען
לויט איהר פלאַן—דעם פלאַן פון די מעטאַזאָאַ—און בויט אויס פון
זיי אַ לעבעדיגען בנין.

די דאָזיגע מאַסע „אָרגאַנישע ציעגעל“ הויבט אָן צו קריגען אַ גע־
וויסע פאָרם און ווערט פערוואַנדעלט אין אַ לעערען רונדליכען קערפּער
מיט דאָפּעלטע ווענטלעך. (איהר האָט דאָ די שטופע פון די קעלענטע־
ראַטאַ). איין זייט ווערט דאַן אַ ביסעל דיקער און דערנאָך בעווייזט
זיך אין מיטען אַ גלייכער, פלאַכער שפּאַלט. דאָס צייכענט אָן די מי־
טען־ליניע אין קערפּער פון דעם צוקינפטיגען זויג־טהיער, (און אויך אַ



ערנעסט העקקעל (געב. 1834)

ענדערונגען, וואָס זיין שטאַם האָט דורכגעמאַכט, ד. ה., אַלע פריהער־דיגע און נידריגערע מינים, פון וועלכע ער שטאַמט אָב, איז זיין ש ט א ם ־ ע נ ט וו י ק ל ו נ ג אָדער פ י ל אָ ג ע נ י ע. די וויסענ־שאַפט פון דער ענטוויקלונג פון דער פרוכט פון מוטערלייב, פון דעם עובר, אָדער עמבריאָן, הייסט ע מ ב ר י אָ ל אָ ג י ע, און עס איז אָט די וויסענשאַפט, וועלכע צייגט אונז ערשטענס, די עהנליכקייט צווישען מענשען און די אנדערע זויג־טיערען אין זייער זעלבסט־ענט־וויקלונג, און צווייטענס, זייער עהנליכקייט אין די כסדר'דיגע שטופען פון זייער שטאַם־ענטוויקלונג.

די וויכטיגקייט פון אָט דער עהנליכקייט איז אזוי גרויס, אז ערנסט העקעל רופט עס אָן ד אָ ס ג ר ו נ ד ־ ג ע ז ע ץ פ ו ן אָ ר ג א נ י ש ע ר ע נ ט וו י ק ל ו נ ג. ער זאָגט אזוי: „דאָס דאָזיגע גרונד־געזעץ, אָהן וועלכען מען קען ניט ריכטיג פערשטעהן די געשיכטע פון ענטוויקלונג, קען אויסגעדריקט ווערען אין דעם פאָל־גענדען זאַטץ: דער עמבריאָן — דאָס איז א פערקירצטע געשיכטע פון דער אָבשטאַמונג. אין אנדערע ווערטער: די אָנטאָגעניע (זעלבסט־ענטוויקלונג) איז א קורצע ווידערהאָלונג פון דער פילאָגעניע (שטאַם־ענטוויקלונג). אָדער גלייכער געזאָגט, די רייהע פאָרמען, דורך וועלכע דער איינצעלנער אָרגאַניזם געהט דורך, פראָגרעסירענדיג פון דער איי־צעללע ביז זיין פאָלשטענדיג־ענטוויקעלטען צושטאַנד, איז א קורצע, צונויפגעדריקטע איבערשאַפונג פון דער לאַנגער רייהע פאָר־מען, דורך וועלכע די אורעלטערן פון דעם אָרגאַניזם (אדער פון זיין מין) זיינען דורכגעגאַנגען פון די גאָר ערשטע פעריאָדען פון דער אָרגאַניזם־שאַפונג ביז דער היינטיגער צייט“.

מיר וועלען נעהמען די עמבריאָלאָגישע ענטוויקלונג פון א הינ־טעל, וועלכע איז גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרען, אלס א טיפ פון דער דאָזיגער ענטוויקלונג ביי אַלע זויג־טהיערען בכלל.

דער הונד פאַנגט אָן זיין עקזיסטענץ פון א קליין אייעלע, איין 130טעל פון א צאָל אין דיאַמעטער, וואָס בעשטעהט פון א טראָפּען נאַהרונגס־שטאָף, בעדעקט מיט א דין הייטעל. אין דעם שטאָף גע־פינט זיך נאָך א קלענערע, רונדליכער זעקעל, וועלכער הייסט דאָס ק י י ם ־ ב ל ע ז ע ל, און אין דעם בלעזעל ליעגט א רונדליכער קערנדעל, וועלכען מען רופט דער ק י י ם ־ פונקט. דאָס אייעלע,

און דערנעהרונג פון די קינדער. די אפפען ווערען געבוירען כמעט אין אזא הילפלאָזען צושטאַנד ווי די קינדער פון מענשען, און ביי געוויסע גאטונגען זייערע איז דער אויסזעהן פון די קליינע פונקט אזוי פיעל פערשיעדען פון די דערוואַקסענע, ווי דער אויסזעהן פון די מענשליכע קינדער איז פערשיעדען פון זייערע דערוואַקסענע עלטערן. איינינע שרייבער האָבען ארויסגעשטעלט פאַר א וויכטיגען אונטערשיעד דאָס, וואָס ביי אַ מענשען ווערען די קינדער רייף אַ סך שפּעטער, איידער ביי יעדער אנדער טהיער. ווען מיר קוקען זיך אָבער צו צו די מענשען־ראַכען, וואָס בעוואָהנען די טראָפּישע לענדער, געפינען מיר אז דער אונטערשיעד איז גאָר ניט גרויס, וואָרום דער אָראַנג, זאָגט מען, ווערט אויך ניט רייף ביז דעם עלטער פון צעהן־פופצעהן יאָהר. דער מאַן אונטערשיידט זיך פון דער פרוי אין גרויס, קערפּערליכע קראַפט, האָהריגקייט א. ז. וו. פּונקט אויפ׳ן זעלביגען אופן ווי עס אונטערשיידען זיך דיביידע געשלעכטער ביי פיעלע זויג־טהיערען. די עהנליכקייט, אלזאָ, אין דעם געבוי, אין דער פיינער סטרוקטור פון די געוועבען, אין דער כעמישער צונויפשטעלונג און אין דער קאָנסטיטוציע בכלל צווישען דעם מענשען און די העכערע טהי־ער׳ען, בעזאָנדערס די מענשענאַרטיגע אַפּפען, איז זעהר און זעהר א נאָהענטע".

* * *

די גרעסטע עהנליכקייט אבער צווישען דעם מענשען און די נידריגערע טהיערען בכלל, ניט נור צווישען איהם און די אַפּפען, מוז מען זוכען אין די ערשטע שטופען פון זייער ענטוויקלונג, איידער זיי ווערען געבוירען, ניט ווען זיי האָבען שוין געגרייכט זייער דערוואַקסענעם צושטאַנד. די סברא איז מחיב, אז אויב אלע פאָרמען פון לעבען האָבען איין אורשפּרונג און די ענטוויקלונג פון די אלע פאָרמען איז א פּראָגרעסיווע, ד. ה., אַ גאַנג פון נידעריגערע שטאַפּלען צו העכערע שטאַפּלען, דאַן מוז זיין א צייט אין דער ענטוויקלונג פון יעדען מין, ווען ער איז זעהר עהנליך צו דעם נידריגערען מין, וועלכער איז געבליעבען שטעהן אין זיין ענטוויקלונג אויף אַ שטאַפּעל אונטער איהם. די רייהע ענדערונגען, וואָס יעדער מין מאַכט דורך פון דעם אנהויב פון זיין עקזיסטענץ ביז זיין פאָלקאָמענעם צושטאַנד, הייסט זיין זעלבסט־ענטוויקלונג אדער אָ נ ט אָ ג ע נ י ע ; די רייהע


שע ביסעל דער גראָבער פינגער פון די איבריגע פינגער פון פוס, און זיי קענען אנגרייפען און האלטען זאכען מיט'ן פוס במעט אזוי ווי די אפפען. עס איז אויך א פאקט, אז קינדער ווערען אָפט געבוירען אין גאנצען בעוואָקסען מיט האָר, נור פון א דינערען סאָרט; און אייגענט־ליך געפינט זיך ביי אלע מענשען אזא פוכיגער האָר (לאנוגאָ) וואָס בע־דעקט דעם גאנצען קערפער.

אפילו די חלוקים פון די געהירן, דער וויכטיגסטער פון אלע אָר־גאנען, וואָס גיט דעם מענשען זיין הערשענדע פאזיציע אין דער וועלט, זיינען אויך ניט קיין גרויסע און זיכער ניט קיין פונדאמענטא־לע. עס איז א פעסט־געשטעלטער פאקט, אז יעדער וויכטיגער פאלד און שפאלט אין'ם מענשענ'ס געהירן האָט זיין גלייכען אין דעם געהירן פון אן אָראנג. „מען דארף זיך וועגען דעם פונקט גאָר ניט איינבילדען — זאָגט דארווין, בריינגענדיג וועגען דעם די מיינונג פון א בעריהמטען אנאטאָם — דער מעניש שטעהט, דורך דעם אנאטאָמי־שען כאראקטער פון זיין געהירן, פיעל נעהענטער צו די מענשען־אר־טיגע־אפפען, איידער די דאָזיגע אפפען שטעהען ניט נור צו די ניד־ריגערע זויג־טהיערען, נור אפילו צו די נידריגערע פאמיליען פון די אפפען אליין" .

דער פאקט, וויעדער, וואָס דער מענש קען זיך אננעהמען פון די נידריגערע טהיערען און קען זיי איבערגעבען געוויסע קראנקהייטען, בעווייזט די גרויסע עהנליכקייט פון זייערע געוועבען און זייער בלוט פיעל דייטליכער, איידער מען קען דאָס זעהען מיט די אויגען, אָדער אפילו מיט א מיקראָסקאָפ. אפפען ווי מענשען ליידען פון קאטאר, קריגען אפאָפּלעקסיע, געדערים־אנצינדונג, קאטאראקט אין די אויגען (די ליכטיגע שטאָר) ; זייערע קינדער קריגען אָפט מאָל פיעבער בעת זיי שניידען די ערשטע ציינער ; מעדיצינען האָבען אויף זיי די זעלבע ווירקונג ווי אויף מענשען. פיעלע אפפען זעהר ליעב טהעע, קאפע און בראנפען, און דארווין האָט אליין געזעהען, ווי זיי רויכערען טאבאק מיט גרויס פערגעניגען.

„דער גאנצער פראָצעס פון דער העכסט וויכטיגער פונקציע, די פאָרטפלאנצונג פון דעם מין — שרייבט דארווין, — איז מערקווירדיג גלייך ביי אלע זויג־טהיערען : פון דעם ערשטען אקט אָן, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם שדכנ'ען זיך פון זכר, ביז צו דעם געבורט

פיגור 28. סקעלעטען פון אפפען און פון א מענשען.




H— אַ היבאָן ; O—אַן אראנגראטאַנג ; S— אַ שומפּאַנזע ; G— אַ גאָריללאַ ; M— אַ מענש ;

„אזוי ווי מיר זיינען גליקליכערהווייזע פריי פון יעדען ווירקליכען אדער איינגערעדטען פערזענליכען אינטערעס אין די רעזולטאטען פון דער אונטערזוכונג, וועלען מיר נעהמען וועגען די ארגומענטען דאפיר און דאגעגען מיט דער זעלביגער ריכטערליכער רוהיגקייט, אקוראט ווי ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ נייעם סאָרט אָפּאָסום. מיר וועלען זוכען פעסטצושטעלען אָהן שום פּניות אַלע כאַראַקטער־שטריכען, מיט וועלכע אונזער נייער זויג־טהיער אונטערשיידט זיך פון די אַפּען; און אויב עס וועט זיך ארויסשטעלען, אז אָט די חלוקים האָבען אַ קנאַפּערן סטרוקטור־ווערטה איידער די חלוקים, וואָס געפינען זיך צווישען אייניגע מיטגליעדער פון דעם אַפּען־אָרדער און אַנדערע, וועלכע ווערען ביי אַלעמען אריינגערעכענט אין דעם זעלבען אָרדער, וועלען מיר אָהן שום ספק מוזען אריינשטעלען אויך אָט דעם נייענ מין אין איין אָרדער מיט זיי“.

מיר קענען דאָ ניט אריינגעהן אין קיין גענויע בעשרייבונג פון דעם גליעדער־געבוי פון די העכער־ענטוויקעלטע אַפּען און פערגלייכען זייער אַנאַטאָמיע מיט דער אַנאַטאָמיע פון מענשען. עס איז גענו פאַר אונזער צוועק א בליק צו טהאָן אויף די סקעלעטען פון א שינ פאַנזיע אדער א גאָרילא, זייט ביי זייט מיט דעם סקעלעט פון א מענ שען, צו קענען אויפ׳ן שטעל איינזעהן, אז זיי זיינען נאָהענטע קרו בים. עס פערשטעהט זיך, עס זיינען פאַראַן חלוקים צווישען זיי. דער גראָבער פינגער פון פוס איז ביי דער אַפּע געבויט אויף דעם זעלבען פלאַן ווי דער גראָבער פינגער פון האַנד. מען רופט טאַקע דערפאַר די אַפּען די פיערהענדיגע (קוואדרומאַנאַ). די פאָרם פון קאָפּ, די גרויס פון די קיהן־באַקען, די האָריגקייט פון קערפּער זיינען אַלין פונקטען, אין וועלכע דער מענש אונטערשיידט זיך פון די העכ־סטע אַפּען. אבער ערשטענס, איז דאָ ניט די פראַגע צי עס זיינען פאַראַן וועלכע עס איז חלוקים; די פראַגע איז, ווי גרויס זיינען די חלוקים? ווען עס וואָלטען גאָר קיין חלוקים ניט געווען צווישען זיי, וואָלטען זיי אָדער געווען אַלע אַפּען, אָדער אַלע מענשען.

א חוץ דעם געפינען מיר, אז די חלוקים אין דעם געבוי פון קאָפּ צ. ב., ביי די פערשיעדענע ראַסען פון דער מענשען־פאַמיליע גופא זיינען אויך גאנץ היבשע; און וואָס געהערט צום גראָבען פינגער פון פוס, איז בעקאַנט, אז ביי יונגע קינדער שטעהט אויך אב א היב־



טאָמאַס־הענרי האקסלי (1825—1895)

מענש אזוי פערשיעדען פון יעדערער פון אָט די אַפּפען, אז ער מוז געהערן צו אַ בעזונדער אָרדער פאַר זיך? אָדער ער אונטערשיידעט זיך פון זיי ווענינער, איידער זיי אונטערשיעדען זיך איינע פון די אַנדערע, און דעריבער איז זיין פּלאַץ אין איין אָרדער מיט זיי?"

צ. ב. ש., די באַבונס; 4) די מענשען־עהנליכע אַפּפּען, גיבאָן, אראַנג, שימפּאַנזיע און גאָרילאָ; און די 5טע פאַמיליע — יאָ, לויט אַלע סמנים און קלאַסיפיקאַציעס, דאַרף אָט דעם פּלאַץ פערנעהמען אָט די חיה, וועמעס אָבשטאַמונג איז די טהעמא פון אונזער פּאָרטראַג און וועלכע טראָגט דעם מליצה׳דיגען נאָמען: „אַ צוויי פיסיגע, אָהן פעדערען, מיט אַ פעררייסענעם קאָפּ“. אָבער אַפריהער לאָמיר הערען, וואָס אונפּאַרטייאישע זאָאָלאָגען וואָלטען געזאָגט וועגען איהר, און איך וועל אייך דעריבער איבערגעבען אַ פּאָרטרעפליכע שטיקעל פאַנטאַזיע פון דעם גרויסען זאָאָלאָג און דענקער, טאָמאַס האַקסלי.

ער שרייבט אַזוי: — „לאָמיר אַ ווײַלע פּרובירען אַראָבוואַרפען פון זיך אונזער מענשליכע מאַסקע און זיך פּאָרשטעלען, אַז מיר זיינען וויסענשאַפטליכע נאַטור־פּאָרשער פון דעם שטערן סאַטורן, אויב איהר ווילט. מאָלט אייך, אַז מיר זיינען גאַנץ גוט בעקאַנט מיט די חיות און אַלערליי ברואים, וואָס בעוואָהנען די פּלאַנעטע „ערד“, און מיר זוכען איצטער אויסצוגעפינען, אין וואָס פאַר אַ שייכות ס׳שטעהט צו די דאָזיגע חיות פון דער ערד אַ נייער און מאָדנער „צוויי פיסיגער אָהן פעדערען“, וועלכען אַ בריה אַ רייזענדער האָט מיט גרויסע שוועריגקייטען און אָנשטרענגונגען געבראַכט פון דער דאָזיגער ווייטער פּלאַנעטע פאַר אונז צו בעטראַכטען — אָן איינגעמאַרינירטען, לאָמיר זאָגען, אין אַ פעסעל בראַנפען. די ערשטע זאַך וואָלטען מיר אַלע איינגעשטימט, אַז ער געהערט צו די רוקען־ביינינגע זויג־טיערען; און בעטראַכטענדיג זיין אונטערשטען קיהן־באַק, זיינע באַק־צייהן און זיין געהירן, וואָלט ביי אונז קיין ספק ניט געווען, אַז אָט דער נייער מין געהערט צו יענע זויג־טהיערען, וועלכע ערנעהרען זייערע קינדער אין בויך דורך אַ פּלאַצענטאַ. אויבער־פלעכליך אונטערזוכענדיג איהם ווייטער, וואָלטען מיר זיך גלייך איבערצייגט, אַז פון אַלע אָרדערס פון פּלאַצענטאַלע זויג־טהיערען קענען ניט די וואַלפיש, ניט די קלויען־פיסיגע בהמות, ניט די קעץ און הינד, און אודאי ניט די ראַצען אָדער די פלעדערמייז רעכענען אונזער האָמאָ אַלס איינעם פון זייערע.

עס וואָלט דאַן געבליעבען נור נאָך איין אָרדער, מיט וועמען איהם צו פערגלייכען, און דאָס איז מיט די אַפּפּען; און די פראַגע וואָס מיר וואָלטען געדאַרפט פערהאַנדלען, וואָלט געווען אָט די: איז דער

— אַ קראָליק, צ. ב. ש. מיר האָבען אָבער אין אויג אַן אַנדער חיה — זאָל דער נאָמען דערווייל בלייבען אַ סוד — פאַר וועלכער מיר זוכען אַ פלאַץ אין דער וועלט פון לעבעדיגע ברואים, און מיר כאַפּען זיך, אַז אָט די בעשרייבונג פּאַסט זיך איהר אַקוראַט, פּונקט פאר פּונקט, ווי עס קען גאָר בעסער ניט געבען. נישט מעהר די מאָס איז איהר ניט אַקוראַט: דאָ איז אַ ביין צו־לאַנג, דאָ אפשר צו־קורץ, דער מאַרך צו־קליין, עס פעהלט אַ קנייטש, עס ציהט אַ ביסעל אין שטאָן, א. ז. וו. מיר וועלען הפּנים מוזען געהען העכער, נעהמען אַ פּאַסיגערען „סייז“; אָבער פון דעם „סטייל“ קענען מיר ניט אַוועקגעהן: מיר מוזען לאָגיש האַלטען אַז אונזער חיה, וועלכע האָט אַקוראַט די אייגענע אָרגאַנען, וואָס זיינען געבויט אויפ’ן זעלביגען שטייגער און וואָס פערריכטען דיזעלביגע פונקציאָנען, ווי אַלע זויג־טהיערען, מוז אונבעדינגט אויך זיין אַ זויג־טהיער. מיר דאַרפען, פערשטעהט זיך, ניט פערגעסען, אַז דער קלאַס זויג־טהיערען איז אַ גאַנץ גרויסער און, ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט, זיינען די עהנליכקייטען ניט אַזוי נאָהענט אין אַ גרויסען קלאַס, ווי זיי זיינען אין אַ קלענערע גרופּע. צעהן אָרדערס זיינען פאַראַן אין דעם קלאַס; מיר וועלען נאָר געבען די נעמען: 1) די פויל־טהיערען, מעהרסטענס נאַכט־חיות, וואָס לעבען אויף בוימער; 2) די ים־קיה; 3) קלויען־פיסיגע פיה, שאָף און בהמות, הירשען, פערד, עלעפאַנטען און אַנדערע; 4) די וואַל־פיש און דאָלפינען; 5) די גריזונעס, ווי קראָליקעס, מייז און ראַצען; 6) די פלייש־עסער, הינט, קעץ, וועלף, לייבען, טיגערען און די איבעריגע; 7) די אינזעקטען־עסער, ווי אַ יאָזש און אַ קראָט; 8) די פלעדערמייז; 9) די לעמורען, אַזוינע חיה’לעך, וואָס זיינען עהנליך צו אַפּען; און 10) די אַפּען.

יעדער אָרדער, ווי מיר ווייסען, האָט איינציגע פאַמיליען און יעדע פאַמיליע האָט איינציגע גאַטונגען און מינים. (גאָט’ס זווערינעץ איז אַ גרויסער!) לאָמיר נור נעהמען דעם לעצטען אָרדער, די אַפּען; זיי האָבען אַליין 5 פאַמיליען: 1) די מאַרמאָזעטס, די קלענסטע אַפּען מיט לאַנגע עקען, וואָס זעהען אויס ווי וועווערקעס און געפינען זיך דערהויפּט אין בראַזיליען; 2) די אַמעריקאַנער אַפּען מיט די פלאַציגע נעזער; 3) די הונד־עהנליכע אַפּען,

וואָס געהען צו די מוסקולען און זיינען פעראייניגט מיט דעם סימפּאַטעטיק סיסטעם פאַר די אינוועניגסטע אָרגאַנען.

דריטענס, דער פ ע ר ד י י ה ו נ ג ס ־ ס י ס ט ע ם. אַ מויל מיט צייהן, שפּייכעל־דריזען, מיט אַ גומען און אַ צונג, מיט אַ שלינג־דעקעל (עפּיגלאָטיס) גאָר ווי ביי ריכטיגע חיות; עס פיהרט די שפּייז דורכ׳ן ווטט צום מאָגען; פון מאָגען אין די געדערים, וועלכע בעשטעהען פון דריי טיילען: ביים ענד פון צווייטען און אָנפאַנג פון דריטען טייל — דער אפּענדיקס, דער דריטער טייל ענדיגט זיך אין דעם אונטערשטען דאַרם (רעקטום). אין בויך געפינען זיך די בעקאַנטע אָרגאַנען: די לעבער, מילץ, בויך־שפּייכעלדריזע (פּאנקרעאס), די גאַל־בלאז.

פיערטענס, דער סיסטעם פון ב ל ו ט ־ צ י ר ק ו ל אַ צ י אָ ן. אַ האַרץ מיט 4 קעמערלעך, וואָס קריגט אריין דאָס בלוט פון קערפּער דורך צוויי גרויסע וועגען אין אויבערשטען רעכטען קעמעריל, פון דאָרט אין אונטערשטען רעכטען קעמעריל, פון וואַנען עס ווערט געטריבען דורך די לונגען אָנצוזאַפּען זיך מיט זויערשטאָף און אָבגעבען דאָס קאָהלען־זויערע. פון די לונגען קומט דאָס בלוט אין אויבערשטען לינקען קעמעריל און פון דאָרט אין אונטערשטען לונגען קעמעריל, פון וואַנען עס ווערט ארויסגעשיקט דורך דעם גרעסטען בלוט־אָדער, די אַאָרטאַ, צו אַלע טיילען פון קערפּער.

פינפטענס, דאָס א ט ה ע מ ע ן געהט אָן דורך א פּאָאר לונגען, וואָס פילען אוים דעם ברוסטקאַסטען. אין די לונגען קומען אריין די לופט־רעהרען, וואָס פאַנגען זיך אָן פון קנה אָדער לאַרינקעס.

זעקסטענס, דאָס בלוט ווערט אויך גערייניגט דורך די ניערען, וועלכע ליעגען אין זייער ריכטיגען פּלאַץ ביי די זייטען פון רוקען־ביין אונטען. דאָס וואַסער מיט פערשיעדענע אָבפאַל־פּראָדוקטען, וואָס זיי ציהען אָב פון בלוט רינט אריין דורך צוויי רעהרען אין וואַסערבלאָז, פון וואַנען עס קומט ארויס אין געוועהנליכען וועג.

זיבעטענס, די אָרגאַנען פון רעפּראָדוקציאָן: מענליך און ווייבליך. די געשלעכטער האָבען אַלע אָרגאַנען וואָס געפינען זיך ביי די העכסטע חיות. דאָס קינד ווערט ערנעהרט דורך א פּלאצענטא אין געבעהרמוטער, און נאָכ׳ן געבורט זויגט עס די מילך פון זיין מוטער.

דאָס איז אין קורצען אַ רשימה פון די אָרגאַנען פון אַ זויג־טהיער

קינדער. און ווען, למשל, א זאאלאג וואלט ענטדעקט א נייעם מין חיה, וואס איז ניט מעהר פערשיידען פון דעם קאנגארו און דעם אפאסום, איידער זיי ביידע זיינען פערשיידען איינער פון אנדערען, וואלט ער לאגיש געוועזען געצוואונגען אריינצושטעלען די ניי־ענטדעקטע חיה אין איין ארדער מיט זיי.

* * *

לאמיר זיך דא אבשטעלען א ווילע ביי דעם קלאס זויג־טהיערען, אזוי ווי אט דער סארט חיה אינטערעסירט אונז אם מייסטען, און אנצייכענען די הויפט־שטריכען פון דעם געבוי פון א זויג־טהיער. מיר וועלען נעהמען אלס א טיפ פון דעם קלאס אזא אומשולדיגע בריאה ווי א קראליק אדער א האז.

איהר ווייסט אלע ווי דאס האזיגע חיה'לע זעהט אויס: לאמיר זעהן ווי עס איז געבויט. ערשטענס, די ראהם פון זיין בנין, דער ס ק ע ל ע ט. עס האט א ביינערנעם רוקען צוזאמענגעשטעלט פון בעזונדערע ביינדלעך (ווערטעבראַ), וועלכע מאכען צוזאמען איין חלל פאר'ן חוט השדרה, און זיינען געשלאסען מיט די ביינער פון קאפ. פון מיטען רוקען קומען ארויס די ריפען, וועלכע שטעלען צונויף דעם ברוסטקאסטען; צום סוף רוקען זיינען בעהעפט די ביינער, וועלכע מאכען דעם בעקען. דער האלז־ביין און שולטער־ביין מאכט א שלאס מיט'ן ארעם־ביין, וועלכער שליסט זיך ביים עלענבויגען מיט צוויי לאנגע ביינער (ראדיוס און אולנא) און די שליסען זיך מיט 9 קליינע ביינער צו מאכען דעם געלענק פון דער האנד, אדער ריכטיגער פון די פאדערשטע פיס. דאס גלייכען דער שלאס פון בעקען מיט דעם לאנגען היפט־ביין, וועלכער שליסט זיך ביי זיין אונטערשטען עק מיט צוויי לאנגע ביינער (טיביא און פיבולא) צו מאכען די קניע. די ענדען פון די צוויי ביינער שליסען זיך מיט איניגע קליינע ביינדלעך צו מאכען דעם ענקעל פון די פיס.

צווייטענס, דער נ ע ר װ ע ן ־ ס י ס ט ע ם. די געהירן האבען די געוועהנליכע פינף טיילען: די פאדערשטע געהירן (צערעברום), דעם הינטערשטען (צערעבעלום), די מיטעלסטע טיילען (אפטיק טאלאמי און אפטיק לאב) און דער טייל וואס געהט אין איין שטיק צום רוקען־מארך (מעדולא אבלאנגאטא). פון געהירן קומען ארויס 12 פאר נערוועז; פון רוקען־מארך קומען ארויס די געוועהנליכע רוקען־נערווען,

אפילו ניט בעריהרט ווערען אין אַ קורצען פאָרטראג אויף אונזער היינ־טיגער טהעמא. אונזער זאך דאָ איז נור אָנצומערקען די פערשיידענע פראָגרעסיווע שטופען פון דער ענטוויקלונג פון די לעבעדיגע ברואים און קאָנסטאַטירען דעם פאַקט, אַז יעדער קלאַס האָט זיינע כאַראַקטע־ריסטישע אנאַטאָמישע סמנים.

ווען מיר זעהען אַ וועלכע עס איז חיה און ווילען וויסען צו וועלכען קלאַס זי געהערט, מוזען מיר אונטערזוכען איהר אַנאַטאָמישען געבוי און אויסגעפינען, צי זי איז עהנליך צו וועלכער עס איז פון די אַנדערע חיות, וואָס מיר ווייסען שוין צו וועלכען קלאַס זיי געהערען. אויף וויפיעל זי איז עהנליך צו געוויסע אַנדערע חיות, אויף אזוי פיעל זיינען מיר בערעכטיגט איהר אַריינצורעכענען אין איין קלאַס מיט זיי. עס פערשטעהט זיך, אין גאָר גרויסע גרופען קען די עהנליכקייט ניט זיין אזא גענויע ווי אין קליינע, נאָהענטע גרופען. א פיש און אַ פויגעל, צ. ב., געהערען ביידע צו די ווערטעבראטא — אָבער וואָס פאַר א ווייטער מהלך עס איז צווישען די ביידע ברואים! א יאשצערקע און אַ שלאַנג זיינען ביידע רעפטיליא, געהער־ען צו איין פאמיליע — געפינען מיר זעהר אַ נאָהענטע עהנליכקייט צווישען זיי. דאָס אייגענע אויך צווישען די מאַמאַליא (זויג־טהיערע): א הונד און א גאָרילא זיינען ביידע זויגטיערען; זיי געהערען אָבער צו אַנדערע אָרדערס, זיינען די חלוקים צווישען זיי גאַנץ היבשע, פיעל מעהר ווי, צ. ב. ש., צווישען דעם זעלביגען גאָרילא און אן אָראַנג, וועלכע געהערען ביידע צו איין פאַמיליע — די סימיאַנס, אָדער מענשענעהנליכע אַפּען.

די עהנליכקייט צווישען געוויסע חיות, וואָס זאָל אונז בערעכטיגען זיי אריינצושטעלען אין איין גרופע, מוז זיין אַזאַ, וואָס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאר דער דאָזיגער גרופע. זיי מעגען אפילו ניט זיין עהנליך אין אלע פרטים און מעגען אויסערליך אויסזעהן גאָר פערשיעדען, ווי צ. ב. ש., אַ וואַלפיש און א קוה, דאָך אַזוי ווי זיי ביידע טראָגען אויס זייערע קינדער אין מוטערלייב און זויגען זיי נאָכ'ן געבורט, זיינען זיי ביידע זויג־טהיערען, נור פון בעזונדער־ע אָרדערס. דער הויכער קאַנגאַרו מיט די לאַנגע הינטערשטע פיס און הויכע אויסגעצויגענע האַלז געהערט אין איין אָרדער מיט דער קליינער חיה'לע, דעם אָפּאָסום, וואָס זעהט אויס ווי אַ האָז, ווייל זיי ביידע האָבען אזא וויכטיגע עהנליכקייט, ווי די בייטעל אויפ'ן בויך, אין וועלכער זיי ענדיגען אויסטראָגען זייערע

וואַסער און געפינען זיך אלס פאָסיליען אין די געאָלאָגישע שיכטען פון דער לעצטער פעריאָדע אין דער פרימאַרער עפּאָכע.

א ווייטערער קלאַס, אַ ר ט י ק ו ל אַ ט אַ, וואָס שליסט איין די אינזעקטען, ווערים און וואסער־חיות, ווי דער לאבסטער, האָט בע־העפטע קערפּער־טיילען, אַ האַרץ ווי אַ רעהרעל פון הינטען און אַ חוט השדרה פון פאָרענט. די אינזעקטען, ספּעציעל די מוראַשקעס, בעוויי־זען אין איינינע הינזיכטען אַ וואונדערבאַרע ענטוויקלונג פון נערוועו־סיסטעם. ערנסט העקעל רעכענט זיי פאר א בעזונדער אָבצווייגונג פון דעם קלאַס, וועלכער איז פאָלקאָם אין זיך און האָט ניט געפיהרט צו קיין ווייטערער ענטוויקלונג.

דער נעקסטער גרויסער שטאַפּעל אויפ'ן לייטער פון ענטוויקלונג איז געוועזן די אויסארבייטונג פון דער גרויסער אונטערקעניגרייך ו ע ר ט ע ב ר אַ ט אַ, די רוקענביינינע. די כאַראַקטער־שטריכען פון דער גרויסער אָבטיילונג זיינען, חיות וואָס האָבען א געשלאָסענעם סקעלעט אין קערפּער, אַ חוט השדרה פון הינטען אין רוקען, בעשיצט אין דעם קאַנאַל פון רוקען־ביין, א פערדייהונגס־סיסטעם אין חלל פון קערפּער, אַ פאָלשטענדיגע בלוט־צירקולאַציאָן און ניט מעהר ווי פיער ענד־גליעדער. די ערשטע דריי קלאַסען זיינען קאַלט־בלוטיגע ברואים: די פ י ש מיט זשאַברעס צום אָטהעמען און אַ האַרץ וואָס בעשטעהט פון צוויי קעמערלאַך; די אַ מ פ י ב י א, וואָס קענען לעבען אי אין וואסער, אי אויף דער יבשה, האָבען דעריבער צוערשט זשאַברעס און שפּעטער ריכטיגע לונגען, און זייער האַרץ האָט שוין דריי קעמערלאַך; און די רעפּטיליא, ערד־קריכער, וואָס אָטהעמען נור דורך לונגען און האָבען א העכער־ענטוויקעלטען נערוועו־סיסטעם. אין די געאָלאָגישע שיכטען געפינט מען די פיש אין דער צווייטער פעריאָדע, די אמפיביא אין דער פיערטער פעריאָדע פון דער פרימאַרער עפּאָכע און די רעפּטיליא גאָר אַ צייט שפּעטער, אין דער ערשטער פעריאָדע פון דער סעקונדאַרער עפּאָכע.

* * *

אין אָט דעם קורצען איבערבליק פון די גרויסע קלאַסען חיות האָ־בען מיר זיך ניט געקאָנט אָבשטעלען אויף אַ גענויערע בעשרייבונג פון דעם אנאטאָמישען געבוי פון די מיטגליעדער פון יעדען קלאַס. דאָס איז אַ גרויסער שטודיום, וואָס געהערט צום ענין זאָאָלאָגיע, און קען


פון זיי לעבען אין וואסער און די וואָס געפינען זיך אין דער טיעף, האָבען געוועהנליך שאָלען פון צונויפגעקלעפּטען זאַמד. זיי זינקען אַרונטער צום גרונד און זייערע שאָלען לעגען זיך אָן אין שיכטען פון קרייד. אָט די קרייד־לאַגערן בעשטעהען פון די פאָסילען פון געוויסע מינים פּראָטאָזאָאַ און מען געפינט זיי צוערשט אין די ערשטע (קאַמבריאַן) פעריאָדען פון דער פּרימאַר־ער עפּאָכע. ביי די איינצעלליגע ברואים געפינט מען דעם אָנהויב פון געשלעכט, פון רעפּראָדוצירען דעם מין דורך בעפרוכטונג און דעם איבערגאַנג צו פיעל־צעלליגע אָרגאַניזמען דורך אַ ניט־אָרגאַניזירטע פעראייניגונג פון אַ גרויסער צאָהל איינצעלליגע אין גרופּען אָדער קאָלאָניען, ווי צ. ב. ש., די שוואַמען (ספּאָנדזשעס), וועלכע שטעהען אויפ'ן גרעניץ צווישען די העכסטע איינ־צעלליגע און די נידעריגסטע פיעל־צעלליגע חיות.

אַלע איבעריגע לעבעדיגע בעשעפּעניסען פון דער וועלט בעשטעהען פון מעהר־ערע צעלען (מעטאַזאָאַ), וועלכע זיינען אָרגאַניזירט אינאיינעם פון בעזונדערע גליעדער צו פערריכטען מעהרערע פונקציאָנען. די גאַנצע קעניגרייך פון אָט די לעבעדיגע ברואים ווערט איינגעטיילט אין צוויי אונטער־קעניגרייכען, יעדע אונטערקעניגרייך איז איינגעטיילט אין קלאַסען, יעדער קלאַס אין קלענער־ע גרופּען, וועלכע הייסען אָרדערס; אַן אָרדער איז איינגעטיילט אין פאַמיליען און גאַטונגען און די ווידער אין אַ לעצטער זאָאָלאָגישער גרופּע פון מינים אָדער ספּעציעס.

די ערשטע אונטערקעניגרייך פון די ניט־רוקענבייניגע חיות איז איינגעטיילט אין פיער קלאַסען, וועלכע ציינען ארוים אַלע העכערע שטאַפּלען פון ענטוויקלונג. דער קלאַס ק ע ל ע נ ט ע ר א ט א בעשטעהט מעהרסטענטיילס פון חיה'לעך וואָס האָבען אַ דאָפּעל־רייה צעלען, אויסגעהעלט אין מיטען ווי אַ זעקעל, מיט טאָפּ־הערנערלעך און שטעכעדיגע פעדים־צעלען אויף דער אויבערפלעך. (הידראַ, מעדוזאַ, קאראלען). דער נעכסטער קלאַס ע ק י נ א ד ע ר מ א ט א האָט שוין אַ שפּייז־קאַנאַל און אַן איינפאַכיגען נערוועז סיסטעם. (סטאַרפיש, סי אורטשינס). דאַן קומט דער גרויסער קלאַס מ אָ ל ו ס ק א (אָיסטערס, שנעקען, קוטלפיש), וואָס זיינע מיטגליעדער האָבען שוין אַן אָרגאַן צום אָטהעמען און אַן אָנהויב פון אַ האַרץ צו טרייבען דאָס בלוט, ווי אויך אַן אָנהויב פון נערוו־צענטרען. די אַלע לעבען אין

לאָמיר נעהמען אַ שנעלען איבערבליק איבער דעם לייטער פון דער ענטוויקלונג פון די פערשיידענע זאָאָלאָגישע גרופען און אָנצייגען די געאָלאָגישע פעריאָדע, אין וועלכער זיי זיינען צוערשט ערשיענען.

די גאָר ערשטע און איינפאכסטע פאָרמען פון טהיערען־לעבען זיינען ברעקלעך פראָטאָפּלאַזמע, קוים מיט'ן אויג צו דערזעהען, וועלכע מען רופט אָן פראָטאָזאָאַ, די ערשטע חיות. דער טיפּ פון אַזאַ חיה איז די אַ מ ע ב א, וואָס האָט קיין ברעקיל אָרגאַניזאַציע ניט פון גליעדער, נאָר איז אַן איינפאך, פּשוט שטיקעל שטאָף, וואָס לעבט און מעהר גאָר נישט. לעבען מיינט אָבער לכל הפּחות צוויי זאכען: עסען און זיך רעפּראָדוצירען; און כדי צו בעקומען עסען, מוז עס האָבען די פעהיגקייט צו קענען זיך בעוועגען, ווי אויך אַ געוויסע עמפּפינדליכקייט צו קענען אונטערשיידען, וואָס איז גוט צו עסען און וואָס ניט. די אמעבא האָט אָט די עלעמענטאַרע אייגענשאַפטען און קומט דורך מיט



פיגור 27. אַמעבען (פיעל פערגרעסערט)..

זיי איהר קליין בעגרעניצט וועלטיל. איהר מעטאָדע פון פאָרטפּלאַנצען איהר מין איז אויך די איינפאכסטע וואָס קען געבען: זי נעהמט און צוטיילט זיך אויף העלפט, און אָנשטאָט איין אמעבא ווערט צוויי. איינינגע פון אָט די איינפאכע, איינ־צעלליגע אָרגאַניזמען בעווייזען זאָגאַר א סימן פון ענטוויקלונג, ווי צ. ב. ש., די א י נ פ ו ז אָ ר י א, וועלכע קריגען דינע הערעלאך אויף זייער קערפּעריל, אַנדערע גאַנץ לאַנגע אפילו, וועלכע העלפען זיי ארומצושווימען אין וואסער און יאָגען זיך נאָך זייער רויב. זיי זיינען אונבעדייטענד, אָבער פאָלשטענדיג אין זיך אליין, און מען קען זאָגען, אויך אונשטערבליך, וואָרים זיי געהען איבער אין גאנצען אין זייערע קינדער.

די זאָאָלאָגיע רעכענט אויס פיער הויפּט־קלאַסען איינ־צעלליגע ברואים און א היבשע צאָהל מינים אין יעדען קלאַס. אַ גרויסער טייל



פיגור 26. דער פלעזיאָזאַור (אַ גיגאַנטישער לאַנג־פערשוואונדענער ים־רעפּטיל).

עס איז דאָ ניט אונזער אויפגאַבע צו דערקלערען די אורזאכען, וועלכע האָבען ארויסגערופען די דאָזיגע פראָגרעסיווע ענטוויקלונג*). די געזעצען פון וואַריאציאָן און פערערבונג, די פאַקטאָרען פון קאַמפף אומס דאזיין און נאַטירליכען צוכטוואהל, ווי זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרען פון דארווין און זיינע נאָכפאָלגער, זיינען היינטיגע צייטען די אַלגעמיין־אָנגענומענע ערקלערונג. מיר נעהמען די פאַקטען פון דער ערשיינונג פון די מינים, ווי די וויסענשאַפט האָט זיי פעסטגעשטעלט, און די פאקטען בעווייזען צוויי וויכטיגע פונקטען: ערשטענס, אז אין די גאָר אַלטע פעריאָדען פון דער ערד געפינען זיך נאָך ניט קיין שפורען פון א סך ברואים, וואָס מיר זעהען היינט; און, צווייטענס, אז די שפעטער צוגעקומענע ברואים זיינען די מעהר קאָמפליצירטע, וועלכע זיינען געבויט פיעלפאַכיגער, אָבער אַלץ אויף דעמזעלביגען פונדאַמענטאַלען פלאַן ווי די פריהערדיגע איינפאכערע מינים.

*) זעה וועגען דעם די פאָרלעזונג איבער די „ענטשטעהונג פון מינים“.

וועלט. ווי אזוי איז געקומען דערצו עס זאָל זיין אַ וואָרים, אַ זומערפויגעלע, אַ פיש, אַ זשאַבע און אַנדערע בעשעפעניסען? אויב ניט קיין יצירה פרטית, ווי דער חומש דערצעהלט, מוזען מיר אָנקומען צו דער סברא, אַז זיי האָבען זיך ארויסגעארבייט פון פריהערדיגע איינפאַכע בעשעפעניסען און האָבען אליין געגעבען די געלעגענהייט פאר העכערע בעשעפעניסען ארויסצואַרבייטען זיך פון זיי. אָט דאָס רופען מיר אָן *פראָגרעסיווע* ענטוויקלונג: די ענטוויקלונג פון לעבען, וואָס ברענגט ארויס אלץ מעהר פאָרטגעשריטענע ברואים, אלץ מעהר פראָגרעסיווע אין דעם זין פון זייער געבוי און פעהיגקייט צוצופאַסען זיך צו די אומשטענדען.

די מיליאָנען מינים, וואָס מיר געפינען אויף דער ערד — און דער מין מענש אויך אריינגערעכענט אין כלל — זיינען ניט אַלע פון איין עלטער. עס איז געווען אַ צייט, ווען געוויסע מינים האָבען שוין עקזיסטירט און אַנדערע מינים נאָך ניט. און דער קלאָרסטער בעווייז פאר דער לעהרע פון פראָגרעסיווער ענטוויקלונג איז דער פאקט, וואָס די עלטערע זיינען אַקוראַט די איינפאַכע, און די אינגערע, די וואָס האָבען זיך בעוויזען אויף דער ערד שפעטער, זיינען די פיעלפאַכערע, די מעהר קאָמפּליצירטע, די העכערע. עס פערשטעהט זיך, די לעבענס־געשיכטע פון די מינים איז מיליאָנען יאָהרען אַלט; די ערד, די מוטער פון זיי אַלעמען, איז אָבער מיליאָנען יאָהרען נאָך עלטער און זי האָט שטענדיג געפיהרט אַ כראָנאָלאָגיע פון איהרע לאַנגע פעריאָדען. די ברואים, וואָס זיינען ארומגעקראָכען אויף איהר רוקען, האָבען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען און געשטאָרבען; זייער געביין איז אָבער געבליבען און מיט דער צייט אזוי פיעל פערשטאָטען געוואָרען, אַז איינינגע פון זיי ליעגען איצטער טויזענדער פוס טיעף אין די געדערים פון דער ערד. מיר דערקענען די פערשיידענע שיכטען פון דער ערד לויט געוויסע סמנים און בעצייכענען יעדע געאָלאָגישע פעריאָדע מיט אַ בעשטימטען נאָמען. ווען מיר גראָבען אין דער טיעפעניש פון דער ערד און גרייכען אַ געוויסען שיכט, ווייסען מיר צו וועלכער פעריאָדע זי געהערט; און ווען מיר געפינען דאָרט געוויסע גרופען ברואים, קענען מיר אויף דעם אופן זאָגען צו וועלכען צייט־אַלטער זיי געהערען. אָט אַזוי לערנען מיר איינאיינעם מיט דער כראָנאָלאָגיע פון דער ערד אויף די כראָנאָלאָגיע פון די מיליאָנען מינים ברואים.

אונזער עסק איז צו בעהאַנדלען בלויז איין צווייג פון אָט דער אַלגעמיינער מענשען־וויסענשאַפט — זיין גענעאַלאָגיע, די לעהרע פון זיין אָבשטאַמונג. מיר ווילען וויסען דעם מענשען׳ס יחוס: פון וואַנען ער האָט זיך גענומען אויף דער וועלט, פון וועלכער משפחה ער שטאַמט און ווער זיינע זיינען נאָהענטע קרובים.

* * *

אויף דער פראַגע: פון וואַנען דער מענש האָט זיך גענומען אויף דער וועלט, איז היינטיגע צייטען פאַראַן נור איין ענטפער: ער האָט זיך ענטוויקעלט פון נידעריגערע און איינפאַכערע לעבעדיגע בעשעפעניסען. דער מענש איז ניט קיין אויסנאַהמע פון דעם גרויסען כלל, אז די גאַנצע בעלעבטע וועלט, פון וועלכער מיר האָבען אַ וויסענשאַפטליכען בעגריף, איז אַ רעזולטאַט פון אַ פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג. עס זיינען פאַראַן אריבער צוויי מיליאָן מינים ברואים אויף דער וועלט, וועלכע ענטהאַלטען אונצעהליגע מיליארדען איינצעלנע בעשעפעניסען. די אַלע מיליאָנען האָבען ניט נור זיך ענטוויקעלט, נור זיי פערדאַנקען זייער עקזיסטענץ דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג. יעדע בריאה ענטוויקעלט זיך אין דעם זין וואָס עס וואַקסט און ענדערט זיך אויף די פערשיעדענע שטופען פון איהר וואַקסען. זי פאַנגט אָן איהר לעבען אונטער א פערשיידענער און איינפאַכערער פאָרם. איידער די פאָרם וואָס זי דערגרייכט בעת זי איז פאָלקאָמען אויסגעוואַקסען. מיר געפינען א גוטען ביישפּיעל פון איינפאַכער ענטוויקלונג אין די מעטאַמאָרפאָזען פון דעם שמעטערלינג. פון א קליין אייעלע וואַקסט אויס א מאַטיל־וואָרים (א קאַטערפּילאַר); דער וואָרים לעבט און וואַקסט א געוויסע צייט, ביז ער ווערט אנטשלאָפען און ארומגעוועבט מיט א שטייפען צודעק, וואָס זעהט אויס ווי א צונויפגעדרעהט, פערוויאַנעט בלעטיל פון א בוים. ער ליגט אזוי אונבעוועגליך, דאַכט זיך, טויט, אַ גאַנץ ווינטער, ביז עס שפּרינגט ארויס אין פריהלינג פון דעם דאָזיגען צעוויאַנעט בלעטיל אַ וואונדערליך שעהן־קאָלירטער שמעטערלינג.

אָט די ענטוויקלונג אַליין ערקלערט נאָך אָבער ניט פון וואַנען דער שמעטערלינג, אָדער אַנאַנדער בעשעפענים האָט זיך גענומען אויף דער

אין דער נאַטור און אויסגעפינען די שייכות, אין וועלכער ער שטעהט צו אַלע איבעריגע ברואים און זאכען אויף דער וועלט.

מיר האַלטען, אז דער מענש אַלס אַ פערענדיגטע בריאה, איז דער „בחיר היצורים“, די הויפּטווערק פון דער נאַטור, דער העכסטער שטאַפּעל אויפ׳ן לייטער פון די לעבעדיגע וועזענס. אין הינזיכט אָבער פון זיין אָבשטאַמונג איז היינטיגע צייטען שוין מעהר קיין ספק ניט, אז ער איז ניט קיין גרעסערער יחסן פאר זיין שוועסטערקינד די אפּפּע, און בעלאַנגט אפילו אין איין קלאַס מיט דער פערזעהעניש, די פלעדער־מויז. די געשיכטע פון זיין ארויפארבייטען זיך צו זיין איצטיגער מדרגה איז אַ לאַנגע און פערוויקעלטע. מיהזאם און פיינליך איז געווען דער וועג, וואָס ער האָט געהאַט דורכצומאַכען אין פערלויף פון זיין ענטוויקלונג. יעדער שריט זיינער פאָרוועהרטס איז ערוואָרבערט געוואָרען דורך שווערע קעמפּפען און יעדער פאָרצוג, וואָס ער האָט געוואונען, האָט איהם געטריבען צו אַלץ גרעסערע אנשטרענגונגען. אָבער טאַקע דעפאר, וואָס ער האָט אָנגעהויבען קליין און האָט געמוזט שווער קעמפּפען פאר זיין פאָרטשריט: ווייל דער מענש איז, אזוי צו זאָגען, „סעלף־מייד“ און ניט „אַ טאַטעס אַ קינד“, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין אַ זיידען העמדיל און געקריגען אריינגעבלאָזען אין זיך אַ פאַרטיגע נשמה פון אַ הויכער געטליכער פּראָבע — אַ חלק אלוה ממעל — דערפאר איז די געשיכטע פון זיין אָבשטאַמונג אזוי בעלעהרענד און זיין גאַנצע ביאָגראפיע אזוי אינטערעסאַנט.

די גרעניצען פון אונזער היינטיגער טהעמאַ ערלויבען אונז אָבער ניט צו פערנעהמען זיך אזוי ווייט ווי די גאַנצע לעבענסבעשרייבונג פון מענשען. דאָס געהערט צו אַ וויטערער וויסענשאַפט, אַ מעהר אַלגעמיינער — די אַ נ ט ר אָ פּ אָ ל אָ ג י ע. די וויסענשאַפט וועגען מענשען — אַנטראָפּאָ־לאָגיע — האָט צו טהאָן מיט דעם מענשען ווי ער איז: זי בעשרייבט די צונויפשטעלונג פון זיין געבוי, זי שטודירט דאָס אייגענטליך־מענשליכע אין דעם אופן ווי עס ווערען אויסגעפיהרט זיינע פיעלפאכיגע פונקציאָנען, זי פאָרשט אויך אויס די אומשטענדען, וועלכע האָבען בעשטימט זיין זיין אויף דער וועלט און דערצעהלט אונז ווי ער איז געוואַקסען, ווי ער לעבט אין די פערשיעדענע וועלט־טיילען, די אייגענשאַפטען פון זיינע בעזונדערע ראסען און די קולטור־ווערטהען, וואָס זיי האָבען געשאַפען.

די ענטשטעהונג פון מענשען

(דער מענש אין דער טיער־וועלט)

אנטראפאלאגיע און די לעהרע פון מענשליכער אבשטאמונג. דער ליוטער פון ענטוויקלונג פון די פערשיעדענע זאָאָלאָגישע גרופען. די קלאַסיפיר־קאַציאָן פון דער טהיערען־וועלט. די כאַראַקטעריסטישע סמנים פון אַ מילך־זויגענדע חיה. די אָרדערס און די פאמיליען, אויף וועלכע עס אַיז צוטיילט דער קלאַס זויג־טהיערע. צו וועלכען קלאַס, אָרדער און פאמיליע בעלאַנגט דער מענש? ט. האקסלי׳ס שטאַנדפּונקט. דאַר־ווין׳ס בעהויפּטונגען וועגען די נאהענטקייט פון אַ מענשען צו אן אַפּע. די עמבריאלאגישע ענטוויקלונג פון אַ מענשען און אַנדערע זויג־טהיערע. העקקעל׳ס לעהרע. די רודימענטארע אָרגאַנען און די פאַק־טען פון אַטאַוויזם. שטאַמט דער מענש פון אַן אַפּע? די ענטשטעהונג פון מענשליכע ראַסען. די „פאליגעניסטע" און „מאָנאָגעניסטע" טעאָריען. די הויפּט אַרגומענטען געגען דער „פאליגענישער" טעאָריע.

דאָס אינטערעסאַנטעסטע שטודיום פאַר׳ן מענשען איז אָהן צווייפעל דער מענש אַליין. אַפילו אין פּרק שטעהט „ודע מאין באָת", ווייס פון וואַנען דו ביסט געקומען — הגם דאָרטען איז עס געזאָגט געוואָרען מיט אַנאַנדער מיין. דען לויט די לעהרע פון רעליגיאָן ערקלערט זיך די פראגע פון דעם מענשענס קומען גאַנץ איינפאַך: גאָט האָט בעשאַפען דעם גוף פון ערד און האָט ארייגעבלאָזען אין איהם אַ נשמה, וועלכע איז אַ טייל פון גאָט אַליין. גליקליך איז דער וואָס גלויבט, דען ער פערלאַנגט ניט קיינע בעווייזען.... אַנדערש האָט אויפגענומען דעם געבאָט „ודע מאין באָת" די וויסענשאַפט. די ענשטעהונג פון דעם מענשען איז געוואָרען אַ געגענשטאַנד פון דער טיעפסטער נאַטור־פאָרשונג. די ערד און אַלץ וואָס איז אין איהר און אויף איהר איז דורכגעזוכט און דורכגעזיפּט געוואָרען פאַר׳ן ליכט פון דאַרווינ׳ישען גע־דאַנק, כדי קלאָר צו שטעלען דעם פּלאַן, וואָס דער מענש פערנעהמט

4-טע פארלעזונג

דר. י. מעריסאן

די ענטשטעהונג פון מענשען

(דער מענש אין דער טיער וועלט)

דאָס איז אַ גרויסער שריט פאָרווערטס אין דער ענטוויקלונגס־לעהרע. דער דאַרוויניזמוס האָט אַוועקגענומען דעם וואַנד, וואָס האָט אָבגעטיילט דעם מענשען פון די חיות, ער האָט בעוויזען, אַז דער מענש איז בכלל ניט אזא יחסן, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ צוויי־פיסיגע חיה און אַז ער שטאַמט טאַקע פון פשוט׳ע חיות, פונקט ווי זיינע קרובים, די אָבעזיאַנעס.

העקעל האָט פערניכטעט דעם וואַנד צווישען די לעבענדיגע נאַטור און די טויטע נאַטור. ער לערענט אונז, אַז די לעבענדע בעשעפעניסען זיינען ענטשטאַנען פון דער אונלעבענדיגער, אונאָרגאַנישער נאַטור און דאָס הייסט, אַז מיר זיינען פשוט עפר ואפר, צוגלייך מיט די שטיינער, זאַמד און וואַסער.

דער גאַנצער אידעאַליזמוס און דואַליזמוס, וועלכער זוכט צו ערקלערען די ערשיינונגען פין דער נאַטור דורך די ווירקונג פון געוויסע אונזעהבאַרע געטער אָדער גייסטער, וועלכע שטעהען „אויסער“ אָדער „איבער“ די נאַטור, פערליערט אַלין מעהר זיין באָדען אונטער זיך. דיעזע גייסטער און געטער זיינען אין דער פילאָזאָפיע נויטיג געווען כל זמן מען איז ניט געווען אים שטאַנד צו ערקלערען די צוועקמעסיגקייט, די האַרמאָניע אין דער נאַטור: די וועקסעל־בעציהונגען צווישען חיות און פלאַנצען, די צוגעפאַסטע אָרגאַנען פון יעדען מין א. ז. וו. אויפ׳ן מעכאַנישען בלינדען וועג.

די אָבשטאַמונגס־לעהרע האָט דיעזען רעטזעל געלעזט. עס העדשט האַרמאָניע אין דער נאַטור, זאָגט זי אונז, ניט דערפאַר, ווייל עס איז פאַראַן אַן אינזשיניער, אַן אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער האָט בעשאַפען די וועלט לויט אַ פריהער אויסגעאַרבייטען פלאַן און סדר, נור דערפאַר, ווייל די ניט־האַרמאָנירענדע מיט דער נאַטור, די ניט־צוגעפאַסטע געהען פון די בלינדע נאַטור־קרעפטען אונטער און ממילא מוזען בלייבען דוקא די האַרמאָנירענדע, די, וועלכע בעזיצען צוועקמעסיגע אָרגאַנען.

אַ דאַנק דיעזע ענטוויקלונגס־לעהרע זיינען די פערשיעדענע געשפענסטער פון דעם אידעאַליזמוס און דואַליזמוס פערשוואונדען. מען האָט אויפגעהערט צו זעהען געטער דאָרטען, וואו עס ווירקען באמת בלויז נאַטור־געזעצען.

בער אויף די נאָכקומענדע, דורך פערערבונג, זיגע איינגעניאפּטען, און דיעזע איינגענשאפטען ווייזען זיך דאָס ארויס אין עמבריאָלאָגישען צושטאנד.

5.

די נאַטירליכע ענטשטעהונג פון די מינים, אָדער, ווי מען רופט עס, די „אָבשטאַמונגס־לעהרע“ איז ניט נור דער יסוד פון די נאַטור־ווינסענשאַפטען, נור זי האָט ארויסגערופען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין דער פילאָזאָפיע. אין אַ געוויסען זין קען מען זאָגען, אַז איהר בעדייטונג פאַר דער פילאָזאָפיע איז ניט קלענער, ווי פאַר דער נאַטור־ווינסענשאַפט.

די גאַנצע מאַניסטיש־מעכאַניסטישע וועלט־אַנשויאונג, וועלכע האָט בעקומען, אַ דאַנק דאַרווין׳ס אַפּאָסטאָל, ערנסט העקעל, אַזאַ אונגעהויער גרויסען איינפלוס, איז אַ רעזולטאַט פון דער אָבשטאַמונגס־לעהרע.

די אָבשטאַמונגס־לעהרע, וואָס בעווייזט אונז, אַז אַלע חיות און פלאַנצען שטאַמען פון איין מישפּחה, פון איינע און די זעלבע אור־עלטערען, אַז זיי האָבען זיך בּיסלעכוויז ענטוויקעלט אויפ׳ן נאַטירליכען, ניט וואונדערליכען וועג, האָט בּולט׳ער ארויסגעשטעלט די פראַגע איבער דער ענטשטעהונג פון די ערשטע אור־חיות און פלאַנצען, איבער דעם אורשפּרונג פון לעבען איבערהויפּט.

דאַרווין האָט זיך אויף דיעזער פראַגע ענטזאַגט צו געבען אַן ענטפער. זיין אויפגאַבע איז — זאָגט ער — נור צו ווייזען, ווי אַזוי עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ יש מיש, איין מין פון צווייטען. ער פיהרט אונז נור צו ביז׳ן אָנפאַנג פון דער לעבענדיגער נאַטור. ווי אַזוי דיעזער אָנפאַנג איז עטשטאַנען — דאָס — זאָגט ער — געהט ניט אריין אין זיין אויפגאַבע.

דער גרעסטער פערטרעטער פון דער ענטוויקלונגס־לעהרע אין היינטיגער צייט, ערנסט העקעל, איז געגאַנגען נאָך ווייטער פאַר זיין רבי׳ן און האָט אויך שוין אויפגעבויט אַ טעאָריע איבער דער ענטשטעהונג פון די אור־אָרגאַניזמען, פון די ערשטע לעבענדיגע בעשעפעניסען. ער ערקלערט ווי אַזוי די לעבענדיגע שטאָף האָט זיך אויפ׳ן נאַטירליכען אופן ענטוויקעלט פון דער ניט לעבענדיגער, טויטער נאַטור.

און זיי זייגען אַלַין שוואַכער און קלענער געוואָרען ביז זיי זיינען אין גאַנצען פערשוואונדען און היינט בעשטעהט די פערדישע פוס פון איין דיקען פינגער, מיט אַ צוריק געבילדעטען שפּאָרען — אַ זכר פון די פריהערדיגע פינגער זיינע.

די עמבריאלאָגיע, וויעדער, לערנט אונז, אַז די ענטוויקלונג פון דעם אינדיווידואום איז אַ קורצע וויעדערהאָלונג פון דעם ענטוויקלונג פון שטאַם.*).

אין אָנפאַנג ווען די זרע (די ספערמא) בעפרוכטעט די ווייבליכע איי בעשטעהט דער עמבריא פון איין צעללע; שפּעטער פאַנגט זיך אָן די צעללע צו טיילען און עס בילדעט זיך אַ רונדע קאָלאָניע פון צעללען. נאָך שפּעטער ווערען די אינוועניגסטע צעללען אויפגעלעזט און מיר בע־קומען א גרויסען עיגול פון צעללען; פון דיעזען עיגול בעקומען מיר וויי־טער דעם „גאַסטרולא צושטאַנד“, ד. ה., צוויי רייהען צעללען, וועלכע ליגען איינע אויף די אנדערע און פון וועלכע עס ענטוויקלען זיך די אינערליכע און אויסערליכע אָרגאַנען פון קערפּער. און עס איז בע־וויזען געוואָרען, אַז יעדע מדרגה פון דער עמבריאלאגישער ענטוויק־לונג ענטשפּרעכט אַ געוויסען שטאַם פון די בעשעפּענישען, וועלכע בעפעלקערען אונזער ערד. מיר האָבען איינצעלליגע אָרגאַניזמען, מיר האָבען אָרגאַניזמען, וועלכע בעשטעהען פון גאַנצע צעללען־קאָלאָניעס. מיר האָבען „גאַסטריעדען“, וועלכע זיינען פונקט עהנליך צו דעם „גאַסטרולא צושטאַנד“ פונ׳ם עמבריא א. ז. וו.

א מענש, צום ביישפּיעל, מאַכט דורך אין זיין עמבריאלאגישען צושטאַנד כמעט אַלע פאָרמען פון דער ענטוויקלונג, אָנפאַנגענדיג פון די נידעריגסטע איינצעלליגע אָרגאַניזמען ביז דעם צושטאַנד פון די זויג־טיערע.**)

דיעזע אַלע ערשיינונגען קען מען נור ערקלעהרען דורך דער אָב־שטאַמונגס־לעהרע, אַז די העכערע אָרגאַניזמען האָבען זיך ענטוויקעלט פון די נידריגערע און יעדער מין פון די פריהערדיגע שטופען לאָזט אי־

---


*) דיעזען געזעץ האָט אויפגעשטעלט ערנסט העקעל און ער איז בע־וואוסט אונטער׳ן נאָמען „דאָס ביאָגענעטישע גרונד־געזעץ“.

**) גענויער וועגען דער עמבריאָלאָגישער ענטוויקלונג פון מענשען זעה די פערטע פאָרלעזונג.


אייגענשאַפטען פון א זויג־טיער און פיעל אייגענשאַפטען פון א רעפּטיל, דאָס איז א מין רעפּטיל־זויגטיער.

אויסער דעם זיינען אויך פאַראַן פויגעל מיט ציינער, וואָס שטעהען אויך אויפ'ן צווישען־וועג פון די פויגעל צו די חיות.

ווען מיר שפּירען נאָך די פערשיעדענע אַרטען פערד, וועלכע מען געפינט אין פערשיעדענע ערד־שיכטען, זעהט מען קלאָהר זאָגאַר דעם פּראָצעס פון זייער ענטוויקלונג. אין די נידריגערע שיכטען האָט מען געפונען א פערד מיט 6 פינגער. די ערשטע דריי זיינען געווען צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין גראָבען, דיקען פינגער און די איבריגע דריי זיינען געווען נאָך אבגעטיילט בעזונדער. שפּעטער איז די פערדישע פוס נור בעשטאַנען פון איין דיקען פינגער און צוויי בעזונדערע; נאָך שפּעטער האָבען די צוויי אָבגעזונדערטע פינגער אנגעפאַנגען צו געהן צוריק. דער פערד האָט זיי ניט נויטיג געדאַרפט



פיגור 25. ווי אַזוי עס האָבען זיך אין משך פון טויזענדער יאָהרען אומגעביטען די פיס פון אַ פערד. A בעצייכענט דעם פוס פון אַ פערדען־עהנליכע חיה (פאַלעאָטעריום) מיט עטליכע פינגער. דיעזע חיה איז פערשוואונדען געוואָרען שוין מיט פיעלע טויזענדער יאָהרען צוריק. B בעצייכענט דעם פוס פון אַ פערדען־עהנליכע חיה (אַנכיטעריום), ביי וועלכער די צאהל פינגער האָט זיך פערקלענערט. C בעצייכענט דעם פוס פון אַ היפּאַריאָן, פון וועלכען עס האָט זיך ענטוויקעלט דער היינטיגער פערד. D בעצייכענט דעם פוס פון אַ היינטיגען פערד.



פיגור 23. דער אַרכיאָפּטעריקס, — דער ערשטער מין פויגלען, וועלכע האָבען אין זיך נאָך פיעל סמנים פון אַ רעפּטיל. דאָס מויל איז ביי איהם אויסגעזעצט מיט שאַרפע צייהנער און אויף די פליגלען האָט ער פינגער מיט שאַרפע נעגעל. דער עק בעשטעהט פון אַ רייה ביינדלעך (ווי ביי אַ חיה אָדער רעפּטיל) אָנגעזעצט מיט פעדערן.

פונקט ווי מען האָט אויסגעפונען דעם איבערגאַנג פון די וויר־בעללאָזע חיות צו די ווירבעל־חיות (אמפיאקסוס), און דעם איבערגאַנג פון די רעפּטיליען צו די פויגעל (אַרכיאָפּטעריקס), אזוי האָט מען אויך אויסגעפונען דעם איבערגאַנג פון רעפּטיליען צו זויג־טיערע.

אין אויסטראַליען לעבט נאָך היינט א מין חיה, וואָס האָט א שנאָבעל (שנאָבעל־טיער). דיעזע בעשעפענים האָט אין זיך פיעל



פיגור 24. ענטעל־שנאָבעל, — אַן אויסטראַלישער זויג־טיער, וועלכער לעגט אייער ווי אַ רעפּטיל.


מיר שוין אויך ביי די העכערע וויכטיג־ע (טוניקאטען). פון דער אנ־דער זייט געפינען מיר ביי די העכערע און ענטוויקעלטע ווירבעל־טיערע אין אנפאנג פון זייער אינדיווידועלער ענטוויקלונג, אין זייער עמבריאלאגישען צושטאנד, א כארדע דארזאלים, וועלכע פער־שווינדעט שפעטער, וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך דער ווירבעל, דער חוט השדרה.

די ענדעקונג פון אמפיאקסוס איז געוועזן זעהר וויכטיג פאר דער ענטוויקלונגס־לעהרע. זי ווייזט קלאהר דעם איבערגאנג צווישען די צוויי גרויסע אבטיילונגען פון די חיות — צווישען די ווירבעללאזע, וויכטיערע און די ווירבעל־טיערע.

די טוניקאטען, די מאנטיל־טיערע (אזוינע ווערים, וועלכע לעבען צוגעשמידט צום ים־באדען), אויף וועלכע קיינער צווייפעלט ניט, אז זיי געהערען צו די וויכטיערע, האבען א כארדע דארזאלים, און דער אמפיאקסוס, אויף וועלכען קיינער צווייפעלט ניט, אז ער געהערט צו די ווירבעל־טיערע, האט אויך ניט מעהר ווי א כארדע דארזאלים.

די געאלאגיע ווייזט אונז, אז וואס די בעשעפעניש איז ניד־ריגער און איינפאכער, אלץ עלטער איז זי. אין די גאר נידריגע און אלטע ערד־שיכטען געפינען מיר די איינצעליגע ארגאניזמען, שפעטער די קאראלען, ווערים, נאך העכער די מאלוסקען, א. ז. וו. די ווירבעל־טיערע, די חיות מיט א חוט השדרה טרעטען ערשט אויף אין די יונגע־רע שיכטען און אויך וואס העכער די חיה שטעהט אין ענטוויק־לונג, אלס אין א אינגערע ערד־שיכט געפינט זי זיך. אין די געאלאגי־שע שיכטען געפינט מען פונקט לויט דעם סדר פון סיסטעמאטיק: די פיש ליגען ניעדריגער ווי די אמפיביען; די אמפיביען פון די רעפטיליען; די רעפטיליען פון די זויגטיערע און דער מענש פאנגט זיך אן צו צייגען אין די אינגסטע ערד־שיכטען און דאס איז דער בעסטער בעוויז, אז ער איז דער אינגסטער פון אלע מינים.

3) א דאנק דער פאלעאנטאלאגיע, וויעדער, האט מען געפונען אין דער ערד א בעשעפעניש, וואס האט פליגלען און איז מיט'ן סקע־לעט אין גאנצען עהנליך צו א רעפטיליע, צו א קריכענדע רויב־טיער, דיעזע בעשעפעניש, וועלכע רופט זיך „ארכיאפטעריקס" קען דער לע־זער דא זעהען אויף דער אבבילדונג.



פיגור 21. דער צעראַטאָדוס, — אַ מין אויסטראַלישע פיש, וועלכער קען זיך בעגעהן אויך אָהן וואַסער, ווייל ער האָט אי זשאַברעס אי לונגען. דער צעראַטאָדוס רעכענט זיך פאַר האַלב־פיש האַלב־אמפיביע.

דעם „אַמפיאָקסוס“, אדער לאַנצעטען־פיש, אזא מין ים־חיה׳לע, וועל־כע לעבט אין זאַמד פון ים. דיזער אמפיאקסוס ווערט היינט צוגע־רעכענט צו די ווירבעל־טיערע, הגם עס האָט נאָך ניט קיין שום ווירבעל. דער אמפיאקסוס האָט אנשטאַט דעם ווירבעל א לאַנגען קנאָר־



פיגור 22. דער אַמפיאָקסוס, — אַ מין פישעלע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערגאַנגס־שטופע פון די ווייך־טיערע צו די ווירבעל־טיערע.

פעלדיגען מוסקול איבער דעם לענג פון זיין קערפּער, די זאָגענאַנטע „כאָרדע דאָרזאַליס“. דיעזע כאָרדע דאָרזאַליס, איז דאָס שפּעטער איבערגעגאַנגען אין דעם ווירבעל. אַ „כאָרדע דאָרזאַליס“ בעגעגענען

אנאטאמישען געבוי, און פון אונטען ארויף, האט מען געזעהען קלאהר־
רער, אז דער אנפאנג פון די אלע אייגענשאפטען און ארגאנען פון די
העכערע ארגאניזמען געפינען זיך שוין ביי די נידריגערע, און אויך
דער איבערגאנג פון די נידריגערע צו די העכערע איז געווארען מעהר
קענטיג.

עס איז געווארען לייכט זיך צו איבערצייגען, אז די אלע פערשיע־
דענע מינים חיות, שרצים און רמשים, געפינען זיך אין א געוויסער
קרובה'שאפט און אז זיי האבען אלע איין אבשטאמונג, אז איין פאר־
טער האט זיי אלעמען געבוירען. ווען אלעס איז צוזאווארפען ניט סיס־
טעמאטיזירט אין געוויסע אבטיילונגען קומט קיינעם ניט ארויף אויפ'ן
שכל צו זאגען, אז דער פיש מיט'ן מענשען, למשל, געפינען זיך אין
א געוויסער קרובה'שאפט און האבען איין אבשטאמונג. דער מין
פיש איז אויסערליך אזוי ווייניג עהנליך צו דעם מין מענש, אז עס
וואלט זיין קאמיש און לעכערליך צו זעהען עפעס א פערוואנדשאפט,
א געוויסע משפחה־פערבאנד. ווען מען שטעלט אבער כסדר, לויט א
געוויסער סיסטעם, פריהער פיש, נאכדעם אמפיביען, ווייטער רעפ־
טיליען, שפעטער פויגעל, זויג־טיערע, אפען און ענדע מענשען,
ד. ה., ווען מען פערגלייכט אלע צווישען־טיפען, טא איז ניט נור ניט
קאמיש, נור, פערקעהרט, ביי יעדען קומט ארויף אויפ'ן זינען, אז
דיעזע אלע מינים זיינען צווישען זיך קרובים און געהערען צו איין
אלגעמיינער משפחה. צווישען פיש און מענשען איז טאקע שווער
צו געפינען אן עהנליכקייט, אבער צווישען פיש און אמפיביען (פרעש)
איז די קרובה'שאפט גאנץ קענטיג (ז. פיגור 21) ; צווישען אמפיביען
און רעפטיליען איז אויך גלייך צו זעהן א פערוואנדשאפט, די רעפטי־
ליען זיינען ווידער ניט ווייט פון פויגעל און זויג־טיערע צו וועלכע מען
רעכענט אויך צו אפען, און אז די אפען זיינען עהנליך צו מענשען האט
מען שוין אויך גאר אין די אלטע דורות בעמערקט, ווען מען האט גע־
מיינט, אז די אפען זיינען אמין „פערשאלטענער מענש". מיט איין
ווארט, דורך די סיסטעמאטיק איז לייכט געווען צו זעהען דעם בריק,
וואס איז געווארפען פון די נידריגע צו די העכערע חיות.

יא, מען האט זאגאר געפונען אזוינע חיות, ווי אויך פלאנצען,
וועלכע רעפרעזענטירען מיט זיך די צווישען־מינים, די צווישען־שטו־
פען פון איין שטאם צום צווייטען שטאם. מען האט אויסגעפונען

פאר'ן דאזיין, איז די ענטדעקונג וואס דארווין האט געמאכט.

דאס איז אבער אן אונגעהויער גרויסע ענטדעקונג. א דאנק דיעזען אבקלייבונגס־פרינציפ פון דארווין, וואס איז בעוואוסט אין דער ביאלאגיע אונטער'ן נאמען „סעלעקציאנס־טעאריע“, האט די גאנצע אבשטאמונגס־לעהרע פון לאמארק ערשט בעקומען א פעסטען באדען און איז געווארען דער הויפט־אקס, ארום וועלכען די גאנצע ביאלאגיע דרעהט זיך. און דאס איז די אורזאכע, וואס די גאנצע עוואלוציאנס־לעהרע בעצייכענט מען אויך מיט'ן נאמען „דארוויניזמוס“, דען נור צוליעב דארווינ'ס סעלעקציאנס־טעאריע איז זי, די עוואלוציאנס־לעהרע, געווארען דער „אני מאמין“ פון אלע וויסענשאפטסמענער.

די פראגע וועגען דער ענטשטעהונג פון מינים איז אלזא פערענטפערט געווארען. די אלע פערשיעדענארטיגע מינים פון חיות און פלאנצען עקזיסטירען ניט אייביג אין דער זעלביגער פארם און זיינען ניט בעשאפען געווארען יעדער בעזונדער, נור זיי געפינען זיך אין א צושטאנד פון שטענדיגער עוואלוציאן, פון שטענדיגער ענטוויקלונג און ענדערונג און זיי שטעלען מיט זיך פאר פערשיעדענארטיגע צווייגען פון איין שטאם, וועלכער וואקסט ארויס פון איין ווארצעל.


דיעזע לעהרע פון דער ענטוויקלונג, פון פערענדליכקייט פון די מינים, ווי די אבשטאמונגס־לעהרע איבערהויפט, איז שפעטער בעפעסטיגט געווארען דורך פערשיעדענע בעווייזע פון דער 1) סיסטעמאטיק, 2) פערגלייכונגס־אנאטאמיע, 3) געאלאגיע, 4) פאלעאנטאלאגיע*) און 5) עמבריאלאגיע**).

ווען די סיסטעמאטיק איז מעהר פערפאלקאמט געווארען, און מען האט אנגעהויבען צו פערגלייכען די חיות ניט לויט זייער אויסערליכער געשטאלט, און פון אויבען אראב, נור לויט זייער אינערליכען

*) די לעהרע פון די אויסגעגראבענע חיות.

**) די לעהרע פון יעדען אינדיווידואומ'ס ענטוויקלונג פון דעם מאמענט אן, ווען ער פאנגט זיך אן צו ענטוויקלען אין דער מוטערס לייב.


די צוגעפּאַסטע אָרגאַניזמען בלייבען לעבען ניט דערפאַר, ווי לאַמאַרק האָט געמיינט, ווייל זיי סטאַרען זיך און ווילען זיך צופּאַסען צו די ארומיגע בעדינגונגען, נור דערפאַר, ווייל די ניט־צוגעפּאַסטע געהען אונטער און די איבערגעבליעבענע מוזען שוין מכילא זיין צוגעפּאַסט. ניט דער פערלאַנג פון אינדיווידואום שפּי־



טשאַרלז דאַרווין (1809—1882)

עלט דאָ אַ ראָלע, נור די אכזריות פון דער נאַטור, וואָס פערניכטעט אלעס, וואָס איז ניט צו איהר צוגעפּאַסט.

אָט דיעזען פּרינציפּ פון דער נאַטיר־ליכער אָבקלייבונג אַ דאַנק דעם קאַמפּף



פיגור 20. פערשיעדענע מינים טויבען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט
אַ דאַנק צוכט און קינסטליכער אָבקלייבונג.

יעדעס פון דיעזע קינדער האָט אַ געוויסע אינדיווידועלע אייגענשאַפט וואָס אונטערשיידעט איהם פון די איבריגע, ווייל צוזאַמען מיט לאַמאַרק האַלט דאַרווין פון דעם ראַדיקאַלען פּרינציפּ, אַז די קינדער זיינען ניט אין גאַנצען עהנליך צו די עלטערן און ניט צווישען זיך. נו, קומט זיי אויס צו לעבען אין אַ געוויסער סביבה, וואו עס איז גראַד נויטיג אַ ספּעציפישע אייגענשאַפט, לאָמיר זאָגען, אַ בעזונדערע פעהיגקייט צו זעהען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז פון די אַלע קינדער וועלען קענען בלייבען לעבען נור יענע, ביי וועמען דער חוש הראיה איז בעזאָנדערס שטאַרק ענטוויקעלט. די איבריגע וועלען אויסשטאַרבען. די איבערגעבליעבענע אינדיווידואומען האָבען צווישען זיך אַ געשלעכטליכען פערקעהר און די קינדער וועלען שוין לכתחילה געבאָרען ווערען מיט אַ גוטער ראיה. אין פערלויף פון אַ סך דורות וועלען מיר בעקומען אין דיעזער סביבה נור אַזאַ מין, וואָס האָט אַ שאַרפע ראיה. אַלע די, וועלכע זיינען געבאָרען געוועזען מיט אַ שוואַכע ראיה, האָבען געמוזט אונטערגעהן.

די בלינדע נאַטירליכע קרעפטען — מיינט דאַרווין — שפּיעלען דאָ דיזעלבע ראָלע, ווי דער ווילען, דאָס בעוואוסטזיין פון אַ ציכטער. וואָס טהוט אַ ציכטער פון טויבען, ווען ער וויל בעקומען אַ סאָרט טויבען מיט בלויע פעדערען אדער מיט אַ לאַנגע האַלז א. ז. וו.? ער נעהמט און שניידט אויס פון זיין צוכט די יעניגע, ביי וועמען דיעזע אייגענשאַפטען זיינען ניט אזוי אויסגעפּרעגט, ניט אזוי בולט און לאָזט איבער נור יענע אינדיווידואומען, וועלכע האָבען צופעליגערווייזע אין אַ שטאַרקערער פאָרמע די אייגענשאַפטען און שטריכען, וועלכע זיינען נויטיג אין אַ געוויסער אומגעבונג. די שוואַכערע, די וועניגער צוגעפּאַסטע שטאַרבען אָב און לאָזען איבער דעם פּלאַץ פאַר די מעהר צוגעפּאַסטע, פאַר די, וועלכע בעזיצען צופעליג די נויטיגע אייגענשאַפטען אין אַ שטאַרקערער מדרגה.

דער בעוואוסטער ווילען פון ציכטער ווערט אין דער נאַטור פערביטען דורכ'ן בלינדען קאַמפּף אומס דאַזיין*).

*) אויב דיזער קאַמפּף איז אַן אַקטיווער קאַמפּף צווישען די אינדיווידואומען אַליין, אָדער אַ פּאַסיווער אין בעצוג צו דער אנפּאַסונג צו דער נאַטור — אינטערעסירט אונז איצט ניט.

ד. ה., אז די ערד ענטוויקעלט זיך ביסלעכווייז, אונבעמערקבאר און ווערט ניט דורך געוויסע רעוואָלוציאָנען, קאַטאַסטראָפען בעגייט, ווי קיואוויע מיינט.

דיעזע ענטדעקונג אויף דעם געביעט פון געאָלאָגיע האָט ניט געקענט ניט פערניכטען אויך די „קאָנסטאַנין טעאָריע" פון ליננעע און קיואוויע אויף דעם געביעט פון זאָאָלאָגיע.

די פראַגע איבער די פערשיעדענע מינים, וועלכע מען געפינט אין די ערשטע שיכטען און וועלכע זיינען ניט עהנליך צו די עקזיסטירענדע, איז ווידער ארויסגעטראָטען מיט איהר גאַנצער שאַרפקייט און געפאָדערט אן ענטפער. דער ענטפער האָט אויף זיך געלאָזט ווארטען ביז 1859 — דאָס יאָהר, ווען עס איז ערשיענען דארווינ'ס ווערק.

א גרויסער אנהענגער פון ליעל, האָט דארווין ניט נור ווייניג וואָס געהאַלטען פון דער קאַטאַקליזמען־טעאָריע, נור ער איז געווען געניגט צו דענקען, אז אויך אין דער אָרגאַנישער נאַטור, פונקט אזוי ווי אין דער ענטוויקלונג פון דער ערד, האָבען מיר צו טהאָן מיט לאַנגזאַמע, שטופענווייזע פערענדערונגען, מיט א עוואָלוציאָן. די אויפגאַבע איז אבער געווען ווי צו פערענטפערען די קלאָין־קשיא: וואו זיינען אהינגעקומען די איבערגענגע, די צווישען־מינים?

און אָט אויף דיעזע פראַגע האָט דארווין געענטפערט:

„די איבערגענגע זיינען אונטערגעגאַנגען אינ'ם קאַמפף אומס דאַזיין"—ענטפערט קלעי און קלאָר דארווין.

א תלמיד פון דעם נאַציאָנאַל־עקאָנאָם ראָבערט מאַלטוס, איז דארווין געווען איבערצייגט, אז עס קומט פאָר א קאַמפף צווישען די אינדיווידואומען פאַר דער נאַהרונג. די שטאַרקערע, אדער בעסערע, די מעהר אנגעפאַסטע, די וועלכע זיינען געווען, דורך א צופאַל פון דער נאַטור, בעוואפענט מיט בעסערע נאַטירליכע געצייג, געהען פון דעם קאַמפף ארויס די זיעגער, די ווייניגער צוגעפאַסטע געהען אונטער. אין דער נאַטור קומט אויף דעם אופן פאָר א געוויסער אויסוואהל, א נאַטירליכע אָבקלייבונג; עס בלייבען לעבען נור די צוגעפאַסטע, די איבריגע פערשווינדען און עס בלייבט פון זיי אפילו קיין זכר ניט. א פּאָאר עלטערן — ערקלעהרט דארווין מיט א ביישפּיעל — האָבען א סך קינדער: א, ב, ג, ד, ה, א. ז. וו.

אָט די חיות, ביי וועלכע דער ווירבעל האָט זיך שוין אנגעפאנגען צו בילדען אָבער איז געבליעבען אין מיטען וועג, ניט אין גאנצען פער־פאָלקאָמט?

אויך האָבען מיר היינט רעפּטיליען (שלאנגען, עקדעשען) און פויגעל. לויט דער אָבשטאמונגס־לעהרע האָבען זיך די פויגעל ענט־וויקעלט פון די רעפּטיליען, אָבער פארוואָס האָבען מיר ניט אזוינע חיות, וועלכע זאָלען זיין טייל־וויז עהנליך צו די רעפּטיליען און טייל־וויז צו די פויגעל?

און נאָך מעהר איז די פראגע קשה׳דיגער איבער די איבערגענגע פון די העכערע זויג־טהיערע צום מענשען. פאר וואָס האָבען מיר ניט אָט אזוינע בעשעפּעניסען, וועלכע זאָלען זיין האלב חיה און האלב־מענש?

אויסער דעם האָט זיך סתם ניט געלעגט אויפ׳ן שכל דאָס די הויפּט־אורזאכע פון דער ענטוויקלונג דער ארטען, פון דער דיפערענ־צירונג זאָל זיין די אָנפּאסונג. אום צו אָנצופּאסען מוז דאָך פריהער זיין א ו ו י ל ע ן, א פערלאנג, א ש ט ר ע ב ע ן זיך אָנצופּאסען. דיעזער שטרעבען קען נור זיין ביי די העכערע מינים וועלכע האָבען שוין א געוויסע אינטעליגענץ, אָבער ווי אזוי האָבען זיך געקענט אנפּאסען די נידריגע אָרגאניזמען, ביי וועמען עס קען אפילו קיין רעדע ניט זיין מכח א געוויסען פערלאנג; ווי אזוי האָבען דיעזע מינים פ ע ר ש ט א נ ע ן זיך אָנצופּאסען אן די ארומיגע בעדינ־גונגען?

דיעזע ארגומענטען, אויף וועלכע לאמארק האָט קיין ענטפער ניט געהאט, זיינען געוועזן די אורזאכען, וואָס זיינע טעאָריען זיינען ניט אנערקענט געוואָרען פון זיינע צייטגענאָסען.

4.

קיואוויע׳ס זיעג האָט אָבער לאנג ניט געקענט אנהאלטען.

אין 1830־32 איז ערשיענען ל י י ע ל ל ׳ ס עפּאָכע־מאכענדעס ווערק, וואו קיואוויע׳ס קאטאקליזמען־טעאָריע האָט בעקומען א טויט־קלאפּ. ל י י ע ל*) בעווייזט די „קאנטונואיטעט" פון די ערד־שיכטען,

*) וועגען ליועלל זעה די צווייטע פאָרלעזונג.

שאַפט האָט מיטגעבראַכט, דאָס אין זיין קאַמפּף מיט לאַמאַרק איז ער, קיואַויע, ארויס דער זיגער אין בעצוג צו דער פראַגע פון קאָנס־טאַנץ אָדער וואַריאַבליטעט דער אַרטען. דאָס האָט אויך אָפיציעל די פּאַריזער אַקאַדעמיע דער וויסענשאַפט אַנערקענט.

די הויפּט־אורזאַכע פאַר וואָס לאַמאַרק איז דורכגעפאַלען איז געווען, ווייל איהם האָט זיך ניט איינגעגעבען צו ערקלעהרען פּיעלע קשה'דיגע ערשיינונגען.

אויב לאַמאַרק איז גערעכט, אז די פערצווייגטע אָרגאַנישע נאַ־טור, די פּיעלפאַכיגע מינים האָבען איין אָבשטאַמונג און האָבען זיך שטופענוויז ענטוויקעלט, א דאַנק דער אנפּאַסונג, טאָ, — האָט מען געפרעגט — ווי קומט עס אז מיר האָבען ניט קיין איבערגעננגע פון איין גאַטונג צום צווייטען גאַטונג, פון איין אַרט צום צווייטען אַרט? היינט האָבען מיר אויסגעבילדעטע נאָדעלבוימער (סאָסנעס, טאַנען בוימער א. ז. וו.) און בלעטער־בוימער (דעמב, בעריאָזע, א. ז. וו.). דיעזע האָבען זיך דאָך ניט געקענט מיט איין מאָל ענטוויקלען*), נור ביסלעכוויז, טאָ ווי קומט עס אז מיר האָבען ניט היינט די צווישענ־שטופע, אזוינע טיפּען, וועלכע זאָלען זיין האַלב עהנליך צו די נאָדעל־בוימער און האַלב צו די בלעטער־בוימער?

דאָסזעלבע אויך ביי חיות. מיר האָבען היינט נידריגע חיות, ווייכע, וועלכע האָבען ניט קיין חוט השדרה, קיין ווירבעל, און די העכערע חיות, וועלכע האָבען א חוט השדרה, ווי די פיש, אמפיביען, רעפּטיליען, פויגעל און זויג־טיהרע. אויב די העכערע חיות, וועלכע האָבען א חוט השדרה האָבען זיך ענטוויקעלט פון די נידריגע, פון די „ווייכטיע־רע“, טאָ וואו זיינען אַהינגעקומען די צווישען־שטופען, די יעניגע חיות, וועלכע האָבען נאָך ניט קיין אויסגעבילדעטען ווירבעל? עס איז דאָך אונמעגליך, אז דער חוט השדרה זאָל זיך מיט אמאָל האָבען ענטוויקעלט פון די חיות, ביי וועלכע עס איז אפילו קיין סכין ניטאָ פון דעם. די ענטוויקלונג האָט דאָך נאָך לאַמאַרק'ן געמוזט זיין, אַ שטופענאַרטיגע, אַ פּאַמעלעכדיגע, טאָ פאַר וואָס האָבען מיר ניט

*) פון הוגאָ דע פריז'ס נייע טעאָריען איבער די שפּרונגוויזע פערענ־דערונגען אין דער נאַטור האָט מען, זעלבסטפערשטענדליך, דעמאָלט נאָך קיין השגה ניט געקענט האָבען.

לויף פון א סך דורות בעקומען פערשיעדענארטיגע מינים, גאַטונגען, וועלכע זיינען ניט אנדערש, ווי א פּראָדוקט פון דער אנפּאַסונג.

ווייסען מיר, אז די דיפערענצירונג און די קאָמפּליצירטע אָרגאַניזאַציאָן איז א רעזולטאַט פון דער ענטוויקלונג און א פּראָדוקט פון דער שפּעטערדיגער צייט, טאָ איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די ערשטע אָרגאַניזמען האָבען געמוזט זיין די איינפאַכסטע אין זייער קערפערבוי און אָרגאַניזאַציאָן. די גאַנצע סיסטעמאַטיק האָט א דאַנק לאַמאַרק בעקומען א גאַנץ אנדער פּנים. ליננע האָט קלאַסיפיצירט די פלאַנצען און חיות פון אויבען אראָב, אלס אן אויסגאַנגס־פּונקט האָבען פאַר איהם געדיענט די מעהר קאָמפּליצירטע אָרגאַניזמען — די זויגעטהיערע, ניט קוקענדיג וואָס די שטאַם־בוים האָט איהם געוויזען אן אנדער בילד. לאַמאַרק׳ס טעאָריע האָט אונז געוויעזען, אז דאָס איז גרונד־פאַלש, אז אין דער נאַטור קומט פאָר אן עמפּאָרשטייגען, אן ענטוויקלונג פון איינפאַכע צו קאָמפּליצירטע, און ממילא מוזען, אלס אויסגאַנגס־פּונקט גענומען ווערען די וועניגער אָרגאַניזירטע בעשעפעניסען — די איינצעליגע אָרגאַניזמען און פון זיי נאָכפאָלגען דעם גאַנצען לעבענסבוים. איז די סיסטעמאַטיק שוין געוועזען פאַרגעשטעלט פון אויבען ארויף, פון ניעדריג צו הויך, טאָ איז איהם, זעהענדיג דעם לעבענסבוים, גלייך ארויף אויפ׳ן שכל, אז אלעם לעבעדיגע, אלע שטאַמען, גאַטונגען, ארטען, ראַסען א. ז. וו., זיינען קינדער פון איינע און דיזעלבע איינפאַכע, ניט אָרגאַניזירטע אור־אָרגאַניזמען, ביי וועלכע מען דאַרף זוכען דעם אורשפּרונג פון לעבען.

דאָס איז אין אלגעמיין לאַמאַרק׳ס לעהרע וועגען דער ענטשטעהונג פון מינים.

דיעזע לאַמאַרק׳שע טעאָריע, ווי איבערצייגענד זי זאָל ניט האָבען געוועזען, האָט זיך אָבער פּאָרט ניט געקענט דורכשלאָגען א וועג אין דער וויסענשאַפט, וואו עס האָט זיך פעסט געהאַלטען די מיינונג פון „קאָנסטאַנץ דער ארטען“.

די אויטאָריטעט פון דעם דעמאָלסדיגען געקרוינטען וויסענשאַפטסמאַן קיוואויע האָט געהערשט דעספּאָטיש און האָט פערנומען אלע מחות פון די געלעהרטע אין יענער צייט. ער האָט מיט גרויסע אייפער בעקעמפּפט לאַמאַרק׳ס אנשויאונגען און זיין גרויסע בקיאות און חריפות אין אלע ענינים פון דער נאַטור־וויסענ־

דיעזע טהעאָריע פון אומענדערונג פון די פאָרמען האָט, זעלבסט־פערשטענדליך, געמוזט פיהרען צו דער אָבשטאַמונגס־לעהרע. אויב אַן „אַרט“ איז ניט אנדערש ווי אַ ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון אַ „ראסע“, טאָ איז לייכט זיך צו שטויסען, אַז אַ „גאַטונג“ איז אַ ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון אַן אַ ר ט, און פון דער גאַטונג ענטוויקעלט זיך שפּעטער אַ „שטאַם“. נעהמען מיר אָן, אַז פערשיעדענע ארטען קענען אָבשטאַמען פון איין פאָר עלטערן, טאָ פאר וואָס זאָלען מיר ניט אָננעהמען, אז אויך גאַטונגען און שטאַמען קומען ארויס פון איין פאָר עלטערן?

די פערשיעדענע צווייגען פון שטאם־בוים, ד. ה., די פערשיעדענאַרטיגע מינים, וועלכע עקזיסטירען אויף דער וועלט, האָבען זיך ענטוויקעלט און אויסגעוואַקסען פ ו ן א י י ן ו ו אָ ר צ ע ל, דער גאַנצער אונטערשייד צווישען די מינים נעהמט זיך פון דעם, וואָס, ארויסשטאַמענדיג פון איין וואָרצעל, האָבען זיי זיך ענטוויקעלט אין פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ריכטונגען. און ענטוויקעלט האָבען זיי זיך אין פערשיעדענע ריכטינגען צוליעב דעם, ווייל זיי האָבען געלעבט אין ניט גלייכע ס ב י ב ו ת, אין פערשיעדענע א ו מ ג ע ב ו נ ג ע ן. זייענדיג אין פערשיעדענע סביבות, האָבען די אָרגאַניזמען געמוזט זיך צו זיי צ ו פ אַ ס ע ן, ד. ה., ענטוויקלען די יעניגע אייגענשאַפטען, וועלכע זיינען נויטיג געווען אין דער סביבה און לאָזען צורוה יענע, וועלכע זיינען געווען אונניציג פאר דער סביבה. פון די אייגענשאַפטען, מיט וועלכע דער אינדיווידואום איז געבוירען געוואָרען, האָבען זיך אויף דעם אופן איינינגע מעהר געאיבט און ענטוויקעלט, וועהרענד אנדערע, צוליעב דעם, וואָס מען האָט זיי ניט גענוצט, זיינען געגאַנגען צוריק אין זייער ענטוויקלונג. דיעזע דיפערענצירונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין לעבען פון אינדיווידואום, ווערט איבערגעגעבען די קינדער בירושה*), און אזוי האָבען מיר אין פער־

*) אום ניט ארונטערצוגעהן פון אונזער טעמא און ניט בעשווערען דעם לעזער, שטעלען מיר זיך ניט אָב אויספיהרליך אויף די מחלוקה צווישען די געלעהרטע, אויב עס ווערען איבערגעגעבען בירושה ערוואָרבענע אייגענשאַפטען צו די קינדער אָדער ניט. דיעזע וויכטיגע פראגע מוז בעהאַנדעלט ווערען איז אַ בעזונדערער אַרבייט. — א. ש. ז.

אין דער נאַטור זיינען אויך פאָרגעקומען — זאָגט לאַמאַרק — דיזעלביגע פראָצעסען, נור אין א סך א גרעסערער פאָרם. די העזונ־דערע סביבות, וואו די פערשיעדענע חיות איז אויסגעקומען צו לעבען, האָט ארויסגערופען די ארבייט, די איבונג פון גאַנץ בעזונדערע אָרגאַ־נען, און אין פערלויף פון טויזענדע און מיליאָנען דורות האָבען מיר בעקומען די פיעלפאַכיגע, פיעלגעשטאַלטיגע בריאה; די זעלבע אָר־גאַנען, וועלכע זיינען ביי איין אָרגאַניזם שטאַרק ענטוויקעלט און בולט, זיינען ביי אַן אַנדער אָרגאַניזם אין גאַנצען פערשוואונדען, ווייל דער לעצטער האָט זיי ניט געברויכט און האָט מיט זיי ניט געארבייט.

„אַרט" און „ראַסע"*) — מיינט ווייטער לאַמאַרק — זיינען ניט צוויי אָבגעטרענטע בעגריפען, וועלכע זאָלען בעזיצען געוויסע סמנים, כאַראַקטער־שריטען און האָבען צווישען זיך קיין שייכות ניט, אזוי ווי לינעע און קיואוויע מיינען; יעדע „ראַסע" קען ווערען מיט דער צייט אַן „אַרט", אויב די פערענדערונגען דורך די אַנפּאַסונגען זיינען געגאַנגען ווייטער. אין פערלויף פון א סך דורות ווערען אינדיווידו־אומען פון איין פאַמיליע פערוואַנדעלט אין ראַסען, פון וועלכע עס וואַקסען אויס אַרטען. די פיעלפאַכיגע אַרטען, וועלכע מיר האָבען היינט, זיינען ניט אַלע מאָל געווען. זיי האָבען זיך ענטוויקעלט פון ראַסען, די ראַסען ווידער זיינען אויך ניט געווען אַלע מאָל ראַסען, זיי האָבען זיך ענטוויקעלט פון די אינדיווידועלע אייגענשאַפטען, וועל־כע יעדער איינער אינדיווידואום בעזיצט. קינדער פון איין פאָר על־טערן, לעבענדיג אין בעזונדערע סביבות, וועלכע שטעלען בעזונדערע פאָדערונגען, האָבען, א דאַנק דער אַנפּאַסונג צו זייער סביבה, גע־מוזט ענטוויקלען גאַנץ פערשיעדענע אייגענשאַפטען. כל זמן דיעזע ענטוויקלונג פון די פערשיעדענע אייגענשאַפטען האָט נאָך ניט ווייט געשריטען, האָבען מיר צו טהאָן מיט פערשיעדענע ר אַ ס ע ן; ביי אַ לאַנגער פאָרטגעשריטענער ענטוויקלונג פון די פערשיעדענע אינדיווי־דועלע אייגענשאַפטען בעקומען מיר מיט דער צייט פערשיעדענע אַ ר ט ע ן.

*) זועגען דעם אונטערשייד צווישען אַן „אַרט" און אַ „ראַסע" זעה פריהער.

דאַן ווען וועלען מיר מיט דער צייט בעקומען בעזונדערע בעשעפעניסען מיט א פערשיעדענער ענטוויקלונג פון די אָרגאַנען. איין חיה, למשל, וואָס דארף מאכען א לעבען מיט איהרע ציין, ענטוויקעלט זי זיי, זי קייט מיט זיי און בעקומט מיט דער צייט שארפע ציין; א צווייטע חיה, וואָס דאַרף מאַכען א לעבען מיט איהר קלעטערען, ענטוויקעלט די



זשאַן־באַפּטיסט לאַמאַרק (1744—1829)

נעגעל פון איהרע פיס; די ציין בענוצט זי ניט און זיי געהען דערייבער צוריק. דער סוף איז, אז מיר האָבען בעקומען פון צוויי גלייכע חיות צוויי פערשיעדענע חיות: איינע מיט שארפע ציין און שוואך־ענטוויקעלטע נעגעל; א צווייטע מיט שאַרפע נעגעל און שוואך־ענטוויקעלטע ציין.

פען אונטער א געוויסער עוואָלוציאָן; די פאָרמען בייטען זיך, זיי זיינען ניט „קאָנסטאַנט“, ווי לינעע און קיוואָוויע בעהויפּטען, נור „וואריאבלעטיוו“, פערענדערליך, און זיינען היינט אַנדערע, ווי מיט דורות צוריק.

די טעאָריע פון דער פערענדערליכקייט, ניט בעשטענדיגקייט פון די מינים, בעגרינדעט לאַמאַרק אויף צוויי פּרינציפּען פון דער נאַטור— אויף פ ע ר ע ר ב ו נ ג און א נ פ א ס ו נ ג.

עס איז דאָ אַ פּרינציפּ אין דער נאַטור, אַז די עלטערען פערער־בען, גיבען איבער בירושה זייערע אייגענשאַפטען צו די קומענדיגע דורות — דאָס איז אַ קאָנסערוואטיווער פּרינציפּ, דאָס, וואָס עס איז געוועזען ביי די עלטערען, איז אויך פאראן ביי די קינדער. פון דער אנ־דערער זייט, זיינען די קינדער ניט אין אַלע פּרטים עהנליך צו זיי־ערען עלטערען, זיי אונטערשיידען זיך און ווערען געבוירען מיט נייע אנלאַגען, וועלכע די עלטערען האָבען ניט געהאַט; די ענטוויקלונג פון די אנלאַגען איז אבהענגיג פון דער אומגעבונג, פון דער סביבה, וואו דעם נייעם אינדיווידואום קומט אויס צו לעבען; דער אינדיווידואום מוז זיך אנפּאסען צו די פאָרדערונגען פון דער סביבה; פון דיזע פאָר־דערונגען ווענדעט זיך ו ו ע ל כ ע אַנלאַגען עס ענטוויקלען זיך און וועלכע עס בלייבען ניט אויסגענוצט, געהען צוריק, ביז זיי פער־שווינדען אין גאַנצען. דיזע פערענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אין אָרגאַניזם, א דאַנק דער אנפּאַסונג, בילדען דעם ראַדיקאַלען פּרינציפּ.

עס איז אונז אַלעמען בעוואוסט פון אַלטעגליכען לעבען, אַז וואָס מעהר מען איבט געוויסע אָרגאַנען, אַלץ מעהר ענטוויקלען זיי זיך און אַלץ שטאַרקער זיינען זיי. ביי אַ האַנד־ארבייטער זיינען די הענד זעהר ענטוויקעלט; א פּיאַניסט האָט לאַנגע, בעוועגליכע פינגער; די טורניסטען האָבען ענטוויקעלטע בויגעדיגע פיס. אַ געלעהרטער האָט אַ מעהר ענטוויקעלטען מח א. ז. וו. פערקעהרט, די יעניגע אָרגאַנען, וועלכע ווערען ניט בענוצט און געאיבט, ווערען אַלץ שוואַכער און פערלירען זייער גרויס. ניט נור זיי וואקסען ניט, נור זיי געהען צו־ריק. דאָס אייגענע — מיינט לאַמאַרק — איז אויך פאָרגעקומען און קומט נאָך איצט אויך פאָר אין דער נאַטור. ווען צוויי בעשעפע־ניסען מיט גלייכע אָרגאַנען קומט אויס צו לעבען אין בעזונדערע סביבות, וואו יעדע סביבה פאָדערט די איבונג פון אַנדערע אָרגאַנען,

זווגים פון אַלערליי אַרטען, דיזע זווגים האָבען זיך געפּרופּפּערט און
נאָכגעלאָזען ע ה נ ל י כ ע צו זיך קינדער.

ווי אַזוי זיינען אָבער ענטשטאַנען די ע ר ש ט ע בעשעפּעניסען?
און אויב עס איז געוועזן אַ שעפּפער, אַ בורא עולם, ווי אין חומש
שטעהט, טאָ פאַר וואָס האָט ער זיי בעשאַפען דוקא אין אַזוינע פאָר־
מען און מינים און ניט קיין אַנדערע? ווי קומט עס, אז ער האָט בע־
שאַפען פיעלע אונפאָלקאָמליכע בריאים מיט אָרגאַנען, וועלכע ברענ־
גען קיין שום נוצען ניט דער בעשעפענים? צו וואָס, למשל, דארפען
קראָטען האָבען אויגען? צו וואָס דאַרף א מענש האָבען אַן „אַפּענ־
דיקס“? די געשיכטע פון דער איבערנאַטירליכער שעפּפונג און איבער־
הויפּט די פאָרשטעלונגען איבער דער ענטשטעהונג פון די מינים,
וועלכע קיואוויע און לינעע האָבען געלערענט פון חומש, האָט
דעם געהיימניספולען שלייער פון מעשה בראשית ניט אראָבגענומען,
און דער מענשליכער פאָרשענדער גייסט, וועלכער האָט זיך ניט בע־
פרידיגט מיט דער געטליכער שעפּפונגס־געשיכטע, האָט ניט אויפגע־
הערט צו זוכען אין די געהיימע ווינקלען פון דער נאַטור, אום אויס־
צוגעפינען דעם סוד פון דער בריאה.

דיעזע זוכעניש און פאָרשען האָט זיך ענדליך געענדיגט מיט אַן
ערפאָלג, מיט א זיעג פון דער וויסענשאַפט איבער דעם אבערגלויבען.

די „געטליכע שעפּפונגס־געשיכטע“ איז ארויסגעטריבען געוואָ־
רען פון דעם וויסענשאַפטס־טעמפּעל און איהר פּלאַץ האָט פערנומען
די „נאַטירליכע שעפּפונגס־געשיכטע“.

* * *


אין דער רעכטער צייט, ווען קיואוויע'ס טעאָריען האָבען בע־
הערשט די מחות פון די געלעהרטע און נאַטור־פאָרשער, איז ארויס־
געטרעטען דער בעוואוסטער פראַנצויזישער נאַטור־פילאָזאָף זשאַן
לאַמאַרק (1829—1744) מיט זיין. ווערק „די פילאָזאָפיע פון דער
זאָאָלאָגיע“. אין דיעזען ווערק האָט לאַמאַרק אין גאַנצען געבראַכען
מיט די הערשענדע אנשויאונגען איבער „קאָנסטאַנץ דער ארטען“ און
האָט בעוויזען, אז די אַרטען זיינען ניט שטענדיגע, אונפערענדער־
ליכע, איין מאָל פאַר אלע מאָל געגעבענע, נור זיי געפינען זיך אין אַ
שטענדיגער, אונאויפהערליכער פערענדערונג, זיי זיינען אונטערוואָר־

ניט געוואָרען און זיך צוריק־געשטעלט, זיינען ערשיענען נייע ארטען, וועלכע בלייבען אימער ק אָ נ ס ט אַ נ ט, אונפערענדערליך, ביז וואַנען עס קומט ניט א נייע קאַטאַסטראָפע. יעדע עפּאָכע פון דער געשיכטע האָט געהאַט אַ בעזונדערע, איהר אייגענטימליכע טיער־און־פלאַנצען־וועלט — זאָגט בפורש קיואוויע. — דיעזע טיער־און־פלאַנצען־וועלט פלעגט אם ענדע פון אַ געוויסען פעריאָד אין גאַנצען פערניכטעט ווערען דורך פורכטבארע איבער־קערעניישען, קאַטאַסטראָפען. אויף דעם נייעם יונגפרוי באָדען פלעגט שטאַטפינדען א פאָלקאָמענע „נייע שעפּפונג“ פון שטענדיגע קאָנסטאַנטע מינים. „דער מבול, פון וועלכען דער חומש דערצעהלט“ — מיינט קיואוויע — „איז דאָס געווען די לעצטע קאַטאַסטראָפע און פון דעמאָלט אָן זיינען די מינים קאָנסטאַנט.“




זשאָרזש קיואוויע (1769—1832)

עס איז לייכט צו זעהן, אז קיואוויע האָט דאָס אַלגעמיינע פּראָבלעם איבער די ע נ ט ש ט ע ה ו נ ג פון די מינים ניט פערענטפערט, נור עס נאָך מעהר פערפּלאָנטערט. ליננע זאָגט, אַז די מינים זיינען נור א י י ן מאָל בעשאַפען געוואָרען און ק י ו א ו ו י ע מיט זיין טעאָריע וויל האָבען, אַז זיי זיינען א י י נ י ג ע מאָל בעשאַפען געוואָרען, אַז יעדעס מאָל, ווען די ערד איז געוועזן ראוי צו ערנעהרען די אָרגאַניזמען, זיינען דורך א מאמר של הקב״ה אויפגעקומען



פיגור 19. דער סקעלעט פון אַ פטעראָדאַקטיל (אַ פּאָרהיסטאָרישע לאַנג פערשוואונדענע פליהענדע חיה מיט אַ קאָפּ ווי ביי אַ קראָקאָדיל).

האָט געשטעלט דער לעהרע פון דער בעשטענדיגקייט פון די מינים, ד. ה., אום צו ערקלערען דעם פאַקט, אז אין די אור־אַלטע דורות האָבען עקזיסטירט אנדערע מינים פון חיות און פלאַנצען, — האָט דער בעריהמטער פראנצויזישער געלעהרטער גראף קיואַוויע (1832־1769) אויפגעשטעלט די זאָגענאַנטע „קאַטאַקליזמען טעאָריע“, וועלכע בעהויפּטעט, אז אונזער ערד האָט איבערגעלעבט איינינע רעוואָלוציאָנען, קאַטאַסטראָפען. אין אַ געוויסער צייט איז אונזער ערד געשטראָפט געוואָרען מיט אַ מין פורעניות, צי מיט אַן ערד־ציטערנים, אָדער א מבול, אָדער אַן אַנדער מין אָנשיקענים. אין דער צייט פון דיעזער קאַטאַסטראָפע פלעגען אלע אָרגאַניזמען, וואָס האָבען געלעבט אויף דער ערד, אונטערגעהן, אַז עס איז פון די מייסטע פון זיי קיין זכר ניט געבליבען. מאַנכע סקעלעטען אָבער האָבען יא געקענט פערבלייבען אין אַ פערשטיינערטער פאָרם, און אָט די פערשיעדענע סקעלעטען פון אַנדערע אַרטען, וועלכע געפינען זיך איגוועניג אין די טיעפערע ערד־שיכטען, זיינען, לויט קיואוויע, די איבררעשטען פון די פריהערדיגע ערד־צושטענדע. יעדעס מאָל, ווען די ערד איז בע־



פיגור 18. דער מעגאַטעריום, אַ פאַרציישיגע גיגאַנטישע חיה, וועלכע איז פערשוואונדען געוואָרען מיט צעהנדליגער טויזענדער יאָהרען צוריק.


צו די, וואָס מיר האָבען היינט. אויב אַלטע מינים האָבען געקענט אונטערגעהן, טאָ פאר וואָס — האָט מען געפרעגט ליִנעע'ן — קענען נייע מינים ניט פון דאָס ניי בעשאַפען ווערען?

3.

ווי ניט קשה'דיג עס איז געווען די לעהרע פון „קאָנסטאַנץ דער ארטען", ד. ה., אז אַלע מינים זיינען בעזונדער בעשאַפען געוואָרען, און עקזיסטירען פון אָנהויב אָן, האָט אָבער קיינער פון די נאַטור-פאָרשער זיך ניט אונטערגענומען צו לייקענען דיעזע לעהרע. דער מענשליכער געדאַנק איז נאָך געווען צופיעל פערוויעגט און פער-שלייערט דורך די ביבלישע מעשות און לעגענדען און איז נאָך ניט גע-ווען רייף גענוג אָבצוטרייסלען פון זיך די אַלטע שטויב. אַז די אר-טען זיינען אונפערענדערליך — אין דעם האָט גאָר קיינער ניט גע-צווייפעלט אפילו. אַי, עס זיינען געווען קשיות — האָט מען געזעהן דיעזע קשיות צו פערענטפערען, אבי ניט צו ברעכען מיט דער „קאָנסטאַנץ-טעאָריע".

אום צו פערענטפערען די קשיות, וואָס די פּאַלעאָנטאָלאָגיע

אַ געלעהרטער, וועלכער וויל וויסען דעם אמת, קען זיך מיט אזוינע געשיכטען ניט בענוגענען, בפרט נאָך, ווען די פאַקטען דערצעהלען פונקט דעם היפך, ווי אין חומש שטעהט. ממה נפשך, נעהמען מיר אָן, אז די מינים ענדערען זיך ניט, טאָ מוזען מיר דאָך, זעלבסט־פערשטענדליך, אויך אָננעהמען, אז די אַלע זאָרטען בעשעפעניסען, וועלכע מיר האָבען היינט, זיינען שוין געווען אין נח'ס צייטען, און זאָגאַר ביי נח'ן אין קאסטען — דאָס איז אַ זאַך, וואָס קען שוין ניט זיין, איינפאַך דערפאַר, וואָס נח'ס קאַסטען, ווען ער וואָלט אפילו געווען ניט נור דריי עטאַזש די הויך, נור ער וואָלט געווען אַ סך העכער, ווי



פיגור 17. אַ מאַמאָנט (אַ פּאָרהיסטאָרישער גיגאַנטישער עלפאַנט).

דער גרעסטער ניו יאָרקער הימעלקראצער, און ברייטער און לענגער, ווי די „טיטאַניק“ — וואָלט ער אויך ניט געקענט אריינגעהמען אלע סעמפעלס פון די עקזיסטירענדע מינים. און איבער דעם, האָט די פּאַלעאָנטאָלאָגיע, די וויסענשאַפט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט די אויסגראָבונגען, וואָס מען געפינט אין פערשיעדענע ערד־שיכטען, בעוויזען, אז עס האָבען א מאָל געלעבט אנדערע מינים, אַנדערע ארטען, ווי מיר האָבען איצט. מען האָט, צום ביישפּיעל, געפונען אזוינע סקעלעטען פון פערד, וועלכע האָבען אויף זייערע פיס זעקס פינגער מען האָט אויך געפונען אזוינע עלפאַנטען, וועלכע זיינען ניט ענליך

אזוי פיעל ארטען האבען מיר. איין מין מיט'ן צווייטען האבען קיין שום שייכות ניט צווישען זיך. און ניט נור — האט בעהויפטעט לינעע — זיינען די פערשיעדענע מינים צווישען זיך קיין מחותנים ניט, נאר אפילו די ארטען און ראסען זיינען אויך אבגעזונדערט און ניט פערקניפט צווישען זיך. אלע אייגענשאפטען, מיט וועלכע די בעשעפעניש ווערט געבוירען, בלייבען מיט איהר ביז'ן טויט, זיי בלייבען אונפערענדערליך און די בעשעפעניסען גיבען זיי איבער אין דער זעלבער אונפערענדערליכער פארם צו זייערע קינדער. אויב א געוויסער ארגאניזם האט געוויסע סמנים, מיט וועלכע ער אונטערשיידעט זיך פון אנדערע ארגאניזמען, טא זיינען דיעזע סמנים שוין געווען אין די גאר־גאר אלטע צייטען, גלייך ווי זיי זיינען בעשאפען געווארען. היינטיגע בעשעפעניסען אונטערשיידען זיך מיט גאר ניט פון זייערע אור־אור־עלטערען, וועלכע האבען געלעבט אין אדם הראשון'ס צייטען. די צאהל מינים און ראסען, וויפיעל מיר האבען היינט, איז אויך געווען אין יענע צייטען און וועט אויך בלייבען אונפערענדערט ביז דעם סוף פון דער וועלט.

די שטענדיגקייט פון די מינים האט לינעע אויך געלעגט אלס יסוד פאר זיין סיסטעמאטיק. ער האט סיסטעמאטיזירט און סארטירט די ארגאניזמען, ווי שוין געזאגט, לויט דער צופעליגער עהנליכקייט אין זייער אויסערליכער פארם. פון קרובה'שאפט צווישען פערשיעדענע מינים האט לינעע ניט געוואוסט. ניט וויסענדיג פון דער אבשטאמונג, פון דער ענטוויקלונג ביי די ארגאניזמען האט לינעע אנגעפאנגען צו סיסטעמאטיזירען די ארגאנישע נאטור פון אויבען אראב, פון די מעהר פערפאלקאמטע, פון די העכערע, צו די נידעריגערע. דער מענש איז ביי איהם געווען דער אתה בחרתנו'ניק, דער קרוין פון דער נאטור און האט פערנומען דעם ערשטען פלאץ אין זיין לעבענסבילד און וואס קלענער און נידעריגער די איבעריגע בעשעפעניסען זיינען געוועז, אלץ ווייטער זיינען זיי געשטאנען פון דעם מענשען אין לינעע'ס סיסטעם.

עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז דיעזער ענטפער האט ניט געקענט אלעמען בעפרידיגען. ערשטענס, איז ער פערקניפט מיט אמונה, מיט דעם גלויבען, אז די מעשה בראשית, די שעפפונג־געשיכטע איז פארגעקומען אזוי ווי עס שטעהט אין חומש. א פארשער,

ששת ימי בראשית אָן. יעדער מין, יעדע אַרט, האָט זיך זיינע
איר־עלטערען, וועלכע זיינען שוין געוועזן ביי נח׳ן אין קאַסטען. ווי־



קאַרל לינעע (1707—1778)

פיעל זווגים גאָט האָט אריינגענומען אין נח׳ס קאַסטען דעמאָלט, ווען
ער האָט געוואָלט מאכען א תל פון דעם גאַנצען לעבען אויף דער ערד,

צום מין. ראַסען־איינענשאַפטען בעזיצען ניט אַלע אינדיווידואומען פון מין, נור יענע, וועלכע רעכענען זיך צו דיזער ראַסע, צו דיזען זאָרט. צווישען פערשיעדענע זאָרטען פערד בעגעגענען מיר אַזוינע, וועלכע האָבען לאַנגע און דינע פיס, אנדערע מיט קורצע און גראָבע פיס. די ספּעציעלע פאָרם און אויסבילדונג פון די פיס זיינען ראַסען־סמנים, וועלכע אונטערשיידען איין גרופּע פערד פון דער צווייטער, אָבער זיי אַלע זיינען פערד, סיי די קורצפיסיגע, סיי די לאַנגפיסיגע געהערען צו איין מין, צו איין אַרט.

די סיסטעמאַטיק, די קאַלסיפיקאַציאָן איז אין אָנפאַנג געווען אַ **ווילקירליכע**, ד. ה., דער סיסטעמאַטיקער האָט זיך ניט גערעכענט מיט דער אינערליכער קרובה׳שאַפט, מיט דער בלוט־פערוואַנדשאַפט, נור מיט דער אויסערליכער פאָרם, מיט דער אויסערליכער עהנליכקייט אין קערפּער־געביי. די אויסערליכע סמנים פון יעדען אינדיווידואום און מין האָבען געדיענט פאַר מערקצייכען, ווי די חיות און פלאַנצען צו סאָרטירען. דאָס איז געווען גאַנץ נאַטירליך. פון דער אינערליכער בלוט־פערוואַנדשאַפט, פון דער אָבשטאַמונג, האָט מען דאַן געהאַט א קליינע ידיעה און די גאַנצע קלאַסיפיקאַציאָן האָט געמוזט אויפגעשטעלט ווערען לויט דער אויסערליכער פאָרם.

ווען די סיסטעמאַטיק האָט אונז פאָרגעשטעלט די גאַנצע אָרגאַנישע נאַטור למיניהם, אין דער פאָרם פון גאַטונגען, מינים (ארטען) און זאָרטען (ראַסען), האָט זיך גלייך געשטעלט די פראַגע איבער די שייכות פון מין צום זאָרט. ווי אַזוי ענטשטעהען די מינים? צי זיינען די מינים „קאָנסטאַנץ", ד. ה., שטענדיג די אייגענע און ענדערען זיך ניט, אָדער זיי „וואַראירען", ד. ה., זיי ענדערען זיך און די צאָהל מינים איז דעריבער אויך ניט קיין שטענדיגע, פערגליווערטע.

„**קאָנסטאַנץ אָדער וואַריאַבליטעט דער אַרטען?**" — אָט ווי די פראַגע איז געווען געשטעלט?

דער בעריהמטער שוועדישער נאַטור־פאָרשער קאַרל לינעע (1707—1878), וועלכער האָט כמעט אויפגעבויט די גאַנצע סיסטעמאַטיק פון דער לעבעדיגער נאַטור, האָט אין זיין בעריהמטעם ווערק „סיסטעמא נאַטוראַע" קלאָר געענטפערט, אז עס הערשט א קאָנסטאַנץ פון ארטען, אַ שטענדיגקייט פון מינים. אַלע ארטען און ראַסען — מיינט לינעע — וועלכע בעדעקען אונזער ע״ד, ציהען זיך שוין פון די

א פיש זיינען אזוינע גרויסע, אַז מען קען זיכער אריינברענגען א נייע איינטיילונג, א נייע קלאַסיפיצירונג און אָבגעבען יעדען מין א בעזונדערען פּלאַץ אין דער נאַטור.

דאָס האָבען טאַקע די געלעהרטע געטהאָן. זיי האָבען יעדען שטאַם צוטיילט אויף קלאַסען און אין דעם שטאַם „ווירבעלטיערע" אונטערשיידעט מען דעם קלאַס פיש, דעם קלאַס אמפיביען (צו וועלכע עס געהערען די פרעש); רעפּטיליען (צו וועלכע עס געהערען שלאַנגען, עקדעשען, קראָקאָדילען א. ז. וו.) פויגעל, זויגטיערע א. ז. וו. יעדער קלאַס האָט זיך זיינע ספּעציפישע סמנים, כאַראַקטערשטריכען, וועלכע געהערען בלויז צו די יעניגע חיות, וועלכען געהן אריין אין דיעזען קלאַס.

יעדער קלאַס ווערט ווייטער צוטיילט — אויף גאַטונגען, די גאַטונגען — אויף אָרדנונגען, די אָרדנונגען — אויף מינים, די מינים — אויף ראַסען (זאָרטען); די ראַסען — אויף פאַמיליען, די פאַמיליען — אויף אינדיווידואומען.

צוויי פערד, וועלכע זיינען געבוירען ביי איינע און דיזעלבע עלטערען, זיינען בעזונדערע אינדיווידואומען, אָבער געהערען ביידע צו איין פאַמיליע. זיי זיינען צווישען זיך מעהר עהנליך, האָבען אלגעמיינע אייגענשאַפטען, חסרונות און מעלות, וואָס אַנדערע פערד, וועלכע שטאַמען פון אַנדערע עלטערען, האָבען דאָס ניט. צוויי פערד פון פערשיעדענע עלטערען, אָבער פון דעמזעלבען אָרט, וואו דער קלימאַט, באָדען און אַנדערע נאַטירליכע בעדינגונגען, ביי וועלכע זיי האָבען זיך געהאָדעוועט, זיינען איינע און דיזעלבע, זיינען אינדיווידואומען פון פ ע ר ש י ע ד ע נ ע פאַמיליען, אָבער פון דער זעלבער ראַסע. אויב די אויסערליכע בעדינגונגען, ביי וועלכע צוויי אינדיווידואומען זיינען געבוירען, זיך געהאָדעוועט און געוואַקסען, זיינען פערשיעדען, דאַן האָבען מיר צו טהאָן מיט אינדיווידואומען פון פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ר אַ ס ע ן. אזוי רעדט מען פון אייראָפּעאישע ראַסען, פון אַמעריקאַנער ראַסען, פון אַזיאַטישע ראַסען א. ז. וו. אַלע פערד פון דער גאַנצער וועלט געהערען צו א י י ן מ י ן, צו איין אַרט, צום מין פערד. איין אַרט נעהמט ארום א סך ראַסען. אַרט־אייגענשאַפטען, ד. ה., אזוינע אייגענשאַפטען, וועלכע כאַראַקטעריזירען דעם מין, מוזען האָבען אַלע אינדיווידואומען, וועלכע געהערען

די ווערים , ווי צו די פויגעל, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס אי די פויגעל אי די פליגען לעבען אין דער לופט.

אריסטאָטעל'ס קלאַסיפיקאַציאָן איז אָבער אויך געווען אַן אונ־געניגענדע. ערשטענס, האָט ער נור געקענט אַ פערהעלטניסמעסיג קליינע צאָהל אָרגאַניזמען, און, צווייטענס, זיינען איהם פיעלע פון די אינערליכע סמנים פון די חיות און פלאַנצען געווען אונבעקאַנט.

אַן אמת'ע סיסטעם, אַן אמת'ן סדר אין דער לעבעדיגער נאַטור איז ערשט געמאַכט געוואָרען מיט איניגע הונדערט יאָהר צוריק, ווען דער מענשליכער גייסט האָט ערוואַכט און האָט זיך אָנגעפאַנגען צו בעפרייען פון די קייטען, אין וועלכע די קאַטוילישע קירכע האָט איהם אין דער גאַנצער צייט פון מיטעל־אַלטער געהאַט איינגעקלאַ־מערט.

און טאַקע אָט אין יענע צייטען איז די וויסענשאַפטליכע סיסטע־מאַטיק געבוירען געוואָרען.

די סיסטעם פון דער איינטיילונג און קלאַסיפיצירונג פון די אָר־גאַניזמען איז געמאַכט געוואָרען ווי פריהער לויט דעם פרינציפּ פון ע ה נ ל י כ ק י י ט, אַזוי ווי אין די אַלטע צייטען, אָבער ניט לויט דער עהנליכקייט פון דער סביבה, נור לויט דער עהנליכקייט פון דעם אנאַטאָמישען בוי פון די קערפּער.

דער געלעהרטער נעהמט די פערשיעדענע ברואים, בעשעפעני־סען, וועלכע זיינען צווישען זיך עהנליך אין זייער קערפּער געבוי און האָבען צווישען זיך געמיינשאַפטליכעס, און גיט זיי אַן אַלגעמיינעם נאָמען. אַזוי, צום ביישפּיעל, געהערען אַלע חיות, וועלכע האָבען אַ חוט השדרה, אַ ווירבעל, צו איין שטאַם און האָבען דעם אַלגעמיינעם נאָמען: „ווירבעלטיערע", כדי זיי צו אונטערשיידען פון די „ווייכ־טיערע" פון יענע חיות, וועלכע האָבען ניט קיין חוט השדרה.

דער שטאַם „וויערבעלטיערע" ווערט נאָך ווייטער צוטיילט אויף אונטער־שטאַמען, קלאַסען, אָרדנונגען, אַרטען, ראַסען (סאָרטען) און אינדיווידואומען. אַ חוט השדרה האָבען אי פיש, אי פרעש, אי שלאַנגען, אי פויגעל, אי חיות, אי אבעזיאַנעס און מענשען — זיי אַלע געהערען צום שטאַם ווירבעלטיערע. עס וואָלט אָבער זיין גאַנץ לעּ־כערליך אַוועקצושטעלען דעם מענשען אָדער אפילו אַן אבעזיאַנע אין איין רייהע מיט אַ פיש. די אונטערשיעדע צווישען אַן אבעזיאַנע און

לען ניט זיין אויסגעלייגט די יעניגע טיפען, וועלכע זיינען עהנליך און האָבען צווישען זיך אַ גרעסערע שייכות, ווי מיט אַנדערע פון דעמזעלבען טיער־רייך.

די נאַטור־פאָרשער האָבען דאָס געזעץ גוט פערשטאַנען און האָבען זיך קודם כל טאַקי גענומען צו דער „סיסטעמאַטיק" — צו דעם חלק פון דער וויסענשאַפט, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט דעם סיסטעמאַטיזירען, מיט דעם איינאָרדנען אין דעם כאַאָס פון די בעשעפעניסען לויט אַ געוויסען חשבון און סדר.

מיר וועלען בעמערקען, אַז אַ געוויסע סיסטעמאַטיק האָט שוין געהערשט אין די גאַנץ אַלטע צייטען, ווען מען האָט נאָך געהאַט אַ גאַנץ קליינע ידיעה פון דער נאַטור בכלל און פון דער אָרגאַנישער נאַטור בפרט. שוין אין חומש געפינען מיר אַ געוויסע קלאַסיפיקאַציאָן פון די פלאַנצען און חיות.

די פלאַנצען ווערען קלאַסיפיצירט אין דריי אונטעראָבטיילונגען, אין: 1) גראָזען, 2) קוסטעס און 3) בוימער. די חיות ווערען אויך איינגעטיילט אין דריי אונטעראבטיילונגען, אין: 1) חיות, וועלכע לעבען אויף דער יבשה, 2) פייש, וועלכע לעבען אין וואסער און 3) פויגעל, וועלכע לעבען אין דער לופט.

ניט האָבענדיג קיין בעגריעף פון דעם אינערליכען קערפער־געבוי פון די פערשיעדענע אָרגאַניזמען, האָט דער סיסטעמאַטיקער פון די אַלטע צייטען איינגעטיילט די אָרגאַניזמען לויט דער סביבה, לויט דער אומגעבונג, וואו זיי לעבען.

.2

דער גרויסער דענקער און נאַטור־פאָרשער פון גריכענלאַנד אַ ר י ס ט אָ ט ע ל איז שוין געוועזען מעהר בעקאַנט מיט דער אַנאַטאָמיע, מיט'ם אינערליכען קערפערבוי פון די חיות, און ער האָט פרובירט סיסטעמאַטיזירען די חיות ניט לויט דער אומגעבונג, נור לויט זייערע אינערליכע סמנים. לויט ווי עס שטעהט אין חומש, צ. ב. ש., געהערען די פליעגען אין די פויגעל צו איין אבטיילונג, צו איין קלאַס. לויט אַריסטאָטעל'ס קלאַסיפיקאַציאָן, וועלכע איז מעהר געבויט אויף די אינערליכע קערפערליכע סמנים, זיינען די פליעגען נעהענטער צו

פעהיגקייט אליין זיך צו בעוועגען אהן דער הילף פון א צוויי־טען. זיי ווערען גרעסער און קרימען זיך אין פערשיעדענע געשטאל־טען דורך אייגענע קרעפטען.

מיט דער טויטער נאטור האָבען זיך בעשעפטיגט די פריהערדיגע צוויי לעקטאָרס. מיין אויפגאבע איז זיך אָבצושטעלען אויף דער אָר־גאנישער נאטור, אויף דעם, ווי אזוי זי איז פערצווייגט געוואָרען אויף פערשיעדענע מינים.

פלאנצען, חיות און מענשען האָבען הגם א צד השוה דערמיט, וואָס זיי אלע זיינען לעבענדיגע אָרגאניזמען אין געגענזאַץ צו די שטיי־נער און וואסערען, אָבער זיי קענען דאָך ניט אלע אזועקגעשטעלט ווערען אויף איין פּאָליצע אונטער איין צעטעל. זיי נויטיגען זיך אין א ווייטערע גרופּירונג און קלאסיפיצירונג. דיעזע גרופּירונג איז טאקע פּאָרגענומען געוואָרען. מען האָט די גאנצע לעבענדיגע נאטור איינגעטיילט אין פערשיעדענע ר י י כ ע ן, מלוכות. צו יעדען רייך געהערען די אָרגאניזמען, וועלכע האָבען צווישען זיך א געוויסע עהנ־ליכקייט. אזוי האָט מען, צום ביישפּיעל, גרופּירט און צוזאמענגענו־מען אלע חיות, פויגעל, פיש, ווערים, אינזעקטען א. ז. וו. און זיי גע־געבען א בעזונדערען נאָמען: ט י ע ר ־ ר י י ך; די פערשיעדענע גראָזען, בוימער, קוסטעס און שער ירקות האָט מען גרופּירט בעזונ־דער און זיי געגעבען דעם נאָמען: פּ ל א נ צ ע ן ־ ר י י ך. די ווי־סענשאפט, וועלכע בעשעפטיגט זיך און פאָרשט אויס די לעבענס ער־שיינונגען פון דיזע ביידע צווייגען פון עץ הדעת, ווערט אָנגערופען ב י אָ ל אָ ג י ע — די לעהרע פון לעבען.

דערמיט אָבער, וואָס די גאנצע אָרגאנישע, לעבעדיגע נאטור איז איינגעטיילט געוואָרען אין צוויי רייכען, איז מען נאָך ניט יוצא, די זאך איז דערמיט נאָך ניט געענדיגט.

די בעשעפענישען אין טיער־רייך, צום ביישפּיעל, זיינען אזוי פיעל און זיינען אזוי פערשיעדען צווישען זיך, אז עס איז אונמעגליך צו בעקענען זיך מיט זיי און אויסלערנען זייער טבע, אויב מיר זאָ־לען זיי בעטראכטען אלע מיט א מאָל, אזוי ווי זיי שטעהען און געהען. דער גרעסטער געלעהרטער וואָלט ציטומעלט ווערען און זיך פערלירען אין טיער־רייך, ווען עס זאָל ניט זיין צוטיילט אויף קלא־סען, אויף געוויסע אבטיילונגען און אויב אויף יעדער אבטיילונג זאָ־

צו דער ניט־אָרגאַנישער נאַטור געהערען אַלע זאַכען, אָדער — ווי געבילדעטע דריקען זיך אויס — אַלע קערפּער, וועלכע האָבען ניט קיין אָרגאַן, אַזוינע, וועלכע זיינען צוזאַמענגעזעצט פון א גלייכע מאַסע. דיעזע מאַסע איז איינאַרטיג, ד. ה., יעדער טייל פון דער מאַסע האָט דיזעלבע געשטאַלט און דיזעלבע אייגענשאַפטען פונ'ם גאַנצען קערפּער, ווי צום ביישפּיעל, שטיינער און מינעראַלען. ווען מען זאָל נעהמען א מינעראַל און צושפּאַלטען אויף קליינע שטיקעלעך, וועט יעדע שטיקעל ניט אָנווערען די פריהערדיגע אייגענשאַפטען פון גאַנצען מינעראַל. דאָס וועט בלייבען דער זעלבער פריהערדיגער מינעראַל, נור פערקלענערט.

צו דער אָרגאַנישער נאַטור געהערען יענע קערפּער, וועלכע זיינען אויסגעבילדעט אין אָרגאַנען און אין וועלכע יעדער אָרגאַן ערפילט אַן אַנדער ארבייט, האָט אַן אַנדער אויפגאַבע פאַר'ן עקזיסטענץ פון גאַנצען קערפּער. צו דער אָרגאַנישער נאַטור געהערען פלאַנצען, חיות און מענשען.

די ארבייט, וואָס דער גאַנצער אָרגאַנישער קערפּער דאַרף דורכמאַכען, צוטיילט זיך צווישען די פערשיעדענע אָרגאַנען און יעדער אָרגאַן ערפילט נור א ט י י ל פון דער ארבייט. ווען מיר זאָלען א חיה אָדער א פלאַנצע צוטיילען אויף חלקים, וועט יעדער בעזונדערער חלק האָבען אַן אַנדער געשטאַלט. דער גאַנצער קערפּער וועט מוזען אונטערגעהן, אָבשטאַרבען אין דעם פאַל, ווען די אָבגעשניטענע אָרגאַנען האָבען ערפילט א וויכטיגע אויפגאַבע אין זיין פריהערדיגען עקזיסטענץ. די אָרגאַנען אַליין, ווידער, וועלען אויך מוזען אָבשטאַרבען, ניט האָבענדיג בכח צו טהאָן זייער ארבייט, וואָס זיי האָבען פריהער דאָרטען ערפילט מיט די איבעריגע אָרגאַנען.

די ניט אָרגאַנישע נאַטור ווערט אויך אנגערופען טויטע, אונבעוועגליכע נאַטור. די אָרגאַנישע — לעבעדיגע, בעוועגליכע נאַטור. פערשיעדענע מינעראַלען, שטיינער און מעטאַלען האָבען ניט בכח אַליין, מיט אייגענע קרעפטען זיך צו בעוועגען און קענען ניט אָהן דער הילף פון אַ מענשען, אַ חיה, אָדער אַנאַנדער אויסערליכער קראַפט פערנענדערען זייער געשטאַלט און זייער ארט. חיות אָדער מענשען קענען זיך יא בעוועגען און פערענדערען זייער געשטאַלט און אָרט דורך אייגענע אינערליכע קרעפטען. אויך פלאַנצען האָבען די

דאָ די קליינצינקע איינצעלנע אָרגאַניזמען און די פערשיעדענע מינים באַקטעריען. אין איין טראָפּען וואסער פון א שאַזעלקע ווימלען מיליאָנען־מיליאַסען אזוינע לעבעדיגע בעשעפעניששען פון פערשיע־דענע זאָרטען און געשטאַלטען.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס פון אייביג אָן האָט געגאָגט און געגריבעלט אין מענשען'ס דענקענדען מח א פערלאַנג צו בעקומען א בילד, א פאָרשטעלונג, ווי אזוי דיזע פערשיעדענע גע־שטאַלטען און פאָרמען זיינען ענטשטאַנען און זיך אויסגעבילדעט.

דער מענשליכער גייסט בענוגענט זיך ניט דערמיט, וואָס ער זעהט די פערשיעדענע זייטען פון דער נאַטור, וואָס ער ווייס, אַז איין מין חיות אָדער פלאַנצען אונטערשיידעט זיך פון א צווייטען מין, ער וויל אויך פערשטעהן, מיט וואָס איין מין אונטערשיי־דעט זיך פון צווייטען און ווי אזוי דיזע פערשיעדענע מינים זיינען ענטשטאַנען.

אום אָבער דאָס צו פערשטעהן, איז נויטיג אריינצוברענגען אין דעם גרויסען תהו ובהו פון די פערשיעדענע ערשיינונגען און זאכען, וועלכע מיר בעגעגענען אין דער נאַטור, א געוויסען סדר, אַ געוויסע סיסטעם, אַ געוויסע אָרדנונג. אַזוי ווי דער קרעמער, וועלכער האָט א סך זאָרטען ארטיקלען, לייגט זיי פערנאַנדער אויף פערשיעדענע פּאָליצעס און שטעלט זיי אויס אויף פערשיעדענע ערטער, כדי ער זאָל וויסען וואו יעדער ארטיקעל געפינט זיך, אַזוי מוז יעדער דענ־קענדער מענש, וועלכער וויל בעקומען א קלאָרען בעגריף פון אַלץ, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, קלאַסיפיצירען, דאָס הייסט איינטיילען אין קלאַסען און אבטיילונגען די ערשיינונגען פון דער נאַטור און פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען.

די ערשטע אויפגאַבע פון די נאַטור־פאָרשער, וועלכע האָבען גע־זוכט אריינצודרינגען אין דעם קדשי קדשים פון דער נאַטור, וואו עס ווערען געוועבט די פעדים פון דער פיעלפאַכיגער, פיעל־געשטאַל־טיגער בריאה, איז דעריבער געוועזן זי, די נאַטור, צו סיסטעמאַ־טיזירען, פערנאַנדערצוטהיילען אין הויפט־אבטיילונגען.

קודם כל האָט מען אלעס, וואָס עס געפינט זיך אין דער נאַטור, אָדער, בעסער, די נאַטור אַליין, צוטיילט אין צוויי טיילען: אין דער ניט אָרגאַנישער נאַטור און אין דער אָרגאַנישער.

די ענטשטעהונג פון מינים

(די פּרינציפּען פון ביאָלאָגיע)

די פערשיעדענאַרטיגקייט פון מינים. וואָס איז „ביאָלאָגיע“? די סיסטעמאַטיק אָדער קלאַסיפיקאַציאָן פון מינים. לינעע און זיין קלאַסיפיקאַציאָן. די פראַגע וועגען דער ענטשטעהונג פון מינים. לינעע'ס שטאַנדפּונקט. פאַקטען, וועלכע בעווייזען, אַז אַמאָל האָבען עקזיסטירט מינים, וועלכע עקזיסטירען היינט ניט. קיאוויע'ס לעהרען. די איינזייטיגקייט פון קיאוויע'ס לעהרען. לאַמאַרק און זיין טעאָריע. דער קאַמפּף צווישען קיאוויע און לאַמאַרק. דאַרווין'ס לעהרע. פאַקטען פון פערשיעדענע געביעטען, וועלכע בעשטעטיגען דאַרווין'ס לעהרע.

1.

דאָס לעבען, דער רוח חיים פון דער בריאה, ענטפּלעקט זיך פאַר אונז אין פערשיעדענערליי אַרטען, פאָרמען און געשטאַלטען. די אינזעקטען אַליין (די פערשיעדענע פליעגען, זשוקלעך, מוראַשקעס און ז. וו), שטעלען מיט זיך פאָר איבער אַ מיליאָן פערשיעדענע אַרטען, מינים, וועלכע פערקערפּערען אין זיך דאָס לעבענדיגעס פון דער וועלט. און די אינזעקטען בילדען נור איין קליינעם צווייג פון דעם לעבענס־בוים, וועלכער פערשפּרייט זיינע פערשיעדענע וואָרצלען, צווייגען און צווייגעלעך אין אַלע פערשיעדענאַרטיגע ווינקעלעך פון דער נאַטור: אויף דער ערד און אין דער לופט, ווי אין די ימים און מדבריות, אַזוי ווי אויף די הויכע בערג און די נידעריגע טהאָלען. דערצו דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז די לעבענדיגע בעשעפעניסען, וועלכע מיר קענען זעהען מיט אונזער פּראָסטער אויג, שטעלען מיט זיך נאָך ניט פאָר די גאַנצע בעלעבטע נאַטור. גאָר ניט אין'ם ערך אַ גרעסערע צאָהל ברואים ווי די, וועלכע מיר קענען זעהען, לעבען פערבאָרגען פון אונזערע אויגען. זיי זיינען אַזוי קליין, אַז מיר קענען זיי מיט אונזער ראיה פאַר קיין פאַל ניט משיג זיין. מיר מיינען

3-טע פארלעזונג

א. ש. זאַקס

די ענטשטעהונג פון מינים

(די פרינציפען פון ביאָלאָגיע)

— דאָס איז די „קיינאָזאָאישע ערא“, וואָס פערנעהמט ביז 25 טויזענד פוס פון דער דיקקייט פון דער ערד־קאָרע. אויף דיעזע אבטיילונג טיילט זיך אויף בעזונדערע עפּאָכען ווי די „טערטיער־צייט“ און די „קוואַרטערנער־צייט“. די „טערטיער־צייט“ אַליין האָט געדויערט מיליאָנען יאָהרען און טיילט זיך אין 3 בעזונדערע פעריאָדען „עאָצען“, „מיאָצען“, „פּליאָצען“. אין דיעזע „קיינאָזאָאישער ערא“ בעווייזען זיך שוין פאָסילען פון פערשיעדענע זויג־טהיערע. די עלטערע, פריהערע טיפען פון חיות און פּלאַנצען דערנעהענטערען זיך צו די איצטיגע, די מאַלוסקען, אויסטרען און אנדערע ווייכע ים־חיה׳לעך אין מושעלען זיינען שוין כמעט פון די זעלבע מינים ווי די היינטיגע. דאָס זעלבע אויך די פישען, די קאָראַלען, די ראקאָווינעס. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אין די ערשטע שיכטען פון דיעזער ערא זיינען אָט די אַלע מינים זעהר פערשיעדען פון די היינט עקזיסטירענדע, אָבער וואָס ווייטער און ווייטער דערנעהענטערען זיי זיך צו די אונז בעקאַנטע טיפען. אין די לעצטע שיכטען פון דער „טערטיער־צייט“, אין דעם „פּליאָצען“ געפינען מיר שוין מינים פון די היינטיגע אונזערע חיות, ווי שעפּסען, אָקסען, קעמלען, בער־ען, ציעגען א. ז. וו.

* * *

און דער מענש, אָט דער זויג־טהיער, וועלכער האָט אויף אַ געוויסער שטופע פון היסטאָרישען לעבען שוין אזוי ענטוויקעלט זיין גייסט, דאָס ער קען לעזען די אַלטע מצבות פון דער גרויער פערגאַנגענהייט און פאַר איהם ענטפּלעקען זיך די טיעפע פערבאָרגענישען פון די לאַנג־לאַנג אָבגעלעבטע צייטען — אָט דיעזער זויג־טהיער ערשיינט ערשט אויף דער ערד אין די סאמע לעצטע געאָלאָגישע עפּאָכען.

דער מענש איז ענטשטאַנען און האָט זיך בעוויזען אויף דער וועלט ערשט אין מיליאָנען־מיליאָנען יאָהרען נאָכדעם ווי די ערד האָט זיך בעדעקט מיט א האַרטער קאָרע און אויף איהר האָבען אָנגעהויבען צו בעווייזען זיך סמנים פון לעבען.


די צווייטע גרויסע אָבטיילונג פון דער געשיכטע פון דער ערד איז די „מעזאָזאאישע ערא“, וועלכע פערנעהמט ביז 40 טויזענד פוס פון דער דיקקייט פון דער ערד־קאָרע, און ענדיגט זיך מיט דער זאָגענאַנטער קאַלך־פּעריאָדע. דיעזע אָבטיילונג טיילט זיך אויך אויף בעזונדערע עפּאָכען, ווי די „טריאַס׳שע“, „יוראאישע“ און ז. וו. אין דיעזער ערא, אויסער דער פּאָרטזעצונג און פערבעסערונג פון די פריהערדיגע טיפּען געפינען זיך שוין אונגעהויערע מאַסען



פיגור 16. דער מילאָדאָן. אַ גיגאַנטישער זויג־טהיער פון די פּאָרהיסטאָרישע צייטען.


פון גיגאַנטישע און משונה׳דיגע רעפּטילען, ווי קראָקאָדילען, טשערעאפּכעס און ז. וו. אין די לעצטע שיכטען פון דיעזער ערא געפינט מען שוין סמנים פון פויגלען, נאָר דיעזע פויגלען זיינען מעהר עהנליך צו רעפּטילען איידער צו פויגלען. קיינע זויג־טהיערע האָבען אין דיעזער ערא זיך נאָך ניט געצייגט.

די דריטע גרויסע אבטיילונג אין דער געשיכטע פון דער ערד



פיגור 15. דאָס לעבען אויף דער ערד אין דער „מעזאָזאַאישער ערא“ מיט
מיליאָנען יאָהרען צוריק.


די ערד איז געווען בעדעקט מיט מורא'דיגע וועלדער פון אַלטע לאַנג־פערשוואונדענע מינים און טיפען פון גיגאַנטישע קאַמיש־און־מאָך־ביימער, פון וועלכע עס האָבען זיך אויסגעבילדעט די אונגעהויערע מאַסען פון שטיין־קויהלען. די „טרילאָביטען" זיינען צו יענער צייט שוין לאַנג פערשוואונדען, און די גאַנצע לופט פון יענער צייט איז געווען פול מיט דאָס גרילצען און זשומען פון מיריאַדען לאַנג פער־



פיגור 14. אַן „איכטיאָזאַור" און „פּלעזיאָזאַור". גיגאַנטישע ים־רעפּטילען פון דער יוראַסישער צייט.

שוואונדענע מינים פון אינזעקטען. די ביז אַהער שטומע ערד האָט זיך געלאָזט הערען דאָס ערשטע מאָל דורך די אונצעהליגע מאַסען זשוקעס, טאַראַקאַנעס און ד. ג. אין דער לעצטער עפּאָכע פון דער פּאַלעאָזאָאישער ערא, אין די זאָגענאַנטע „פּערמער"־שיכטען, הויבען זיך אָן בעוויזען סמנים פון רעפּטילען אָדער קריכענדיגע חיות, ווי שלאַנגען, יאַשטשערקעס און ד. ג.

דער ערד. אין איהרע ערשטע שיכטען, ביי 20,000 פוס דיק, האָט מען ניט געפונען קיין שפּור פון פיש. די עלטססטע חיות, וואָס זיינען דאָרטען געפונען געוואָרען אין גרויסע מאַסען — די „טרילאָביטען" (אַזעלכע מאָלוסקען און ים־ראַקעס אין מושעלען), זיינען שוין זעהר




פיגור 13. טרילאָביטען, אַזעלכע פערשטיינערטע ראַקעס, וואָס מען געפינט אין די עלטעסטע שיכטען פון דער ערד.

לאַנג פערשוואונדענע טיפּען. אין די וויטערדיגע שיכטען פון דיע־זער „פּאַלעאָזאָאישער" ערא, אין דער זאָגענאַנטער „סילוריען־עפּאָכע", האָט מען געפונען דיזעלבע טיפּען פון די אוראַלטע „טרילאָביטען" און פיעלע נייע מינים פון דער זעלבער גרופּע. אויך בעווייזען זיך די ערשטע אינזעקטען, עקדישען, און אם ענדע — די ערשטע פישען. העכער פון די „סילורישע" שיכטען ליעגען די „דעוואָנישע" שיכטען, און דאָ געפינען מיר שוין פערפליינצונגען פון פישען פון די עלטסטע טיפּען, בעדעקט מיט האַרטע שטיינערנע שופּען ווי מיט אַ פּאַנציר, דער חוט השדרה איז א וויכער פון כריאשטש אָדער כראָמשקע, ניט פון ביין. די ערשטע ראקעס־טרילאָביטען הויבען אָן פערשווינדען.

די „פּאלעאָזאָאישע" ערא פערענדיגט זיך מיט דער זאָגענאַנ־טער „קוילען־פּעריאָדע", וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א שיכט פון עטליכע און צוואַנציג טויזענד פוס דיק. דאָס איז געווען די צייט, ווען

פיגור 12. די שיכטען פון דער ערד ווי זיי האָבען זיך אָבגעלייגט איינע אויף די אנדערע אין דעם משך פון איהר מיליאָנען־יאָהריגע ענטוויקלונג. (געהענדיג פון אונטען ארויף).



צייט אין גרויסע מאַסען. ערשט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, ווי די וועלט פון פישען האָט זיך פערמעהרט אין טויזענדער נייע און הע־כערע מינים, הויבט מען אָן צו געפינען די ערשטע שפּורען פון חיות, וואָס קענען לעבען אי אין וואַסער, אי אויף דער יבשה, ווי זשאַבעס, סאַלאַמאַנדרעס, ד. ה., חיות, וואָס האָבען אָנגעהויבען ענטוויקלען אין זיך לונגען אנשטאט זשאַברעס, דעם אַפּאַראַט וואָס איז נויטיג פאַר איינאָטעמען די לופט אויף דער יבשה. און די געשיכטע איז צוגע־גאַנגען מיט דיעזע אַמפיביען, ווי זיי רופען זיך אין זאָאַלאָגיע, ווי מיט די פישען, און אזוי ווייטער מיט די טיפען העכער פון די אַמפי־ביען, די קריכענדע חיות און די פויגלען, און ווייטער מיט די זויג־טהירע. דאָס זעלבע איז אויך ריכטיג וועגען די פלאַנצען וועלט א. ז. וו.

9.

די גאַנצע געשיכטע פון דער ערד, אדער ריכטיגער געזאָגט, פון דער ערד־קאָרע, ווערט איינגעטיילט אין 5 גרויסע אָבטיילונגען; יעדע אבטיילונג אויף קלענערע עפּאָכען; די עפּאָכען ווערען וויע־דער צוטהיילט אויף נאָך קלענער עפּאָכען א. ז. וו. געוועהנליך, וועל איך צום שלום קורין זיך אָבשטעלען אויף די גאָר גרויסע אב־טהיילונגען און נור דערמאָהנען זייערע הויפּט־שטריכען.

די ערשטע אָבטהיילונג ביי 3500 פוס דיק, וואו מען האָט ניט געפונען קיינע שפּורען פון אָרגאַנישען לעבען, איז די סאַמע עלטסטע און האָט זיך אויסגעבילדעט מיט צעהנדליגע מיליאָנען יאָהרען צוריק. די לעצטע, די היינטיגע, וואו די אויסגעגראָבענע פערשטיינערטע חיות און פלאַנצען — צווישען זיי אויך דער מענש — געהערען אם מייסטען צו די מינים וואָס לעבען נאָך יעצט, איז נאָך גאָר יונג, ניט עלטער פון עטליכע הונדערט טויזענד יאָהר, און האַלט אין ענט־וויקלען זיך.

די איבריגע גרויסע אבטיילונגען זיינען פאָלגענדע: 1) די „פּאַלעאָזאָאישע“, 2) די „מעזאָזאָאישע“ און 3) די „קיינאָזאָאישע“.

די „פּאַלעאָזאָאישע“ ערא פערנעהמט כמעט א העלפט פון דער דיקקייט פון דער ערד־קאָרע און זי טיילט זיך אין בעזונדערע עפּאָ־כען, אין וועלכע עס האָבען זיך אָבגעלייגט פערשיעדענע שיכטען פון


ריאַלען פון קאַראַל־אינזלען און קאַראַל־ריפען א. ז. ו. ווי זשע וועט מען קענען בעשטימען, אז די אלע מאַטעריאַלען פאַר דער צו־קינפטיגע שיכטען פון פעלזען, פון אזעלכע פערשיעדענע טיפען, האָ־בען זיך געפאָרמירט אין איינער און דער זעלבער צייט?

דער מיטעל אויסצוגעפינען, וועלכע שיכטען זיינען עלטערע און וועלכע זיינען אינגערע — דאָס זיינען די פאסילען, די פערשטיינערטע איבערבלייבונגען פון חיות און פלאַנצען, וועלכע מען געפינט אין פערשיעדענסטע שיכטען פון דער ערד. שטעלט אייך פאָר, אז איהר וואָלט אריינוואַרפען אַ מעדאַליאָן מיט רוזוועלט'ס בילד אומעדום אין דיעזע אבזעצונגען, און דערפון וואָלט דער צוקינפטיגער היסטאָרי־קער, געפינענדיג אין דיעזע אלע פערשיעדענע פעלזען איינע און די זעלבע מעדאַליאָנען, שוין גאַנץ לייכט געקענט בעשטי־מען, אַז דיעזע אלע פעלזען און שטיין־מאַסען זיינען פון איין צייט און פון איין עלטער. אָט אַזאַ ראָליע שפּיעלען די אויסגעגראָבענע פערשטיינערטע פלאַנצען און חיות אין דער ערד'ס געשיכטע; די לאַנגזאַמע ענטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער וועלט צו אַלץ העכערע און מעהר ענטוויקעלטע פאָרמען, איז אזוי פעסט געשטעלט געוואָרען אין געאָלאָגיע, אז אויף דעם הערשענדען כאַראַקטער פון די פערשטיי־נערטע פלאַנצען און חיות, וואָס מיר געפינען אין די ערד־שיכטען, קען מען זיך פאָלקאָם פערלאָזען ווי אויף דעם בעסטען מיטעל צו בעשטימען זייער עלטער אין דער ערד־געשיכטע.

אין גאָר די אלטע פעלזען, פון 60 ביז 70 טויזענד פוס דיק, האָט מען ניט געפונען קיין ברעקעל שפּור אפילו פון א חיה מיט א רוקען־בוין אָדער חוט־השדרה. אין די העכערערע שיכטען, וואו מען טרעפט שוין יאָ אַמאָל אזעלכע חיות, זיינען זיי פון די סאַמע איינ־פאַכסטע טיפען. דאָס זיינען די ערשטע מינים פון פישען, פון וועל־כע קיין איינציגער מין, קיין איינציגע גרופּע געפינט זיך ניט אין היינ־טיגע וואַסערן. אויך זיינען די נייע טיפען חיות און פלאַנצען אין די ערשטע צייטען קנאַפּ אין צאָהל און איינפאַך ענטוויקעלט אין פאָרמע. ווייטער אין די העכערע שיכטען, אויב דער טיפּ האָט גע־פונען א גינסטיגען באָדען און גינסטיגע אומשטענדען פאַר זיין ענט־וויקלונג, ווערט ער דער הערשענדער כאַראַקטער־טיפּ פון דיעזע צייי־טען און מען געפינט זיי איבעראַל אין די פעלזען־שיכטען פון יענער

טערניישען, די וואולקאַנישע אויסברעכונגען, דער שטענדיגער, לאַנגזאַמער פּראָצעס פון אָבקיהלונג, וואָס געהט דאָך אימער פאָר — פיעל לאַנגזאַמער ווי אין די ערשטע מיליאָנען יאָהרען פון דער ערד־געשיכטע אבער דאָך איז ער דאָ — און קנייטשט און שרומפּט ווייטער די דיקע ערד־קאָרע — דאָס מאַכט, אז אין פיעלע פלעצער ווערען די שיכטען אויפגעהויבען, איינגעבונטען און צודרעהט אזוי, ווי מען וואָלט די שיכטען אוועקגעשטעלט פאַזע די וואַנד אנשטאט זיי לאָזען פערבלייבען אויפ׳ן פלאָר פלאַך און האָריזאָנטאַל.

שטעלט אייך פאָר א בוך 25 מייל דיק. אויב ער ליגט פלאַך, וואָלט איהר מעהר ווי דעם ערשטען בלאַט ניט געקענט זעהען, שטעלט אָבער אוועק דעם בוך אויפ׳ן רוקען און דאַן איז מעגליך איבערצוקוקען אלע בלעטלאך. אויף אזא אופן קען מען אָפט זעהן אויף דער אויבערפלעכע פון דער ערד די סאַמע פונדאַמענטאַלע פעלזען און די עלטסטע שיכטען, וואָס זיינען אָבגעלעגט געוואָרען מיט עטליכע הונדערט מיליאָן יאָהר צוריק.



פיגור 11. ערד־שיכטען, וועלכע זיינען אָבגעלעגט געוואָרען אין פערשיעדענסטע צייטען. זיי סטאַרטשען אלע ארויס אין דער הויך צוליעב פערשיעדענע איבערקעהרענישען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער ערד.

דער כאַראַקטער פון די פעלזען אליין איז ניט גענוג צו בעשטימען זייער עלטער, וואָרום שטיינער פון פערשיעדענסטע טיפּען ווערען געפאַבריצירט אין דער זעלבער צייט. נעהמט היינטיגע צייטען: אויפ׳ן דעק פון די טיעפע פלעצער אין די אָקעאַנען ווערט אָבגעזעצט קאַלך־שטויב, די צוקונפטיגע קאַלך־שטיינער און מאַרמאָר; אויף די ברעגעס ווערען שטענדיג אבגעלייגט גרעבערע און דינערע זאַמדען; דער מעקסיקאַנישער ים ווערט אָנגעפילט מיט א דינעם, פיינעם לוים פון די ארומיגע טייכען; גרויסע שטרעקעס ביי די ברעגעס פון דעם שטילען אָקעאַן, און דעם רויטען ים, ווערען בעשאָטען מיט מאַטע־

און צעהן טויזענד פוס הויך, זיינען אמאָל געווען די דעקען פון טיעפע אָקעאַנען. היינט ווי לאַנג האָט עס געדאַרפט דויערן אָבצוזעצען פון דעם קאַלך־שטויב און איינפּרעסען איהם אין מאַרמאָר און אנדערע קאַלך־פעלזען און אויפצוהויבען די פעלזען אויף אַזאַ הויך? עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אז דער אָבגעזעצטער מאַטעריאַל, וואָס די טייך נילוס, אין עגיפּטען, טראָגט אריין אין ים, איז ניט מעהר ווי ¼ פוס דיק אין א הונדערט יאָהר, ד. ה., 2½ פוס אין טויזענד יאָהר. היינט די אָבזעצונגען פון קאַלך, פון דעם דינינקען מושעל־שטויב געהט פיעל, פיעל לאַנגזאַמער, געווים ניט מעהר ווי איין צוועלפטעל פוס אין הונדערט יאָהר, אדער איין פוס אין 1200 יאָהר. אין אייניגע פלעצער דערגרייכען די קאַלך־פאָרמאַציאָנען א דיקקייט פון 5000 פוס, האָט דאָס דאָך אם מינדסטען געדאַרפט נעהמען 5 מיליאָן יאָהר.


דאָס זעלבע קען בעוויזען ווערען מיט דער פאָרמאַציאָן פון די מורא'דיגע שיכטען שטיין־קוילען אין דער ערד און הונדערט אנדערע פאַקטען, אויף וועלכע איך קען זיך דאָ ניט אָבשטעלען.

מאַנכע קענען שטעלען די פראַגע, ווי אזוי איז דאָס מעגליך געווען אויסצופאָרשען א דיקקייט פון 25 מייל? די טיעפסטע ערד־שניטען געפינען מיר אין קאָלאָראַדאָ, וואו די טייכעלאך האָבען ביםלעכווייז אויסגעגראָבען זייערע בעטען. קאָלאָראַדאָ ריווער פליסט אין מאַנכע פלעצער אין א גרוב פון 6000 פוס טיעף, וואָס דער טייך האָט זיך אויסגעגראָבען אין א משך פון פיעלע טויזענדער יאָהרען. קיי- טיעפערע ערד־שניטען, וואו מען זאָל זעהן, ווי אזוי די ערד־שיכטען זיינען אויסגעלעגט איינע אויף די אַנדערע, זיינען ניטאָ. — היינט בלייבט דאָך טאַקע די פראַגע: ווי האָט מען געקענט אויספאָרשען די ערשטע שיכטען וואָס דאַרפען ליגען 130 טויזענד פוס טיעף?

אויב די שיכטען וואָלטען פערבליעבען אין דער זעלבער לאַגע ווי זיי זיינען אָבגעזעצט געוואָרען פון וואַסער, איינע אויף די אַנדערע, וואָלט דאָס טאַקע געווען אונמעגליך פאַר אונז צו זעהען די טיעפערע און עלטערע שיכטען. די שיכטען אָבער בלייבען ניט רוהיג און פלאַך ליגען איינע אויף די אַנדערע; דער פּראָצעס פון דעם לאַנגזאַמען וויעגען זיך דאָ ארויף און דאָ אראָב פון פערשידענע פלעצער פון דער ערד, ווי מיר האָבען דאָס בעוויזען פריהער, די ערד־צי-

פעלזען, דער ים זאָל זיך פיעלע מאָל דאָ און דאָרט אויפהייבען און אראָבלאָזען, און די אלגעמיינע דיקקייט פון דער קאָרע פון דער ערד זאָל יעצט דערגרייכען אן אונגעהויערע גרעב פון 25 מייל.

אום צו געבען עטוואָס א גענויערען בעגריעף וועגען דער צייט, וואָס האָט זיך געפאָדערט אויסצובילדען דיעזע שיכטען פון שטיינער, וועל איך זיך אָבשטעלען אויף די קאַלך־בערג. די פערשיעדענע סאָרטען מאַרמאָר, דאָלאָמיטען א. ז. וו. געהערען צו די קאַלך־פעלזען. צו זיי געהערען אויך די קאַראַלען. אַלע קאַלך־פאָרמאַציאָנען און קאַלך־שטיינער בעשטעהען דורכאויס פון מיקראָסקאָפּישע מושעלען,



פיגור 10. אַ שטיקעל קרייד ווי מען זעהט איהם אונטער'ן מיקראָסקאָפּ. קרייד בעשטעהט פון זעהר קליינינקע מיקראָסקאָפּישע ראַקעס און זייערע מושעלען.

פון קליינינקע לעבעדיגע חיה'לעך; זיי שווימען יעצט אויך ארום אין גרויסע מאַסען אין די גרויסע אקעאַנען טויזענדער מיילען ווייט פון די ברעגעס. דיעזע מושעלען קלייבען זיך אויף די דעקען, אין די סאַמע טיעפסטע פּלעצער פון די אָקעאַנען. אויספאָרשענדיג יעצט די דעקען פון דעם אנטלאַנטיישען און דעם שטילען אָקעאַן, האָט מען ארויסגעשלעפּט פון די טיעפסטע פּלעצער, וואו דער ים איז פון 3 ביז 4 מיילען טיעף, א ווייכען קאַלך־שטויב. הייסט עס, אז אונזערע קאַלך־בערג וועלכע ציהען זיך מאַנכעס מאָל טויזענדער מיילען לאַנג

צוברעקעלטע שטיינער־מאטעריאלען אויף דער ערד; די מייסטע פון זיי זעצען אב די מאטעריאלען אדער אין ים, אדער אין די גרויסע אזערעס. וואו עס איז ווייניג רעגען, ווי אין די גרויסע וויסטעניש — סאהארא — קלייבט זיך אן די זאמד, וואס קומט פון די צוברעקעלטע קווארץ־שטיינער פון איהרע ארומיגע בערג אין גרויסע מאסען. ווען עס איז א מאנגעל אין רעגענס ביי אונז אויף א פאאר וואכען אין זומער, ווערען מיר דען ניט פערשטיקט פון דעם אנגעקליבענעם שטויב אין די גאסען? זעהענדיג ווי די ריעזיגע שטראמען פון טייכען טראגען שטענדיג אונזער ערד אין די ימים אוועק, קען מען בוכשטעבליך זאגען, אז אונזער ערד האלט אין איין מארשירען אין ים אריין.

עס איז אויסגערעכענט געווארען, אז די טייך מיסיסיפי אליין טראגט אריין יאהר־יעהרליך אין מעקסיקאנישען ים 812 ביליאן און 500 מיליאן פונט. דאס איז איבער 400 מיליאן טאן ערד. די טייך ראנא פליסט אריין אין דער אזערע זשענעווו (אין דער שווייץ) אנגעלאדען מיט ערד־בלאטע און פליסט ארויס פון דער אנדער זייט פון דער אזערע קלאהר ווי קריסטאל: דאס הייסט, זי האט אבגעזעצט דעם גאנצען ערד־מאטעריאל אויפ'ן דעק פון דער אזערע זשענעווא. און דערמיט פילט ביסלעכווייס די טייך ראנא אויס און הויבט אויף דעם דעק פון דער אזערע. דער ים הויבט אן צו פונאנדערסארטירען דעם מאטעריאל, וואס די לאנד־וואסערן האבען איהם געבראכט אלס א מתנה. די גראבערע מאטעריאלען און די דראבנינקע שטיינדעלאך וואס האבען זיך פון אזא לאנגער רייזע איבער דער ערד אבגעשליפען און זיינען געווארען קיילעכדיגע, זעצען זיך אב נעהענטער נעבען ברעג; דער דינערער זאמד ווערט פערטראגען צעהנדליגע מיילען ווייטער און ווערט אויך לאנגזאם אוועקגעלעגט אויפ'ן דעק; די גאר דיקע מאטעריאלען ווערען פערטראגען גאר ווייט פון ברעג און אם ענדע פלאסטערען זיי אויך אויס דעם ים, אוועקלייגענדיג שיכטען אויף שיכטען. די אונטערשטע און די עלטערע שיכטען ווערען פון דעם דרוק פון די אויבערשטע שיכטען אלץ מעהר איינגעפרעסט און פערהארטעוועט אין שטיינער. היינט קענט איהר זיך פארשטעלען ווי פיעל מיליאנען יאהרען עס האט געדארפט פאריבער געהן, ביז די אלע פערשיעדענע שיכטען זאלען פערוואנדעלט ווערען אין הארטע

אויב ניט די זעלבע, אויף שטויב צומאָלענע שטיינער, געמישט מיט וואַכער? וואָס זיינען די אויבערשטע שיכטען פון אונזערע פעלדער און וועלדער, אויב ניט די זעלבע צוברעקעלטע שטיינער, געמישט מיט די אָרגאַנישע שטאָפען פון פלאַנצען און חיות? וואָס זיינען די גרעסערע שטיקער פעלזען, וואָס וואַלגערען זיך ארום דעם פוס פון גרויסע בערג, אויב ניט גרעסערע אָדער קלענערע טהיילען פון דעם באַרג, וואָס האָבען זיך אָבגעבראָכען פון זיינע פעלזען און זיינען ארונטערגעפאַלען צו זיין פוס? קוקט זיך צו צו די שטיינערנע מצבות, מאָנומענטען און געביידעס, וואָס פאַר א צופוילטען אויס־זעהען זיי האָבען, וואָס עלטער זיי זיינען, מאַנכע אביסעל פריהער, מאַנכע אַביסעל שפּעטער, אָבער אלע פוילען און ווערען צוברעקעלט.

די אורזאַכען, וואָס ברענגען דיעזע ענדערונגען, זיינען פיעלע: די וואַסער, וואָס טריעפט דורך די קרעקס אָדער די פעלזען — שפּאַ־רונעס, ווערט פערפראָרען אין ווינטער און צוברעכט די שטיינער אזוי, ווי עס פּלאַצען די וואַסער־רעהרען אין די הייזער פון א פראָסט אין ווינטער; דערצו קומט נאָך די ווירקונג פון דער לופט, פון די ווינטען, פון דעם שנעלען איבערגאַנג פון היץ צו קעלט. רייזענדע אין די וויסטעניש, וואו ביי טאָג איז זעהר הייס און ביי נאַכט קאַלט, האָבען פיעלע מאָל געהערט ווי די פעלזען פּלאַצען און מאַנכעס מאָל געזעהען, ווי שטיקלעך שטיינער שפּרינגען אב פון די בערג. היינט די כעמישע ענדערונג, וואָס די וואַסער, די פייכקייט, דער זויער־שטאָף פון לופט, מאַכט אָן אין יענע טהיילען, אין יענע שטאָפען פון די שטיינער וואָס האָבען א כעמישע פערוואַנדשאַפט מיט זיי! וואָס זיינען די געלב־ליכע אָדער רויטע פלעקען, וועלכע איהר קענט אָפט בעמערקען אויף די שטיינערנע יוענט פון דעם בעסטען מאַרמאָר און גראַניט, אויב ניט די כעמישע פערבינדונג פון די אייזען־שטאָפען, וואָס זיי ענט־האַלטען מיט דעם זויער־שטאָף פון דער לופט?

פרעגט זיך דאָך: וואָס ווערט פון די אלע צוריסענע, צוברע־קעלטע און מאַנכעס מאָל אויף שטויב צוריבענע שטיינער? וואו טהוען זיך אהין די אלע מאַטעריאַלען? דער תירוץ איז: — די רעגענס און די שטראָמען וואַסער טראָגען דאָס אוועק אין די טייכען און ווערען מיטגעשלעפּט מיט זיי אין ים אריין. א טהייל פון די שטראָמען און טייכעלעך ווערען אויסגעטריקענט און זעצען אָב די

בעשאפען געווארען אין דער לאנגער געשיכטליכער צייט פון דער ערד און וועלכע שטעלען מיט זיך פאר א דיקקייט פון הונדערט טויזענד פוס*), אדער ביי 25 מייל, האבען א גאנץ אנדער אויסזעהען; זיי זיינען אלע געמאכט פון פלאסטען, אדער שיכטען, מאנכע ציהען זיך הונדערט און טויזענד מיילען, מאנכע גאנץ קורצע; מאנכע הונדערט פוס דיק, מאנכע אזוי דיק ווי א בויגען פאפיער, שיכטען, וואס ליגען איינע אויף די אנדערע. איהר קענט דאס דייטליך זעהען אויף די הויכע ברעגען פון טייכען אדער אזערעס; א שיכט פון שווארצליכערע אדער בלאסערע ווייכע ערד, דאן א פאס, אדער פאסען, פון פערשיעדענע זאמדען, לוים א. ז. וו. וואס בעדייטעט דאס? לאמיר זיך אויף א ווײלע אבשטעלען צו בעטראכטען די פעלזען אדער שטיינער, וועגען וועלכע די מייסטע פון אונז האבען דורכאויס פאלשע בעגריפע. פרעגט א דורכשניטליכען אינטעליגענטען פארמער, פון וואנען קומט דאס דער גרויכער שטיין אויף זיין פארם? און איהר וועט געוועהנליך קריגען דעם ענטפער: „דער שטיין האט דא אימער "געוואקסען" און וו א ק ס ט נאך יעצט אויך". אזוי ווי דער פארמער איז גאנץ וועניג פעראינטערעסירט אין דעם שטיין, האט ער זיך קיין מאל ניט פערטראכט, ווי אזוי וואקסען דאס שטיינער, און ווי קען דאס וואקסען א זאך, וואס לעבט ניט? דער אמת איז, אז דער שטיין, ווי אלע פעלזען און שטיינער אהן אויסנאהמע, וואקסען נור אין איין ריכטונג: זיי קומען אב און ווערען קלענער מיט יעדען יאהר, מיט יעדען מאנאט און מיט יעדען טאג אין יאהר. וואו איהר וועט זיך א קעהר טהאן זעהט איהר ארום זיך בעווייזע, ווי די שטיינער און פעלזען האלטען זיך אין איין צופאלען ווערען, זיי פוילען און ברעקלען זיך אימער און שטענדיג. וואס איז דער שטויב אויף אונזערע גאסען און וועגען, אויב ניט צוברעקעלטע שטיינער פון די ארומיגע בערג? וואס איז די בלאטע, וואו מיר טאפטשען זיך נאך א רעגען,

---

*) זאל דער לעזער ניט מיינען, אז אזא דיקקייט האט מען געפונען אין איין פלאץ. ס'איז אויסגעלעגט געווארען גענוג ארבייט פון טויזענדער געלעהרטע אויפ'ן געאלאגישען פעלד, ביז וואנען עס איז געלונגען צוזאמענצושטעלען דעם דיקען בוך פון דער ערד'ס געשיכטע, וועלכע איז צוזאווארפען איבער.דער גאנצער ערד, א בלעטעל דא, און א בלעטעל דארט.

וואָס ווערען ליכט פּערדאַמפּפט, ווי צוםביישפּיעל, קאָך־זאַלץ, זיינען פּערבליעבען אין דער ארומיגער לופט אין דער פאָרמע פון גאַזען.

מיט דער וויטערער אבקיהלונג פון דער ערד און, פאָלגליך, מיט איהר איינשריינקונג — יעדע אָבקיהלונג מאַכט די שטאָף מעהר צוזאַמענגעפּרעסט און איינגעשרונקען — האָט די קאָרע, אונטער דעם שווערען דרוק פון דער אָנגעפּילטער לופט פון אויבען, און דעם צוזאַמענציהען זיך פון דער ערד פון אינווענדיג, געמוזט שטאַרק זיך קנייטשען, ווי די קאָרע פון אן אלטען פּאָמעראַנץ, ווען זיין זאַפט פון אינווענדיג ווערט אויסגעזויבט און ער ווערט איינגעשרונקען. אזוי איז די קאָרע געוואָרען בעדעקט מיט טיעפע גרובען און העכערע פלעצער.

ווען די ערד איז נאָך מעהר אָבגעקיהלט געוואָרען האָט די אָבגעקיהלטע לופט ארום איהר אנגעהויבען אבזעצען אויף דער ערד די אונגעהויערע מאַסע וואַסער־דאַמפּף אין דער פאָרמע פון פליסיגע וואַסער, וועלכע האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט די לייכטערע זאַלצען אָדער שטאָפען וואָס פערהאַלטען זיך אין לופט ווי שטויב, און אנגעפילט די טיפערע קנייטשען אדער די איינגעזונקענע פלעצער פון איהר פלעכע. אזוי זיינען דאָס געוואָרען די ערשטע ימים מיט זייערע געזאַלצענע שטאָפען. מיליאָנען יאָהרען האָט דאָס געמוזט דויערען ביז די ערד איז אזוי ווייט אָבגעקיהלט געוואָרען און די קאָרע איז געוואָרען אזוי דיק, אז די אינווענינגסטע היץ האָט אויפגעהערט צו האָבען א ווירקונג אויף איה־ע אויבערשטע טהיילען. דיעזע דיקע קאָרע בעשטעהט דאָס פון באַזאַלטען, גראַניטען, גנייסען, פּאַרפירען, וועלכע הייסען אין געאָלאָגיע די פונדאַמענטאַלע אָדער פרימיטיווע פעלזען; אזעלכע פעלזען און גאַנצע בערג פון טויזענדער פוס הויך ווערען יעצט אויך פּראָדוצירט דאָ און דאָרט אויף דער ערד און זיינען פּראָדוצירט געוואָרען אין אלע צייטען פון דער ערד'ס געשיכטליכע פּעריאָדען, דורך איהר וואולקאַנישע טהעטיגקייט, דורך די אבקיהלונג פון די צושמאָלצענע שטיין־מאַסען, וואָס רייסען זיך ארויס אין פערשיעדענע פלעצער, דורך די טיעפע ערד־שפּאַלטען. דיעזע פעלזען האָבען אדער א קריסטאַלענעם, אדער אמאָל א גלעזערנעם אויסזעהען אם מייסטען געמישט פון פערשיעדענע קריסטאַלען, גרעסערע און קלענערע, אין א גלעזערנער מאַסע.

די אלע אנדערע פעלזען מינעראַלען און בערג, וועלכע זיינען

בעללא שענקען דעם אוניווערסיטעט פון פּוזואָלי א שטיק לאַנד — „וואו דער ים ווערט אויסגעטריקענט". און נאָך מעהר. אין 1828, ווען לייעלל האָט דעם געגענד גענוי אויסגעפאָרשט מאָנאַטען לאַנג, איז דער פונדאַמענט פון דעם טעמפּעל אין גאַנצען געווען אויף דער יבשה. אין די קנאַפּע הונדערט יאָהר פון יענער צייט ביז יעצט האָט זיך דער ברעג ווידער ארונטערגעלאָזט 2 אדער 3 פוס אזוי, אז יעצט איז דער פלאָר אָדער די פּאָדלאָגע פון דעם טעמפּעל אין גאַנצען אונטערן וואַסער.


7.

די געשיכטע פון דער ערד הויבט זיך אן פון די צייטען, ווען עס האָבען זיך בעוויזען די ערשטע שפּורען פון לעבען, פון די איינפאַכסטע מינים חיות, וועמעס פערשטיינערטע פאָרמען מיר הויבען אָן צו טרעפען אין די עלטסטע פעלזען.

די ערד, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין אונזער זונען־סיסטעם*), האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א פייערדיגע מאַסע פון צוגליהטע און צושמאָלצענע מינעראַלען, וועלכע איז מיליאָנען יאָהרען געפלויגען מיט איהר אונגעהויערער געשווינדקייט אין אונענדליכען וועלט־רוים ארום דער זון. ווי פיעל מיליאָנען יאָהרען עס זיינען פערביי געגאַנגען זינט די ערד האָט זיך אנגעהויבען אבקיהלען און פערציהען זיך מיט א האַרטע שטיינערנע קאָרע ביז צום אנפאַנג פון איהרע געשיכטליכע צייטען, ד. ה., ביז די ערשיינונגען פון אָרגאַניזמען, וועלכע האָבען אין זיך א סמן פון לעבען, איז אונמעגליך גענוי צו וויסען. פיעלע מאָל האָט זיך די ערשטע דינע קאָרע געמוזט צושפּאַלטען, צופאַלען און ווידער צושמאָלצען ווערען, און ווייטער אָבקיהלען זיך, ביז וואַנען זי האָט זיך פערצויגען מיט א דיקערע קאָרע וואָס איז פערבליבען אויף שטענדיג. די היץ פון אינווענינג האָט א לאַנגע צייט געמוזט האַלטען די קאָרע אין אַזאַ הויכער טעמפּעראַטור, אז וואַסער און פיעלע פון אַנדערע שטאָפען

*) וועגען דער אויסבילדונג פון דער ערד און פון אנדערע פּלאַנעטען פון אונזער זונען־סיסטעם זעה די ערשטע פאָרלעזונג — „די ענטשטעהונג פון דער וועלט".

2000 יאָהר האָט זיך דער ברעג ים ארום נעאַפּאָל ארונטערגעלאָזט און צוריק אויפגעהויבען אויף 20 פוס.



פיגור 9. די חורבות פון טעמפּעל יופּיטער־סעראַפּיס אין דרום איטאַליען. די אויסגענאַגטע שטיקער אין די זיילען בעווייזען, אַז אַ לאַנגע צייט זיינען זיי ביז העלפט געווען איינגעזונקען אין וואַסער. איצט שטעהען זיי הויך איבער'ן וואַסער.

עס איז פערבליבען א היסטאָרישער דאקומענט פון 1503 יאָהר, געשריבען אין איטאַליענישער שפּראַך, וואו פערדינאַנד און איזאַ־

געהט שוין אָן פון א לאַנגע צייט, ווייל מען האָט געפונען אין די טיעפע גראָבונגען פון דעם ברעג אַלטע וועלדער. אזעלכע אַלטע בעגראָבענע וועלדער האָט מען אויך געפונען ביים ענדע פון דעם טייך מיסיסיפּי. א הונדערט מייל פון סענדי־הוק האָט מען געפונען ציהען זיך דעם אַלטען גרונט־אָדער, דעם אַלטען דעק פון האָדסאָן ריווער. דאָס צייגט. אז דער ברעג פון ניו יאָרק, וואו דער טייך האָדסאָן האָט אריינגעגאָסען זיינע וואַסערן אין ים, איז אמאָל געווען פיעל העכער ווי איצט, וואָרום יעדער טייך הערט דאָך אויף צו גראָבען זיין דעק, וואו ער דערגרייכט נור דעם ים.

דער בעסטער בעווייז פון דער שטענדיגער אויפהויבונג און ארונטערלאָזען זיך פון געוויסע טהיילען פון דער ערד, איז פון דעם טעמפעל בעראַפּיס, אין איטאַליען, אַרום נעאַפּאָל. דער טעמפעל איז געבויט געוואָרען ניט וועניגער ווי מיט 2000 יאָהר צוריק. אין דעם טעמפעל האָט מען געפונען פּראַכטפאָלע מאַרמאָרנע טאַבעלען מיט שריפטען פון די צוויי רוימיישע קעניגע סעפּטימוס אין אַלעקסאַנדער סעווערוס, וועלכע האָבען געלעבט מיט 1700 יאָהר צוריק. לייעל האָט אונטערזוכט דעם גאַנצען געגענד פון וואָלי, וואו דער טעמפעל האָט זיך געפונען. פון איהם אליין איז פערבליעבען נור דער פונדאַמענט און די מאַרמאָרנע קאָלאָנעס איבער פערציג פוס הויך. זיי שטעהען נאָך איצט אביסעל איינגעבויגען צום ים צו. אונטען, 12 פוס פון דער ערד, זיינען זיי גאַנץ גלאַט; איבער די 12 פוס ציהט זיך א פּאַס ארום און ארום, וואָס איז דורכאויס אויסגעלעכערט פון אַזאַ מין ים־אויסטריצע — ליטאָדאַמוס — וואָס לעבט יעצט אויך אין דעם נעאַפּאָליטאַנישען ים, וואָס זייער טבע איז, דורכצולעכערען שטיינער. אויף דעם דעק פון דיעזע לעכער אין די קאָלאָנעס פון דעם טעמפעל געפינט מען נאָך די מושלען אדער ראַקאָווינעס פון דיעזע ים־חיה׳לעך. דאָס צייגט, אהן צווייפעל, אז די קאָלאָנעס זיינען א לאַנגע צייט געשטאַנען 20 פוס טיעף אין ים, וואו דיעזע אויסטריצען האָבען זיי דורכגעגבערט, ווי זיי טהוען עס געוועהנליך. די ערשטע 12 פוס זיינען געווען בעדעקט מיט זאַמד און וואולקאַנישע פּראָדוקטען דערפאַר האָבען צו זיי דיזע חיה׳לעך ניט געקענט צוקומען און זיי האָבען נור בעלאַגערט די אונבעשיצטע 9 פוס פון די קאָלאָנעס. די איבריגע 20 פוס הויך זיינען זיי ווייטער גלאַט. דאָס בעוויזט, אז אין דיעזע

רער געאָלאָגיע—זיינען די הויפּט שטערונגען צו בעגרייפען די גייע ווי־סענשאַפט: ערשטענס, דער אַלגעמיינער איינדרוק פון אַן אויביגער אונ־פערענדערליכקייט פון די גרויסע בערג, טייכען און ימים, און צווייטענס, אונזער בעשרענקטער בעגריעף פון צייט, ווען מיר פערזוכען צו מעסטען דעם דויער פון דער ערד׳ס געשיכטע פון מיליאָנען און מיליאָנען יאָהרען מיט דער מאָס פון צייט פון אונזער אייגענעם לע־בען און אפילו פון דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע.

שטעלט אייך פאָר, אַז די זומער־פויגעלעך אָדער פיעלפאַר־ביגע שמעטערלינגע, וואָס זייער לעבען איז איין איינציגער זומער־טאָג, וואָלטען געהאַט אונזער פאָרשטעלונג און דיינקונגס־קראַפט, — וואָס פאַר א בעגריעפע וואָלטען זיי דאַן געהאַט פון דער אונענדליכער גרויסקייט פון די גאָרטענס און פעלדער, וואו זיי פליהען און טאַנצען אַרום זייער גאַנצען לעבען — דעם לאַנגען העלען זומער־טאָג? וואָס פאַר א בעגריעפע וואָלטען זיי געהאַט פון דער אויביגקייט פון די הימעל־הויכע גיגאַנטישע בוימער און פון דעם גאַנצען אויסזעהען פון דער ערד?

עס איז בעוויזען געוואָרען, אז די ערד, אויסער דעם, וואָס זי ווערט אין מאַנכע פלעצער פלוצלונג אויפגעהויבען דורך ערד־ציטער־נישען און אויסברעכען פון וואולקאַנען, בעוועגט זיך, אדער בעסער און ריכטיגער געזאָגט, וויעגט זיך. אין אייניגע פלעצער לאָזט זי זיך לאַנגזאַם ארונטער און אין אייניגע פלעצער הויבט זי זיך אויף אזוי לאַנגזאַם, אז די וואָס וואָהנען אויף איהר קענען דאָס ניט בעמערקען. אין שוועדען, וואו עס זיינען געמאַכט געוואָרען פון לייעל׳ן און פיעלע אנדערע אויסגעקריצטע צייכענס אין די בערג־פעלזען פון דעם באַל־טיישען ים, האט מען אויסגעפונען, אז אין 100 יאָהר האָט זיך דער סאַמע נאָרד־ברעג, מיט די צייכענס, אויפגעהויבען 7 פוס, דער מי־טעל־פונקט פון דעם סקאַנדינאַווישען האַלבען־אינזעל — איז געבלי־בען רוהיג און דער זיד־טהייל זינקט ארונטער אין דעם באַלטישען ים. אויף מערב־זייט פון דעם אינזעל גרינלאַנד, האָט מען אונטער׳ן ים געפונען אלטע געביידעס. אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט זינקט די זייט אונטער׳ן ים אַזוי בעדייטענד, אַז אפילו די דאָרטיגע איינוואוי־נער האָבען דאָס בעמערקט. ביי אונז אין ניו־דזשערזי לאָזט זיך אַרונ־טער דער ברעג ביי אַ צוויי פוס אין אַ הונדערט יאָהר און דאָס זינקען

צו זוכען אין דער פערגאנגענהייט קרעפטען אנדערע פון די קרעפטען וואָס ווירקען יעצט און ענדערען דעם פנים פון דער ערד. אין די טאָג־טעגליכע ווירקונג פון לופט, פון ים, פון דער ערד גופא וואָס מיר קענען גענוי יעצט שטודירען, אין דעם רעגען, אין די טייכען, אין דעם שטענדיגען צוברעקלען זיך פון די בערג, די טאלען און די ים־ברעגען, זוכט די ערקלערונג פון דער פערגאנגענהייט פון דער ערד". אין דער עקאָנאָמיע פון דער נאַטור, — זאָגט ער אין אן אנדער אָרט — קען ער ניט געפינען קיינע שפורען פון אן אָנפאַנג און קיינע אויסזיכטען פון אן ענדע. די האָטטאָניסטען, אָדער וואולקאניסטען האָבען געלעבט אין ענגלאנד אין דער צייט ווען מען האָט דאָרט געציטערט פאר די ערפאָלגען פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן, די דערשראָקענע בורזשואזיע האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט פאַר די זיילען פון דער קירכע אַלס אַ זיכערע בעשיצונג געגען רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, און דעריבער האָט מען די בויער פון דער נייער געאָלאָגיע שטאַרק אונטערדריקט און פערפאָלגט.

.6

איבערגעהענדיג פון דעם קורצען איבערבליק איבער דער לאנגזאַמער ענטוויקלונג פון געאָלאָגיע ביז זי איז געוואָרען אַ ריינע וויסענשאַפט צו דער געשיכטע פון אונזער ערד ווי ווייט מיר ווייסען זי יעצט, וועל איך, זעלבסט פערשטענדליך, מוזען זיך בעגנוגענען צו ברענגען נאָר איינע פון דעם אונגעהייערען ים פון פאקטען און גענויע פאָרשונגען וואָס זיינען אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט געמאַכט געוואָרען אויף דיעזען געביעט. איך וועל זיך אָבשטעלען נור אויף איינע פונקטען וואָס איך רעכען פאר די וויכטיגסטע אום פעסטצושטעלען די הויפט־אידעען מיט וועלכע די געאָלאָגיע האָט געהאָלפען אַריינצוברייגען אן איבערקעהרעניש אין אונזערע אַלטע פאָרשטעלונגען, אין אונזער אַלטער אַרט דיינקען און גלויבען.

אויסער די שטערונגען וואָס די אָרגאניזירטע מאַכט פון דער קירכע, וועמעס דירעקטע עקאָנאָמישע אינטערעסען פאָדערען אויפצוהאַלטען די הייליגע פערעהרונג פון די אלטע גלויבענס און פערשימעלטע אויטאָריטעטען, האָט געמאַכט דער נייער רעוואָלוציאָנע־

מען קען זאָגען, אַז די ערשטע וועלכע האָבען אַוועקגעלייגט דעם פעסטען און ריכטיגען פונדאמענט פון דער היינטיגער, אמת־וויסענשאַפטליכער געאָלאָגיע — דאָס זיינען ה אָ ט־ ט אָ ן און פּ ל י י פ ע ר, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט זייער גאַנצען לעבען מיט די פעלזען־מאַטעריאַלען און די ערד־שיכטען, און ס מ י ט ה, וועלכער האָט זיך אָבגעגעבען מעהר מיט שטודירען די אויסגעגראבענע מינים חיות. האָטאָן פון עדינבורג האָט געענדיגט אַלס דאָקטאָר. נאָר בעזיצענדיג אַ קליינע אריכע ירושה וואָס האָט איהם פערזיכערט מיט לעבענס־מיטעל, האָט ער זיך ענטזאגט פון פּראַקטיקע און האָט זיך אָבגעגעבען מיט געאָלאָגיע. אין 1785טען יאָהר האָט ער געפונען זיכערע בעווייזע פאר זיין וואול־קאַנישער טעאָריע. ער האָט געפונען אין דער געגענד פון גלענטילט אָדערען פון גראַניט, וואָס האָבען זיך דורכגעשניטען אין פיעלע פלע־צער דורך די דיקע שיכטען פון קאַלך־שטיינער — וואָס האָט אַזוי קלאָהר און בולט בעוויזען ווי די צושמאָלצענע לאַווע פון גראַניט־שטיינער האָט זיך אַריינגעגאָסען אין די שפּאַלטען פון די קאַלך־שטיינער !*) געפינענדיג דיעזע גראַניט־אָדערען אין די קאַלך־שטיי־נער, איז ער געוועזען אַזוי ענטציקט פון פרייד, אַז די ארבייטער, זיי־נע בעגלייטער, האָבען געמיינט, אַז ער האָט געפונען גאָלד־ און זיל־בער אָדער־ען. האָטאָנ׳ס וויכטיגקייט אין געאָלאָגיע בעשטעהט ניט אין דעם, וואָס ער האָט בעוויזען די פאַלשקייט פון ווערנער׳ס לעה־רע וועגען די עלטסטע שטיינער ווי די באַזאַלטען, די גראַניטען און ז. וו. זיין וויכטיגקייט בעשטעהט אין דעם וואָס ער איז געוועזען דער ערשטער וואָס האָט אין זיין בוך „די טעאָריע פון דער ערד“, אנגע־צייגט דעם ריכטיגען וועג פאר אן אמת וויסענשאַפטליכער פאָרשונג פון די ענדערונגען פון דער ערד. „געננג“, זאָגט ער, „צו בעשעפ־טיגען זיך מיט פראַגען פון וואַנען נעהמט זיך די וועלט, און גענוג

*) מיר וועלען שפּעטער געבען אַ קורצען בעגריעף וועגען דעם, פון וואַנען עס נעהמען זיך די קאַלך־בערג. יעדענפאַלס די פּעריאָדע, וועלכע טראָגט אין געאָלאָגיע דעם נאָמען „די קאַלך־פּעריאָדע“ איז געקומען ביי א הונדערט מיליאָן יאָהר שפּעטער ווי די פּעריאָדע ווען די ערשטע גראַניטען שטיינער און באַזאַלטען א. ז. וו. האָבען זיך פאַרמירט.

פון אנדערע טיילען אין אייראָפּא אויסער די סאַקסאָנישע בערג. ער איז געווען אַ גאַנץ גוטער מינעראלאָג, אָבער אַ שלעכטער געאָלאָג. לייעלל האָט בעוויזען, אַז אפילו אין זיינע סאקסאנישע בערג האָט ער געמאַכט פיעלע פעהלערן אין דעם סדר און אין דעם פאנאנדערגלידערן פון זייערע פערשידענע שיכטען. מען קען איהם אויך ניט פערצייהען זיין פאנטאסטיישע לעהרע וועגען דעם אורשפרונג פון באזאלטען, גנייסען א. ז. וו. — ווייל אין זיין צייט האָבען פיעלע פאָרשער אין געאלאגיע און אין פערשיעדענע לענדער בעוויזען מיט געוויסטע פאקטען, אַז זיי שטאַמען פון וואולקאנען אָדער פון אַ צושמאָלצענעם צושטאַנד: אין אויסלאנד, אין אָווערן, אפילו אין דייטשלאַנד, אין העססען, אין רייננאו, אין פראַנקרייך, אין וויווריי, אין וועליו, איז בעוויזען געוואָרען אז אָט די זעלביגע־שטיין־מאַסען בעקומען זיך אויך אין היינטיגער צייט פון דער וואולקאַנישער אויסגיסונג פון לאַווע אָדער צושמאָלצענע שטיין־מאַסע, וועלכע ווערט דערנאָך אָבגעקיהלט און פערגליווערט.

אין 1779, עטליכע יאָהר נאָך דעם ווי ווערנער איז ערהויבען געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר אין פרייבורג, האָט דער פראנצויזישער געאָלאָג פוזשאָ אָבגעדרוקט א גענויע בעשרייבונג פון די וואולקאַנען אין וויוורײ, און ער האָט דא געצייגט ווי שטראָמען פון באזאלט האָבען זיך אַרויסגעגאָסען פון פיעלע פון זיי, דאָס זיינען אַלץ געוועזען פרישע וואולקאַנען ווערמעם קראַטערס*) האָבען זיך געפונען אין א פאָלקאָמענער, גאנצער פאָרמע. דאָס אַלעס בעוויזט ווי אונריכטיג עס איז ווערנערס לעהרע וועגען די ענטשטעהונג פון די פעלזען און שטיין־מאַסען. אָבער, ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט אם ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט, ווען לייעלל איז געבאָרען געוואָרען, ווערנערס לעהרע זיך פערשפרייט איבער גאַנץ אייראָפּא. אפילו אין ענגלאנד וואו האָטטאָן האָט אין 1788טען יאָהר אָבגעדרוקט זיין בעריהמטעס ווערק „די טעאָריע פון דער ערד“, האָבען זיך געפונען פיעלע הייסע ווערנעריסטען אָדער נעפּטוניסטען.

*) אַ „קראַטער“ הייסט די אויבערשטע לאָך פון א וואולקאַן, אָדער פייערשפייענדיגע באַרג, דורך וועלכער עס פליסט ארויס די „לאַווע“, ד. ה., די צושמאָלצענע מינעראַלען.

וואַסער־שולע, דעם דייטשען פּראָפעסאָר ווערנער, און ה א ט ט א־נ י ס ט ע ן נאָך דעם נאָמען פון דעם ענגלישען געאָלאָג דשיימס האטטאָן. אין 1755 איז ווערנער ערוועהלט געוואָרען אַלס פּראָפעסאָר פון מינעראלאָגיע אין פרייבורג, סאקסאָניען. דיעזער ווערנער, דער פאטער פון דער וואסער־טעאָריע איז אַליין געווען א פייערדיגער רעדנער, אַ גרויסער ענטוזיאסט, אַ מאַן פון אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און בכלל אַ מאַגנעטיישע פערזענליכקייט. טויזענדער שילער פון אלע טיילען פון אייראָפּא זיינען אָנגעקומען אין פרייבערג הערען זיינע פאָרלעזונגען און זיי זיינען נאָכהער פערבליבען זיינע הייסטע תלמידים. ער האָט געלערנט, אַז די „באַזאַלטען“, „גנייסען“ און „גראַניטען“ — די פונדאַמענטאַלע אָדער פּרימיטיווע שטיין־מאַסען, וועלכע בילדען אויס די ערשטע פאָרמאַציאָנען פון דער ערד און וועלכע די אנדערע געאָלאָגען האָבען שטענדיג גערעכענט פאר ג ו ס ־ ש ט י י נ ע ר, ד. ה. שטיינער וואָס זיינען צוליעב דער אַמאָליגער שרעקליכער היטץ געווען אין א צושמאָלצענעם פליסיגען צושטאַנד און דערנאָך זיינען זיי ביסלעכווייז אָבגעקיהלט און פערגליווערט געוואָרען, — האָט ער, ווערנער, געלערנט, אַז דיעזע שטיין־מאַסען זיינען ניט קיין אָבגעקיהלטע און פערגליווערטע גוס־שטיינער, ד. ה. זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען אין אַ צושמאָלצענעם, פליסיגען צושטאַנד, נאָר זיי האָבען זיך פשוט אָבגעזעצט פון די אוראַלטע ימים.

און געשעהען איז דאָס — לויט ווערנער'ס לעהרע — אויף דעם פאָלגענדען אופן. דאָס וואסער, וועלכע האָט אין די אוראַלטע דורות בעדעקט די ערד, איז געווען שרעקליך זודיג. איהר טעמפּעראַטור איז געווען אַזוי הויך, דאָס אַלע מינעראַלען זיינען אין איהר געווען פאַנאַנדערגעלאָזען, ווי עס ווערט פאַנאַנדערגעלאָזען אין וואַסער צוקער אָדער זאַלץ. און שפּעטער, ווען די אוראַלטע ימים האָבען אָנגעהויבען זיך אָבקיהלען, זיינען דאָס די „באַזאַלטען“, „גנייסען“ און „גראַניטען“ די ערשטע אָבגעזעצט געוואָרען אויף'ן דעק.

ווערנער איז געווען מעהר פּאָעט ווי וויסענשאַפטס־מאַן. פון זיין גאַנצער לעהרע איז ניט פערבליבען קיין שריד ופליט. ווערנער האָט ווייניג געדייזט און גאנץ ווייניג געשטודירט די בערגיגע געגענדען

פראַגען, וואו זיי האָבען אפילו די בעווייזע ניט געקענט ריכטיג פערשטעהן און אָבשעצען. נאָך פאר הונדערט יאָהר אידער לייעלל איז געבאָרען געוואָרען, איז אין איטאַליען וואַליסנערי און זיינע נאָכפאָלגער מאָראָ און הזשענערעלי, ארויסגעטראָטען מיט דער מיינונג, אז די אינטערעסען פון רעגיליאָן און פון וויסענשאַפט לײדען ביידע פיעל פון דעם, וואָס מען מישט צוזאַמען די הייליגע שריפטען מיט פראַגען פון נאַטור־פילאָזאָפיע. און ער מיט זיינע נאָכפאָלגער האָבען בייגעטראַגען פיעל נייע אַרבייטען און פאָרשונגען אין געאָלאָגיע.

אָבער די ברייטע מאַסען, דאָס אלגעמיינע פובליקום, איז נאָך אפילו אין לייעלל'ס צייטען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די פאָרשטעהער פון דער קירכע און שטאַרק אנגעהויכט מיט פעראורטיילע געגען פרייע פאָרשונגען אין געאָלאָגיע.

5.

אין מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען די געאָלאָגען ביסלעכווייז אויפגעהערט צו בעשעפטיגען זיך בלויז מיט ווילדע טעאָריען און פאַנטאַסטישע ספעקולאַציאָנען. זיי האָבען זיך גענומען מעהר צו דער ריכטיגער אַרבייט פון אויספאָרשען די מאַטעריאַלען און קלאַסיפיצירען די מינעראַלען, די פעלזען, די בערג, די טהאָלען, די אויסגעגראָבענע חיות א. ז. וו. זיי האָבען פערפערטיגט די ציעגעל און צוגעוואָרפענע בוי־מאַטעריאַלען פאר'ן טעמפעל פון דער ריכטיגער וויסענשאַפט, וועלכע איז פראַכטפאָל אויפגעבויט געוואָרען אין דעם 19טען יאָהרהונדערט פון לייעלל'ן ביז היינט.

די ווילדע און פאַנאַטישע אַטאַקען פון דער קירכע זיינען אַביסעל איינגעשטילט געוואָרען.

אויסערדעם האָט צו יענער צייט אויסגעבראָכען אַ גרויסע מחלוקה, צווישען צוויי געגנערישע געאָלאָגישע שולען און דאָס האָט אָבגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אלטען קריעג צווישען דער קירכע און וויסענשאַפט ; די צוויי שולען זיינען געווען די „נעפטוניסטען“ און די „וואולקאַניסטען“, די וואַסער־שולע און די פייער אָדער וואולקאַנען־שולע ; די ערשטע האָבען זיך אויך גערופען י ו ע ר נ ע ר י ס ט ע ן נאָך דעם נאָמען פון דעם גרינדער פון דער

ווערק: „דיאַמאָנטען, קריסטאַלען און פּערשטיינערטע אָרגאַניזמען אין די האַרטע פעלזען“, בעוויזען, אז ער האָט אַנאַטאָמיזירט אַן אַקולע (הייפיש), וואָס מען האָט ניט לאַנג צוריק געפאַנגען אין דעם מיטעלענדישען ים, און האָט געפונען, אז איהרע ציין און איהרע ביינער זיינען די זעלבע ווי ביי די אויסגעגראָבענע חיות אין טאָסקאַנו. דאָס גלייכען געהערען אויך די אויסגעגראָבענע אויסטערס צו די זעלבע מינים, וואָס לעבען איצט אין ים. דער זעלבער סטענאָ, האָט דער ערשטער בעוויזען, אז מיט דער הילפע פון די אויסגעגראָבענע חיות איז מעגליך צו וויסען, צי די לאַנד און די בערג זיינען אמאָל געווען דער דעק פון א ים, אדער פון אָזערעס און טייכען, וואָרום די חיות, וואָס לעבען אין די געזאַלצענע ים־וואַסערן אונטערשיידען זיך פון די מינים וואָס לעבען אין פרישע וואַסערן. שטאַרקע ארגומענטען! אבער וואָס העלפען ארגומענטען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען רעטען די הייליגע ביבעל! די קירכע פון אַלע שאַטירונגען האָט זיך אריינגעוואָרפען אין א העפטיגען קאַמפּף געגען דיזע אַפּיקורסישע לעהרען. אפילו שוין אין 1859טען יאָהר, האָט די קירכע אויפגעהויבען א געוואַלד געגען האַרווין’ס בוך, טאָ קענט איהר זיך שוין פאָרשטעלען, ווי אזוי זי האָט בעגעגענט דיזע אפיקורסים מיט דריי־פיער הונדערט יאָהר צוריק.

דער אַלטער קאַמפּף צווישען רעליגיאָן און וויסענשאַפט, צווישען דאָגמאַטישע אונוויסענהייט און דער פרייער, עהרליכער זוכעניש פון וואַהרהייט, האָט זיך שטאַרק און העל פונאַנדערגעברענט. פּראָטעסטאַנטען און קאַטאָליקען צוגלייך, האָבען גענומען שליידערען דונערן און בליצען געגען די וואָס האָבען געוואַגט צו צווייפלען אין נח’ס מבול־טעאָריע. אין דעם משך פון צוויי הונדערט יאָהר צייט נאָך פראַקאַסטאָראָ און סטענאָ איז ניט געמאַכט געוואָרען קיין פערזוך פאָרצוזעצען זייערע פאָרשונגען. די מייסטע פון די שוואַכערע וויסענשאַפטס־מענער האָבען געזוכט צו בויען קאָמפּראָמיס־טעאָריען צווישען דער ריינער וואַהרהייט און די אַלטע ביבלישע לעהרען אום צו פערגלעטען דעם קאַמפּף. עס האָבען געוויס ניט געפעהלט בראַווע קעמפּפער פאַר דער זאַך פון דער ריינער און אמת’ער וויסענשאַפט, וואָס האָבען זיך ווענינ געקימערט וועגען די געשרייען פון די עם הארצים, וואָס האָבען זיך גענומען דאָס רעכט צו אורטיילען אין

דעם העכסטען פלאַין אין קונסט און וויסענשאַפט. אין 16טען יאָהרהונדערט האָט זיך אין איטאַליען אויפגעהויבען א לעבעדיגע דעבאַטע וועגען דער פראַגע: פון וואַנען נעהמען זיך די פערשטיינערטע פלאַנצען און חיות? א דאַנק די פערשיעדענע ערד־גראָבונגען צוליעב די קאַנאַלען, איז צו יענער צייט געפונען געוואָרען אין די אויסגעגראָבענע שיכטען פון לוים, זאַמד־שטיינער און אין די ווייכע קאַלך־שטיינער א מאַסע ים־אָרגאַניזמען, אויסגעצייכענט פרעזערווירטע. די אסטראָלאָגען און פילאָזאָפען, וואָס בענוגענען זיך מיט פוסטע פראַזען, האָבען, נאַטירליך, גלייך געפונען אן ערקלערונג, אז דיזע ים־אָרגאַניזמען זיינען בעשאַפען געוואָרען דורך דעם „איינפלוס פון די שטערן“, אָדער דורך דער פלאַסטישער קראַפט פון דער נאַטור. אָבער דאָס ערקלערט, נאַטירליך, גאָר ניט. אַן אַנדער טהעאָריע, מיט וועלכער מען האָט געדאַרפט קעמפפען אין לייעלל׳ס צייטען, ווייל זי האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די גלחים איז געווען, אז די אלע ים־אָרגאַניזמען, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין דער ערד, זיינען דאָס פערטראָגען געוואָרען פונ׳ם מבול פון נח׳ס צייטען, און דאָס בעווייזט דאָך די ריכטיגקייט פון דער ביבעל. דער גרויסער אוניווערסאַלער זשעני, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, וועלכער האָט אליין געפיהרט די גראָבונגען פון די קאַנאַלען אין נאָרד־איטאַליען, האָט מיט שאַרפע ארגומענטען געמאַכט צו שפּאָט דיזע אלע פוסטע טהעאָריען. ער האָט אנגעצייגט אויף דעם פאַקט, אַז די שעלען פון די אויסגעגראָבענע מינים אויסטערס זיינען אינווענינ אָנגעפילט מיט בלאָטע, און אויך אויף דעם פאַקט, אז זיי געפינען זיך צווישען בייטען פון א גראָבען זאַמד. דאָס צייגט, אז דיזע אויסטערס זיינען אַמאָל געלעגען אין ים ניט ווייט פון ברעג, וואו אַזאַ דיקערער מין זאַמד ווערט אָבגעזעצט.

אַ ביסעל שפּעטער איז העפטיג ארויסגעטראָטען געגען די אַלטע טעאָריען פראַקאַסטאָראָ. אינטערעסאַנט און איבערציינענד זיינען זיינע אַרגומענטען געגען דער טעאָריע פון מבול. „דער מבול, — זאָגט ער, — האָט דאָך געדויערט א קליינע צייט, אויך איז דאָך די מבול־וואַסער געווען טייך־וואַסער, און אויב די וואַסערן האָבען דאָס פערשלעפּט די ים־חיות, האָבען זיי דאָך געקענט זיי איבערלאָזען נור אויבען אויף דער ערד און ניט בעגראָבען טיעף אין די בערג“. אויך האָט אַן אַנדער איטאַליענער, סטענא, אין זיין

איינעם אן אראבישען שרייבער, מאהאָמעד קאזוויני, „די וואונדער פון דער נאַטור". צווישען אנדערע זיינע בעמערקונגען וועגען די פערשיעדענע ענדערונגען, וואָס קומען שטענדיג פאָר אויף דער יבשה און אין די ימים, דערצעהלט ער א פראַכטפולע מעשה־אַלעגאָריע צו איבערצייגען דער מאַסע ווי ווייט עס איז טיעף איינגעוואָרצעלט ביי אלעמען דער גלויבען אין די אייביגקייט פון די בערג, טייכען און ימים. אן אַלעגאָרישע פערזאָן, קודז, דערצעהלט פאָלגענדעס: „איך בין אמאָל אריינגעפאָהרען אין אן אלטע, רייכע, געדיכט בעפעל־קערטע שטאָדט און האָב געפרעגט די איינוואוינער, ווי לאַנג דיזע שטאָדט איז געגרינדעט געוואָרען.—„מיר ווייסען ניט ווי לאַנג דיזע מעכטיגע שטאָדט עקזיסטירט, און אונזערע אור־אור־עלטערען האָבען אונז גאָר ניט איבערגעלאָזען וועגען איהר גרינדונג. עס זעהט אויס, זיי האָבען אויך גאָרניט געוואוסט וועגען דעם"—האָבען זיי געענטפערט. אין 500 יאָהר שפעטער בין איך ווידער געקומען אויף דעם זעלבען פלאַץ, און פון דער רייכער שטאָדט האָב איך אפילו קיין שפור ניט געטראָפען. איך האָב דערזעהען א פויער, וואָס האָט געקליעבען אויף דעם זעלבען פלאַץ פערשיעדענע גראָזען און געווירצען. איך האָב איהם א פרעג געטהאָן, ווי לאַנג איז דאָס, זינט די רייכע שטאָדט איז חרוב געוואָרען? דער פויער קוקט מיך אָן מיט ערשטוינונג. „עפעס א מאָדנע פראַגע שטעלט איהר מיר — האָט ער געענטפערט — דער פלאַץ איז אימער געוועזען אָט אזוי ווי איהר זעהט איהם איצט". „איז דאָ ניט געוועזען אין די אלטע צייטען א פראַכטפאָלע רייכע שטאָדט?" —האָב איך געפרעגט. „קיין מאָל ניט — האָט ער געענטפערט — אזוי ווייט ווי מיר געדענקען, און אונזערע פאָטערס האָבען אונז אויך קיין מאָל ניט דערצעהלט פון דעם". מיט 500 יאָהר שפעטער בין איך ווייטער געקומען אויף דעם פלאַץ און האָב געפונען איהם אין גאַנצען בעדעקט מיט ים, האָב איך א פרעג געטהאָן ביי די פישער, וואָס זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט כאַפען פיש אויפ'ן ברעג פון ים, ווי לאַנג איז דאָס דער פלאַץ בעדעקט מיט ים? און זיי האָבען מיך אנגעקוקט ווי א פעררוקטען. „וואָס איז דאָס פאַר א פראַגע? דער פלאַץ איז אימער אזוי געוועזען ווי איצט" האָבען זיי געענטפערט". און אזוי געהט ער ווייטער מיט דער אַלעגאָריע.

אין 15טען און 16טען יאהרהונדערט האָט איטאַליען פערנומען

פלעצער זינקט זי. מיר וועלען זעהען ווי ריכטיג דאָס איז, הגם ער אליין ברײנגט ניט קיינע פאַקטען צו בעשטעטיגען זיין טעאָריע. אין די פלעצער וואו די ערד ווערט אויפגעהויבען, געוועהנליך, טרעטען די ים־וואסערען אָב, און דארום געפינען מיר די ים־חיות אין הויכע בערג און פלעצער, וואָס זיינען איצט ווייט פון ים. די אלע פלעצער זיינען אמאָל געווען אונטער'ן ים, נור זיי האָבען זיך ביסלעכווייז אויפגעהויבען און דער ים איז אָבגעטראָטען. אויך געפינען מיר ביי איהם פיעלע ריכטיגע מיינונגען וועגען די וואולקאַנען, אדער פייערשפייענדיגע בערג.

.4

דער פייער־גייסט פון וויסענשאַפטליכער פאָרשונג און די ליעבע צו קונסט און ליטעראַטור, איז א לאַנגע צייט אויסגעלאָשען געוואָרען אין אייראָפּא, ווען קריסטענטהום איז געוואָרען א מאַכט. אין דיזער פינסטערער עפּאָכא געפינען מיר נור צווישען די אראַבער און אידען פרייע דענקער. עס זיינען פערבליעבען איינינע ווערקע פון אן אראַבישען הויף־דאקטאָר, אוויצענא, איבער געאָלאָגישע פראַגען. אין זיין ווערק „פון וואַנען נעהמען זיך די בערג“, גיט ער גאַנץ ריכטיגע ערקלערונגען: ער זאָגט, אַז די בערג קומען אָדער פון ערד־ציטערנישען און וואולקאַנען, וואָס בויען און הויבען אויף די ערד אין מאַנכע פלעצער, אדער פון די טייכען וואָס גראָבען אויס טיעפע טהאָלען און מאַכען די ארומיגע געגענד אויסזעהען העכער פון די אויסגעגראָבענע טהאָלען. איינער אן אראַבער, אָמאַר החכם, פערגלייכענדיג די לאַנדקאַרטען פון די אַסטראָנאָמען פון פערסיען און אינדוסען פון צוויי טויזענד יאָהר צוריק, האָט זיך איבערצייגט, אז עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין די ים־ברעגען פון דאַן אָן ביז זיינע צייטען, און ער האָט אנגעשריבען א ווערק: „די אָבטרעטונג פונ'ם ים“. וואו ער בעווייזט מיט פיעלע פאַקטען פון די זאַלץ קוואַלען און זומפיגע פלעצער אין אַזיען, די ריכטיגקייט פון זיין טעאָריע. ער האָט געמוזט אנטלויפען אין סאַמארקאַנד, ווייל מען האָט ערקלעהרט אז זיין לעהרע ווידערשפרעכט דעם קאָראַן — די תורה פון די מאַהאָמעדאַנער.

אין דער פאַריזער ביבליאָטעק איז דאָ דער מאַנוסקריפּט פון

בראַכט מעהר ווי 20 יאָהר פון זיין לעבען אין עגיפּטען, און אויך א לאַנגע צייט אין פּערסיען, האָט געגרינדעט אין גריכענלאַנד א פילאָזאָפישע שולע, ווייט פאָרטגעשריטענער פון אלע פריהערדיגע אַזויאַטישע לעהרען. אָט זיינען עטליכע פון זיינע לעהרען: „קיין זאַך ווערט ניט פערניכטעט אין דער וועלט; די זאַכען בייטען נור זייערע פאָרמען און אויסזעהן. געבאָרען צו ווערען הייסט נור, איינפאַך, אז א זאַך הויבט אן צו זיין עטוואָס, וואָס איז פערשיעדען פון דעם וואָס די זאַך איז פריהער געווען. און הגם, קיין זאַך האַלט ניט אויף אימער די זעלבע פאָרם, בלייבט דאָך די סומע פון אלע זאַכען אימער די זעלבע“. און אָט זיינען עטליכע פון זיינע געאָלאָגישע בעהויפּטונגען: „די יבשה האָט זיך פיעל מאָל פערוואַנדעלט אין ים און פערקעהרט, דער ים האָט זיך פיעל מאָל פערוואַנדעלט אין יבשה. ים־ראַקאָווינעס ליגען איצט אין פעלצער גאַנץ ערווייטערטע פון ים, און אויף די שפּיץ פון בערג האָט מען געפונען אנקערס פון שיפען. די לויפענדע וואַסערן גראָבען אויס אין די הויכע בערג טיעפע טהאָלען און מבולס האָבען פערטראָגען די בערג אין ים אריין. נידריגע טהאָלען זיינען מאַנכעסמאָל דורך דער פערשפּאַרטער לופט אין דער ערד אויפגעהויבען געוואָרען אין בערג, ווי צום ביישפּיעל, טראָעזין אין פעלעפּאָנעזוס“ און נאָך פיעלע אַנדערע אזעלכע בעהויפּטונגען, וואָס ערשטוינען אונז מיט זייער טיעף־פילאָזאָפישען פאָרטגעשריטענעם זינן.

ביי דעם ערשטען רוימישען שרייבער פון געאָגראַפיע, סטראַבא, געפינען מיר פיעלע שטרענג־וויסענשאַפטליכע ערקלעהרונגען איבער געאָלאָגישע פראַגען. אין זיין צווייטען בוך פון געאָגראַפיע שטעלט ער זיך, צום ביישפּיעל, אב אויף דער האַרבער פראַגע: ווי אזוי קומט עס, וואָס ים־חיות ווערען געפונען אין אַזעלכע מאַסען אויסגעגראָבען אין הויכע בערג און אזוי ווייט פון ים? ער ברייננגט די מיינונגען פון פריהערדיגע גריכישע געלעהרטע איבער דיזער פראַגע, און ער מאַכט א היפּאָטעזע, וועלכע איז בעוויזען אין דעם 19טען יאהרהונדערט פון לייעלל'ן זעלבסט און אנדערע געאָלאָגען מיט אונבעשטרייטבאַרע פאַקטען אלס א וויסענשאַפטליכע וואַהרהייט. ער זאָגט, אז די אורזאַכע פון דיזער מערקווירדיגער ערשיינונג ליגט אין דעם, וואָס די ערד הויבט זיך אויף לאַנגזאַם אין איניגע פעלצער און אין אנדערע

אונגעהויער גרויסע עלעפאַנטען־ביינער אנגענומען פאַר מענשען ביינער פון גיגאַנטען (פון אָט אַזעלכע אויסגראָבונגען שטאַמען עס פיליכט די אַלטע מעשׂות וועגען די אונגעהויערע אַמאָליגע ריעזען). די בעפעלקערונג אין פערסיען צו יענער צייט איז געווים ניט געשטאַנען העכער, פיליכט פיעל נידריגער, אין קולטור, ווי די אור־אלטע ציוויליזאַציאָנען פון עגיפּטען, כינאַ, בבל א. ז. וו.

די הערשער פון דיזע אלטע אַזיאַטישע לענדער פלעגען אָפּט פערנעהמען זיך מיט אזעלכע גרויסע נאַציאָנאַלע אונטערנעהמונגען, וואָס האָבען געפאָדערט ערד גראָבונג אין א גרויסען מאַסשטאַב. די סיסטעמע פון קאַנאַלען אין עגיפּטען, וואָס איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון איהרע הערשער, אום צו בעזאָרגען מיט וואַסער די גאַנצע שטרעקע פון דעם פרוכטבאַרען לאַנד אין דעם טאָל פון דער טייך נילוס, איז אַ וואונדערליכע שטיק אַרבייט פון אלטערטהום. אויסער קאַנאַלען, האָט מען פיעל געגראָבען די פראַכטפולע, טיעפע הוילען אונטער די פּיראַמידען, אלס בעגראָבונג־פּלאַץ פאַר די באַלזאַמירטע מומיען פון זייערע הערשער, פּריסטען און קריעגס־העלדען. גראָבענדיג די ערד האָט מען געווים אָפטער געפונען אזעלכע פערשטיינערטע טיילען פון חיות און פלאַנצען. די עגיפּטישע פּריסטער און מאַגען האָבען, אהן צווייפעל, געוואוסט פון דעם פאַקט, אז אין דער ערד, אונטער די טהאָלען פון נילוס און אין די בערג ארום געפינט זיך א מאַסע ים־מושלען (די שאָלען אדער ראַקאָווינעס פון ים־אויסטערס). דער גריכישער היסטאָריקער העראדאט, שליסט פון די אלע פאַקטען, וואָס ער האָט אָנגעקליבען אין עגיפּטען, אַז אַמאָל איז דער גאַנצער געגענד, די גאַנצע נידריגע העלפט פון עגיפּטען און אפילו די בערגיגע שטרעקע ביז איבער די שטאָדט מעמפיס, געווען בעדעקט מיט אַ טיעפען ים. אין דיזע פאַקטען האָבען די עגיפּטישע פּריסטער געווים געפונען א שטאַרקע בעשטעטיגונג פון זייער לעהרע, אז דער ים האָט בעדעקט ניט איין מאָל די גאַנצע ערד.

אַריבערגעהענדיג צו די גריכען, וואָס האָבען איבערגענומען אין די ערשטע יאָהרען פון זייער נאַציאָנאַלען לעבען די קולטור פון עגיפּטען, און פון די גריכען צו די רוימער, געפינען מיר דאָ און דאָרט גאַנץ לאָגישע אבהאַנדלונגען וועגען געאָלאָגישע פראַגען. פּיטאַגאָראַס, איינער פון די עלטסטע גריכישע פילאזאָפען, וועלכער האָט פער־

פערשטענדליך, אַז די אַלע וואונדערליכע, פאַנטאַסטישע מעשות זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען אָהן א וועלכען עס איז נאַטירליכען פונדאַמענט. דער שרעקליכער חורבן וואָס די פאַרפלייצונגען פון די גרויסע טייכען אָדער פון די וואולקאַנען פלעגען פון צייט צו צייט אָנמאַכען האָט געמוזט ווירקען פיעל שטאַרקער אויף די פאַנטאַזיע פון די אַלטע אונקולטורעלע ווילדע און באַרבאַרישע שבטים, ווי אויף די הייגטיגע פעלקער. אַזאַ שרעקליכע פערפלייצונג וואָס איז דאָ ניט לאַנג געשעהען אין די שטאַאַטען פון אָהייאָ און אינדיאַנא וואָלט אויף די אַלטע אינדיאַנער שבטים פון די געגענדען געוויס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע וועלט איז חרוב געוואָרען. און ניט האָבענדיג קיין געשריבענע שפּראַכע וואָלטען די עטליכע פערבליעבענע דאָס איבערגעגעבען זייערע קינדער און קינד'ס קינדער מיט שרעקליכע פאַנטאַסטישע פאַרבען און אַזוי וואָלט די ערצעהלונג געוואַקסען איבערגעהענדיג פון מויל צו מויל, פון דור צו דור אין איהרע וואונדערליכע פאַנטאַסטישע בעפּוצונגען. הומבאָלדט דערצעהלט אן אינטערעסאַנטען פאַקט. אין יאָהר 1766, דאָס הייסט, ניט מעהר ווי מיט 146 יאָהר צוריק איז געווען אַן ערד־ציטערנייש אין קומאַנא, וועלכע האָט פערניכטעט אַ גרויסען טייל פון די אינדיאַנער איינוואוינער. אַ דאַנק אָבער די גרויסע רעגענס וואָס זיינען געקומען גלייך נאָך דיעזע ערד קאַנוואולסיען איז געווען אַן אויסער־געוועהנליכע גערעטעניש נאָך דעם. און די אינדיאַנער, דערצעהלט הומבאָלדט, האָבען געפייערט מיט אַלע זייערע צערעמאָניעס, מיט מוזיק און טענץ דעם טאָג פון דער קאַטאַסטראָפע אַלס דעם גרעסטען יום טוב, אַלס א פערניכטונג פון דער אַלטער וועלט און דעם אָנפאַנג פון א בענייטער, בעסערער וועלט.

מיט קנאַפּע 600 יאָהר צוריק, אין דעם יאָהר 1360, האָט מען אין פערסיען זיך אונטערגענומען דורכצוגראָבען א באַרג אום צו בעהעפטען די טייכען זעלימאַ און סוטליי. דער פערסישער היסטאָריקער פעריישטאַ, דערצעהלט, אַז פופצעהן טויזענד ארבייטער זיינען געווען בעשעפטיגט ביי דיזער ארבייט, און גראָבענדיג דעם באַרג האָט מען געפונען ביינער פון עלעפאַנטען און מענשען, איינינגע אין א פערשטיינערטען צושטאַנד, אַנדערע גאַניץ נאַטירליכע ביינער. ניט האָבענדיג קיינע ספּעציאַליסטען אין אַנאַטאָמיע, האָט מען דיעזע

צו דער לעהרע פון אונזער אידישער ביבעל. אין די אַלטע הייליגע ביכער ביי די אינדוסען, וועלכע רופען זיך די געזעצע פון מאַנו, געפינען מיר אויך אין דעם ערשטען קאפּיטעל די ערצעהלונג ווי די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון דעם אַלמעכטיגען געטליכען גייסט, וואָס האָט עקזיסטירט פון אייביג אָן. דער שאפּענדער גייסט פון גאָט ווערט אין דיעזע ביכער פאָרגעשטעלט אין דער פּערזאָן פון בראהמא, וועלכער איז אמאָל וואַכעדיג און אמאָל ווערט ער אנשלאָפען. „ווען בראַהמא, — דערצעהלען די ביכער, — איז וואך, דאַן איז די וועלט פול מיט לעבען און מיט ענערגישער טהעטיגקייט און ווען ער ווערט אנשלאָפען ווערט די וועלט ביסלעכווייס פערניכטעט און יעדעס מאָל ווען בראהמא כאַפּט זיך אויף פון זיין שלאָף, וועלכער געדויערט פיעלע טויזענדער יאָהרען געפינט ער די גאַנצע וועלט בעדעקט מיט אן אונענדליכען אָקעאַן און ער הויבט אָן ווידער שאַפען די וועלט". אזוי איז לויט דיעזע ביכער נאָך פאָרגעקומען א גאַנצע רייהע פון לאַנגע פעריאָדען פון שאַפונגען און פערניכטונגען פון דער וועלט. זיי רופען דיעזע פעריאָדען מאַנוואַטאראַם.

די עגיפּטיאַנער האָבען אויך געהאַט דיזעלבע לעהרע פון געוויסע לאַנגע פעריאָדען וואָס די וועלט ווערט פערניכטעט דורך אן אַלגעמיינעם פייער אָדער אַ מבול און ווידער אויפגעבויט. דיעזע פעריאָדע האָט ביי די עגיפּטיאַנער געהייסען דער גרויסער יאָהר.*) זיי האָבען אויך געגלויבט, אַז די געטער שיקען אַראָב דיעזע שרעקליכע אַלעס פערניכטענדע קאטאסטראָפען פון פייער און וואַסער אַלס אַ שטראָף פאַר די פערדאָרבענהייט פון מענשען אום צו פערניכטען די שלעכטע דורות און בעשאַפען פיינערע און בעסערע מענשען.

די כינעזער דערצעהלען פון אַ גרויסען מבול אין דער פעריאָדע פון יאַו, מיט פיער טויזענד יאָהר צוריק. דאָס אַלעס קלינגט פאַר אונז אידען ווי אונזער אייגענע אַלט בעקאַנטע מוזיק. עס איז זעלבסט

---

*) דיעזע פעריאָדע אָדער דער גרויסער יאָהר נאָך פערשיעדענע קוועלען פון זייערע אַלטע זאגען און געבעטען קומט אָן ווען די זון, די לבנה און די פּלאַנעטען קומען זיך ווידער צוזאַמען אונטער דעמזעלבען צייכען וואו זיי האָבען אָנגעפאַנגען און דאָס געדויערט זעהר לאַנג פון הונדערט און צוואַנציג טויזענד ביז דריי הונדערט טויזענד יאָהר.

פון די אנדערע; די הויכע ענטוויקלונג פון די אויבען־דערמאָהנטע נאַטור־וויסענשאַפטען, ווי פיזיק, כעמיע, זאָאָלאָגיע, באָטאַניק א. ז. וו. וועלכע האָט געגעבען די מעגליכקייט גענויער צו ערקלעהרען די ענ־דערונגען וואָס קומען איצט טאָג־טעגליך פאָר אויף דער ערד און אין דער ערד — אָט דאָס אלעס האָט ביסלעכווייז געפיהרט צו דער איבערצייגונג, אז די קרעפטען, די אורזאַכען וואָס בייטען און ענדע־רען איצט די פאָרמע און דעם אויסזעהען פון אונזער ערד־קוגעל, זיינען די זעלבע, וואָס האָבען אימער געווירקט און פער־אורזאַכט די ענדערונגען אין דער פערגאַנגענהייט פון דער ערד.

מיט דעם האָט לייעלל געפונען דעם ריכטיגען שליסעל צו דער פערבאָרגענער פערגאַנגענהייט פון דער ערד געשיכטע. אין דעם שטודירען פון די וואַסער־קרעפטען, ווי די לופט, די היץ און קעלט, דער רעגען, די טייכען און די ימים, וואָס קענען בעאָבאַכטעט ווע־רען מיט אלע איינצעלהייטען אין זייער ארבייט צו ענדערען די ערד איצט פאַר אונזערע אויגען, ליגט דיזער שליסעל. די פערגאַנגענ־הייט מוז געשטודירט ווערען אין דעם ליכט פון דער געגענוואַרט; אזוי איז געפונען געוואָרען דער ריכטיגער בריק, וואָס בעהעפט דעם אמאָל מיט'ן היינט. אויף אַזאַ אופן איז אויך דערוויזען געוואָרען, אז די געשיכטע פון דער ערד ציהט זיך אונאונטערבראָכען ניט טוי־זענדער נור מיליאָנען יאָהרען.

3.

די אמת'ע גרויסקייט פון לייעל'ס „פרינציפען” און די רעוואָ־לוציע וואָס דיזער בוך האָט געמאַכט אין דעם וויסענשאַפטליכען דענקען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, איז אונמעגליך אָבצושע־צען, סיידען מען זאָל פיעל וועניגער בעקאַנט זיין מיט די פריהע־ריגע לעהרען איבער געאָלאָגיע. אין איין לעקציע איז נאַטירליך אונ־מעגליך צו געבען אַן אויספיהרליכע דארלייגונג פון דער געשיכטע פון דער וויסענשאַפט פאַר די טויזענדער יאָהרען פאַר לייעלל'ן, און דעריבער וועל איך זיך מוזען בענוגענען נור מיט אַ קורצען איבער־בליק. ווי איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, געפינען מיר אין די גאָר אלטע ציוויליזאַציאָנען לעהרען, וואָס זיינען אין גאַנצען עהנליך

און ימים, אָט פון דיזע פלאַנצען, וואָס האָבען זיך פערוואַנדעלט אין קויהלען, העננט איצט אָב אונזער ענטוויקעלטע אינדוסטריע און דער גאַנצער מאָדערנער לעבען פון די היינטיגע רייכע פעלקער פון גאַנץ איירָאָפּאַ.

פריהער פאַר לייעלל׳ן האָט זיך קיינעם אפילו ניט גע׳חלום׳ט, אַז עס איז גאָר מעגליך צו געבען א סיסטעמאַטישע געשיכטע פון דער ערד. ערשטענס, האָבען אפריהער זיך גענאַרפט ענטוויקלען די אלע וויסענשאַפטען, ווי אַסטראָנאָמיע, פיזיק, כעמיע, מינעראַלאָגיע, זאָאָלאָגיע, באָטאַניקע, פיזישע געאָגראַפיע. די אלע וויסענשאַפטען זיינען נויטיג אום ריכטיג צו ערקלעהרען און פערטייטשען די געשיכטליכע דאָקומענטען פון דער ערד. די ערד איז פול מיט אזעלכע דאקומענטען, יעדער שטיינדעל, יעדער פעלז, יעדער באַרג, די טייכען, די אָזערעס, די ימים מיט זייערע ברעגען, די הוילען, די אַלטע פערשטיינערטע פלאַנצען און חיות — זיינען לעבעדיגע דאָקומענטען, בלעטער פון דער געשיכטע פון דער ערד, אויסגעקריצט מיט דער האַנד פון דער נאַטור אליין. מען דאַרף זיי אָבער קענען לעזען, דיזע דאקומענטען, און אהן דער הילפע פון די אויבען אויסגערעכענטע וויסענשאַפטען האָט מען זיי ניט געקענט לעזען. צווייטענס, האָבען די אלטע לעהרען פון די הייליגע רעליגיעזע ביכער פיעל געשטערט דער פרייער פאָרשונג. מענשען האָבען זיך צוגעוועהנט צו קריגען זייערע מיינונגען און געדאַנקען פון אַלטע פערשימעלטע ביכער און ניט פון דער אימער לעבעדיגער, אימער פרישער נאַטור, און די מאַסע האָט בעטראַכט אלס א שרעקליכען פערברעכער יעדען איינעם, וואָס האָט געוואַגט ארויסצוטרעטען מיט אן אייגענער מיינונג געגען די אלטע הייליגע אויטאָריטעטען. דריטענס, האָט געפעהלט די ריכטיגע מעטהאָדע ווי אויסצוגעפינען די קרעפטען וואָס האָבען פערורזאַכט די געוואַלדיגע ענדערונגען, וואָס האָבען געטריבען דעם ראָד פון דער ערד׳ס געשיכטע.

אָט דיזע אלע שטערונגען זיינען דערווייטערט געוואָרען נור אין דער לעצטער צייט. דער פּראָגרעס פון אַסטראָנאָמיע, וואָס האָט בישלעכוויין פערשפרייט אפילו צווישען די פּראָסטע מאַסען די אידעע פון דעם אונענדליכען גרויס פון די הימעלישע קערפּער, פון די שטרעקען פון מיללִיאָנען און בילליאָנען מיילען, וואָס טיילען זיי אב איינע

ימים, אדער זיי זיינען פערטראָגען געוואָרען דורך די לויפענדע שטראָמען וואַסער פון טייכען און טייכעלאך אין די אַמאָליגע גרויסע זומפּען, אָזערעס און ימים. דיזע ימים און אָזערעס זיינען שוין לאַנג פערשאָטען געוואָרען, די שטיקער לאַנד, וואו דיזע וועלדער פון די פערציטיגע פלאַנצונגען זיינען געוואַקסען, זיינען לאַנג פער־



פיגור 8. בוימער, וועלכע האָבען מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק זיך פער־וואַנדעלט אין שטיין־קויהלען.

שוואונדען; פון די שטראָמען וואַסער וואָס האָבען געטראָגען דיזע פלאַנצען איז קיין שפור ניט פערבליבען; די פלאַנצען זעלבסט האָבען געהערט צו אזעלכע מינים, וואָס זיינען איצט ניטאָ אויף דער וועלט, — און אָט פון דיזע אור־אלטע וועלדער, וואָס זיינען אריינ־געפאַלען און פערטראָגען געוואָרען אין די אלטע זומפען, אָזערעס

בעשעפטיגט זיך מיט דער געשיכטע פון דער ערד, מיט איהר ענטוויקלונג און מיט די קרעפטען אדער אורזאכען וואס רופען ארויס די דאזיגע ענטוויקלונג.

מיט דיזער אויפפאסונג פון דער הויפט־אויפגאבע פון געאלאגיע אויסצופארשען די געשיכטע פון דער ערד, אלס א גאנצע, האט לייעל אוועקגעלייגט דעם ערשטען שטיינערנעם פונדאמענט פון דער יונגער וויסענשאפט געאלאגיע, וועלכע איז דורך זיינע ווייטערדיגע אונערמידליכע ארבייטען און פארשונגען אין פערלויף פון איבער 45 יאהר צייט נאך דעם, ווי ער איז ארויסגעטראטען מיט זיין קלאסישען ווערק אין 1830, ווי אויך דורך די ארבייטען פון טויזענדער אנדערע פארשער, זיינע תלמידים און נאכפאלגער איז די געאלאגיע, אויסגעוואקסען אין א גרויסען און הערליכען טעמפעל אין אזא קורצע צייט.

דער געשיכטליכער שטאנדפונקט איז ניט נור נויטיג אום צו פערשטעהן דעם לעבען פון מענשען און נאציאנען, אהן איהם איז אויך אונמעגליך צו פערשטעהן די ברייטע נאטור, די וועלט אדער די ערד אלס א גאנצע. אן איינצעלנע ערשיינונג איז נאך מעגליך צו ערקלערען אהן דער הילפע פון דער געשיכטליכער אויפפאסונג, דא ברויכען מיר נור גענוי אויספארשען דעם נאטירליכען צושטאנד, די צוזאמענווירקונג פון די פערשיעדענע קרעפטען אדער ארגאנען, וואס האבען ארויסגערופען די ערשיינונג. גאנץ אנדערש איז עס אבער ווען מיר ווילען ערקלעהרען די נאטור אלס גאנצע, מיט אלע איהרע ערשיינונגען און פאקטען. דא קענען מיר שוין ניט אויסקומען אהן דער הילפע פון געשיכטליכער אויפפאסונג. אט פונקט אזוי, ווי דער איצטיגער צושטאנד פון פעלקער איז דער רעזולטאט פון פיעלע פריהערדיגע ענדערונגען, מאנכע פון גאר די אלטע צייטען און מאנכע נייערע, מאנכע לאנגזאמע און מאנכע שנעלע און שטורמ'דיגע, אזוי איז אויך דער צושטאנד פון דער נאטור און פון אונזער ערד — דער רעזולטאט פון א לאנגער רייהע פון ענדערונגען.

נעהמט, צום ביישפיעל, די קויהלען, וועלכע מיר גראבען איצט אוים פון דער ערד אין פיעלע פלעצער. זיי זיינען פערענדערטע פלאנצונגען, וואס זיינען מיט מיליאנען יאהרען צוריק אדער געוואקסען אין די גרויסע זומפען, אדער נאהענט צו די אזערעם און

2.

לייעלל הויבט אן די ערשטע ציילען פון זיין בעריהמטען בוך מיט די ווערטער: „געאָלאָגיע איז די וויסענשאַפט וואָס אונטערזוכט די רייהע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די אָרגאַנישע



טשאַרלז לייעלל (1797—1875)

אבטיילונגען פון דער נאַטור; זי פאָרשט אויס די אורזאכען פון דיזער ענדערונג אום צו ציינען, ווי ווייט זיי האָבען געהאָלפען אומצובייטען די פלעכע און דעם אויסערליכען געבוי פון אונזער פלאַנעטע, פון אונזער ערד־קוגעל“. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז געאָלאָגיע

זעלבער לעהרע איבער דער ערד ביי די פערשיעדענע אוראַלטע ציוויליזאציאָן, ווי כינא, עגיפּטען, אינדיען, און ביי די מעהר פּאָרטגעשריטענע פעלקער, ווי ביי די גריכען, רוימער, אראבער, א. ז. וו., וועלען מיר געפינען ביי די אינדוסען, כינעזער, עגיפּטיאנער כמעט דיזעלבע טעאָריע וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט, ווי אין אונזער חומש. זיי אונטערשיידען זיך נאָר איינע פון די אנדערע אין די קלענערע, ניט וויכטיגע שטריכען. אבער אין די הויפּט שטריכען איז די לעהרע וועגען דער ערד פונקט די זעלבע ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון אלטערטהום.

אין די פערבליעבענע שריפטען פון די שפּעטערדיגע ציוויליזאַציאָנען פון די גריכען און רוימער, ווי אויך פון די אַראַבער און איטאַליענער אין מיטעל־אַלטער טרעפען מיר מאַנכע גאַנץ בעדייטענדע געאָלאָגישע שריפטען, פיעלע פינקטליכע און וואהרהאַפטע בעשרייבונגען פון די געאָלאָגישע ערשיינונגען און אמאָל ציהען די שרייבער גאַנץ לאָגישע און שטרענג־וויסענשאַפטליכע שליסע פון די בעאָבאַכטעטע פאַקטען. מיט איין וואָרט, די לעהרע וועגען דער ערד איז כמעט אזוי אלט, ווי די ערשטע שפּורען פון דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען.

בלייבט דאָך אַלזאָ די פריהערדיגע פראַגע, וואָס איז אזוינס פּאָרט געאָלאָגיע — די געאָלאָגיע, וואָס האָט זיך ערשט ענטוויקעלט פון דעם יאָהר 1830, זינט דעם ארויסטריט פון טשאַרלס לייעלל? מיר האָבען זיך נאָר איבערצייגט, אז דער איינפאַכער טייטש פון דעם וואָרט געאָלאָגיע — די וויסענשאפט אדער די לעהרע וועגען דער ערד, גיט אונז ניט די מעגליכקייט צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד צווישען דער יונגער וויסענשאַפט און די פערשיעדענע לעהרען וועגען דעם זעלבען געגענשטאַנד, מיט טויזענד יאָהר צוריק. אום דאָס צו פערשטעהן, אום צו בעגרייפען די גאַנץ נייע אויפגאַבע וואס די ריכטיגע וויכענשאַפט געאָלאָגיע האָט זיך אונטערגענומען צו לייזען און די נייע מעטהאָדען, וואָס זי האָט אָנגעווענדעט, אום צו געפינען דעם ריכטיגען וועג ווי אַזוי צו לייזען דיזע נייע אויפגאבע, וועלען מיר מוזען אין קורצען ערקלעהרען, „וואָס איז אזוינס געאָלאָגיע זינט זי איז געוואָרען א בעזונדערע און גענויע וויסענשאפט?“

פויגלען, דערנאך די פערשיעדענע קריכענדע און פיער־פיסיגע לאנד־חיות און אם ענדע איז בעשאפען געוואָרען דער קרוין פון אלע בעשעפענישען — דער מענש.

עס מאכט ניט אויס, וואָס דער סדר פון דער ענטשטעהונג פון דער ערד און אלעס, וואָס איז אויף איהר, ווי עס ווערט געשילדערט אין דעם ערשטען קאפיטעל פון חומש, איז ניט געגרינדעט אויף געוויסע פאָרשונגען און איז ניט ריכטיג אין פיעלע הינזיכטען.*) דאָך ציינט אונז דיעזע שילדערונג, אורטיילענדיג פון דעם העכסט־בכבוד'יגען פלאַן, וואָס איז איהר אָבגעגעבען געוואָרען, ווי שטארק אפילו די גאר אוראַלטע מענשען האָבען זיך אינטערעסירט מיט די פראגען וועגען דער ערד און די טויזענדער מינים פלאַנצען און חיות וואָס געפינען זיך אויף איהר; און אז די דאָזיגע לעהרע וועגען גע־אלאָגיע וואָס זי ענטהאַלט אין זיך, ווי אָרים זי זאָל ניט זיין אין איהר וויסען וועגען די פערשידענע מינים פלאַנצען און חיות, ווי פאַלש זי זאָל ניט זיין אין איהרע בעהויפטונגען, איז זי דאָך דער רעזולטאַט פון טויזענדער יאָהרען פון דעם מענשען'ס נאָכדענקען איבער דיעזע פראגען און פון די אָנגעשטרענגטע ארבייט פון זיין פאַנטאַזיע און שכל אריינצוברענגען וועלכע עס איז אָרדנונג אין דער מאַסע פון פאַקטען, וואָס ער האָט בעאָבאַכטעט אין דער ארומיגער סביבה.

אין דעם ווייטערדיגען איבערבליק איבער דעם צושטאַנד פון דער

*) עס איז ניט ריכטיג, אז די וואסער איז ערשיענען איידער דאָס טרו־קענע לאַנד, וואָרום אז די ערד האָט זיך אָנגעהויבען אָבצוקיהלען און האָט זיך אָנגעהויבען צו פערציהען מיט אַ מעהר אָדער ווייניגער דיקער קאָרע פון האַרטע שטיינער, איז נאָך אַלץ איהר טעמפעראטור און די טעמפעראטור פון די לופט ארום איהר געווען גאַנץ הויך, העכער פון 100 גראד היץ נאָך צעלזיס, און די גאַנצע וואסער האָט ניט געקענט ביי אזא היץ עקזיסטירען אַלס פליסיגע וואסער, נאָר זי האָט געמוזט עקזיסטירען אין דער פאָרמע פון דאַמפף אָדער פאַרע, וואָס האָט אָנגעפילט די ארומיגע לופט. עס איז אויך ניט ריכטיג, אז פריהער זיינען ערשיענען אלע פלאַנצען און די העכסט־ענט־וויקעלטע בוימער איידער עס האָבען זיך בעוויזען די ערשטע חיות. עס איז ניט ריכטיג, אז די פויגלען זיינען ערשיענען פריהער איידער די ערשטע לאַנד־וועריםם אָדער אפילו זשאַבעס.

ענגלענדער, טשארלס לייעלל, האָט אָבגעדרוקט דעם ערשטען באַנד פון זיין קלאַסישע ווערק „די פּרינציפּען פון געאָלאָגיע“ אין יאָהר 1830. דאָס בוך האָט געמאַכט אַזאַ רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון וויסענשאַפט און אין דעם אָרט רענקען פון דער גאַנצער ציווילי־זירטער מענשהייט, ווי דאַרווין'ס בוך „די ענטשטעהונג פון מינים“, אָדער קאַרל מאַרקס'ס בוך „דאָס קאַפּיטאַל“. די ערשיינונג פון טשאַרלס לייעלל'ס ווערק און דער יאָהר 1830 ווערט גערעכענט אַלס דער אָנפאַנג פון דער וויסענשאַפט געאָלאָגיע.

עס וואָלט אָבער געווען איינפאַך אַן אונזין צו בעהויפּטען, אז אין די טויזענדער יאָהרען פון דעם געשיכטליכען לעבען פון דער מענש־הייט, אין די אַלטע ציוויליזאַציאָנען פון כינאַ, עגיפּטען, פּאַלעס־טינא, פּערסיען, גריכענלאַנד און רוים, האָט זיך דער מענש גאָר ניט אינטערעסירט מיט דער ערד און גאָר ניט געזוכט אויסצודריקען זיין וויסען וועגען דעם ערד־קוגעל מיט זיינע בערג און טהאָלען, מיט זיינע ימים און טייכען, מיט זיינע פּלאַנצען און חיות אין וועלכע עס איז לעהרע וועגען דער ערד. עס איז אַן אונזין צו זאָגען, אז ביז דעם יאָהר 1830 האָט גאָר ניט עקזיסטירט קיין וויסענשאַפט וועגען דער ערד.

נעמט, למשל, אונזער ביבעל: שוין אין די ערשטע קאַפּיטלען געפינט איהר די ערצעהלונג ווי אזוי די ערד, דער הימעל, די ימים, דאָס ליכט, די זון, די שטערען און די לבנה א. ז. וו. זיינען בעשאַפען געוואָרען. אויסער די רעליגיעזע זייט פון דער לעהרע, וואָס זוכט צו ערקלערען די ענטשטעהונג פון דער ערד מיט אַלע איהרע טיילען, מיט אַלע איהרע לעבעדיגע בעשעפעניסען דורך דעם ווילען פון אַ גאָט, דורך אַ שאַפענדען גייסט, דורך דעם „רוח אלהים“, ענטהאַלט דאָך אין זיך די ערצעהלונג וועגען דעם סדר, וואָס עס איז פריהער און וואָס עס איז שפּעטער בעשאַפען געוואָרען, אַ שטיק לעהרע וועגען דער ערד און אַלעס, וואָס געפינט זיך אויף איהר.

גאָר אין אָנפאַנג, ווען דער הימעל און די ערד זיינען ערשיענען — ווערט דאָרט דערצעהלט — איז די ערד אין גאַנצען געווען בעדעקט מיט וואַסער, און נאָך דעם האָט זיך דאָס טרוקענע לאַנד אָבגעטיילט פון דעם אונגעהייערען ים וואַסער, וואָס האָט בעדעקט די גאַנצע ערד; ווייטער ווערט דערצעהלט, אז פריהער זיינען ערשיענען די גראָזען און די פערשיעדענע פּלאַנצען און בוימער, נאָכדעם די ים־חיות און די־

די געשיכטע פון דער ערד

(די געאָלאָגיע און איהרע לעהרען)

וואָס איז אַזוינס „געאָלאָגיע“? וואָס האָט מען געדיינקט אין די אַלטע צייטען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער ערד? די מיינונגען פון די גריכישע פילאָזאָפען. ווי האָט מען אמאָל געקוקט אויף די פערשטיינערטע בעשעפעניסען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד? די מיינונגס־פערשיעדענהייט צווישען די „נעפּטוניסטען“ און „וואולקאַניסטען“ בנוגע צו דער פראגע וועגען דער ענטוויקלונג פון דער ערד. קיוויע און זיין „קאַטאַסטראָפען“ טעאָריע. וואָס האָט אויפגעטהאָן פאַר דער געאָלאָגיע לייעל? די הויפּט פעריאָדען אין דער ענטוויקלונגס געשיכטע פון דער ערד.

.1

וועגען דער געשיכטע פון דער ערד דערצעהלט אונז די ג ע אָ ל אָ ג י ע.

דאָס וואָרט „געאָלאָגיע“ בעשטעהט פון די צוויי גריכישע ווערטער: „געאָ“, וואָס הייסט אין דער גריכישער שפּראַך די ערד, און „לאָגאָס“ — געדאַנק, בעגריעף, לעהרע. אַלזאָ, געאָלאָגיע מיינט די לעהרע וועגען דער ערד. אָבער דאָס אליין, דער איינפאַכער טייטש פון דעם וואָרט געאָלאָגיע אלס א לעהרע וועגען דער ערד, וועט אונז נאָך ניט געבען דעם מינדעסטען בעגריעף וועגען דעם אונטערשיעד פון דער היינטיגער וויסענשאַפט געאָלאָגיע און די פארצייטיגע מעהר אָדער וועניגער פאַנטאַסטישע לעהרען וועגען אונזער ערד. אייגענטליך איז געאָלאָגיע אלס א בעזונדערע וויסענשאַפט איינע פון די העכסט מאָדערנע, פון די גאָר יונגע וויסענשאַפטען. זי איז נאָך אַפילו קיין הונדערט יאָהר ניט אלט.

דער פאָטער, דער גרינדער פון דער וויסענשאַפט געאָלאָגיע, דער

2-טע פארלעזונג

דר. אב. קאַספּע

די געשיכטע פון דער ערד

(די געאָלאָגיע און איהרע לעהרען)

וועלטען און צושטערט זיי, און פיהרט אָן דאָס ווערק פון דער נאַטור־שעפּפונג ביז צו דער לעצטער אונענדליכער אייביגקייט. אויב עס איז מעגליך, דאָס די שעפּפונג האָט זיך אַ מאָל אין דער אונענדליכער צייט אָנגעהויבען דורך די ערשטע בעוועגונג, איז עס אָבער וועניגער מעגליך, דאָס זי זאָל זיך ווען עס איז ענדיגען, ווייל מאַטעריע און קראַפט האָבען אַן אייביגע ערהאַלטונג.

* * *

ווער האָט אָבער בעשאַפען דיעזע אייביגע מאַטעריע? ווער האָט איהר געשענקט די מערקווירדיגע אייגענשאַפט פון אנציהונגס־קראַפט? ווער האָט געגעבען דער מאַטעריע די ערשטע בעוועגונג און זי דערנאָך איבערגעלאָזען דעם האַרטען שיקזאַל פון דער אנציהונגס־קראַפט? דאָס זיינען די אייביגע טראַגישע פראַגען פון דעם מענשליכען שכל, אויף וועלכע ער קען ניט געפינען קיין תשובה. מיר ווייסען ניט קיין ענטפער אויף די פראַגען וועגען דעם אָנהויב, דעם סוף און דעם ציעל פון דער שעפּפונג, ווייל דער מענשליכער שכל פערנעמט נאָר די ענדליכקייט, און פון דער ענדליכקייט זעלבסט נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל. נאָר די ערשיינונגען פון דער ענדליכקייט קען די וויסענשאַפט ערקלערען. טרעט זי אָבער אריבער די גרענעצען פון דער ענדליכקייט און בעריהרט דעם פורכטבאַרען ברעג פון דער אונענדליכקייט, אַזוי שטעהט זי אונבעהאָלפען און פערלאָרען. פאַר די אייביגע פראַגען פון דער אונענדליכקייט שטעהט דער געניוס ניוטאָן אַקוראַט אַזוי הילפלאָז, ווי דער קינדיישער שכל פון דעם ערשטען באַרבאַרישען מענשען. און ווען דער אונרוהיגער מענשליכער גייסט וויל אויפדעקען דעם געהיימניספולען שלייער פון דער אונענדליכקייט, קלינגט איהם דאָס אייביגע וואָרט פון איוב, דאָס וואָרט פון ווארנונג, אָבער אויך פון בערוהיגונג מיט דעם מענשען'ס אונפערמיידליכען שיקזאַל:

החקר אלוה תמצא,
אם עד תכלית שדי תמצא?

געמיינע טעאָריע פון דער מעכאַנישער ענטוויקלונג בנוגע צו דער ענט־שטעהונג און בילדונג פון דער וועלט.


וואָס איז אָבער די סובסטאַנץ, דער גרונד־יסוד פון דער ענדליך־אונענדליכער וועלט? נאָך דער מעכאַנישער טעאָריע בעשטעהט די גאַנצע וועלט מיט איהרע אונענדליכע הימלישע קערפּער פון איין און דער זעלביגער מאַטעריע אין איהרע פערשיעדענע צושטענדען. אָבער די עלעמענטען פון דער מאַטעריע, אויף דער ערד אָדער אויף דעם ווייטעסטען שטערען אויפ'ן הימעל, זיינען דיזעלביגע. פון איין מאַ־טעריע איז געבילדעט דער גאַנצער אוניווערזום, וועלכע האָט אומע־דום דיזעלביגע אייגענשאַפטען. אמת, עס איז פאַראַן נאָך אַ מאַ־טעריע, וועלכע פילט אָן דעם חלל פון דער וועלט. דאָס איז דער עטהער (עפיר), וואָס זיינע וועללען זיינען דאָס ליכט פון דער זון, און די עלעקטרישע קראַפט. אָבער דיעזע מאַטעריע איז פאַר אונז געהיימ־ניספול און וואונדערבאַר, מיר ווייסען ניט איהר כאַראַקטער און איהרע אייגענשאַפטען. מיר ווייסען אפילו ניט, אויב זי האָט א געוויכט, און אויב זי האָט א געוויכט, איז ער אין פערגלייך מיט דעם געוויכט פון דער אונז בעקאַנטער מאַטעריע אונענדליך קליין. אומעדום, וואו מיר טרעפען אָבער אָן די אונז בעקאַנטע מאַטעריע, געפינען מיר ביי איהר די אייגענשאַפט פון אנציהונגס־קראַפט. מאַטעריע און אנצי־הונגס־קראַפט זיינען אונטיילבאַר, מיט איינאַנדער פערבונדען, אַזוי, דאָס מיר קענען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען מאַטעריע אָהן אנציהונגס־קראַפט. און אפשר זיינען אויך ליכט און עלעקטריציטעט, וועלכע מיר פערבינדען מיט דעם עטהער, סוף כל סוף געוויסע פאָרמען פון דער אומעדום ווירקענדער אייביגער אנציהונגס־קראַפט.

מאַטעריע און אנציהונגס־קראַפט זיינען די צוויי יסודות, פון וועלכע די וועלט בעשטעהט. מאַטעריע און אנציהונגס־קראַפט אליין וואָלטען אָבער נאָך ניט געקענט ערקלערען דעם מעכאַניזם פון דער וועלט, דערצו איז נאָך נויטיג די ערשטע בעוועגונג, וועלכע האָט ארויסגעבראַכט די מאַטעריע פון איהר רוהע־צושטאַנד. ערשט ווען די ערשטע בעוועגונג איז אויפגעטרעטען, וואָס מיר ווייסען ניט איהר מאָס און ניט איהר אָנהויב, איז די מאַטעריע געקומען אונטער די וויר־קונג פון דער אנציהונגס־קראַפט, וועלכע טרייבט זי און בעוועגט זי נאָך מאַטעמאַטיש בעשטימבאַרע געזעצען, וועלכע בעשאַפט זונען־

א בעשטענדיגער פּראָצעס פון שעפּפונג, פון ענטוויקלונג, פון איבערגאנג. די קאנט־לאפּלאסישע טעאָריע איז די קרוין אויף דער וויסענשאפט וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט, וועלכע דער מענשליכער גייסט האָט געבויט אין לויף פון יאהרטויזענדע. דאדורך ערשט איז אויפגעבויט געוואָרען די „קאָסמאָגאָניע", ד. ה., די לעהרע וועגען דעם אוניווערזום, און אסטראָנאָמיע און קאָסמאָגאָניע זיינען פעראייניגט געוואָרען אין איין וויסענשאפטליכע איינהייט. פון די ערשטע נאָך האלב־פאנטאסטיישע און געצענדיענערישע פאָרשטעלונגען מכח דעם הימעל און די הימלישע קערפער אין די מזרח־לענדער האָט זיך דער מענשליכער גייסט אין דעם ליכטיגען גריכענלאנד אויפגעהויבען צו בעאָבאכטונגען און טעאָריען וועגען דעם בוי פון דער וועלט. יענע בעאָבאכטונגען און ערקלערונגען זיינען פון דער מאָדערנער אסטראָנאָמיע, פון קאָפערניקוס און קעפלער פערבעסערט געוואָרען, און עס איז געפונען געוואָרען די אמת'ע בעוועגונגס־פאָרם פון די הימלישע קערפער. גאליליי און נאָך מעהר ניוטאָן האָבען אויסגעפונען די אורזאכע פון דיעזע בעוועגונגען און האָבען ערקלערט די מאטעמאטישע נויטווענדיגקייט פון דיעזע בעוועגונגען. ניוטאָן האָט דער ערשטער אריינגעטראָגען מאטעמאטישע אָרדנונג אין די וועלט. דורך קאנט און לאפלאס איז אָבער די וועלט שוין ערקלערט געוואָרען אין איהר ענטשטעהונג, אין איהר ענטוויקלונג, די וועלט ווערט פערשטאנען אלס אייביגע שעפפונג.

דער ווייטערדיגער פאָרטשריט פון דער אסטראָנאָמיע האָט בעשטעטיגט די מעכאנישע ענטוויקלונגס־טעאָריע אין איהר אָנווענדונג אויף די ענטשטעהונג פון דעם אוניווערזום. די גרויסע ענטדעקונגען פון ו ו י ל י א ם ה ע ר ש ע ל, אין סוף פון אכטצעהנטען און אָנהויב פון ניינצעהנטען יאהרהונדערט, אויף דער אונענדליכער אויסשפּרייטונג פון הימעל זיינען וויסענשאפטליכע ערגענצונגען צו דער מעכאנישער ענטוויקלונגס־טעאָריע. די ערפינדונג פון דעם ריעזען־טעלעסקאָפּ דורך הערשעל האָט מעגליך געמאכט די ווייטערדיגע ערפאָרשונג פון די פערבאָרגענע און בעהאלטענע וואונדער פון הימעל, אזוי דאָס די אסטראָנאָמיע בעזיצט שוין יעצט די געאָגראפישע בעשרייבונג פון הימעל. די ענטדעקונג פון דעם נייעם פּלאנעט א ו ר א נ ו ס, אין יאָהר 1781, האָט ווייטער בעשטעטיגט און ערגענצט די אל־

בערגע׳הזר׳ט דעם פראָצעס, וועלכען די זון האָט דורכגעמאַכט. פון
דער אויבערפלעכע פון די פּלאַנעטען האָבען זיך אָבגעריסען רינגען,
וועלכע האָבען זיך פאַרדיכטעט שפּעטער צו קיילעכדיגע קערפּער, און
עס זיינען ענטשטאַנען די בעגלייטער, סאַטעליטען, פון די פּלאַנע־
טען. אַזוי האָט זיך געבילדעט צום ביישפּיעל די לבנה, וועלכע איז
אַ בעגלייטערין פון דער ערד און דרעהט זיך ארום די ערד. ארום דעם
פּלאַנעט סאַטורן אָבער האָט זיך דער רינג ניט פאַרדיכטעט אין אַ בע־
שטימטען פּלאַן, נאָר ער האָט זיך פאַרדיכטעט גלייכמעסיג אומע־
רום, און דערפאַר איז ער ניט פערוואַנדעלט געוואָרען אין א קערפּער,
נאָר געבליעבען אַ רינג, דער סאַטורן־רינג.



פיגור 7. דער פּלאַנעט סאַטורן מיט די שיינענדע רינגען אַרום איהם,
ווי מען זעהט עס אין טעלעסקאָפּ.

די קאָמעטען זיינען לויט לאַפּלאַס׳ס לעהרע בלאָנדזשענדע מאַטעריע,
וועלכע האָט זיך געבילדעט דורך פערדיכטונג פון דער תוהו־ובוהו׳דיי־
גער מאַטעריע, וועלכע פילט אָן דעם חלל פון דער וועלט. ווען זיי
קומען אין די נאהענטקייט פון דער זון, טרייבט זיי די זון אין די
פערשיעדענסטע בעוועגונגס־ליניען.

.8

די קאַנט־לאַפּלאַסישע טעאָריע דערגענצט אויף אזא אופן די
מענשליכע קענטניסען וועגען דעם בוי און דער בעשאַפונג פון דער
וועלט דורך דאָס פרינציפּ פון ענטוויקלונג. אויך די גאַנצע וועלט איז

קראפט און אבשטויסונגסקראפט, וועלכע טרעט אויף אומעדום, וואו עס איז פאראן נאר מאטעריע, האבען אנגעהויבען זיך צו בעוועגען די פלאנעטען ארום דער זון אין א עליפסים.

ל א פ ל א ס פערענדערט א ביסעל דעם קאנטישען געדאנקען, און נעמט אן, דאס לכתחילה האט די פייערדיגע זונען־אטמאספערע אויסגעפילט דעם גאנצען חלל פון דעם היינטיגען זונען־סיסטעם. די זון מיט איהר אטמאספערע האט זיך געדרעהט ארום איהר אייגענע אקס לאנגזאם, האט אבער שטענדיג פארלארען ווארעמקייט דורך די אויסשטראהלונג אין דעם אונענדליכען רוים. דורך דיעזע אויסשטראהלונג האט זיך די זון אבגעקיהלט און פערדיכטעט. וואס מעהר אבער זי האט זיך פערדיכטעט, אלץ גרעסער איז געווארען די געשווינדיגקייט פון איהר דרעהונג ארום זיך, לויט די געזעצען פון דער מעכאניק. דרעהט זיך אבער א מאסע ארום זיך מיט גרויסער געשווינדיגקייט, מוז קומען א מאמענט, ווען אויף איהר אויבערפלעכע וועט די צענטריפוגאל־קראפט, דאס הייסט, די קראפט, וועלכע טרייבט די מאסע אין א גלייכער ליניע פון דעם מיטעל־פונקט, זיין אין גלייכגעוויכט מיט דער אנציהונגסקראפט פון דעם מיטעלפונקט. דאן האט זיך די מאסע פון דער אויבערפלעכע אבגעריסען און האט געבילדעט א רינג ארום דער זון וועלכע האט זיך בעוועגט אין דערזעלביגער ריכטונג, ווי די זון גופא. דיעזער פראצעס האט זיך וויעדערהאלט איינגע מאל, און עס זיינען אויף אזא אופן ענטשטאנען איינגע רינגען, וועלכע האבען זיך געדרעהט ארום די מאסע פון דער זון.

וואס איז אבער געווארען פון דיעזע רינגען ? ביי דער אבקיהלונג האבען זיך די געדיכטערע טיילען פערדיכטעט, און דער רינג איז בעשטאנען שוין פון א פעסטע מאסע און א גאז־פערמיגע מאסע. אזוי אבער ווי איינגע טיילען פון דעם רינג זיינען געווען געדיכטער איידער אנדערע טיילען, האבען זיי צו זיך צוגעצויגען די דינערע טיילען, און פון דעם רינג איז ענטשטאנען א קיילעכדיגער קערפער, דער פלאנעט. פון די פערשיעדענע רינגען האבען אויף אזא אופן זיך געבילדעט די פערשיעדענע פלאנעטען.

די פלאנעטען פון זייער זייט האבען זיך געדרעהט אויף דעמזעלביגען שטייגער, ווי די זון, און האבען אין קליינעם מאסשטאב אי־

בעגרייפען? אָדער האָט אפשר די נאַטור־וויסענשאַפט די מעכאַנישע ערקלערונג דערצו? אויף דיעזע פראגע, ווי די וועלט איז ענטשטאַנען, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען, האָט די אסטראָנאָמיע פון ניוטאָן נאָך ניט געגעבען קיין וויסענשאַפטליכע תשובה. ערשט דער דייטשער פילאָזאָף קאַנט און דער פראנצויזישער אסטראָנאָם לאַפּלאַס, אין סוף פון 18טען יאהרהונדערט, האָבען פערענטפערט דיעזע פראגע אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן, אָנווענדענדיג אויף די ענטשטעהונג פון דער וועלט דעם פרינציפּ פון ענטוויקלונג. די אזוי אָנגערופענע קאַנט־לאַפּלאַסישע טעאָריע גיט אונז די נאַטור־געשיכטע פון הימעל און ערקלערט אונז די ענטוויקלונג פון דער ערד.


די זעקס פּלאַנעטען (צו דער צייט פון קאַנט האָט מען געוואוסט נאָר פון זעקס פּלאַנעטען) בעוועגען זיך אַרום דער זון אין דער גלייכער ריכטונג, ווי די זון דרעהט זיך ארום איהר אַקס; אויך קומט פאָר די בעוועגונג פון אַלע דיעזע הימלישע קערפּער כמעט אין דערזעלביגער פלעכע. דאָס קען דאָך ניט זיין דורך אַ צופאל. דאָס בעווייזט, אַז אַלע דיעזע פּלאַנעטען און די זון זיינען צווישען זיך פעראייניגט און האָבען איין און דעמזעלביגען נאַטורהיסטאָרישען אורשפרונג. ווייטער ווייסען מיר; דאָס דער חלל, אין וועלכען די פּלאַנעטען בעוועגען זיך, איז לעער, אַזוי, דאָס די פּלאַנעטען און די זון זיינען ניט פערבונדען דורך מאַטעריע, וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטען. ווען זיי בעוועגען זיך אבער יע אלע נאָך איין סיסטעם, איז דערפון די ראיה, דאָס זיי זיינען אַמאָל געווען יע פערבונדען צווישען זיך. דאָ קומט קאַנט צו זיין טעאָריע וועגען דער ענטשטעהונגס־געשיכטע פון דעם זונען־סיסטעם. אַמאָל, — און דיעזעס אַמאָל מיינט נאַטירליך אַ פאַנטאַסטישע צאהל פון מיליאָנען יאָהרען, — איז די מאַטעריע פון אונזער גאַנצער זונען־וועלט געווען אויפגעלעזט אין א כאַאָס, אין אַ תוהו־ובוהו, און דיעזע כאַאָטישע מאַטעריע האָט אויסגעפילט דעם חלל, וואו עס בעוועגט זיך יעצט דאָס זונען־סיסטעם. אַזוי ווי די כאַאָטישע מאַטעריע איז געווען פערשיעדען אין איהר צוזאמענזעצונג, האָבען די דיכטערע טיילען פון דער מאַטעריע אָנגעהויבען צוציהען צו זיך די דינערע טיילען, און דאָס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, ביז עס האָבען זיך געבילדעט איינעגע קיילעכדיגע קערפּער אנשטאט די פריהערדיגע תוהו־ובוהו'דיגע מאַסע. דורך דאָס שפּיעל פון אנציהונגס־

וועלכער בעוועגט זיך, ווירקט אַן אַנדערע קראפט, וועט איהם די אנדערע קראפט אָבציהען פון דער גלייכער ליניע, און דיעזע אבציהונג וועט זיין לויט נאָך דער גרויסקייט פון דער קראפט. ווירקונג און געגענווירקונג זיינען גלייך איינע צו דער אַנדערער און ענטגעגענגעזעצט. ווען איין קערפער ווירקט אויס אויף דעם אנדערען אַ געוויסע קראפט, ווירקט צוריק אויס דער אנדערער קערפער אויף דעם ערשטען אַ גלייכע, אָבער ענטגעגענגעזעצטע קראפט. יעדער טייל פון אוניווערזום ציהט אָן יעדען אנדערען מיט אַ קראפט, וואָס איהר מאָס וואַקסט מיט דער מאַסע פון די טיילען, און וואָס פערקלענערט זיך נאָך מעהר לויט דער ענטפערנונג פון די טיילען. מיט דיעזע געזעצען פון דער מעכאַניק, וועלכע ווירקען אומעדום, אויף דער ערד ווי אויף דעם הימעל, ערקלערט ניוטאָן די בעוועגונג פון די הימלישע קערפער, די גאַנצע מעכאַניק פון הימעל. ווען די פּלאַנעטען בעוועגען זיך ארום דער זון, די לבנה בעוועגט זיך ארום דער ערד, ווערט זייער בעוועגונג ערקלערט דורך די אַלגעמיינע געזעצען פון דער בעוועגונג און די אנציהונגס־קראפט. די לבנה בעוועגט זיך ארום די ערד; וואָלט די ערד ניט געוועזען, וואָלט די לבנה געפלויגען אין אַ גלייכער ליניע ווייטער, אזוי אָבער ווי די לבנה געפינט זיך אין נאָהענטשאַפט צו דער פיעל גרעסערער ערד, ווערט זי צוגעצויגען פון דער אנציהונגס־קראפט פון דער ערד, און דרעהט זיך ארום די ערד אין דער פאָרם פון אַן עליפּסיס, ווי מען קען דאָס גענוי מאַטעמאַטיש בערעכענען. אַלע בעוועגונגען אויפ'ן הימעל לאָזען זיך ערקלערען דורך די געזעצען פון דער מעכאַניק און דורך די אומעדום אין דער מאַטעריע ווירקענדע אנציהונגס־קראפט, — דאָס איז די פונדאַמענטאַלע ענטדעקונג פון ניוטאָן.

.7

ניוטאָן האָט געגעבען די ערקלערונג וועגען דעם בוי פון דעם הימעל און די בעוועגונג פון די פּלאַנעטען. אויף אזא אופן איז געפונען געוואָרען דער שכל פון אַלע בעוועגונגען, אָבער וואו איז דער אָנהויב פון אַלע בעוועגונגען? ווי זיינען די זון און די שטערען ענטשטאַנען? און פאר וואָס האָבען זיי אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען אויף דעם בעשטימטען אופן? איז דאָס געשעהען דורך דאָס מאַכטגעבאָט פון אַ גאָט? ווירקט דאָ אן איבערנאַטירליכע קראפט, וועלכע מיר קענען ניט


די בעוועגונג פון די קערפער און איהר אנציהונגס־קראפט איי־
נער אויף דעם אנדערען ערקלערען די גאנצע מעכאניק פון דעם הי־
מעל, וועלכע איז אקוראט דיזעלביגע, ווי די מעכאנישע בעוועגונג
פון די קערפער אויף דער ערד. ניוטאן האט ווייטער



אייזיק ניוטאן (1643 -1727)

פעסטגעשטעלט די געזעצען פון דער בעוועגונג פון די קערפער.
ווען א קערפער האט זיך איין מאל אנגעהויבען בעוועגען וועט
ער זיך בעוועגען אין א גלייכער ליניע און מיט דערזעלביגער
געשווינדקייט אייביג און אהן א סוף. ווען אויף א קערפער,

פאַלט דער עפּעל אויף די ערד, ווייל די אנציהונגס־קראַפט פון דער ערד אויף דעם עפּעל איז נאַטירליך אונענדליך מאָל גרעסער, איידער




פיגור 6. די אונטערשטע ווייסע פינטעלע בעוויזט די פערהעלטניסמעסיגע גרויס פון דער ערד אין פערגלייך מיט דער זון.

די אנציהונגס־קראַפט פון דעם עפּעל אויף די ערד. וואו עס איז פאַראַן מאַטעריע, איז פאַראַן אנציהונגסקראַפט און דערפאַר אויך בעוועגונג.

שווינדקייט אויף דער ערד. ווען דאָס שטרייעלע פאַלט באמת לאַנגזאַמער און דאָס אייזען גיכער, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל דאָס שטרייעלע האָט ניט די קראַפט צו איבערוועלטיגען דעם ווידערשטאַנד פון דער לופט אזוי לייכט, ווי דאָס אייזען. אין אַ לופט־לעערען רוים וועלען אַ שטרייעלע און אַ שטיק אייזען אַראָפּפאַלען פון דער גרעסטער הויכקייט און דערגרייכען די ערד צו דער גלייכער צייט. גאַליליי האָט אויך אויסגעפונען, דאָס די קערפּער, וואָס לענגער זיי פאַלען, אַלץ אַ גרעסערע געשווינדקייט בעקומען זיי ביים פאַלען. דערקענענדיג די מעכאַנישע געזעצען פון פאַלען, האָט גאַליליי אויך באַלד געזעהען, דאָס קאָפּערניקוס׳ס סיסטעם פון דעם וועלטבוי קען זיך אויף דיעזע געזעצען שטיצען וויסענשאַפטליך.

דורך גאַליליי׳ס ענטדעקונגען וועגען דעם פאַלען פון די קערפּער אויף די ערד, איז געמאַכט געוואָרען אַ גרויסער שריט פאָרווערטס אין דער ערקלערונג פון דער מעכאַנישער בעוועגונג פון די קערפּער אויפ׳ן הימעל. עס איז אָבער נאָך קיינעם ניט ארויף אויפ׳ן געדאַנק, דאָס דאָס פאַלען פון די קערפּער אויף די ערד און די בעוועגונג פון די הימלישע קערפּער אין אונענדליכען רוים, זיינען אייגענטליך איין און דיזעלביגע מעכאַנישע ערשיינונג; וועלכע קען ערקלעהרט ווערען דורך איין און דאָס זעלבע געזעץ. מען האָט נאָך אַלץ געמיינט, אזוי ווי אין די פריהערדיגע יאהרטויזענדע, דאָס די בעוועגונג פון די פּלאַנעטען איז א גאַנץ בעזונדערע געהיימניספולע ערשיינונג אין דער וועלט. ערשט דער גרויסער ענגלישער מאַטעמאַטיקער און אסטראָנאָם נ י ו ט אָ ן, אין ענדע פון 17טען יאהרהונדערט, איז געפאַלען אויף דעם געניאַלען איינפאַל, דאָס דיזעלביגע קראַפט, וועלכע ווירקט אומעדום אויף דער ערד און ציהט צו צו זיך די קערפּער, דאָס זיי זאָלען אויף איהר אראָבפאַלען, — אָט דיזעלביגע קראַפט ווירקט אויך אויף די בעוועגונגען פון די הימלישע קערפּער און בעשטימט זייער לויף. ווען אַן עפּעל פאַלט אראָב פון דעם בוים, פאַלט עס אויף די ערד צוליעב דער זעלביגער אורזאכע, צוליעב וועלכער די לבנה דרעהט זיך ארום דער ערד. דאָס איז די אָ נ צ י ה ו נ ג ס־ק ר אַ פ ט, וועלכע איז אומעדום פעראייניגט מיט דער מאַטעריע, און דורך וועלכער עס ווערען ערקלערט אַלע בעוועגונגען אויף דער ערד און אויף דעם הימעל. דורך די אנציהונגס־קראַפט, וועלכע ווירקט צווישען דער ערד און דעם עפּעל,

נייע וויסענשאפט, — גאליליי האט געמאכט די ערשטע שטודיען און ענטדעקונגען, וועלכע האבען שפעטער געפיהרט צו דער ענטדעקונג פון דעם אלגעמיינעם געזעץ פון דער בעוועגונג פון די הימלישע קערפער. גאליליי האט געמאכט די מערקווירדיגע ענטדעקונג אין דער מעכא־



(1564 — 1642) גאליליו

ניק, אז די פערשיעדענע קערפער, ניט קוקענדיג אויף זייער געוויכט, פאלען מיט דער גלייכער געשווינדקייט אויף דער ערד. א שטרייעלע און א שטיק אייזען דארפען אייגענטליך פאלען מיט דער גלייכער גע־

גען אויף דעם פעלד פון דער אסטראָנאָמיע האָט געמאכט קעפלער, ענטדעקונגען, וועלכע זיינען עד היום געבליבען דער יסוד פון דער אסטראָנאָמיע. דאָס ערשטע געזעץ פון קעפלער איז, דאָס דער וועג פון יעדען פלאנעט ארום די זון איז אַן עליפּסיס, און דאָס די זון שטעהט אין איינעם פון די מיטעלפונקטען. דאָס צווייטע געזעץ




פיגור 5. אַן עליפּסיס.

איז, דאָס וואָס מעהר דער פלאנעט ענטפערנט זיך אין זיין בעוועגונג פון דער זון אלס מיטעלפונקט, אלץ לאנגזאמער ווערט זיין בעוועגונג. דאָס דריטע געזעץ איז, אז וואָס ווייטער א פלאנעט שטעהט אָפּ פון דער זון, אלץ מעהר צייט מוז איהם נעהמען צו מאַכען די פולע רונד־בעוועגונג ארום איהר.

קעפלער האָט צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע ריכטיג און גענוי פערשטאנען די בעוועגונגען פון די פלאנעטען ארום דער זון.

נאָך טויזענדע יאָהרען פון זוכען און אונטערזוכען האָט דער מענש־ליכער געדאנקען צום ערשטען מאָל ענטדעקט און ארויסגעפונען די ריכטיגע בעוועגונג פון די פלאנעטען ארום די זון, דעם וואונדערבאַרען לויף פון די הימלישע קערפּער. עס איז אָבער נאָך געבליבען אונ־פערענטפערט די הויפּט־פראגע: פאר וואָס דרעהען זיך די פלאנעטען אויף אזא אופן ארום דער זון? וואָס איז די וויסענשאפטליכע אורזאכע פון זייער מערקווירדיגען לויף? זאָלאנג די אורזאכע פון דיעזע בעוועגונגען איז ניט געפונען געוואָרען, האָט אלץ ניט געקענט זיין קיין וויסענשאפטליכע טעאָריע וועגען דעם בוי פון דער וועלט און די בעוועגונגען פון די הימלישע קערפער. גאלילי, דער צייט־גענאָסע פון קעפלער, וואָס זיין קאָפּ איז בע־דעקט געוואָרען מיט דעם דערנער־קראנץ פון א מארטירער פאר די


קאפּערניקוס'ען די גענויע קענטניס וועגען דער שטעלונג פון די הימלי־
שע קערפּער און די בעסערע בעאָבאַכטונגען, כדי ער זאָל קענען ריכטיג
דערפאָרשען די בעוועגונגען פון די פּלאַנעטען. ערשט ק ע פּ ל ע ר, אין
זיעבצעהנטען יאהרהונדערט, האָט, אַ דאַנק דער ערפינדונג פון דעם



יאָהאַן קעפּלער (1571—1630)

טעלעסקאָפּ און זיינע גענויע־ע בעאָבאַכטונגען ווי אויף די בעאָבאַכ־
טונגען פון די אַנדער־ע אָסטראָנאָמען פון זיין צייט, אריינגעבראכט די
נויטיגע פערענדערונג אין קאָפּערניקוס'עס סיסטעם און געגעבען איהר
אַן אמת'ען וויסענשאַפטליכען יסוד. דריי פונדאַמענטאַלע ענטדעקונ־

דער די ערד, וואָלט זי זיך געדאַרפט בעוועגען מיט א אונענדליכער שנעלקייט, ווען זי וואָלט זיך געדאַרפט ארומדרעהען אַרום דער ערד אין 24 שטונדען. די ערד איז ניט מעהר ווי א פּלאַנעט, ווי די אַנדערע פּלאַנעטען, און דרעהט זיך אַרום דער זון אלס איהר מיטעלפּונקט. דערמיט האָט קאָפּערניקוס צושטערט די אַלטע פאָרשטעלונג פון דער אסטראנאמיע און אנשטאט דער ערד אַוועקגעשטעלט די זון אין דעם מיטעלפּונקט פון דער וועלט.



פיגור 4. קאָפּערניקוס' צייכנונג פון דער בעוועגונג פון די פּלאַנעטען אַרום דער זון.

קאָפּערניקוס' געניאַלע ענטדעקונג איז געווען דער גרעסטער שריט פאָרווערטס אויף דעם פעלד פון אַסטראָנאָמיע. ער האָט אָבער נור בעוויזען וועלכע בעוועגונגען אויפ'ן הימעל זיינען ווירקליכע, און וועלכע דוכטען זיך נאָר אויס צוליעב דער בעוועגונג פון דעם בעאָבאַכטער. אין אַלע אַנדערע פונקטען פון דער אַסטראָנאָמיע איז קאָפּערניקוס נאָכגעגאַנגען נאָך דער טעאָריע פון פטאָלעמעאוס. עס האָבען געפעהלט

ארומדרעהונג פון דער זון ארום דער ערד איז אַ שיינבאַרע און נעמט זיך דערפון, וואָס די ערד דרעהט זיך אַרום איהר אַקס יעדען טאָג ארום. ווייל די ערד דרעהט זיך און די זון איז אונבעוועגליך, דוכט זיך אונז אויס, דאָס די ערד שטעהט שטיל און די זון בעוועגט זיך,



ניקאָלאַס קאָפּערניקוס (1473—1543)

אַזוי ווי דעם שיפער, ווען דאָס שיפעל געהט זעהר גלאַט איבער'ן טייך, דוכט זיך, אַז דאָס שיפעל איז אונבעוועגליך און די ברעגען פון טייך בעוועגען זיך. אַזוי ווי די זון איז אונגעהויער גרעסער, איי־

דאָס גאַנצע מיטעלאַלטער איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון פטאלעמעאוס וועלט־סיסטעם. די רעליגיאָן, די נאַיווע פאָרשטעלונג פון דעם מענשען און די איטאָריטעט פון פטאלעמעאוס. — דאָס אַלץ האָט פעראייניגט און אויפגעהאַלטען דעם געדאנק, וואָס איז אזוי טייער פאַר דעם מענשען, אז די ערד, וואו ער וואָהנט, איז דער מיטעלפונקט פון דער גאַנצער וועלט. אויך די פילאָזאָפיע פון אריסטאָטעלעס, וועלכע האָט געהערשט אין מיטעלאַלטער און לויט וועלכער די ערד איז דער האַרטער יסוד, אין געגענזאַץ צו די יסודות פייער, לופט און וואסער, אויך דיעזע אריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע האָט אויפגעהאַלטען די מיינונג, דאָס די ערד איז אונבעוועגליך. און אין דער אמת'ען: ווי זאָל זיך גאָר בעוועגען דער האַרטער, פעסטער יסוד פון דער וועלט? . . .

.6

די רענעסאַנס פון דער מענשליכער קולטור אין 16טען יאָהרהונדערט, די ענטדעקונג פון אַמעריקא, דער אָנהויב פון דער קריטישער וויסענשאַפט, די רעפאָרמאַציאָן און די אָבשוואַכונג פון דעם קירכען־גלויבען, די אויפקלערונגס־בעוועגונג פון יענער צייט האָט קודם כל ארויסגערופען אַ איבערקעהרעניש אין די אסטראָנאָמישע פאָרשטעלונגען פון די מענשען. פטאלעמעאוס האָט שוין פערשטאַנען, דאָס די ערד איז נאָר איין קליינער פונקט אין פערגלייך מיט דער אויסדעהנונג און גרויסקייט פון דעם הימעל און די הימלישע קערפער. איז אָבער ניט ריכטיגער אָנצונעהמען, דאָס דיעזער קליינער פונקט דרעהט זיך און בעוועגט זיך אין גרויסען רוים, איידער דאָס די גאַנצע אונגעהייערע וועלט בעוועגט זיך אַרום דיעזען קליינען פונקט? דאָס איז געוועזען אַ דרייסטער, אונגעוועהנליכער און אפשר אונאנגענעהמער געדאַנקען פאַר דעם קאָנסערוואַטיווען מענשען, אָבער ער האָט בעפריעדיגט די פאָדערונגען פון דעם וויסענשאַפטליכען אמת. דיעזען נייעם געדאַנק וועגען דעם בוי פון דער וועלט, ד. ה. אַז די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון און ניט פערקעהרט, האָט ארויסגעזאָגט ק א פ ע ר נ י ק ו ס אין 16טען יאָהרהונדערט, דער בעגרינדער פון דער נייער אסטראָנאָמיע. די טעגליכע

דריען. פטאלעמעאוס האָט זיך אין זיין סיסטעם געשטיצט אויף די
אסטראָנאָמישע פאָרשונגען פון אלטערטום און האָט זיי ווייטער אויס־
געארבייט קריטיש. אין לויף פון כמעט אנדערטהאלב טויזענד יאָהר,
דורך דאָס גאנצע מיטעלאַלטער, איז דיעזעס פטאלעמעאישע סיסטעם
בעטראכטעט געוואָרען אלס די אסטראָנאָמישע ביבעל. פטאלעמאוס
האָט ערקלערט, דאָס די פלאנעטען בעוועגען זיך אַרום דער ערד אין
קרייזען. ער האָט נאַטירליך ניט פערשטאַנען, דאָס דיעזע
בעוועגונג איז נאָר א שיינבאַרע, ווייל באמת דרעהט זיך
נאָר די ערד ארום זיך. פאַרקערט אָבער האָט פטאלעמעאוס ריכטיג
געזעהען און אויך ערקלערט וויסענשאַפטליך, דאָס די ערד האָט די
פאָרם פון א קיילעכדיגער קויל. אָבער דיעזע ערד איז דער מיטעל־
פונקט פון דער הימעל־קויל, און די ערד גופא איז אונבעוועגליך,
(פטאלעמעאוס פאַלעמיזירט געגען די מיינונגען, לויט וועלכע די
ערד דרעהט זיך און בעוועגט זיך). ווייטער דרעהען זיך די פלאנעטען
ארום די ערד אין בעזונדערע קרייזען אָדער אָרביטען, און וואָס מעהר
א פלאנעט איז ענטפערנט פון דער ערד, אלין לאַנגזאמער איז זיין
בעוועגונג. נעהענטער פאר אלע אנדערע פלאנעטען צו דער ערד איז
די לבנה. ווייטער פון אלע אַנדערע איז דער סאַטורן, דערפאַר איז
אויף די קרייז־בעוועגונג פון דער לבנה ארום דער ערד א סך א גיכערע,
איידער די קרייז־בעוועגונג פון סאַטורן. כדי צו ראַטעווען דעם בע־
ליעבטען געדאנק פון יענער צייט, דאָס די הימלישע בעוועגונג זיינען
קרייזפערמיג און גלייכפערמיג, האָט פטאלעמיאוס געמוזט אריינ־
בריינגען פערוויקעלטע קאָמבינאציאָנען אין זיין טעאָריע פון די בע־
וועגונגען. פטאלעמעאוס איז יעדענפאלס געווען דער ערשטער
אסטראָנאָם אין דער וועלט, וועלכער האָט געפאָרשט מיט מאטעמא־
טישע ידיעות און אונטערזוכט די ערשיינונגען מיט נאטורוויסענשאַפט־
ליכע מעטאָדען. דער רעזולטאַט אָבער פון פטאלאמיאוס וויסענ־
שאַפטליכע פאָרשונגען האָט געפיהרט צו דעם, דאָס די נאיווע אויפ־
פאסונג פון דעם מענשען, אַז די ערד שטעהט אויף איין אָרט, און
די הימלישע קערפער בעוועגען זיך ארום איהר, „השמש סובב להולך
והאָרץ לעולם עומדת“, — אַז דיעזע נאַיווע מיינונג האָט געפונען
אין פטאלעמעאוס איהר וויסענשאַפטליכען בעגרינדער און איז געוואָ־
רען די אנגענומענע איבערצייגונג פון פיערצעהן יאָהרהונדערטען.

יאָהרהונדערט פאַר קריסטוס געבורט, האָט מעהר ענטוויקעלט די פריהערדיגע פאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט. ארום דער ערד אַלס מיטעלפונקט געפינט זיך — לויט זיין לעהרע — קריסטאָל־ספערען אָדער קוילען, וואָס איינע איז אָנגעטאָן אויף די אַנדערע, אָבער אַלע זיינען דורכזיכטיג, אַזוי דאָס מען קען דורכזעהען דורך די אינ־ווענינגסטע ספערען די אויסערע ספערען. אויף די אויסערע ספערען זיינען אָנגעהעפטעט די אונבעוועגליכע שטערען, אָבער די זון, די לבנה און די שטערען האָבען זייערע אייגענע ספערען. אזוי ווי די ספערען דרעהען זיך ארום יעדען טאָג, ווערט ערקלערט דער אויפ־גאַנג און אונטערגאַנג פון די שטערען. דאָס איז אויך די סבה — לויט פיטהאַגאָראַס לעהרע — פאַר וואָס די שטערען בייטען ניט קיינ־מאָל זייער פלאַץ אויפ'ן הימעל, ווייל זיי זיינען אָנגעהעפטעט צום הימעל. פארקעהרט אָבער זיינען די בעוועגליכע פלאַנעטען, וועלכע בייטען זייער פלאַץ אויפ'ן הימעל, ניט אָנגעהעפטעט צו דער הימעל־ספערע. פיטהאַגאראס גרונד־געדאַנקען, דאָס די גאַנצע וועלט איז געבויט ווי אַ ספערע אָדער קויל, איז אַ געדאנק, אָן וועלכען די מענשען האָבען זיך נאָך טויזענדע יאָהרען געהאַלטען. מען זאָגט, דאָס פיטהאַגאָראס האָט באַהאַלטענערהייט געלערנט די מיינונג, דאָס די ערד דרעהט זיך אַרום דער זון, אַלס איהר מיטעלפונקט, אָבער יענע צייט האָט דיעזען געניאַלען געדאנק נאָך ניט געקענט אויפ־נעהמען. דער געניאלער פ ל אַ ט אָ ן האָט אמת וויעדער אָנגע־דייטעט, דאָס די ערד דרעהט זיך אפשר ארום זיך און ארום די זון, און האָט געפרובט צוברעכען די אַלטע טעאָריע פון אַלע נאַיווע פעל־קער, דאָס די ערד איז דער מיטעלפונקט פון דער וועלט. דיעזער רעוואָלוציאָנערער געדאנק איז אָבער אויסגעקומען דאמאלס נאָך צו דרייסט און אונגעוועהנליך, און ווען דער ניכטערער און וויסענשאַפט־ליכער א ר י ס ט אָ ט ע ל ע ס האָט אויפמערקזאם געמאַכט, דאָס מען דארף קודם כל בעאָבאַכטען און שטודירען די ערשיינונגען, האָט מען יענע געניאַלע השערה וועגען דער בעוועגונג פון דער ערד אין גאנצען אויפגעגעבען.

דאָס ערשטע וויסענשאַפטליכע סיסטעם וועגען דעם בוי פון דעם אוניווערזום האָט אָבער ערשט געשאַפען פ ט א ל ע מ ע א ו ס אין דער מיטען פון צווייטען יאָהרהונדערט נאָך קריסטוס אין אַלעקסאַנ־

.5

די אסטראנאָמישע פאָרשטעלונגען און בעאָבאַכטונגען פון די פעלקער פון מזרח בעווייזען די גרויסקייט און ערהאַבענקייט פון דעם מענשליכען גייסט, וועלכער האָט אָהן פערגרעסערונגס־גלעזער, אָהן יעדע טעכניק, אָהן יעדע מעטאָדע געקענט ריכטיג צעהלען און מעסטען די בעוועגונגען פון די הימלישע קערפער. די אַלטע פעלקער האָבען אָבער ניט געקענט מאַכען בעאָבאַכטונגען און אויפזאמלען זיי, ניט זייענדיג נאָך פעהיג צו געפינען אַ צוזאמענהאַנג צווישען די בעאָבאַכטעטע ערשיינונגען. ערשט די הויך־ענטוויקעלטע גריכען, אַ דאַנק זייער פילאָזאָפישען און וויסענשאַפטליכען גייסט, האָבען זיך געפרובט אויפהויבען צו אַ טעאָריע וועגען די יסודות פון דער וועלט און דעם אַסטראָנאָמישען בוי פון דעם אוניווערזום. דער גריכישער נאַטור־פאָרשער ט ה א ל ע ס, אין זיבעטען יאהרהונדערט פאר קריסטוס, האָט זיך פאָרגעשטעלט, דאָס דאָס וו א ס ע ר איז דער גרונד־יסוד און דער אָנהויב פון דער גאַנצער וועלט. די ערד, וועלכע איז אַ רונדע שייבע, שווימט ווי אַ שיף אויפ'ן וואסער, און איבער דער ערד איז דער הימעל אויפגעבויט ווי א גלאָק. די שטערען זינקען אראָב ביים אונטערגאַנג אין דעם אָקעאַן און שווימען פון דאָרטען ארויס ביי זייער אויפגאַנג. דער תלמיד פון טהאַלעס, אַ נ אַ ק ס י מ אַ נ ד ע ר, אין זעקסטען יאהרהונדערט פאר קריסטוס'ס געבורט, האָט בעטראכטעט די ערד ווי אַ צילינדער, וועלכער שוועבט אין מיטען פון דער וועלט־קויל. דיעזע וועלט־קויל דרעהט זיך ארום די ערד, ווי „אַ היטעל ארום אונזער קאָפּ“, און אויף איהר זיינען אָנגעהעפטעט די אונבעוועגליכע שטערען. אָבער הינטער דיעזע וועלט־קויל געפינט זיך אַ פרייער אָרט פאַר די וואַנדלונג פון דער זון, דער לבנה און די פלאַנעטען. אַ שריט ווייטער צו ריכטיגערע פאָרשטעלונגען מאַכט אָבער דער פילאָזאָף אַ נ אַ ק ס אַ ג אָ ר, וועלכער מיינט, דאָס די גאַנצע הימעל־קויל מיט איהרע שטערען דרעהט זיך ארום זיך זעלבסט, און די שטערען זינקען אראָב אין א טייל פון זייער וועג אונטער די ערד. נאַטירליך, איז די ערד ביי אַלע דיעזע פילאָזאָפען דער מיטעלפונקט פון דער וועלט.

דער טיעפזיניגער פילאָזאָף פ י ט ה אַ ג אָ ר אַ ס, אין זעקסטען

אין טאָג, וואָך, חודש און יאָהר. די צייט פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטערגאַנג איז אָנגערופען געוואָרען א טאָג, די דרייסיג טעג, אין וועלכע די לבנה דרעהט זיך ארום די ערד, איז אָנגערופען געוואָרען חודש, און די 365 טעג, וועלכע די זון בעדארף, אום זיך צו בעוועגען ארום די ערד, איז אָנגערופען געוואָרען יאָהר. נאָך די פיער לאַגען פון דער לבנה איז דער חודש איינגעטיילט געוואָרען אין פיער וואָכען, און אויך יעדער טאָג פון וואָך איז געשטעלט געוואָרען אונטער די הערשאַפט פון איינעם פון די זיעבען פּלאַנעטען. די נעמען פון די טעג אין די אייראָפּעאישע שפּראַכען ווייזען אויף דעם צוזאמענהאַנג צווישען דעם טאָג און זיין פּלאַנעט: אזוי שטאַמט דער ענגלישער „סאַטורדיי“ פון סאַטורן, „סאָנדיי“ פון דער זון, „מאָנדיי“ פון מאָנד און ז. וו.. אין דער פראַנצויזישער און איטאַליענישער שפּראַך איז דיעזער צוזאמענהאַנג נאָך מעהר ניכר.

אויך די זונען־פינסטערנים און מאָנד־פינסטערנים, די לקוי חמה און לקוי לבנה איז שוין פערשטאַנען געוואָרען ריכטיג אין די אוראַלטע צייטען. די פּרימיטיווע מענשען זיינען לכתחילה אריינגעפאַלען אין א פורכטבאַרען שרעק ביי א פּלוצלינגער זונען־פינסטערניס אָדער לבנה־פינסטערניס, און האָבען געזעהען אין דעם וואָרנענדע צייכענס פון הימעל. אָבער מען האָט באַלד געמאַכט די בעאָבאַכטונג, דאָס ווען די לבנה אין איהר קרייז־בעוועגונג קומט צווישען דער ערד און דער זון, ווערט א זונען־פינסטערניס, און ווען די ערד קומט צווישען דער לבנה און דער זון, ווערט א לבנה־פינסטערנים. שוין אין אַלטע צייטען האָבען די אסטראָנאָמען און שטערען־זעהער פערמאָגט אויסצורעכענען די צייט, ווען א זונען־פינסטערניס אָדער לבנה־פינסטערניס קומען. אויך דאָס אויפטרעטען פון קאָמעטען אויפ'ן הימעל, וועלכע פלעגען ארויפוואַרפען א שרעק אויף די איינפאַכע מענשען, האָט מען שוין מיט טויזענדע יאָהרען צוריק אָנגעהויבען צו ערקלערען אלס א נאַטירליכע ערשיינונג. דער נביא ירמיה פיהלט דאָס, ווען ער זאָגט צו זיין פאָלק ישראל: „ומאותתות השמים אל תחתו, כי יחתו הגוים מהמה“ — האָט ניט מורא פאַר די צייכען פון הימעל, וואָרום נאָר די גוים האָבען פאַר זיי מורא.

ניט דער אַמאָליגער גאָט־שטערען, „אברם“, וועלכער איז שפּעטער פערוואַנדעלט געוואָרען פון אַ הימלישען פאָטער אין אַן ערדישען פאָטער, פון אַ שרעקליכען גאָט אין אַ הייליגען העלד? די אידען, וועלכע האָבען פאַר אַלע אַנדערע פעלקער אויסגלייטערט זייערע נאַטור־רעליגיעזע גלויבונגען, זיינען אויך אַ מאָל געוועזן שטערען־דיענער. אַזוי דערמאָנט דער נביא עמוס דעם פאָלק ישראל זיין אַמאָליגע פערגעטערונג פון שטערען, ווען ער זאָגט: “ונשאתם את סכות מלככם, כיון צלמכם, כוכב אלהיכם אשר עשיתם לכם“. מיר ווייסען איצט, דאָס „כיון“ איז דער אַלט־העברעאישער נאָמען פאַר דעם פּלאַנעט סאַטורן. און דער צדיק איוב רעכענט זיך פאַר אַ זכות אין זיין טענה געגען גאָט, דאָס ער האָט קיינמאָל ניט געדיענט אפילו אין שטילען צו די שטערען; „אם אראה אור כי יהל, וירח יקר הולך, ויפת בסתר לבי ותשק ידי לפי, גם הוא עון פלילי כי כחשתי לאל ממעל“.

פון דער פערגעטערונג פון דעם הימעל האָבען זיך אָבער ענטוויקעלט קענטניסע וועגען דעם הימעל און די פעלקער פון פאַרצייטיגער ציוויליזאַציאָן, ווי די כינעזער, אידען, אינדיער, באַבילאַנער, עגיפּטער, האָבען שוין זייט טויזענדער יאָהרען געהאַט געוויסע אסטראָנאָמישע ידיעות און זיך געמאַכט אַ פאָרשטעלונג וועגען די ערשיינונגען און בעוועגונגען אויף דעם הימעל. שוין זייט די עלטעסטע צייטען האָבען די מענשען בעאָבאַכטעט, דאָס פון די אונצעהליגע שטערען, וועלכע זיצען אונבעוועגט אויף דעם הימעל, זיינען פאַראַן פינף שטערען, וועלכע בעוועגען זיך, וואַנדלען אויף דעם הימעל, אקוראַט ווי די זון און די לבנה. דיזע פינף שטערען, צוזאַמען מיט דער זון און די לבנה, האָט מען שפּעטער גערופען „די זיעבען פּלאַנעטען“: ס אַ ט ו ר ע ן, י ו פּ י ט ע ר, מ אַ ר ס, ז ו ן, ו ו ע נ ו ס, מ ע ר ק ו ר, ל ב נ ה. די גריכישע אסטראָנאָמיע האָט אָנגענומען, דאָס דיעזע פּלאַנעטען דרעהען זיך אַרום די ערד אַלס מיטעלפּונקט, און מען האָט געזוכט צו בעשטימען די צייטען, וועלכע עס נעהמט ביי יעדען פּלאַנעט, ביז ער קעהרט זיך אום צוריק צו דעמזעלביגען פּונקט אויפ׳ן הימעל, וועלכען ער האָט פערלאָזען אין זיין שטענדיגער וואַנדערונג.

לויט די בעוועגונגען פון די פּלאַנעטען, האָבען די פעלקער פון מזרח אין אוראַלטע צייטען שוין איינגעטיילט די צייט. נאָך די בעוועגונגען פון דער זון און דער לבנה האָט מען איינגעטיילט די צייט

שראָקען פאר די געהיימניספולע ערשיינונגען אויף דעם הימעל. יאהרטויזענדע אפשר האָט עס גענומען זייט דער צייט, ווען דער פרימיטיווער מענש האָט זיך געמאכט זיין אונקלאָרע אונבעשטימטע פאָרשטעלונג וועגען דעם אוניווערזום, ביז ער האָט אָנגעהויבען אריינצודרינגען מיט זיין פאָרשענדען און בעאָבאַכטענדען אויג אין די געהיימניסען פון די הימלישע קערפער. אָבער די בעוועגונגען אויף דעם הימעל האָבען פריהער פאַר אַלץ געצויגען אויף זיך די פאַנטאַזיע און דעם שכל פון דעם מענשען. די וויסענשאַפט פון דעם הימעל און די שטערען, די אסטראָנאָמיע, איז דערפאר די ערשטע וויסענשאַפט, וועלכע דער מענשליכער שכל האָט בעגרינדעט אין דער געשיכטע. איידער דער מענש האָט נאָך געהאַט וועלכע עס איז פאָרשטעלונג מכח די געזעצע; פון דער נאַטור, מכח די ערד און דאָס וואונדערבאַרע וועזען פון דעם מענשען גופא, האָט ער שוין אָנגעהויבען צו צעהלען די שטערען אויפ'ן הימעל און צו בעאָבאַכטען זייערע געהיימניספולע אייביגע בעוועגונגען. אמת, דער מענש האָט לכתחילה די זון און די לבנה און די שטערען, וועלכע טהראָנען אויפ'ן הימעל און בעוועגען זיך און ברענגען ליכט און לעבען, פערגעטערט און געבוקט זיך צו זיי, ווי צו געטליכע וועזענס. אָבער דערקענענדיג ביסלעכווייז די געזעצען פון זייערע בעוועגונגען, האָט ער זיי שוין אַראָפּגעוואָרפען פון זייער הימלישע; טהראָן און בעהערשט זיי מיט זיין וויסענשאַפטליכען גייסט. פון געטער, צו וועלכע דער מענש האָט געדיענט, זיינען די זון, די לבנה און די שטערען געוואָרען די ערשטע יסודות פון דער נאַטור־וויסענשאַפט, די וועגווייזער פאר די ערקלערונג וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט.

אַלע פעלקער האָבען, ווי בעקאַנט, לכתחילה געדיענט די זון, די לבנה און די שטערען און געהאַלטען זיי פאר געטער. און אלע מיטאלאגיען און רעליגיאָנען שטאַמען פון דער פערגעטערונג פון די הימלישע קערפער. אַלע העלדען פון דער מיטעלאגיע און פון דער אורגעשיכטע פון די פעלקער זיינען הימלישע קערפער, וועלכע האָבען זיך אין דער ענטוויקלונג פון דער רעליגיאָן פערוואנדעלט אין איידעלערע און ריינערע וועזענס. ווער קען דאָס אבלייקענען מיט זיכערהייט, דאָס אברהם אבינו, וועלכער איז אין דער תורה שוין געשילדערט אלס אַ נביא און אַ מאָראַלישער פאַטריארך, דאָס דיעזער אברהם אבינו איז

וועלכער מיר טראָגען אריין דורך אונזער גייסט די וויסענשאַפטליכע אָרדנונג. דיעזע וועלט אין איהר ווייט און איהר דויער איבערשטייגט דעם כח פון אונזער פאַנטאַזיע און השגה, און מיר רופען זי דערפאר אונענדליך און אייביג. עס פעהלט אונז די פסיכישע קראפט און אַפילו די טעכנישע מיטלען, צו בעגרייפען און אויסצודריקען די ווייטקייט פון רוים און די דויער פון צייט, וואָס אין דיעזע צוויי דימענזיאָנען (רוים און צייט) איז די וועלט פערזונקען.

אין דער ענדליכער וועלט אָבער, אין וועלכער מיר לעבען און האַנדלען, זוכט דער פאָרשענדער גייסט צו ענטדעקען די געזעצמעסיגקייט און פּלאַנמעסיגקייט, נאָך וועלכער זי בעוועגט און ענטוויקעלט זיך. אונאויפהערליכע בעוועגונג און שטענדיגע ענטוויקלונג — דאָס איז דאָס געזעץ, וועלכעס בעהערשט די וועלט, פון די שטערען אויף דער אויסשפרייטונג פון הימעל ביז צו די מאָלעקיולען אין דער וויסענשאַפטליכער פאַנטאַזיע פון דעם כעמיקער. זייט אוראַלטע צייטען האָט דער מענש געזוכט צו דערפאָרשען דיעזער בעוועגונג פון די הימלישע קערפער און ערקלעהרען זייער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג. אין דעם אָנהויב פון דעם קולטורעלען לעבען פון אַלע פעלקער טרעפען מיר שוין אָן ביי זיי פאָרשטעלונגען און אידעען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט און די בעוועגונגען אויפ׳ן הימעל. דיעזע פאָרשטעלונגען זיינען לכתחילה נאָך פאַנטאַסטישע, וואונדערבאַרע, וועלכע האָבען נאָך ניט קיין בעגרינדונג אין די ערשיינונגען פון דער נאַטור. אָבער וויבאַלד דער מענשליכער גייסט האָט זיך אויפגעוועקט צו קלערען און צו פרעגען, האָט ער זיך שוין אנגעהויבען צוגעוועהנען צו בעאָבאַכטען און צו פאָרשען, און פון דעם כאַאָס פון די ערשטע פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען וועגען דער וועלט און איהר ענטשטעהונג הויבען אָן ארויסצולייכטען ביסלעכוויז קלאָרערע און אידעאַלערע געדאַנקען מכח דער וועלט און איהרע ערשיינונגען. עס האָט אָבער געדויערט פיעלע יאהרטויזענדע פון קולטור און גייסטיגע ארבייט, ביז דער מענש האָט דערפאָרשט די בעוועגונגען פון די הימלישע קערפער, האָט דערקענט זייער וואונדערבאַרע געזעצמעסיגקייט און פּלאַנמעסיגקייט, און האָט זיך דאדורך ערשט אויפגעהויבען צו דעם קלאָרען און וויסענשאַפטליכען בעגריף פון אוניווערזום.

לכתחילה שטעהט דער מענש בעצויבערט, ניעדערגעדריקט און דער־

טען אויג א רוהיג פינקלענדען שטרייף אָדער פּאַס, וועלכער ציהט זיך איבער די אויסשפּרייטונג פון הימעל און טיילט, אזוי צו זאָגען, דעם וועלטאל פאַנאַנדער אין צווייען. דאָס איז דער „מילך־וועג“, וועלכען די מענשען האָבען שוין בעאָבאַכטעט זייט אוראַלטע צייטען און וועל־כען די מיטאָלאָגישע פאַנטאַזיע פון אַלע פעלקער האָט ערקלערט און פאַרטייטשט אויף די פערשיעדענסטע אופנים. די קינדישע פאַנטאַזיע פון די מענשען האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָס איז דער נאָט, וואו דיביידע העלפטען פון דער וועלט זיינען צונויפגעהעפטעט. דיעזער מילך־וועג בעשטעהט אויך פון מיליאָנען אונזיכטבאַרע שטערען, וואָס זייער צונויפגעגאָסענעם ליכט זעהט אויס פון דער אונעדליכער ווייט־קייט ווי א שטיל פינקלענדער שטרייף אָדער פּאַס. אכטצעהן מיליאָ־נען שטערען האָבען די אסטראָנאָמען צונויפגערעכענט אין דעם „מילך־וועג“, וועלכער איז זיכטבאַר פאַר אונז פון דער אונענדליכער ווייט־קייט. ווי ווייט אָבער איז ענטפערנט פון אונז דער מילך־וועג? יעדע ציפער, וועלכע זאָל אויסדריקען דיעזע מורא'דיגע ווייטקייט, איבער־שטייגט דעם כח פון אונזער השגה; אַזאַ ציפער קענען מיר גאָר ניט אויפשרייבען, און וואָלטען מיר זי אויפגעשריעבען, וואָלט זי אונז וועג־נען איהר גרויסקייט ניט געגעבען קיין בעגריעף פון דער זאַך. די מורא'דיגע ווייטקייט קענען מיר זיך אָבער אפּשר פאָרשטעלען אויף אַן אַנדערען אופן. מיר ווייסען, דאָס דער ליכט־שטראַהל לויפט דורך אַן ערך 300,000 קילאָמעטער אין א סעקונדע. דער ליכט־שטראַהל פון דעם מילך־וועג דארף פליהען טויזענדער יאָהרען, ביז ער זאָל דער־גרייכען אונזער ערד. דאָס איז די ענטפערנונג פון דער ערד ביז צו דעם מילך־וועג, וועלכער איז נאָך זיכטבאַר צו אונז. אָבער דער רוים איז נאָך פיעל ווייטער, און עס זיינען פאַראַן נאָך שטערען און סיסטע־מען, וואָס זייער ליכט וועט ערשט דערגרייכען די ערד אין מיליאָנען יאָהרען.

.4

זון, לבנה, ערד, פּלאַנעטען, זיכטבאַרע שטערען, נעבעל־פלעקען, מילך־וועג, און צווישען זיי די בלאָנזשענדע מאַטעריע, די קאָמעטען, וועלכע ווייזען זיך אָפּטמאָל ניט ווייט פון דער ערד—אָט דאָס איז דער־זיכטבארער אוניווערזום, די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען און אין

איהר ארום אין 29½ יאָהר. דער זיעבעטער פּלאַנעט, א ו ר א נ ו ס, איז ענטפערנט פון דער זון 2900 מיליאָנען קילאָמעטער און דרעהט זיך ארום איהר ארום אין 84 יאָהר. דער לעצטער אַכטער פּלאַנעט נ ע פּ ט ו ן, וועלכען די אסטראָנאָמיע האָט ענטדעקט אין דער לעצטער צייט, איז ענטפערנט פון דער זון 4490 מיליאָנען קילאָמעטער און דרעהט זיך ארום איהר ארום אין 165 יאָהר. אַלע דיעזע פּלאַנעטען שטעהען אונטער דער ווירקונג פון דער פיעל, פיעל גרעסערער זון, ארום וועלכער זיי דרעהען זיך אין עליפּסיסען, ד. ה., עטוואָס אויסגעצויגענע קרייזען.

דאָס זונען־סיסטעם, וועלכעס איז אייגענטליך דאָס שטערען־סיסטעם, צו וועלכען עס געהערט אונזער פּלאַנעט ערד, איז ניט מעהר ווי איין קליינער פּונקט אין דער אונענדליכקייט פון רוים, וועלכע איז אָנגעפילט מיט מיליאָנען אַזעלכע זונען־שטערען־סיסטעמען. פון דיעזע שטערען זיינען נאָר וועניגע טויזענדע זיכטבאַר פאַר דאָס געוועהנליכע אויג, ערשט דער טעלעסקאָפּ דעקט אונז אויף די צעהנדליגע מיליאָנען ניט־געזעהענע שטערען אויפ'ן הימעל. דאָס ניט־בעוואפענטע אויג גיט אונז אַ קליינע אָנדייטונג פון די מערקווירדיגע וואונדער פון הימעל. איבער דעם גאַנצען הימעל זעהען מיר אָבער מיט דעם אויג שוין אַ חוץ שטערען־הויפען אויך צושפּרייטע נעפּלען אָדער פלעקען, וועלכע געפינען זיך איינער פון דעם אַנדערען אין אַן אונענדליך ווייטען מרחק. דיעזע נעפּלען אָדער פלעקען, וועלכע האָבען די פערשיעדענסטע פאָרמען און געשטאַלטען, לאָזען זיך דערקענען אונטער דעם גלאָז פון טעלעסקאָפּ אָדער אַלס בינטלעך פון שטערען פון פערשיעדענער צאָהל, גרויס און פאַרב, אָדער אַלס צושטרייטע גאַזפערמיגע מאַסע. אַלע שטערען, וועלכע מיר זעהען, — די זון, נאַטירליך, איינגעשלאָסען, — זיינען חלקים פון אַזא נעפּעלהאַפטען בינטעל פון שטערען. ווען מיר זאָלען אַוועקפליהען פון דער ערד אין דעם אונענדליכען רוים, וועט די זון ווערען פאַר אונזערע אויגען אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי וועט אויסזעהען ניט גרעסער פון אַ שטערען, און וועט זיך אין נאָך ווייטערער ענטפערנונג צונויפגיסען אין אַ נעפּעל מיט די איבריגע שטערען ארום איהר.

א חוץ וואָס מיר זעהען אויף דעם הימעל די נעפּעלהאַפטע פלעקען, בעאָבאַכטען מיר אין וואָלקענלאָזע נעכט שוין מיט דעם ניט בעוואפענ־

דער לאַגע פון די שטערען, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי זיין געבורט. די אסטראָנאָמיע איז געווען פערבונדען און פערפלאָכטען מיט דער אסטראָלאָגיע.

.3

לאָמיר אָבער פערלאָזען די אונזיכטבאַרע און זיכטבאַרע שטערען, וועלכע לייכטען צו אונז אראָב פון זייער אונענדליכער וויטקייט, און לאָמיר בעטראַכטען אונזער קליינינקע וועלט, צו וועלכער די ערד געהערט, די זון מיט איהרע פּלאַנעטען. די זון אַליין איז ניט מעהר ווי אַ שטערען צווישען די מיליאָנען זיכטבאַרע און ניט־זיכטבאַרע שטערען. צו דיעזער זון געהערען די אַכט פּלאַנעטען, וועלכע בעוועגען זיך ארום איהר, אַקוראַט ווי די ערד, און שטעהען אין אַ פערשיעדענער ענטפערנונג פון איהר. די זון איז אַ מיליאָן מאָל אַזוי גרויס ווי די ערד, וועלכע דרעהט זיך צוזאַמען מיט די איבריגע פּלאַנעטען ארום דער זון אין אַן עליפּסיס*). פיעלע פון די פּלאַנעטען זעלבסט האָבען בעגלייטער, סאַטעליטען, וועלכע דרעהען זיך אַרום זיי, ווי די לבנה ארום די ערד. אזעלכע פּלאַנעטען זיינען פאַראַן אַכט. דער ערשטער נע־הענטסטער פּלאַנעט איז מערקור, וועלכער שטעהט אָב פון דער זון אויף אַ מרחק פון 58 מיליאָנען קילאָמעטער און דרעהט זיך ארום איהר־אַרום אין 88 טעג. נאָך מערקור קומט דער פּלאַנעט ווענוס, וועל־כער איז 108 מיליאָנען קילאָמעטער ענטפערנט פון דער זון און בע־וועגט זיך ארום איהר אין 225 טעג. דער דריטער פּלאַנעט איז אונ־זער ערד, וועלכע איז 149 מיליאָנען קילאָמעטער ענטפערנט פון דער זון. ארום דער ערד דרעהט זיך די לבנה, אַזוי ווי ארום אַלע אַנדערע פּלאַנעטען דרעהען זיך אַנדערע בעגלייטער אָדער סאַטעליטען. דער פיערטער פּלאַנעט איז מאַרס, וועלכער איז 227 מיליאָנען קי־לאָמעטער ענטפערנט פון דער ערד און בעדאַרף 687 טעג, כדי זיך ארומצודרעהען ארום דער זון. יופּיטער איז דער פינפטער פּלאַ־נעט, וועלכער איז ענטפערנט פון דער זון אַן ערך 800 מיליאָנען קי־לאָמעטער און דרעהט זיך ארום איהר ארום אין 12 יאָהר אָהן 50 טעג. נאָך דעם יופּיטער קומט דער זעקסטער פּלאַנעט, סאַטורן, וועלכער איז ענטפערנט פון דער זון 1400 מיל. קילאָמעטער און דרעהט זיך ארום

*) זעה פיגור 5.

גריכישער זונען־גאָט), ווייל די זון געפינט זיך יעדען חודש אין איינער פון זיי, און קעהרט זיך אום יעדען פריהלינג צוריק צו דעם אָנהויב פון דעם זאדיאק. דיעזע מזלות ווערען אָנגערופען אין העברעאיש: טלי (באָק), שור (אָקס), תאומים (צווילינג), סרטון (קרעפס), אריה (לייב), בתולה (יונגפרוי), מאזנים (וואָג), עקרב (שלאַנג), קשת (בויגען), גדי (ציעג), דלי (וואסער), דגים (פיש).



פיגור 3. דער זאָדיאַק.

אזוי האָבען די פארצייטיגע מענשען שוין געפּאַרשט און געזוכט די שטערען אויפ'ן הימעל, געגעבען זיי בעצייכנונגען און נעמען און געבויט, אַזוי צו זאָגען, די געאָגראַפיע פון הימעל.


דיעזע שטערען אויפ'ן הימעל האָבען זיי פערגעטערט און האָבען געגלויבט, דאָס זיי בעהערשען דעם שיקזאַל פון פעלקער און מענשען. דער שיקזאַל פון דעם מענשען ווענדעט זיך אָן דעם מזל, אין וועלכען ער איז געבאָרען געוואָרען, אָן דעם גליקליכען אָדער אונגליקליכען שטערען, וועלכער איז געשטאַנען אויפ'ן הימעל ביי זיין געבורט. אזוי ווי די טעג און די שעות פון די טעג זיינען לויט די אלטע פּאָרשטעלונגען געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די פּלאַנעטען, און די חדשים זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די מזלות, פלעגען די אַמאָליגע אסטראָלאָגען אויך אויסטייטשען דעם שיקזאַל פון דעם מענשען נאָך

נאָכגעהענדיג נאָך די פערשיעדענע ליניען האָבען אויף אזא אופן די אסטראָנאָמען בעשטימט אַלע קאָנסטעלאציאָנען און בעצייכענט אויף די פערשיעדענע שטערען נאָך זייערע נעמען און זייערע אותיות. פון אלטע צייטען טראָגען הערליכע גלענצענדע שטערען נאָך בעזונדערע נעמען, ווי דער אונבעוועגליכער פאָל־שטערען, נאָך וועלכען די שיפער זיינען געגאַנגען, דער סיריוס, דער ארקטורוס, א. ז. וו., וואָס אין זייער בעצייכנונג האָבען אנטייל גענומען די קולטורען און מיטאלאגיען פון אַלע פעלקער פון דער געשיכטע.

זייט די אוראַלטע צייטען האָט מען אויף דעם הימעל ארויסגע־מערקט בעזונדערע שטערען־גרופען און זיי אָנגערופען די צייכען פון הימעל, אָדער די מזלות. אין דער פאַרצייטיגער אסטראָנאָמיע האָבען דיעזע מזלות פערנומען אַ בעדייטענדען אָרט און זיינען געבראכט גע־וואָרען אין ענגסטער בעציהונג מיט דעם שיקזאַל פון פעלקער און מענשען.

ווען די זון דרעהט זיך שיינבאַר ארום די ערד אין דעם לויף פון דעם יאָהר (דאָס הייסט, אייגענטליך, ווען די ערד מאַכט איהר יעהר־ליכע ארומדרעהונג ארום די זון), מאַכט זי אַ רעגעלמעסיגען ניט פער־ענדערליכען קרייז. יעדען יאָהר געפינט זי זיך אין די פערשיעדענע חדשים אויף אַ פערשיעדענער הויכקייט; זי שטעהט אין דעם חדש שבט, למשל, ניט אזוי הויך אויפ׳ן הימעל ווי אין דעם חדש תמוז. אין איהר שיינבאַרען לויף דורך דעם וועלטאַל געהט די זון אין אַלע חדשים פון יאָהר דורך די הימעל־געגענדען צווישען דיזעלביגע שטערען־גרו־פען, וועלכע שטעהען אין שיינבאַרער אונבעוועגליכקייט איבער דער ערד. דיעזער קרייז, וועלכען די זון מאַכט ארום די ערד, אָדער בעסער, די ערד ארום די זון, אין דעם הימעל, ווערט אָנגערופען דער עקליפטיק. די געגענד אויפ׳ן הימעל פוןביידע זייטען פון עקליפטיק, דורך וועלכע די זון לויפט דורך אין משך פון דעם יאָהר, ווערט אָנגערופען זייט די גריכיישע צייטען שוין דער „זאדיאק“, אָדער דער טיער־קרייז, ווייל די שטערען־פיגורען פון יענעם רוים דערמאָנען אַלע כמעט אן די פיגורען פון חיות. דיעזער זאדיאק איז פאַנאַנדער־געטיילט געוואָרען אין צוועלף חלקים, וועלכע זיינען אָנגערופען געוואָ־רען די צוועלף צייכען פון זאדיאק, די מזלות, אָדער די „הייזער פון דער זון“, אָדער אויך די „מאָנאַטליכע רעזידענצען פון אפאָללאָן“ (דער

גרויסער בער“, אָדער ווי ער איז נאָך בעקאַנט אונטער אנדערע נעמען, ווי „דוד׳ס רייטוואָגען“ א. ז. וו. דיעזע קאָנסטעלאַציאָן איז נאָך געוועזן בעקאַנט מיט דריי טויזענד יאָהר פריהער צו די אַלטע כינעזער, וועלכע האָבען זי פערגעטערט אַלס די גאָטהייט פון נאָרדען. דיעזע גרופּע געפינט זיך שטענדיג אויפ׳ן הימעל און בעשטעהט פון פיער הערליכע שטערען, וועלכע זיינען פערטיילט ווי אין אַ פיר־עק, און פון נאָך דריי שטערען, וועלכע ציהען זיך פון איהר ווי אַ הענטעל אָדער אַן עק. די פאָלגענדע בעצייכנונג מאַכט עס קענטיג:



פיגור 2. דער „גרויסער בער“ און „קליינער בער“.

פערלענגערען מיר די ליניע צווישען די צוויי אונטערשטע שטערען פון דעם „גרויסען בער“ דערלאַנגען מיר צו אן אנדער קאָנסטעלאַציאָן, וועלכע איז ענליך צו דער ערשטער קאָנסטעלאַציאָן, אָבער איז נאָר קלענער, און רופט זיך אָן דערפאַר „דער קליינער בער“.

מעטאָדע האָט איינגעפיהרט אין יאָהר 1603 דער בעריהמטער אסטראָ־נאָם ב א י ע ר. די קאָנסטעלאציאָנען און די בעצייכנונג פון די שטערען נאָך דעם גריכיישען אלף־בית האָבען געגעבען די אסטראָנאָמען די מעגליכקייט אויסצואַרבייטען די געאָגראַפיע פון הימעל.



פיגור 1. אַ שטיקעל הימעל מיט די קאָנסטעלאַציאָנען (שטערען־צוזאַמענ־זעצונגען) פון „גרויסען בער“, „קליינעם בער“ און „דראַקאָן“ אָדער שלאַנג.

אָט שטעהט איבער אונזערע קעפּ, אויף דעם נאָרדליכען הימעל, די ליכטיגסטע און בעסט בעקאַנטע גרופּע פון זונען־שטערען, „דער

„גרויסקייט“. באמת מיינט אָבער דיעזע גרויסקייט נאָר די ליכטיגקייט פון די פערשיעדענע שטערען, ווי זיי לייכטען צו אונז אראָב. מיט אונזער בלויזען אויג אונטערשיידען מיר שטערען פון זעקס פערשיעדענער „גרויסקייט“, 19 שטערען פון דער ערשטער גרויסקייט, 59 פון דער צווייטער, 182 פון דער דריטער, 530 פון דער פיערטער, 1600 פון דער פינפטער און 4800 פון דער זעקסטער גרויסקייט. אין גאַנצען זיינען דאָ אַן ערך 7000 שטערען, וועלכע מיר קענען אונטערשיידען מיט דעם בלויזען אויג, און וועלכע גיבען דעם הימעל זיין גאַנצען גלאַנץ און פראכט. אָבער דיעזע זיכטבאַרע שטערען זיינען, ווי אַ טראָפען אין ים, פערגליכען מיט דער אונגעהויערער צאָהל פון שטערען, וועלכע ווערען ענטדעקט פאר דאָס אויג, וואָס בעוואפענט זיך מיט א טעלעסקאָפ. מיט אונזערע פאָלקאָמענסטע אינסטרומענטען אונטערשיידען מיר שטערען פון דער זיעבענטער ביז צו דער פופצעהנטער „גרויסקייט“, וואָס זייער צאָהל דערגעהט צוזאמען ביז 120 מיליאָן.

דיעזע זיכטבאַרע שטערען פון הימעל, וואָס דער אמאָליגער גריכישער אסטראָנאָם פטאלאמעאוס האָט זיי צונויפגעצעהלט נאָר ביז 1122, זיינען פון די אוראַלטע צייטען אָן פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרען אין פערשיעדענע גרופען, אָדער צונויפשטעלונגען, קאָנסטעלאַציאָנען. די פעלקער פון מצרים, פון בבל, פון גריכענלאַנד האָבען שוין געוואוסט פון דיעזע שטערען־גרופען און האָבען געגעבען זיי מיטאָלאָגישע ערקלערונגען און פאַנטאַסטישע אויסטייטשונגען. די גאַנצע מיטאָלאָגיע און רעליגיאָן פון אַלטערטום שטאַמט צום גרויסען טייל פון די פאַרצייטיגע פאָרשטעלונגען וועגען די שטערען, פון די שטערען־פיגורען און פון די בעוועגונגען פון די הימלישע קערפער. די פיגורען און נעמען פון דיעזע שטערען־גרופען זיינען פאַנטאַסטישע און אויסגעטראַכטע, אָבער מען מוז זיך האַלטען אָן דיעזע פאַנאַנדערטיילונג אין גרופען, כדי פאַנאַנדערצוקלייבען זיך צווישען די אונצעהליגע שטערען און געפינען די וועגען און שטעגען פון הימעל. פטאלאמעאוס האָט אָנגענומען אזעלכע 48 קאָנסטעלאציאָנען, היינט צעהלט מען 67 און אַנדערע צעהלען 86 קאָנסטעלאציאָנען. כדי צו דערקענען און אונטערשיידען די פערשיעדענע איינצעלנע שטערען פון די גרופען, האָט מען יעדען בעזונדערען שטערען נאָך געגעבען אַ בעצייכנונג נאָך די אותיות פון דעם גריכישען אלף בית, ווי „ס“, „ע“, „ף“ א. ז. וו. דיעזע

גאָר נישט. עס איז נור פאַראַן דער אונענדליכער רוים און די אייביגע צייט. פון דיעזען אונענדליכען רוים קוקען צו אונז אראָב די זון, די לבנה און די שטערען, און צו דיעזען אונענדליכען רוים קוקען מיר ארויף מיט אונזער פאָרשונגס־אויג. אין דיעזען אונענדליכען אוניווערזום איז די ערד, דער פּלאַנעט, אויף וועלכען מיר מענשען זיינען געקומען פאַר אַ הרף־עין צום לעבען, ניט מעהר ווי אַן אַטאָם, אַ קליין פּינטעלע, וואָס פערשווינדעט אין דער אונענדליכער גרויסקייט פון אוניווערזום. דיעזע ערד געהערט צו דעם זונען־סיסטעם, זי איז אַ פּלאַנעט, וועלכער דרעהט זיך צוזאמען מיט די אנדערע פּלאַנעטען ארום דער זון, וועלכע איז אָבער אויך ניט מעהר ווי אַ פּינטעלע אין דעם אונענדליכען אוניווערזום. דער אוניווערזום איז פול מיט שטערען, פון וועלכע עס זיינען פאַראַן איינצעלנע, דאָפּעלטע, דרייפאַכע, אָדער אויך סיסטעמען, אַקוראַט ווי אונזער זונען־סיסטעם, און דער מרחק צווישען דיעזע זונען־סיסטעמען, איינער פון דער אַנדערער, און פון אונזער ערד און זון איז אַזוי גרויס, דאָס עס איבערשטייגט אַלע אונזערע פאָרשטעלונגען. כדי צו מאַכען זיך עפּעס אַ מעהר פערשטענדליכען בעגריעף וועגען דעם מרחק צווישען אונז און די שטערען, דאַרפען מיר זיך נאָר דערמאָנען, אַז דאָס ליכט לויפט דורך 300,000 קילאָמעטער אין אַ סעקונדע, און דאָס עס זיינען פאַראַן שטערען, וואָס עס דאַרף נעהמען צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען, ביז זייער ליכט זאָל דערגעהען צו דער ערד. פאַראַן שטערען, וועלכע לייכטען נאָך צו אונז אראָב מיט זייער צויבער־פולען ליכט, אָבער זיי אַליין זיינען שוין לאַנג, לאַנג פערלאָשען געוואָרען. דער פּאָלאַר־שטערען, וועלכער לייכט צו אונז אַזוי ליכטיג אַראָב, איז אַזוי ווייט פון דער ערד, דאָס די ליכטשטראַהלען, וועלכע ער לאָזט ארויס, דערגרייכען די ערד ניט פריהער ווי אין 36 יאָהר אַרום.

.2

קוקען מיר מיט אונזער אויג אויפ׳ן הימעל און בעטראַכטען מיר די שטערען, ווי זיי לייכטען, בעמערקען מיר גלייך דעם אונטערשיעד אין דער שטאַרקייט פון דעם ליכט פון די פערשיעדענע שטערען. לויט נאָך זייער ליכטיגקייט און שיין, זיינען די שטערען דארום פונאַנדער־געטיילט געוואָרען שוין פון אַמאָל אין שטערען פון פערשיעדענער־

קריטישער פאָרשונג, און אין די אייביגע בעוועגונגען פון דער וועלט ווערען ארייגגעבראכט געזעצמעסיגקייט און פּלאַנמעסיגקייט. עס ענטשטעהט דער ווינסענשאַפטליכער בעגריף פון דעם אוניווערזום, וועלכער שטייגט ווייט, ווייט אריבער אין גרויסקייט און פערוויקעלט־קייט די וועלט, ווי מיר זעהען זי.

איז די וועלט ענדליך אָדער אונענדליך? אָט דיזע אור־אַלטע פראגע פון דער פילאָזאָפיע און מעטאַפיזיק שטעלט זיך פאר דעם מענ־שען, גלייך ווי ער הויבט אָן צו בילדען דעם ערשטען בעגריף פון דעם אוניווערזום. דאָ אָבער שטעהען מיר שוין פאַר אַ פראגע, וועלכע איז למעלה מן השכל און אויף וועלכע די מענשליכע פערנונפט קען ניט געבען קיין תשובה. דער מענשליכער שכל קען זיך אזוי ווענינ פאָר־שטעלען די וועלט אַלס ענדליך, אַזוי ווי אונענדליך, אַזוי ווענינ, דאָס זי איז ענטשטאַנען אין דער צייט, ווי דאָס זי דויערט אייביג. ענדליך און אונענדליך, צייטליך און אייביג, זיינען פאָרשטעלונגען, וועלכע זיינען בנוגע צו דער וועלט גלייך וויעדערשפּרעכענד, און וועלכע אונז איז אונמעגליך דורכצוקלערען מיט אַ געפיהל פון רוהיגקייט און בע־פרידיגונג. וואָס איז דער גרענעץ פון דער ענדליכקייט און וואָס איז הינטער דער ענדליכקייט? אויב האָרט הויבט זיך אָן די אונבעקאַנטע מלוכה פון דער אונענדליכקייט, קען דאָך אָבער אונזער ענדליכער שכל ניט משיג זיין בכלל דעם געדאַנקען פון אונענדליכקייט. אָבער בילדענדיג דעם בעגריף פון דעם אוניווערזום, האָט זיך דאָך די מענשליכע פערנונפט ענטשלאָסען ארייצוטראָגען די בעגריפען פון אונענדליכקייט און אייביגקייט, כאָטש מיר קענען דיזע בעגריפען ניט פערנעהמען מיט אונזער לאָגישען שכל. אונזער פערשטאַנד קען זיך אָבער נאָך אַן עצה געבען און זיך פאָרשטעלען די אונענדליכקייט און אייביגקייט אַלס ענדליכקייט, און צייטליכקייט, וועלכע זיינען אָבער אזוי מורא'דיג ווייט און לאַנג, דאָס עס איז למעלה פון אונזערע קערפּערליך־גייסטיגע קרעפטען צוצוקלערען צו זיי דעם גרענעץ און דעם אָנהויב. דער מענשליכער בעגריף פון דעם אוניווערזום איז, אַלזאָ, דאָס ער איז אונענדליך און אייביג.

דער הימעל, אויבען און אונטען, די ארבע פנות העולם, דער מזרח, מערב, צפון, דרום, זיינען ניט מעהר ווי מענשליך־בעשרענקטע פאָרשטעלונגען, וואָס אין דער רעאַלער וועלט ענטשפּרעכט צו זיי

זעהט ער זי ארויפשטייגען אויפ'ן הימעל, וואו זי שטעהט ווי די קעניגין פון דער נאטור אויף איהר העכסטען פונקט איבער דעם הימעל, בעלעבענדיג און בעהערשענדיג די גאנצע שעפפונג. אין אבענד שיידעט ער זיך מיט איהר מיט א געהיימניספולען שמערין־געפיהל, ווען זי געהט אונטער און פערשווינדעט אין דעם אבגרונד פון דעם האריזאנט. באלד טרעט ארויף אין הימעל דער אבענד־שטערען, און נאך איהם לייכטען אויף די אונצעהליגע שטערען, וועלכע שיקען אויף די ערד פון דער אונענדליכער ווייטקייט זייערע פינקעלנדע פייערלעך. אין לאנגזאם געהט איבער'ן הימעל די לבנה און בעלייכטעט די ערד מיט איהר קאלטען מעלאנכאלישען ליכט. מעהר איידער ביי־טאג אונטער דעם ליכט פון דער זון ברייטעט זיך פאנאנדער ביינאכט פאר דעם מענשליכען אויג — ווען פון דעם ריינעם הימעל לייכטען אראב די שטערען און די לבנה — די אונענדליכע וועלט. ניט נאר די מענשליכע נשמה פיהלט שוין דעם אוניווערזום, נאר דער מענשליכער שכל זעהט איהם, בענעהמט איהם און — בעגרייפט איהם.

נאך פון אנפאנג אן בעשאפט די מענשליכע פאנטאזיע, וועלכע ווערט פאנאנדערגעפלאמט פון דעם גרויס און הערליכקייט פון דעם וועלטאל, אן איינהייטליכע, אבער, עס פערשטעהט זיך, נאך גאנץ אונקלארע פארשטעלונג פון דער וועלט. דער פארצייטיגער מעניש פון דער אורגעשיכטע האט שוין געטראגען אין זיך די געהיימניספולע פארשטעלונג פון דעם וועלטאל, אין וועלכען ער לעבט. ער ווייס אפילו ניט די פער'כישופ'טע סיבה פון זיין עקזיסטענץ אין דעם וועלטאל, דעם שכל פון זיין ענטשטעהען און פערגעהען, דעם מקור און דעם תכלית פון זיין לעבען, דעם גראד פון זיין פערבינדונג מיט דער וועלט. ער ווייס און פיהלט אבער, דאס ער איז א טראפען אין דעם אונענדליכען ים פון דער וועלט, און — צוריק — דאס דיעזער ים שפיעגעלט זיך אב און לעבט אויף אין דיזעם טראפען. ער פיהלט זיך אלס א טייל פון דער אונענדליכער וועלט, פעראייניגט און דערטרונקען אין איהר, אבער אויך גאנץ זעלבסטשטענדיג און אינדיווידועל אונאבהענגיג פון איהר.

דער קריטישער שכל פון דעם מענשען און די פארשונג פון די דורות ברענגען אריין מעהר און מעהר וויסענשאפטליכע ארדנונג אין דעם אוניווערזום. דאס בילד, וועלכעס מיר זעהען פון דער וועלט, ווערט דערגענצט, פערבעסערט און פערענדערט דורך דעם כח פון דער

די ענטשטעהונג פון דער וועלט.

(די גרונד לעהרע פון אסטראָנאָמיע)

דאָס וועלטאַל אָדער אוניווערזום. וואָס איז אַזוינס „אַסטראָנאָמיע“. ווי אַזוי פלעגט מען אין די אַלטע צייטען ערקלערען די בעוועגונגען פון די הימעלישע קערפּער. וואָס איז אַזוינס פּטאָלאָמעאוס'עס אַסטראָנאָמיע? וואָס האָט געלערנט קאָפּערניקוס? ווארום קאָפּערניקוס' סיסטעם ער־קלעהרט בעסער די הימעלישע ערשיינונגען איידער פּטאָלאָמעאוס'עס? קעפּלערס געזעצען. וואָס האָבען אויפגעטהאָן גאַלילייו און ניוטאָן? ניוטאָן'ס לעהרע איבער דער צוציהונגס־קראַפט. די אויסבילדונג פון אונזער זונען־סיסטעם לויט דער לעהרע פון קאַנט און לאַפּלאַס.

.1

לאַנגזאַם אין דעם לויף פון דער טויזענד יאָהריגער היסטאָרישער ענטוויקלונג האָט דער מענש בעשאַפען דעם בעגריף פון דעם וועלטאַל, פון דעם אוניווערזום. דיעזער בעגריף פון אוניווערזום איז געוואקסען צו אַלץ גרעסערער וויסענשאַפטליכער קלאָרקייט און בעשטימטקייט, וואָס מעהר עס איז פערגרעסערט געוואָרען דער סכום פון די בעציהונגען פון דעם מענשען צו דער נאַטור און דער וועלט.

ווי דער מענש הויבט נור אויף זיין שכל'דיגען אויג אין דער הויך צו דעם הימעל, צו דעם רוים איבער איהם, און ס'צינדעט זיך אין איהם דער ערשטער פונקט פון דער פערנונפט, שטייגט שוין פאר איהם ארויף די ערהאַבענע פאָרשטעלונג פון דער איינהייטליכער וועלט.

פול מיט לעבענס־פריידיגען ציטערען שטעהט דער מענש אין דעם בעגינענדען פריהמאָרגען א פערוואונדערטער באָבאַכטער פון דעם אויפגאַנג פון דער זון, ווי זי שטייגט ארויף מיט גבורה פון דעם אָב־גרונד פון דער ערד און ווארפט איהרע גאָלדען־ברענענדע פלאַמען אויף די אויסשפּרייטונג פון הימעל. אין דעם העלען ליכטיגען טאָג

1-טע פאָרלעזונג

דר. נ. סירקין

די ענטשטעהונג פון דער וועלט

(די גרונד־לעהרען פון אַסטראָנאָמיע)

ערשטענס, וועט דער לעזער געפינען ביים אָנהויב פון יעדער פאָרלעזונג אַ פערצייכנונג פון די הויפט פונקטען און פראַגען, וועלכע ווערען דאָרטען בעריהרט, און אויף אַזאַ אופן קען ער פון אָנפאַנג אָן וויסען דעם אינהאַלט פון דער פאָרלעזונג. צווייטענס, האָבען מיר יעדע פאָרלעזונג צוטיילט אין בעזונדערע קליינינקע קאַפּיטעלעך, אַזוי, אַז דער לעזער זאָל צו יעדער צייט קענען געפינען אַן אָבשטעל, ניט איבעררייסענדיג דעם גאַנצען געדאַנקען־גאַנג, און דריטענס, איז דאָס בוך רייך מיט א י ל ו ס ט ר אַ צ י אָ נ ע ן, וועלכע בעווייזען ב י ל ד ל י ך די אָדער יענע זאַך.

אויסער דעם רעקאָמענדירען מיר, אַז דאָרט וואו עס איז מעגליך, זאָל דאָס בוך געלעזען ווערען אין קליינע ק ר י י ז ל ע ך. ווען 2, 3 אָדער 5 מענשען קלייבען זיך צונויף און לייענען אינאיינעם, דאַן מיט געגענזייטיגער הילף ווערט די זאַך מעהר אויפגעקלערט און די לעזער טראָגען מעהר אַרויס.

זאָלען אָבער די לעזער ניט דיינקען, אַז פון דער ערשטער פאָרלעזונג וועלען זיי שוין וויסען אַ ס ט ר אָ נ אָ מ י ע, פון דער צווייטער — ג ע אָ ל אָ ג י ע און פון דעם גאַנצען בוך — אַלע וויכטיגסטע וויסענשאַפטען. עס פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ פערלאַנג איז לעכערליך, ווייל עס איז אונמעגליך צו לערנען „כל התורה כולה על רגל אחת“. ווען אונזערע פאָרלעזונגען וועלען געבען נור די עלעמענטאַרסטע פאָרשטעלונגען פון דער אָדער יענער וויסענשאַפט און מיט דעם פעראינטערעסירען דעם לעזער צום ווייטערען לערנען און שטודירען, — וועט דערמיט דער ציעל פון דיעזען בוך דערגרייכט ווערען.

מ. טערמאַן.

אויסגעאַרבייט. דער פּלאַן פון יעדער פאָרלעזונג איז — צו בעווייזען ווי אַזוי פערשיעדענע פאָרשער פון די אַלטע און נייע צייטען האָבען געקוקט אויף דער אָדער יענער פראַגע און צו וועלכע רעזולטאַטען איז מען געקומען אין פערלויף פון אַ לאַנג־דויערנדער און פיעל־זייטיגער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. אויף אַזאַ אופן איז יעדע פאָרלעזונג ניט נור אַן ערקלערונג פון דער אָדער יענער פראַגע, נאָר אויך די געשיכטע פון דער וויסענשאַפט איבער דיעזער פראַגע.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז ניט אַלע פאָרלעזונגען האַלטען אויס איינע און דיזעלבע פּראָבע. די פאָרלעזונגען זיינען געשריעבען פון פערשיעדענע מענשען, און כאָטש די רעדאַקציאָן האָט נאָך פון פריהער אָן אויסגעאַרבייט אַן איינהייטליכען פּראָגראַם מיט אַן איינהייטליכען פּלאַן פון דער אַרבייט, דאָך האָבען די פאָרלעזונגען ניט געקענט זיין אַבסאָלוט איינהייטליך לויט זייער פאָרם און כאַראַקטער. אָט דעריבער האָט די רעדאַקציאָן ניט געקענט פערמיידען דעם פאַקט, וואָס איינינגע פאָרלעזונגען לעזען זיך לייכטער און אַנדערע אַביסעל שווערער.

דאָס בוך לעזט זיך ניט „שפּאַנענד ווי אַ ראָמאַן“. אָבער דער צוועק פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע איז ניט צו געבען לייכטע לעזע־שטאָף, נאָר צו בילדען און אויפקלערען, און דער, ווער עס זוכט בילדונג און אויפקלערונג, מוז זיך אַביסעל אַנשטרענגען. צום גליק פערמאָגט דער אַרבייטער רינג זעהר אַ גרויסע צאהל מיטגליעדער, וועלכע ווילען ערענסט לערנען און פאַר וועלכע מען קען ניט יוצא זיין מיט „לייכטע לעזע־שטאָף“.

מיר מוזען אָבער בעמערקען, אַז כמעט אַלע פאָרלעזונגען זיינען געשריעבען אויף אַזוי פיעל לייכט און פּאָפּולער, אויף וויפיעל דער אינהאַלט פון דער טעמא האָט דאָס געקענט ערלויבען, און קיין לעזער וועט ניט דארפען זיך צופיעל אָנשטרענגען צו פערשטעהן אַלץ וואָס ער לייענט. דערצו האָבען מיר געמאַכט פיעלע פער־לייכטערונגען.

פון דער רעדאקציאן

די 12 פאָרלעזונגען איבער דער וועלט און דער מענשהייט, כאָטש יעדערע פון זיי איז א גאַנץ בעזונדערע און זעלבסטשטענדיגע זאַך, דאָך זיינען זיי אייגג צוזאַמענגעבונדען איינע מיט די אַנדערע, און אַלע צוזאַמען גיבען די מעגליכקייט פאַר דעם לעזער אויסצואַרבייטען אַ ברייטען בליק אויף'ן לעבען אין זיין גאַנצער פערשיעדענאַרטיגקייט און פיעלפאַרביגקייט. די 12 פאָרלעזונגען אין זייער איינגען צוזאַמענהאַנג שטעלען מיט זיך פאָר אַ ברייטע וועלט־אַנשויאונג, אַנריהרענדיג כמעט אַלע וויכטיגסטע און פונדאַמענטאַלסטע פראַגען פון נאַטור־ און קולטור־ענטוויקלונג.

די ערשטע פאָרלעזונג ערקלערט פאַר דעם לעזער די גרונד־לעהרען פון אַ ס ט ר אָ נ אָ מ י ע, די צווייטע — פון ג ע אָ ל אָ ג י ע, די דריטע — פון ב י אָ ל אָ ג י ע, די פיערטע — פון אַ נ ט ר אָ פּ אָ ל אָ ג י ע, די פינפטע — פון פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ע, די זעקסטע — פון ס אָ צ י אָ ל אָ ג י ע, און ז. וו., מיט איין וואָרט, יעדע פאָרלעזונג פערנעהמט זיך מיט אַ בעזונדערע וויסענשאַפטליכע דיסציפּלין, און אויף אַזאַ אופן טראָגט אַרויס דער לעזער אַ בעגריף וועגען דער ענטשטעהונג פון דער וועלט, וועגען דער געשיכטע פון דער ערד, וועגען דער ענטשטעהונג פון מינים און ז. וו.

נאָר דערמיט אַליין בענוגענען זיך ניט די „פאָרלעזונגען“. ניט נור האָבען זיי דעם ציעל אויפצוקלערען די גרונד־לעהרען פון דער אָדער יענער וויסענשאַפט, נאָר אויך צו בעווייזען דעם ה י ס ט אָ ר י ש ע ן ג אַ נ ג ווי אַזוי די אָדער יענע לעהרען האָבען זיך ענטוויקעלט און

די פיעלע פראָבען, וואָס מיר האָבען שוין געמאַכט, האָבען אונז געפיהרט צו דער איבערצייגונג, אַז די אַרבייט פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע קען זיין ערפאָלגרייך נור דאַן, ווען זי איז ניט בעגרענעצט מיט איין שמאָלען געביעט פון טעטיגקייט. לעקטשורס, דיסקוסיאָנען, אָנפאַנגס־שולען, אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט און א פערלאַג פון גוטע ביכער און בראָשורען — אַט דאָס דאַרף זיין דער טהעטיגקייטס־געביעט פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע, און מיט דעם וועט זי אויספיהרען דעם וויכטיגסטען פונקט פון די פרינציפען־ערקלערונג פון אַרבייטער רינג, נעמליך — הויבען דעם אינטעלעקטועלען און מאָראַלען צושטאַנד פון די אידישע אַרבייטער מאַסען.

אונזער ערשטע אויסגאַבע „די וועלט און די מענשהייט“ איז די ערשטע שוואַלב, וועלכע זאָגט אָן דעם קומענדען פריהלינג. די רייכקייט פון דיעזען בוך סיי אין אינהאַלט סיי אין פאָרם, די וויכטיגקייט פון די פראַגען, וועלכע ווערען דאָ בעהאַנדעלט, די אויסגעהאַלטענקייט פון די טעמען, זייער ערנסטע און וויסענשאַפטליכע בעאַרבייטונג און דער ענגער צוזאַמענהאַנג צווישען זיי אַלעמען, — דאָס אַלץ גיט צו עפעס נייעס און וויכטיגעס אין דעם אוצר פון אונזערע קולטור־ווערטהען, און דאָס וועט אַרויסרופען יענעם בעגייסטערטען אינטערעס און שטיצע פון אַלע אונזערע מיטגליעדער, וועלכע זיינען נויטיג פאַר דעם ערפאָלג פון אונזער ווייטערער און ברייטערער אַרבייט.

די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרבייטער רינג.

שע פאַרטיי פון פראָלעטאַריאט, די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, עקזיסטירט הויפטזעכליך ניט צוליעב דעם קאַמפיין, נאָר צוליעב פראָפאַגאַנדע און אַגיטאַציע, ווייל נור דער *בעוואוסטזיין* פון די אַרבייטער, נור זייער *אינטעליגענץ*, קען איהר מאַכען גרויס און שטאַרק.

אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון אירגענד וועלכען קלאַס, ווי אַן אַקציען־געזעלשאַפט, אַ טראָסט און ד. ג., פערפאָלגט קיין אַנדער זאַך ווי נור אַן עקאָנאָמישען אינטערעס. מיט קיין אַנדער זאַך אינטערעסירט זי זיך ניט און וועניגער ווי אַלץ אינטערעסירט זי זיך מיט דעם גייסטיגען און מאָראַלען צושטאַנד פון איהרע מיטגליעדער. פערקעהרט, אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון פראָלעטאַריאַט, ווי אַ יוניאָן, קאָאָפעראַטיוו און ד. גל., מוז זיך פיעל אבגעבען מיט ערציהונגס־אַרבייט, ווייל וואָס העכער עס איז דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער צושטאַנד פון איהרע מיטגליעדער, אַלץ זיכערער איז איהר עקזיסטענץ און אַלץ פעסטער איז איהר אָרגאַניזאַציאָן.

און די זעלביגע זאַך איז אויך מיט דעם אַרבייטער רינג. גרויס איז די בעדייטונג פון אַרבייטער רינג אַלס אַן אָרגאַניזאַציאָן פון גע־גענזייטיגער שטיצע, אַלס אַ קערפערשאַפט וואָס בעזאָרגט די געזונדהייטס־פפלעגע פון אַרבייטער קלאַס. אָבער אַלס אַן אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן מוז ער אויך זיין אַ *קולטור־אָרגאַניזאַציאָן*, ער מוז זיין אַ קערפערשאַפט, וועלכע זאָרגט פאַר דעם אינטעלעקטועלען און מאָראַלען וואוקס פון איהרע מיטגליעדער. אָהן דעם קען קיין אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן ניט עקזיסטירען, אָהן דעם פערלירען די אַרבייטער צו איהר דעם אינטערעס און זי מוז אונטערגעהן.

אָט דעריבער איז אַזוי וויכטיג די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע, און דעריבער איז אַזוי גרויס איהר פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די מיטגליעדער פון אַרבייטער רינג.

ווי זשע קען די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע ערפילען איהר הויכע און פעראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע ?

די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע עקזיסטירט ערשט דריי יאָהר, און פאַר דיעזער קורצער צייט האָט זי נאָך ניט געקענט אויסטרעטען אַ פעסטען וועג פאַר זיכערע און ערפאָלגרייכע קולטורעלע אַרבייט. אָבער־

גאַנצער וועלט. פון אַ קליין הייפעלע ענטוזיאַסטען, וועלכע האָבען געלעגט דעם ערשטען פונדאַמענט פאַר אונזער אַרבייטער אָרדען, האָט ער אין אַ משך פון 13—14 יאָהר זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען אין אַן אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז פערשפרייט איבער גאַנץ נאָרד־אַמעריקאַ, מיט אַ מיטגליעדערשאַפט נאָהענט פון 50,000 מענשען, מיט אַ גרויסען קאַפּיטאַל, מיט פרעכטיגע לאָקאַלע אינסטיטוציאָנען, מיט אַ ברייטער פיעלזייטיגער שטיצע און מיט אַ סאַניטאַריום, וועלכער איז אַ שטאָלץ פאַר דער גאַנצער אידישער אַרבייטערשאַפט. טויזענדער נויטבעדערפטיגע ווערען געהאָלפען מאַטעריעל און מאָראַליש, און הונדערטער אַרבייטער־לעבענס זיינען גערעטעט געוואָרען פון שרעקליכען אַרבייטער־פלאָג — פון שווינדזוכט. דער אַרבייטער־רינג איז געוואָרען די געזונדהייטס־פפלעגע פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט אין אַמעריקאַ.

אָבער דער אַרבייטער רינג קען ניט זיין בלויז די געזונדהייטס־פפלעגע פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט. פונקט ווי די געזונדהייטס־פפלעגע, מוז ער אויך זיין די ערציהונגס־פפלעגע, און פונקט ווי מיט געגענזייטיגער שטיצע, מוז ער זיך אבגעבען אויך מיט קולטור־עלע טהעטיגקייט. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אַרבייטער רינג איז קודם כל אַן א ר ב י י ט ע ר ־ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י אָ ן. און אַלס אַזעלכע, מוז ער זיך אָבגעבען מיט קולטור־טהעטיגקייט.

דער אַרבייטער קלאַס איז ניט נור דער פּראָדוצירענדער עלעמענט פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, ניט נור איהרע הענד און פיס, נאָר אויך איהר האַרץ און איהר קאָפּ. ער איז דער טרעגער פון איהר קולטור און די פערקערפערונג פון איהרע אידעאַלען.

און ווייל דער אַרבייטער קלאַס איז דער ווירקליכער קולטור־טרעגער פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, אָט דעריבער זעהט זיך אָן אַזאַ שטאַרקער דאָרשט נאָך קולטור ביי די אַרבייטער מאַסען, און דעריבער איז יעדע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן, צו וועלכען צוועק זי זאָל זיך ניט גרינדען, אימער פערבונדען מיט קולטור־שטרעבונג און קולטור־טעטיגקייט.

אַ פּאָליטישע פּאַרטיי פון יעדען אַנדער קלאַס האָט איין איינציגען ציעל — דעם פּאָליטישען קאַמפּיין, און זי לעבט אויף און לאָזט זיך פיהלען נור אין דער צייט פון קאַמפּיין. פערקעהרט, די פּאָליטי־

פֿון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע

דאָס בוך „די וועלט און די מענשהייט“ איז אונזער ערשטע פּראָ־בע צו געבען בילדונג און אויפֿקלערונג אין דער פֿאָרם פֿון געדרוקטע שריפֿטען. דאָס איז אַ סעריע פֿון 12 פֿאָרלעזונגען איבער דער ענט־וויקלונג פֿון נאַטור און קולטור, און דער ציעל פֿון אַזעלכע פֿאָרלע־זונגען — אָנצודייטען און ערקלערען די וויכטיגסטע פֿראגען בנוגע צו נאַטור און קולטור, וועגען וועלכע יעדער דיינקענדער מענש מוז האָבען אַ מעהר אָדער ווייניגער קלאָרען בעגריף.

דיעזע פֿאָרלעזונגען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אויף'ן גרונד פֿון א סעריע פֿון 12 לעקטשורס, וועלכע די עדיוקיישאָנאל קאָמיטע פֿון אַרבייטער רינג האָט אַראַנזשירט אין ניו־יאָרק אין ווינטער־סעזאָן פֿון 13—1912 יאָהר.

נאהענט פֿון 800 מענשען זיינען געווען רעגעלמעסיגע בעזוכער פֿון אַלע 12 לעקטשורס, און די אַלגעמיינע צאָהל פֿון די לעקטשור־בעזוכער איז געווען מעהר ווי 15,000. און שפּעטער, ווען די עדיו־קיישאָנאַל קאָמיטע האָט געמאָלדען אין די בראַנטשעס, אַז זי וועט דיעזע לעקטשורס אַרויסגעבען אין אַ בוך־פֿאָרם, האָבען אָנגעהויבען אריינקומען פֿון די בראַנטשעס מאַסען סובסקריפּציאָנען אויף דעם בוך, אַזוי, אַז אין אַ קורצער צייט זיינען אַריינגעקומען מעהר ווי 4,000 סובסקריפּציאָנען, און איצט איז די צאהל סובסקריפּציאָנען פֿיעל גרעסער.

דאָס בעווייזט ווי שטאַרק עס איז דער דאָרשט נאָך בילדונג און אויפֿקלערונג ביי די אידישע אַרבייטער, און ווי גרויס עס איז די בעדייטונג פֿון דער עדיוקיישאָנאל קאָמיטע און איהר פֿעראַנט־וואָרטליכקייט פֿאר די מיטגליעדער פֿון ארבייטער רינג.

דער אַרבייטער רינג איז איינע פֿון די מעכטיגסטע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען ניט נור פֿון אמעריקא, נאָר פֿון דער

שטיינערנע העק ביי פערשיעדענע ווילדע שבטים 236
זשאַן־זשאַק רוססאָ 243
שטיינערנע העק פון די פּאָרהיסטאָרישע צייטען 268
אַ טאַטואירטעס מיידעל פון פּאָרט־מאָרעסבי 282
בילדער־שריפט ביי די אינדיאַנער 314
אַ מוזיק־שפּיעלערין אין ניי־פּאָמעראַניען 339
אַ טאַנץ פון סאַמאָא מיידלעך 340
פרידריך שיללער 342
פרידריך מאַקס מיללער 362
אַ פריעדליכע בעגריסונג ביי די אינדיאַנער 371
פּעטישען אויף די אינזלען פון פּאַסיפישען אָקעאַן 380
געטער אין סאַראַוואַקאַ 384
גריכיש־רוימישע געטער 388

א מאָמאָנט ... 95
דער מעגאַטעריום ... 96
דער סקעלעט פון א פּטעראָדאַקטיל ... 97
זשארזש קיואַוויע ... 98
זשאַן באַפּטיסט לאַמאַרק ... 101
פערשיעדענע מינים טויבען, וועלכע האָבען זיך אויסגעבילדעט
א דאַנק צוכט און קינסטליכער אבקלייבונג ... 109
טשאַרלז דאַרווין ... 110
דער צעראַטאָדוס ... 113
דער אַמפיאָקסוס ... 113
דער ארכעאָפּטעריקס ... 115
דער ענטעל־שנאָבעל ... 115
פערשיעדענע פאָרמען פון פערדען־פיס ... 116
דער פּלעזיאָזאַור ... 127
אמעבען ... 128
טאָמאַס הענרי האַקסלי ... 136
סקעלעטען פון אפען און פון מענשען ... 138
ערנסט העקקעל ... 142
די עמבריאָלאָגישע ענטוויקלונג פון א מענשען, אן אפע און א קאַץ 146
א רוסישער פויער מיט א פּנים פון אן אפע ... 148
די פּיטעקאַנטראָפּען אָדער מענשען־אפען ... 151
דער מארך פון א מענשען ... 169
דער זעהונגס־נערוו ... 169
דאָס רעכטע אויג פון מענשען ... 172
הערמאַן־לודוויג העלמהאָלץ ... 173
גוסטאַוו פעכנער ... 178
ווילהעלם מאַקס וואונדט ... 182
הערבערט ספּענסער ... 209

בילדער און אילוסטראַציאָנען.

א שטיקעל הימעל מיט די קאָנסטעלאציאָנען פון „גרויסען בער“,
„קליינעם בער“ און „דראַקאָן“.................. 8
דער „גרויסער בער“ און „קליינער בער“.................. 9
דער זאָדיאַק 11
ניקאלאס קאָפּערניקוס 23
קאָפּערניקוס צייכנונג פון דער בעוועגונג פון די פּלאַנעטען
ארום דער זון 24
יאָהאַן קעפּלער 25
אן עליפּסים 26
גאַלילייִ 27
די זון און די ערד.......................... 29
אייזיק ניוטאָן 30
דער פּלאַנעט סאטורן 34
טשאַרלז לייעלל 45
בוימער, וועלכע האָבען מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק זיך פער־
וואַנדעלט אין שטיין קויהלען.................. 47
די חורבות פון טעמפּעל יופּיטער־סעראַפּיס............ 65
אַ שטיקעל קרייד ווי מען זעהט עס אין אַ מיקראָסקאָפּ........ 71
ערד־שיכטען, וועלכע זיינען אבגעלעגט געוואָרען אין פּערישיע־
דענסטע צייטען 73
די שיכטען פון דער ערד וואָס האָבען זיך אָבגעלעגט איינע אויף די
אַנדערע אין דעם משך פון מיליאָנען יאָהרען.......... 76
טרילאָביטען 77
אן איכטיאָזאור און פּלעזיאָזאור.................. 78
דאָס לעבען אויף דער ערד אין דער „מעזאָזאָאישער ערא“..... 79
דער מילאָדאָן 80
קאַרל לינעע 93

10. ה. עדלין. די עסטעטישע קולטור.................... 327

דאָס איינגעבאָרענע געפיהל פון שעהנהייט. וואָס איז אַזוינס שעהנהייט ? די עסטעטישע געפיהלען פון אַ פּסיכאָלאָגישען שטאַנדפּונקט. קונסט און וויסענשאַפט. וועלכע כחות האָבען ענטוויקעלט די געפיהלען פון שעהנהייט ? די שפּיעל־קראַפט. דער אימפּולס פון נאָכאַהמונג. דער געשלעכטס־אימפּולס. דער סאָציאַלער אינסטינקט. דער ריטהמוס אין דער פיזישער וועלט. די שאַפונג פון קונסט־ווערק.

11. מ. טערמאַן. די רעליגיאָן........................ 351

(איהר וועזען, איהר ענטשטעהונג און ענטוויקלונג).

וואָס איז רעליגיאָן ? דער פּסיכאָלאָגישער גרונד פון די רעליגיעזע געפיהלען. דער רעליגיעזער גלויבען. די פראַגע וועגען דער ענטשטעהונג פון רעליגיאָן. דער פאָרשונגס־מעטאָד פון מאַקס מיללער און זיין טעאָריע. די טעאָריע פון „אַנימיזם“. די פראַגע וועגען דער ענטוויקלונג פון רעליגיאָן. קאָנט'ס לעהרע וועגען דעם אַריבערגאַנג פון „פעטישיזם“ צו „פּאָליטעאיזם“ און שפּעטער צו „מאָנאָטעאיזם“. די ניט־ריכטיגקייט פון דיעזער לעהרע. די שייכות פון רעליגיאָן צו דער מאַטעריעלער און עסטעטישער קולטור. גריכענטום און יודענטהום.

12. ל. בודין. מאָראַל און רעכט........................ 393

מאָראַלישעס רעכט און פּאָזיטיוועס רעכט. רעכט און געזעץ. די שייכות פון אַ מאָראַל־סיסטעם צו אַ געזעץ־סיסטעם. די ניט־שטענדיגקייט פון מאָראַל־סיסטעמען. נוצליכקייט פאַר דער געזעלשאַפט אַלס דער אינהאַלט פון יעדער מאָראַל־סיסטעם און פון יעדער געזעץ־סיסטעם. די צושפּאַלטונג פון דער געזעלשאַפט אויף בעזונדערע קלאַסען. ווי אַזוי איין קלאַס בעשאַפט מאָראַל־סיסטעמען און געזעץ־סיסטעמען, וועלכע זיינען גילטיג אויף אַ געוויסער צייט פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט ?

8. י. מילך. די מאַטעריעלע קולטור.................. 253

(די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג)

דער בעגריף „מאַטעריעלע קולטור“. פאַר וואָס ווערט קולטור בעשאַפען נור פון מענשען און ניט פון חיות? די ראָלע פון אַרבייטס־אינסטרומענטען. דער פּרינציפּ פון געגענזייטיגער שטיצע. פּראָדוקציאָן און אויסטויש. דאַרווין׳ס לעהרע און דער פּרינציפּ פון ענטוויקלונג. פּראָהיסטאָרישע אַרכעאָלאָגיע און עטנאָלאָגיע. וואָס איז ווירטשאַפט? די בלמרשט׳דיגע „ווירטשאַפטליכע נאַטור“. דער כאַראַקטער פון די ווילדע. דער אָנהויב פון ווירטשאַפט. געהט די ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג פון יאַגד צו פיהצוכט און שפּעטער צו ערד־אַרבייט? קאַרל ביוכער׳ס שטאַנדפּונקט. די פּרימיטיווע „האָרדען־ווירטשאַפט. דער פאַרצייטיגער קאָמוניזם. האָרדע און פאַמיליע. דער אָנהויב פון האַנדעל. די ענטשטעהונג פון שטאָדט. די „הויז־ווירטהשאַפט“ אַלס אַ העכערע פאָרם פון ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג. די ווירקונג פון ערד־אַרבייט. די גריכישע „אָיקאָס“ און די רוימישע „פאַמיליאַ“. הויז־ווירטשאַפט און שקלאַפעריי די ענטשטעהונג פון געלד.

9. דר. ה. זאָלאָטאראָוו. די אינטעלעקטועלע קולטור....... 295

(די גייסטיגע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט).

נאַטור און קולטור. די פיעלזייטיגקייט פון גייסטיגער שעפּפונג. די אונטיילבאַרקייט פון קולטורעלען ערווערב. די ענטשטעהונג פון שפּראַך. די דענקונגס־אַרט פון פּרימיטיווען מענשען. בילדליכע פאָרשטעלונגען. די ערשטע „וואָרצעל־ווערטער“. שפּראַך און געדאַנק. דער אָנהויב פון שריפט. בילדער־שריפט ביי די פּרימיטיווע מענשען. די מענשליכע דיכטונג. די מיטאָלאָגיע אין איהרע פערשיעדענע פאָרמען. די רעליגיאָן. ליריק און דראַמאַ. דיכטונג און וויסענשאַפט. פאַר וואָס איז די וויסענשאַפט אין די אַמאָליגע צייטען געווען פיעל שוואַכער איידער די דיכטונג? דער שעפּפערישער כאַראַקטער פון דיכטונג און דער ענטדעקענדער כאַראַקטער פון וויסענשאַפט.

אין 19־טען יאהרהונדערט. דער מאַרך, דאָס נערווען־סיסטעם און אונ־
זערע חושים. ווי אַזוי מיר זעהען און הערען. פעכנער'ס געזעץ וועגען
די בעציהונגען פון קערפּערליכע אָנרייצונגען צו פּסיכאָלאָגישע עמפּפינ־
דונגען. דאָס פּסיכאָלאָגישע אַסאָציאַציאָנס־געזעץ. וואונדט'ס לעהרע ווע־
גען אַפּערצעפּציאָן. פאָרשטעלונגען, געפיהלען און ווילען.

6. מ. אַלעקסאַנדראָוו. די געזעלשאַפט............. 189

(איהר וועזען און ענטשטעהונג).

וואָס איז סאָציאָלאָגיע? די בעציהונג פון געזעלשאַפט און אינדיווידואום.
די פראַגע וועגען געזעלשאַפט. די „מעכאַנישע" געזעלשאַפטס־טעאָריע.
קריטיק פון דיעזער טעאָריע. די „אָרגאַנישע" געזעלשאַפטס־טעאָריע.
ספּענסער'ס בעגרענצונג פון דיעזער טעאָריע. די „היסטאָרישע" גע־
זעלשאַפטס־טעאָריע. די פראַגע וועגען דעם פערבינדונגס־צעמענט צווי־
שען די מענשען. געזעלשאַפט און פאַמיליע. די עקאָנאָמישע בע־
ציהונגען און די ראָלע פון אינדיווידואום אין דער געזעלשאַפט.

7. מ. א. כץ. ווילדקייט, באַרבאַריי און קולטור......... 221

(וואָס לערענט אונז די קולטורגעשיכטע?)

דער בעגריף וועגען ווילדקייט. צו זיינען נאָך פערבליבען רעשטען פון
ווילדקייט אין דער איצטיגער געזעלשאַפט? וואָס איז אַזוינס קולטור.
טיילאָר'ס און שורצ'ס מיינונגען וועגען קולטור. דער אונטערשיעד
צווישען קולטור, בילדונג און ציוויליזאַציע. די מיטלען, מיט
וועלכע די קולטור ווערט אויסגעפאָרשט. די שפּראַך, ארכעאָלאָגישע
קוועלען. ווי קאָנען פערשיעדענע קולטור־צושטאַנדען פערגליכט
ווערען. די איינהייט פון קולטור. מעטאָדען פון קולטור־פאָרשען.
דער טעאָלאָגישער און דער עמפּירישער מעטאָד. ווי האָט מען
געפאָרשט די קולטור אין אַמאָליגע צייטען. גיבאָנ'ס מיינונג. דער
איצטיגער געשיכטליכער מעטאָד. די איינטיילונג פון די קולטור־
פעריאָדען. מאָרגאַנ'ס סיסטעם. דער איבערגאַנג פון איין עפּאָכע אין
דער צווייטער. די וועגען און ציעלען פון דער מענשליכער קולטור.

3. א. ש. זאַקס. די ענטשטעהונג פון מינים.......... 83

(די פּרינציפּען פון ביאָלאָגיע)

די פערשיעדענאַרטיגקייט פון מינים. וואָס איז „ביאָלאָגיע“ ? די סיסטעמאַטיק אָדער קלאַסיפיקאַציאָן פון מינים. לינעע און זיין קלאַסיפיקאַציאָן. די פראַגע וועגען דער ענטשטעהונג פון מינים. לינעע׳ס שטאַנדפּונקט. פאַקטען, וועלכע בעווייזען, אַז אַמאָל האָבען עקזיסטירט מינים, וועלכע עקזיסטירען היינט ניט. קיאווי׳ס לעהרען. די איינזייטיגקייט פון קיאוויע׳ס לעהרען. לאַמאַרק און זיין טעאָריע. דער קאַמפּף צווישען קיאוויע און לאַמאַרק. דאַרווין׳ס לעהרע. פאַקטען פון פערשיעדענע געביעטען, וועלכע בעשטעטיגען דארווין׳ס לעהרע.

4. דר. י. מעריסאָן. די ענטשטעהונג פון מענשען......... 121

(דער מענש אין דער טיער־וועלט)

אנטראָפּאלאגיע און די לעהרע פון מענשליכער אבשטאמונג. דער לייטער פון ענטוויקלונג פון די פערשיעדענע זאָאָלאָגישע גרופּען. די קלאַסיפיקאַציאָן פון דער טהיערען־וועלט. די כאַראַקטעריסטישע סמנים פון אַ מילך־זויגענדע חיה. די אָרדערס און די פאמיליען, אויף וועלכע עס איז צוטיילט דער קלאַס זויג־טהיערע. צו וועלכען קלאַס, אָרדער און פאמיליע בעלאַנגט דער מענש ? ט. האקסלי׳ס שטאַנדפּונקט. דאַרווין׳ס בעהויפּטונגען וועגען די נאהענטקייט פון אַ מענשען צו אַן אַפּע. די עמבריאלאגישע ענטוויקלונג פון אַ מענשען און אַנדערע זויג־טהיערע. העקקעל׳ס לעהרע. די רודימענטארע אָרגאַנען און די פאַקטען פון אַטאַוויזם. שטאַמט דער מענש פון אַן אַפּע ? די ענטשטעהונג פון מענשליכע ראַסען. די „פּאליגענישע“ און „מאָנאָגענישע“ טעאָריען. די הויפּט אַרגומענטען געגען דער „פּאליגענישער“ טעאָריע.

5. דר. נ. סאָנין. גוף און נשמה................ 155

(די גרונד־יסודות פון דער פּסיכאלאגיע)

וואָס איז פּסיכאָלאָגיע ? די פאָרשטעלונג וועגען נשמה אין די אוראַלטע צייטען. די לעהרען פון די אַלט־גריכישע פילאָזאָפען. די לעהרען פון די פילאָזאָפען אין די שפּעטעריגע צייטען. פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען

אינהאַלטס פערצייכניס

פון דער עדיוקיישאָנעל קאָמיטע.................... XI
פון דער רעדאקציאָן.............................. XV

1. דר. נ. סירקין. די ענטשטעהונג פון דער וועלט....... 1

(די גרונד לעהרען פון אַסטראָנאָמיע)

דאָס וועלטאַל אָדער אוניווערזום. וואָס איז אַזוינס „אַסטראָנאָמיע“. ווי אַזוי פלעגט מען אין די אַלטע צייטען ערקלערען די בעוועגונגען פון די הימעלשע קערפּער. וואָס איז אַזוינס פּטאָלאָמעאוס'עס אַסטראָנאָמיע? וואָס האָט געלערנט קאָפּערניקוס? ווארום קאָפּערניקוס' סיסטעם ערקלעהרט בעסער די הימעלשע ערשיינונגען איידער פּטאָלאָמעאוס'עס? קעפּלערס געזעצען. וואָס האָבען אויפגעטהאָן גאַלילייו און ניוטאָן? ניוטאָן'ס לעהרע איבער דער צוציהונגס־קראַפט. די אויסבילדונג פון אונזער זונען סיסטעם לויט דער לעהרע פון קאנט און לאַפּלאַס.

2. דר. אב. קאַספּע. די געשיכטע פון דער ערד 39

(די געאָלאָגיע און איהרע לעהרען)

וואָס איז אַזוינס „געאָלאָגיע“? וואָס האָט מען געדיינקט אין די אַלטע צייטען וועגען דער ענטשטעהונג פון דער ערד? די מיינונגען פון די גריכישע פילאָזאָפען. ווי האָט מען אמאָל געקוקט אויף די פערשטיינערטע בעשעפעניסען, וועלכע מען געפינט אין דער ערד? די מיינונגס־פערשיעדענהייט צווישען די „נעפּטוניסטען“ און „וואולקאַניסטען“ בנוגע צו דער פראגע וועגען דער ענטוויקלונג פון דער ערד. קיוויע און זיין „קאַטאַסטראָפען“ טעאָריע. וואָס האָט אויפגעטהאָן פאַר דער געאָלאָגיע ליעל? די הויפּט פּעריאָדען אין דער ענטוויקלונגס געשיכטע פון דער ערד.

די וועלט און די מענשהייט

12 פאָרלעזונגען

איבער דער ענטוויקלונג פון נאַטור און קולטור.

מיט 44 אילוסטראציאָנען און 18 בילדער.

ארויסגעגעבען פון דער

עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרבייטער רינג

אונטער דער רעדאַקציאָן פון

מ. טערמאַן.

ניו יאָרק, 1913.

13

די וועלט און די מענשהייט

ארויסגעגעבען פון דער

עדיוקיישאנאל קאמיטע פון ארבייטער רינג